STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01810

GESHIKHTE FUN DI MAYREV-EYROPEYISHE LITERATURN

P. S. Kogan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible] תחנה...
משה-ליב

פ. קאָגאַן

געשיכטע פון די מעריב-אייראָפּעאישע ליטעראַטורן

ייִדיש פּ. הײלפּערין

I באַנד

מיט פיל פּאָרטרעטן אויף באַזונדערע בלעטער

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין
1924

ווילנער פערלאג
ב. א. קלעצקין

P. Kogan. „Dzieje literatury Zachodnio-Europejskiej".

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina, M.-Stefańska 23.

ערשטע אָפּטיילונג.

מיטלאַלטער. דאַנטע.

I.

דער קריסטענטום.— די קירך און דער פויפּסטענטום.— דער מאָנאַכענטום און דער אַסקעטיזם. — די מיטלעלטערישע קונסט. — די סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע און די וויסנשאַפט.—די מיסטיק.—דער פעאָדאַליזם און דער ריטערטום.—דאָס אַנטשטיין פונם ריטערטום און זיינע געבאָטן.—דער דאַמענקולט.—די שטעט.

דער וויכטיקסטער קולטורעלער פאַקטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף אַלע זייטן פון לעבן אין מיטלאַלטער, איז געווען דער קריסטנטום. די קריסטלעכע אמונה, וועלכע האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער פּאָליטעאיסטישער פון דער אַלטער וועלט, האָט זיך אומגעוויינלעך שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע. די רוימישע געזעלשאַפט, אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען בשעת דער אימפּעריע, האָט געשאַפן אַ דאַנקבאַרן באָדן, אויף וועלכן די נייע רעליגיע האָט זיך שנעל געקאָנט פאַרשפּרייטן. דידאָזיקע געזעלשאַפט איז מאָראַליש שרעקלעך געפאַלן. אין דער צייט, ווען די העכערע קלאַסן האָבן זיך געבאָדן אין לוקסוס, זיינען די נידעריקע קלאַסן אויסגעגאַנגען פון אָרימקייט און ווילקיר. דער הייליקער העראָנים רופט אָן די שטאָט רוים — „נייער בבל", „די זונה אין פורפורקליידער".

דער קריסטנטום מיט זיין אידעאַליזם, מיט זיין תורה וועגן אַלגעמיינער גלייכהייט, איז צונויפגעפאַלן מיט די שטרעבונגען פון די פאָלקסמאַסן, מחמת ער האָט אין זינען געהאַט איבערהויפּט די אינטערעסן פון די ליידנדיקע און אומגליקלעכע. דער קריסטלעכער גלויבן האָט אין מענטשן געוועקט די בעסערע געפילן. זיינע אָנהענגער האָבן זיך אויסגעלערנט אָפּגעבן זייער פאַרמעגן אָרעמעלייט, גאָט בעטן פאַר זייערע שונאים. אָבער די אַרומיקע ווירקלעכקייט האָט קנאַפּ־וואָס געשטימט מיט די דערהויבענע פּרינציפּן פון דער נייער תורה. כל זמן דער קריסטנטום האָט געהערשט נאָר אין די, לפי ערך, קליינע קריסטלעכע געמיינדעס, כל זמן עס האָבן געהערשט די מסורות וועגן די גרויסע מעשים פון די ערשטע קריסטן, איז זיך דאָס לעבן ביי די קריסטן ניט פונאַנדערגעגאַנגען מיט די פּרינציפּן פון דער נייער לערע. אָבער ווי נאָר דער קריסטנטום האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ איי-

ראָפּע, האָט זיך אַלץ קלערער און קלערער אַרויסגעוויזן די טיפע סתירה צווישן די גראָבע מידות פון דער עפּאָכע און צווישן דער הייך פונם קריסט=לעכן אידעאַל.

פיל שריפטשטעלער פון יענער צייט באַמערקן מיט צער, אַז קריסטן זינקען אין דער זינדיקייט פון היידנטום. פונקט ווי די היידן, זיינען זיי להוט נאָך בלוטיקע און ניט אָנשטענדיקע פאַרשטעלונגען. די רוימישע קייסאָרים גיבן טאַקע אַרויס שטרענגע געזעצן קעגן היידנטום, אָבער אַפילו די פּרימסטע צווישן זיי האַלטן זיך אַליין פעסט אָן די היידנישע טראַדיציעס און ריידן כּסדר וועגן זייער הייליקן הויף, געטלעכער הויז און אַז. וו.

די קריסטלעכע געמיינדע, וואָס האָט זיך ביז אַהער געהאַלטן בלויז אויף דעם רעליגיעזן ענטוזיאַזם פון אירע מיטגלידער, האָט ביי דער פאַרשפּרייטונג פון דעם קריסטנטום במילא זיך געמוזט אויסבילדן אין אַ האַרמאָנישע אָרגאַ=ניזאַציע. בלויז אויף אַזאַ אופן האָט דער קריסטנטום געקאָנט בלייבן גאַנץ און אייניק צווישן זיינע נאָכפאָלגער אין אַלע עקן וועלט. אַזוי אַרום ווערט אין דריטן יאָרהונדערט געבוירן דער געדאַנק צו פאַרטיילן די קריסטלעכע געזעלשאַפט אין צוויי קאַטעגאָריעס: סתם גלויביקע און — מנהיגים, אָדער: וועלטלעכע און גייסטלעכע. די גייסטלעכע אויפן מעריב בילדן די העכערע קראַפט. זיי ווערן די פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטשן. זיי נעמען אויף זיך דעם חוב, וועלכער ווערט שפּעטער פאַרוואַנדלט אין זייער אויסשליס=לעכע רעכט, צו זיין די איינציקע אויסטייטשער פון גאָטס ווילן און צילן, אָנשטאָט צו זיין אַ מאַרטירערין, דערוויטערט פון עולם-הזה, און זאָרגן נאָר וועגן יענער וועלט, ווערט די קירך אַליין אָן עלעמענט פון דעם=דאָזיקן ערדישן לעבן, לייגט איר האַנט פעסט אַרויף אויף אַלע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען און פאָדערט פולקומע אונטערטעניקייט צו זיך מצד אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. זי באַפרייט די געזעלשאַפט פון דעם חוב צו דענקען זעלבשטענדיק, ווייל זי אַליין ווייס גאָטס ווילן, און זי אַליין טראָגט דעם אַחריות פאַר דער מענטשהייט. אַזוי ווערט אין מיטל=אַלטער דער פּויפּסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ און פאַר אַלע, און די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט גיט אים דאָס רעכט אומבאַגרענעצט אָנצופירן מיט די מעשים פון מענטשן, מאַכן פאַר משרתים ביי דער קירכע סיי די פּאָליטיק, סיי די קונסט, סיי די וויסנשאַפט.

די עולם-הזה-תאוות, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין לעבן פון דער קריסטלעכער געמיינדע, האָבן געמוזט טיף באַליידיקן יענע מיטגלידער אירע, וואָס אין זיי האָבן געלעבט די אידעאַלן פון די ערשטע יאָרהונדערטן פון קריסטנטום. קריסטוס האָט צוגעזאָגט עולם-הבא די מענטשן, וואָס וועלן אין זיין נאָמען פאַרלאָזן הויז, עלטערן, ברידער, שוועסטער, קינדער. די שטרעבונג צו איינזאַם לעבן, צו אָפּגעזונדערטקייט פון וועלטלעכע אינטערעסן, איז איינ=געוואָרצלט אין דעם מענטשנס נאַטור. נאָך פאַר דעם קריסטנטום האָבן שוין די היידנישע פעלקער און אמונות אָנערקענט און געשטיצט דידאָזיקע שטרע=בונג. פּיטאַגאָר, פּלאַטאָן און אַנדערע פילאָזאָפן פון דער אַלטערטימלעכקייט

האָבן דאָס איינזאַם לעבן און די אָפּגעזונדערטקייט פון דער וועלט געהאַלטן פאַר אַן אויסוואויז פון העכערער חכמה. דער פילאָזאָף איז, לויט פּלאַטאָנס מיינונג, ניט קיין געוויינלעכער בירגער; דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון דער געזעלשאַפט, קאָנצענטרירט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף העכערע אויפגאַבן און ריינעם וויסן, אַן אַנשויער, אַ דענקער, אַ מתבודד. אָבער נאָר דער קריסטנטום האָט דיסציפּלינירט דידאַזיקע אומבאַשטימטע שטרעבונגען, האָט זיי געגעבן אַ דויערנדיקע ענערגיע דורך דעם, וואָס ער האָט באַשאַפן דעם אינסטיטוט פון מאָנאַכנטום. די קלויסטערס זיינען געוואָרן ניט נאָר אַ מקום מקלט פאַר עכט־רעליגיעזע מענטשן, — זיי זיינען געוואָרן די היטער פון דער מיטלאַלטערישער חכמה און וויסנשאַפט.

אַלס וויגבעטעלע פון מאָנאַכנטום און פון קלויסטער ווערט גערעכנט מצרים. דאָ זיינען אויך מער־ווייניקער באַשטימט פעסטגעשטעלט געוואָרן די יסודות, אויף וועלכע עס באַזירט דאָס קלויסטער־לעבן. און פון דאַנען איז דער מאָנאַכנטום גיך אַריבער אויף מעריב. אין VI י״ה באַווייזט זיך דער ערשטער געשריבענער קלויסטער־סטאַטוט אויף מעריב. לויט דעמדאָזיקן סטאַטוט האָבן זיך מאָנאַכן אָפּגעזאָגט פון אַלע ערדישע אינטערעסן און געגעבן אַ דרייפאַכיקן נדר: אָפּגעזונדערטקייט פון פרויען, אַנטזאָגונג פון פאַרמעגן, געהאָרכזאַמקייט.

אַזאַ אויסגאַנג האָט פאַר זיך געפונען די אידעע, אַז דאָס לעבן אויף דער ערד איז נאָר אַ צוגרייטונג, אַ פּרוזדור פאַר יענער וועלט. אָבער די צו־פיל פאַרפלאַמטע טרעגער פון דערדאָזיקער אידעע האָבן זי דערפירט ביז עקסטרעמקייט. נישט פאַרמעגן אַליין, נאָר אַפילו די סאַמע געזעצלעכע און נאַטירלעכע פאָדערונגען פון מענטשנס גייסט און קערפּער האָבן אַרויסגערופן פאַראַכטונג און שנאה מצד די דינער פון דער אידעע: עס איז געבוירן געוואָרן די סאַמע כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג פון מיטלאַלטער־לעבן — דער אַסקעטיזם. אַנטקעגן דער אויסגעלאַסענער ערדישער קיניגרייך ווערט געשטעלט גאָטס קיניגרייך, די הימלישע, און פון דערדאָזיקער פאַרגלייכונג ווערט קלאָר, אַז יעדע ערדישע מענטשלעכע קיניגרייך איז אַן אויפטו פון שטנס הענט. איינער פון די טאַלאַנטפולסטע אויסדריקער פון דעם אַסקעטישן געדאַנק זאָגט אַזוי: גאָטס קיניגרייך איז אויף אַזויפיל העכער פאַר דער ערדישער, אויף וויפל דעם מענטשנס נשמה איז העכער פאַר זיין קערפּער. די זינדיקע נטיות פון דעם מענטשנס נאַטור שטערן דעם באַשעפערס צילן אויף דער ערד. זינט דער ערשטער זינד פון אדם וחוה שטייט אויף דער ערד קעגן „גאָטס קיניגרייך״ די פינסטערע טייוולשע קיניגרייך. דעריבער איז אַלץ געצווייאיקט אין אונזער נאַטור. אַלץ שטעלט זיך קעגן גאָטסאייגנמעכטיקייט. דער קאַמף פון קעגנזעצ־לעכע תאוות און נטיות, דער קאַמף פון גייסט און לייב — זיי זיינען די אויס־ווייזן פון דער צווייאיקייט אין דער אינערלעכער וועלט פון מענטשן. אַזאַ איז געווען די וועלטאָנשויאונג פון די שונאים פון לייב, וועלכע האָבן זיך פון גאָטס כבוד־וועגן אָנגעטאָן יסורים. ס׳האָבן זיך באַוויזן מאַרטירער, ווי יענער, למשל, וואָס האָט גאַנצע זעקס חדשים געשלאָפן גייענדיק. די אַסקעטן האָבן פאַרהאַסט

די פרוי, זעענדיק אין איר אַ געצייג פון שטן. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער טייוול קומט צו דעם הייליקן מיט נסיונות כּמעט שטענדיק אין געשטאַלט פון אַ פרוי. דער פּויפּסטנטום, וואָס האָט געוואוסט, ווי אויסצונוצן לטובת זיינע צילן אַלע שטרעמונגען פון דער עפּאָכע, האָט אויך דעם מאָנאַכנטום אויסגענוצט לטובת זיינע אינטערעסן. צום סוף VI י״ה האָט דער פּויפּסט באַשטעטיקט דעם קלויסטער־סטאַטוס, און כּמעט גלייכצייטיק דערמיט גיט ער אַרויס אַ דעקרעט, וועלכער באַשטעטיקט דעם אינסטיטוט פון מאָנאַכנטום.

נאָך מעכטיקער האָט דער מיטלאַלטערישער אידעאַל געווירקט אויף דער מיטלאַלטערישער קונסט, וואָס דער בולטער אויסדרוק אירער זיינען די באַ־וואוסטע גאָטישע טעמפּלען. דער פייל־אַרטיקער בויגן איז דער הויפּט־עלעמענט פון זייער אַרכיטעקטור. אַ שאַרפשפּיציקער און אַ לייכטער, גיט דערדאָזיקער בויגן ניט נאָר די מעגלעכקייט אויפצוהויבן דעם טעמפּל הויך, נאָר עס דאַכט, אַז אַליין שלעפּט ער דעם בנין אין דער הויך. אין דעמדאָזיקן געפייליקטן בויגן האָט זיך אויסגעדריקט מיט דער גאַנצער קראַפט יענער שוואונג פון דער ערד צום הימל, וועלכער איז געווען דער הויפּטשטריך אין דעם לעבן פון דער מיטלאַלטערישער עפּאָכע. מיט דעמדאָזיקן גרונט־עלעמענט פון דער גאָטי־שער אַרכיטעקטור האָבן האַרמאָנירט אַלע איבעריקע טיילן פון טעמפּל, סיי פון אינעווייניק, סיי פון דרויסן.

נעמענדיק אויף דינסט די קונסט, האָט די רוימישע קירך זיך אונטער־טעניק געמאַכט אויך די וויסנשאַפט, איבערהויפּט, דעם פילאָזאָפישן געדאַנק פון מיטלאַלטער. די וויסנשאַפט פון אונזער צייט זוכט פריי דעם אמת. דער מיטלאַלטערישער געלערנטער האָט דעם אמת ניט געקאָנט זוכן. די אוניווער־זיטעטן האָבן זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון דער קירך. דער אמת איז אונטערגעטראָגן געוואָרן אַ פאַרטיקער. די קירך האָט דעם אמת געוואוסט, און קיין נייעם זוכן האָט מען ניט געדאַרפט. אָבער דעם מענטשנס שכל קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער אייגנשאַפטלעכער פאַר אים באַדערפעניש אין לאָגישער אַרבעט. האָט ער דידאָזיקע אַרבעט געטאָן אין די ענגע גרענעצן, וואָס די קירך האָט פאַר אים געשאַפן. ער האָט אָנערקענט, אַז די אמתן, וואָס זי האָט פעסטגעשטעלט, קאָן מען פון אָרט ניט רירן, און האָט זיך פאַרנומען מיט באַאַרבעטן, באַגרינדן, סיסטעמאַטיזירן די הויפּטפּונקטן פון דער רעליגיעזער לערע. די פילאָזאָפיע איז געוואָרן אַ שפחה חרופה ביי דער טעאָלאָגיע. און אין דעם איז באַשטאַנען דער ציל פון דערדאָזיקער פילאָזאָפיע, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען סכאָלאַסטיק. זי האָט געזאָלט אין דער פולער מאָס און סיסטעמאַטיש איבערגעבן די אמתן פון דער רעליגיע, כּדי צו פאַרפעסטיקן זיי אויף אייביקע צייטן, צו באַקעמפן די כּופרים און איבערצוצייגן די אומ־גלויביקע. אינהאַלט איז געגעבן געוואָרן; איז געבליבן נאָר צו זאָרגן פאַר דער מאָטיווירונג פון דעמדאָזיקן אינהאַלט. דער גרונטשטריך פון דער סכאָ־לאַסטישער פילאָזאָפיע איז אַלזאָ באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט ניט גע־האַט קיין פרייהייט. זי האָט ניט געזוכט קיין נייע אמתן, נאָר באַגרינדעט די עקזיסטירנדיקע.

דער צווייטער שטריך פון דער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע און פון דער סכאָלאַסטישער וויסנשאַפט בכלל איז שוין געווען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון איר גרונטאויפגאַבע. דידאַקטיק (דידאַקטישע) וויסנשאַפט האָט זיך ניט געקענט שטיצן אויף פאַקטן, אויף דער ווירקלעכקייט, אויף ערפאַרונג און באַאָבאַכטונג. דער געלערנטער, וואָס שטיצט זיך דערויף, ריזיקירט צו קומען צו אַזעלכע אויספירן, וועלכע שטימען ניט מיט דער לערע פון דער קאַטוילישער קירך. דעריבער האָט זיך די סכאָלאַסטיק געמוזט שטיצן אויף אויטאָריטעטן. דער סכאָלאַסטיקער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ מענגע עקזיסטירנדיקע מיינונגען, לערעס און אידעען. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ מעטאָד איז לייכט געווען צו שאַפן אַלערליי געוואונטשענע אויספירן — דערצו איז געווען גענוג, אַבי אין זיך צו אַנטוויקלען אַ געוויסע גימנאַסטיק פון שכל, אויסצולערנען זיך דיספוטירן, איבערצונעמען די כללים פון שילדערן, דערווייזן און אָפּפרעגן. ריינע וואָרט־איבונג, וואו דער רעאַלער זינען פון די ווערטער בלייבט אין הינטערגרונט. — דאָס איז געווען דער באַליבטסטער מעטאָד פון די סכאָלאַסטיקער. אָנשטאָט שטודירן די ווירקלעכקייט, האָבן זיי שטודירט טעקסטן. דער טעאָלאָג האָט אין זיינע אויספירן זיך געשטיצט ניט אַזוי אויף דעם עוואַנגעליום גופא — דעם אורקוואַל פון דער קריסטלעכער לערע, — ווי אויף זיינע מאָסן מפרשים; דער דאָקטאָר — ניט אַזוי אויף זיינע אייגענע באַאָבאַכטונגען איבער די חולאים, ווי אויף די מיינונגען פון אַלע רופאים, אַלטע און נייע, אָנהייבנדיק פון היפּאָקראַטן אָן. דער יוריסט האָט פאַרפלאָנטערט סאַמע קלאָרע פראַגן; ניט ער האָט זיי פונאַנדערגעקליבן אין תוך, נאָר באַוויזן זיין געלערנטקייט, אויסגראָבנדיק מיינונגען פון אויטאָריטעטן און באַמיענדיק זיך פונאַנדערצוקלייבן אין זיי.

דאָס זיינען געווען די הויפּטשטריכן פון דער סכאָלאַסטיק. איר ציל — די פאַרטיידיקונג, אַנטוויקלונג און אויסטייטשונג פון פאַרטיקע פאָרגעשריבענע אמתן. איר מעטאָד — פאָרמעל־לאָגישע אַרבעט.

אָבער אויך ביי אַזעלכע, פון הייַנטיקן וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, חסרונות, האָט דאָך די סכאָלאַסטישע וויסנשאַפט געהאַט אירע מעלות. ערשטנס, האָבן אירע פאָרשטייער אויסגעאַרבעט אַ וואונדערלעך פּינקטלעכע שפּראַך און אַ געוויינהייט צום שטרענגן קאָנזעקווענטן דענקען, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אין דעם פּראָגרעס פון דער וויסנשאַפט. צווייטנס, האָט די סכאָלאַסטיק שטאַרק מיטגעווירקט, עס זאָל זיך אַנטוויקלען דער אינטערעס צו דער אַלטערטימלעכער וויסנשאַפט. זי האָט גענויט צו ווענדן זיך צו די אַלטערטימלעכע שריפטשטעלער, וואָס האָבן שוין מיט פיל יאָרהונדערטן צוריק דערטאַל באַאַרבעט די דיאַלעקטישע קונסט. אין דער אַלטער וועלט האָבן די סכאָלאַסטיקער געפונען אַ גרויסע עשירות פון חכמה, וואָס מען האָט געקאָנט אויסנוצן צו באַרעכטיקן די אמתן פון קריסטנטום. אַריסטוס ווערק זיינען געוואָרן האַנטביכער ביי די סכאָלאַסטיקער. אָפּט זעען מיר, ווי דורך די קייטן, וואָס די קירך האָט אין איר פאַרשמידט די מיטלאַלטערישע מענטשהייט, רייסט זיך דורך מיט אומבאַצוואונגענער קראַפט די שטרעבונג צו דער אַלטער וועלט.

אַבעליאַר, דער גרעסטער פון די סכאָלאַסטיקער, האָט געהאַט די העזה צו מעלדן, אַז די בעסערע פון די היידנישע פילאָזאָפן וועלן צוזאַמען מיט די קריסטן אַריין אין גאָטס קיניגרייך, און מען האָט אים דערפאַר ערקלערט פאַר אַ כופר.

אַזוי אַרום האָט די סכאָלאַסטיק אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנט־וויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק. זי האָט ביסלעכווייז אין די שאַפונגען פון די אַלטערטימלעכע דענקער אָנגעהויבן איינצוזען עפּעס מער, איידער אַ מאַטע־ריאַל צו באַרעכטיקן די קירכלעכע לערע, זי האָט אין זיי אָנגעהויבן צו גע־פינען אַ זעלבשטענדיקן אינטערעס.

אין איין שורה מיט די סכאָלאַסטיקער, וואָס האָבן געשטעלט די גאָטס־ערקענונג אויף דער לאָגישער פעאיקייט פון שכל, האָבן די מיטלאַלטערישע יאָרן באַשאַפן נאָך אַ צווייטן מין גאָטס־ערקענונג — די מיסטיק. סכאָלאַסטיק און מיסטיק האָבן געהאַט אַן אַלגעמיינעם ציל. ביידע זיינען זיי געווען אַ רע־זולטאַט פון דער קירכלעכער הערשאַפט און פון די רעליגיעזע אינטערעסן. נאָר די מיסטיק האָט זיך באַנוצט מיט אַנדערע מיטלען, זי „האָט געפירט דעם מענטשן צו אוממיטלבאַרער התלהבותדיקער התבוננות איבער דער גאָטהייט, צו דער זעליקער אייניקייט מיט איר”. דער מיסטיקער האָט געגלויבט, אַז ס׳איז מעגלעך עפּעס אַ געהיימער געפיל פון פאַרגייסטערונג, וואָס מ׳קאָן אים ניט ער־קלערן. דער סכאָלאַסטיקער האָט געלעבט מיטן שכל, דער מיסטיקער — מיטן געפיל. דער סכאָלאַסטיקער האָט געאַרבעט איבער דער צעגלידערונג און אי־בער דער פאַראייניקונג פון די באַגריפן, די מיסטיקער האָבן מתפלל געווען, געפלאַטערט און תשובה געטאָן. דאָרט איז געווען די זיכערהייט אין די קרעפטן פון אייגענעם שכל, דאָ—די אָנערקענונג פון דער אייגענער נישטיקייט. דאָרט—אַ פריילעכער שילער־גלה, דאָ—אַן אָנגעבראָגזט־אַנטציקטער נזיר. דאָרט—אַ שול, הגם אַן ענג געבונדענע מיט דער קירך, דאָ — אַ קלויסטער. הגם די סכאָלאַסטיק איז געווען אונטערגעוואָרפן דער קירך, פונדעסטוועגן איז זי דאָך פאַר איר אין אַ געוויסער מאָס געווען געפערלעך, ווייל זי האָט זיך גע־שטיצט אויפן שכל, אַריינגעטראָגן אורטיילונג און קריטיק פון רעליגיע און אויטאָריטעט. די מיסטיקער האָבן עס געפילט און זיי זיינען דעריבער געווען פיינטלעך צו די סכאָלאַסטיקער.

אַזוי אַרום איז די קירך געווען דער הויפּט־קולטורעלער פאַקטאָר, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף אַלע זייטן פון מיטלאַלטערישן לעבן אין מעריב־אייראָפּע. לעבן איר האָט זיך אַנטוויקלט יענע אָרדענונג, וואָס האָט געדינט אַלס צווייטער מעכטיקער קולטורעלער פאַקטאָר פון מיטלאַלטערישן לעבן—דער פעאָדאַליזם. מיט דעמדאָזיקן נאָמען ווערט באַצייכנט די אָרדענונג, וואָס האָט אין מיטלאַלטער געהערשט אין ווירטשאַפט, געזעלשאַפט און מלוכה. פון דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע האָט זיך אויסגעטיילט יענער אייגנטימ־לעכער אָריגינעלער שטאַנד, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען ר י ט ע ר ט ו ם. עס איז לחלוטין אוממעגלעך צו זוכן דאָס אָרט, וואו דער ריטערטום איז גע־בוירן, און ווער האָט אים געגרינדעט. די געשיכטע ווייס ניט קיין שום אַקט פון דער העכערער מאַכט, וואָס זאָל פאַרשרייבן צו גרינדן דעם ריטערטום...

„ער האָט זיך באַוויזן גלייכצייטיק אומעטום, און אומעטום איז ער געווען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון איינע און דיזעלבע שטרעבונגען און נויטווענדיקייטן“. פעאָדאַליזם און ריטערטום איז ניט איינס און דאָס זעלבע, הגם דער צווייטער האָט געקאָנט אַנטשטיין, בלי ספק, נאָר אַדאַנק דעם ערשטן. די פעאָדאַלע מאַכט איז איבערגעגאַנגען בירושה; אין ריטערישן שטאַנד האָט מען געקאָנט אַריין דורך אַ באַזונדער צערעמאָניע. ניט אַלע פעאָדאַלע הערשער זיינען געווען ריטער. פון דער צווייטער זייט, האָבן ריטער געקאָנט ווערן פערזאָנען פון נידעריקערע שטאַנדן, וואָס זיינען מיט קיינעם ניט געווען פאַרבונדן דורך פעאָדאַלע באַציאונגען. אַזוי איז דער ריטערישער שטאַנד קיינמאָל ניט געווען קיין ירושה-זאַך. אין שאַפן דעם ריטערטום, ווי אין אויסאַרבעטן אַלע מיטלאַלטערישע אַנשטאַלטן, האָט די קירך געשפּילט די ערשטע ראָלע. די קירך האָט זיך, אַחוץ דער גייסטיקער, געגויטיקט אויך אין פיזישער פאַרטיידיקונג. דער ריטערטום איז לויט זיין אידעע פון אָנהייב געווען אַ „קריסטלעך חייל“. דער קריגערישער פעאָדאַלער שטאַנד האָט געדראָט דער קירך, האָט זי אים פאַרוואַנדלט אין איר בעל-ברית. דער קריגער האָט ניט געקאָנט אָנווענדן זיין געווער אַנטקעגן דער קירך, וועלכע האָט אים דאָס געווער געהייליקט און איבערגעגעבן צו שיצן די רעליגיע.

איינשטעלנדיק בנוגע צו אַלץ, וואָס איז געקומען מיט איר אין באַרירונג, אַ שטרענגע רעגלאַמענטאַציע, אַרומשטעלנדיק אַלץ מיט אַ פאַרוויקלטער סיסטעם פון צערעמאָניעס, האָט די קירך דערפון אויך די ריטער ניט באַפרייט. די נאַכט פאַר דער הייליקונג אַלס ריטער, האָט דער געהייליקטער געמוזט פאַרברענגען אויף דער וואַך אין קירך. נאָכדעם האָט ער זיך געבאָדן און דורכדעם זיך באַפרייט פון אַלע זינד. דאַן האָט ער זיך געדאַרפט לייגן אויף אַ פייערלעכן געלעגער, אַלס סימבאָל, אַז דער ציל זיינער דאַרף זיין: דערגרייכן צו אַ געלעגער אין גן-עדן. ווייטער: מען האָט אים אָנגעטאָן אַ רויטן מאַנטל, פאַר אַ סימן, אַז ער איז גרייט צו פאַרגיסן בלוט לשם דער הייליקער קירך. דאַן האָט מען אים אָנגעטאָן אַ גאַרטל — אַלס צייכן פון זיין קערפּערלעכער ריינקייט און אָפּגעזונדערטקייט פון פרויען. לסוף האָט מען אים איבערגעגעבן אַ צווייטשאַרפיקע שווערד: צו שלאָגן דעם רייכן, וואָס דריקט דעם אָרימען, און דעם שטאַרקן, וואָס דריקט דעם שוואַכן.

נאָר אַ קריסט האָט געקאָנט ווערן אַ ריטער — דאָס איז דער ערשטער געבאָט פון ריטערטום. אָבער עס זיינען געווען נאָך געבאָטן: דער ריטער איז מחויב פאַרטיידיקן די קירך מוטיק מלחמה האַלטן מיט די ניטגלויביקע, און אַנדערע.

אָבער פונקט ווי די סכאָלאַסטישע חכמה, וועלכע איז געווען באַרופן צו דינען דער קירך, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן אין די אָפּגעצוימטע פאַר איר גרענעצן, אַזוי האָבן אויך איינִיקע געבאָטן פון ריטערטום באַקומען אַ גאַנץ אומדערוואַרטע פאַר דער קירך ווענדונג. אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט, למשל, יענער אייגנטימלעכער סיסטעמאַטישער דינען צו דער פרוי, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „דאַמען-קולט“. דער דאָזיקער קולט שטאַמט בלי ספק פון יענעם פונקט אין ריטערישן סטאַטוט, וועלכער באַפעלט צו

פּאַרטיידיקן שוואַכע און געדריקטע. אָבער אַנטוויקלט האָט ער זיך אין אַ גרויסער מאָס אַדאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיט דעם רייכן לעבן פון אויסגעצערטלטן אָריענט און אונטער דעם איינפלוס פון דער וואונדערלעכער באַזור פון פּאָעטישן פּראָוואַנס. ביי די מוסולמענער אין סיריע און קליין-אַזיע, וואוהין די קרייצצוגן האָבן אים פאַרוואָרפן, האָט זיך דער ריטער אויסגעלערנט ליב צו האָבן שיינקייט און לעכצן נאָך תענוגים. אָבער לויט דער אַלגעמיינער טענדענץ פון דער מיטלאַלטערישער מענטשהייט, האָט ער די נייע קולטור צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון דער קירך, און דאָס גליק פון דעם אויסגעצערטלטן אָריענט האָט ער פאַרביטן אויף זוכן ניט-ערדישע אידעאַלישע פריידן. אָנשטאָט דעם גראָבן געפיל פון דער אָריענטאַלישער ליבע צו דער פרוי, האָט ער באַשאַפן אַ גאַנצע סיסטעם פון אידעאַלישן דינען צו איר. ער האָט איבערגענומען ביי דער קירך דעם קולט פון דער יונג-פרוי מרים און צונויפגעגאָסן זיין פאַרגעטערן די פרוי מיט דעמדאָזיקן אידעאַלישן קולט. יעדער ריטער האָט זיך געמוזט אויסקלייבן אַ דאַמע — ס'האָט געמעגט זיין ניט זיין פרוי — וואָס אירע קאָלירן האָט ער געטראָגן אויף זיין פאַנציר, וואָס זי האָט ער באַזונגען אין זיינע לידער, וואָס איר נאָמען האָט ער אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן ערגעץ אין פּאַלעסטינע אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכל. אַ לאַנגן וועג פון נסיונות האָט דער ריטער געמוזט דורכגיין, ביז ער האָט פאַרדינט וואוילצוגעפעלן זיין אויסדערוויילטער דאַמע, און נאָך מער — ביז ער האָט פאַרדינט איר קוש. ווייטער פאַר אַ קוש האָט דער ריטער ניט געטרוימט, זיין ליבע האָט געהאַט אַ אידעאַליסטישן כאַראַקטער.

אָט דאָס זיינען די צוויי וויכטיקסטע קולטורעלע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געשאַפן די צוויי הויפּט-גרופּן פון העלדן אין דער מיטלאַלטערישער ליטעראַטור; דעם אויסגעפּייניקטן מאָנאַך-אַסקעט, וואָס איז פאַרגליווערט געבליבן אין זיין רעליגיעזן עקסטאַז, און דעם קריגערישן פאַרליבטן ריטער, וואָס טרוימט וועגן זיין דאַמע אָן טוט לכבוד איר אומגעוויינלעכע גבורות. —

אָבער אין איין שורה מיט דידאָזיקע געזעלשאַפטלעכע גרופּן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון קריסטנטום און פעאָדאַליזם און האָבן באַקומען אַ ביסל אַ קרענקלעכע אַנטוויקלונג, באַווייזט זיך שוין אין מיטן פון מיטלאַלטער אויף דער היסטאָרישער אַרענע אַ נייע גריילעכע מאַכט — די שטעט און די רעכטלאָזע מאַסע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, וועלכער ס'איז באַשערט געווען שפּעטער צו שפּילן אַ וויכטיקע געשיכטלעכע ראָלע און פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער קלאַסנגרופּירונג. די דאָרפישע באַפעלקערונג איז געווען פאַרקנעכטיקט ביי די פעאָדאַלן. אין דער מיטלאַלטערישער צייט האָט זיך בעצם די שטאָט ווייניק אונטערגעשיידט פון דאָרף. אַזעלכע שטעט ווי היינט זיינען דעמאָלט אין אייראָפּע ניט געווען. אַפילו אין XV י. ה. האָבן זיך אין אַזעלכע שטעט ווי נירנבערג און סטראַסבורג ניט געפונען אַפילו קיין 20,000 איינוואוינער. די דערפער זיינען אייגנטלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטעט אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון האַנדל. אין די צענטראַלע פּונקטן, וועלכע זיינען געווען באַקוועם לויט זייער געאָגראַפישער

לאַגע, למשל אין לאָנדאָן, פּאַריז, זיינען געווען איינגעאָרדנט לאַגערן פון סחורות, וועלכע האָבן גערייצט די גייציקע שכנים, און מ׳האָט זיי געמוזט פּאַרפעסטיקן. דער מסחר מיטן מזרח און נאָכמער די נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט אים בשעת די קרייצצוגן האָבן פּאַרברייטערט די באַדערפעניש פון די העכערע קלאַסן. די פעאָדאַלן האָבן זיך שוין מער ניט געקענט באַנוגענען מיט די אויסאַרבעטונגען פון זייערע הויף-קנעכט. דער פעאָדאַל האָט זיך אָנגעהויבן נייטיקן אין געלט, כדי צו באַקומען דאָס, וואָס די אָרטיקע אינ-דוסטריע האָט ניט געקענט שאַפן. די פויערים האָבן די לאַגע אויסגעניצט צו פאַרבייטן זייערע נאַטורעלע חובות צום פעאָדאַל אויף געלט-צאָלונגען. חוץ דעם האָט דער באַפרייאונג פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג מיטגעהאָלפן דער קאַמף צווישן די פעאָדאַלן מיט די קיניגן. די קיניגן האָבן נייטיק געהאַט די שטיצע פון די שטעט, און האָבן זיך מיט זיי פאַראייניקט. אין אַ פולע ערטער האָבן די שטאָט-לייט און די פויערים זיך דערוואָרבן פרייהייט דורך בלוטיקע מרידות. די דערפינדונג פון שיס-פולווער און דאָס געלט האָבן געגעבן די מעגלעכקייט אָרויסצושטעלן אַנטקעגן די ריטערישע שלעסער אַרטילעריע, און אַנטקעגן דעם ריטערישן אָרדענונגלאָזן חייל — אָרגאַניזירטע אַרמייען פון געדונגענע. דידאָזיקע סיבות האָבן צום סוף פון מיטלאַלטער אַרויסגערוקט פאָרויס די שטאָטישע און די דאָרפישע באַפעלקערונג, דער פויפּסטנטום און דער פעאָדאַליזם האָבן אין איר דערפילט אַ שטאַרקע מאַכט.

II.

די מיטלאַלטערישע ליטעראַטור. — דענקמעלער פון דער קריסטלעכער ליטעראַ-טור. — די לעגענדע וועגן הייליקן אַלעקסי. — דער הייליקער קאָלומבאַן. — דענק-מעלער פון דער ריטערישער פּאָעזיע. — די געשיכטע פונם טרובאַדור ווילהעלם און דער גרעפין מארגארעט. — בערטראַן דע באָרן. — דענקמעלער פון דער בור-זשואַזער ליטעראַטור. — פאַבליאַ אין שוואַנקען. — די פאַבליאַ וועגן זשאָנגלער פון עלי. — די פאַבליאַ וועגן דעם פויער דעם רופא.

די ליטעראַטור, וועלכע האָט געטריי אויסגעדריקט די מידות און די באַ-גריפן פון דער עפּאָכע, האָט אונז איבערגעלאָזן אַלערליי טיפּן מענטשן פון מיטלאַלטער.

מיר האָבן בשום אופן ניט בדעה צו כאַראַקטעריזירן אַלע פאַרשיידנ-אַרטיקייטן פון דער מיטלאַלטערישער ליטעראַטור; פונדעסטוועגן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע דענקמעלער פון דער קריסטלעכער, ריטערישער און בורזשואַזער ליטעראַטור, כדי צו געבן אַ באַגריף, כאָטש וועגן עטלעכע מער כאַראַקטעריסטישע טיפּן פון דער עפּאָכע.

אַלס בולטסטער אויסדרוק פון אַסקעטישן אידעאַל קאָן דינען די לע-גענדע וועגן דעם הייליקן אַלעקסי, וועלכע האָט זיך לכתחילה באַוויזן אין לי-טיין און נאָכדעם באַקומען אַ פאָרם פון פערזן אונטער דער פעדער פון איי-נעם אַ פראַנצויזישן פּאָעט.

אַלעקסי, דערציילט זיך אין דער פּאָעמע, איז געווען אַ זון פון אַ רייכן מיוחס אַ רוימער. דער פּאָטער האָט לאַנג ניט געהאַט קיין קינדער, און אַז ביי אים איז געבוירן געוואָרן דער זון, איז צו זיין שמחה קיין שיעור ניט געווען. ווען דער זון איז אויסגעוואַקסן, האָט דער פּאָטער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן חתונה מאַכן אים. ער האָט פאַר אים געפונען אַ כלה — די טאָכטער פון אַ פראַנקאָנער, אַ מיוחס. אַלעקסיס האַרץ האָט געהערט צו גאָט. פונדעסטוועגן האָט דער פּאָטער אויסגעפירט, און מע האָט די חתונה געפייערט מיט גרויס פּאַראַד. ווען דאָס יונגע פּאָר־פאָלק איז פאַרבליבן אַליין, האָט דער יונגער מאַן געזאָגט צום ווייב: „יונגפרוי, זאָל דיין מאַן זיין יעזוס, וואָס האָט מיט זיין בלוט באַצאָלט פאַר אונזערע זינד. אויף דער וועלט איז ניטאָ קיין פולקומע ליבע. דאָס לעבן איז פאַלש, דער רום — ניט פעסט. יעדע פרייד ענדיקט זיך מיט טרויער". ער קערט איר אום דעם קידושין־רינג, פאַרשווינדט און באַזעצט זיך אין סיריע. שווער פאַרצושטעלן זיך, ווי ס'האָבן געטרויערט אַלעקסיס עלטערן און זיין יונגע פרוי. אומעטום האָט מען פונאַנדערגעשיקט משרתים זוכן אים. צוויי פון זיי באַגעגענען אים אַן אָנגעטאָנענעם אין אַ זאַק, און ניט דערקענענדיק זייער יונגן הער, גיבן זיי אים אַ נדבה. אַלעקסיס לויבט גאָט, וואָס ער האָט אים מזכה געווען אַרויסצווייזן אַזאַ עניוות — צו נעמען אַ נדבה פון זיינע אייגענע משרתים. מען געפינט אים ניט, און די עלטערן זיינען פאַרצווייפלט. די מוטער פאַרניכטעט אַלע טייערע זאַכן אין דער פאַרלאָזענער הויז פון יונגן פאָר פאָלק. די פאַרלאָזענע יונגע פרוי איז דערווייל ביי די אַלטע. פאַר דער צייט פאַרשפרייט זיך ברייט און ווייט די קלאַנגען וועגן אַלעקסיס הייליקייט. אָבער זיין הכנעה דאַרף אויסשטיין נאָך אַ נסיון. ער קומט קיין רוים. די קרובים דערקענען אים ניט, נעמען אים אָן פאַר אַן אָרימאַן און גיבן אים אַן אָרט ביי זיך אין שטוב. ער זעט, ווי די קרובים באַוויינען אים. אָבער זיין האַרץ געהערט צו גאָט. דער טרויער און דער יאוש פון זיינע נאָענטע וועקן ניט קיין חרטה אין זיין האַרצן. ער זאָגט ניט דאָס וואָרט, וואָס וואָלט אימשטאַנד געווען אַריינצוברענגען גליק און פרייד אין דער הויז, וואו עס האָבן זיך געגאָסן טרערן. זיבעצן יאָר האָט דער אָרימער זיך דערנערט מיט שיריים פון פּאָטערס טיש. זיבעצן יאָר האָט ער מיט הכנעה איבערגעטראָגן אַלערליי באַליידיקונגען מצד דעם פּאָטערס קנעכט, וועלכע האָבן ליב געהאַט אָפּצולאַכן פון דעם אָרימאַן, און האָבן אים ניט איינמאָל באַגאָסן מיט אומריינע וואַסער פון פּאַמוניצע. ער האָט אַלץ איבערגעטראָגן געדולדיק, און נאָר „זיין גלעגער האָט געוואוסט וועגן זיין צער". לסוף ענדיקט זיך די צייט פון זיין אָפּקומעניש. ער ווערט פאַרשלאַפט און פילט, אַז אינגיכן שטאַרבט ער. ער בעט איינעם פון די קנעכט, ער זאָל אים ברענגען אַ פּאַרמעט, טינט און פעדער. ער פאַרשרייבט זיין געשיכטע, נאָר ער באַהאַלט דאָס בריוו, מען זאָל עס פאַר דער צייט ניט געפינען, אָבער מן השמים האָט מען אַנטפּלעקט דעם הייליקן. איבער רוים האָט זיך דריי מאָל געלאָזט הערן אַ שטימע: „זוכט אויף דעם גייסטלעכן מאַן!" די גאַנצע שטאָט רוים איז זייער צעטראָגן, וואָס מע ווייס

ניט וואו צו זוכן. דאָן לאָזט זיך ווידער הערן די שטים, וועלכע ווייזט אָן דאָס אָרט, וואו דער הייליקער געפינט זיך. אַלע לאָזן זיך לויפן צו זיין פּאַטערס הויז און קומען, ווען דער הייליקער גייט אויס. מען געפינט ביי אים דעם פּאַרמעט. דער פּויפּסט לייענט אים איבער, און דער סוד ווערט אַנטפּלעקט. די עלטערן וויינען, די מוטער חלשט, די יונגע אלמנה גיט אַ נדר מער ניט חתונה צו האָבן. די פּאַלקסמאַסן זאַמלען זיך ארום שטוב. אַלעמענס הער־צער זיינען פול מיט התפּעלות און פרייד פון דער ידיעה וועגן אַלעקסיס וואונ־דערלעך לעבן. און מע איילט אָפּצוגעבן כבוד דעם קערפּער פון רוימס נייעם באַשיצער.

די באַציאונגען פון דער געזעלשאַפט צו אַלעקסיס לעבן איז אויסער־געוויינלעך כאַראַקטעריסטיש. קיין פּאָרוואורף פאַר די ליידן, וואָס ער האָט פאַרשאַפט עייגע קרובים. זיין נצחון, וואָס האָט ניט געבראַכט קיינע ממשות־דיקע נוצן פאַר די אַרומיקע, רופט דאָך אַרויס אַלגעמיינע פרייד, ווייל רוים האָט אַ נייעם פּאַטראָן, אַ נייעם פאַרטיידיקער אין הימל. אין דעמדאָזיקן שוץ איז עס באַשטאַנען די גאַנצע ראָלע פון די הייליקע אין סאָציאַלן לעבן פון מיטלאַלטער.

אין איין שורה מיט דעם טיפּ פון אַן אַסקעט, וועלכער האָט זיך דער־ווייטערט פון לעבן און נעמט אין דעם קיין אַקטיוון אָנטייל ניט, פירט די קריסטלעכע ליטעראַטור אַרויס אויך טעטיקע קדושים, וועלכע מישן זיך אין ערדישן קאַמף און טרעטן אַרויס אַלס קעמפער פאַר יושר און גוטס. אַזעלכער איז דער הייליקער קאָלומבאַן.

דער הייליק. קאָלומבאַן איז געבוירן אין אירלאַנד. קינדווייז האָט ער שוין באַקומען אַ גלענצנדע בילדונג, זיין שיינקייט ציט צו אים צו אַלעמענס אויגן, און די פיינע אירלענדישע פרויען פאַרקוקן זיך אויף אים. אָבער אים זיינען דערווידער די וועלטלעכע תענוגים, און ער גייט צו אַ פרוי, וועלכע לעבט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, פרעגן אַן עצה, וואָס ער זאָל טאָן. זי האָט אים געזאָגט: שוין צוועלף יאָר זינט איך בין אַוועק פון דער היים און האָב אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן בייז. אַ צעפלאַמטער פון דעם בראַנד פון דיין יוגנט, קאָנסטו זיך ניט באַפרייען פון דער שוואַכקייט פון דיין גייסט, כל זמן דו פאַרבלייבסט אין דיין פאָטערלאַנד. צי דען ווייסטו ניט, אַז אדם, שמשון, דוד און שלמה — אַלע זיינען זיי פאַרפירט געוואָרן פון דער שיינקייט און דער ליבע? אַנטלויף, יינגל, אויב דו ווילסט זיך ראַטעווען". קאָלומבאַן וויל אַוועק; די עלטערן בעטן פאַרבלייבן. די מוטער לייגט זיך אויפן שוועל, אָבער ער טרעט איבער איר אַריבער, און שפּעטער באַווייזט ער זיך אין דער ווייטער גאַליע. דאָ פרייידיקט ער עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד דאָס עוואַנגעליום, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַ ביישפּיל פון הכנעה. אין אַ ווילדן איינזאַמען אָרט גרינדעט ער אַ קלויסטער. זיין הייליק לעבן גיט אים איבערנאַטירלעכע קראַפט. חיות און פייגל זיינען אים געהאָרכזאַם. איינמאָל האָבן אים אַרומגערינגלט צוועלף וועלף. ער בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך, נאָר מיט אַ תפילה אויף די ליפּן, די וועלף גייען אַוועק. אָבער דער וויכטיקסטער אויפטו זיינער איז דער

קאַמף מיט דער אכזריותדיקער ברונהילדע, און מיט איר אייניקל דעם בורגונ־דישן קיניג. ברונהילדע ברענגט צום הייליקן דעם קיניגס פיר ניט־געזעצ־לעכע קינדער, ער זאָל זיי בענטשן. אָבער קאָלומבאַן וויל זיי ניט בענטשן דערפאַר, וואָס זיי קומען אַרויס פון אומגעזעצלעכע באַציאונגען. דאַן האָט ברונהילדע אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די מאָנאַכן. דער הייליקער איז געקומען צום קיניג, אָבער אַריין אין שלאָס האָט ער ניט געוואָלט. דער קיניג האָט אים געהייסן דערלאַנגען מתנות און כּיבוד אין דרויסן. אָבער קאָלומבאַן האָט פון דעם מענטשן, וואָס האָט פאַרפאָלגט די מאָנאַכן, גאָרנישט געוואָלט געניסן. דער הימל גופא האָט זיך אַריינגעמישט און באַוויזן זיין גענאָד צו דעם היי־ליקן. קאָלומבאַן רעדט אַרויס אַ קללה, און אַלע כּלים מיטן כּיבוד ווערן צע־בראָכן. אונטערן איינפלוס פון דעמדאָזיקן מופת גיט דער קיניג אַ נדר תּשובה צו טאָן.

דיזעלבע אידעאַליסטישע שטראָמען דרינגען דורך אויך די ריטערישע פּאָעזיע.

אין דער געשיכטע פון איינעם אַ טרובאַדור ווערט דערציילט: אין אַ צי־מער פון אַ ניט צוטריטלעכן שלאָס איז געזעסן אַ יונגע פּרויענצימער. די שיין פון טאָג איז קוים דורכגעדרונגען דורך די קאָלירטע פענסטער און האָט שוואַך באַלויכטן דעם נידעריקן ברייטן געלעגער, די הויך אָנגעלייגטע, מיט זייד אויסגענייטע קישנס, די רייכע הערמעלין־דעקע און די בענקלעך מיט קישנס, אויסגעשטעלטע פאַזע די ווענט, דער באַמאָלטער קאָמין, די ווענט, באַ־פּוצטע מיט בילדער פון ריטערישער פּאָעזיע, די פּאָדלאָגע אין אָרנאַמענטן, וועלכע איז געווען באַדעקט מיט פעל פון חיות — האָבן באַקומען אַ אומגעוויינלעכן אויסזען אין דער געהיימלעכער האַלבפינסטערניש, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ טונקעלער בלויער נישע.

די יונגע פּרויענצימער איז די פרוי פון גראַף ריימונד, איינעם פון די באַוואוסטע ריטער. די באַרימטע זינגער פון יענער צייט האָבן פאַרפאַסט לי־דער לכּבוד דער גרעפין מאַרגאַריטע. דער מאַן האָט זי הייס געליבט, און ס'האָט געשיינט, אַז ס'איז גאָרנישט געווען, וואָס זאָל איר שטערן איר גליק. אָבער איר געזיכט שיינט ניט מיט פרייד, איז נאָר באַגאָסן מיט טרערן.

דער גרעפינס געדאַנקען טראָגן זיך אַוועק אין דער גיט ווייטער פאַר־גאַנגענהייט.

איינמאָל אין פרימאָרגן האָט דער האָרן שאַרף אַ שאַל געטאָן פון דעם הויכן שלאָס־טורעם. די קייטן האָבן אַ קלונג געטאָן, דער בריק האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן איבער דעם טיפן גראָבן, און אין שלאָס איז אַריין אַ יונגער מאַן, אַ זון פון אַן אָרעמען ריטער, ווילהעלם האַבעסטאַן. ער איז געקומען פאַרלייגן דעם גראַף ריימונד זיין דינסט אַלס הויף־פּאַזש. אינגיכן האָבן אַלע הויפלייט ליב געקראָגן דעם נייעם הויפדינער פאַר זיין ליבלעכקייט און איינפאַכקייט. ריימונד האָט אים באַשטימט פאַר אַ פּאַזש צו דער גרעפין, און באַלד איז דער נייער פּאַזש געוואָרן דער ליבלינג פון זיין האַרינטע. ניט

נאָר מיט זיין שיינקייט און פריינדלעכקייט האָט ער זיך אויסגעצייכנט — ווילהעלם איז געווען אַ טרובאַדור.

מאַרגאַריטע האָט אים גענומען צו זיך אויף דער דינסט און איז געוואָרן די הערשערין פון זיין האַרצן.

איינמאָל איז אין ריימונדס שלאָס געקומען צו גאַסט די שיינע אַגנעסע, איר מאַן ראָבערט פון טאַראַסקאָן, דער באַזיצער פון אַ מעכטיקן שלאָס, און אַ פולע אַנדערע דאַמען און ריטערס. ריימונד האָט גערופן ווילהעלמען זינגען פאַר די געסט. ווילהעלם האָט אָנגעהויבן זינגען דאָס ליד, וואָס ער האָט מיט אַ טאָג פריער פאַרפאַסט לכּבוד זיין הערשערין:

„אין דער רגע, ווען איך האָב אייך צום ערשטן דערזען, און איר האָט אויף מיר געוואָרפן אַ פריינדלעך בליק, האָט גלייך מיין האַרץ אויפגעהערט צו שלאָגן פאַר דער גאַנצער וועלט, און מיין נשמה איז פול געוואָרן נאָר מיט איין פאַרלאַנג. אייער צויבערנדיקער שמייכל און ווייכער בליק האָבן אַזוי געפאַנגען מיין האַרץ, אַז איך האָב פאַרגעסן אַלץ אויף דער וועלט. אייער חן און שיינקייט, קעגן וועלכער מען קאָן ניט בייאשטיין, אייער פריינדלעכער בליק און ליבלעכע רייד האָבן מיך באַרויבט מיין שכל, און זינט דעמאָלט זוך איך אים אומזיסט.

„געגליכן צו אַ מענטשן, וועלכער לאָזט איבער די בלעטער און רייסט אַראָפּ די בלומען, אויסקלייבנדיק די בעסטע, אַזוי בין איך אויף דער רייכער בייט פאַרכישופט געוואָרן פון יענער, וועלכע איז שענער געווען פאַר אַלעמען. גאָט האָט אָפּגענומען אַ טייל פון זיין אייגענער געטלעכער שיינקייט, און באַשאַפן דעמדאָזיקן פרויענגעשטאַלט, און מיט זאַנפטער באַשיידנקייט האָט ער פאַרפוצט איר ריינעם קערפּער.

די געסט האָבן געהערט דאָס געזאַנג און קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וועגן וועמען דער טרובאַדור זינגט, ווייל די טרובאַדורן פלעגן ניט אָנרופן דעם נאָמען פון דער דאַמע, אָדער זיי פלעגן אויסטראַכטן אַ פאַלשן נאָמען. פאַרשטאַנען האָבן נאָר צוויי — אַגנעס און איר מאַן.

ריימונד האָט אָבער אָנגעהויבן חושד זיין. איינמאָל ווען ווילהעלם איז געווען אויף דער יאַגד, איז ריימונד צו אים אַוועק אין וואַלד און האָט פון אים געפאָדערט, ער זאָל זאָגן, ווער איז די דאַמע, וועגן וועלכער ער זינגט.

— אָ, מיין הערשער! — האָט ווילהעלם געזאָגט, — דערמאָנט זיך, וואָס אונז האָט געהייסן דער טרובאַדור ווינטאַדור.

און ער האָט אָנגעהויבן זינגען פאָלגנדיקע ווערטער פון דעם באַרימטן טרובאַדורס ליד: „איך בין זעלטן פאַלש, נאָר אין איין צופאַל האַלט איך מיך אומבאַדינגט צוריק: איך האָב קיינמאָל ניט אַנטדעקט דעם נאָמען פון מיין ליבער. ווען עמיצער פרעגט וועגן דעם, פאַרבאַרג איך אונטער אַן אויסגעטראַכטן דעם אמתן. ווער ס'איז גליקלעך אין ליבע און איז ניט קיין קינד לויטן שכל, וועט קיינמאָל ניט עפענען זיין האַרץ פאַר יעדערן, ווער ס'איז אים ניט אימשטאַנד ניט צו דינען ניט צו העלפן.

— איך שווער, אַז איך וועל אײַך העלפֿן, וויפֿל איך וועל קענען, — האָט רײַמונד אויסגעשריִען.

ווילהעלם האָט געזען, אַז ער וועט דאָ גאָרנישט ניט קענען מאַכן, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט געזונגען וועגן אַגנעסן. רײַמונד האָט אים געוואָלט באַלוינען פֿאַר זײַן צוטרוי, און איז מיט אים אַוועק אין שלאָס ליט צו אַג־נעסען, און האָט איר אַלץ דערציילט, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט. אַגנעסע האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פֿאַר, און האָט דעם גראַף געגעבן אַ פֿאַסיקן ענטפֿער. אָבער די סכּנה איז נאָך ניט אַריבער. געקומען אַהיים, האָט דער גראַף דערציילט זײַן ווײַב וועגן אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען. — אָט פֿאַר־וואָס די שיינע מאַרגאַריטע האָט געוויינט: דער טרובאַדור האָט אין איר געפֿעלשט.

דערווייל האָט ווילהעלם געפֿונען אַ פּאַסיקן מאָמענט און האָט מאַרגאַ־ריטען דערציילט: אַז ער האָט מורא צו זאָגן דעם צערייצטן גראַף דעם אמת, וועלכע דאַמע ער האָט ליב. די גרעפֿין האָט זיך דערפֿרייט. זי האָט איר פֿאַזש מוחל געווען זײַן שולד מיט דעם תּנאַי, ער זאָל פֿאַרפֿאַסן לכּבוד איר אַ פֿאַר־ענטפֿערונגס־ליד.

ווידעראַמאָל האָבן זיך אין שלאָס פֿאַרזאַמלט רײַכע געסט. דער יונגער טרובאַדור האָט ווידער געזונגען זײַנע לידער, און קיינמאָל האָט זײַן שטים אַזוי צאַרט און איידל ניט געקלונגען, ווי דאָס מאָל. ער האָט געזונגען דאָס ליד, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט אויף דער פֿאָדערונג פֿון זײַן דאַמע. ער האָט באַזונגען איר שיינקייט, איר הויכע לאַגע, און אַלס אַ צושפּיל צו דעם ליד זײַנען געווען די ווערטער: איך בעט אײַך, טײַטשט ניט פֿאַלש אויס דעם ליגן, אויף וועלכן איך האָב מיך באַשלאָסן מחמת מורא.

די געסט האָבן אַנטציקטע געהערט דאָס ליד. אָבער רײַמונדס פּנים איז געוואָרן פֿאַרוואָלקנט — ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען.

די גאַנצע נאַכט האָט רײַמונד ניט געשלאָפֿן און געטראַכט וועגן נקמה. אינדערפֿרי איז ער אויפֿגעשטאַנען, האָט דערשטאָכן ווילהעלמען, אויסגעשניטן זײַן האַרץ, געלאָזט אָפּקאָכן און דערלאַנגט מאַרגאַריטען, זי זאָל אויפֿעסן. ווען זי האָט אויפֿגעגעסן, האָט ער איר אויסגעזאָגט, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ מאכל, און האָט איראָניש געפֿרעגט, צו עס געפֿעלט איר.

— דער מאכל איז אַזוי געשמאַק,—האָט מאַרגאַריטע געענטפֿערט, — אַז פֿון היינט אָן זאָל קיין אַנדער שפּײַז ניט אַרויסטרײַבן פֿון מײַן מויל דעם טעם, וואָס ווילהעלמס האַרץ האָט אין אים אַרײַנגעלאָזן.

רײַמונד איז אין כּעס געוואָרן, האָט זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן מיט זײַן שווערד. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן פֿון הויכן באַלקאָן אַראָפּ און איז דער־הרגעט געוואָרן.

די ידיעה וועגן רײַמאָנדס מעשים האָבן זיך פֿאַרשפּרייט איבער אַלע מדינות פֿון דעם אַראַגאָנישן קיניג. פּרוּוען האָבן באַוויינט די געפֿאַלענע און פֿאַרשאָלטן דעם רוצח, טרובאַדורן האָבן פֿאַרפֿאַסט רירנדיקע לידער צום אָנ־דענק פֿון די דערהרגעטע. דער קיניג אַלפֿאָנס און זײַנע ריטער האָבן פֿאַר־

פירט אַ מלחמה קעגן ריימונדן, אים געפאַנגען, זיין שלאָס חרוב געמאַכט. דאַן האָט מען אין איין אַלגעמיינעם קבר ביים אַריינגאַנג פון אַ קירך מקבר געווען מאַרגאַריטעס און ווילהעלמס קערפּערס. ריימונד איז געשטאָרבן אין פינסטערער תפיסה.

אין איין שורה מיט דעם טיפּ פון אַ טרובאַדור־אַ פאַרערער האָט די מיטלאַלטער באַשאַפן אַ צווייטן טיפּ זינגער — אַ טרובאַדור־אַ קריגער. אַן אויסגעשפּראָכענער פאָרשטייער פון דער קריגערישער ריכטונג אין דער פּראָוואַנסאַלער ליריק איז דער טרובאַדור בערטראַן דע באָרן. זיין ליידנשאַפט איז געווען מלחמה. וואו נאָר מ'האָט געקענט אַרויסרופן אַ קריג, אַהין איז בערטראַן געקומען מיט זיינע קריגערישע לידער און האָט פונאַנדערגעבלאָזן די שנאה ביי די צדדים, האָט געמוטיקט יענע, וואָס האָבן פאַרלאָרן מוט, אונטערגעהאַלטן דעם געפיל פון האַס אין יענע, וואָס זיינען געווען גרייט אויף שלום. בערטראַן איז געווען די הויפּט־סיבה פון דער מחלוקת צווישן דעם ענגלישן קיניג היינריך II פּלאַנטאַגענעט מיט זיינע זין ריטשאַרד לייבנהאַרץ און היינריך, און צווישן די ביידע ברידער באַזונדער. דער פאָטער האָט געמוזט פאַרפירן אַ מלחמה אַנטקעגן די קינדער, וואָס האָבן געפירט מלחמה צווישן זיך. און ווען ריטשאַרד איז שוין גרייט געווען אונטערצוגעבן זיך היינריכן, איז בערטראַן געוואָרן אויסער זיך און האָט פאַרפאַסט אַ קריגעריש ליד: „איך קען אין זיך ניט איינהאַלטן מיין פאַרלאַנג צו שאַפן און צו זינגען פאַר דער גאַנצער וועלט אַ סירווענטע. מ'מוז זיך ניט ווילנדיק ווענדן צום קיניג, וועלכער האָט זיינע רעכט אָפּגעטראָטן ריטשאַרדן אויפן באַפעל פון זיין פאָטער: אַזאַ בזיון פאַר אים! ער האָט איצט מער ניט קיין לאַנד און קיניגט מער איבער דעם ניט. ער דאַרף הייסן דער קיניג פון די פחדנים, וואָרעם ער לעבט פון נדבות. דער געקרוינטער קיניג, וואָס באַקומט געהאַלט פון זיין אונטערטאַן, קאָן זיך ניט גלייכן צום הערשער פון בעטאַנדע אַרנאָלד, אויך ניט צום גערימטן איידעלן ווילהעלם, וועלכער האָט איינגענומען די ניט צוטריטלעכע מיראַנדע".

און בערטראַן האָט דערגרייכט זיין ציל. די שנאה האָט זיך פון ס'נייַ צעפלאַקערט צווישן די ברידער, און דער אַלטער קיניג האָט געמוזט אויסשרייען: זאָל פאַרשאָלטן זיין די שעה, ווען איך האָב רחמנות געהאַט אויפן זינגער, דעם שולדיקן אין די מחלוקתן!

אָבער בערטראַנס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט פרייד. „אָ, אַז די מעכטיקע באַראָנען וואָלטן זיך אָפטער געקריגט!"—ענדיקט ער זיין נייע ליד.

אפשר דאָס בעסטע ווערק פון דער קריגערישער ריכטונג אין דער פּראָוואַנסאַלער ליריק איז דאָס פאָלגנדיקע ליד:

— „איך פריי מיך איבער דער אויפבליאונג פונם שיינעם פרילינג, ווען בלעטער און בלומען שטייען אויף צו נייעם לעבן. איך פריי מיך, ווען איך הער דעם פריילעכן כאָר פון פייגל, וואָס זייערע לידער קלינגען אין וואַלד, צונויפגיסנדיק זיך אין האַרמאָניע. איך פריי מיך, ווען איך זע, ווי אין דער וויט האָבן זיך אויסגעשטעלט ביידלעך און געצעלטן. איך פריי מיך, ווען

פערד און רייטער אין פולער באַוואָפענונג פליען איבערן פעלד, וואַרטנדיק אויפן שלאַכט".

„איך פריי מיך, ווען עס דערנענטערן זיך די יעגער און אין אימה אַנטלויפן טשערעדעס און מענטשן. איך פריי מיך, ווען נאָך זיי קומען מיט געוויש די חיילות. מיין בליק פרייט זיך, ווען מען איז גובר אַן אומצוטריט־לעכן שלאָס, ווען ווענט ברעכן זיך און פאַלן, ווען איך זע אין סטעפּ שורות קברים, און אַרום זיי אַ פאַרקאַנדל מיט בלומען.

„איך פריי מיך, זעענדיק דעם שטאַרקן ריטער, ווען ער פליט אין שלאַכט אויף זיין קריגס־פערד. מיט דעם ביישפּיל פון זיין העלדישקייט מו־טיקט ער די איבעריקע צו גבורות. יעדער האַלט פאַר אַ חוב, ניט געוואַקלט זיך, פליען נאָך די שפּורן פון דעם אָנגרייפער, וואָרעם ווער עס האָט ניט גע־שטריטן אין אומרחמנותדיקן שלאַכט, איז גאָרנישט ניט ווערט.

„איך האָב ליב צו זען, ווי עס ברעכן זיך פאַנצירן און דעגנס, שווערדן און קיווערס, און ווי עס פלאָנטערן זיך צונויף אין אַ קופּע די וואַסאַלן. מטורפדיקע פליען אַרום איבערן פעלד הין און צוריק די פאַרבלאָנדזשעטע פערד פון די געפאַלענע ריטערס, און אין דעם אַלגעמיינעם טומל, געבנדיק דעם שונא קלעפּ, טראַכט דער העלד, אויב ער איז ווירקלעך פון איידעלן שטאַם, נאָר וועגן דעם, ווי צו פאַלן מיט רום, אָבער ניט אָפּצוטרעטן פאַרן שונא.

„ניט קיין שלאָף, ניט קיין שפּייז, ניט קיין געטראַנק, טרייסטן מיך ניט אַזוי, ווי דער שטרייט־אויפרוף פון ביידע זייטן: „פאָראויס!" און הויך לאָזט זיך הערן פון טונקעלן וואַלד דאָס הירזשען פון פערד, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע רייטער. אַרוף צו הילף וועקט די פריינד, און יונג און אַלט דעקן מיט זייערע טויטע קערפּערס געדיכט דאָס גרינענדיקע פעלד. און וואו־ניט־וואו ליגט אַן אויסגעצויגענער קערפּער פון אַ קריגער, וואָס פון זיין ברוסט שטעקט נאָך אַרויס דער שטיל פון שווערד.

אין דער לעגענדע וועגן דעם הייליקן אַלעקסי איז פאָרגעשטעלט אַ טיפּ פון אַן אַסקעט מיט דעם גאַנצן פאַנאַטיזם זיינעם, מיט דעם גאַנצן ביטול פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט, מיט דער אומבאַגרענעצטער טרייקייט צו דעם פּרינציפּ, צו וועלכן ער דינט. דערדאָזיקער שטריך מאַכט אים נאָענט מיט די טרובאַדורן ווילהעלם און בערטראַן־דע־באָרן. דאָס איז דיזעלבע גרענעצלאָזע טרייקייט, הגם צו אַן אַנדער פּרינציפּ פון ריטערשאַפט. סיי אין דער לעגענדע וועגן דעם הייליקן, סיי אין דער געשיכטע וועגן ווילהעלם איז מערקווירדיק די באַציאונג, וואָס איז פול מיט מיטגעפיל מצד די אַרומיקע צו ביידע העלדן.

די פּערזענלעכקייט איז פאַרשוואונדן הינטער די פּאַרטיקע קאָדעקסן, וואָס די קירך האָט פאַר איר צוגעגרייט. דער סאַמע דרייסטער טרוימער פון מיטלאַלטער האָט די העזה ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן גרינדלעך ענדערן די איינגעשטעלטע פאָרשטעלונגען. דער קרייז פון זיינע באַגריפן איז פעסט־געשטעלט געוואָרן דורך זיין געבורט, וואָס האָט אים גלייך אַריינגעפירט אין

דער אָדער יענער סביבה מיט אירע כּללים, מנהגים און אָנשויאונגען. דער מענטש, וואָס זיין געבורט האָט אים באַשטימט צום ריטערישן שטאַנד, האָט הייליק געהאַלטן אַלע מנהגים פון ריטערטום. אים האָט אין קאָפּ ניט געקענט קומען דער געדאַנק צו ענדערן אַפילו די קלענסטע פּרטים פון דעם ריטערישן ריטואַל, צו פּראָטעסטירן קעגן וועלכע ס'איז ריטערישע אָנשויאונגען. דער מענטש פון אונזער צייט שטרעבט זעלבשטענדיק אויסצואַרבעטן זיך אַ וועלטאַנשויאונג, קעמפט מיט די באַדינגונגען, וואָס שטערן די שטרעבונגען פון זיין נאַטור. פאַר דעם מיטלאַלטערישן מענטשן איז אַ וועלטאָנשויאונג גרייט געווען, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. דער מענטש פון אונזער צייט קוקט אויף די איינגעשטעלטע מנהגים, ווי אויף עפּעס אַזוינס, וואָס שטאַמט פון אים גופא, ווי אויף עפּעס אַזוינס, וואָס האָט די טבע געענדערט צו ווערן אין הסכּם מיט די פאָדערונגען פון דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט. פאַר דעם מיטלאַלטערישן מענטשן זיינען די איינגעשטעלטע מנהגים ניט געווען קיין שאַפונג פון מענטשנס שכל, זיי זיינען געשטאַנען אויסער זיין מאַכט און האָבן זיך ניט געטאָרט ענדערן. דער פּערזענלעכקייט איז געגעבן געוואָרן פרייהייט צו טאָן נאָר אין די גרענעצן פון דידאָזיקע איינגעשטעלטע מנהגים. אָט פאַרוואָס די קריסטלעכע און ריטערישע ליטעראַטור נעמט זעלטן אָן אַ סאַטירישע ווענדונג. זייערע פאָרשטייער האָבן ניט געקענט קריטיקירן דאָס, וואָס איז געווען געהייליקט דורכן אויטאָריטעט. אויפדעקן איז אין דער קריסטלעכער און ריטערישער ליטעראַטור ערלויבט געווען מער ניט ווי אין די גרענעצן פון די געשאַפענע מנהגים און באַגריפן. אַזוי דעקן אָפטער אויף די כראָניקעס, וועלכע געהערן אויך צו דער קריסטלעכער ליטעראַטור, די בייזע מעשים פון די קיניגן און הערשער. אָבער אין וואָס פאַר אַ ריכטונג איז די באַשולדיקונג געגאַנגען, זעט מען דערפון, וואָס דער באַוואוסטער בלוטיקער איבערגאַנג פון די סאַקסן אין קריסטנטום איז געלויבט געוואָרן מצד דעם מחבר פון דער כראָניק. ווי אַלע גייסטיקע ערשיינונגען פון דער מיטלאַלטער, אַזוי האָט אויך די קריסטלעכע ליטעראַטור נאָר געשטיצט און פאַרשפּרייט די מיינונגען פון די קאַטוילישע גייסטלעכע.

אויפדעקונגען זיינען ניט פרעמד געבליבן אויך דער ריטערישער ליטעראַטור. די טרובאַדורן, די טרווערס און זייערע דייטשע נאָכמאַכער, די מינעזינגערס פלעגן אויך אָפט אַרויסטרעטן מיט אויפדעקונגען בנוגע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע געשעענישן. דערזעלבער בערטראַן־דע־באָרן האָט געשריבן סאַטירישע סירווענטעס. אייניקע סירווענטעס זיינען פול מיט אַזעלכע צאָרנדיקע אָנפאַלן אויף דער קאַטוילישער גייסטלעכקייט, אַז מ'זעט אין זייערע אויטאָרן — גאַנץ גערעכט — פאָרגייער פון דער רעפאָרמאַציע.

איין אויטאָר פון אַ סירווענטע זאָגט: „איך וואונדער מיך ניט, וואָס מענטשן זיינען פאַרפירט געוואָרן אין בלאָנדזשעניש. דו, רוים, האָסט געשלײדערט די וועלט אין קאַמף און אומגליק. מידות און מעשים טובים זיינען טויט און באַגראָבן דורך דיר, פאַלשע רוים, וועג־ווייזנדיקער שטערן, וואָרצל און שפּיץ פון אַלדאָס בייז, אָ, ליגנערישע רוים, ביסט אַזוי פאַרבלענדט פון גייצי-

קייט, אַז דו פאַרנעמסט זיך נאָר מיט שערן די וואָל פון די שעפּלעך, וואָס דו פּיטערסט. זאָל אָבער יעדער הייליקער גייסט, וואָס איז אָנגעטאָן אין מענטשלעך לייב, דערהערן מיינע געבעטן און דיך אָן רחמנות חרוב מאַכן, וואָרעם דו באַגייסט זיך ליגנעריש און פאַלש סיי מיט אונז, סיי מיט די גריכן, דו נעמסט אָפּ דאָס פלייש ביים אָרימאַן. דו ביסט מוחל זינד פאַר געלט און אַז. וו.

אָבער דידאָזיקע פאָרגייער פון די קינפטיקע בייזע שונאים פון דער קאַטוילישער קירך, הוטען און לוטער, זיינען געווען אַ זעלטענע ערשיינונג צווישן די טרובאַדורן און די מינעזינגער, און האָבן זיך באַוויזן ערשט צום סוף מיטאַלטער. פאַר אַזעלכע טעמעס ניט וועגן ליבע האָט די פאַנטאַזיע פון די זינגער באַשאַפן נאָר איין פאָרם און איין נאָמען — סירווענטע. אין דערזעלבער צייט האָט די ליבע-פּאָעזיע געשאַפן פאַרשיידענע פאָרמען, פאָראויסזענדיק אַלע צופאַלן פון ליבע-באַציאונגען. דאָ איז געווען אַ פּשוטע ליבע-ליד — „קאַנצאָנע", און אַ „סערענאַדע", וואָס דער ריטער האָט אינאָוונט געזונגען ביי זיין דאַמע אונטערן פענסטער. און אַ „אַלבע" — אַ ליד, אַן אזהרה דעם ריטער מיט דער דאַמע, וועלכע זיינען פאַרזונקען אין דעם פאַרגעניגן פון צוזאַמענטרעפן זיך, אַז עס קומט שוין אָן דער פרימאָרגן, און „אַ טענצאָנע" — אָדער אַ פּאָעטישער טורניר צווישן צוויי טרובאַדורן. דידאָזיקע שטענדיקע רעגלאַמענטאַציע, וועלכע דרינגט אַדורך אַלע זייטן פון מיטלאַלטערישן לעבן און שאַפונג, האָט געמאַכט די פּאָעזיע פון די טרובאַדורן מאָנאָטאָן און תּנאַיש. זייערע געפילן אַנטוויקלען זיך לויטן שאַבלאָן. זיי זיינען ענלעך איינער אויפן צווייטן. קיין פּערזענלעכקייט איז ניטאָ, עס זיינען דאָ נאָר פּאַרטיקע פאָרמען און מנהגים, פון פריער איינגעשטעלטע, וואָס טאָרן ניט געענדערט ווערן, ערלויבן ניט קיין פרייהייט פון געפיל און זיין אָריגינעלן אַרויסווייזן זיך אויסער די פאָרגעשריבענע ראַמען.

אָבער אויב די ליטעראַטור פון ריטערטום און קריסטנטום איז אַן אָפּשפיגלונג פון דעם געדריקטן צושטאַנד, אין וועלכן דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט האָט זיך געפונען, איז דווקא אין דער סביבה, וועלכע האָט געשפּילט די ראָל פון פאַריער אויף דער געשיכטלעכער אַרענע פון מיטלעלטער, האָט זיך אויף אַ וואונדערלעכן אופן באַוויזן אַ געזונטע ליטעראַרישע שטרעמונג. צווישן דער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג, אויף וועלכער עס האָט זיך באַזונדער שווער אָפּגערופן די ניט נאָרמאַלקייט פון דער מיטלאַלטערישער אָרדענונג און וועלטאָנשויאונג, ווערט געמאַכט אַ פּרווו אַרומצוקוקן זיך אַרום זיך, באַציען זיך קריטיש צו די שטאַנדן, וואָס האָבן געבראַכט אויף דער וועלט דידאָזיקע בזיון-באַציאונג צו דער פּערזענלעכקייט, צו אירע רעאַלע און ערדישע אינטערעסן. די ריטערישע פּאָעזיע האָט אויסער לירישע קאַנצאָנעס און סערווענטעס געשאַפן עפּישע ווערק, וואָס זיינען באַוואוסט אונטערן נאָמען Chansons de gestes, ד. ה. עפּישע לידער, אין וועלכע עס דערציילט זיך וועגן גבורות און אַוואַנטורעס פון ריטער. ווען די שטעט דערהויבן זיך, באַווייזן זיך פּאַראָדיעס אויף Chansons de gestes. דידאָזיקע פּאַ-

ראָדיעס ווייזן אָן אויף דער ירידה פון ריטערטום מיט זיינע אידעאַלן. זיי באַווייזן, וואָס פאַר מיאוסע פאָרמען עס האָבן אין דער פראַקטיק אָנגענומען די ריטערישע אידעאַלן, אין וואָס האָט זיך צום סוף מיטלאַלטער פאַרוואַנדלט די ליידנשאַפט פון די ריטער צו אַוואַנטורעס און ליבע=אינטריגעס. דער ריטער ערשיינט אין זיי אַלס אַ נעגאַטיווער טיפּ. אויסגווייניק האַלט ער בלומרשט פון די ריטערישע געבאָטן, אין דער אמתן אָבער איז ער אַ נידעריקער מענטש, וואָס שעמט זיך ניט צו פירן אינטריגעס און רכילות, וואָס מערקאַנטילע אויסרעכענונגען זיינען אים ניט פרעמד, וואָס הייבט אָן צו פאַרשטיין די קראַפט פון געלט און פון דער בורזשואַזיע און איז גרייט מיט איר צו שליסן אַפילו אַ בונד דורך שידוכים. אין דידאַקטישע פּאַראָדיעס איז פאַרבליבן דער געהויבענער טאָן פון Chansons de gestes, וועלכער האָט דאָ אַ כאַראַקטער פון אָנגעבלאָזנקייט, און דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די סאַטירישע העלקייט, שטרייכט אונטער די סתירה אין דער ריטערישער סביבה צווישן אידעאַל אוןווירקלעכקייט און שטעלט אַרויס נאָך מער קאָמיש די ריטערישע פיגורעס, זייערע אַוואַנטורעס און אינטריגעס.

צוזאַמען מיט דידאַקטישע פּאַראָדיעס, די פאָרגייערינס פון סערוואַנטעסעס אומשטערבלעכן ראָמאַן דאָן קיכאָט, באַווייזט זיך אויך אַ ריי אַנדערע ווערק, נאָר מער וויכטיקע דערפאַר, וואָס ניט האָבנדיק קיין דירעקטע סאַטירישע צילן, מאָלן זיי דעם שטייגער לעבן, די מידות און די וועלטאָנשויאונג פון דער בורזשואַזיע. דידאַקטישע ווערק האָבן זיך אין פראַנקרייך גערופן פאַבליאָ, אין דייטשלאַנד—שוואַנקען: די אויטאָרן פון דידאַקטישע קליינע, פולע מיט איינפאַכקייט און הומאָר, דערציילונגען זיינען אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָטישן און דאָרפישן לעבן, האָבן אין פולער מאָס אָפּגעשפּיגלט דעם אינערלעכן לעבן פון פויער און פון בורזשואַ, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן רייך צו ווערן. די פאַבליאָ האָבן זיך טאַקע ניט געשטעלט קיין צילן פון מוסר, אָבער ווען אין זיי ערשיינען פאָרשטייער פון דער גייסטלעכקייט און פונם ריטערטום, האָבן שוין דידאַקטישע העלדן ניט קיין שפּורן פון אַמאָליקן אידעאַליזם. אָנשטאָט דעם פאַנאַטישן אַסקעט פון דער פריסטער מיטלאַלטער קומט דער כיטרער און פאַלשער מאָנאַך, וועלכער טוט אָפּ אונטערן שוץ פון קריסטנטום זיינע פינסטערע געשעפטן. דאָס איז אַ בוצע בצע, אַן אויסגעלאַסענער חונף, אַ גייציקער און אַ פאַרזונקענער אין נידעריקע ליבע=אינטריגעס, דאָס איז דער פאָרגייער פון די צוקינפטיקע העלדן פון באָקאַטשיאָס דעקאַמעראָן.

דער מאָנאַכנטום איז געפאַלן, צום סוף מיטלאַלטער איז אויך דער ריטערטום געפאַלן. פאַרלאָרן די פריערדיקע אידעאַלן, האָט זיך דער ריטער געשטעלט אין נייע באַציאונגען צו דער בורזשואַזיע. חתונות צווישן ריטער און בורזשואַזע משפחות, וועלכע זיינען פריער כמעט ניט מעגלעך געווען, ווערן ניט זעלטן געמאָלט אין די פאַבליאָ. די פאַבליאָ, אַ ניט געקינצלטע איינפאַכע ערציילונג אָן פאָרגענומענע טענדענצן, שטעלט זיך ניט קיין ציל צו אידעאַליזירן די בורזשואַזיע און דעם פויערטום, זי פאַרלייקנט ניט

די אומוויסנהייט און גראָבקייט פון פויער, די גייציקייט און די געשעפט־אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. פונדעסטוועגן איז דער צוזאַמענשטויס צווישן פויער מיטן ריטער און מאָנאַכן דער באַליבטסטער סוזשעט אין די פאַבליאָ. דערביי נעמט אָפּט דער קלוגער און דער טיכטיקער פויער די אויבערהאַנט איבער דעם תּמעוואַטן ריטער און דעם שעלמישן מאָנאַך. אין איין פאַבליאָ קומט פאָר צווישן ענגלישן קיניג און אַ זשאָנגלער פון עלי פאָלגנדיקער שמועס: אפשר וועסטו מיר פאַרקויפן דיין פערדל? — פרעגט דער קיניג. — מיין קיניג, פיל גיכער, איידער אָפּגעבן דיר אומזיסט. — ענטפערט דער זשאָנגלער. — פאַר וויפיל גיסטו מיר אים אַוועק? — פאַר אַזוי פיל, פאַר וויפיל איך וועל אים פאַרקויפן. — פאַר וויפיל־זשע וועסטו פאַרקויפן? פאַר אַזוי פיל, וויפיל איר וועט מיר פאַר דעם געבן. — וויפיל־זשע וועל איך געבן? — אַזוי פיל, וויפיל איך וועל באַקומען. — ער איז אַ יונגער? — ניט קיין אַלטער, קיין מאָל נאָך די באָרד ניט געגאָלט. — ער עסט גוט? — יאָ, גוטער קיניג, ער עסט פאַר אַ טאָג אויף האָבער מער, איידער איר וואָלט אויפגעגעסן פאַר אַ גאַנצע וואָך. — ער טרינקט גוט? — יאָ, קיניג, איך שווער אַייך, ער טרינקט פאַר איין מאָל אויס וואַסער מער, איידער איר פאַר אַ גאַנצע וואָך. — לויפט ער גוט און שנעל? — וועגן דעם איז ניטאָ, וואָס צו פרעגן. איידער איך באַוויז נאָך אַרויסצופאָרן אין גאַס אַריין, יאָגט שוין זיין קאָפּ איבער דעם עק. — זאָג מיר, פריינד, איז ביי אים אַ רואיקער גאַנג? — דעם אמת זאָגנדיק, קיניג, ליגנדיק אין בעט, קאָן אַ מענטש מער האָפן אויף רואיקייט, איידער רייטנדיק אויף מיין פערד. — צי האָט ער ניט עפּעס אַ מחלה? — מיין ערנוואָרט, קיניג, ער האָט זיך אויף זיינע מחלות קיינמאָל ניט געקלאָגט ניט פאַר מיר, ניט פאַר עמיצן אַנדערש. — ליבער פריינט, וואָסערע פיס האָט ער? דו האָסט זיי פּרובירט? — איך האָב זיי קיינמאָל ניט פּרובירט און ווייס ניט, וואָס פאַר אַ טעם זיי האָבן. — די צונג איז ביי אים אַ גוטע? — יאָ, איך מיין, אַז קיין בעסערע וועט זיך ניט געפינען פון דאַנען ביז ליאָן. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט גערעדט ניט קיין ליגנס, ניט קיין שלעכטס אויף לייטן. — וואָס ענטפערסטו מיר אַלץ פאַרקערט? וואָס ביסטו פאַר אַ קונדעס? וואָס פאַר אַ מנהגים האָסטו? — מיר זיינען אַ היפּש ביסל חברים, און אַזעלכע זיינען מיר, קונדייסים, אַז מיר עסן אומעטום, וואו מען בעט אונז, און נאָך גיכער, וואו עס ליגט שלעכט. מיר זיינען ניט גייציק און ניט להוט נאָך געלט, און עסן גערן אויף אין איין טאָג, וואָס מיר האָבן פאַרדינט פאַר אַ חודש. — רעכט, איך זע וואָס פאַר אַ מנהגים ביי אַייך זיינען, איר פאַרברענגט דאָס לעבן אין זינלאָזיקייט און אין זינד. — יאָ, קיניג, אונזער לעבן איז פול זינד. אָבער בעסער שוין פאַרברענגען דאָס לעבן אַזוי, איידער שטערן זיך אין עפּעס. אַלץ איינס קאָן מען קיינעם ניט צופרידן שטעלן. אויב איר זייט אַן איינפאַכער קלוגער מענטש, וועט מען אויף אַייך זאָגן, אַז איר זייט אַ שעלמע. אויב איר רעדט גערן און אָפּט, וועט מען אַייך האַלטן פאַר אַ פּלוידערזאַק. אויב איר לאַכט גוטמוטיק, האַלט מען אַייך פאַר אַ קינד. אויב איר לאַכט אָפּט, זאָגט מען: איר זייט

אַ נאַר, אויב איר זייט אַ רייכער ריטער און מיידט אויס טורנירן, וועלן אַלע זאָגן, אַז איר זייט ניט ווערט קיין פוילן עפּל. אויב איר זייט מוטיק און דרייסט, וועט מען אייך פאַרמשפּטן פאַר אייער אַרעמקייט. אויב איר זייט מוטיק און רייך, וועלן אַלע זאָגן: „כאַפּט עס דער טייוול, וואו האָט ער עס אַלץ גענומען?" אויב איר זייט אָרעם און האָט ניט פונוואַנען צו לעבן, וועלן אַלע זאָגן, אַז דאָס איז פון אויסברענגעריי און שיכּרות. אויב איר פאַרקויפט אייער ערד, וועט מען זאָגן: „כדאַי געווען אים צו געבן ערד?" אויב איר קויפט אויף לאַנד, וועלן אַלע שרייען: „אָט אַן אומדערזעטיקטער!" אַזוי אַז וואָס איר זאָלט ניט טאָן, וועט מען אַלע מאָל געפינען, וואָס צו זאָגן קעגן אייך.

ניט ווייניקער פאַרשפּרייט איז געווען די פאַבליאָ וועגן אַ פּויער אַ רופא, וואָס מאָליער האָט אים אויסגעניצט פאַר זיין באַוואוסטער קאָמעדיע. די פרוי זיינע האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין אים, פאַרוואָס ער האָט זי טעגלעך געשלאָגן, און האָט דערציילט פאַר די שליחים פון קיניג, וועלכע האָבן געזוכט אַ רופא פאַר דער קראַנקער בת־מלכּה, אַז איר מאַן ווייס זייער גוט די קונסט פון היילן, אָבער ער פאַרלייקנט עס, סיידן מען שלאָגט אים גוט אָן, דעמאָלט ערשט איז ער זיך מודה. פאַרשטייט זיך, מען האָט דעם פּויער גוט אָנגעשלאָגן און געבראַכט פאַרן קיניג. דער כיטרער פּויער האָט זיך אָבער אויסגעדרייט פון דער לאַגע. דער בת־מלכּהס קרענק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט זיך דערוואָרגן מיט אַ ביין. דער פּויער האָט פונאַנדערגעלייגט אַ פייער, אויסגעטאָן זיך און גענומען מאַכן אַנטקעגן פייער משוגענע העוויות, אַזעלכע קאָמישע, אַז די בת־מלכּה האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, און דער ביין איז אַרויסגעשפּרונגען. די בת מלכּה איז געזונט געוואָרן. דער עולם האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם וואונדערלעכן דאָקטאָר, און מאַסן חולאים האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטאָן, עד זאָל זיי אויסהיילן. אָבער דער פּויער האָט זיך איצט אויך ניט פאַרלאָרן. ער האָט ווידער אויפגעלייגט אַ פייער און געזאָגט: זאָל מען איינעם פון די קראַנקע פאַרברענען און זיין אַש געבן די איבעריקע, וועלן זיי געזונט ווערן. און ווען די חולאים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי ערקלערט, אַז זיי זיינען שוין געזונט, און זיינען אַוועק.

אַזוי זיינען צום סוף מיטלאַלטער אָנגעוואַקסן כּוחות, וואָס האָבן געזאָלט מאַכן אַן עק צו דער פעאָדאַלער הערשאַפט פון דער קירך. דער וויסנשאַפטלעכער געדאַנק, אָנהייבנדיק פון דיאַלעקטישער אַרבעט צום שוץ פון דער קירכלעכער לערע, האָט זיך ביסלעכוויז באַפרייט פון דער דאָזיקער דינסט־ראָליע און גענומען זוכן זעלבשטענדיקע אויפגאַבן. אויף אים און אויף זיינע פאַרשטייער (די אוניווערזיטעטן) האָבן זיך אָנגעהויבן שטיצן די קיניגן און די קייסאָרים אין קאַמף קעגן פּויפּסטנטום. צוזאַמען מיט דער קראַפט האָט די וועלטלעכע מאַכט געזוכט צו הילף אין קאַמף קעגן דער גייסטלעכקייט די ניי־אויפגעוואַקסענע מעכטיקע קראַפט—די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. די דאָזיקע נייע קראַפט איז אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דער קירכלעכער און פעאָדאַלער טראַדיציע, אויסקעמפנדיק אַלץ מער און מער רעכט פאַר דער

מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, באַפרייענדיק זי ביסלעכווייז פון אויטאָריטעט די פּערזענלעכקייט האָט אין זיך גופא, אין אירע באַדערפענישן און שכל געגומען זוכן אַ מקור צו פאַרענטפערן די פראַגן, וועלכע האָבן ביז איצט געפונען אַ גרייטע באַשיידונג אין דער קירך, אָדער אין דעם ריטערישן סטאַטוס.

די גאַנצע מיטלאַלטערישע וועלט־אָנשויאונג האָט איר פולן אויסדרוק געפונען אין דער גרעסטער שאַפונג פון דער עפּאָכע, וועלכע מען האָט ריכטיק פאַררעכנט פאַר דער ענציקלאָפּעדיע פון מיטלאַלטערישקייט — אין דער געטלעכער קאָמעדיע פון דאַנטע. דאַנטע האָט געפּרווט באַשיידן די גרונט־פראַגן פון דער עפּאָכע, — די פראַגן וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן דעם פויפּסטנטום און דער אימפּעריע, צווישן דער טעאָלאָגיע און דער וויסנשאַפט. ער איז אויך געווען דער ערשטער בולטער משורר פון דער זיך באַפרייענדיקער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. אין זיין פּאָעזיע איז אים געלונגען צו פאַראייניקן דעם ליבע־אידעאַליזם פונם טרובאַדור און די דיאַלעקטישע חכמה פון סכאָלאַסטיקער און די אַנטציקונגס־אויסברוכן פון דעם מיסטיקער, אויך די ערשטע ניט דייטלעכע פּראָבעס פון דעם זיך־עמאַנציפּירנדיקן געדאַנק צו נעמען אויף זיך די זאָרג וועגן באַשיידן די אייביקע פראַגן.

III.

די אידעע וועגן דער הייליקער רוימישער אימפּעריע. — דער צושטאַנד פון אייראָפּע, איטאַליע און פלאָרענץ אין דאַנטעס צייטן. — דאַנטעס ביאָגראַפיע. דריי מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דאַנטעס אינערלעכער אַנטוויקלונג. — בעאַטריטשע. — גוועניטשעליס און קאַוואַלקאַנטיס השפּעה אויף דאַנטעס ליריק. — דער פּלאַטאָנישער כאַראַקטער פון דער דאַנטישער ליבע. — בעאַטריטשעס מאָראַלישע השפּעה. די באַדייטונג פון דאָס „נייע לעבן”. — דער „מאַלצייט”, זיין אינהאַלט און אידעען. — דאַנטעס אָנטייל אין די פּאָליטישע געשעענישן פון זיין צייט. דער טראַקטאַט „וועגן מאָנאַרכיע”. — דאַנטעס בליק אויף דער פויפּסטלעכער און דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט.

איידער מען נעמט זיך פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דאַנטע און פון זיין פּאָעזיע, מוז מען דערמאָנען וועגן דער לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אייראָפּע, איטאַליע און דאַנטעס געבורטשטאָט פלאָרענץ — דידאָזיקע דריי קאָנצענטרישע קרייזן, וואָס דער שעפער פון „דער געטלעכער קאָמעדיע” שטייט אין זייער צענטער.

די אַלטע וועלט האָט דער מיטלאַלטער איבערגעלאָזן ירושה די אידעע פון אַן אַלוועלטלעכער רוימישער מאָנאַרכיע. ווען די מעריב־רוימישע אימפּעריע איז געפאַלן, איז דידאָזיקע אידעע געבליבן לעבן אין דער מיטלאַלטערישער געזעלשאַפט. אין 962 י. האָט דער פויפּסט יאָהאַן XII געקרוינט דעם דייטשן קיניג אָטאָ I מיט דער קרוין פון דער רוימישער אימפּעריע. אַזוי איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן די אימפּעריע, וואָס האָט שפּעטער באַקו־

מען דעם נאָמען: „די הייליקע רוימישע אימפּעריע פון דער דייטשער נאַציע“. זי האָט געוואָלט זיין דער המשך פון דער אַלטער רוימישער און קאַראָלינגישער מאָנאַרכיע. דער אימפּעראַטאָר האָט געדאַרפט ווערן גאָטס שטעלפאַרטרעטער אויף דער ערד בנוגע וועלטלעכע ענינים און שיצער פון דער קירך. ער — דער וועלטלעכער ראש פון דער קריסטלעכער וועלט, ווי דער פּויפּסט — דער גייסטלעכער. אָבער אינגיכן איז דער פּויפּסט געוועזן גענייטיקט אָנצוהויבן אַ קאַמף מיטן אימפּעראַטאָר פאַר דעם ערשטן אָרט אין דער קריסטלעכער וועלט. די גאַנצע מיטלאַלטערישע געשיכטע איז פול מיט דעמדאָזיקן קאַמף. אַמאָל נעמען די אויבערהאַנט די פּויפּסטן, אַמאָל די אימפּעראַטאָרן.

דערדאָזיקער קאַמף האָט אייראָפּע געריסן אויף שטיקער, אָבער ערגעץ האָט ער זיך אַזוי שטאַרק ניט געפילט, ווי אין איטאַליע. אַהער פלעגן קומען מיט חיל די אומצופרידענע מיטן פּויפּסט קייסאָרים. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך צעטיילט אויף צוויי פּאַרטייען, די אָנהענגער פון פּויפּסט — די גוועלפן, און די אָנהענגער פון קייסער — די גיבעלינען, און איטאַליע איז געוואָרן אַן אַרענע פון שטענדיקע מלחמות און בלוטפאַרגיסונגען. צו דעם קאַמף צווישן דידאָזיקע צוויי פּאַרטייען איז נאָך צוגעקומען דער קאַמף, וואָס איז אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דער אַנטוויקלונג פון די שטעט. צווישן די שטאָטישע אינדוסטריעלע קלאַסן און צווישן די ריטער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט, קומט פאָר אַ קאַמף פאַר דער מאַכט. אָנשטאָט גוועלפן און גיבעלינען בילדן זיך אויס צוויי נייע פּאַרטייען — די אַריסטאָקראַטיע און די בורזשואַזיע. אָבער די טראַדיציע פאַרבלייבט נאָך לאַנג אין דער קראַפט, און די נייע פּאַרטייען רופן זיך מיט די אַלטע נעמען — גוועלפן און גיבעלינען, פאַרגעסנדיק לגמרי די אַמאָליקע פּרינציפּן, וואָס אין זייער נאָמען האָבן זיך די אַלטע פּאַרטייען געשאַפן. די בורזשואַזיע, הינטער וועלכער עס שטייען די אָרעמע מאַסן, שטרעבט אָפּצונעמען די מאַכט ביי דער אַריסטאָקראַטיע. אין פיל ערטער האָט דידאָזיקע שטרעבונג ערפאָלג, און אין איטאַליע אַנטשטייען אַ ריי דעמאָקראַטישע רעפּובליקן. געוויינלעך שטייט אין דער שפּיץ פון יעדער פּאַרטיי איינע אַ באַוואוסטע פאַמיליע. אָפט ווערט דער קאַמף אַרויסגערופן דורך פּערזענלעכע צוזאַמענשטויסן צווישן אַזעלכע פאַמיליעס, און מיט דעם נאָמען גוועלפן און גיבעלינען ווערן באַצייכנט די גרופּן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע שטייען אויפן צד פון דער אָדער יענער פאַמיליע.

דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט פלאָרענץ. אַ בחור פון דער פאַמיליע בואָנדעלמאָנטי, וועלכע האָט געשמט מיט איר רייכקייט און איינפלוס, האָט צוגעזאָגט חתונה האָבן מיט אַ מיידל פון דער פאַמיליע דזשיאַנטרופעטי, אָבער אינגיכן האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ מיידל פון דער פאַמיליע דאָנאַטי און מיט איר חתונה געהאַט. די פאַמיליע דזשיאַנטרופעטי צוזאַמען מיט דער פאַמיליע אַלבערטי האָט דעם פאַלשן חתן געטויט אין דעם טאָג פון זיין חתונה. גאַנץ פלאָרענץ האָט זיך דאַן צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, וועלכע האָבן צווישן זיך ניט געקענט שלום מאַכן. פונדאַנען שטאַמען די בלוטיקע

מחלוקתן, וועלכע שעקספיר האָט שפּעטער אַזוי מייסטערהאַפט פאָרגעשטעלט אין „ראָמעאָ און דזשוליעטאַ". דאָס איז פאָרגעקומען אין אָנהייב XIII י. ה. אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט זיך די מחלוקת געצויגן, ביז זי האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישן קאַמף, און אין דאַנטעס צייטן געפינען מיר אין פלאָרענץ צוויי קעמפנדיקע פּאַרטייען: די אַריסטאָקראַטיע, אָדער די שוואַרצע מיט דער משפחה דאָנאַטי אין דער שפּיץ, און די פאָלקס-פּאַרטיי אָדער די ווייסע, ביי וועלכע דעם גרעסטן איינפלוס האָט געהאַט די פאַמיליע טשערקי. באַקומען אַ נייעם כאַראַקטער און אַ נייעם נאָמען, האָבן דאָך די פּאַרטייען איבערגעלאָזן פאַר זיך די אַלטע נעמען אויך — גוועלפן און גיבעלינען. אין 1252 י. האָבן די גוועלפן, די ווייסע, מנצח געווען די גיבעלינען — אַרויסגעטריבן, זייערע פּאַלאַצן — חרוב געמאַכט. אָבער אין צוויי יאָר אַרום זיינען די אַרויסגעטריבענע צוריק געקומען אונטער דער אָנפירונג פון דעם שטאָלצן פאַרינאַטאַ-דעלי-אובערטי און צעקלאַפּט די גוועלפן. מיט טייכן בלוט האָבן די גיבעלינען באַצייכנט זייער נצחון. אין צאָרן האָבן זיי אַפילו געוואָלט חרוב מאַכן די גאַנצע שטאָט. נאָר זייער אָנפירער האָט ניט דערלאָזן.

אין 1267 י. איז אין פלאָרענץ געוואָרן אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג. שרעקלעכע ווילדקייט איז געווען דער רעזולטאַט פון לאַנגן קאַמף. הונגער-טויט, באַגראָבן לעבעדיקערהייט — דאָס זיינען געווען געוויינלעכע מיטלען פון נקמה אין יענער פינסטערער עפּאָכע. עלטערן פלעגן טויטן קינדער, קינדער — עלטערן, — אויב זיי זיינען געווען אין פאַרשיידענע פּאַרטייען. אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט באַשרייבט די דעמאָלטיקע תּפיסות אַזוי: „דאָרט איז געווען געוויין און סקריפּען פון ציין. דאָרט זיינען געווען טרויער און קרעכצן. דאָרט זיינען אויך געווען ווערים, אייביקע פינסטערניש, עיפּוש און פּיינען, וואָס האָבן אויסגעטריקנט דאָס בלוט און דעם מאַרך פון די ביינער. דאָרשט, הונגער, אימה, ציטערניש, גוואַלדן און זיפצן, וועלכע קיינער האָט ניט געהערט. דאָרט האָבן זיך מענטשן דערוואוסט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז שרעקלעכער פאַר דעם טויט". די פּויפּסטן און די אימפּעראַטאָרן האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן די גרויסע צילן, וואָס זייערע פאָרגייער האָבן זיך געשטעלט. ערגייץ, מאַכט-דאָרשט, לעבנספאַרגעניגנס — דאָס זיינען געווען די איינציקע סטימולן פון זייערע מעשים. די קירך האָט אויפגעהערט פאַרטיידיקן געדריקטע און איז אַליין געוואָרן אַ באַדריקערין. שוחד און דאָס רעכט פון שטאַרקן האָבן געהערשט אין געריכט. די גייסטלעכקייט איז געוואָרן אויסגעלאַסן, און די גלחים פלעגן פון נאַכט-אָרגיעס קומען אין קלויסטער צו דער גאָטעס-דינסט.

די בעסטע מענטשן פון דער עפּאָכע האָבן באַטריבטע געקוקט אויף דער טרויעריקער לאַגע פון זייער פאָטערלאַנד און פון גאַנץ איראָפּע, און געטראַכט, ווי אומצוקערן די מענטשהייט צו אָרדענונג און רואיקן לעבן. דאַנטע האָט אין זיין „געטלעכער קאָמעדיע" געגעבן דאָס בילד פון דער עפּאָכע,

אויסגעדריקט איר וועלט־אָנשויאונג און באַוויזן, אין וואָס האָבן אירע גרעסטע מוחות געזען דעם מיטל פון רעטונג.

וועגן דעם אויסערלעכן לעבן דאַנטעס ווייס די וויסנשאַפט ניט פיל. זיין ערשטער ביאָגראַף איז געווען זיין ליידנשאַפטלעכער פאַרערער באָקאַטשיאָ. ליידער איז אין דערדאָזיקער ביאָגראַפיע מער פאָעזיע, איידער וויסנשאַפטלעכע פינקטלעכקייט. די קריטיק האָט טריט נאָך טריט אָפגעלייקנט אַלע פאַקטן, וואָס באָקאַטשיאָ ברענגט. מיר ווייסן כמעט גאָר נישט וועגן דאַנטעס עלטערן, מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זיין פריסטער יוגנט. מיר ווייסן כמעט גאָרנישט וועגן דער ערשטער בילדונג, וואָס ער האָט באַקומען, מחמת די קריטיק האָט אָפגעלייקנט די לעגענדע וועגן דעם, אַז זיין ערשטער לערער איז געווען ברונעטאָ לאַטיני. מיר ווייסן אַפילו ניט דעם נאָמען פון מיידל, וואָס האָט באַגייסטערט זיין גאַנצע פאָעזיע, הגם ער אַליין רופט זי בעאַטריטשע. פונדעסטוועגן האָט באָקאַטשיאָס ביאָגראַפיע אַ באַדייטונג: זי באַווייזט, ווי האָבן זיך די בעסערע מענטשן פון זיין דור פאָרגעשטעלט דעם פאָעט, און זי העלפט אונז קלערער צו פאַרשטיין דאַנטעס אינערלעכע געשיכטע.

אין דערדאָזיקער אינערלעכער געשיכטע דאַרף מען אונטערשיידן דריי הויפטמאָמענטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דריי דאַנטעס ווערק, וואָס קומען ווי אַ צוגרייטונג און אַ דערקלערונג צו זיין געטלעכער קאָמעדיע. דער ערשטער מאָמענט — דעם פאָעטס ליבע צו בעאַטריטשען — דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם פאָעטס נשמה־לעבן ביז 25־יאָריקן עלטער (דאַנטע איז געבוירן אין 1265 י.). דערדאָזיקער מאָמענט ענדיקט זיך מיט דער געליבטערס טויט. דער צווייטער מאָמענט — דאָס איז דער פעריאָד, ווען דאַנטע זוכט טרייסט אין פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט נאָך דעם טויט פון זיין געליבטער. דער דריטער מאָמענט איז ענג געבונדן מיט די מחלוקתן אין זיין געבורטשטאָט. דאַנטע טראַכט וועגן מיטלען, אויסצוהיילן די שרעקלעכע וואונדן, וואָס פרעסן אויף פלאָרענץ און גאַנץ איטאַליע. די געשיכטע פון דאַנטעס ליבע ווערט דערציילט אין זיין זאַמלונג סאָנעטן „דאָס נייע לעבן" (Vita Nuova).

דער רעזולטאַט פון זיינע וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען איז אַנטוויקלט אין די קאָמענטאַרן צו עטלעכע זיינע קאַנצאָנעס אונטערן נאָמען „מאָלצייט" (Convivio). זיינע פאָליטישע אָנשויאונגען זיינען אויסגעדריקט אין טראַקטאַט „וועגן מאָנאַרכיע" (De Monarchia).

„אין דער צייט, ווען דער גענאָדיקער הימל קליידט פון ס׳ניי אָן די ערד אין אירע שיינע מלבושים און גיט איר אַ פריידיקן אויסזען דורך דעם בונטן געמיש פון בלומען און גרינע בלעטער; אין יענער צייט פון יאָר, לויט דעם מנהג אין אונזער שטאָט, מוזן אַלע, צעטיילנדיק זיך אויפן גרופן, איינאָרדענען פייערלעכע יום־טובים, יעדער אין זיין טייל שטאָט. צוליב דעם האָט פאָלקאָ פאָרטינאַרי, וועלכן אַלע מיטבירגער האָבן טיף געאַכט, צו זיך אין הויז דעם I־טן מאָל אויפגערופן זיינע שכנים אויף אַ פריינדלעכן מאָלצייט. צווישן די איינגעלאַדענע איז אויך געווען אַליגיערי. אַזוי ווי די קינדער פלעגן געוויינלעך באַגלייטן די עלטערן, באַזונדערס אין פייערלעכע צופאַלן, דעריבער

איז דאַנטע, וועלכער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין גאַנצע ניין יאָר, אויך בעגאַנגען צוזאַמען מיט זיין פּאָטער אויף דעם יום־טוב. צווישן די ראָוועסניקעס, ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ גרויסער צאָל אין דער הויז פון גאַסטפריינדלעכן באַלעבאָס, האָט דאַנטע, זאַט מיט דער שפּייז, אָנגעהויבן שפּילן זיך מיט אַנדערע קינדער. צווישן זיי האָט זיך געפונען די טאָכטער פון דעם דערמאָנטן פאָלקאָ, ביטשע, אַ מיידעלע פון אַכט יאָר, אַ גראַציעזע און אַ שיינע, אַ פריינדלעכע און אַ ליבלעכע לויטן כאַראַקטער, אָן ערנסטע און אַ באַשיידענע אין אַ גרעסערער מאָס, איידער מען וואָלט געקאָנט פאָדערן פון איר צאַרטן עלטער. די צאַרטע שטריכן פון איר געזיכט און די אינערלעכע שיינקייט האָבן געבראַכט דערצו, אַז פילע זאָלן זי אָננעמען פאַר אַ מלאך. אָט דידאָזיקע מיידעלע, אַזאַ שיינע, ווי איך האָב זי אויסגעמאָלט, און אפשר אַפילו נאָך פיל שענער. האָט זיך, מיין איך, אויף דעם דערמאָנטן יום־טוב באַוויזן פאַר אונזער דאַנטעס אויגן ניט צום ערשטן מאָל, אָבער צום ערשטן מאָל האָט זי אין אים אויפגעוועקט אַ געפיל פון ליבע הגם ער איז געווען אַ קליין ייִנגל, אָבער איר שיין בילד האָט זיך אַזוי טיף איינגעשניטן אין זיין האַרצן, אַז פון יענעם טאָג אָן האָט מען שוין דאָס דאָזיקע בילד אין משך פון דאַנטעס גאַנץ לעבן ניט געקענט פון זיין האַרצן דערווייטערן...״

אַזוי דערציילט באָקאַטשיאָ וועגן דאַנטעס ערשטער באַגעגעניש מיט יענער מיידעלע, וועלכע איז געווען די באַגייסטערין פון זיין פּאָעזיע. דאַנטע האָט זי באַזונגען אַ גאַנץ לעבן, געגליכן צו אַ מיטלאַלטערישן טרובאַדור. מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז די ליבע־ליריק פון דעם גרעסטן איטאַליענישן פּאָעט איז נאָר געווען אַ נאָכמאַכונג פון דער מאָנאָטאָנער פּראָוואַנסאַלער פּאָעזיע. נאָך פאַר דאַנטען האָבן זיך אין איטאַליע באַוויזן זינגער, וועלכע ס'איז געלונגען צו אַנטוויקלען און פאַרברייטערן דעם אינהאַלט פון דער ליריק, וואָס איז אַהער אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון פּראָוואַנסאַל. דאַנטע אַליין דערמאָנט אין ליטערונג־פייער וועגן גווידאָ קאַוואַלקאַנטי, וועלכער האָט אין פּאָעזיע איבערגעשטיגן דעם עלטסטן גווידאָ—גוויניטשעלי פון באָלאָניע, וואָס איז געשטאָרבן אין 1276 י., ווען דאַנטע איז נאָך געווען אַ ייִנגל. גווידאָ האָט פאַרטיפערט דעם זין און דעם אינהאַלט פון דער ליבע־ליריק. פאַר די פּראָוואַנסאַלער פּאָעטן און זייערע איטאַליענישע נאָכמאַכער איז דער קוואַל פון ליבע געווען—דער חוש הראיה און דער תענוג. דורכן חוש הראיה דרינגט די געשטאַלט אַריין אין דער נשמה, פאַרנעמט אַן אָרט אין האַרצן און באַהערשט די געדאַנקען. אָנשטאָט דער אויספאָרשונג פון דער דערשיינונג באַקומט זיך אַזוי אַרום נאָר אַן אויבערפלעכלעכע באַשרייבונג פון איר. גווידאָ פאַרשטייט עס אַנדערש. די ליבע (Amore) ווײַלט זיך אויס פאַר אַ וואוינאָרט נאָר אַן איידל האַרץ. די איידלקייט פון האַרצן און די ליבע עקזיסטירן גלייכצייטיק און ניט־טיילבאַר, ווי די זון מיט דעם גלאַנץ. פונקט ווי פון וואַסער לעשט זיך דאָס פייער, אַזוי ווערט דורך דער באַרירונג פון דער ליבע אויסגעלאָשן יעדע נידעריקייט. די שפּירונגען, וועלכע באַקומען זייער אָנהייב פון

דער געליבטער, מוזן אָנפילן אינגאַנצן די פּערזאָן, וואָס בלייבט איר געטריי, געגליכן צו דער קראַפט פון דער גאָטהייט, וועלכע גיט זיך, אויספליסנדיק, אַריבער צו די הימלשע שכלען. אַזוי אַרום ווערט די ליבע געשטעלט אין פאַרבאַנד מיט דעם סאַמע געהויבנסטן, וואָס איז נאָר מעגלעך פאַר אַ נשמה. די ליבע פירט צו מידות טובות, צום העכערן מין גוטס. די פּראָוואַנסאַלער ריטערישע ליבע ווערט איבערגעשאַפן אין גייסטיקע, ספּיריטועלישע. די פּאָעזיע באַקומט אַ סימבאָליש־אַלעגאָרישן כאַראַקטער. איר אוממיטלבאַרער ציל ווערט די שילדערונג פון דעם פילאָזאָפישן אמת, וואָס איז איינגעהילט אין אַ שיין געשטאַלט, ווי דאַנטע זאָגט. דער פּאָעט ווערט אין אַ באַדייטנדער מאָס אַ געלערנטער. פון באָלאָניע איז דער נייער בליק אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין פלאָרענץ, דאַנטעס געבורטשטאָט, וואו זיין טאַלאַנטפולסטער אויסדריקער איז געווען גווידאָ קאַוואַלקאַנטי, וואָס איז געשטאָרבן אין 1300 י. גווידאָ אַלס עלטסטער אין דאַנטעס צייט האָט באַגריסט דעם ערשטן פּאָעטישן פּרווו דאַנטעס, פילנדיק, וואַרשיינלעך, אין דעם פּאָעט־אָנפאַנגער יענעם מענטשן, וועלכן ס'איז באַשערט צו דערפירן ביזן סוף דעם נצחון פון די נייע אידעאַלן.

דאָס „נייע לעבן" גיט עס אונז די געשיכטע פון דאַנטעס ליבע, וועלכע איז פאַרגייסטערט מיט דעמדאָזיקן העכערן פילאָזאָפישן פאַרשטיין זי. די אויסערלעכע געשיכטע אירע איז זייער פשוט. דערזעענדיק בעאַטריטשען דאָס ערשטע מאָל, האָט דאַנטע דערפילט, אַז זיין נשמה האָט אַ ציטער געטאָן. זינט דעמאָלט זוכט ער מיט בעאַטריטשען צו באַגעגענען זיך. ווען זי האָט אים באַגעגנט אַ פלאַטערנדיקן אויפן גאַס און געגריסט אים באַשיידן, איז דעם יונגס האַרץ פול געוואָרן מיט גרויסער פרייד. ווי אַ פאַרשיכורטער איז דאַנטע געלאָפן פון עולם אין זיין איינזאַם ווינקל און האָט דאָ אָנגעשריבן זיין ערשטן סאָנעט, — יענעם סאָנעט, וואָס איז אַזוי אויפריכטיק פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן מצד קאַוואַלקאַנטי און האָט ביידע פּאָעטן פאַרבונדן אין אייביקער פריינדשאַפט. לויט דער פּראָוואַנסאַלער טראַדיציע האָט דאַנטע טיף פאַרבאָרגן דעם נאָמען פון זיין געליבטער, און ער נאַרט אָפּ די נייגעריקע מיטן אָנשטעל, אַז ער איז כלומרשט פאַרליבט אין אַן אַנדערער. נאָכדעם הייבט זיך פאַר אים אָן אַ שורה פּיינען. ביי אַ נייער באַגעגעניש וויל אים בעאַטריטשע ניט גריסן, און דער פּאָעט, אַ צעטראָגענער פון צער, באַהאַלט זיך אין איינזאַמקייט און באַגיסט זיך מיט טרערן. אַ צווייטן מאָל פילט ער זיך אומגליקלעך, ווען ער זעט זי צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען אויף אַ חתונה־מאָלצייט, און זי לאַכט פון אים אָפּ. שפּעטער דערוויסט ער זיך, אַז איר פאָטער איז געשטאָרבן, און בעאַטריטשע איז מחמת דעם פאַרזונקען אין טיפן טרויער. אומעטיקע פאָרגעפילן מאַטערן דאַנטען און, ווירקלעך, אינגיכן רויבט זי דער טויט אַוועק אויף אייביק.

היינטער דערדאָזיקער געשיכטע פון איינפאַכע אויסערלעכע באַציאונגען איז פאַרבאָרגן אַזאַ עשירות פון געפילן און איינדרוקן, וועלכע לאָזן צורעכענען דאָס „נייע לעבן" צו די פּערל פון דער וועלט־פּאָעזיע. בעאַטריטשע — דאָס איז דער אידעאַל פון יענער גייסטיקער ליבע, וואָס איז שוין ביז דאַנטען

געשאַפן געוואָרן דורך דער באַלאָניער און פלאָרענטינישער שול. בעאַטריטשע — דאָס איז דער אידעאַל פון פלאַטאָנישער ליבע. זי שטעלט זיך דאַנטען פאָר ווי אַ הימלישע באַשעפעניש. איר אָרט איז ניט אויף דער ערד, נאָר אויפן הימל. ניט אומזיסט בענקען נאָך איר די מלאכים און בעטן גאָט, ער זאָל זי נעמען אויפן הימל, און גאָט אַליין לעכצט, וואָס גיכער צו נעמען זי צו זיך. וועגן חתונה האָבן מיט בעאַטריטשען קאָן אפילו קיין רייד ניט זיין. אָט פאַרוואָס קיינע ערדישע אומגליקן, וועלכע זיינען שרעקלעך ביי אַזעלכע באַציאונגען, לויט די באַגריפן פון היינטיקע צייטן, קאָנען דאַנטען ניט נייטן אויסצוואָרצלען פון האַרצן די ליבע געשטאַלט. אָט פאַרוואָס, ווען בעאַטריטשע שטויסט אים אָפּ און שענקט אים ניט איר באַגריסונג — דאָס איינציקע וואָס ער בעט ביי איר, געפינט דאַנטע זיין גליק אין דעם, וואָס קיינער קען ביי אים ניט אָפּנעמען — ער הייבט אָן צו רימען זיין געליבטע אין לידער.

דער פלאַטאָנישער כאַראַקטער פון דער ליבע איז ענג פאַרבונדן מיט בעאַטריטשעס מאָראַלישע אייגנשאַפטן, מיט איר מאָראַלישער ווירקונג. זי האָט אַלע קריסטלעכע מידות טובות. אַנטקעגן איר ציטערט די זינדיקייט, און די צידקות — בלייבט רואיק.

„ווען זי האָט ערשיינט פאַר מיר, — זאָגט דער פּאָעט, — און איך האָב מיט האָפענונג געוואַרט אויף איר באַגריסונג, האָב איך פאַרגעסן אָן אַלע מיינע שונאים. אין מיר האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער פון קריסטלעכער ליבע, וועלכע האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אָן אַלע באַליידיקונגען. און אויב אין יענער רגע וואָלט זיך עמיצער צו מיר געווענדט מיט אַ פראַגע, וואָלט מיין ענטפער באַשטאַנען נאָר פונם וואָרט *ליבע*, וועלכן איך וואָלט אַרויסגערעדט מיט הכנעה". בעאַטריטשע פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ מין אַטמאָספערע פון ריינקייט, און די ליבע צו איר איז דער וועג צו מידות טובות, דער וועג צו גאָט. אַזוי האָבן זיך מיט דעם געשטאַלט פון דער געליבטער ביי דאַנטען צונויפגעגאָסן זיינע אַלגעמיינע אידעאַלן. לויט ווי עס האָבן זיך אין דער מיטלאַלטערישער אייראָפּע אַנטוויקלט די פילאָזאָפיע און די וויסנשאַפט, האָבן זיך דידאָזיקע נייע עלעמענטן צונויפגעגאָסן מיט דער אַמאָליקער דאַמען־פאַרערונג. די פרויענגעשטאַלט אַלס עלעמענט, וואָס האַלט אין מענטשן אונטער אַ גרויסע אידעע, איז איינע פון די געליבטסטע טעמעס אין דער שפּעטערדיקער און אַפילו אין דער נייער ליטעראַטור. (*דער פאַרזונקענער גלאָק* פון הויפּטמאַן). דאַנטע האָט דער ערשטער מיט אַזאַ פּאָעטישער קראַפט באַאַרבעט די טעמע. אָט פאַרוואָס, אויסער דער באַדייטונג אַלס דענקמאָל, וואָס כאַראַקטעריזירט איינע פון די הויפּט־ערשיינונגען פון מיטלאַלטער, די דאַמען־פאַרערונג, האָט נאָך דאָס „נייע לעבן" אַן אייביקע אַלמענטשלעכע באַדייטונג. געשיכטלעכע ידיעות וועגן בעאַטריטשען האָבן מיר ווייניק, און די, וואָס מיר האָבן, זיינען ניט קיין פּינקטלעכע. דעריבער איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן איר, אַרויסגעפירט נאָר אויפן סמך פון *נייען לעבן*. אָבער אויב דער פּאָעט האָט דאָ געשאַפן אַן אַלעגאָריע, פאַרגעשטעלט זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען, און ניט זיינע רעאַלע געפילן, מוזן מיר זיך ניט ווילנדיק פרעגן: אפשר איז

בעאַטריטשע געווען נאָר אַ פאַנטאַזיע? אפשר איז זי אין דערווירקלעכקייט באַרניט געווען? דערדאָזיקער ספק איז שוין לאַנג אַנטשטאַנען. אייניקע געלערנטע זעען אין בעאַטריטשען די פּערזאָניפיצירונג פון אמונה, אַנדערע — פון טעטיקן שכל, דריטע — פון שיינקייט און ווייבלעכקייט בכלל. עס איז אָבער פאַרהאַן אַ שול, וואָס וויל אַנדערש ניט, ווי בעאַטריטשע זאָל האָבן געלעבט אין דער ווירקלעכקייט. ס'איז זייער מעגלעך, אַז דער אמת ליגט צווישן די ביידע עקסטרעמע מיינונגען. מעגלעך, אַז דאַנטע האָט קינדווייז באַגעגנט אַ מיידל, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. מיט דעמדאָזיקן געשטאַלט, וואָס האָט שפּעטער פאַרלאָרן יעדע רעאַלע באַדייטונג, האָט דאַנטע פאַרבונדן זיין גאַנצע ליבע-ליריק און די בעסטע אידעען פון זיין פּאָעזיע. פאַר דאַנטעס אינערלעכע ביאָגראַפיע האָט די פראַגע, צי בעאַטריטשע איז געווען ווירקלעכקייט, אַ באַדייטונג פון דער צווייטער מדרגה. ס'איז דען ניט אַלץ איינס, צי אַ מיידל האָט אין דעם פּאָעט אויפגעוועקט דאָס גרויסע, וואָס האָט אין אים געדרעמלט, צי ער האָט אַליין פון זיך דערפילט די קרעפטן, וואָס די נאַטור האָט אים געשאָנקען?

בעאַטריטשע איז געשטאָרבן אין 1290 י. דער פּאָעט איז געווען פאַרצווייפלט אָן אַ שיעור. טרערן, זאָגט באָקאַטשיאָ, זיינען געראונען פון זיינע אויגן טאָג ווי נאַכט. די פריינד האָבן געמיינט, אַז ער שטאַרבט. דאַנטע איז ניט געשטאָרבן. זיין אידעאַלישע ליבע האָט ביי אים אפילו דער טויט גופא ניט געקאָנט אָפּנעמען, פּונקט ווי זיין אייגענע חתונה האָט אויף אים ניט געקאָנט ווירקן. ער האָט חתונה געהאַט. און אויב אימיצער וואָלט זיך געוואונדערט: ווי האָט זיך עס געלאָזט שיקן — חתונה מיט אַן אַנדערער צוזאַמען מיט זיין אידעאַלישער ליבע צו בעאַטריטשען,—וואָלט עס געהייסן, אַז יענער ווייס ניט דעם כאַראַקטער פון דער דעמאָלטיקער ליבע. נאָך בעאַטריטשעס טויט, האָט זיין ליבע פאַרלאָרן די לעצטע ערדישע עלעמענטן און איז געוואָרן לגמרי אַ הימלישע. בעאַטריטשע האָט אים באַגייסטערט אויך נאָכן טויט. „איינמאָל,—דערציילט דאַנטע,—האָט זיך פאַר מיר געשטעלט אַ וואונדערלעכע זעאונג, וועלכע האָט מיך דערוועקט, מער ניט צו ריידן וועגן דער געבענטשטער, ביז איך וועל ניט זיין אימשטאַנד צו דערציילן וועגן איר אויף אַ מער אָנשטענדיקן אופן. און כדי דאָס צו דערגרייכן, קלייב איך קענטעניש, וויפל איך קאָן. און אויב עס וועט וואוילגעפעלן יענעם, וואָס גיט אַלעמען לעבן, האָף איך צו זאָגן וועגן איר עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל וועגן אַ פרוי ניט געזאָגט".

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער פּעריאָד פון דאַנטעס אינערלעכער געשיכטע. ער לערנט פיל, און פאַר דרייסיק חדשים, לויט ער אַליין איז זיך מודה, האָט ער אַזויפיל דערגרייכט, אַז אַלע אַנדערע געדאַנקען זיינען ביי אים פאַרשוואונדן, איבערגעבליבן נאָר די ליבע צו קענטעניש. ער האָט זיך דאָרשטיק גענומען פאַר די אַלטערטימלעכע שריפטשטעלער. ער שאַפט פערצן קאַנצאָנעס שוין גאָר פון אַלעגאָרישן כאַראַקטער, — אַזאַ אַלעגאָרישן, אַז ווען מען איז דער סוד ניט אַנטפּלעקט, יענעם איז זיי אוממעגלעך צו פאַר-

שטיין. דעריבער באַשליסט דאַנטע אָנצושרייבן אויף זיי אַ פירוש. ער האָט אָבער דעם פירוש באַוויזן אָנצושרייבן נאָר אויף פיר קאַנצאָנעס, וועלכע האָבן באַקומען דעם נאָמען „מאָלצייט". אין דעמדאָזיקן ווערק, וואָס באַצייכנט דעם צווייטן פעריאָד פון זיין לעבן, האָט דאַנטע באַרירט אַלע פראַגן, וועלכע האָבן אינטערעסירט דעם מיטלאַלטערישן דענקער: וועגן גאָט, קריסטוס, מלאכים, אייביק לעבן. ער ווייזט אַרויס אַ גרויסע ערודיציע, ברענגענדיק די מיינונגען פון די אַלטע און מיטלאַלטערישע שריפטשטעלער וועגן גליק, נשמה שכל. פילאָזאָפישע, טעאָלאָגישע און עטישע פראַגן ווערן גענוי אויסגעפאָרשט.

דער גרונט פון דאַנטעס שטאַנדפונקט שיידט זיך ניט אונטער פון דעם שטאַנדפונקט פון די סכאָלאַסטיקער. ער אָנערקענט אויף די באַגרענעצטקייט פון מענטשנס שכל און איז איבערצייגט, אַז נאָר דורכן גלויבן קאָן מען משיג זיין די העכערע פרינציפן — גאָט, מלאכים, די אורערשטע מאַטעריע. די קירכלעכע לערע גיט דעם פילאָזאָף פאַרטיקן מאַטעריאַל. ער קאָן עס באַאַרבעטן, מאַכנדיק פון דעם אייגענע אויספירן, ער טאָר אָבער אויף דעם די האַנט ניט אויפהויבן. דער פילאָזאָף נעמט זיך נאָר אַן אַנדער וועג זוכנדיק דעם אמת, אָבער דער אמת איז איינער — וואָס די קירך האָט געגעבן. די פילאָזאָפיע האָט נאָר אַ דינסט=באַדייטונג. אויף דאַנטעס ליבע וועגן נשמה האָבן שטאַרק געווירקט אַריסטוס אידעען, אַז די נשמה איז די פאָרם פון קערפער. ווען די נשמה איז געשאַפן געוואָרן און באַקומען לעבנסקראַפט, איז אויף איר אַראָפ גאָטס חסד. דער געטלעכער חסד נידערט אַראָפ אויף אַלע געגנשטאַנדן, און גיט יעדערן דאָס, וואָס ער איז ווערט. די געגנשטאַנדן נעמען אים אויף פאַרשיידן, געגליכן דערצו, ווי קערפערס נעמען פאַרשיידענע שטראַלן אויף פאַרשיידן. אין די ריינע הימלישע קרעפטן, אין מלאכים, שיינט גאָט אוממיטלבאַר; אין אַנדערע וועזנס שיינט ער מיט געבראָכענער שיין. אַזוי אַרום קומט פאָר די גראַדאַציע פון דעם וועלטבאַשטאַנד, אָנהייבנדיק מיט מלאכים און ענדיקנדיק מיט דער ניט אָרגאַנישער וועלט. דער געטלעכער פונק, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער נשמה, לאָזט זי ליב האָבן זיך אַליין, אָבער עכט ליב האָבן, דאָס הייסט דעם בעסערן טייל פון איר וועזן, ליב האָבן איר גייסט און וואָס צו אים אָנבאַלאַנגט, דאָס הייסט דאָס לעבן פון מעשים=טובים. איבונגען אין מעשים טובים האַלט דאַנטע פאַר אַ באַווייז פון אמתער מענטשלעכער איידלקייט. אין „מאָלצייט" זיינען אויך פאָרגעשטעלט די אַסטראָנאָמישע באַגריפן פון דעם מיטלאַלטערישן מענטשן. דידאָזיקע פאָרשטעלונגען האָבן פולקום האַרמאָנירט מיט די אַלגעמיינע בליקן פון דער מיטלאַלטערישער מענטשהייט. דער מיטלאַלטערישער מענטש האָט געגלויבט, אַז די וועלט שטעלט פאָר אַ האַרמאָנישע סיסטעם, וועלכע האָט אין איר צענטער די ערד. לויט דאַנטעס פאָרשטעלונג באַשטייט די וועלט פון ניין הימלען, וועלכע האָבן אַ ספערישע פאָרם, דער אומבאַוועגלעכער צענטער פון זיי אַלע איז די ערד. די זיבן נידעריקסטע הימלען זיינען די הימלען פון די פלאַנעטן, צו וועלכע עס געהערן אויך די זון און די לבנה. ווייטער גייט דער הימל פון די אומבאַוועגלעכע

דאַנטע אַליגערי

בראָנזענער ביוסט, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן אין XV יאָר־הונדערט פון א מאַסקע, וועלכע איז אראָפּגענומען געוואָרן פון פארשטאָרבענעם פּאָעט און געפינט זיך אין נעאַפּאָליטאַנישן מוזיי.

שטערן, נאָך דעם — דער קרישטאָלענער הימל, וועלכער איז פולקום דורכזיכטיק, אזוי אַז מען קאָן פון זיין באַוועגלעכקייט אַליין נאָר שטויסן זיך. אַז ער איז פאַרהאַן. איבער זיי אַלע שפרייט זיך דער צענטער הימל, אַן אומבאַוועגלעכער, וואָס רופט זיך עמפּיריי. דאָס איז דער הימל פון ריינער שיין, וואו גאָט מיט די הייליקע גייסטער געפינען זיך. דער „מאָלצייט" איז ווי אַ מין שליח אָנצוזאָגן דאָס קומען פון דער „געטלעכער קאָמעדיע". דאָ זיינען צונויפגעזאַמלט אַלע מיטלאַלטערישע קענטעניש, די גאַנצע סכאָלאַסטישע חכמה. אָבער דאָס איז ניט קיין טרוקענער סכאָלאַסטישער טראַקטאַט, ער איז דערוואַרימט מיט פּאָעטישן געפיל. דאַנטע געדענקט, אַז ער טוט אַ גרויסע זאַך לכּבוד בעאַטריטשען. פּערזענלעכע געפילן מיט פילאָזאָפיע פלעכטן זיך ענג צוזאַמען, און צוזאַמען מיט טרוקענע אורטיילן באַגעגענען זיך ערטער פולע מיט פּאָעזיע, דאַנטע איז דורכגעדרונגען מיט ליבע צו קענטעניש. ער פלאַמט מיט ווילן אויפצוקלערן די פינסטערע מאַסן. ער שרייבט ניט פאַר געלערנטע. „דאָס איז ברויט, — זאָגט ער, — פון וועלכן עס וועלן זאַט ווערן טויזנטער, און ביי מיר וועלן דאָך בלייבן פולע קערב. דאָס וועט זיין די נייע שיין, די נייע זון, חאָס וועט אויפגיין דאָרט, וואו עס פאַרגייט די אַלטע, און וועט באַהעלן מיט איר שיין די, אַרום וועלכע עס איז נאַכט און פינסטערניש, וואָרעם די אַלטע זון לייכט זיי ניט".

די אַרבעט איבער „מאָלצייט" האָט דאַנטע איבערגעריסן צווישן 1306 און 1309. מיט דעם שליסט זיך דער צווייטער פּעריאָד פון זיין לעבן. דאַנטעס פילאָזאָפישע באַשעפטיקונגען זיינען איבערגעריסן דורך די שטורמדיקע פּאָליטישע געשעענישן, וועלכע בילדן אַ מין דריטן קרייז פון דאַנטעס אינטערעסן. דאַנטע האָט זיך פאַרנומען מיט די ענינים פון זיין געבורטס־שטאָט. אין 1300 יאָר, ווען די „שוואַרצע" האָבן געהאַט די מפּלה, האָבן זיי זיך בסוד געווענדט צום פּויפּסט, ער זאָל זיי שיקן צו הילף דעם פראַנצויזישן פּרינץ קאַרל וואַלואַ. די פלאָרענטינישע סיניאָרע, אין וועלכער דאַנטע איז אויך געווען אַ מיטגליד, האָט אָנגענומען אכזרישע מיטלען קעגן די בוגדים. פונדעסטוועגן האָט זיך קאַרל אַריינגעריסן קיין פלאָרענץ, און די „ווייסע" הונדערטער זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט טויט, אָדער מ'האָט זיי אַרויסגעטריבן פון שטאָט. צווישן די פאַרטריבענע איז אויך דאַנטע געווען. האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון שווערע נסיונות פאַרן פּאָעט. ער האָט געזען אַ ריי אומגליקן, וואָס האָט געטראָפן די פאַרטריבענע, וועלכע האָבן געפּרוווט צוריק אָפּנעמען די שטאָט. ער האָט זיך אַנטטוישט אין זיינע חברים, וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען אָפּגעריכט גלות, און איז אַוועק פון זיי, ערקלערנדיק מיט גאווה, אַז פון איצט אָן בילדעט ער פון זיך אַליין אַ פּאַרטיי. ער האָט זיך דערוואוסט, „ווי ביטער עס איז פרעמד ברויט, און ווי שווער עס איז צו גיין אַרויף די טרעפּ פון פרעמדע הייזער". „איך בין געווען, — זאָגט דאַנטע, — אַ שיף אָן אַ רודער און אַ זעגל, וואָס דער ווינט האָט געשליידערט אין פאַרשיידענע האַפנס און צוגעטריבן צו פאַרשיידענע ברעגן. כּמעט אַן אָרימאַן בין איך דורכגעגאַנגען אַלע לענדער, וואו עס קלינגט די איטאַליענישע שפּראַך". ווייניק ווייס מען וועגן דאַנ־

טעס גלות־יאָרן, און פאַר דער צייט פון זיין וואַנדערן ווערט ער אָפּט אויף
יאָרן לאַנג גאָר פאַרפאַלן פון די אויגן. בשעת דידאָזיקע וואַנדערונגען, אין
1310 י. איז דער קייזער הענריך VII אַריין קיין איטאַליע מיט חייל. דאַנטע
האָט אויפגעלעבט. דער טרוימער־פּאָעט, שוין אין עלטערע יאָרן, איז געווען
זיכער, אַז פריער פאַר אַלץ וועלן זיך אָפּרופן די איטאַליענישע שטעט, אַז
די אידעע פון דער הייליקער רוימישער אימפּעריע לעבט נאָך אין לאַנד פון
אויגוסט. ער איילט זיך אָנצוקוקן דעם פון גאָט געוויילטן. ער שיקט הייסע
בריוו צו די פעלקער און צו די קיניגן פון איטאַליע און בעט אויפנעמען דעם
פון גאָט געשיקטן אימפּעראַטאָר, וועלכער וועט אויפשטעלן די רו. די ווירק־
לעכקייט האָט אָן רחמנות אָפּגענאַרט דעם טרוימער־מאָנאַרך און דעם אידעע־
אַליסט־פּאָעט. די איטאַליענישע שטעט זיינען ניט אויפגעשטאַנען אין נאָמען
פון דער אַלטער אידעע. נייע אינטערעסן האָבן אַרויסגעשטויסן די אַרכאַאישע
טרוימען. די שטעט זיינען געווען פאַרנומען מיט זייערע סאָציאַלע רייסענישן,
און דאַנטעס געבורטס־שטאָט פלאָרענץ איז געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער
פיינדלעכער באַוועגונג אַנטקעגן הענריכן. דאַנטעס עלטערן זיינען געווען
גוועלפן, דאַנטע האָט זיך אָבער ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ איבער־
צייגטן גיבעלין, וועלכער האָט טיף געגלויבט, אַז דער קייסער איז גאָטס פאַר־
שטייער אויף דער ערד. הענריך האָט זיין ציל ניט דערגרייכט און איז גע־
שטאָרבן אין 1313 י. דאַנטע האָט דאַמאָלסט פאַרלאָרן די לעצטע האָפענונג.
פאַרהאַן אַ ידיעה (הגם ניט קיין זיכערע), אַז מען האָט דאַנטען צוזאַמען מיט
אַנדערע אַרויסגעטריבענע פאָרגעלייגט צוריקקערן זיך קיין פלאָרענץ, אָבער
אויף אַזעלכע באַליידיקנדיקע באַדינגונגען, אַז דאַנטע האָט זיך אָפּגעזאָגט.

אָט דאָס איז געווען די ווירקונג פון די פּאָליטישע אומרוען, וואָס האָבן
אַרויסגערופן זיין דריטע וויכטיקע אַרבעט „וועגן מאָנאַרכיע". דאָס ווערק,
מיינט מען, איז אָנגעשריבן אין די לעצטע יאָרן פון פּאָעטס לעבן. ס'עקזיס־
טירט, איבעריקנס, נאָך אַ מיינונג, אַז דאָס ווערק וועגן מאָנאַרכיע געהערט
צו די ערשטע יאָרן זיינע. מ'דאַרף וויסן, אַז בשעת דאַנטע איז געווען פאַר־
טאָן אין דער וויסנשאַפט, האָט ער זיך דאָך פאַרנומען מיט פּאָליטיק אויך און
מיט איר זיך אינטערעסירט טעאָרעטיש און פּראַקטיש. דעריבער דאַרף מען
אונזער טיילונג אויף פעריאָדן ניט פאַרשטיין אין דעם פשוטן זין, דאָס הייסט
ניט רעכענען, אַז זיי זיינען געקומען אוממיטלבאַר איינער נאָכן צווייטן. דאָס
איז גיכער אַ אינערלעכע, פּסיכאָלאָגישע, אָבער ניט קיין כראָנאָלאָגישע טיי־
לונג. דאָס זיינען די וויכטיקע גייסטיקע אינטערעסן זיינע, אָבער ניט דער
געשיכטע־גאַנג פון זיין אינערלעכער אַנטוויקלונג. דאַנטע האָט געגלויבט, אַז
דער יסוד פון מאַטעריעלן און גייסטיקן לעבן איז ליבע. אין ערשטן פעריאָד
פון זיין לעבן איז זיין ליבע קאָנצענטרירט אויף בעאַטריטשען; ער שרייבט
„דאָס נייע לעבן". אין די רייפע יאָרן ווערט זיין ליבע געווענדט אויפן גאַנצן
ע ר ד י ש ן ל ע ב ן, אויף וויסנשאַפט, פּאָליטיק, משפּחה; ער געניסט פון
וועלטלעכן רום און גליק. ער איז ניט קיין מיסטיקער און ניט קיין אַסקעט,
נאָר אַ מענטש מיט אַ רעאַליסטישער וועלטאָנשויאונג, אַ פאָרגייער פון דעם

הומאַניזם, וואָס ווערט שוין געבוירן. ער שרייבט דעם „מאָלצייט” און אפשר דעם טראַקטאַט „וועגן מאָנאַרכיע”. אין דריטן פּעריאָד קערט זיך דאַנטע אום צו די מיטלאַלטערישע טראַדיציעס, הגם פון דעם צווייטן פאַרבלייבט ביי אים אינטערעס צו דער ווירקלעכקייט, אָבער ער באַלויכט זי פון מיסטישן און אַסקעטישן שטאַנדפּונקט. אין דעם פּעריאָד שרייבט ער די געטלעכע קאָמעדיע. אַלץ לכּבוד דערזעלבער ליבע, וועלכע האָט זיך איצט דערהויבן איבער דער זינדיקער ערד צו יענער העכערער וועלט. אַן אַלוועלטלעכע מאָנאַרכיע, אויפגעשטעלט אויף די יסודות פון אַלטן רוים — דאָס איז דאַנטעס פּאָליטישער אידעאַל. דער מאָנאַרך איז שוין דערפאַר אַליין גערעכטיקער פאַר אַנדערע, וואָס ער האָט ניט מער וואָס צו פאַרלאַנגען, זיין מאַכט האָט קיין שיעור ניט. דאָס איז דאַנטעס גרונט־הנחה. די צווייטע הנחה, וועלכע דאַנטע דערווייזט אויפן גרונט פון געשיכטע און קריסטוסעס ווערטער, באַשטייט אין דעם, וואָס דער טרעגער פון דער מאָנאַרכיסטישער אידעע דאַרף זיין דאָס רוימישע פאָלק. דאַנטע זעט איין גאָטס ווילן אין דעם, וואָס די רוימער האָבן פריער פאַר אַנדערע פעלקער איינגענומען די וועלט. לסוף באַרירט דאַנטע די וועזנטלעכסטע פראַגע וועגן די געמיינזאַמע באַציונגען צווישן דער פּויפּסטלעכער און אימפּעראַטאָרישער מאַכט, און פאַרענטפערט זי ווי אַן עכטער גיבעלין: די אימפּעראַטאָרישע מאַכט איז ניט אָפּהענגיק פון דער פּויפּסטלעכער. דער מיטל פון אויפווייזן איז ביי דאַנטען אַ ריין סכאָלאַסטישער, אָבער ער נוצט אים אויס לטובת זיין מיינונג און דערווייזט, אַז דעם אימפּעראַטאָרס מאַכט איז פון גאָט, פּונקט ווי דעם פּויפּסטס. ביידע דאַרפן איינע די אַנדערע דערגאַנצן. דער מענטש נייטיקט זיך אין גייסטיקער מאַכט, כּדי ניט אַראָפּצוגיין פון וועג, דער פּויפּסט ווייזט דעם וועג צו אייביקער רעטונג אויפן גרונט פון געטלעכער אַנטפּלעקונג. דער אימפּעראַטאָר פירט דעם מענטשן צום גליק דאָ אויף דער ערד אויפן סמך פון די אויספירן פון דער פילאָזאָפיע. דאַנטע טרעט אַרויס קעגן די ערדישע נחלאות פון פּויפּסט, רעכענענדיק זיי פאַר אַ מיסגעברויך. די וועלטלעכע מאַכט פון דער קירך איז סותר איר מהות; די קירך דאַרף באַכטאָן קריסטוסן, וועלכער האָט געזאָגט: „מיין קיניגרייך איז ניט פון דער וועלט”. אַזוי איז דאַנטע ביז סוף לעבן געבליבן אַ אידעאַליסט, וואָס האָט געטרוימט אויפצושטעלן די זיך ניט אומקערנדיקע פאַרגאַנגענהייט. פונדעסטוועגן האָט דאַנטעס פּאָליטישער טראַקטאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג. דאָס איז די ערשטע פאַר דער קריסטלעכער צייט־ציילונג פּאָליטישע סיסטעם, וואָס האָט זיך דערהויבן צום פאַרשטיין די מלוכה־אידעע, דעם מהות פון מלוכה־אָרדענונג און איר עטישע באַדייטונג; האָט פאַר איר געפאָדערט זעלבשטענדיקייט, אומאָפּהענגיקייט פון אַנדערע מיט איר קאָנקורירנדיקע כּוחות. זיין טראַקטאַט איז אַ מעכטיקער פּראָטעסט אַנטקעגן דער טעאָקראַטישער אידעע, אַ פּראָפּאַגאַנדע פון הויכער אַכטונג צו דער מלוכה.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דאַנטע פאַרבראַכט אין ראַווענע ביי זיין הבר גווידאָ נאָוועלאָ. דאָ האָט ער געענדיקט שרייבן זיין לעצטע גרויסע ווערק, האָפנדיק, אַז דאָס, וואָס עס האָבן ניט געקענט מאַכן זיינע פּאַ-

ליטישע פּאַרדינסטן, וועט דערגרייכן זיין פּאָליטישער רום. ער האָט געמיינט, אַז ווען די לעצטע לידער פון דער „געטלעכער קאָמעדיע“ וועלן ערשיינען, וועלן די פלאָרענטינער ווייכער ווערן; ער האָט אָבער אומזיסט געהאָפט. דעם 14 סעפּטעמבער 1321 יאָר איז ער געשטאָרבן. גווידאָ האָט אים מקבר געווען מיט גרויס פּאַראַד. האָט אָבער ניט באַוויזן צו שטעלן אים קיין מצבה. דאָס האָט מען ערשט שפּעטער געטאָן. פלאָרענץ, וועלכע האָט פאַרטריבן דעם פּאָעט, וואָס האָט זי פאַראומשטערבלעכט, האָט פיל מאָל געוואָלט אַריבערפירן זיין קערפּער אין זיין געבורטס-לאַנד, — די פּרוּוון זיינען ניט געלונגען, און דאַנטעס קבר איז עד היום פאַרבליבן אין ראַווענע. לויט די ידיעות פון דעם כראָניסט דזשיאָוואַני ווילאַני (זיינע ידיעות וועגן דאַנטן זיינען איינע פון די ערשטע און די וויכטיקסטע), איז דאַנטע באַגראָבן „ביים אַריינגאַנג אין זאַמלקירך, מיט גרויס כבוד אין מלבושים פון אַ פּאָעט און אַ גרויסן פילאָזאָף“. „דאָס איז אַ גרויסער מענטש — זאָגט גאַספּאַרי, — אָבער אַ מענטש פון זיין צייט. ער איז מיט איר אָרגאַניש פאַרבונדן. ער איז דער פולקומסטער לעבעדיקסטער אויסדרוק פון איטאַליענישן מיטלאַלטער, ער נעמט אויף אירע אידעען, טעותן, פאָראורטיילן, אָבער אויך איר קראַפט און גרויסקייט. דאָס איז געווען אַ עפּאָכע, וועלכע האָט באַשאַפן אַזוי פיל שטאַרקע גייסטער, גאַנצלעכע מענטשן, וואָס האָט געלאָזט אַנטוויקלען מעכטיקע תאוות, דורך דעם ערפאָלג פון דער קולטור נאָך ניט קיין באַצוימטע. אַזעלכער איז אויך דאַנטע; אַלס אַזעלכן קענען מיר אים לויט דאָס ביסל, וואָס איז פאַרבליבן פון די דערציילונגען וועגן זיין לעבן, און נאָך מער — לויט זיינע ווערק. מיר זעען אַ גרויסן כאַראַקטער, וואָס לאָזט זיך נישט וואַקלען אין אומגליק, אַ פעסטן אין זיינע באַשלוסן, אַ קאָנזעקווענטן אין דעם, וואָס ער האַלט פאַר עכט און ערלעך, אַ פולן מיט לעבעדיקן גלויבן. דערביי אַן עמפּינדלעכן, אַ ליידנשאַפטלעכן, אַ פעאיקן אויף די צאַרטסטע און די טריבסטע איבערלעבונגען“.

אין ערגעץ האָבן זיך דאַנטעס אייגנשאַפטן אַזוי העל ניט אַרויסגעוויזן, ווי אין דער געטלעכער קאָמעדיע.

IV.

די „געטלעכע קאָמעדיע“. — די אונטערערדישע וועלט. — דער נאָמען פון דער פּאָעמע. — די הויפּט עפּיזאָדן. דער גהינום. — די פּייערלייטערונג. — דער גן-עדן. — דער אויסערלעכער בוי פון דער פּאָעמע. — דער אַלעגאָרישער זינען פון דער פּאָעמע. — די רעליגיעז-מאָראַלישע אָנשויאונגען פון דער עפּאָכע, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דער פּאָעמע. — די ליטעראַטור פון די זעאונגען. — די פּאָליטישע אָנשויאונגען: די באַציאונג צום פּויפּסטנטום און צו דער אימפּעריע. — ווי שפּיגלט זיך דאַנטעס פּערזענלעכקייט אָפּ אין דער פּאָעמע. — די שייכות צווישן דאַנטען מיט דער רענעסאַנס-עפּאָכע.

אין ניין קרייזן, וואָס ווייטער אַלץ שמעלער איינער פאַרן אַנדערן, לאָזט זיך דער גהינום אַראָפּ צום צענטער פון דער ערד. דידאָזיקע קרייזן טיילן זיך באַזונדער אויף קלענערע טיילן. די נשמות פון די רשעים מאַטערן

איך אין זיי. וואָס די זינד איז גרעסער, אַלץ טיפער און שמעלער איז דער קרייז, וואָס דאָרט קומט מען פאַר די זינד אָפּ. אין סאַמע מיטלפּונקט פון דער ערד, וואו עס ענדיקט זיך די „פּיל־ליידנדיקע קיניגרייך". געפינט זיך דער הערשער פון גהינום, דער שרעקלעכער לוציפער. אין זיינע דריי מיילער צעמאָלט ער די דריי גרויסע פאַררעטער: יהודה, ברוט און קאַסי. דורך אַ שמאָל וועגל פאַראייניקט זיך דער גהינום מיט דעם צווייטן האַלבקויל פון דער ערד, וואָס דאַנטעס דור האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַן אומבאַזעסענעם, פאַרדעקטן מיט וואַסער. פונם דאָזיקן וואַסער הויבט זיך אויף אַ באַרג, וואָס דעם אויבערשטן טייל פון זיין שפּיץ רינגלען אַרום זיבן קרייזן. דאָס איז דער אָרט פון לייטערונג־פייער. אין יעדן איינציקן פון זיינע קרייזן ווערט אויסגעלייזט איינער פון די זיבן זינדן, פאַר וועלכע עס קומט דער טויט, און ווען די נשמה הייבט זיך אויף צום זיבעטן קרייז, ווערט זי ריין פון זינד. פאַרענדיקנדיק איר ערדישן וועג, פאַרלאָזט די נשמה די ערד און נעמט זיך הייבן אַרויף איבער די ניין הימלישע ספערעס, וואָס רינגלען אַרום אונזער פּלאַנעטע. וואָס העכער עס איז די הימלשע ספערע, אַלץ פולקומער זיינען די נשמות, וואָס באַוואוינען זיי. לסוף דערגרייכט די נשמה צום צענטן הימל, צום עמפּיריי, וואו זי איז זוכה צו זען פּנים אל פּנים גאָט.

דאָס איז די אַרכיטעקטור פון יענער וועלט, לויט מען קען זי פאָר־שטעלן אויפן יסוד פון דער געטלעכער קאָמעדיע. די פּאָעמע, לויט דער באַמערקונג פון איר שעפער גופא, האָט אַ צווייענדיקן זינען: אַ בוכשטעב־לעכן און אַן אַלעגאָרישן. דער בוכשטעבלעכער זינען אירער באַשטייט אין אויסמאָלן דעם צושטאַנד פון די נשמות נאָכן טויט. דער אַלעגאָרישער געדאַנק אירער — די גערעכטיקייט, וואָס באַשטראָפט און באַלוינט דעם מענטשן וועדליק זיינע מעשים, גוטע אָדער שלעכטע, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן לויט זיין פרייען ווילן. דער נאָמען ק אָ מ ע ד י ע דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די פּאָעמע הייבט זיך אָן מיט טרויעריקע בילדער פון גהינום־שרעקן און ענדיקט זיך מיט ליכטיקע בילדער פון גן־עדן. אונטער דעם נאָמען ק אָ מ ע ד י ע האָט דאַנטע פאַרשטאַנען אַ ווערק מיט אַ גליקלעכן סוף. בנוגע דער צייט, ווען די קאָמעדיע האָט ערשיינט, קאָן מען זי גאָרנישט ניט פעסטשטעלן אויף זיכער. מען קאָן נאָר אויף זיכער זאָגן, אַז מיט דער פּאָעמע איז דער פּאָעט לאַנג געוועזן פאַרנומען, אפשר דעם גרעסטן טייל לעבן. אין „נייען לעבן" און אין „מאָלצייט" זיינען פאַרהאַן פראַזן, וואָס באַווייזן, אַז נאָך גאָר אין אָנהייב פון זיין פּאָעטישער טעטיקייט האָט זיך שוין דאַנטע געגרייט צו אַ פאַנטאַסטישער רייזע אויף יענער וועלט און געקליבן ידיעות, כדי צו קענען זאָגן וועגן זיין בעאַטריטשע „עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך וועגן קיין פרוי ניט געזאָגט געוואָרן". אַזוי אַרום האָט בעאַטריטשע געגעבן דעם ערשטן שטויס דערצו, אַז עס זאָל אַנטשטיין די גרעסטע פּאָעמע פון מיטלאַלטער. די פּאָעמע האָט געזאָלט ווערן איר אַפּאָטעאָז. און ס'איז זייער מעגלעך, אַז די ערשטע ניט דייטלעכע טרוימען וועגן „דעם רום פון זיין באַפּוילערין" זיינען געבוירן געוואָרן ביים קליינעם דאַנטע אין קאָפּ נאָך אויף דעם יום־טוב ביי פּאָרטינאַרי. דאַנטע האָט

זיין פּאָעמע אָנגעהויבן נאָך אין פלאָרענץ, איידער, מ'האָט אים אַרויסגעטריבן און געענדיקט האָט ער זי אין גלות אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אין ראַווענע.

אינמיטן וועג פון אונזער לעבן
אַ שלאָפיקער בין איך אין וואַלד אַריין.

אַזוי הייבט זיך אָן די פּאָעמע. ווען מען זאָל זיך האַלטן ביי דאַנטעס אייגענעם בליק, וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט אין „מאַלציט", דאַרף דער מיטן לעבן זיך רעכענען צו פינף און דרייסיק יאָר. אַלזאָ האָט זיך די נסיעה אויף יענער וועלט אָנגעהויבן אין 1300 יאָר.

פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד, זעט דער פּאָעט אַ בערגל, וואָס זיין שפּיץ איז באַשיינט מיט זונענשטראַלן. ער וויל אַרויף, אָבער דעם וועג פאַרצאַמען דריי שרעקלעכע חיות. אַ שנעלע פּאַנטערע מיט אַ געפלעקטן פעל, אַ בייזער לייב און אַ מאָגערע וועלפיכע, וועלכע איז ביי איר מאָגערקייט „מיט פאַר־לאַנגען אַלע פול". פון דער שווערער לאַגע פירט דעם פּאָעט אַרויס דער „אומדערוואַרטער פריינט", זיין „לערער און לידער זינגען די וואונדערלעכע שיין און ערע פון אַלע זינגער", ד. ה. דער באַרימטער רוימישער פּאָעט ווירגילי. ער האָט דאַנטען פאַרגעלייגט דורכצופירן אים דורך „דאָס לאַנד פון אייביק־אייביקייט", וואו ער וועט הערן „אַ שרעקלעכן געשריי, די טרויער פון אַמאָליקע נשמות, וואָס רופן דעם טויט אומזיסט אין באַנג פון האַרצן". אין דער מיטלאַלטער האָט מען ווירגילין געהאַלטן פאַר דעם אָנזאָגער פון קריסטנטום, פאַר אַ לערער פון חכמה. און דאַנטע האָט ניט געקענט צו־טראַכטן קיין בעסערן פירער, וואָס זאָל אים ברענגען פאַר דער טיר פון גן־עדן, וואוהין דעם הייד איז פאַרבאָטן אַריינצוגיין און וואו ווירגילי טרעט זיין אָרט אָפּ בעאַטריטשען. זי אַליין איז אימשטאַנד צו פירן דעם פּאָעט איבער די ספערעס פון גן־עדן. בעאַטריטשעס טאַקע האָט דאָס געשיקט ווירגילין, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דאַנטע האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד, ברענגען אים אין גן־עדן. דאַנטע גייט נאָך אים. באַלד דערזעען זיי פאַר זיך דעם אַריינגאַנג אין גיהנום און לייענען איבער אים די שרעקלעכע אויפשריפט.

„דאָ גייט מען דורך מיר אַריין אין דער טרויער־שטאָט צו מאַ־טערנישן, דאָ גייט מען דורך מיר אַריין צו אייביקער פּיין, דאָ גייט מען דורך מיר אַריין צו געפאַלענע דורות. דער אמת האָט באַוואויגן דעם העכערן בויער מיינעם. גאָטס מעכטיקע האַנט האָט מיך באַ־שאַפן. — די העכערע חכמה און דער הייליקער גייסט פון ערשטער ליבע, וואָס פאַר יעדן עקזיסטירנדיקן וועזן. אָבער נאָך די אייביקע, האָב איך אויך קיין תקומה ניט. פאַרלאָז די האָפענונג יעדער, וואָס גייט אַהער".

דאַנטע, אַ צערודערטער פון דעם שרעקלעכן זין פון דער אויפשריפט, האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. דערווייל הערן זיך פון תהום: זיפצן, געוויין און געשריי.

„אַ געמיש פון שפּראַכן, אויסרופן פון שרעקלעכע רייד, אויס־ברוכן פון צאָרן, פון אימהדיקן ווייַ אַ קרעכץ, און מיט ברעכן פון די

הענט, אַמאָל אַ שטים אַ ה ייזעריקע, אַמאָל אַ ווילדע, געבוירן געריש, און אייביק דרייט ער זיך אין דער טיפעניש, אין פינסטערניש אָן צייט, פאַרהילט, ווי דער שטויב, ווען עס דרייט דער אָקווילאָן״.

דאַנטע דערוויסט זיך, אַז נאָך אויסער דעם גהינום און אייביקער פינסטערניש פּייניקן זיך די נשמות פון די נישטיקע, ניט-באַשלאָסענע, ניט-טעטיקע מענטשן. ווענן זיי לוינט ניט צו ריידן. „אַ קוק — און פאַרביי״, — זאָגט ווירגילי. אַזוי פּאַראַכטלעך האָט זיך דער פּאָעט באַצויגן צו די, וואָס ווינען ניט צוגעשטאַנען צו קיין פּאַרטיי, און בכלל אַרויסגעדרייט זיך פון יעדער טעטיקייט. פאַר זיי איז אָפילו אין גיהנום צווישן די פאַרברעכער קיין אָרט ניטאָ. אין דעם ערשטן קרייז פון גהינום זעט דאַנטע די גרויסע שריפטשטעלער פון דער אַלטערטימלעכער וועלט. זיי געפינען זיך אין אַ פרי-ווילעגירטער לאַגע: „דאָס איז געווען אַ שטים פון טרויער, אָבער ניט פון פּיין״. זיי ליידן ניט קיין יסורים. שוין דאָ אין ערשטן קרייז באַגעגענען מיר די צווייאַיקייט, וואָס פאַרלאָזט דעם פּאָעט ניט אין משך פון גאַנצן וועג. דאַנטע איז אַ זון פון זיין דור און אין דערזעלבער צייט אַ געניאַלער מענטש, אַ דורכגעדרונגענער מיט ליידנשאַפטלעכער ליבע צו די אַלטערטימלעכע קענ-טעניש און מיט אַלמענטשלעכע געפילן. דעם פּאָעט איז געלונגען געניאַל צו פאַראייניקן זיין ליבע צו דער אַלטערטימלעכער ליטעראַטור מיט זיינע קריסטלעכע אָנשויאונגען. די אַלטערטימלעכע פּאָעטן זיינען געווען היידן, האָבן זיי קיין צוטריט ניט אין גן-עדן, מחמת „זיי האָבן זיך ניט געראַטעוועט דורך טויפונג״. אָבער זייערע גרויסע פאַרדינסטן ערלויבן דעם פּאָעט ניט צו פאַרמשפּטן זיי אויף יסורים. דעריבער גיט זיי דאַנטע אַן אָרט אין אַ באַזונ-דער קרייז, וועלכן ער רופט אָן ל י י ב, און וואו קיין פּיין איז ניטאָ. דאַנטע דערמאָנט מיט גאווה, אַז ווירגילי האָט אים אַריינגעפירט אין דעם קרייז פון די פיר גרעסטע פּאָעטן פון דער אַלטערטימלעכקייט: האָמער, האָראַצי, אָווידי און לוקאַן.

אין צווייטן קרייז קומט דער פּאָעט צו די בעלי-תאוות, וועלכע פליען אַרום אין אַ גהינום-וויכער. צווישן די זינדיקע פון דעם מין גייען פאַרביי אונ-זערע אויגן בילדער פון גרויסע פאַרברעכער און פאַרברעכערינס, וועלכע זיי-נען שולדיק אין תאווה—„וואָס זייער שכל איז פינסטער געוואָרן פון ווילדער ליידנשאַפט״. ווירגילי באַווייזט אים: סעמיראַמידע, דידאָן, קלעאָפּאַטרע, הע-לענע, פּאַריס, און „טויזנט אַנדערע״. אין דעמדאָזיקן קרייז געפינען מיר די רירנדיקע סצענע, וועלכע האָט דאַנטען געגעבן די מעגלעכקייט צו באַשאַפן איינעם פון די צויבערלעכסטע עפּיזאָדן פון זיין פּאָעמע. צוויי שאָטנס, פון פראַנ-טשעסקאַ-דאַ-רימיני און פון פּאַאָלאָ טיילן זיך אויס פון אַנדערע אין דעם גהינום-וויכער. די לייכטזיניקע פאַר האָט איינמאָל געלייענט אַ בוך, אין וועלכן עס איז באַשריבן די משוגענע ליבע פון דעם ריטער לאַנצעלאָט. דאָס בוך האָט באַהערשט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זייערע. פראַנטשעסקאַ דער-ציילט דאָרטן: מיר האָבן ניט געוואוסט די סכנה פון זיין צוזאַמען. ניט איינמאָל פלעגט ביי אונז די פאַרב בלייך ווערן פון דער היץ, און זיין בליק

פּלעגט באַגעגענען מיין פאַרנעפּלטן בליק". ווען די יונגעלייט זיינען געקומען צו דעם אָרט, וואו לאַנצעלאָט האָט אַ קוש געטאָן זיין געליבטע, האָבן זיך אויך ביי זיי די מיילער ניט ווילנדיק פאַראייניקט אין אַ קוש. „אין יענער רגע האָט דער ראָמאַן אונז מנצח געווען". „אין יענעם טאָג האָבן מיר שוין מער ניט געלייענט", — פאַרענדיקט פראַנטשעסקאָ איר דערציילונג. איר מאַן דזשיאַנטשיאָטאָ מאַלאַטעסטאַ — דערציילט באָקאַטשיאָ — האָט פון אייפערזוכט געהרגעט זי און איר געליבטן. איר דערציילונג אָטעמט מיט אַזאַ מעכטיקער ליבע, אַז דאַנטע, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט די קראַפט פון ליבע, ווערט געריִרט פון איר און פאַלט אין חלשות. ווי אַזוי ווערן דידאָזיקע צוויי אידעאַלע פערזאָנען, וואָס שיידן זיך אַפילו נאָכן טויט ניט, פאַרמשפּט אויף אַזעלכע גהינום־פּיינען? דאָ האָבן מיר ווידער אַמאָל פאַר זיך דעם פּאָעטס צווייִיקייט. פון איין זייט האָבן מיר פאַר זיך אַ מיטלאַלטערישן דענקער מיט אַ גאַנצער וועלטאָנשויאונג, וועלכער גיט אָפּ די פּרינציפּן פון זיין צייט דאָס אָרט, וואָס זיי געהערט. פראַנטשעסקעס און פּאַאָלאָס נשמות, וואָס זיינען געשטאָרבן אָן תשובה, קאָנען ניט האָבן קיין אָרט אין גן עדן. פון דער צווייטער זייט זעען מיר אין דאַנטען אַ פּאָעט מיט אַ וואַכזאַמער נשמה, וועלכע שטייט שוין אויף דער גרעניץ פון דער נייער צייט, וואָס קאָן פאַרשטיין די געזעצלעכקייט פון די ערדישע באַדערפענישן און ליידנשאַפטן, וואָס קאָן זיי באַרעכטיקן און מוחל זיין. פון דאַנען נעמט זיך די שיין, מיט וועלכע ער רינגלט אַרום די צוויי זינדיקע שאָטנס. פונדאַנען נעמט זיך אונזער סימפּאַטיע צו די, וואָס די השגה פון דער עפּאָכע האָט זיי פאַרמשפּט אויף גהינום־ליידן.

אין דעם דריטן קרייז זעט דאַנטע די שרעקלעכע שטראָף, וואָס עס קומט אויף די פרעסער און די זויפער. אין פערטן — די קמצנים און די אויסבּרענגער. דאָ געפינען זיך גייציקע קאַרדינאַלן און פּויפּסטן, „אומגעציילטע מחנות פון שאָטנס, נאַקעטע און צאָרנדיקע פון פאַרביטערונג", פּייניקן זיך אין שמוציקע טיפענישן, „מיט די פיס, מיט דער ברוסט, מיטן קאָפּ האָבן זיי זיך געשלאָגן פון אַנגסט, נאָר ניט מיט די הענט; מיט די ציין האָבן זיי געביסן דאָס לייב אויף שטיקער, אויף שטיקער". אין פינפטן קרייז ווערן באַשטראָפט די כעסנים. אין זעקסטן די כופרים. דאָ באַגעגנט דאַנטע דעם אָנפירער פון די גיבעלינען—פאַרינאַטאַ דעל אַלבערטי, דעם פּאָליטישן געגנער פון דאַנטעס עלטערן. דאַנטע צינדט זיך אָן אין צאָרן, פאַרינאַטאַ אויך, און מיט בייזפרייד דערמאָנט ער דאַנטען, אַז ער האָט צוויי מאָל אַרויסגעטריבן זיינע עלטערן פון פלאָרענץ. דערויף ענטפערט דאַנטע, אַז זיינע עלטערן האָבן זיך יעדעס מאָל צוריקגעקערט, און פאַרינאַטאַס פּאַרטיי איז עס ניט געלונגען. די אַלטע איינגעוואָרצלטע שנאה צווישן די פּאַרטייען, וואָס האָט איטאַליע געריסן אויף ברעקלעך, וואַקסט פאַר אונז אויף אין דעם־דאָזיקן דיאַלאָג. אין דעם זיבעטן קרייז ווערט באַשטראָפט די געוואַלט־מעשים לגבי מענטשן. צו דעמדאָזיקן מין זינדיקע געהערן אויך די, וואָס זיינען באַגאַנגען אַ געוואַלט קעגן זיך און קעגן דעם אייגענעם פאַרמעגן; זעלבסט־

מערדער זיינען פאַרוואַנדלט איןביימער, אין נאַקעטע שאָטנס, אייביק פאַרפאָלגטע פון הינט. אַהער געהערן אויך די, וואָס זיינען באַגאַנגען אַ גוואַלט קעגן גאָט: גאָטלעסטערער, וואוכערניקעס. וואָס ווייטער אונזערע וואַנדערער גייען, אַלץ שרעקלעכער ווערן די בילדער פון גהינום. אין דעם אַכטן קרייז ווערט באַשטראָפט די רמאות: באַהאָרנטע שדים שמייסן די, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט דער שוואַכקייט פון פרויען, די פאַרפירער. חנפים טרינקען זיך אין שטינקנדיקער פליסיקייט, זיי שרייען, שלאָגן זיך אַליין מיט די הענט און פאַרכלינען זיך. דאַנטעס סאַטירישע קראַפט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פונקט, ווען דאָ, אין אַכטן קרייז, צווישן די, וואָס האַנדלען מיט אמטן, באַגעגנט ער דעם פויפסט ניקאָלאַי דעם III. דער פויפסט שטייט אין דער דריטער שורה פון דעמדאָזיקן קרייז, אין אַ לאָך, מיטן קאָפּ אַראָפּ, אויסגעשטעלט אַרויס די ברענענדיקע פיאַטעס. עס קלינגט מיט בייזער איראָניע, ווען דער פויפסט זאָגט: „איך בין געקרוינט מיט דער פויפסטלעכער טיאַרע”. אין אָפּגרונט פון דעם פעלז געפינען זיך שוין אַ היפּש ביסל פויפסטן־סימאָניסטן. אַהין דאַרף אויך ניקאָלאַי אַריינפאַלן. ווי נאָר עס וועט קומען אַ צווייטער אויף זיין אָרט, ד. ה באָניפאַצי VIII, וואָס וועט זיין שטעל אין גרוב פאַרנעמען. ניקאָלאַי מיינט טאַקע אויף דאַנטען, אַז דאָס איז באָניפאַצי. באָניפאַצי האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, און אַ ביטערע איראָניע שטעקט אין די ווערטער, וואו דער פּאָעט האָט שוין פאַר אים אָנגעגרייט אַן אָרט אין גהינום. אין שאַרפע ווערטער גיסט דאַנטע אויס זיין צאָרן אויף דער גייציקייט פון די פויפסטן.

דאַנטע גיט די פויפסטן קיין אָרט ניט אין גן־עדן. דאָס איז אַ סימפּטאָם פון דער נייער צייט, אַ צייכן, אַז דער פויפסטנטום פאַלט, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין אויטאָריטעט. דער געטרייער קריסט דאַנטע שטראָפט דערפאַר נאָך שטרענגער די פויפסטן, וועלכע האָבן ניט געוויסנהאַפט געטראָגן די אידעאַלן פון קריסטנטום. אין דעמזעלבן קרייז, אין אַ צווייטער קאַנאַווע, מאַכט דאָס בילד פון גהינום אויפציטערן דעם לעזער: דער גאַנצער גראָבן שווימלט און גריבלט מיט שלאַנגען, צווישן וועלכע עס לויפן אין שרעק אַרום הין און צוריק די גנבים, וואָס קומען דאָ אָפּ. די הענט זיינען ביי זיי פאַרבונדן אויף הינטן מיט שלאַנגען; שלאַנגען האָבן זיך איינגעגעסן אין זייערע לענדן, קנוילן זיך אַרום ברוסט.

דאָס בלוט ווערט פאַרפרוירן ביים ניינטן קרייז. ער איז באַשטימט פאַר די שרעקלעכסטע פאַרברעכער. דאַנטע אַליין רופט די מוזעס צו הילף, ווען ער הייבט אָן צו מאָלן דעם מיטלפונקט פון דעם וועלט־באַשטאַנד, דעם אבן השתיה פון גהינם. די שווערע צייט פון אומרועען און מחלוקתן, ווען די אידעע פון דער פאַרטיי איז געווען הייליק, האָט ניט געוואוסט קיין זינד שווערער איידער בגידה. קיינמאָל האָט נאָך פאַררעטונג ניט געבראַכט אַזוי פיל שאָדן, ווי אין דער עפּאָכע פון שטרענגער פאַרטייאישער טיילונג. דעמדאָזיקן פאַרטייאישן פאַררעטער גיט דאַנטע אַן אָרט אין סאַמע שרעקלעכסטן גהינום־קרייז. די אומגלויבלעכע יסורים פון די פאַררעטער רופן ניט אַרויס

קיין רחמנות צו זיי. אין דאַנטען ערוואַכט ווידער דער זון פון זיין דור. ער שלאָגט זיי מיט די פיס איבערן קאָפּ, רייסט זי די האָר אויס. אין איין גרוב זעט דאַנטע צוויי פאַרפראָרענע רשעים; איינער גריזשעט דעם צווייטן דעם קאָפּ. די בוגדים קלאָגן, אָבער זייערע טרערן פרירן אויף זייערע אויגן, און דער טרויער, וואָס האָט קיין אויסגאַנג ניט פון זייערע אויגן, פאַלט זיי מיט טאָפּעלטער קראַפט אויפן האַרצן. דאָ באַגעגנט דאַנטע דעם גראַף אוגאָלינאָ, וואָס דער אַרציבישאָף רודזשערי האָט אים מיט די קינדער פאַררעטעריש פאַרכאַפּט און געלאָזט אין אַ קעלער אויסגיין פון הונגער. דערפאַר גריזשעט אוגאָלינאָ דעם קאָפּ פון זיין פאַררעטער. קיינמאָל האָט נאָך די פאַנטאַזיע פון אַ פּאָעט ניט אויסגעטראַכט אַ מער שרעקלעך בילד, וואָס שיינט נאָך בולטער מחמת דעם קאָנטראַסט מיט אוגאָלינאָס ערציילונג וועגן די צאַרטע געפילן, וואָס דער בוגד האָט באַליידיקט. אוגאָלינאָן גופא האַלט דאַנטע אויך פאַר אַ פאַררעטער, דערפאַר וואָס ער איז אַליין אָן ערלויבעניש אַריינגעטראָטן אין באַציאונגען מיט דער שטאָט, וואָס איז געווען פיינדלעך צו זיין געבורטלאַנד. דערפאַר איז אוגאָלינאָ אויך אין גהינום.

די ביידע וויטערדיקע טיילן פון דער קאָמעדיע — **דאָס לייטערונג=פייער**, און **דער גן=עדן** — זיינען פיל שוואַכער פאַר דער ערשטער אין קינסטלערישן זין. אין דער ערשטער זיינען געווען באַשריבן ערדישע לאַנדשאַפטן, פאָרגעשטעלט לעבעדיקע מענטשן. די ערד האָט געגעבן פאַרב פאַר זייער געמעל. דאָס זיינען געווען מענטשן מיט אַלע זינד,ליידנשאַפטן און געפילן פון זייערע ערדישע מיטמענטשן. זיי קענען האַסן, שרייען פון ווייטאָג, פרייען זיך מיט נצחון און ליבן. וואָס נעענטער צום גן עדן, אַלץ מער ווערט בטל דער ערדישער לבוש, די זינד און די תאוות פאַרשווינדן. די מענטשן באַפרייען זיך פון זיי, און פאַרלירן זייער ערדישן כאַראַקטער. די ערד גיט ניט קיין גענוג=העלע פאַרבן, גענוג שטאַרקע קלאַנגען, צו פאָרשטעלן מענטשן, וואָס האָבן זיך לחלוטין אויסגעלייטערט פון זינד. דאַנטע איז אָפטמאָל גענייטיקט צו נעמען צאָל=באַצייכענונגען, כדי צו מאָלן די שיינקייט פון דער קיניגרייך פון די גליקלעכע. ער זאָגט, אַז דער גלאַנץ אין גן=עדן שטייגט טויזנט מאָל אַריבער דעם גלאַנץ פון דער זון אויף דער ערד, און אַז. וו., אָבער דידאָזיקע גוזמאות בלייבן טויטע פאַר אונזער דמיון. פונדעסטוועגן זיינען אויך אין די צוויי איבעריקע טיילן פאַרהאַן פערל פון דער פּאָעזיע. דאַנטע גייט דורך אַלע זיבן קרייזן פון לייטערונג=פייער. אויפן שטערן האָט אים אַ מלאך אָנגעשריבן זיבן מאָל דעם אות P (Peccatum — זינד), דאָס זיינען די זיבן טויט=זינד. ביי יעדן קרייז, וואָס ער גייט דורך, מעקט מען אים איין P אָפּ, פאַר אַ סימן, אַז ער איז שוין פון איין זינד געלייטערט. דער סימבאָלישער כאַראַקטער ווערט שטאַרקער, די לעבעדיקייט פון די געשטאַלטן — שוואַכער; פונדעסטוועגן טרעט פאַר דעם לעזער אַרויס דער אַלגעמיינער פאָן פון דעם לייטערונג=פייער. די פּאָעטן גייען ווידער פאַרביי אַ מאַסע שאָטנס, אָבער פון דידאָזיקע בילדער, וואָס זיינען שוין אָפּגעקומען פאַר זייערע זינד, אָטעמט אויף אונז מיט פרידן. אַמאָליקע בעל=גאווהס דינען איצט זייערע נאָענטע מיט

זעלבסטאָפּפערונג, די הערשער זיינען זיך מודה אין זייער שוואַכקייט, שונאים האַלטן זיך, קאַרגע זיינען גרייט פונאַנדערגעבן זייער גאַנצן פאַרמעגן.

ביים אַריינגאַנג אין גן־עדן ווערט ווירגילי נעלם. זיין ראָל איז געענדיקט: ער האָט דאַנטען דערפירט ביזן גן־עדן אויף דער ערד. ווייטער צום גן־עדן אויפן הימל קאָן דער הייד ניט זיין קיין פירער. דעמאָלט שטעלט זיך פאַר דאַנטען יענע, וואָס לכבוד איר אַפּאָטעאָזע איז די גאַנצע פּאָעמע געשאַפן: בעאַטריטשע באַגעגנט דעם צעטומלטן פּאָעט. „קוק אויף מיר. — זאָגט זי באַפעלעריש,—דאָס בין איך, איך—בעאַטריטשע. ווי האָסטו געהאַט די העזה צו דערנעענטערן זיך צום דאָזיקן באַרג?" ווייטער דערציילט זי פאַר די מלאכים, וואָס רינגלען זי אַרום, די געשיכטע פון דאַנטעס בלאָנדזשענישן. כל־זמן זי האָט געלעבט, האָט זי אים געפירט אויפן וועג פון אמת. אָבער ווי באַלד זי האָט פאַרלאָזן די ערד, האָט ער אויפגעהערט צו שטרעבן נאָך איר, שפּורן און זיך אונטערגעגעבן צו פּינסטערע נסיונות. איר איז פאַרבליבן נאָר איין מיטל מציל צו זיין דאַנטען פון זינד: באַווייזן די אימות פון גהינום. בעאַטריטשע דערציילט, ווי זי האָט צו אים געשיקט ווירגילין, ער זאָל אים אַרויספירן פון פינסטערן וואַלד, וואו ער האָט פאַרלאָרן דעם וועג, ווי זי האָט געזאָרגט און געוויינט צוליב אים. דער אויפגערודערטער פּאָעט שטייט שטום, אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד, און קוים וואָס ער רעדט. ווען ער איז זיך מודה אין זיינע טעותן, ערגעץ איז נאָך אַזוי העל ניט אויסגעדריקט דער מיסטישער כאַראַקטער פון דער מיטלאַלטערישער ליבע. ליבע איז צדקות, מאַכן איין פאַלשן שלעכטן טריט—הייסט זיין אַ בוגד בנוגע צו דער געליבטער. פעלשן אין איר — הייסט גיין אויף אַ פאַלשן וועג. בעאַטריטשע הייבט זיך אויף אין דער הויך. דאַנטע — נאָך איר, דורך די הימלישע ספערן צום עמפּיריי, וואו גאָט איז. דאָ באַגעגענען זיך שוין אין וועג ניט קיינע העלע רעאַלע געשטאַלטן. די פּאָעמע באַקומט אַ פולקום סימבאָלישן כאַראַקטער. דער עמפּיריי אַז באַגאָסן מיט העלער שיין. דאַנטע האַלט אויס דעם נסיון, און ער זעט אַ רויז, וואָס האָט אין מיטלפּונקט אַ גאַנצן ים גלאַנץ, וועלכער פלייצט אַרויס פון גאָטס שיין. אויף די בלעטער פון דער רויז נידערן אַראָפּ פון גאָט מלאכים און הייבן זיך צוריק צו אים אַרויף. שטרעבנדיק הין און צוריק, ברענגען זיי פרידן און ליבע.

אין דער גאַנצער פּאָעמע, אפילו אין איר אויסערלעכן געבוי, און אין יעדער קלייניקייט איז באַהאַלטן עפּעס אַ באַוואוסטזיניקע סודותפולע סימבאָליק. יענע וועלט שטעלט מיט זיך פאָר אַ האַרמאָנישן בנין, וואָס אַלע זיינע טיילן זיינען דעטאַל באַאַרבעט. קריסטוסעס נאָמען ריפּמירט זיך נאָר מיט זיך אַליין, און ווערט אין דעם אָרט פון די רשעים ניט דערמאָנט. די צאָל דריי שפּילט עפּעס אַ געהיימע וויכטיקע ראָלע. די פּאָעמע איז אָנגעשריבן מיט דריי־שורהדיקע פערזן — טערצינעס, ווערט געטיילט אויף דריי טיילן, יעדער טייל האָט דריי און דרייסיק לידער (פאַר זיי קומט דאָס הונדערטע — איינטריטס־ליד, וועלכע מען פאַררעכנט צו „דעם גהינום") און ענדיקט זיך מיטן וואָרט „שטערן". בעאַטריטשע איז אָנגעטאָן אין דריי קאָלירן. אין וואַלד באַגעגנט

דאַנטע דריי חיות. לוציפער האָט דריי מיילער. לסוף ניין קרייזן פון גהינם,
ניין הימלשע ספירות — דאָס באַווייזט אַלץ, אַז דער פּאָעט האָט געגלויבט
אין דער מיסטישער באַדייטונג פון די ציפער.

אָבער די פּאָעמע, ווי דאַנטע אַליין זאָגט, האָט, ווי מיר האָבן שוין
דערמאָנט, אַ טאָפּלטן זין: אַ בוכשטעבלעכן און אַן אַלעגאָרישן. דאָס רוב קאָ=
מענטאַטאָרס, וועלכע האָבן מפורש געווען דעם זין פון דאַנטעס אַלעגאָריעס,
צעטיילן זיי אויף דריי הויפּטגרופּן. דער פּאָעט האָט אין דער געטלעכער
קאָמעדיע געוואָלט דורכפירן, ערשטנס, זייגע רעליגיעז=עטישע אָנשויאונגען,
צווייטנס, האָט זיך אין איר אָפּגעשפּיגלט זיין בליק אויף דעמאָלטיקער פּאָלי=
טישער לאַגע — אַ בליק, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט די קריסטלעכע אָנשוי=
אונגען פון דער עפּאָכע. לסוף, דריטנס, — דער פּאָעט האָט אין דער פּאָעמע
דערציילט די געשיכטע פון זיין אייגענער נשמה. „איך בין אין פינסטערן
וואַלד אַריין, פאַרלאָרן דעם ריכטיקן וועג אין דער שעה פון אומרו" — אַזוי
הייבט זיך אָן די פּאָעמע.

דער פינסטערער וואַלד—דאָס איז דער קיום פון אַ מענטשן אויף דער
ערד, וואָס איז פול מיט זינד, טעותן און גרייזן. „פאַרלאָרן דעם ריכטיקן וועג",
בלייבט דער מענטש אין אַ וואַלד. און ס'שיינט, ווי דער פּאָעט וואָלט אויף זיך
גענומען צו באַווייזן, וועלכע וועגן פון נסיונות, ספקות און יסורים מוז דער
מענטש דורכמאַכן, כדי צו דערגרייכן ביזן געוואונטשענעם צושטאַנד פון זע=
ליקייט. דער פּאָעט זעט אַ באַרג אין די שטראַלן פון דער פּלאַנעט. דערדאָ=
זיקער באַרג „פירט דירעקט צו מעשים טובים". ער שטרעבט צום באַרג, אָבער
דריי חיות פאַרצאַמען דעם וועג. אין דידאָזיקע דריי חיות קאָן מען זען די
אַלעגאָרישע פאָרשטעלונג פון די דריי מענטשלעכע הויפּט=ליידנשאַפטן. די
פּאַנטערא זאָל מיט זיך פאָרשטעלן—תאוות בשרים, די זינד פון די יוגנטלעכע.
אַ סך געפערלעכער איז די צווייטע חיה: דער בייזער לייב, אין וועלכן מען קאָן
איינזען די זינד פון גאווה און מאַכטגייציקייט. די דריטע חיה, די גייציקע
וועלפיכע, זאָל באַטייטן גייציקייט און לְהוטקייט נאָך רייכטום. דידאָזיקע דריי
גרעסטע זינד פאַרהאַלטן דעם מענטשנס נשמה אין וואַלד פון בלאָנדזשענישן
און שטערן איר אַרויסצוגיין אויף דעם ליכטיקן באַרג פון גאָט=קענטעניש.

ווער=זשע באַפרייט דעם מענטשנס נשמה פון דידאָזיקע תאוות, וועלכע
שטערן איר צו גיין אויפן ריכטיקן וועג? ווירגילי, וועלכער באַגעגנט דעם
פּאָעט אין דער שווערער רגע פון זיין לעבן, איז דער סימבאָל פון מענטשנס
חכמה. אין זיין פּערזאָן איז פאַרקערפּערט די פילאָזאָפיע, ד. ה. די וויסנ=
שאַפט, לְהפך צו בעאַטריטשען, וועלכע פאַרקערפּערט, ווי מיר וועלן שפּעטער
זען, די העכערע געטלעכע חכמה אָדער די טעאָלאָגיע. דער שכל אַליין קאָן
דעם מענטשן ניט ברענגען צום גן עדן. ווירגילי ברענגט דאַנטען פאַר דער
טיר פון גן עדן, און פון דאַנען פירט אים ווייטער בעאַטריטשע. דאַנטעס
נסיעה איבערן גהינום שטעלט פאָר דעם ערוואַכונג=פּראָצעס פון דעם מענטשנס
באַוואוסטזיין מיט דער הילף פון שכל און פילאָזאָפיע. איינער נאָכן אַנדערן
גייען דורך פאַרביי דאַנטען די מענטשלעכע זינד. ער בלייבט ניט גלייכגיל=

טיק צו די סצענעס, וואָס ער זעט. אַלץ רופט אַרויס אַ לעבעדיקן עכאָ אין זיין נשמה. כדי צו פאַרלאָזן דעם וועג פון בלאָנדזשעניש און אַרויף אויפן אמתן וועג, דאַרף דער מענטש קענען זיך אַליין מיט דער זינדיקייט און דער נידעריקייט, וואָס ער טראָגט אין זיין נשמה. דער שיף לאָזט אים אַראָפּ־ דערן אין דעם גהינום פון זיין אייגן הארצן, ער לאָזט דעם מענטשנס פעלערן און זינדיקייט באַווייזן זיך פאַר אים אין זייער אמתער שיין, מיט זייערע שרעקלעכע רעזולטאַטן. יעדער מין שטראָף שטעלט אַלעגאָריש פאָר יענעם אינעווייניקסטן און אויסנווייניקסטן צושטאַנד, וואָס קומט פון דער אָדער יע־ נער זינד. אַזוי פאַרטונקלט די אומבאַגרענעצטע תּאווה דעם פאַרשטאַנד, שטויסט דעם מענטשן אין תּהום. דעריבער דרייען זיך די בעל־תּאוות אויך אין גהינום אין אַ בייזן ווירבער, וואָס שמייסט זיי אָן די פעלזן און שליידערט אין תּהומות און באַגעגענענדיק זיך מיט דער געפאַר, באַשולדיקן זיי ניט זיך אַליין, דערפאַר וואָס זיי האָבן דעם שכל געלאָזן אונטערטעניק זיין צו דער פאַרשיכּורנדיקער תּאווה, נאָר זיי באַשולדיקן די געטלעכע מאַכט. אַזוי אַרום איז נאָך אין גהינום די זינד ניט ריינגעוואַשן דורך חרטה; די רשעים קעמפן נאָך אַלץ קעגן גאָט. ערשט, ווען ער האָט דורכגעמאַכט דעמדאָזיקן לאַנגן וועג, ווען ער האָט פאַרשטאַנען די גאַנצע טיפקייט פון דער זינד, קאָן זיך דער מענטש אָפּריייניקן פון איר דורך תּשובה. דערדאָזיקער פּראָצעס פון ריייניקונג איז פאַרגעשטעלט אין „לייטערונג־פייער", וואו מיט יעדן נייעם קרייז, וואָס ער גייט דורך, לייטערט זיך דער מענטש אויס פון איין מין זינד, און דערגייט צו דער העכערער זעליקייט, וועלכע איז מעגלעך אויף דער ערד.

דעם מענטשנס באַוואוסטזיין, ווירגילי, האָט דאָ געענדיקט זיין ראָלע. ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט. די זאַך פון דער פילאָזאָפיע איז אָנצווייזן דעם מענטשן, ווי אַזוי ער זאָל דורך איבונג און מעשים טובים דערגרייכן גליק אויף דער ערד.

ביי די טויערן פון גהינום באַגעגנט דאַנטע בעאַטריטשען — די פאַר־ קערפּערונג פון דער געטלעכער וויסנשאַפט, פון דער טעאָלאָגיע. דערדאָזיקער וויסנשאַפט איז אונטערגעוואָרפן די מענטשלעכע וויסנשאַפט, די פילאָזאָפיע. נאָר זי ברענגט די פילאָזאָפיע צו אַקטיוויטעט. נאָר לויט בעאַטריטשעס אויפטראָג קומט ווירגילי אין פינסטערן וואַלד, צו באַלייכטן פאַר דעם פּאָעט דעם ערשטן טייל פונם וועג, און מציל זיין אים פון די דריי חיות רעות. דאָס ליכט פון דער געטלעכער וויסנשאַפט איז פאַרהאַן אין יעטווידער נשמה. די בלאָנדזשענישן פאַרשטעלן עס, אָבער ווען די נשמה האָט זיך פון זיי באַפרייט, פלאַמט ס׳דאָזיקע ליכט ווידער אויף מיט אומגעווייינלעכער קראַפט. טעאָ־ לאָגיע — דאָס איז די גרעסטע פון אַלע וויסנשאַפטן, און דעריבער איז דער מאָמענט, ווען דער מענטש באַהעפט זיך צו איר, דער וויכטיקסטער אין לעבן, און דעריבער איז בעאַטריטשעס ערשיינען אַזוי אומגעוויינלעך פייערלעך. פאַר דאָס ליכט פון דערדאָזיקער וויסנשאַפט זעט דער מענטש דעם אמת און זיינע אייגענע טעותן באַזונדער העל. דערפאַר מאַכן בעאַטריטשעס רייד אַזאַ

שטאַרקן איינדרוק אויפן פּאָעט. לסוף באַלייכט דידאַזיקע וויסנשאַפט פאַר דעם מענטשן דעם וועג צו הימלשער זעליקייט; דערפאַר פירט בעאַטריטשע, ניט ווירגילי, דאַנטען אין גן־עדן אַריין; דערפאַר דערקלערט זי אים אין וועג די נאַטור פון די לבנה־פלעקן, וועגן דאָס, וואָס יעדע בריאה ציט צו איר שורש אין גאָט, און אַז. וו. — זי דערקלערט עס מיט דער גאַנצער סכאָלאַסטישער קאָנזעקוועַנטקייט פון אַ מיטלאַלטערישן טעאָלאָג.

אַזוי זיינען אין דאַנטעס שאַפונג אויסגעדריקט געוואָרן די עטיש־קריסט־לעכע אָנשויאונגען פון דער עפּאָכע. אין דעם סוזשעט גופא פון דער פּאָעמע האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן דידאַזיקע רעליגיעזע וועלט־אָנשויאונג זיינע. דאָס לעבן אויף דער וועלט איז נאָר אַ פּרוזדור צו יענער אייביקער שיינער וועלט. נאָר דאָס צווייטע, דאָס הינטער־קבר־לעבן, קאָן געבן אַן אמתע ריכטונג אונזער ערדישן לעבן. אָט פאַרוואָס דאַנטעס מיט זיין רייזע אין דער הינטער־קבר־קיניגרייך שטייט ניט איינזאַם אין דער מיטלאַלטערישער ליטעראַטור. ער האָט געהאַט פאָרגייער; די ליטעראַטור פון זעאונגען איז געווען אַ פאַרשפּרייטע. פון דעם־דאָזיקן מין ווערק זיינען באַזונדער געוועזן באַרימט: דאָס לייטערונגס־פייער פון הייליקן פּאַטריק און טענדאַלס זעאונגען. אין לעצטן ווערק זיינען אויך אַזוי פאָרגעשטעלט די יסורים פון רשעים, וועלכע ווערן באַשטראָפט לויט דער מדרגה פון זייער זינדיקייט. אָבער נאָר דאַנטע האָט עס געקענט פאַראייניקן אין דעמדאָזיקן סוזשעט אַלע עטיש־רעליגיעזע באַגריפן פון דעם דור, ברענגען זיי אין אַ סיסטעם, ביי וועלכער די פילאָזאָפיע און די פּאָעזיע גיסן זיך צונויף אין איין האַרמאָניש גאַנצס.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז דאַנטעס אַלגעמיינע פילאָזאָפישע אָנשוי־אונגען זיינען ענג געבונדן מיט זיין פּאָליטישן בליק, און אין די אַלעגאָ־ריעס פון „דער געטלעכער קאָמעדיע" זיינען די צווייטע אַנטפּלעקט ניט אין אַ קלענערער מאָס איידער די ערשטע. אויב דער פינסטערער וואַלד, אין וועלכן דאַנטע בלאָנדזשעט, סימבאָליזירט די בלאָנדזשענישן פון דער מענטש־לעכער נשמה אין יענער ספערע, וואו אַלס וועג־ווייזער ערשיינט דער פּויפּסט, דאָס הייסט אין דער ספערע פון קריסטנטום, אויב דידאָזיקע בלאָנדזשעניש באַווייזט, אַז די הויפּטקראַפט פון מיטלאַלטער, די קירך, האָט פאַרלאָרן איר באַדייטונג און אויפגעהערט צו באַשיינען פאַר דעם מענטשן דעם וועג פון אמת, — איז פון דער צווייטער זייט סימבאָליזירט דער פינסטערער וואַלד אויך די אָפּווייכונג פון איר גרויסער אויפגאַבע מצד דער צווייטער קראַפט, מצד דער אימפּעריע. דער פינסטערער וואַלד — דאָס איז די פּאָליטישע אַנאַרכיע, וועלכע גאַנץ אייראָפּע, איטאַליע און דאַנטעס געבורטשטאָט פלאָ־רענץ האָבן איבערגעלעבט. די דריי חיות רעות—דאָס זיינען די פעלערן, וועלכע זיינען געקומען אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס די בירגערלעכע אָרדע־נונג איז געפאַלן, און וועלכע שטערן ווידער אויפצושטעלן די נאָרמאַלע פּאָליטישע אָרדענונג. ווירגילי, וועלכער האָט אין זיין ענעאידע געלויבט די גבורה און די גדולה פון דער רוימישער אימפּעריע, פאַרקערפּערלעכט, דאַכט זיך, די גיבעלינישע אידעע פון אַן אַלוועלטלעכער רוימישער מאַ־

נאַרכיע. די דריי קיניגרייכן פון יענער וועלט מאָלן אַלעגאָריש די איבערגעשאַפענע וועלט, אין וועלכער אַלץ איז געבויט אויף יסודות פון יושר. די הויפּטפּראַגע פון מיטלאַלטער, די באַציאונגען צווישן דער פּויפּסטלעכער און קייזערלעכער מאַכטן — דרינגט אַדורך די גאַנצע פּאָעמע דאַנטעס. דער פּאָעט שטראָפט אָן רחמנות די פּויפּסטן, אויף זיי פאַלט דער עיקר שולדיקייט און דער שרעקלעכער אַנאַרכיע. קיין פּויפּסט האָט קיין אָרט ניט אין גן־עדן. אָבער שטראָפנדיק באַזונדערע פּויפּסטן, בלייבט דאַנטע אויפן באָדן פון דער דאָגמע פון דער הערשנדיקער קירך, ער פאַרטיידיקט די אידעען פון פּויפּסטנטום. זיינע רייד צום פּויפּסט ניקאָלאַי III זיינען פול מיט פאָרוואורפן, פאַרוואָס די פּויפּסטן האָבן אָפּגעווייכט פון זייער אויפגאַבע. אָבער אין דערזעלבער צייט אָנערקענט ער דעם פּויפּסט פאַר קריסטוסעס שטעלפאַרטרעטער. „זאָג — פרעגט ער, — וואָסערע אוצרות האָט דער האַר ערוואַרט, ווען ער האָט מיט זיין האַנט פּעטערן איבערגעגעבן די שליסלען? גלויב מיר, ער האָט נאָר איינס געפאָדערט: גיי נאָך מיר". דערדאָזיקער פּרינציפּ איז דאַנטען אַזוי טייער, אַז ער שטראָפט די כּופרים מיט גיהנום, און טרעט אַרויס אַנטקעגן דער שלעכטער באַהאַנדלונג מצד פיליפּ IV צו באָניפאַצי VIII, הגם דער לעצטער האָט דאַנטען גאָר אויסגעזען ווי אַ אוזורפּאַטאָר. אין דעם, ווי פיליפּ באַליידיקט באָניפאַצן, זעט דאַנטע איין אַ נייע קרייצונג פון קריסטוס. צוזאַמען מיט יהודה איש קריות גיט דאַנטע איבער לוציפערן אויך ברוטן און קאַסין, וואָס זיי זיינען געווען די לעצטע רעפּובליקאַנער און האָבן אין צעזאַרס פּערזאָן געשטרעבט צו פאַרטיליקן די רוימישע אימפּעריע. דעם איידעלן הענריך VII, דעמדאָזיקן לעצטן אימפּעראַטאָרטרוימער, וועלכער האָט צייטווייליק געלאָזט ווידער אויפלעבן דאַנטעס חלומות וועגן דער רעסטאַוראַציע פון דער אַלוועלטלעכער רוימישער מאָנאַרכיע, — דעמדאָזיקן אימפּעראַטאָר ערוואַרט אַ טראָן און אַ קרוין אין גן־עדן צווישן די גליקלעכע. אַזוי זיינען אין דער „געטלעכער קאָמעדיע" אויסגעדריקט די פּאָליטישע אָנשויאונגען פון דער עפּאָכע. מיר האָבן פאַר זיך אַן איבערצייגטן, ניט אַלע מאָל אָן ליידנשאַפטן, און אַפילו ניט אָן פּניות, גיבעלין, וועלכער האָט מיט איין בליק אַרומגענומען די פּאָליטישע געשעענישן פון יאָרהונדערטן, זיי צונויפגעשמידט מיט דער קייט פון זיין וועלטאָנשויאונג, באַוויזן איינצושליסן זיי אין זיין פּאָליטישער סכעמע און האַרמאָניש איינצוטיילן אין איר ניט בלויז אַלע קליינע פאַקטן, נאָר אַפילו די באַזונדערע העלדן פון דער קאָמפּליצירטער און פאַרשיידנאַרטיקער געשיכטע פון מיטלאַלטער.

אָבער אין דאַנטעס געניאַלער שאַפונג שטייט פאַר אונז אין גאַנצער וואוקס אירער ניט בלויז די אומרואיקע עפּאָכע, אַ באַלויכטענע מיט העלער שיין, — פאַר אונז וואַקסט אויך אויס די פּערזענלעכקייט גופא פון דעם גרויסן פּאָעט און דעם איידעלן מענטשן, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן דאָרשטיק און ניט וויסנדיק פון מידקייט געשטרעבט צו וויסן און פאַרפולקומונג. ווען מיר וואָלטן אַפילו ניט געהאַט דאָס ביסל אָרעמע ידיעות וועגן דאַנטעס לעבן, וואָלט אונז די געטלעכע קאָמעדיע דערציילט די פּיינלעכע

געשיכטע פון דעמדאָזיקן איידעלן לעבן. דער פינסטערער וואַלד — דאָס זיי־נען יענע טעותן, אין וועלכע דער פּאָעט האָט געליטן און איז פאַרלאָרן געגאַנגען נאָך בעאַטריטשעס טויט. ווירגילי — דאָס זיינען יענע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען, וואָס האָבן אים מציל געווען פון יאוש, געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אויפן אמתן וועג, אים געהאָלפן מכניע זיין די זינד און די ליידנשאַפטן. לסוף — בעאַטריטשע דאָס איז די טעאָ־לאָגיע און דער גלויבן, וואָס ביי זייער שיין האָט דער פּאָעט ענדלעך גע־פונען רו און באַפרידיקונג.

אַזוי האָבן זיך אין דער „געטלעכער קאָמעדיע” צונויפגעגאָסן די אידע־אַלן פון דער עפּאָכע און דעם פּאָעטס אייגענע פּערזענלעכקייט. שליסנדיק די מיטלאַלטערישע יאָרן, איז דאַנטע אויך געווען דער אָנזאָגער פון דער נייער צייט. דער מיטלאַלטערישער מענטש, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט אַליין ניט געדאַרפט שאַפן פאַר זיך קיין וועלטאָנשויאונג. ער האָט זיך געשטעלט צו דער דינסט ביי דער אָדער יענער אידעע — ביי דער קריסטלעכער, פּע־אָדאַלער, ריטערישער, מאָנאַרכישער, וואו אַלץ איז שוין ביז אים געווען פאַר־אויסגעזען. דאַנטע באַצייכנט מיט זיך די אַנטשטייאונג פון אַ נייעם גרויסן פאַקטאָר — פון דער גרויסן געזעלשאַפטלעכער מיינונג. ער איז ניט בלויז קיין באַ־דינער ביי דעם פּרינציפּ. ער אַליין, ווי אַ זעלבשטענדיקע פּערזאָן, באַטראַכט מיט זיין אויג די היסטאָרישע געשעענישן, פּירט דורך זיין אייגענעם שטאַנד־פּונקט אויף די באַציאונגען צווישן באַזונדערע קעמפנדיקע קרעפטן. דאַנטע איז דער לעצטער בלינדער באַדינער פון דער מיטלאַלטערישער אידעע, און אין דערזעלבער צייט איז דאַנטע דער ערשטער אינדיווידואַליסט. דאַנטע איז ניט נאָר דער גרעסטער אויסדריקער פון דער מיטלאַלטערישער וועלט־אָנשויאונג — ער שטייט אויף דער גרענעץ צווישן מיטלאַלטער און רענע־סאַנס־עפּאָכע, ווען די פּערזענלעכקייט טרעט אַרויס אויפן ערשטן פּלאַץ און אָנשטאָט דער מיטלאַלטערישער אונטערטעניקייט צו אויטאָריטעטן, שטעלט זי אַרויס אירע מענטשלעכע באַדערפעניש.

צווייטע אָפּטיילונג.

די עפּאָכע פון רענעסאַנס. סערוואַנטעס. שעקספּיר.

V.

די מיטלאַלטער און דער רענעסאַנס. — קאָפּערניקס אנטדעקונג. — וויסנשאַפט, קונסט, פּעדאַגאָגישע, מאָראַלישע און פּאָליטישע אָנשויאונגען אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס. — פילאָזאָפיע: מאָנטען און בעקאָן. — דאָס סאַלאָנען-לעבן אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס.—די ליטעראַטור.—גראַף קאַסטיליאָנע.— דער איטאַליענישער רענעסאַנס: קרייזלעך, מעצענאַטן, די פּויפּסטן ניקאָלאַי V און פּיוס II. — די איטאַליענישע הומאַניסטן פּאָדזשאָ, בעקאַדעלי, וואַלאַ. — דער דייטשער הומאַניזם: רייכלין, הוטען, עראַזם. — דער פראַנצויזישער הומאַניזם: ראַבלע און זיין ראָמאַן „גאַרגאַנטיוּאַ“. — דער ענגלישער הומאַניזם: טאָמאַס מאָר און זיין „אוטאָפּיע“. — די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט אין דער „אוטאָפּיע“.

די עפּאָכע, וואָס האָט פאַרביטן די מיטלאַלטער, געהערט צו די סאַמע טשיקאַווע פּעריאָדן פון דער קולטור-געשיכטע פון אייראָפּע. קיינמאָל איז נאָך די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט ניט געווען פאַרפלייצט מיט אַזאַ שטראָם פאַרשיידנאַרטיקע אידעען און אויפגאַבן. באַפרייט זיך פון דעם אויטאָריטעט פון דער קירכע, וואָס האָט איינגעשמידט אין קלעם אַלע זייטן פון לעבן, איז דער מענטש געבליבן פּנים אל פּנים מיט דער נויטווענדיקייט תיכף, זעלבּשטענדיק, מיטן אייגענעם שכל צו אַנטשיידן אַלע פראַגן. אָט פאַרוואָס אין קאָנטראַסט צו דער מיטלאַלטער, וואָס איר קולטור און וועלטאָנשויאונג צייכענען זיך אויס מיט אַ געוויסער איינאַרטיקייט אין פאַרשיידענע עקן פון אייראָפּע, גלאַנצט די עפּאָכע פון רענעסאַנס מיט רייכער און קאָמפּליצירטער פאַרשיידנאַרטיקייט פון שׂכלען און טאַלאַנטן אויף אַלע געביטן פון גייסטיקער טעטיקייט פון דער מענטשהייט. כמעט אַלע הויפּט-פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן, רעליגיעזן און מאָראַלישן לעבן, וועלכע די מענטשהייט מאַטערט זיך נאָך עד-היום צו פאַרענטפערן, — כמעט אַלע דיזאָזיקע אויפגאַבן זיינען שוין אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין דער רענעסאַנס-עפּאָכע אין דער אָדער יענער פאָרם.

איבעריקנס, מען דאַרף ניט טראַכטן, אַז אין דער געשיכטע טרעפן זיך אומדערוואַרטע און צופעליקע איבערקערענישן. פעסטשטעלן די גרענעץ צווישן דער אַסקעטישער מיטלאַלטער מיט איר מרה-שחורהדיקער שטימונג, וועלכע

באַגעגנט זיך אָפּטער ווי אַלץ, — פון איין זייט, און מיט דעם גלענצנדן, ליכ־טיקן, פריידיקן רענעסאַנס — פון דער צווייטער זייט, איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט. אין דאַנטעס פּערזאָן גיסן זיך שוין צונויף עלעמענטן פון אָפּשטאַרבנדיקן עבר מיט די עכטע שטרעבונגען פון דער ערוואַכנדיקער מענטשלעכער פּער־זענלעכקייט. נעמט וועלכע איר ווילט אייגנשאַפט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס די רענעסאַנס־עפּאָכע, וועט איר זען, אַז זי איז ניט פרעמד געווען אויך דער מיטלאַלטערישער צייט. פון דער צווייטער זייט, איז קיין אידעע פון מיטלאַלטער ענדגילטיק ניט אָפּגעשטאָרבן אין XV און XVI יאָרהונדערטן. די באַפרייאונג פון דעם פּויפּסטנטומס אויטאָריטעט האָט זיך אָנגעהויבן ניט אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע; די ערשטע שטראַלן פון די באַפרייאונגס־שטרעבונגען פון דער פּערזענלעכקייט, אירע מלחמות מיט די קאַטוילישע קייטן ציען זיך ווייט און טיף אין דער מיטלאַלטער. די השפּעה פון דער אַלטערטימלעכקייט, די פאַרגעטערונג פון דער קלאַסישער געבילדעטקייט, וועלכע ווערט געוויינלעך גערעכנט פאַר דעם גרונט־עלעמענט פון קולטורעלן לעבן אין רענעסאַנס, איז ניט געווען געשטאָרבן אין משך פון דער גאַנצער מיטלאַלטערישער צייט. טערטוליאַן זאָגט, אַז דער קריסטנטום האָט מיט זיך פאַרענדיקט אַ לאַנגדויערנ־דיקע גייסטיקע אַרבעט, וואָס האָט זיך נאָך פיל פריער אָנגעהויבן. מינוצי איז זיך סומך אויף פּיטאַגאָרן און אויף פּלאַטאָנען, דערווייזנדיק די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. דער הייליקער אַמוראָסי אַכט זייער די אַלטערטימלעכע וועלט און רופט אָן די עפּאָכע פון דער רוימישער רעפּובליק — „אַ שיינע צייט". מיר האָבן געזען, ווי הייליק דאַנטע אַכט די גרויסע קלאַסיקער. אַלטערטימלעכע סיווּשעטן זיינען קיינמאָל ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דער מיטלאַלטערישער ליטעראַטור; די אַלטערטימלעכע פילאָזאָפיע האָט משפּיע געווען אויף דער מיטלאַלטערישער. פון דער צווייטער זייט איז פּעטראַרק, וועלכן מיר האַלטן פאַר דעם ערשטן דייטלעכן אויסדריקער פון דער הומאַניסטישער וועלט־אָנשוי־אונג, אין זיין באַרימטער ליבע־ליריק, וואָס האָט שוין באַזונגען ניט די מיסטישע מיטלאַלטערישע ליבע, נאָר די ערדישע, וואָס פאַרכאַפּט דעם מענטשן אינגאַנצן, נאָך ווייט ניט פריי פון די מעטאָדן און די געבאָטן פון דעם מיטלאַלטערישן טרובאַדור. אַזוי האָבן זיך צווישן זיך צונויפגעפּלאָכטן ביידע תּקופות, אָבער דערפון דאַרף מען ניט דרינגען, אַז עס איז ניט פאָרגעקומען קיין איבערקע־רעניש. צי האָט דער רענעסאַנס לגמרי חרוב געמאַכט די מיטלאַלטערישע וועלטאָנשויאונג, אָדער זי האָט נאָר געגעבן די איבערהאַנט יענע אָנשויאונגען, וועלכע זיינען אין מיטלאַלטער געווען פאַרשטיקט — ווי די זאַך זאָל ניט זיין, זיכער איז אָבער, אַז די אַלגעמיינע באַגריפן, מיט וועלכע עס האָט געלעבט די געזעלשאַפט פון XV און XVI י. ה. זיינען ווייט ניט ענלעך געווען אויף די פאָרשטעלונגען פון דער מיטלאַלטערישער מענטשהייט.

רענעסאַנס אין ענגן זין פון וואָרט באַטייט די אויפלעבונג פון דער קלאַ־סישער געבילדעטקייט, נאָר אין ברייטערן זינען באַטייט דערדאָזיקער טערמין די אויפלעבונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. די מיטלאַלטער איז געווען צופיל סוביעקטיוו. אויף דעם בוי פון דער וועלט, אויף דער געשיכטע,

אויף דער גאַנצער סביבה האָט דער מענטש געקוקט מיט די אויגן פון דער קירך, וואָס איר לערע איז פאַר אים געווען אַן אמת, וועלכן מ׳קאָן פון אָרט ניט רירן. דער מיטלאַלטערישער מענטש האָט ניט געוואוסט פון קיין ספקות, ער האָט ניט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם, אַז די אידעאַלן, מיט וועלכע ער לעבט, האָבן אַ רעלאַטיוון און אַ צייטווייליקן כאַראַקטער, ווי בכלל יעדער אידעאַל. ער האָט ניט געפילט די באַדערפעניש, וואָס צייכנט אויס דעם דענקער פון אונזער צייט, דהיינו — די באַדערפעניש פון דעם דענקער ביים פאַרשן די פאַקטן צו בויען פון זיי אַלץ נייע און נייע אויספירן. די אויספירן זיינען אים געגעבן געוואָרן איינמאָל אויף אַלע מאָל אין אַ גרייטער פאָרם, און די פאַקטן, וואָס האָבן סותר געווען דידאָזיקע אויספירן פלעגן באַוואוסטזיניק ניט גענומען ווערן אין אכט. די מענטשן, וואָס האָבן פון זיי ניט געוואָלט אָפּ־ווענדן די אויגן, זיינען ערקלערט געוואָרן פאַר כופרים און פאַרברענט אויפן פייער. די רענעסאַנס־עפּאָכע האָט געבראַכט דעם פרינציפּ פון וויסנשאַפטלעכער קריטישער פאָרשונג. דווקא דידאָזיקע עפּאָכע איז צונויפגעפאַלן מיט דער גרויסער אַסטראָנאָמישער אַנטדעקונג, וואָס אירע פאָלגן פאַר די שפּעטערדיקע צייטן איז ניט אָפּצושאַצן. ביז קאָפּערניקן האָט מען די ערד געהאַלטן פאַר דעם צענטער פון דער וועלט, און איר איינאָרדענונג איז צוגעפּאַסט געווען צו די באַדינגונגען, מיט וועלכע די קירך האָט אַרומגערינגלט דעם מענטשנס לעבן אויף דער און אויף יענער וועלט. קאָפּערניק (1473—1543) האָט באַוויזן, אַז די ערד מיט די איבעריקע פּלאַנעטן דרייען זיך אַרום דער זון. דידאָזיקע אַנטדעקונג האָט געהאַט ניט בלויז אַ ספּעציעל אַסטראָנאָמישע, נאָר אויך אַ גרויסע קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג. דער מענטש האָט פאַרשטאַנען, אַז די ערד איז אַ נישטיק טיילכל און ניט דער הויפּטטייל פון דעם וועלט־באַשטאַנד. אויב אין איין שורה מיט דער ערד עקזיסטירן נאָך אַנדערע וועלטן, וואָס האָבן אַזאַ באַדייטונג ווי זי, הייסט עס, אַז די וועלט איז גאָרניט צוגע־פּאַסט צו דעם מענטשנס באַדערפענישן. דער מענטש און זיין וועלט־אַנשויאונג איז נאָר איינער פון די עלעמענטן אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער וועלט. צוזאַמען מיט זיי עקזיסטירן נאָך אַנדערע עלעמענטן, און די וועלט איז גלייך צוגעפּאַסט צו אַלעמענס לעבן. דערקענענדיק די אייגענע און דער ערדס־רעלאַטיווע באַדייטונג אין דער ספערע פון שטח, האָט דער מענטש פאַרשטאַנען דעם רעלאַטיוון כאַראַקטער פון זיינע אורטיילן אויך אין דער ספערע פון צייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די לערע פון דער קאַטוילישער קירך איז ניט קיין אַבסאָלוטער אמת, אַז אין דער אַלטערטימלעכער וועלט האָט מען געלעבט און געדענקט אַנדערש, ווי די קירך האָט פאָרגעשריבן, און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז שפּעטער וועלן מענטשן ווידער האָבן נייע אַנשויאונגען. דער געדאַנק וועגן דעם, אַז עפּעס אַמאָל וועט דער אמת אָננעמען אַנדערע פאָרמען, האָט, פאַרשטייט זיך, דעם מיטלאַלטערישן מענטשן אויפן זינען ניט געקענט קומען. אַזוי אַרום איז דער סימן פון רענעסאַנס־עפּאָכע קודם־כל די ערוואַכונג פון דעם עכטוויסנשאַפטלעכן גייסט און פון דעם היסטאָרישן זינען. דאָס וויסן איז געוואָרן פאַררעכנט ווי אַ גוטס, און מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פאַרמערן

דאָס וויסן דורך אויספּרובירן די נאַטור און אויספאָרשן דעם מענטשנס לעבן לויט די דענקמעלער פון דער ליטעראַטור. די פּערזענלעכקייט האָט ערוואַכט, דערפילט איר זעלבשטענדיקייט, און געלאָזן זיך שטודירן דעם עבר און דעם הווה פון דער מענטשהייט. די וויסנשאַפטלעכע ערוואַכונג, דאָס היציקע זאַמלען דענקמעלער פון דער אַלטערטימלעכער וועלט — דאָס זיינען געווען די ערשטע ערשיינונגען פון דער נייער צייט.

אָבער ניט בלויז די וויסנשאַפט האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די דערנידערנדיקע ראָלע פון אַ דינסט ביי דער טעאָלאָגיע און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַריבערגעטראָגן אויף נאַטור און מענטש, אויף רעאַלע ערדישע אינטערעסן. די קונסט ווערט די הויפּט־העלפערין ביי די נייע אידעאַלן. אָנשטאָט די מיטלאַלטערישע גאָטישע טעמפּלען מיט זייערע פיילנאַרטיקע סופיטן, וועלכע שלעפּן אַוועק אונזער געדאַנק צום הימל, אָנשטאָט דער רעליגיעזער מאָלעריי, וועלכע האָט געגעבן אויסגעפייניקטע, ניט קיין שיינע פּנימער פון הייליקע, וועלכע האָבן פאַרקערפּערט דעם אַסקעטישן אידעאַל, ווענדן זיך די קינסטלער צו וועלטלעכע סוזשעטן. דעם מענטשנס קערפּער ציט מער פאַר אַלץ צו די אויפמערקזאַמקייט פון די מאָלער. „פאַר דער פּלאַסטישער קונסט, זאָגט טשעלעני — איז דער עיקר גוט אויסמאָלן אַ נאַקעטן מאַנסביל און אַ נאַקעטע פרוי“ און ווירקלעך, — מאַכט טען זיין באַמערקונג בנוגע דידאָזיקע ווערטער, — אַלע דעמאָלטיקע קינסטלער נעמען אַלס אויסגאַנג־פּונקט די יובעליר־קונסט און די סקולפּטור. זיי האָבן אויסגעטאַפּט מיט די הענט דעם גאַנצן פיל־פאַרשיידנאַרטיקן רעליעף פון די מוסקלען, אויסגעפאָרשט דעם בויג פון אַלע שטריכן, דורכגענומען די גלידער און די פאַרבינדונגען פון אַלע ביינער. קודם־כל ווילן זיי פאַר די אויגן פאָרשטעלן דעם נאַטירלעכן מענטשלעכן קערפּער — דעם געזונטן, טעטיקן, ענערגישן, באַשאָנקענעם מיט אַלע אַטלעטישע און חיהשע פעאיקייטן. דערביי מוז עס זיין אַ אידעאַלישער מענטשנקערפּער, וואָס זאָל שטיין וואָס נעענטער צו דעם טיפּ פון די גריכן, אַזוי פיל אַ גלייכגעוויכטיקער און אַ גלייכמעסיקער אין אַלע זיינע טיילן, אַראָפּגענומען און געשטעלט אין אַזאַ גליקלעכער פּאָזע, פאַרדראַפּירט און אַרומגערינגלט מיט אַנדערע קערפּער אין אַזאַ געלונגענער גרופּירונג, — אַז דער סך־הכל פון אַלץ אינאיינעם זאָל בילדן אַ האַרמאָניע, און אַז דאָס גאַנצע ווערק זאָל מיט זיך דערמאָנען די קערפּערלעכע וועלט, געגליכן צום אַלטערטימלעכן אָלימפּ, ד. ה. דעם געטלעכן אָדער דעם העראָאישן, אַלנפאַלס דעם העכערן און פולקומענעם. די קינסטלער פון אָנהייב רענעסאַנס האָבן געשאַפן דעם איינציקן אויף דער וועלט מין געוויקסיקע איידעלע קערפּערס.

די קונסט, וואָס ווירקט שטאַרקער פאַר אַלץ אויף די מאַסן, האָט אפשר מער פאַר אַלץ מיטגעווירקט דעם חורבן פון די קירכלעכע אידעאַלן. „די לעגנדן פון טיציאַנס ווענערע, — זאָגט היינע — זיינען פאַר דעם פּויפּסט געוועזן ניט ווייניקער געפערלעך, איידער די טעזיסן, וואָס לוטער האָט צוגעקלעפּט צו דער וואַנט פון וויטענבורגער קירך“.

שיינקייט ווערט אַזוי אַרום אַ מין גוטס, ווי דאָס וויסן. עס בייטן זיך דעם מענטשנס אַלע געוויינלעכע לעבנס־שטייגערלעכע און מאָראַלישע באַגריפן. אָנשטאָט סיגופים און עינויים, וואָס די אַסקעטן האָבן אויף זיך גענומען, שטרעבט דער מענטש צו אַנטוויקלען אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע קרעפטן. פּאָעזיע און קונסט ווערן אַ זאַך פון תענוג. אַ וועלטלעך לעבן, אָנגענעמע געשפּרעכן, אַ רייכע, שיינע סביבה, וואָס באַפרידיקט די עסטעטישע באַדערפענישן פון דער צייט — אָט דאָס זייגען דעם מענטשנס אידעאַלן פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. אָנשטאָט דער פאָרמעלער געלערנטקייט, סכאָלאַסטישע פּשטלעך, וואָס האָבן אויסגעטריקנט דעם תלמידס מאַרך, הייבט מען ערשט אָן צו זאָרגן וועגן דעם תלמידס געזונט; מען הייבט אָן פאַרשטיין, אַז עס איז נייטיק צו זאָרגן וועגן דער אַנטוויקלונג פון קערפּער, ווי וועגן דער אַנטוויקלונג פון גייסט. די פרוי הערט אויף צו זיין אַ זאַך פון מיסטישער ריטערישער פאַרגעטערונג, זי הערט אויך אויף צו זיין דער טייוולשער נסיון פון דעם מיטלאַלטערישן אַסקעט. מען הייבט אָן אויף איר צו קוקן ווי אויף אַזעלכע, מיט וועמען עס איז אָנגענעם צו שמועסן, מען באַוואונדערט פריי איר שיינקייט, דער מענטש דערשטיקט אין זיך מער ניט זיינע ליידנשאַפטן, און פאָדערט ערדישע ליבע. נאָך מער — די פרוי הערט צייטנווייז אויף צו זיין דער אונטערטעניקער שוואַכער וועזן — מען הייבט אין איר אָן צו זען די העלפערין און די ראַטגעבערין פון דעם מאַנסביל.

צוזאַמען מיט די פאָרשטעלונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן און פון דער מאָראַל ענדערן זיך אויך די פּאָליטישע באַגריפן פון דער עפּאָכע. די אידעע פון אַן אַלוועלטלעכער מאָנאַרכיע, וועלכע האָט ביזן סוף לעבן ניט אויפגעהערט צו באַגייסטערן דעם שעפער פון דער געטלעכער קאָמעדיע, טרעט אָפּ פאַר די נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע אידעען. די נאַציאָנאַלע דיפערענצן וואַקסן, פעלקער הייבן זיך אָן אַלץ מער און מער אָפּצוזונדערן אין זייער גייסטיקער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג. גלייכצייטיק דערמיט אַנטשטייט די פראַגע וועגן פולקומער באַפרייאונג מצד דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, וועגן אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס זאָל געבן דעם מאַקסימום פרייהייט און וואוילשטאַנד אַלע אירע מיטגלידער — מיט איין וואָרט, די לייזונג פון דער פראַגע, וועלכע איז געוואָרן די הויפּט־אויפגאַבע פון אונזער צייט, — דידאָזיקע אויפגאַבע, וועלכע איז, איבעריקנס, אויך דער מיטלאַלטערישער צייט ניט פרעמד, איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַרויסגעשטעלט אויך דורך דער רענעסאַנס עפּאָכע.

אָבער אַרויסשטעלנדיק אַזוי פיל נייע אָנשויאונגען און פראַגן, האָט די רענעסאַנס־עפּאָכע געמוזט קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער אָפּלעבנדיקער, אָבער אַלץ נאָך שטאַרקער אַלטער וועלטאָנשויאונג. צוזאַמען מיט דער שעפערישער אַרבעט האָבן די טוער פון רענעסאַנס, די הומאַניסטן, געמוזט פירן אַן אַרבעט פון צעשטערונג. די קירך האָט פאַרפירט אַ מלחמה קעגן די נייע אידעען. אָט פאַרוואָס צווישן די הומאַניסטן באַגעגנט מען אַזאַ מאַסע געניאַלע סאַטיריקער. די שריפטשטעלער פון רענעסאַנס האָבן אָן קאָנטראָל ניט אַדורכ=

געלאָזן קיין איינעם פון די יסודות פון דער מיטלאַלטערישער אָרדענונג. זיי האָבן געשטעמפּלט סיי די וויסנשאַפט אין דער פּערזאָן פון די סכאָלאַסטיקער, סיי די טעאָלאָגן, סיי דעם מיטלאַלטערישן אַדעל אין דער פּערזאָן פון די ריטער און די פעאָדאַלן, סיי דעם פּויפּסטנטום, סיי אויך די גייסטלעכקייט אין דער פּערזאָן פון די מאָנאַכן. דער סאַטירישער עלעמענט און דער גייסט פון פּראָטעסט האָבן דער ליטעראַטור פון רענעסאַנס געגעבן אַ באַזונדער גלאַנץ און אַ העלן קאָלאָריט. אָבער אויב די שפּע פון די אויפגעהויבענע פראַגן און די קאָמפּליצירטקייט פון דער וועלט-אָנשויאונג האָבן געהאָלפן אַריינצוטראָגן אַ באַלעבונג אין אַלע געביטן פון קולטורעלן לעבן, האָבן זיי, פון דער צווייטער זייט, אָפּגעשראָקן און פאַרשטיקט די דענקער פון יענער צייט. איבערגעלאָזן אויף די אייגענע קרעפטן, אַראָפּגעוואָרפן די גייסטיקע מאַכט פון דער קירך, האָט דער פילאָזאָף פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע געפילט די גאַנצע משא פון דער אויפגאַבע, מיט וועלכער ער איז געבליבן שטיין פּנים אל פּנים. אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם אויטאָריטעט פון דער קירך, הערט ער בכלל אויף צו גלויבן אין אויטאָריטעטן. ער שטרעבט אַליין אַלץ צו זען מיט די אייגענע אויגן און מיינט, אַז פאַרשטאַנדיק אורטיילן קאָן מען נאָר וועגן דעם, וואָס מען באַגרייפט מיט די אייגענע חושים, און דאָס אויך נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל אונזערע אורטיילן זיינען בכלל שטאַנדהאַפטיק. דערפון אַנטשטייען צוויי ריכטונגען פון דער דעמאָלטיקער פילאָזאָפיע. דער פאָרשטייער פון איין ריכטונג, וואָס מ׳קאָן זי אָנרופן די סקעפּטישע, איז מאָנטען. אין יסוד פון זיין פילאָזאָפיע ליגט די איבערצייגונג, אַז מען קאָן ניט גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דעם מענטשנס ערקענטעניש. דער מענטש קאָן ניט וויסן דעם אַבסאָלוטן אמת. מאָנטענס באַליבט ווערטל איז געווען „Que sais-je?״ (ווער ווייס?) מאָנטען נעמט אַלץ אין ספק, אַפילו דעם ספק גופא. דער פאָרשטייער פון דער צווייטער כאַראַקטעריסטישער ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע פון יענער צייט איז בעקאָן (1561 — 1626). ער זאָגט זיך לגמרי אָפּ פון צו לייזן די פראַגן וועגן גאָט, וועגן דער באַציאונג פון גייסט צו מאַטעריע. ערפאַרונג — דאָס איז דער איינציקער קוואַל פון ערקענטעניש, אויף וועלכן מען קען זיך פאַרלאָזן. ער איז דער פאָטער פון דעם אינדוקטיוון מעטאָד, וועלכער איז געגרינדעט אויף דעם פּרינציפּ, אַז די איינציקע אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט באַשטייט אין פאַראייניקן און פאַראַלגעמיינערן די פאַקטן פון דער חושים-ערפאַרונג, אין אינטערפּרעטירן די נאַטור, פאָלגנדיק נאָך דער נאַטור, ניט נאָך דער איינבילדעניש פון דער אייגענער מחשבה. נאָר די נאַטירלעכע געזעצן קאָנען דינען פאַר אַ שליסל צו ערקלערן, פון וואַנען קומען אַרויס די זאַכן. די וויסנשאַפט דאַרף זיך באַגרענעצן דערמיט, וואָס פאַר דעם מענטשן איז צוטריטלעך, זי דאַרף אויסלערנען פּראַקטיש דענקען און אָפּווענדן דעם שכל אויף די עקזיסטירנדיקע זאַכן. איר העכערער ציל איז — העלפן דעם מענטשן צו באַהערשן די נאַטור. בעקאָן פאָרשט אויס די פראַגע, ווי וואָלטן מיר געקאָנט, באַקוועמער פאַר דעם מענטשנס ווערדע, איינאָרדענען זיך אויף דער ערד. אַזוי אַרום האָט אויך די פילאָזאָפיע דעם הויפּט-

צענטער פון איר אויפמערקזאַמקייט אַריבערגעטראָגן פון מיסטישע און אַבּ־סטראַקטע פראַגן אויף ערדישע אינטערעסן.

ווען מיר ווילן זיך פון דער אַלגעמיינער וועלט־אָנשויאונג פונם רענע־סאַנס ווענדן צו דער ליטעראַטור, וועלן מיר זען, אַז זעלטן־ווען אַ עפּאָכע האָט באַשאַפן מער קלאָרע און רייכע ווערק. זעלטן־וואו אַ בײַשפּיל באַשטע־טיקט אַזוי קלאָר דעם ענגן בונד צווישן ליטעראַטור און לעבן, ווי דידאַקטיקע ווערק. זיי זיינען פול מיט שיינקייט און חן, בלאַנקען מיט פונקען פון שאַרפ־זיניקייט, שמייסן מיט אַ אומרחמנותדיקן רוט פון סאַטירע, אין זיי שלאָגט ווי אַ קוואַל דאָס לעבן און דער מעכטיקער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס. מיט אומשטערבלעכן פלאַקער ברענען אין זיי די אידעאַלן פון דער מענטשהייט. דאָס ערוואַכן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט איז באַגלייט געווען מיט באַלעבונג פון דער קינסטלערישער שאַפונג. די רענעסאַנס־עפּאָכע האָט געהאַט איר גרויסן אויסדריקער, אַזעלכן ווי דאַנטע איז געווען פאַר דער מיטלאַלטער. נאָר דידאַקטיקע עפּאָכע איז געווען צו קאָמפּליצירט און פאַרשיידנאַרטיק, די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט איז געוואָרן צו שאַרף, אַז איין שריפטשטעלער זאָל אימשטאַנד זיין אַרומצונעמען די עפּאָכע אינגאַנצן. פונדעסטוועגן קאָן מען אויף שעקספּירן זאָגן, אַז ער איז איר גרעסטער אויסדריקער. ער האָט אין אַ פולער מאָס פאַר אַלעמען אויסגעדריקט דעם אינטערעס פון דער עפּאָכע צו דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, טיפער פאַר אַלעמען אַריינגעדרונגען אין דעם מענטשנס נשמה און קלאָר פאַר אַלעמען באַלויכטן אַלע ווינקעלעך פון דעם מענטשנס אינערלעכער וועלט.

יעדע לאַנד האָט אַריינגעטראָגן איר חלק אין דער הומאַניסטישער לי־טעראַטור. דער אינערלעכער קאַמף אין איטאַליע, וואָס האָט צעריסן די שטעט, האָט געבראַכט דערצו, אַז אין דאָס רוב שטעט האָבן זיך אויסגעבילדעט טיראַנישע רעגירונגס־פאָרמען. אין דער שפּיץ פון שטאָט איז געשטאַנען אַ פירשט, וואָס האָט זיינע אייגענע אינטערעסן געשטעלט העכער פאַר די מלוכה־אינטערעסן. אין פיל רעפּובליקן, וואו דער רעפּובליקאַנישער גייסט איז נאָך ניט פאַרשוואונדן, זיינען פאָרגעקומען פאַרשווערונגען, אָבער זיי האָבן געבראַכט דערצו, אַז די טיראַניע איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. די פאַרשווערער פלעגן זיך אָפּט באַגייסטערן מיט די קלאַסאַלע מסורות, מיט דעם געשטאַלט פון ברוט און פעריקל. ס'איז אָבער מערקווירדיק, וואָס דערזעלביקער אינ־טערעס צו דער אַלטערטימלעכער קולטור, וואָס האָט אַרויסגערופן אַנטיטי־ראַנישע שטרעבונגען, האָט באַגעגנט שטיצע אויך מצד די טיראַנען. זיי האָבן אין די הומאַניסטן פריער פאַר אַלץ געזען אָראַטאָרס, היסטאָריקער, פּאָעטן, וואָס האָבן זיי געריימט, געשטעלט אין איין שורה מיט די אַלטערטימלעכע גרויסע טוער, אַפילו העכער. זיי שטאָלצירן מיט דער פאַרזאַמלונג פון גע־לערנטע און פּאָעטן, וועלכע פאַרשאַפן גלאַנץ זייערע הויפן. אדאַנק דידאַקטיקע באַדינגונגען האָט איטאַליע באַזונדער אַנטוויקלט די עסטעטישע און וויסנ־שאַפטלעכע זייטן פון הומאַניזם. די איטאַליענישע הומאַניסטן זיינען געווען אמתע אַריסטאָקראַטן פון געדאַנק און פון עסטעטישן געפיל. מיט וואונדער־

לעכער געדולדיקייט האָבן זיי אָפּגעזוכט די בעסטע דענקמעלער פון דער אַמאָ=
ליקער שאַפונג, באַשאַפן אויסגעצייכנטע ביכער=זאַמלונגען, וועלכע האָבן באַ=
פרידיקט די באַדערפעניִשן פון די דעמאָלטיקע געלערנטע, האָבן געוועקט דעם
קריטישן און היסטאָרישן געדאַנק. די באַדערפעניש אין געזעלשאַפטלעכן און
וועלטלעכן לעבן האָט געבראַכט דערצו, עס זאָלן געשאַפן ווערן הומאַניסטישע
קרייזלעך. דידאָזיקע קרייזלעך זיינען געוואָרן פונקטן, וואו עס פלעגן זיך צו=
נויפקומען די געבילדעטסטע מענטשן פון דער עפּאָכע, — פלאַנצשולן פון ביל=
דונג. אויף זייערע פאַרזאַמלונגען פלעגן באַטראַכט ווערן פילאָזאָפישע פראַגן,
אַרומגעקלערט ווערן די גרונטפראַגן פון לעבן, אַנאַליזירט ווערן די אַל=
טערטימלעכע שריפטשטעלער, פון וועלכע דער געליבטסטער איז געווען פלאַ=
טאָן. די מושלים חנפענען די הומאַניסטן. יעדער באַמיט זיך אַרומצורינגלען
זיין הויף מיט וואָס מער גלענצנדע פאַרזאַמלונגען פון באַרימטהייטן. עס אַנט=
וויקלט זיך די צווייטע כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג פון דער עפּאָכע — שוץ
פאַר שריפטשטעלער און געלערנטע, מעצענאַטשאַפט. מיט דערדאָזיקער ער=
שיינונג זיינען פאַרבונדן די נעגאַטיווע זייטן פון הומאַניזם: אויסערגעוויינלעכע
אַנטוויקלונג פון אייגנליבע און שטאָלץ ביי די הומאַניסטן, דאָס וואָס מ׳האָט
זיי געקאָנט קויפן. די הומאַניסטן האָבן ניט זעלטן פאַרקויפט זייער ליטע=
ראַרישן טאַלאַנט אומווירדיקע רעגירער און מיט דער פעדער פאַרטיי=
דיקט זייערע אינטערעסן. פון די הומאַניסטישע קרייזלעך איז מער פאַר אַלע
געווען באַרימט דער קרייז, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום מעדיטשי פון פלאָ=
רענץ אין XV יאָרהונדערט. קאַזימאָ מעדיטשי האָט געגרינדעט אַ פלאַטאָנער=
אַקאַדעמיע, וועלכע האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון איר בליען פאַר
דער צייט פון זיין אייניקל לאָרענצאָ מעדיטשי.

פון יענער עפּאָכע איז צו אונז דערגאַנגען אַ אינטערעסאַנטער דאָקו=
מענט, וועלכער פאַרשאַפט פאַר דעם קאַוואַליער פון רענעסאַנס דיזעלבע דע=
טאַלע אָרדענונג פון לעבן, ווי דער ריטערישער סטאַטוט האָט אײַנגעשטעלט
פאַר דעם קאַוואַליער פון מיטלאַלטער. דאָס איז דער באַוואוסטער חיבור פון
באַלטאַזאַר דע קאַסטיליאָנע, וועלכער האָט געלעבט אין איינעם פון די
הומאַניסטישע צענטרען—אורבינאָ. דער חיבור הייסט „דער הויפמאַן". כדאי
איבערצולייענען, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען קאַסטיליאָנע שטעלט דעם הויפמאַן
פון יענער צייט, כדי איבערצוצייגן זיך, ס׳איז אַ אונטערשייד עס האָט גע=
הערשט צווישן דער העכערער געזעלשאַפט פון ביידע עפּאָכעס.

איך וויל — זאָגט דער גראַף קאַסטיליאָנע — אַז אונזער הויפמאַן זאָל זיין
מער ווי מיטלמעסיק באַקאַנט מיט דער ליטעראַטור, לפחות, מיט יענער, וואָס
רופט זיך פיינע, און ער זאָל קענען ניט נאָר די לאַטיינישע שפּראַך, נאָר די
גריכישע אויך, צוליב די פולע און פאַרשיידנאַרטיקע געטלעכע ווערק, וואָס
זיינען אָנגעשריבן אויף דערדאָזיקער שפּראַך. ער דאַרף גוט קענען די פּאָעטן,
דאָס גלייכן די היסטאָריקער און רעדנער און — וואָס עס איז וויכטיקער פאַר
אַלץ — ער מוז אַליין קענען שרייבן אין פערזן און אין פּראָזע, איבערהויפּט
אויף אונזער פאָלקס=דיאַלעקט, מחמת, אויסער דעם פאַרגעניגן, וואָס ער וועט

זעריו געפינען פאַר זיך פּערזענלעך, וועט ער קיינמאָל ניט ליידן קיין מאַנגל אין אָנגענעמע אויסדריקן מיט דאַמען, וועלכע האָבן געוויינלעך ליב אַזעלכע זאַכן. איך וועל ניִשט זיין צופרידן מיט אונזערן אַ קאַוואַליער, אויב ער וועט ניט זיין קיין מוזיקאַנט, אויב ער קען ניט לייענען קיין נאָטן און שפּילן אויף פאַרשיידענע אינסטרומענטן. אויסער, וואָס די מוזיק גיט יעדן פאַרווײלונג נאָך די זאָרגן, דינט זי אָפט פאַר אַ מיטל לוסטיק צו מאַכן די דאַמען, וואָס זייערע צאַרטע הערצער נעמען לייכט אויף האַרמאָניע און פילן זיך אָן מיט טרייסט.

„פאַרהאַן נאָך אַ זאַך, וועלכער איך גיב צו אַ גרייסע באַדייטונג, און אונזער קאַוואַליער טאָר זי בשום אופן ניט לאָזן אָן אויפמערקזאַמקייט: דאָס איז קענען צייכענען, וויסן די מאָלעריי — דאָס איז אַ צירונג פון העכערן קולטורעלן לעבן. אָבער אויך אין דעם, ווי אין אַלץ, דאַרף גיט דערלאָזן ווערן קיין עקסטרעם. דער אמתער טאַלאַנט, די קונסט, וואָס שטייט העכער פאַר אַלע אַנדערע, דאָס איז — טאַקט, פאָרזיכטיקייט, איבערגעלעגטקייט, ריכטיקער אויסוואַל; וויסן, וואָס איז איבעריק און וואָס פעלט אין יעדער זאַך, דאָס, דורך וואָס עס ווערט גרעסער אָדער קלענער איר באַדייטונג, קענען אַלץ מאַכן אין דער צייט און צו דער זאַך. למשל, אונזער אַ קאַוואַליער, הגם ער ווייס, אַז די שבחים, וואָס מען לויבט אים, זיינען פאַרדינטע, דאַרף ער פונדעסטוועגן אָפן ניט מסכים זיין מיט זיי, בעסער באַשיידענערהייט אָפּווענדן זיי".

אַזאַ כאַראַקטער האָבן אויך די אַנדערע פאָדערונגען. אַכטונג, איידלקייט, קענען, ווען מען דאַרף, זאָגן אַ וויץ, דערציילן אַ ווײַלנדיקע געשיכטע, קענען שטענדיק האַלטן זיך אין די גרענעצן פון אָנשטענדיקייט, אויסמיידן גראָבקייטן, באַליידיקנדיקע פאַרן אויער אויסדריקן, די קונסט ניט דערלאָזן זיך צו איבערכאַפּן די מאָס סיי אין פריילעכקייט, סיי אין כעס, מיט איין וואָרט — זיין אָנגענעם אין דער געזעלשאַפט. „אונזער פאָרשטעלונג וועגן אַ קאַוואַליער — זאָגט קאַסטיליאָנע — וואָלט ניט גאַנץ געווען אָן דעם אָנטייל פון דאַמען, וואָס גיבן אים צו עפּעס פון יענער־גראַציע, מיט וועלכער זיי באַפּוצן און דערגאַנצן די פאַרגעניגנס פון הויפלעבן".

די פאָדערונגען, וואָס קאַסטיליאָנע שטעלט אַרויס צו דער דאַמע, איבעראַשן מיט זייער קאָמפּליצירטקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט אין פאַרגלייך מיט יענער באַגרענעצטער גרופּע מעלות, וועלכע דער מיטלאַלטערישער טרובאַדור האָט געוויינטלעך באַשאָנקען זיין דאַמע. לויט דעם גראַף קאַסטיליאָנעס לערע דאַרף די דאַמע גראַציעז שמועסן מיט יעדערן, אין אָנגענעמע אויסדרוקן, פולקום אָנשטענדיקע און פּאַסיקע צו דער צייט, צום אָרט און צום שטאַנד פון דער פּערזאָן, מיט וועמען זי רעדט. זי דאַרף זיין רואיק און באַשיידן אין אירע גענג, מוז אירע מעשים מעסטן לויט דער אָנשטענדיקייט, אָבער דערביי באַזיצן די לעבעדיקייט פון שכל, וואָס זאָל זי דערווייטערן פון אַלץ, וואָס איז שווער, און צוזאַמען דערמיט באַזיצן אויך יענע באַזונדערע גוטסקייט, צוליב וועלכער מען זאָל אין איר אַכטן די פרוי, וועלכע איז אַזוי פיל אַ פאָרזיכטיקע, אַ שעמעוודיקע און אַ שטילע, וויפיל אַ ליבלעכע, אַן איבערגעלייגטע און אַ פיין

פּילנדיקע. אין דער היגזיכט פון בילדונג פאָדערט דער גראַף קאַסטיליאָנע פון דער פרוי ניט ווייניקער ווי פון דעם קאַוואַליער. זי מוז וויסן ליטעראַטור, מוזיק, מאָלעריי, קענען שיין טאַנצן און אונטערהאַלטן אַ געשפּרעך.

מיט איין וואָרט, אַלץ איז פאָראויסגעזען, כדי צו שאַפן אַן אָנגענעמע און גליקלעכע צייטפאַרווײלונג.

ווי האָט זיך דער פּויפּסטנטום באַצויגן צום הומאַניזם? גלייך ווי ביידע עלעמענטן וואָלטן די ערשטע צייט ניט באַמערקט די סתירה צווישן זייערע שטרעבונגען. גלייך ווי דער פּויפּסטנטום וואָלט ניט געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז לויט זיין מהות גופא צעשאָקלט דער הומאַניזם די יסודות פון דעם פּויפּסטלעכן אויטאָריטעט. ווי די מאָנאַרכן, האָבן אויך די פּויפּסטן צוגעצויגן צו זיך אויף דינסט די הומאַניסטן, שיצנדיק די מענטשן, וואָס האָבן די ערשטע געזייט דעם זאָאַט פון רעפאָרמאַציע. אייניקע הומאַניסטן האָבן אַליין אומדערוואַרט באַשטיגן דעם פּויפּסטלעכן טראָן. צווישן זיי זיינען באַזונדער באַוואוסט ניקאָלאַי V און פּיוס II. דער ערשטער איז געווען אַ טיכטיקער הומאַניסט, האָט אַוועקגעלייגט פּיל מי און ענערגיע אויף צו זאַמלען מאַנוסקריפּטן. ער האָט זיך שטענדיק דורכגעשריבן מיט די הומאַניסטן, באַשטעלנדיק ביי זיי אַרבעט און האָט געגרינדעט די שפּעטער באַרימטע וואַטיקאַן-ביבליאָטעק, אין וועלכער ער האָט צונויפגעזאַמלט העכער פינף טויזנט טייערע מאַנוסקריפּטן. עס זיינען אַריבער הונדערטער יאָרן, און די באַשיידענע ביבליאָטעק, וואָס ניקאָלאַי האָט געגרינדעט, איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן דער רייכסטער ביכער-אוצר, און די וויסנשאַפט דערמאָנט עד היום מיט דאַנקבאַרקייט דעם גרויסן אויפטו פון דעם פּויפּסט הומאַניסט. פּיוס II, וואָס איז אין וועלטלעכן צושטאַנד באַוואוסט מיטן נאָמען ענייי סילוויי פּיקאָלאָמיני, האָט פאַרגעסן, ווען ער איז געוואָרן אַ פּויפּסט, זיינע פריערדיקע פרייע לאַטייניש געדיכטן, וועלכע האָבן אים געבראַכט אַ לאָרבער-קראַנץ, און האָט זיך גענומען אויסמיידן די הומאַניסטן. פּיוס II דאָס איז אַ טיפּ פון אַ פּויפּסט, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אינטערעסן פון פּויפּסט מיט די הומאַניסטישע אידעאַלן קאָנען ניט שטימען.

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף די פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור פון איטאַליענישן רענעסאַנס, וועלכע איז אַזוי רייך און פאַרשיידנאַרטיק, אַז זי קאָן ווערן אַ זאַך פון ברייטער זעלבשטענדיקער אויספאָרשונג, און מיר וועלן דערמאָנען נאָר דריי באַזונדערע טיפּישע הומאַניסטן, וואָס זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר פאַרשיידענע זייטן פון דער באַוועגונג. דאָס איז, ערשטנס, פּאָדזשיאָ בראַטשיאָליני (1380 — 1459), אַן אומערמידלעכער זאַמלער פון קאָלעקציעס, אַ געניאַלער ביבליאָגראַף, וואָס האָט געוואַנדערט איבער אייראָפּע. צווישן שטויב און מיסט, אין איינזאַמע קלויסטערס און אַלטע שלעסער געפינט ער די טייערסטע דענקמעלער פון דער אַלטערטימלעכער שאַפונג, ראַטעוועט זיי פון פאַרגעסנהייט און באַהאַלט זיי פאַר די שפּעטערדיקע דורות. אים קומט דער דאַנק פון דער וויסנשאַפט פאַר דער אַנטדעקונג כמעט פון אַלע היינט באַוואוסטע לאַטייניש קלאַסיקער, פאַר דער רעטונג פון אַ פולע

ציצעראָנס רעדעס, פּלאַווטס קאָמעדיעס און באַזונדער פאַר דער אַנטדעקונג פון דעם „שמוציקן פאַרשטויבטן" קווינטיליאַן, וועלכן פּאָדושיאָ האָט מיט די אייגענע הענט איבערגעשריבן אין צוויי און דרייסיק טעג. נאָכדעם דאַרף מען דערמאָנען אַנטאָניאָ בעקאַדעלי — אַן אויסדריקער פון דער צווייטער זייט פון דער הומאַניסטישער באַוועגונג. אויפגעהויבן אַ מרידה קעגן די עקסטרעמיטעטן פון דער מיטלאַלטערישער וועלטאָנשויאונג, האָט די הומאַניסטישע ליטעראַטור זיך געלאָזן אויף אַ קעגנזעצלעכער עקסטרעמיטעט און אַרויסגעשטעלט אַנט־קעגן דעם אַסקעטיזם ניט בלויז די אידעע וועגן די רעכט פון לייב, נאָר אַפילו עקסטרעמען ציניזם און צעלאָזנקייט. אַנטאָני בעקאַדעלי געהערט צו די שריפטשטעלער, וואָס האָבן דידאַקטישע אידעע דערפירט ביז צו פריידיקן אויס־געלאַסנקייט. ענדלעך האָט נאָך איינע פון די וויכטיקסטע זייטן פון דער הומאַניסטישער באַוועגונג געפונען איר אויסדריקער אין דער פּערזאָן פון לאָרענצאָ וואַלאַ. ער איז אַ טיפּ פון אַ הומאַניסט — אַ פּאַרגייער פון דער רעפאָרמאַציע, אַ שרעקלעכער שונא פון די פּויפּסטן, זייער אַ שטרענגער באַ־שולדיקער. וואַלאַ האָט דעם פּויפּסטנטום דערלאַנגט מיט זיין פּאַמפלעט וועגן קאָנסטאַנטינס געשענק אַ קלאַפּ ניט אויסצוהיילן. אין דעמדאָזיקן פּאַמפלעט האָט וואַלאַ דערוויזן, אַז קאָנסטאַנטינס שטר־מתנה האָט קיינמאָל ניט עקסיס־טירט, און אַזוי אַרום בטל געמאַכט די לעגענדע, אויף וועלכער עס האָט דער עיקר באַזירט דעם פּויפּסטס וועלטלעכע מאַכט. וואַלאַ איז איינער פון לוטערס גרויסע פאָרגייער.

דער דייטשער הומאַניזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אונטער דער איטאַ־ליענישער השפעה, האָט אַריינגעטראָגן נייע וויכטיקע שטריכן אין דער אַנט־וויקלונג פון דער באַוועגונג. די דייטשע הומאַניסטן האָבן דער נייער ריכטונג קודם־כל צוגעגעבן אַ פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. זיי האָבן דעם קאַמף קעגן פּויפּסטנטום פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־זאַך. די פראַגן פון דער רעליגיע האָבן ביי זיי באַקומען אַ טיפערע באַלייכטונג, דאָס שטודירן די וויסנשאַפט האָט אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער, דער קאַמף קעגן דער גייסטלעכקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף קעגן אָבסקוראַנטיזם בכלל.

דער איטאַליענישער הומאַניזם האָט געטראָגן אַ מער וויסנשאַפטלעכן, אַבסטראַקטן, עסטעטישן כאַראַקטער. די איטאַליענישע הומאַניסטן האָבן פיל גערעדט און געאַמפּערט זיך וועגן פראַגן פון עטיק, וועגן פּלאַטאָנען, וועגן אַריסטון. זיי האָבן פיל געטראַכט וועגן די געזעצן פון רעדנערקונסט, וועגן פּאָעזיע און אַז. וו. אַזעלכע שלאָג־ווערק, ווי וואַלאַס טראַקטאַט וועגן קאָנ־סטאַנטינס געשענק, האָבן ניט געשפּילט די ערשטע ראָלע אין דער איטאַליע־נישער הומאַניסטישער ליטעראַטור. די דייטשע הומאַניסטישע באַוועגונג האָט זיך ניט באַגרעניצט מיט טעאָלאָגישע, וויסנשאַפטלעכע און עטישע אינטע־רעסן. זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע באַוועגונג אַנטקעגן רוים, האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן עקאָנאָמישן קאַמף, באַקומען אַ דעמאָקראַטישן עמאַנסיפּירנדיקן כאַראַקטער. דאָס ערקלערט זיך מיט די באַזונדערע באַדינגונגען, אין וועלכע דייטשלאַנד האָט זיך געפונען

אין XV און XVI יאָרהונדערטן. דער אַלטער קירך האָט געהערט כמעט אַ דריטל פון דער גאַנצער דייטשער ערד און זי האָט געהאַט צו שאַפן איבער אַן אומצאָליקער מאַסע פויערים. די לעצטע האָבן מיט שווייס באַאַרבעט קאָלאָסאַלע רייכטימער, כּדי די ביסקופּן און אַ מחנה ליידיקגייער מאָנאַכן זאָלן קענען לעבן אין אַזאַ לוקסוס, פון וועלכן זיי האָבן פריער קיין אַנונג ניט געהאַט. עס האָט געשיינט, אַז בײַ דער קירך נעמט זיך ניט אויס דער קוואַל פון אײַנפאַלן, ווי צו שאַפן אַלץ נײַע און נײַע הכנסות און עשירות. זי האָט באַשטימט אויסערגעוויינלעכע קירכשטײַערן, געטריבן גרויסן האַנדל מיט אינדולגענציעס און רעליקוויעס. דידאָזיקע באַרײַסעניש האָט אין פאָלק אײַנגעפלאַנצט אַ גרײַלעכע שנאה צו דער גײַסטלעכקייט.

צווישן דער מענגע פאָרשטייער פון דייטשן הומאַניזם טיילן זיך באַזונדער אויס דריי: רייכלין, הוטען און עראַזם. רייכלין (1455—1522) איז באַרימט געוואָרן דורך דער גרויסער מחלוקת וועגן די יידישע ספרים. דידאָזיקע מחלוקת דינט פאַר אַן אויסגעצייכנטן מוסטער, ווי אַזוי ריין וויסנשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן האָבן געבראַכט די בעסערע מענטשן פון דער עפּאָכע צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די שונאים פון פּראָגרעס. רייכלין איז געווען אַ באַוואוסטער העברעאיסט אין זײַן דור. אַפילו די געבילדעטסטע הומאַניסטן האָבן ניט געקענט די העברעאישע שפּראַך, וועלכע רייכלין האָט גוט אויסגעשטודירט. ער איז אַלט געווען אַרום זעכציק יאָר, ווען צו אים איז געקומען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער, האָט אים באַוויזן דעם קייזערס אַ באַפעל, וועלכער באַפולמעכטיקט דעם אומבאַקאַנטן צו קאָנפיסקירן אַלע יידישע ספרים. ער האָט פאָרגעלייגט רייכלינען, ער זאָל אים דערין העלפן. דערדאָזיקער אומבאַקאַנטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען דער משומד יאָהאַן פעפערקאָרן. נאָכן שמדן זיך איז פעפערקאָרן געוואָרן אַ פאַרביסענער שונא פון זײַנע גלויבנסברידער. ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רײַ פאַמפלעטן, אין וועלכע ער האָט די יידן באַשולדיקט אין פאַרברעכנס קעגן קריסטנטום. דער בעסטער מיטל אַנטקעגן דער האַרטנעקיקייט און דער שנאה מצד דעם יידנטום צום קריסטנטום, האָט פעפערקאָרן גערעכנט, איז קאָנפיסקירן די יידישע ספרים. אים איז געלונגען אַרויסצוקריגן בײַם קייזער אַזאַ באַפעל. די יידן האָבן זיך גרײַלעך דערשראָקן, אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע און אַרויסגעקראָגן אַ נײַעם באַפעל, לויט וועלכן די זאַך איז איבערגעגעבן געוואָרן צו באַשליסן די אוניווערזיטעטן און ספּעציאַליסטן, צווישן זיי אויך רייכלינען. דער לעצטער האָט אָנגעשריבן אַ גלענצנדן באַריכט, אין וועלכן ער האָט דערוויזן, אַז די פאַרניכטונג פון די יידישע ספרים וואָלט געווען אַן אומרעכט, און וואָלט קיין פּעולה ניט געהאַט. אַז דער איינציקער מיטל צו קעמפן קעגן טעותן — דאָס איז די וויסנשאַפטלעכע ערקלערונג און דער אויפמערקזאַמער שטודיום פון דעם געגנשטאַנד. פעפערקאָרן איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן ענטפער. אַזוי האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף פון די הומאַניסטן מיט די אָבסקוראַנטן. דאָס געבילדעטע דייטשלאַנד האָט זיך צעטיילט אויף צוויי פײַנטלעכע לאַגערן. אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון לאַנד האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום רייכלינען. די קעלנער אוניווערזיטעט האָט

אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ חרפה דורך דעם, וואָס זי האָט זיך פאַרבונדן מיט די אַפּיקורסאַנטן, און רייכלין איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן פּאַמפלעט קעגן די קעלנער פּראָפעסאָרן. דערפאַר האָט רייכלינען אַרויסגעוויזן הייסן מיטגעפיל די יוגנט-פּאַרטיי אין ערפורטער אוניווערזיטעט, וועלכע איז דרייסט אַרויסגעטראָטן קעגן די זקנים, די סכאָלאַסטיקער, און וועלכע האָבן געהאַט בראש דעם באַוואוסטן הומאַניסט מוציאַן רוף. ביסלעכווייז האָט די פּריוואַטע מחלוקת וועגן די יידישע ספרים זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסע אַלגעמיינע פראַגע. די הומאַניסטן האָבן פאַרטיידיקט די פרייהייט פון וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג בכלל. זיי האָבן אָן רחמנות אַנטפּלעקט די וואונדן פון אַפּיקורסאַנטיזם, אויסגעלאַכט די סכאָלאַסטיק, די גייסטלעכקייט, די פאַרעלטערטע וויסנשאַפטלעכע טראַדיציעס. מיט איין וואָרט, צעשאָקלט די פונדאַמענטן פון דער אַלטער וועלטאָנשויאונג. דער בעסטער דענקמאָל פון דעמדאָזיקן באַרימטן דועל זיינען „די בריוו פון פינסטערע לייט" (Epistolae obscurorum virorum). דער ערשטער טייל פון זיי האָט ערשיינט אין 1515, דער צווייטער — אין 1517. מיט דעמדאָזיקן פּאַמפלעט איז פאַרבונדן דער נאָמען פון אַ צווייטן גרויסן דייטשן הומאַניסט — אולריך פאָן הוטען (1488 — 1523), וואָס האָט גענומען אַ גאָענטן אָנטייל אין זיי. דאָס איז אַ ריי אויסגעטראַכטע בריוו פון אַפּיקורסאַנטן, וואָס טרעטן אין זיי אַרויס מיט דער גאַנצער נישטיקייט זייערער, מיט זייער עם-הארצות און מיט זייערע פאָראורטיילן. גאַנצע זייטן זיינען פול מיט שאַרפזיניקע באַשרייבונגען פון סכאָלאַסטישע מחלוקתן און געדאַנקען. אַזוי פירט איינער אַרויס דאָס וואָרט מאַגיסטער פון magis (מערער) און ter (דרייפאַך), מחמת אַ מאַגיסטער איז מחויב צו וויסן דריי מאָל מערער פאַר אַן אַנדערן, און פון די ווערטער magis און terreo (כ'וואַרף אַ מורא), מחמת ער מוז וואַרפן אַן אימה אויף זיינע תלמידים. אַ צווייטער ערקלערט די העברעאישע און די גריכישע שפּראַכן אַלס אומנוצלעכע, אַגב, דערפאַר, וואָס מען דאַרף די יידן און די סכיזמאַטיקער-גריכן נישט געבן די מעגלעכקייט צו שטאָלצירן דערמיט, וואָס מען שטודירט זייער שפּראַך. אַ דריטער זאָגט, אַז שילער טאָרן ניט שטודירן גראַמאַטיק לויט די לאַטיינישע פּאָעטן, ווייל „פּאָעטן לייגן פיל, לויט אַריסטוס מיינונג, און ווער עס לייגט, באַגייט אַ זינד, און ווער עס גרונדפעסטיקט זיין לערנען אויף ליגן, גרונדפעסטיקט עס אויף זינד, און וואָס עס האַלט זיך אויף זינד, דאָס איז דערווידער דעם אויבערשטן, און אַז. וו. הוטען איז געווען אַ בייזער אומבררחמנותדיקער שונא פון רוים. ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ ריי פּאַמפלעטן, אין וועלכע ער מאָלט העל די שעדלעכע השפעה פון רוים אויף דייטשלאַנד. רוים באַגזלט עס, רוים האָט זיך געמאַכט פאַר דעם פּאָליטישן אַפּוטראָפּוס פון דייטשן פאָלק, לסוף, דאָס דייטשע פאָלק צעפוילט מאָראַליש אונטער רוימס השפעה. „טוט אַ קוק אַהין, — ווערט געזאָגט אין איין דיאַלאָג, — אויף רוים, טוט אַ בליק אויף דעם גרויסן קאָרן-אוצר פון דער ערדקויל, וואָס עס ווערט אַהין צונויפגעטראָגן אַלץ, וואָס מ'ראַבירט און מ'זאַמלט אָן פון אַלע לענדער; וואָס דאָרט אינמיטן זיצט דער אומערזעטלעכער קאָרן-וואָרעם, וועלכער שלינגט איין קאָלאָסאַלע מאַסן פרוכט, מיט זיינע צאָלרייכע מיט-

פרעסער אַרום, וואָס האָבן צוערשט ביי אונז אויסגעזויגן דאָס בלוט, דערנאָך אָפּגעפרעסן דאָס פליייש, און איצט זיך שוין גענומען פאַרן מאַרך, צעבּרעכן די סאַמע אינערלעכע ביינער און צעבּרעקלען אַלץ, וואָס איז נאָך געבליבן. צי דען וועלן זיך די דייטשן ניט נעמען פאַר דאָס געווער? וועלן ניט אָנפליען מיט פייער און שווערד? די רויבער באָדן זיך אין בלוט און שוויס פון דייטשן פאָלק, שטאָפּן זיך אָן דעם בויך. פאַר אונזער געלט האַלטן זיי פערד, הינט, מוילאייזלען, טוען אָפּ מיאוסע מעשים. און מיר דאַרפן זיי גלעטן. מיר טאָרן זיך ניט ערלויבן זיי צו גיפטן, און אַפילו ניט צו באַרירן. ווען־זשע וועלן מיר קליגער ווערן און באַצאָלן פאַר אונזער חרפּה? פאַר די אַלגעמיינע צרות?"

הוטען אַלס דער היפּוך פון זיינע צוויי גרויסע צייט־חברים — רייכלין און עראַזם, שטעלט פאַר מיט זיך אַ טיפּ פון אַ קאָנזעקווענטן און איינגע־שפּאַרטן קעמפער, וועלכער האָט באַוויזן צו דערפירן זיינע אָנשויאונגען ביז זייער לאָגישן סוף. סיי רייכלין, סיי עראַזם האָבן מורא געהאַט צו אָפּענדיקן מיט רוים און גיין האַנט ביי האַנט מיט לוטערן. הוטען איז אָפן אַרויסגעטראָטן אַלס זיין פאַרבינדעטער. קורץ פאַר לוטערס חרם האָט ער אים געשריבן: „מ'זאָגט, אַז דו ביסט אין חרם, ווי גרויס ביסטו, לוטער, אויב דאָס איז אמת! אַלע גאָטספאָרכטיקע וועלן וועגן דיר זאָגן: „זיי האָבן געזוכט די נשמה פון צדיק, און פאַרמשפּט אומשולדיק בלוט", אָבער גאָט וועט זיי שטראָפן פאַר זייער פאַרברעכן און אונזער האַר־גאָט וועט זיי לאָזן פאַרלאָרן גיין אין זייער בייז. דאָס איז אונזער האָפענונג, דאָס איז אונזער גלויבן. זיי פעסט און שטאַרק. מיר וועלן נאָך קעמפן פאַר דער אַלגעמיינער פרייהייט! מיר וועלן באַפרייען דאָס געדריקטע פאָטערלאַנד!"

הוטענס הייסע פּאַמפלעטן, וועלכע האָבן אָנגעצונדן שנאה צו רוים אין גאַנץ דייטשלאַנד, האָבן דערוועקט דעם פּויפּסט אָנצונעמען ענערגישע מיטלען קעגן דעם געפערלעכן שונא. דער פּויפּסט האָט זיך געווענדט מיט אַ צירקו־ליאַר צו די דייטשע מושלים און האָט זיי געבעטן כאַפּן דעם ניט געהאָרכזאַמען פיינט, פאַרשמידן אין קייטן און אָפּשיקן אים קיין רוים. הוטען האָט זיך געווענדט מיט „אַן אויפרוף צום דייטשן פאָלק" און אַליין איז ער אַנטלאָפן אין דער שווייץ. דאָס אָנערקענען די גרויסע באַדייטונג פון דער געזעל־שאַפטלעכער מיינונג האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט ביי די הומאַניסטן צו אַזאַ קלאָרקייט. אין זיין קאַמף קעגן רוים האָט זיך הוטען געשטיצט נאָר אויף די לעזער־מאַסן. ער האָט בכיוון אָנגעהויבן צו שרייבן אויף דייטש, כּדי אים זאָלן קענען פאַרשטיין אַלע, ניט נאָר געלערנטע. די מחלוקת מיט רוים, וואָס איז פריער געווען אַ ענין פאַר אַ קליינער גרופּע געלערנטע, וועלכע האָבן געשריבן אויף לאַטיין, האָט הוטען פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינער פאָלקזאַך. ער האָט דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק גערופן אויפצושטיין אַנטקעגן דער פאַר־האַסטער רוים, וואָס זויגט אויס דעם זאַפט פון זיין געבורטלאַנד און זינקט אין לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט.

דער דריטער פון די גרעסטע פאָרשטייער פונם דייטשן הומאַניזם, דעזי־דערי עראַזם (1467 — 1536) איז אַ טיפּ פון אַן עכטן געלערנטן, אַ אינטעלי־

געגנט, פֿאַר וועלכן דער אינטערעס פֿון געדאַנק און פֿון וואָרט שטייט העכער פֿאַר אַלץ. עראַזם איז אויך ניט געבליבן פֿון דער ווייטן אין דעם קאַמף פֿון זיין צייט. קעגן זיין ווילן איז אים אָפּט אויסגעקומען אַריינגעצויגן צו ווערן אין די ברענענדיקע פֿראַגן פֿון זיין צייט, אָבער פֿראַגן וויסנשאַפֿטלעכע, פֿילאָלאָגישע און פֿילאָזאָפֿישע — דאָס זיינען געווען די ענינים, מיט וועלכע ער פֿלעגט זיך איבערהויפּט פֿאַרנעמען. אין די אַרבעטן, וואָס ער האָט געווידמעט דעם נייעם טעסטאַמענט און די פּאָטערס פֿון דער קירך, זעט מען ניט אַזוי פֿיל דעם קריסט און דעם טעאָלאָג, ווי דעם פֿילאָלאָג. אין זיין פּאָלעמיק מיט לוטערן איז שווער צו געפֿינען דעם אויסדרוק פֿון די געפֿילן פֿון אַן עכטן קאַטאָליק. עראַזמס בעסטע ווערק איז די סאַטירע „אַ לויב צו דער נאַרישקייט". אין דעמדאָזיקן ווערק באַטראַכט די נאַרישקייט די גאַנצענע וועלט. דערדאָזיקער קלוגער סוזשעט ערלויבט דעם אויטאָר צו באַווייזן אַלע פֿינסטערע זייטן פֿון דעם לעבן אין זיין צייט; צו באַווייזן, וויפֿיל ווערט געטאָן אין נאָמען פֿון דער נאַרישקייט, און פֿאַר וואָס דאַרף די וועלט איר דאַנקען. „אַלע מענטשן קעכלען מיך — זאָגט די נאַרישקייט, — און אויף יעדן טריט געניסן זיי פֿון מיין גוטס. פֿונדעסטוועגן האָט זיך אין משך פֿון אַזוי פֿיל יאָרהונדערטן ניט געפֿונען קיינער, וואָס זאָל אין אַ רעדע אָפּגעבן אַ לויב צו דער נאַרישקייט". אָט פֿאַרוואָס זי אַליין טרעט אַרויס מיט אַ לויב־רעדע לכּבֿוד זיך אַליין. גייסטלעכע, פּאָעטן און ריטאָרן, גראַמאַטיקער און שריפֿטשטעלער, דיאַלעקטיקער און סאָפֿיסטן, יוריסטן, פֿילאָזאָפֿן, טעאָלאָגן, פּויפּסטן, אַסטראָלאָגן און אַז. וו. — אַלע גייען אַדורך פֿאַרביי אונזערע אויגן, באַלויכטן מיט העלער סאַטירישער שיין. אָט, למשל, וואָס עס זאָגט די נאַרישקייט וועגן טעאָלאָגן: „בעסער וואָלט געווען ניט אָנצורירן דעמדאָזיקן שטינקענדיקן זומפּ, ווי די גריכן זאָגן, ניט צורירן זיך צו דעמדאָזיקן גיפֿטיקן געוויקס. דאָס זיינען דאָך אַזוינע אָנגעכמורעטע און וואָרטשעדיקע לייט, אַז זיי קאָנען נאָך, חלילה, אָנפֿאַלן אויף מיר אַ גאַנצער המון מיט אַלע זייערע זעקסהונדערט „דרינגעגנישן", כּדי מיך נייטן צו נעמען מיין וואָרט צוריק... הגם די טעאָלאָגן האָבן ווייניקער פֿאַר אַלץ די נטיה מודה צו זיין אין מיין גוטער ווירקונג אויף זיי, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי מיר אויך אַ פּולע צו דאַנקען. גליקלעכע לייט — אַ דאַנק מיין געטרייער מיטגייערין פֿילאַווטיע (זעלבסטמיינונג), פֿילן זיי זיך אויפֿן דריטן הימל, און פֿון דער שפּיץ פֿון זייער גדולה קוקן זיי אַראָפּ מיט פֿאַראַכטונג־רחמנות אויף די איבעריקע שטערבלעכע, וואָס קריכן אַרום אויף דעם אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד צוזאַמען מיט די פֿאַרשטאַנדלאָזע חיות. זיי האָבן זיך אַרומגעצאַמט מיט אַ ניט־דורכדרינגבאַרן צאַם פֿון מאַגיסטראַלע דעפֿיניציעס, אויספֿירן, זאַצן — באַשטימענדיקע און אייַנגעשלאָסענע. זיי האָבן זיך אָנגעמאַכט אַזוי פֿיל פֿאַרבאָרגענישן און געהיימע אויסגאַנגען, אַז אַפֿילו מיט וואולקאַנס נעצן קאָן מען זיי ניט אויספֿישן. מיט וואָס פֿאַר אַן אויטאָריטעט זיי דערקלערן — מיט „אייגענעם שכל" דערגאַנגען! — לויט וואָס פֿאַר אַ פּלאַן די וועלט איז באַשאַפֿן און איינגעאָרדנט, דורך וועלכע צינורות עס האָט זיך אויף די שפּעטערדיקע

דורות פאַרשפּרייט די מכה פון דער ערשטער זינד״, *און אַז. וו. ווי אַ געלערנטער, האָט עראַזם געהאַט אַ שם אויף גאַנץ אייראָפּע. אָבער ווי אַ קעמפער, קאָן מען אים ניט פאַרגלייכן צו הוטענען. עראַזם האָט אַלע מאָל געהאַט גרויסע לייט באַשיצער, — הוטען האָט געהאַלטן די אומאָפּהענגיקייט פאַר דאָס העכסטע גליק אין לעבן. עראַזם האָט זיך גערן געחברט מיט הויכגעשטעלטע פּערזאָנען און האָט ליב געהאַט באַוויזן קעסטלעך פולע מיט בריוו פון זיינע פריינט און פאַרערער. הוטען האָט ניט אָנגענומען קיין פריינדשאַפט פון מאַכטהאָבנדיקע פריינט. עראַזם האָט געקענט נאָר די רעפּובליק פון געלערנטע, און האָט זיך אומעטום געפילט גוט. הוטען איז געווען אַ דייטשער פּאַטריאָט. איינער האָט אויסגעבויט אַ באַקוועמע הויז און האָט אין איר רואיק אויסגעלעבט זיינע יאָרן ביז טיפער עלטער; דער צווייטער האָט אַ גאַנץ לעבן קיין רו ניט געהאַט. זיין אומרואיקער גייסט האָט געדאָרשט נאָך קאַמף, און ער איז געשטאָרבן פרי, ווי אַ קריגער, וועלכן עס האָבן אים אויסגעמאַטערט די שווערע מאַרשן. עראַזם האָט פאַרהוילן זיינע געדאַנקען, האָט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן זיי דירעקט און אַרויסרופן קעגן זיך דעם צאָרן פון די מעכטיקע. הוטען האָט אָפן גערעדט צו גאַנץ דייטשלאַנד, און צו זיין שטים האָט מען זיך צוגעהערט אפילו אין רוים. און ווען הוטען איז געקומען צו פאָרן קיין באַזעל אַן אָרעמער, אַ גערודפטער, כמעט אַ גוססער, מיט דער האָפענונג צו געפינען אַ ווינקל ביי זיין געריסטן גליקלעכן חבר, האָט עראַזם אויף אַ שענדלעכן אופן אָפּגעשטויסן פון זיך זיין חבר לדעה אויס מורא, טאָמער וועט מען אויף אים ריידן שלעכטס דערפאַר, וואָס ער האָט עסקים מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אַזאַ שלעכטן נאָמען.

עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, וועמעס געשטאַלט טרעט פון די ווייטע צייטן אַרויס אין אַ שענערער ליכט.

פון די פראַנצויזישע הומאַניסטן איז מער פאַר אַנדערע באַרימט פראַנסואַ ראַבלע (געב. אין 80 יאָרן פון XV יאָרהונדערט. געשט. 1553 יאָר). ראַבלע האָט איבערגעלאָזן דעם באַרימטן ראָמאַן גאַרגאַנטיואַ און פּאַנטאַגריועל. ער באַשטייט פון פינף ביכער. דאָס ערשטע בוך האַלט אין זיך איין גאַרגאַנטיואַס געשיכטע אַליין, די איבעריקע פיר—זיין זון פּאַנטאַגריועלס געשיכטע. גאַרגאַנטיואַ—דאָס איז די עפּאָפּעע פון רענעסאַנס, אין איר זיינען באַרירט אַלע פראַגן פון דער רענעסאַנס-וועלט-אָנשויאונג. דער אויטאָר מאָלט סיי די אָפּגעלעבטע באַגריפן, סיי די נייגעבוירענע. ראַבלע איז געווען מער קינסטלער, איידער די דייטשע הומאַניסטן, און דעריבער זיינען זיינע ווערק שנעלער אַריינגעדרונגען אין די מאַסן און געהאָלפן פאַרשפּרייטן די הומאַניסטישע אידעאַלן. ראַבלע איז אַ הומאָריסט. זיין ראָמאַן איז איינער פון די מערקווירדיקסטע דענקמעלער פון דער הומאָריסטישער ליטעראַטור. אויסער די שטריכן, וואָס זיינען אַלגעמיינע פאַר אַלע הומאָריסטן, באַמערקט מען אין זיין הומאָר צוויי באַזונדערהייטן, וועלכע זיינען אייגנשאַפטלעך אויסשליסלעך פאַר ראַבלע, דהיינו: זיין פערזענלעכקייט טרעט ניט אַרויס כסדר קריכנדיק אין די אויגן; און אויסערדעם ווענדט ער זיך ניט אָפּ אָן אַ זייט, ווי אַנדערע, די עפּיזאָדן ציען ניט אָפּ די אויפמערק-

פראַנסואַ ראַבלע

זאַמקייט פון דעם הויפּט־פּאָדים פון זיין ערציילונג. ראַבלעס הומאָר האָט געדאַרפט באַזונדער פּאָפּולער מאַכן זיינע ווערק אין דער עפּאָכע, ווען די געזעלשאַפט האָט ערשט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קייטן פון אַסקעטיזם. דאָס איז געווען דער בעסטער מיטל צו פאַרשפּרייטן די הומאַניסטישע אידעען.

גאַרגאַנטיואַס ערציאונג פאַלט פונאַנדער אויף צוויי טיילן. אין ערשטן פּעריאָד פאַלט ער אַריין אין די הענט פון דעם סכאָלאַסטיקער טובאַל האָלאָפערן, אַ פּעדאַגאָג פון אַלטן שניט. די גאַנצע ערציאונג טובאַלס — דאָס איז אַ בייזע סאַטירע אויף דער סכאָלאַסטישער פּעדאַגאָגיק. ס'איז זיך שווער איינצוהאַלטן פון געלעכטער, ווען מען לייענט, אַז פאַר פינף יאָר מיט דריי חדשים האָט גאַרגאַנטיואַ ביי טובאַלן אויסגעלערנט דעם אַלף־בית אַזוי גוט, אַז ער האָט אים געקאָנט איבערזאָגן אויף אויסווייניק און אַפילו „אויף צוריק"; אַז נאָך פאַר דרייצן יאָר זעקס חדשים און צוויי וואָכן, האָט דער לערער מיט אים איבערגעלייענט דאָנאַט, Facet, פּעאָדול און אַלאַן in parabolis; דערנאָך איז אַוועק אַכצן יאָר מיט עלף חדשים אויף אויסצולערנען De modis significandi מיט די פּירושים דערצו. דער תּלמיד האָט זיי אַזוי גוט באַגריפן, אַז ער האָט זיי געקאָנט אויף אויסווייניק און זאָגן פון הינטן אויף פאָרנט. דערנאָך זיינען צענדליקער יאָרן אַוועק אויף שטודירן ווירקלעכע און פון ראַבלעס אויסגעטראַכטע לאַטייניש שריפטשטעלער און ווערק. דער אויטאָר ברענגט אַ גאַנצע רשימה פון אַזעלכע ווערק מיט קאָמישע נעמען. מחמת גאַרגאַנטיואַ איז געווען אַ ריז, און די פּראָפּאָרציע פון צייט און אָרט פעלן אין דעם ראָמאַן, בלייבט גאַרגאַנטיואַ, ניט קוקנדיק וואָס ער לערנט זיך שוין צענדליקער יאָרן, נאָך אַלץ אַ יינגל. פון לייענען ביכער „איז ער אַזוי קלוג געוואָרן, אַז עס איז גאָר אין לשער". גלייך מיט דער גייסטיקער איז געגאַנגען אויך די רעליגיעזע ערציאונג, און דאָ האָט אויך די פאָרם געהאַט די איבערהאַנט איבער דעם אינהאַלט. איבערגעביסן צו זאַט, — דערציילט ראַבלע, — איז ער אַוועק אין קירך. נאָך אים האָט מען געבראַכט צו טראָגן אין אַ קאָרב אַ גרויסן איינגעבונדענעם ספר התּפילות, וואָס האָט געוועגט ניט מער ניט ווייניקער ווי עלף צענטער מיט זעקס פונט. דאָרט האָט ער אויסגעהערט זעקסאונצוואַנציק אָדער דרייסיק מעסעס. צוזאַמען מיט זיין קאַפּעלאַן האָט ער אונטערן נאָז נאָכגעזאָגט די תּפילות, און זיך אַזוי געסטאַרעט ריידנדיק, אַז קיין וואָרט זאָל ניט גיין פאַרלאָרן. ווען ער איז אַרויס פון קלויסטער, האָט מען אים געבראַכט אויף אַ וואָגן, איינגעשפּאַנט מיט אַ פּאָר אָקסן, אַ באַרג פּאַטשערקעס פון הייליקן קלאָד. די פּאַטשערקעס זיינען געווען אַזעלכע גרויסע, ווי קעפּ פון מענטשן און שפּאַצירנדיק איבער די קלויסטערס, איבער די גאַלעריעס אָדער איבערן סאָד, האָט ער געזאָגט „תּפילות מער איידער זעכצן מאָנאַכן". די זאָרג וועגן גאַרגאַנטיואַס פיזישער ערציאונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט אים געשטאָפּט ווי צו דער שחיטה. אַזוי אַרום האָט שוין קינדווייז גאַרגאַנטיואַ באַוויזן צו ווערן אַ פרעסער און אַ שיכּור.

לסוף האָט דער אַלטער קיניג גראַנגוזיע באַמערקט, אַז הגם זיין זון לערנט זיך גוט, און פּטרט די גאַנצע צייט אויפן לערנען, פונדעסטוועגן האָט

ער גאָר קיין פּעולה ניט געהאַט און נאָך ערגער — ער ווערט נאַריש, אַבּ־סורדיש, צעשטרייט און אומגעלומפּערט. גראַנגוזיע לאַדט איין אַ נייעם ער־ציער — פּאַנאָקראַט, אַ פּעדאַגאָג־הומאַניסט פון נייעם שניט. אין זיין סיסטעם איז ניט שווער צו באַמערקן די ערציאונגס־אידעאַלן, וואָס זיינען ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן דורך די בעסטע פּעדאַגאָגן פון די שפּעטערדיקע צייטן, ווי לאָק, רוסאָ, פּעסטאַלאָצי, און זיינען נאָך עד היום ניט אינגאַנצן פאַרווירק־לעכט. דער ציל פון רעליגיעזער ערציאונג איז — אַרויסרופן אויפריכטיקע התפּעלות פאַר גאָטס גרויסקייט. מען גויט שוין גאַרגאַנטויאַ מער ניט לייענען וואָס מער תּפילות און אויסהערן וואָס מער מעסעס, מען לייענט פאַר אים פאַר יעדן טאָג עטלעכע זייטן פון די הייליקע שריפטן, אָבער הויך און דייט־לעך און מיט אויסדרוק, ווי עס פּאַסט פאַר דעם געגנשטאַנד. ס׳דאָזיקע לייע־נען מאַכט אויף גאַרגאַנטויאַ אַזאַ איינדרוק, אַז ער הייבט אַליין אָן „לויבן, בעטן און רופן צום האַר־גאָט, וואָס זיין דערהויבנקייט און זיינע וואונדער־לעכע וועגן האָט ער דערקענט לייענענדיק די הייליקע שריפטן". דער צווייטער פּרינציפּ פון דערדאָזיקער ערציאונג איז — די אָנשוילעכקייט פון לער־נען. אַריפמעטיק לערנט דער ייִנגל דורך קאַרטעס, וואָס מען גיט אים ניט צום שפּילן, נאָר צוליב פאַרשיידענע פּאָקוסן און קונצן, וואָס זיינען געגרינדעט אויף דער אַריפמעטיק, און האָבן ביים ייִנגל אַרויסגערופן ליבע צו דער וויסנ־שאַפט. די קלאַסיקער לייענט מען מיטאָגצייט. מען הייבט אָן ריידן וועגן עפּעס אַ פראַגע, און דער לערער ברענגט פּליני, פּאָליבי, אַריסטו, אָדער אַנ־דערע אַלטערטימלעכע שריפטשטעלער, מען לייענט די ערטער, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער באַרירטער פראַגע, מען דערקלערט זיי, און דער ייִנגל גע־דענקט אויסגעצייכנט די קלאַסישע שריפטשטעלער. אַסטראָנאָמיע האָט גאַר־גאַנטויאַ געלערנט שפּאַצירנדיק אין אויסגעשטערנטע נעכט מיט זיין לערער און אויסהערנדיק זיינע ערקלערונגען. באָטאַניק האָט ער געלערנט אויף דעם שויס פון דער נאַטור גופא.

דער דריטער פּרינציפּ פון דער נייער ערציאונג—דאָס איז די שטרענגע האַרמאָניע צווישן דער פיזישער און דער גייסטיקער אַנטוויקלונג. דידאָזיקע האַרמאָניע ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואָס דער טאָג איז רעגלמעסיק און דעטאַל איינגעטיילט, וואָס מען פאַרברענגט פיל צייט אויף דער פרישער לופט, מען פאַרנעמט זיך מיט שפּילן און גימנאַסטיק.

בשעת דער מלחמה מיט דעם שכנישן קיניג פּיקראָשאַל, טוט דער מאָ־נאַך זשאַן אַ גרויסע טובה גאַרגאַנטויאַס פאָטער. ער באַקומט דערפאַר אַ שטיקל ערד און גרינדעט דאָרט די טעלעמער געמיינדע. פולקומע פריי־הייט — דאָס איז דער דעוויז פון דעם נייעם קלויסטער, וועלכער איז פּונקט דער היפּך פון אַלע קלויסטערס פון די מיטלאַלטערישע אַסקעטן מיט זייער שטרענגער דיסציפּלין און מיט זייער חנופה. די באַפעלקערונג פון דעם קלויסטער זיינען געזונטע, שיינע מענטשן; גייסטיקע און פיזישע אַרבעט — דאָס איז זייער באַשעפטיקונג. פאַרגעניגן און פולע פרייהייט דאָס איז דער עיקר־ציל זייערער. מיט דער באַשרייבונג פון טעלעמער געמיינדע — איינס

פון די בעסטע ערטער אין דעם ראָמאַן, וואָס מאָלן דעם אויטאָרס געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, — פאַרענדיקט זיך דער ערשטער בוך פון ראָמאַן. דער אַקאַדעמיקער וועסעלאָווסקי מיינט, אַז מיט דער טעלעמער געמיינדע מיינט ראַבלע צו מאָלן די אינטעליגענטן, וועלכע מיען זיך אַרבעטן לטובת דער מענטשהייט און דער פרייהייט פון אַרבעט. דאָס זיינען הומאַניסטן, באַשעפטיקטע מיט פאָרשן די נאַטור און די געשיכטע, זיי טראַכטן נאָר וועגן פערזענלעכן גליק און פערזענלעכער אַנטוויקלונג. די גאַנצע אויפגאַבע פון דער צוקונפט ווערט געבראַכט צו איין פאָדערונג: די אויסבילדונג פון אַ גאַנצלעך־אַנטוויקלטן מענטשן. וועלן קומען אַזעלכע מענטשן — וועלן זיי אַריבערגיסן זייער נשמה אין די פאַרעלטערטע אַנשטאַלטן, און דער אינהאַלט פון די אַלטע לאָגלען וועט זיך במילא בייטן. די לאָגלען גופא בייטן דאַרף מען ניט, דער עיקר באַשטייט אין פערזענלעכן אידעאַל.

נאָך גאַרגאַנטיואַס טויט טרעט אַרויס אַ נייער דור אין דער פערזאָן פון זיין זון פאַנטאַגריועל. פאַנטאַגריועלס גוטער פריינד פאַנורג האָט זיך מיישב געווען חתונה צו האָבן. נאָר איידער ער באַשליסט זיך אויף אַזאַ טריט, פרעגט ער אויס די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פראָפעסיעס, צי וועט ער זיין גליקלעך. ער ווענדט זיך צו אַ סכאָלאַסטיקער, אַ דאָקטאָר, אַ יוריסט, אַ פילאָזאָף און אַז. וו. דאָס גיט ראַבלען די מעגלעכקייט אויסצולאַכן די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע צווייגן פון דעמאָלטיקער קענטעניש. מיט זייערע געלערנטע ענטפערס, מיט סומך זיין זיך אָן אַ שיעור אויף די אַלטע שריפטשטעלער, פאַרפלאָנטערן זיי נאָר די פראַגע, און גיבן פאַנורגן ניט קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער. פאַנורג באַשליסט דעמאָלט פאָרן מיט פאַנאַגריועלן צוזאַמען צום „אָראַקול פון דעם געטלעכן פלעשל" נאָך אַן אַנטפער אויף זיין פראַגע. אויפן וועג באַזוכן זיי אַ שורה אינזלען מיט פאַרשיידענע אַלעגאָרישע פיגורן, וואָס אין זייער פערזאָן ווערן אויסגעלאַכט סיי די פויפסטן, סיי די קאַרדינאַלן, סיי די עפיסקאָפן און די געריכטן און די פאַלשע וויסנשאַפט. אַזוי אַרום האָט ראַבלע אויסגעלאַכט אַלע זייטן פון דעם לעבן אין זיין צייט און געמאָלט נייע לעבנס־פאָרמען לויט דעם הומאַניסטישן אידעאַל.

לויט דער מיינונג פון פליערי דאַרף מען דעם עפיזאָד פון דער חתונה פאַרשטיין ברייטער. ראַבלע שטעלט דאָ די פראַגע בכלל, ווי צו געפינען דעם אמת, און מיט זיינע אַלעגאָריעס גיט ער אויף דער פראַגע אַן ענטפער. זיינע פּאָזיטיווע אידעאַלן, וועלכע ווייזן זיך אַרויס אין דערדאָזיקער נסיעה, קאָן מען אַזוי פאָרמולירן: מען דאַרף ניט דעם אַסקעטיזם, ניט טויטן דאָס לייב, לאָמיר אַנטוויקלען אונזערע פיזישע און אינטעלעקטועלע פעאיקייטן, מען דאַרף ניט קיין מלחמות, ניט קיין כיבושים. אויב מען וויל לערנען שכל אַ נאַרישן שכן, דאַרף עס ניט פאַלן צו לאַסט אויף דאָס פאָלק. לאָמיר באַזייטיקן אַלע פאָראורטיילן, לאָמיר ניט מיינען, אַז די וועלט ווערט אָנגעפירט כלומרשט פון אַ צופאַל: זי איז אונטערטעניק פינקטלעכע געזעצן, אָבער ניט כישוף, ניט חלומות, ניט טויבי־שטומע, ניט נאַראָנים, ניט גוססים וועלן דידאָזיקע געזעצן ניט אַנטפלעקן. אויב איר ווילט וויסן דעם אמת, טאָ גורט זיך

אָן מיט אומערמידלעכקייט, מיט געדולד, מיידט אויס מענטשן, וואָס זיינען להוט נאָך דער אויסערלעכקייט (זיי זיינען פאַרקערפערלעכט אין די „כאַמעלעאָנעס"), ניט זייט קיין פרעסער („דער מאָגן-אינזל"), הערט זיך ניט צו קיין דברים בטלים („דער רויך-אינזל"), און אַז. וו.

אונזער איבערזיכט וואָלט געווען ווייט ניט קיין פולקומע, ווען מיר וואָלטן אַריבער פאַרביי דעם שריפטשטעלער, וועלכער האָט אויסגעדריקט אפשר די וויכטיקסטע זייט פון דער הומאַניסטישער באַוועגונג. מיר מיינען דעם אויטאָר פון דעם באַרימטן סאָציאַלן ראָמאַן „די אוטאָפּיע", טאָמאַס מאָר (1478 — 1535). מאָר שאַפט דעם אָנהייב פון אַ ריי טרוימערייען וועגן בעסער אַיינאָרדענען די געזעלשאַפט, וועלכע ציט זיך אַוועק ביז היינט, ביז בעלאַמיס ראָמאַן אין הונדערט יאָר אַרום.

כדי צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער אוטאָפּיע, דאַרף מען אין קורצע שטריכן דערמאָנען וועגן די עקאָנאָמישע איבערקערעניש, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ענגלאַנד אין XV און XVI יאָרהונדערט. אַרום מיטן XV יאָרהונדערט לערך באַקומט ענגלאַנד אַ שטאַרקן קאָנקורענט אויף דעם אייראָפּעאישן מאַרק. די דינע שפּאַנישע וואָל הייבט דעמאָלט אָן אַרויסצושטופּן די ענגלישע אין בראַבאַנט, פלאַנדריע, פראַנקרייך. אין XVI יאָרהונדערט ווערט די קאַטוילישע שפּאַניע ניט נאָר אַ רעליגיעזער און פּאָליטישער, נאָר אויך אַ קאָמערציעלער קאָנקורענט פון ענגלאַנד. דער האַנדל מיט וואָל ווערט די קאַרדינאַלע פראַגע פון ענגלישן עקאָנאָמישן לעבן. די ענגלישע סוחרשאַפט מוז באַקומען וואָל אין אַ קאָלאָסאַלן קוואַנטום, כדי צו קענען קעמפן קעגן דעם קאָנקורענט. דער איינציקער אויסגאַנג איז פאַרברייטערן דעם שטח פון די פיטערערטער, האָדעווען שאָף. די אַגריקולטור-ווירטשאַפט, וועלכע האָט אָנגעהויבן ברענגען היזק, האָט געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט דער פּיצוכט. פאַר די לענדלאָרדן, די גרויסע לאַנדבאַזיצער, לוינט שוין ניט די קליינע אַרענדע-געצאָלט, וואָס די אַרענדאַטאָרס צאָלן. זיי לוינט בעסער אַיינצוגיין אויף די גוטע פאָרשלאָגן, וואָס עס לייגן זיי פאָר די אינדוסטריעלער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט וואָל-אויסאַרבעטונג. דערפון הייבט זיך אָן דער טרויעריקער פעריאָד פון דער ענגלישער עקאָנאָמישער געשיכטע, וואָס איז באַצייכנט מיט דעם גירוש פון די אָרעמע אַרענדאַטאָרס און מיט אָפּנעמען די ערד ביי די ערד-אַרבעטער, וואָס זיינען געוואוינט געווען צו קוקן אויף דער ערד, אויף וועלכער זיי זיצן, ווי אויף אייגנס. די פאַראָרעמטקייט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, דער שנעלער וואוקס פון דער אָרעמקייט און די שטייגערונג פון פאַרברעכנס אַנטקעגן אייגנטום — דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעמדאָזיקן פּראָצעס. ווי ווייט עס איז דערגאַנגען דער צאָרן אַנטקעגן די מעכטיקע און רייכע, זעט מען פון די רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען פון די דאָרפישע אַיינוואוינער, וועלכע זיינען אין יאָר 1549 פאָרגעקומען אומעטום. „מיר קאָנען מער ניט איבערטראָגן, — ווערט געזאָגט אין איינער פון דידאָזיקע רעדעס, — אַזאַ אַכזרישע עוולה, מיר קאָנען שוין מער ניט ליידן די פּרעטענזיעס פון די

פריצים. מיר וועלן זיך בעסער נעמען פאַר דאָס געווער, צעטרייסלען הימל
און ערד, איידער ווייטער ליידן אַזעלכע נבלות. די נאַטור גיט פאַר אונז די=
זעלבע פרוכט, וואָס פאַר זיי, זי האָט אונז אויך געגעבן אַ נשמה און אַ קער=
פּער, און מיר ווילן וויסן, צי איז שוין דאָס גאַר, וואָס מיר קאָנען פון זיי
ערוואַרטן? טוט אַ בליק אויף זיי און אויף אונז. צי דען זיינען מיר אַלע ניט
פונקט אַזעלכע ווי זיי? צי זיינען מיר ניט אַלע אויף איין אופן געבוירן גע=
וואָרן? פאַרוואָס=זשע זאָל זיך זייער אַרט לעבן אַזוי אונטערשיידן פון אונ=
זערן? פאַר אונז איז קלאָר, אַז די זאַך איז דערגאַנגען ביזן עקסטרעם,
אָבער מיר האָבן באַשלאָסן אָננעמען עקסטרעמע מיטלען. מיר וועלן חרוב
מאַכן אַלע צאַמען און פּלייטן, מיר וועלן פאַרשיטן אַלע גריבער (גרענעצן),
מיר וועלן פון זיי באַפרייען דאָס לאַנד, וואָס געהערט צו די געמיינדעס, און
אַלע צאַמען, וואָס זיי האָבן אַזוי אומפאַרשעמט, נידעריק און אַכזריש אַוועק=
געשטעלט, וועלן מיר גלייך מאַכן מיט דער ערד... זיי האָבן אויסגעזויגן דאָס
בלוט פון אונזערע אָדערן און דעם מאַרך פון אונזערע ביינער. דאָס קהלשע
לאַנד, וואָס אונזערע עלטערן האָבן אונז איבערגעלאָזן, מיר און אונזערע
משפחות זאָלן זיך באַנוצן מיט דעם, האָבן זיי ביי אונז אָפּגענומען".—אַזאַ
איז געווען דעם ערד-אַרבעטערס לאַגע, וועלכע האָט געבראַכט צו אַן אויפ=
שטאַנד.

טאָמאַס מאָרס „אוטאָפּיע" שטעלט פאָר אין אַ באַדייטנדיקער מאָס די
אָפּשפּיגלונג פון דידאָזיקע געשעענישן. דער אויטאָר רעדט וועגן „שעפּסן",
וועלכע פרעסן אויף מענטשן", וועגן אַלמנות, יתומים, מאַנסביל און קינדער,
וואָס גייען אַוועק פון אַלטגעזעסענע ערטער און ווייסן ניט, וואוהין זיך אַהינ=
צוטאָן, וואָס פאַרקויפן זייער פאַרמעגן בחצי חנם; סוף=כּל=סוף ווערן זיי
גנבים און קומען צו דער תליה. טאָמאַס מאָר באַשולדיקט די מלוכה פון זיין
צייט, אַז זי דינט דורכאויס נאָר די אינטערעסן פון די רייכע.

די א ו ט אָ פּ י ע הייבט זיך אָן מיט דער דערציילונג, ווי דער אויטאָר
לאָזט זיך אַוועק אַלס געזאַנדטער קיין פלאַנדריע און באַגעגנט זיך אין אַנט=
ווערפּן מיט איינעם אַ גיטלאָדיי, אַן אומגעוויינלעך געלערנטן מענטשן. גיטלאָ=
דיי דערציילט, אַז ער האָט געררייזט מיט אַמעריגאָ וועספּוטשי, נאָר שפּעטער,
ווען ער האָט אים פאַרלאָזן, איז ער געקומען אויף אַ אינזל, וואָס רופט זיך
אוטאָפּיע. איידער ער באַשרייבט דעם אַרט לעבן פון די איינוואוינער פון דער
פאַנטאַסטישן לאַנד, קריטיקירט גיטלאָדיי פאַרשיידענע זייטן אין לעבן פון דעם
דעמאָלטיקער מלוכה. ער באַווייזט, אַז פאַרברעכנס, רויבערייען און גנבות
זיינען אַ רעזולטאַט פון אומנאָרמאַלע לעבנסבאַדינגונגען. מענטשן ליידיקגייער,
וועלכע פאַרשלינגען די מי פון די אַרבעטנדיקע, אומגעהייערער לוקסוס, וועלכער
אַנטוויקלט זיך אינאיינעם מיט דער פאַראָרעמונג פון די מאַסן — דאָס אַלץ
וואַרפט פון דער געזעלשאַפט אַרויס מענטשן, וועלכע מוזן ווילנדיק=ניט=ווילנ=
דיק גנבענען, אַפילו ריזיקירנדיק מיטן לעבן, אַבי קריגן אַ שטיקל ברויט. גיט=
לאָדיי זאָגט: אויב יעדער האַלט פאַר זיין אייגנטום דאָס, וואָס אים איז אַריינ=
געפאַלן אין די הענט, אויב יעדער סטאַרעט זיך מיט אַלערליי מעגלעכע אויס=

ריידן צו פאַרכאַפּן וויפל נאָר ער קאָן, איז ווי די שפע זאָל ניט זיין גרויס אין לאַנד, וועט די מינדערהייט, ווען זי וועט צווישן זיך פאַרטיילן דאָס גוט, אַלץ איינס מאַכן אַלעמען פאַר אָרעמעלייט. מחמת דעם איז גיטלאָדיי קעגן שטרענגע שטראָפן פאַר גנבה, און באַזונדערס קעגן טויטשטראָף, מיט וועלכער מען פלעגט דעמאָלט באַשטראָפן די גנבים. מ׳דאַרף פאַרהיטן, קיין פאַרברעכנס זאָלן ניט פאָרקומען, און ניט שטראָפן פאַר זיי. ווען אַלע מענטשן וואָלטן געשטעלט ווערן אין נאָרמאַלע לעבנסבאַדינגונגען, ווען יעדער וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען די נייטיקע באַקוועמלעכקייטן, כדי צו באַפרידיקן די פיזישע און גייסטיקע באַדערפענישן פון אַ מענטשן, דעמאָלט וואָלטן ממילא אויפגעהערט צו זיין גנבות און פאַרברעכנס. ווען די רייכטימער וואָלטן זיך ניט אָנגעקליבן ביי וויניקע צום שאָדן פון די אינטערעסן פון די איבעריקע, ווען די ערציאונג וואָלט ריכטיק אַוועקגעשטעלט ווערן און פאַראַליזירן די ווירקונג פון די שלעכטע אינסטינקטן, וואָלט דער מענטש ניט געהאַט קיין טעם צו גנבענען און צו מאָרדן.

אַ מלוכה מיט פונקט אַזאַ אידעאַלער אָרדענונג איז עס די אוטאָפּיע. אין אוטאָפּיע זיינען פאַרהאַן פיר און פופציק שטעט. די אוטאָפּיער לעבן משפחות=ווייז. אַ משפחה האָט ניט וויניקער פון פערציק נפשות. בראש פון דער משפחה שטייט דער עלטסטער מיטגליד אירער. בראש פון יעדערע דרייסיק משפחות — אַ געוויילטער פאַרוואַלטער. יערלעך גייען אַריבער צו צוואַנציק מאַן פון יעדער משפחה פון שטאָט אין דאָרף און פונקט אַזאַ צאָל קערט זיך אום פון דאָרף אין שטאָט. אַדאַנק דעם ווערט די שווערע פעלד=אַרבעט פאַרטיילט גלייך און מיט יושר און גייט אַדורך גאַנץ נאָרמאַל. די אוטאָפּיער אַרבעטן אַלע. דעריבער איז ביי זיי ניטאָ די אומגערעכטיקייט, וואָס רופט אַרויס פאַרברעכנס, ד. ה. ניטאָ אַזאַ אָרדענונג, ביי וועלכער איינע באָדן זיך אין לוקסוס און ליידיקגייערײ, און אַנדערע פאַרלירן די כוחות אין שווערער אַרבעט. אַדאַנק דעם, וואָס אַלע אַרבעטן, האָט יעדער מער ניט ווי זעקס אַרבעט=שעה אין טאָג; אַזוי=פיל אַרבעט איז גענוג, כדי צו פּראָדוצירן די נייטיקע געברויך אַרטיקלען, און אַלעמען בלייבט גענוג צייט צו שפּאַצירן, פאַרוויילונגען, באַזוכן, לעקציעס, מוזיק, געזאַנג און ד. גל. אין אוטאָפּיע איז ניטאָ קיין אייגנטום, ניטאָ קיין האַנדל. אַלץ פירט מען אַריין אין אַלגעמיינע לאַגערן, און יעטווידער באַקומט, וויפל ער וויל. די נערונג איז אין אוטאָפּיע אויך אַן אַלגעמיינע, און קיינעם קומט ניט אויפן זינען קאָכן פאַר זיך, מחמת אויף דערויף וואָלט אויסגעקומען צו פּטרן אַ סך מער מי און סוף=כל=סוף באַקומען ערגערע שפּייז.

די אוטאָפּיער באַפרייען פון אַרבעט נאָר די מנהיגים און די מענטשן, וואָס האָבן זיך מקריב געווען צו דער וויסנשאַפט, אָבער אויב די לעצטע נאַרן אָפּ די האָפענונגען, וואָס מען האָט אויף זיי געלייגט, זיינען זיי מחויב אומצוקערן זיך אין די רייען פון די אַרבעטער=מאַסן. אַלע אוטאָפּיער טראָגן דיזעלבע איינפאַכע קליידער. איבעריקנס, אין דער אוטאָפּיע זיינען נאָך פאַרהאַן שטריכן, וועלכע באַווייזן, אַז איר אויטאָר האָט זיך ניט לגמרי באַפרייט פון

די אכזריותדיקע מדות פון זיין עפאָכע. אַזוי עקזיסטירן אין אוטאָפיע קנעכט. אין קנעכט ווערן דאָרט פאַרוואַנדלט פאַרברעכער, פון וועלכע עס איז אויך אוטאָפיע ניט אינגאַנצן באַוואָרנט, ניט געקוקט אויף איר אידעאַלע איינאָרדענונג. מיט פאַרברעכער באַגייען זיך די אוטאָפיער דעריבער אַזוי שטרענג, מחמת „דידאָזיקע לייט האָבן זיך ניט אָפגעהאַלטן פון פאַרברעכנס, בשעת זיי זיינען דורך זייער אויסגעצייכנטער ערציאונג געווען צוגעגרייט צו אַן ערלעך לעבן". ניט געקוקט אויף אייניקע אומקלאָרקייטן אין די דעטאַלן, שטעלט מיט זיך די אוטאָפישע געזעלשאַפט פאָר אַ אידעאַלע, טיף דורכגעטראַכטע אָרגאַניזאַציע, וואָס פילע פון אירע פרינציפן זיינען עד היום אַ אידעאַל פאַר די פראָגרעסיווע סאָציאָלאָגן.

VI.

סערוואַנטעס. — זיין פערזענלעכקייט און ביאָגראַפיע. — דער ציל, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט אין זיין ראָמאַן. — די ריטערישע ראָמאַנען אין דער צייט פון ירידה. — אולריך פון ליכטענשטיין. — דער קאַמף מיט דער ריטערישער ליטעראַטור פון שפאַניע. — דאָן קיכאָט אַלס סאַטירע אויף די ריטערישע ראָמאַנען. — פילאָזאָפישע און עטישע פירושים אויף „דאָן קיכאָט". — דאָן קיכאָט אַלס אידעאַליסט. — דאָן קיכאָט און סאַנטשאָ פאַנטשאָ. — די אַלמענטשלעכע באַדייטונג פונם ראָמאַן.

אַזעלכע זיינען געוועזן די אידעען, וואָס האָבן פאַרנומען די מוחות פון דער אייראָפעאישער געזעלשאַפט אין XV און XVI יאָרהונדערט. אַזעלכע זיינען געווען די בליקן אויף דער אָרומיקייט, אויף דער וועלט, אויף זיך, אויף דער געזעלשאַפט, אירע אידעאַלן און טרוימען.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צו די צוויי גרעסטע פאָעטן, וואָס זיי שליסן די רענעסאַנס־עפאָכע, פונקט ווי דאַנטע שליסט די מיטלאַלטער. דידאָזיקע צוויי שריפטשטעלער זיינען סערוואַנטעס און שעקספיר. זיי האָבן געלעבט כמעט אין איין צייט און געשטאָרבן אין איין יאָר, און אַפילו, ווי די לעגענדע זאָגט, אין איין טאָג. ביידע האָבן זיי אין גענިאַלע שאַפונגען איבערגעלאָזן ניט בלויז די פלאַסטישע אויסמאָלונג פון זייער עפאָכע, נאָר אויך געשאַפן טיפן, וואָס זיינען עד היום ניט אָפגעשטאָרבן און וועלן וואַרשיינלעך ניט שטאַרבן, כל זמן די מענטשהייט וועט עקזיסטירן. זיי זיינען ביידע אַריינגעדרונגען אין דער סאַמע טיפעניש פון דער מענטשלעכער נשמה און האָבן זי אַלזייטיק באַלויכטן. אַדאַנק דעם האָבן זייערע ווערק ניט בלויז אַ גרויסע קולטור־היסטאָרישע, נאָר אויך אַן אייביקע מענטשלעכע באַדייטונג. אין דער צייט, ווען דאָס רוב ווערק פון דער מיטלאַלטער און פון דער רענעסאַנס־עפאָכע ווערן שוין היינט פון קיינעם ניט געלייענט, אויסער ספעציאַליסטן, איז דאָן קיכאָט און שעקספירס טראַגעדיעס לייענען עד היום מיט פאַרגעניגן אַלע געבילדעטע מענטשן.

ווען סערוואַנטעס וואָלט ניט געשאַפֿן זיין גרויסע ווערק, וואָלט זיין פּערזענלעך לעבן, זיינע ניט געוויינלעכע אַוואַנטורעס און זיין איידעלער כאַראַקטער אַליין פֿאַר זיך אינטערעסאַנט געווען צו שטודירן. לײדער האָבן, ווי דאָס געשעט זייער אָפֿט, נאָר די שפּעטערדיקע דורות פֿאַרערער זיך גענומען אויפֿצושטעלן זיין מערקווירדיקע געשיכטע. אָבער עס איז שוין געווען שפּעט. פֿיל פֿאַקטן, וואָס זיינען שייך צו זיין ביאָגראַפֿיע, זיינען אַזוי עד היום געבליבן ניט קיין דערקלערטע. עד היום ווייס מען ניט, וואו איז זיין קבר; עד היום ווייס מען ניט, וואו געפֿינט זיך די תּפֿיסה, וואו ער האָט, לויט ער אַליין זאָגט, אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן זיין ראָמאַן, און פֿאַרוואָס איז ער אין איר געזעסן. ער איז געבוירן דעם 9-טן דעצעמבער 1547 יאָר, אין דעם בליענדיקן שטעטעלע אַלקאַלאַ. ער האָט געשטאַמט פֿון אַן אַלטער מיוחסדיקער אָבער געפֿאַלענער און פֿאַראָרעמטער פֿאַמיליע. האָט זיך געלערנט אין סאַלאַמאַנער אוניווערסיטעט און צו ענדע פֿון די זעכציקער יאָרן איז ער אָנגעקומען אויף אַ שטעלע צום קאַרדינאַל אַקוואַוויוו, וועלכן דער פּויפּסט האָט געשיקט מיט אַ ספּעציעלן אויפֿטראָג צום שפּאַנישן קיניג פֿיליפּ II. אינגיכן פֿאַרלאָזט סערוואַנטעס דעם קאַרדינאַל, מיט וועלכן ער איז געווען אַוועקגעפֿאָרן קיין איטאַליע, און לאָזט זיך אַריין אין אַ גראַנדיעזע אונטערנעמונג, וואָס די הייליקע ליגע האָט אָנגעהויבן. דידאָזיקע ליגע, וואָס אין איר באַשטאַנד גייען אַריין דער פּויפּסט, דער שפּאַנישער קיניג און ווענעציע, האָט באַשטימט דאָן זשואַן דעם עסטרייכישן פֿאַר אַ הויפּט-קאָמאַנדיר. דער פֿאַראייניקטער פֿלאָט איז אַוועק קעגן די טערקן, די שרעקלעכע שונאים פֿון קריסטנטום, און סערוואַנטעס, ווי אַן אמתער שפּאַניער, וואָס דאָרשט נאָך העלדנטאַטן, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן פֿון אָנטיילנעמען אין דעמדאָזיקן גראַנדיעזן דועל צווישן איסלאַם און קריסטנטום. אין איינעם פֿון זיינע ווערק זאָגט ער, אַז „די בעסטע קריגער זיינען יענע, וואָס האָבן פֿאַרלאָזן די וויסנשאַפֿט צוליב דער מלחמה, און אַז אַ גוטער סטודענט וועט שטענדיק זיין אַ גוטער סאָלדאַט".

פֿון דעמדאָזיקן מאָמענט אָן הייבט זיך אָן אַ ריי באמת פֿאַנטאַסטישע אַוואַנטורעס פֿאַר דעם באַרימטן שריפֿטשטעלער. דעם 7-טן אָקטאָבער 1576 יאָר קומט פֿאָר דער באַרימטער שלאַכט אויפֿן לעפּאַנטער ים-אויסגוס. סערוואַנטעס, וואָס האָט דעמאָלט געליטן אויף קדחת, נעמט פֿונדעסטוועגן אָנטייל אין שלאַכט און באַקומט דריי וואונדן; צוויי אין ברוסט און איינע אין דער לינקער האַנט. דידאָזיקע האַנט איז צעבראָכן און צעקאַליעטשעט, אָבער סערוואַנטעס האָט קיינמאָל ניט באַדויערט, וואָס ער האָט אויף שטענדיק פֿאַרלאָרן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן מיט דער לינקער האַנט, און פֿלעגט מיט שטאָלץ אָנווייזן אויף איר ווי אויף אַ באַווייז, ווי ערלעך ער האָט געדינט דעם קריסטנטום. צו זיך געקומען נאָך די וואונדן, האָט סערוואַנטעס אייפֿעריק ווייטער אָנטייל גענומען אין די אַקציעס פֿונם פֿאַרבינדעטן חייל.

אין 1575 יאָר גיט אים דאָן זשואַן אורלויב און די גלענצנדסטע רעקאָמענדאַציעס צום קיניג. אין די רעקאָמענדאַציעס לויבט ער שטאַרק דעם

פאַרוואונדעטן העלד און בעט באַשטימען אים פאַר אַ קאָמאַנדיר אין אַ ראָטע. די בריוו, וואָס האָבן אַזוי אַרום געזאָלט סערוואַנטעסן העלפן אָנהייבן זיין קאַריערע, זיינען געוואָרן די סיבה פון זיין אומגליק.

די שיף, וואָס אויף איר איז געשוואומען דער אויסגעמאַטערטער קריגער, וועלכער האָט געטרוימט אין דעם היים אָפּצורוען און באַקומען זיין לוין פאַר די פאַרדינסטן, איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די טערקן. דער אַרנאַאוט, וועלכער האָט באַקומען סערוואַנטעסן אַלס געפאַנגענעם, האָט לויט דער רעקאָמענדאַציע פון די בריוו אויסגערעכנט, אַז דאָס איז אַ באַוואוסטער שפּאַנישער אַדעליקער, און מחמת ער האָט געהאָפט צו באַקומען פאַר אים אַ גרויסע סומע אויסקויף-געלט, האָט ער אים שרעקלעך געפּייניקט. דער אומגליקלעכער געפאַנגענער, וועלכער האָט אויך אין תּפיסה ניט פאַרלאָרן זיין העלדנמוט, האָט באַשלאָסן ערוורבן די פרייהייט מיט דער הילף פון זיין פערזענלעכער דרייסטקייט און געשיקטקייט. אָבער ער האָט געזאָרגט ניט נאָר פאַר זיך אַליין. ער האָט באַשלאָסן צו ראַטעווען צוזאַמען מיט זיך אויך די חברים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געליטן. אָבער איינער אַ מורין האָט אים פאַרראַטן, אַרויסגעגעבן דעם פּלאַן פון די, וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן; זיי זיינען אַלע שטרענג באַשטראָפט געוואָרן, און באַזונדער סערוואַנטעס, ווי דער הויפּט-שולדיקער אין דער פאַרשווערונג. דערווייל האָט זיך סערוואַנטעסעס פאָטער דערוואוסט וועגן דעם זונס אומגליק, האָט פאַרמשכנט זיין פאַרמעגן און אַפילו דער טאָכטערס נדן, האָט די גאַנצע משפּחה איבערגעלאָזן אין נויט, כדי אויסצוקויפן דעם זון. אָבער סערוואַנטעס האָט זיך הויכמוטיק אָפּגעזאָגט פון זיין טייל לטובת דעם ברודער, וואָס איז אויך געווען אין געפאַנגענשאַפט ביי דעם אַרנאַאוט, און וועלכער איז ווירקלעך פאַר דאָס געלט אויסגעקויפט געוואָרן.

און סערוואַנטעס אַליין האָט צוגעטראַכט אַ נייעם פּלאַן, ווי צו אַנטלויפן.

ביי אַ גריכישן רענעגאַט האָסאַן אין גאָרטן איז געווען אויסגעגראָבן עפּעס אַ מין קעלער, צי אַ הייל. סערוואַנטעס האָט געהייסן, די קריסטלעכע געפאַנגענע זאָלן זיך דאָרט באַהאַלטן איינער נאָך דעם אַנדערן. ער איז געווען דער אָנפירער פון דערדאָזיקער אונטערערדישער רעפּובליק, זאָרגנדיק וועגן לעבנסמיטלען און וועגן דער פערזענלעכער זיכערקייט פון אירע מיטגלידער. מחמת אַ בגידה איז די באַהעלטעניש פון די געפאַנגענע אַנטדעקט געוואָרן, און אין איין שיינעם פרימאָרגן זיינען סאָלדאַטן אונטער דער אָנפירונג פון דעם מסור אַריינגעדרונגען אין דער הייל און האָבן גענומען בינדן דידאָזיקע קריסטן. סערוואַנטעס האָט אויפגעהויבן דעם קול און אָנגעהויבן שרייען מיט שטאָלץ, אַז קיינער פון זיינע אומגליקלעכע חברים איז ניט שולדיק, אַז דאָס האָט ער אַלעמען אָנגערעדט צו באַהאַלטן זיך, און דעריבער דאַרף ער אַליין באַקומען די שטראָף. מען זאָגט, אַז אַפילו די ווילדע טערקן זיינען נשתּומם געוואָרן פון דעמדאָזיקן געפאַנגענעמס איידלקייט. דער אַלזשירער דעי האָט אים אויסגעפאָרשט, פאַרלאַנגענדיק, ער זאָל אים אָנווייזן, ווער זיינען געווען זיינע מיטהעלפער, אָבער סערוואַנטעס האָט זיך געהאַלטן

ביי זיינס און האָט ווייטער באַשולדיקט נאָר זיך אַליין. צי סערוואַנטעסעס איידלקייט האָט גערירט דעם דעי, צי דעם דעיס קאַרגשאַפט האָט דאָ אַרויסגעהאָלפן, אָבער מ׳האָט סערוואַנטעסן גאָרנישט געטאָן. די אכזריות פון דעם־דאָזיקן דעי, וואָס סערוואַנטעס זאָגט אויף אים אין „געפאַנגענעם קאַפּיטאַן״, אַז ער איז „די בייטש פון מענטשלעכן געשלעכט״, איז גאָרניט מעגלעך צו באַשרייבן. יעדן טאָג האָט ער געהייסן הענגען איין קריסט. איינעם האָט ער אַרויפגעשטעקט אויף אַ פּלאָקן, אַ צווייטן — אָפּגעשניטן די אויערן, און דאָס אַלץ פאַר אַזעלכע קלייניקייטן, אַז די טערקן אַליין האָבן מודה געווען, אַז ער האָט געטאָן שלעכטס מער ניט, ווי אויס ליבע צו שלעכטס. דערדאָזיקער שרעקלעכער דעי האָט אָפּגעקויפט סערוואַנטעסן ביי זיין פריערדיקן האַר. פונדעסטוועגן האָט סערוואַנטעס ניט געקוקט אויף דער שרעקלעכער ריזיקע, און ער האָט נאָך אַלץ געטרוימט וועגן אַנטלויפן. אים איז געלונגען אָפּצושיקן אַ מורין מיט אַ בריוו צום קאָרדאָווער גובערנאַטאָר. דעם בריוו האָט מען איבערגענומען, דעם שליח — אָנגעשטעקט אויף אַ פּלאָקן, און סערוואַנטעסן האָט דער דעי צוגעפּסקנט צוויי טויזנט שמיץ. דעם דעיס מקורבים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך שוין געפונען דאַנטעס גוטע פריינד, האָבן פאַר אים געבעטן, און דער דעי האָט אים אויך דאָס מאָל מוחל געווען. נאָר סערוואַנטעס האָט נאָך איצט אויך ניט אַוועקגעוואָרפן זיינע פּלענער. ער שאַפט נייע פּראָיעקטן ווי צו אַנטלויפן, און נעמט אונטער אַ גראַנדיעזן פּלאַן וועגן אַן אויפשטאַנד פון אַלע קריסטלעכע געפאַנגענע אין אַלזשיר. דער דעי הייבט אָן גאָרניט אויף אַ געלעכטער מורא צו האָבן פאַר זיין געפאַנגענעם. „האַלט פעסט דעמדאָזיקן שפּאַנישן קאַליקע, — זאָגט ער, — וועל איך דעמאָלט זיין רויִק פאַר מיין הויפּטשטאָט, פאַר מיינע קנעכט און פאַר מיינע שיפן״. דעריבער איז נאָך שטאַרקער דער וואונדער, וואָס דער דעי האָט אים קיינמאָל ניט באַשטראָפט. אַדאַנק דער אָנשטרענגונג פון די קרובים און די נדבות פון רעליגיעזע ברידערשאַפטן, איז לסוף אין 1580 יאָר געלונגען אויפצוזאַמלען די נייטיקע סומע און אויסצוקויפן דעם געפאַנגענעם.

אָבער דער גורל האָט סערוואַנטעסן ווייטער פאַרפאָלגט אינדערהיים אויך. אין משך פון זיין גאַנצן לעבן האָט ער זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דער שווערער נויט. די דראַמעס, וואָס ער האָט געשריבן, האָבן אים ניט געבראַכט קיין רום. ענדלעך איז אים געלונגען צו באַקומען אַ באַשיידענע שטעלע. אָבער אינגיכן איז מיט אים געשען אַ נייער אומגליק. מען האָט אים באַשולדיקט אין פאַרשווענדעריי, און פאַרזעצט אין תפיסה. דער באַנקראָט פון איינער אַ פּערזאָן, וואָס סערוואַנטעס האָט איר אָנגעטרויט געלט, דערצו זיין אייגענע אומפּראַקטישקייט און אָפּגעלאָזנקייט, זיינען מסתמא געווען די סיבה פון דעם־דאָזיקן אומגליק. אמת, אינגיכן האָט מען אים באַפרייט, אָבער דאָס האָט אים אויך ניט געראַטעוועט פון נויט. פון 1598 ביז 1603 יאָר, ווערט סערוואַנטעס כּמעט כּלה פון די אויגן. אָבער דווקא אין דער צייט האָט ער פאַרטראַכט זיין ראָמאַן און פאַרענדיקט דעם ערשטן טייל. מ׳רעכנט, אַז אין 1599 האָט ער זיך באַזעצט אין שטעטל לאַמאַנטשי. מ׳האָט זיך אַ פולע געחקירעט, וועגן וואָס

פאַר אַ תּפיסה רעדט סערוואַנטעס, ווען ער דערמאָנט, אַז אין איר האָט ער פאַרטראַכט זיין ראָמאַן. ס'איז דאָ אַ השערה, אַז ער איז געווען פאַרשפאַרט אין אַ הייל פון דער אינקוויזיציע. נאָך דער ערשיינונג פונם ערשטן טייל דאָן קיכאָט איז סערוואַנטעס גלייך געוואָרן באַוואוסט. אָבער אין דער־זעלבער צייט, ווען גאַנץ שפּאַניע האָט מיט התמדה געלייענט דעם באַרימטן ראָמאַן, איז זיין אויטאָר געבליבן פאַרגעסן און אין נויט. און אין דערדאָזי־קער נויט איז ער געשטאָרבן דעם 23 אַפּריל 1616 יאָר.

אָט אין וואָס פאַר אויסדריקן עס רעזיומירט די פיינלעכע געשיכטע פון דעם גרעסטן שפּאַנישן געני איינער פון זיינע ביאָגראַפן: „געבוירן אין אַ בכּבודיקער אָבער אָרעמער פאַמיליע, לכתּחילה באַקומען אַ גוטע ערציאונג, נאָכדעם פאַרשליידערט אין קנעכטשאַפט צו דער נויט: אַ פּאַזש, אַ לאַקיי, לסוף אַ זעלנער; אַ צעקאַליעטשעטער אין שלאַכט ביי לעפּאַנטאָ; אויסגעצייכנט זיך ביי טוניס; פאַרנומען אין געפאַנגענשאַפט דורך אַ באַרבאַר אַ ים־רויבער; אַ משך פון פינף יאָר פאַרשפּאַרט אין תּפיסה אין אַלושיר, אויסגעקויפט מיט דער הילף פון געזעלשאַפטלעכער וואוילטעטיקייט נאָך אומזיסטיקע דריי־סטע און געשיקטע פּראָבעס צו אַנטלויפן; ווידער אַ זעלנער אין פּאָרטוגאַל און אויף די אַזאָרער אינזלען; פאַרליבט אין אַן איידעלער דאַמע, אָבער נאָך אַן אָרעמערע פאַר אים; צייטווייליק צוריקגעקערט דורך זיין ליבע צו דער ליטעראַטור און תּיכּף ווידער פון איר דערווייטערט דורך דער נויט; באַשאָנ־קען פאַר זיינע פאַרדינסטן און טאַלאַנטן מיט דעם גרויסאַרטיקן טיטל אָנגע־שטעלטער אין דער בראַנזשע פון עסנוואַרג; באַשולדיקט אין צוגנבענען מלוכה־געלט; פאַרשפאַרט אין תּפיסה דורכן קיניגלעכן באַאַמטן, שפּעטער באַ־פרייט נאָך דעם, ווי מ'האָט דערוויזן זיין אומשולדיקייט; נאָכדעם ווידער פאַרזעצט דורך צעבונטעוועטע פּויערים; פאַרנומען זיך, כּדי צו שפּייזן די משפּחה, מיט אויספירן פאַרשיידענע אויפטראָגן און שרייבן פּיעסן פאַרן טע־אַטער; אין זעקסטן צענדליק יאָר פון לעבן אַנטפּלעקט זיין אמתן באַרוף; ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ באַשיצער איינצורעדן, ער זאָל אָננעמען די ווידמונג פון זיינע ווערק; באַגעגנט אַ גלייכגילטיקע פּובליק, וואָס האָט אים אָנ־געטאָן אַזוי פיל כּבוד צו לאַכן, אָבער ניט אָפּצושאַצן און פאַרשטיין אים; באַגעגנט קאָנקורענטן בעל־מקנאָס, וואָס האָבן אים אויסגעלאַכט און פאַר־שאָטן מיט רכילות; פריינד בעל־מקנאָס, וואָס פאַרקויפן אים; פאַרפאָלגט פון דער נויט ביז דער עלטער; פאַרגעסן פון גרעסטן טייל, פון קיינעם ניט אָנער־קענט און געשטאָרבן לסוף אין איינזאַמקייט און אָרעמקייט, — אָט דאָס איז געווען מיגועל סערוואַנטעס".

סערוואַנטעסעס באַרימטער ראָמאַן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מאַסע פּראָבעס אויסצוטייטשן זיין באַדייטונג, צו ערקלערן זיין גרונט־אידעע—דער־דאָזיקער ראָמאַן האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין אויטאָר פיל פּשוטער און אומקאָמפּליצירטער. סערוואַנטעס האָט אויף זיין אויפגאַבע געקוקט איינפאַך. זיין דירעקטער ציל איז געווען צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ דער בליענדיקער דע־מאָלט ליטעראַטור פון ריטערישע ראָמאַנען. אין אָנהויב ראָמאַן, דהיינו — אין

דער פאָררעדע צום ערשטן טייל—זאָגט סערוואַנטעס, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אונטעררייסן דעם אויטאָריטעט פון די ריטערישע ביכער און די פאַרשפּריי־טונג זייערע צווישן די מאַסן. ס׳זיינען אַריבער צען יאָר, און דער אויטאָר פאַרענדיקט דעם צווייטן טייל מיט פאָלגנדיקע מערקווירדיקע ווערטער: איך האָב קיין אַנדער ציל ניט געהאַט, ווי נאָר אַרויסרופן ביי מענטשן עקל צו די ליגנערישע און אומגעלומפּערטע ריטערישע ראָמאַנען, וועלכע ווערן אַרויס־געשטופּט דורך דער אמתער געשיכטע פון מיין דאָן קיכאָט, און וועלן אינגיכן זיכער גאָר נעלם ווערן. אין יענער עפּאָכע, ווען סערוואַנטעס האָט געלעבט, האָט דידאַקטיקע אויפגאַבע געשיינט, ווי אַ גרויסע ליטעראַרישע און אַפילו אַ געזעלשאַפטלעכע גבורה. בשעת דער ירידה פון ריטערטום האָט די ליטעראַטור פון די טרובאַדורן אָנגענומען אַלס מער און מער פאַרדאָרבענע פאָרמען. די אידעאַלישע צילן, וואָס אין זייער נאָמען איז די ריטערשאַפט געוואָרן גע־גרינדעט, און וואָס אין זייער נאָמען האָבן די ריטער באַוויזן גבורות און אי־בערגעלעבט זייערע אַוואַנטורעס, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אינטערעס צו די אַוואַנטורעס גופא. דאָס שעצן שוואַכע און געדריקטע און דאָס דינען צו דער דאַמע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאָגעניש נאָך אומגעוויינלעכע גבורות. און די ריטער האָבן, וועלנדיק איבערשטייגן איינער דעם צווייטן, געפּטרט זייערע פעאיקייטן אויף אויסצוטראַכטן אַלץ נייע אויסטעטלישע באַווייזן פון זייער ליבע. נאָך פון XIII י. ה. איז צו אונז דערגאַנגען די געשיכטע פון איי־נעם אַ מינעזינגער אולריך פאָן ליכטענשטיין, וואָס מ׳שטעלט אים געוויינלעך אַרויס ווי אַ ביישפּיל פון די אומגעלומפּערטע שטיק און אויפטועכצן מצד דער ריטערשאַפט פון דער ירידה־צייט. די דאַמע, וועלכע אולריך האָט זיך אויס־דערווײלט אַלס הערשערין פון זיין האַרצן, האָט אים ניט געוואָלט נעמען צו זיך אויף דינסט פאַר זיין מיאוסן מויל: די אויבערשטע ליפּ איז ביי אים גע־ווען אַ צעשפּאָלטענע. ווען אולריך האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, איז ער געקומען קיין גראַץ, וואו עס האָט געוואוינט איינער פון די באַרימטסטע כי־רורגן פון יענער צייט; דער ריטער האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל אים באַפרייען פון דעם מום, צוליב וועלכן ער קאָן ניט זיין נושא חן ביי דער דאַמע. דער דאָקטאָר האָט פאָרזיכטיק באַטראַכט זיין מויל, און די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געמאַכט זיינע הכנות, און אַפילו אין דער רגע, ווען דער אונטער־שטער טייל געזיכט איז ביי אולריכן געווען אין בלוט, האָט ביי דעם ריטער קיין איינציקער מוסקל קיין ציטער ניט געטאָן. קיין קרעכץ האָט זיך ניט אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט. ער האָט זיך געוועגדט צום פּאַזש, וואָס איז געווען נשתומם פון זיין זעלבסט־באַהערשונג, און האָט געזאָגט: „גיי זאָג דיין האַרינטע: דאָס וואָס דו האָסט געזען האָב איך געטאָן צוליב דער דאַמע, וואָס איר איז מיין מויל ניט געפעלן געווען. זאָג, אַז אויב איר וועט ניט גע־פעלן זיין מיין רעכטע האַנט, וועל איך זי אויך אָפּהאַקן, וואָרעם איך שווער ביי גאָט,—איר ווילן איז מיין ווילן". אולריך איז נאָך דער אָפּעראַציע אָפּגע־לעגן זעקס וואָכן, און ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין משוגעגער אויפטו האָט אַרויסגערופן מערניט ווי אַ שפּאָטישן שמייכל

אויף די ליפּן פון זיין דאַמע. ניט זיינע לידער, ניט קיינערליי אויסווייזן פון איבערגעבנקייט האָבן ניט געקאָנט רירן דאָס האַרץ פון דער האַרטהערציקער שיינהייט. אולריך האָט ניט דורכגעלאָזן קיין טורניר, האָט זיך געסטאַרעט אויסצייכענען, און אַזוי אַרום צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון יענער, וועגן וועלכער ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך לכּבוד זיין הערשערין געשלאָגן אויף אַ טור־ניר מיט דעם באַרימטן אולטאַלך, האָט דעם לעצטנס שפּיז אים אָנגערירט לענג דער האַנט און דורכגעשטאָכן דעם פינגער. אולריך האָט געהייסן איינעם פון זיינע פּאַזשן דערציילן דער דאַמע, אַז ער האָט לכּבוד איר באַקומען אַ וואונד. דער פּאַזש האָט איר דערקלערט, אַז אולריך האָט פאַרלאָרן אַ פינגער און אַז ער איז גרייט איבערצוטראָגן נאָך אַ סך שווערערע יסורים, אַבי צו פאַרדינען איר ליבע. דערווייל האָט זיך איינגעגעבן, אַדאַנק דער מי פון די דאָקטוירים, דערגרייכן, אַז דער פינגער, הגם אַ צעשעדיקטער, זאָל בלייבן אויף דער האַנט. איינמאָל האָט די דאַמע דערזען ביי איר פאַרערער אויפן האַנט אַלע צען פינגער און זי האָט אים באַשולדיקט אין ליגן זאָגן. אַ דערשלאָגענער פון דעם דאָזיקן באַליידיקנדיקן שפּאָט, האָט אולריך צוערשט מחמת יאוש געוואָלט שטאַרבן, אָבער באַלד איז אים געקומען אַ גליקלעכער געדאַנק אויפן זינען. ער איז אַוועקגעפלויגן צו איינעם פון זיינע בעסטע גוטע פריינד און האָט אים אָנגע־הויבן בעטן, ער זאָל אים אָפּהאַקן דעם פינגער. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין יאַגד־מעסער, אַוועקגעלייגט דעם פאַרוואונדעטן פינגער אויפן באַנק, און דער פריינד האָט ווילנדיק ניט ווילנדיק געמוזט דערפילן זיין בקשה. דער פינגער איז אָפּגעפלויגן אָן אַ זייט. אולריך האָט אים תּיכּף אָפּגעשיקט צו זיין דאַמע, כּדי איבערצייגן זי, אַז אַ ריטער ליגט ניט, און באַזונדערס יענער ריטער, וואָס האָט איר געווידמעט זיין גאַנץ לעבן. דאָס מאָל האָט אולריכן געשפּילט דאָס גליק. ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם פּאַזש, וואָס איז צוריקגעקומען, אַז די דאַמע האָט אויסגעדריקט מיטלייד בנוגע זיין טאַט, אַז זיין אומגעווייטלעכע מתּנה האָט זי באַהאַלטן אין אַ קעסטעלע מיט בשׂמים און אַרויסגעשטעלט אַלע־מען צו באַווייזן. אולריכס אַנטציקונג איז שווער צו באַשרייבן. געמוטיקט פון דעמדאָזיקן חסד, האָט ער זיך באַשלאָסן צו דערגרייכן נאָך אַ גרעסערן. ער האָט אויסגעטראַכט דעם אומגעווייגלעכסטן פּלאַן, ווי צו מאַכן דעם נאָמען פון זיין האַרין באַרימט פון ווענעדיג ביז בעמען. ער האָט אונטערגענומען אַ גאַנצע מאַסקאַראַד־רייזע, איבערגעטאָן אין קאָסטיום פון ווענערע, דער געטין פון ליבע. דערביי האָט ער איינגעלאַדן די ריטער פון איטאַליע אָנטייל צו נע־מען אין דעמדאָזיקן מאַסקאַראַד. צוועלף אַטלעסענע קליידער, אַ מאַסע דעקטיכער, דרייסיק פּעלערינעס, דריי זיידענע מאַנטלען, דריזעלבע צאָל העלע פּאַריקן באַפּוצטע מיט פּערל, הונדערט שפּיזן, פולע באַוואָפענונג מיט גילדערנער באַ־פּוצונג — דאָס אַלץ איז גרייט געווען אָנצוקליידן די געטין. צוועלף איטאַליע־נישע לאַקייען אין ווייסע ליווריעס האָבן געפירט פאַר די צוימען פערד, וועלכע האָבן געזאָלט גרייט זיין ווען מען וועט זיי דאַרפן. פאַר דעם פּאַראַד־נעם פערד זיינען געווען צוגעגרייט דריי גלענצנדע דעקעס, וואָס האָבן אויף אַלע

פיר ווינקלען געהאַט אויסגעצייטע הערבן. דערדאָזיקער פּאַראַדנער פערד איז געווען די קריין פון ליכטנשטיינס פערד־שטאַל. אַ מאַסע מוזיקאַנטן, צימבאַ־ליסטן און נאַרן האָבן געשלאָסן די פּראָצעסיע. מיט אַ חודש פריער האָבן שוין די ריטער פון לאָמבאַרדיע, קאַרינטיע, שטיריע, עסטרייך און בעמען באַקומען די ידיעה וועגן דער רייזע. אין ספּעציעלע בריוו, וועלכע ס׳האָט עקסטרע צוליב דעם פאַל פונאַנדערגעשיקט, זיינען געווען אַרויסגע־שטעלט פאָלגנדע תּנאים:

1) יעדער, וואָס שלאָגט זיך מיט ווענערען, באַקומט אַ גאָלדענעם רינג, וועלכן ער דאַרף אָפּשיקן צו זיין דאַמע.

2) ווער עס וועט באַזיגט ווערן, איז מחויב אין אַלע עקן וועלט רימען די דאַמע פון אולריך פאָן ליכטנשטיין.

3) ווער אָבער ס׳וועט ווענערען מנצח זיין, באַקומט דאָס רעכט אַוועק־צונעמען אַלע אירע פערד.

דעם 24 אַפּריל 1228 יאָר האָט זיך אולריך אונטער די קלאַנגען פון מוזיק געזעגנט מיט ווענעדיג און אָנגעהויבן די טריאומף־פּראָצעסיע, אַוועקלאָזנדיק זיך צו צפון. ער האָט אַלעמען באַצויבערט מיט זיין מוטיקייט און מיט זיין ברייטער האַנט. ער האָט דרייסס צוגענומען קלעפּ, און געשאָסן מיט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס. אינדערפרי האָט ער זיך געגרייט צום געשלעג, און אינאָוונט האָט ער געהוליעט און פאַרפאַסט לידער לכבוד זיין דאַמע. ביין און צוואַנציק טעג האָט געדויערט דידאָזיקע אומגעוויינלעכע נסיעה. 271 רינגען האָט די געטין פונאַנדערגעגעבן, 307 שפּיזן האָט זי צעב־ראָכן, אָבער קיין איין ריטער פון ווענעדיג ביז בעמען האָט ניט געקענט באַקומען אירע פערד: דערדאָזיקער אויפטו האָט געבראַכט גרויסן רום ליכטנ־שטיינען און זיין דאַמע. די לעצטע איז סוף־כּל־סוף גערירט געווען; געמאָלדן, אַז זי וויל דעם באַרימטן ריטער אויפנעמען ביי זיך, און האָט אים געשיקט אַ רינג, וועלכן ער האָט געטראָגן אויפן פינגער צען יאָר. דאָס איז די געשיכטע פון אולריך פאָן ליכטנשטיין.

אָבער אויב גאַנץ אייראָפּע איז געווען אָנגעפילט מיט אַזעלכע ריטער, האָבן די ריטערישע מידות און טראַדיציעס אין ערגעץ ניט געלאָזן אַזעלכע טיפע וואָרצלען, ווי אין שפּאַניע. דער אייביקער קאַמף מיט די מורינען האָבן אין די שפּאַנישע ריטער אַנטוויקלט דעם קריגערישן גייסט און די לײדנשאַפט צו אַוואַנטורעס. די אַנטדעקונג פון דעם נייעם וועלט־טייל, די מלחמות מיט איטאַליע, פלאַנדריע און אַפריקע האָבן אַנטוויקלט די ליטעראַ־טור פון אַוואַנטורעס. ראָמאַנען און ערציילונגען וועגן די געשעענישן מיט וואַנדערנדיקע ריטער האָבן פאַרפלייצט גאַנץ שפּאַניע. די יוגנט האָט מיט התמדה געלייענט דידאָזיקע ווערק, וועלכע האָבן געמאָלט די אומגעוויינלעכ־סטע געשעענישן. אויבנאָן אין דערדאָזיקער ליטעראַטור איז געשטאַנען דער פּאָרטוגעזישער ראָמאַן וועגן אַמאַדיס פון גאַליע, וועלכער איז געווען אָנגעש־שריבן אין גייסט פון די באַוואוסטע מיטלאַלטערישע ראָמאַנען פון „קיילע־כיקן טיש". דערדאָזיקער ראָמאַן, איבערגעאַרבעט אויף שפּאַניש, האָט ערשיינט

אין XV יאָרהונדערט און האָט זיך זייער שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ שפּאַניע. די ליטעראַטור פון די ריטערישע אַוואַנטורעס האָט שעדלעך גע־ווירקט ניט בלויז אויף דעם געשמאַק, נאָר אויך אויף די מידות פון דער געזעלשאַפט, צינדנדיק דעם דמיון ביי דער יוגנט, פלאַנצנדיק פאַלשע ערע־געפילן, אַ פאַלשן בליק אויף דער ליבע און אויף דער פרוי. לסוף האָט די רעגירונג אויך באַמערקט דידאָזיקע צרה. אין 1553 יאָר האָט קאַרל V אַרויס־געגעבן אַ געזעץ, וועלכער האָט פאַרבאָטן דרוקן און פאַרקויפן ריטערישע ראָמאַנען אין די אַמעריקאַנישע לענדער, וועלכע האָבן געהערט צו שפּאַניע, און אין 1555 יאָר האָבן די קאָרטעסן ענערגיש געפאָדערט פּונקט אַזאַ פאַר־באָט אויך בנוגע שפּאַניע גופא. אין דער פּעטיציע צום קייסער האָבן די קאָרטעסן געבעטן ניט בלויז פאַרבאָטן צו דרוקן אַזעלכע ראָמאַנען, נאָר אַפילו פאַרברענען אַלע פריער געדרוקטע עקזעמפּלאַרן. פאָלגנדיקער צופאַל באַ־ווייזט, אויף וויפיל מען איז געווען פאַרקאָכט אין די ריטערישע ראָמאַנען. איינער אַ ריטער האָט, אומקערנדיק זיך אַהיים פון דער יאַגד, דערהערט ווי עס יאָמערן די ווייב, די טעכטער און די דינסטן. אַ פאַרוואונדערטער און אַ טרויעריקער האָט ער ביי זיי געפרעגט: אפשר איז געשטאָרבן עמיצער פון די קינדער, צי פון די קרובים? „ניין", — האָבן זיי געענטפערט וויינענדיק. „טאָ וואָס־זשע וויינט איר?" — האָט דער ריטער ווידער געפרעגט. „אַך", — האָבן זיי געענטפערט, — „אַמאַדיס איז געשטאָרבן". נאָך אין XV יאָרהונ־דערט זאָגט איין שריפטשטעלער וועגן דעמדאָזיקן העלד אין פאַרבינדונג מיט דער שעדלעכער ווירקונג פון דעם ראָמאַן: „עס וואָלט געווען אַ הייליקע זאַך, מען זאָל אויפהערן צו לייענען און אויך צו פאַרקויפן דידאָזיקע ביכער פון אַמאַדיס. דאָס בוך וועגן אַמאַדיס האָט זיך אַזוי פונאַנדערגעוואַקסן, אַז עס האָט געגעבן אַ גאַנצן דור פון פּוסטע ביכער, וואָס שטאַמען פון אים. ער האָט שוין איצט זין און אייניקלעך. די פּוסטע ערציילונגען וואַקסן ווי דער שוים, און וואָס מער זיי וואַקסן, אַלץ ווייניקער ווערט האָבן זיי, נאָר ניט פאַר די פאַרלעגער, וואָרים דידאָזיקע נאַרישקייט ווערן געקויפט און באַצאָלט בעסער פאַר וואָרהאַפטיקע און נוצלעכע ביכער".

אָבער דאָס, וואָס ניט די געזעצגעבונג, ניט די שטימע פון קלוגע לייט האָבן ניט געקענט פועלן, דאָס איז מיט איין קלאַפּ געלונגען צו פועלן דעם גרויסן סאַטיריקער. דאָן קיכאָט האָט אויף אייביק געטויט די ריטע־רישע ליטעראַטור. נאָך דעם 1605 יאָר, ד. ה. נאָך דעם, ווי עס האָט ערשיינט דער באַרימטער ראָמאַן, איז שוין אין שפּאַניע קיין איין ריטערישער ראָמאַן ניט אַרויס. נאָך מער — אַפילו די אַלטע האָט מען שוין מער ניט איבער־געדרוקט. מיט וואָס־זשע האָט סערוואַנטעס דערגרייכט אַזאַ ערפאָלג? ער האָט אַרויסגעפירט נעבעך אַ נאַר, אָבער אַן אומגעוויינלעכן מענטשן. דאָן קיכאָט — איז אַ טיפער דענקער, אַ מענטש מיט אַ דערהויבענער נשמה, פול מיט איידל־קייט און הויכע שטרעבונגען. און דעריבער האָט סערוואַנטעס אויף אים נאָך קלערער געקאָנט באַווייזן די שעדלעכע ווירקונג פון דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור.

מחמת ער האָט כסדר געלייענט ריטערישע ראָמאַנען, איז דערדאָזיקער קלוגער מענטש גערירט געוואָרן פון זינען.

ער האַלט פאַר לויטער אמת דאָס, וואָס ער לייענט, און ער פּילט אין זיך דעם באַרוף צו ווערן אַליין אַ וואַנדערנדיקער ריטער, ווי יענע, וועגן וועלכע ער האָט געלייענט. ער היט אָפּ די קלענסטע פּרטים פון די ריטערישע טראַדיציעס. ער מערקט זיך אָן דעם ציל פון זיינע העלדן. ער גייט העלפן די געדריקטע, פאַרטיידיקן די באַליידיקטע; ער היט אָפּ אויך אַלע אויסערלעכע זייטן פון ריטערישן ריטואַל, ער פאַרשאַפט זיך אַ משונהדיקע באַוואָפענונג, ער קלייבט זיך אויס אַ וואָפנטרעגער, אַ פויער פון די מיטעלע יאָרן, דעם לייכטגלויביקן און דעם מוטיקן סאַנטשאָ־פּאַנסאָ, דעם ליגנער און דעם פּרעסער. ער נעמט מיט זיך אַ פערד, אַ מאָגערע שקאַפּע, וועלכער ער גיט לויט דער ריטערישער טראַדיציע דעם קלינגענדיקן נאָמען ראָסינאַנט.

ענדלעך, דאָן קיכאָט וויס, אַז דער ריטער איז קיין ריטער ניט, און אַז אַלע זיינע גבורות האָבן קיין באַדייטונג ניט, אויב זיי באַגייסטערט ניט דער געדאַנק וועגן אַ דאַמע, די באַצווינגערין פון זיין האַרצן. צוליב דעם ווילט ער זיך אויס אַ פויערין פון שכנישן דאָרף, אַ יונגע און אַ שיינינקע, וועלכע איז אַפילו ניט חושד, אַז וועגן איר טראַכט דער אָרעמער, פון זינען גערירטער פריץ פון לאַמאַנטש. מען האָט זי גערופן אַלדאָנסאַ לאָרענצאָ. אָבער דערדאָזיקער נאָמען איז ניט גענוג קלינגענדיק און באַרימט פאַר דער קרענקלעכער פאַנטאַזיע, וועלכע איז געשעדיקט דורך די ריטערישע ראָמאַנען, און דאָן קיכאָט מאַכט זיין האַרין פאַר פּרינצעסע דולצינעע פון טאָבאָזע. די ריטערישע טראַדיציעס האָבן געפאָדערט, אַז די דאַמע זאָל ניט תּיכּף צונעמען אויף דינסט איר פאַרערער, האָט זיך דאָן קיכאָט אין זיין דמיון פאָרגעשטעלט ווי אַן אָפּגעשטויסענער און אַן אומגליקלעכער. דעריבער לאָזט ער זיך אַוועק אויפטאָן גבורות לכבוד דער, וועלכע לאָזט זיך ניט איבעררייַדן.

צוזאַמען מיט זיין וואָפנטרעגער גייט ער איבער שטעט און דערפער, און דעם ריטערס אויפגערודערטע פאַנטאַזיע באַזעצט זיי מיט פאַרצויבערטע איינוואוינער. פאַרוואַנדלט ווינטמילן אין ריזן, אַכסניות — אין אומצוטריטלעכע סודותפולע שלעסער, און געשמידטע קאַטאָרזשניקעס — אין געדריקטע אַדללייט. ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, וואַרפט זיך דאָן קיכאָט אומעטום מוטיק אויף די באַדריקער, און אומעטום פאַרוואַנדלט די ווירקלעכקייט זיינע דערהויבענע מעשים אין אַ קאָמישן פּאַרס. די מיטלאַלטער איז אַריבער, דאָס לעבן האָט זיך געענדערט, אָבער דאָן קיכאָט לעבט נאָך אַלץ מיט דער פאַרגאַנגענהייט, זיכער אין דעם, אַז ער איז באַרופן אומצוקערן די גילדערנע צייט צו תּחית המתים. דאָן קיכאָט, — ווערט געזאָגט אין איינעם פון די בעסטע אַרטיקלען וועגן דעם ענין, — דאָס איז אַמאַדיס, וועלכער איז נאָך איינער פון זיינע גבורות אַיינגעשלאָפן אויף עטלעכע יאָרהונדערטן, און האָט פאַרשלאָפן די מפּלה פון פעאָדאַליזם, די אַנטשטייאונג פון דער נייער מלוכה־אָרדענונג און דאָס אָנקומען פון דער עפּאָכע פון דער אויפלעבונג פון די

סערוואַנטעס

וויסנשאַפטן. ערוואַכט, האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט דאָס, פּיי וואָס ער איז איינגעשלאָפן. ער באַמערקט ניט, אַז די צייטן האָבן זיך געענדערט, אַז די צייט פון אַוואַנטורעס און פון דעם ריטערישן פאַרגעטערן די פרוי איז אַוועק און וועט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקערן; אַז פעעס און מכשפים, וועלכע האַלטן ריטער און דאַמען געפאַנגען, זיינען שוין ניטאָ, אַז דאָס לעבן שטעלט דעם מענטשן אַנדערע אויפגאַבן, אַז די מאָראַלישע אָרדענונג האַלט זיך אויף אַנדערע יסודות. אַז די רעכט פון די פרייע און געדריקטע ווערן פאַרטיידיקט ניט דורך וואַנדערנדיקע ריטער, נאָר דורך די געזעצן און דורך די אַנשטאַלטן.

ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין, צו וואָס האָט דאָן קיכאָטס זינלאָזיקייט געבראַכט.

קלעפּ און שפּאָט—דאָס איז געווען די באַלוינונג פאַר זיינע גבורות. שנאה און קללות מצד יענע באַליידיקטע, וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט נייע אומגליקן מיט זיין אומגעלומפּערטן אריינמישן זיך און ניט פּאַסיקער פאַרטיידיקונג,—דאָס איז געווען דער פועל יוצא פון זיין אויפריכטיקן ווּאונטש, צו העלפן די באַעַנטע.

דאָס איז דער דירעקטער מוסר השכל, וואָס איז געדרונגען פון סערוואַנטעסעס ראָמאַן. דער אויטאָר האָט גלענצנד אויסגעפירט זיין אויפגאַבע, און אונטער דער ווירקונג פון זיין מעכטיקער איראָניע איז די פאַנטאַסטישע וועלט פון פעעס און ריזן צעשוואומען געוואָרן ווי אַ רויך. אָבער דערמיט אַליין ענדיקט זיך ניט די באַדייטונג פון דעם באַרימטן ראָמאַן. אַ ווערק, וואָס דער גאַנצער פאַרדינסט זיינער באַשטייט אין אַנטשיידן איין ברענענדיקע פראַגע פון זיין צייט, וואָלט געקאָנט באַצויבערן זיין דור, שאַפן זיין אויטאָר פאַרבייגייענדיקן רום, עס וואָלט אָבער ניט געקאָנט איבערלעבן דריי יאָרהונדערטן, די פאַראינטערעסירטקייט צו אים וואָלט ניט געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, עס וואָלט ניט געוואָרן קיין אייגנטום פון אַלע פעלקער. און דאָ האָט סערוואַנטעסעס אָנערקענונג שוין ניט איין קריטיקער באַוועגט אויף שטענדיק צו אַנטזאָגן זיך פון טיפערן אַנאַליז. טיקנאָר אין זיין געשיכטע פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור זאָגט וועגן דאָן קיכאָט: „ס'איז שווער צו הערן, ווי אין צוויי הונדערט יאָר נאָך זיין טויט נעמען די פאָרשטייער פון דער גוזמאַדיק פיינער קריטיק אין ספק די אויפריכטיקע אָנערקענונג פון דעם גרויסן מענטשן אין דאָן קיכאָט האָט מען שוין לאַנג אויפגעהערט צו זען אַ סאַטירע אויף די ריטערישע ראָמאַנען. אין זיינע צוזאַמענשטויסן מיט דער ווירקלעכקייט האָט מען דערזען איינע פון יענע אייביקע, קיינמאָל ניט אָפּשטאַרבנדיקע קאָליזיעס, וועלכע באַנייען זיך אין פאַרשיידענע פאָרמען אין אַלע צייטן ביי אַלע פעלקער, און דעריבער האָט די באַלויכטונג פון דערדאָזיקער קאָליזיע דעם ראָמאַן צוגעגעבן אַ טיפע פילאָזאָפישע באַדייטונג. פאַר סערוואַנטעסן האָט עס געקאָנט זיין אומבאַוואוסטזיניק, אָבער ס'איז קיין ספק ניט, אַז וואָס ווייטער עס האָט זיך אַנטוויקלט די גראַנדיעזע עפּאָפּעע, האָט איר געניאַלער אויטאָר אין איר אומבאַוואוסטזיניק אָפּגעשפּיגלט סיי זיינע אַנטוישונגען, סיי זיין טרויער

וועגן דעם שלימזל אין דער וועלט פון אידעאַליזם און דערהויבענע אילוזיעס, סיי זיין גלויבן אין גוטס און אין מענטשן, וואָס האָט אים ניט פאַרלאָזן, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער אַנטוישונג זיינער. אַדאַנק דעם האָט די אויסטייטשונג פון דעם ראָמאַן אָנגענומען אַ פילאָזאָפישע ריכטונג, וועלכע האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין אָנהייב XIX יאָרהונדערט אונטער קאַנטס אײַנפלוס. אייניקע פילאָזאָפירנדיקע קריטיקער האָבן אין דאָן קיכאָטן געזען אַ טיפּ פון אַ העלד און אַ ענטוזיאַסט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דערהויבענער ליבע צו דער מענטשהייט. אַנדערע האַלטן, אַז די אויפגאַבע פונם ראָמאַן איז אויסמאָלן דעם קאָנטראַסט צווישן פּראָזאַאישן און פּאָעטישן, דעם שטענדיקן קאָנפליקט צווישן אידעאַלן און רעאַלן. העגעלן דאַכט זיך, אַז דער ראָמאַן לאַכט אויס די אידעען פון ריטערטום אין זיינע געהויבנסטע אויסווייזונגען.

אָבער אויב די פאָרשטייער פון דער פילאָזאָפישער קריטיק האָבן דורך קאַלטן אַנאַליז געוואָלט פעסטשטעלן די אידעע פון ראָמאַן מצד דעם שטאַנדפּונקט פון זייערע טעאָריעס, האָבן די פּאָעטן מיט דער התפעלות, וואָס איז פאַר זיי אייגנשאַפטלעך, אַרויסגעזאָגט די אוממיטלבאַרע געפילן, וואָס די רירנדיקע געשטאַלט פון דעם העלד האָט ביי זיי אַרויסגערופן.

היינע האָט אין דער קינדהייט פאַרגאָסן טרערן איבער דאָן קיכאָטס יסורים, ווען ער האָט געלייענט דאָסדאָזיקע גרויסע בוך. דעם פּאָעט האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע נאַטור באַוויינט מיט אים צוזאַמען דעם דערנידעריקטן אידעאַליסט. ער איז געווען אין כעס אויף די שלעכטע, ברוטאַלע און פּראָזאַאישע מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעשפּעט פון דעם העלדס געפילן. אין היינעס פּאָעזיע גופא איז געווען עפּעס אַלגעמיינס מיט דעם סוזשעט פון דאָן קיכאָט. די וואָכעדיקע ווירקלעכקייט, וואָס מאַכט חרוב די ראָמאַנטישע חלומות, וואָס וואַרפט שטענדיק אַראָפּ די טרוימער פון דער קיניגרייך פון פאַנטאַזיע אויף דער ערד מיט אירע פּראָזאַאישע אינטערעסן, מיט איר נאַרישן קאַמף — דאָס איז איינע פון די באַליבטסטע טעמעס פון היינעס פּאָעזיע. האָט דער פּאָעט אין סערוואַנטעסעס ווערק דערזען די גרעסטע סאַטירע אויף דער מענטשלעכער התפעלות. ניט מיט ווייניקער ליבע און מיטגעפיל צו דאָן קיכאָטן איז דורכגעדרונגען געווען דער ענגלישער פּאָעט וואָרדסוואָרט, זיין האַרץ פלעגט פול ווערן מיט יראת הכבוד, ווען ער האָט געטראַכט וועגן דעם מענטשן, וואָס האָט פאַרפאָלגט די העכסטע און איידלסטע צילן. באַיראָן איז אַפילו ברוגז געווען אויף דעם אויטאָר פאַר זיין העלד. דער אויטאָר פון טשאַילד-האַראָלד האָט אין סערוואַנטעסעס ראָמאַן געזען די סיבה, וואָס דער ריטערטום און די העלדנשאַפט זיינען געפאַלן אין שפּאַניע. באַיראָן ווייזט אָן אויף די געהויבענע אויפגאַבן, וועלכע דאָן קיכאָט האָט זיך געשטעלט, און ער זאָגט, אַז דערדאָזיקער העלד איז נאָר לפנים אויסערן זינען: „צי דען איז גבורה נאָר אַ ליכטיקער חלום, אין דער אמתן אָבער אַ לעגענדע אָדער אַ ליכטיקע זעאונג פון דער מלוכה פון טרוימען? צו דען איז סאָקראַט אויך מער ניט ווי אַן אומגליקלעכער דאָן קיכאָט. פון דער חכמה? סערוואַנטעסעס סאַ-

טירע האָט דעם גייסט פון ריטערשאַפט אין שפּאַניע געטויט. דער בייסנדיקער געלעכטער האָט דאָס אָרימע לאַנד געשטעלט אויפן וועג פון פּראָגרעס, האָט אין דעם אָבער — אוי=ווײ — אויסגעראָטן אַלע העלדן. ווי נאָר דער ראָמאַנטיזם האָט פאַרלאָרן זיין וועג, אַזוי איז געוואָרן אויס גבורה. טייער האָט דעם שריפטשטעלערס ערפאָלג געקאָסט זיין פאָטערלאַנד: מיטן שפּאָט האָט ער זיין לעבן רואינירט".

די קריטיקער זיינען גערעכט, כּל זמן זיי בויען זייערע אויספירן אויפן גרונט פון ראָמאַן. דאָס גרויסע קינסטלערישע ווערק, וואָס האָט פאַרפיקסירט אַ טיפּישן לעבנס=מאָמענט גיט דאָס רעכט, ווי דאָס לעבן גופא, אַרומקוקן עס פון אַלע שטאַנדפונקטן, אַרויסנעמען פון דעם, וואָס מ'קאָן דערפון אָפּלערנען. דערמיט ערקלערט זיך, למאי די גרויסע קינסטלערישע ווערק האָבן שטענדיק אַרויסגערופן אַמפּעריי אָן אַ סוף, פּונקט ווי דאָס רופט אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכער צופאַל פון ווירקלעכן לעבן, וואָס פירט אַריף אויף מחשבות. אָבער די קריטיקער זיינען ניט גערעכט, ווען זיי מאַכן דעם אויטאָר פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, וואָס אין זיין שאַפונג פעלט די אָדער יענע טענדענץ, ווען זיי פאָדערן, אַז ער זאָל פון דעם בילד, וואָס ער האָט אויסגעמאָלט, מאַכן אַן אויספיר, וואָס פאַלט צונויף מיט זייערע אייגענע אידעאַלן. דאָס זעלבע איז אויך מיט דאָן קיכאָט. ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זיינען ניט די מיינונגען פון דער קריטיק, איז דאָך קיינעם פון זיי ניט פרעמד איין אַלגעמיינער געדאַנק — דאָס איז דער געדאַנק, אַז אין ראָמאַן ווערט אויפגעדעקט די ראָלע פון אידעאַלישן אין לעבן. די קריטיקער זיינען גערעכט, כּל זמן זיי זאָגן אַרויס דעמדאָזיקן אַלגעמיינעם אורטייל, אָבער זיי פאַלן גלייך אַריין אין טעות, ווי נאָר זיי ווילן סערוואַנטעסן אָנבינדן זייער אייגענעם פאַרשטיין. די באַציאונגען צווישן די אידעאַלישע שטרעבונגען און צווישן די תּנאָים פון דער ווירקלעכקייט, אָדער ווען זיי מאַכן אים פאַרוואורף דערפאַר, וואָס זיין פאַרשטיין שטימט ניט מיט זייער אייגענעם. סערוואַנטעס האָט אפשר צו געדיכט געמאַכט די פאַרב, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער געגעבן אַ טיפּ פון אַ אידעאַליסט מיט אַלע טיפּישע שטריכן, וואָס צייכענען אים אַלע מאָל אויס.

דאָן קיכאָט, ווי אַן אמתער אידעאַליסט, האָט ניט קיינע עסקים מיטן לעבן, ער האַלט ניט פאַר נייטיק צוצופּאַסן זיך צו דעם; ער וויל דאָס לעבן גופא דערהויבן צו זיך. דעריבער האָט ער ניט באַמערקט, אָדער ניט געוואָלט באַמערקן די פאַקטן, וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין אין די ראַמען פון דער אילוזיע, וואָס ער האָט געשאַפן. אויב די לעבנס=ערשיינונגען האָבן זיך צופיל געלאָזט פילן, און ער קאָן זיי ניט אויסמיידן, איז ער גיכער גרייט געווען צו זאָגן, אַז דאָס זיינען פאַרבלענדענישן פון מכשפים, איידער זען אין זיי רעאַלע פאַקטן. ער האָט דאָס לעבן געשעצט אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס האָט געגעבן מאַטעריאַל צו פאַרקערפּערלעכן זיינע אידעאַלן. דאָס איז דער ערשטער שטריך דאָן קיכאָטס, און מען דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז אין דער הינזיכט איז ער דער פאָטער פון אַלע ראָמאַנטיקער, פון אַלע טרוימער, וואָס ביי זיי האָט די פאַנטאַזיע שטענדיק אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט די ווירקלעכקייט. אין

דאַנטעס טרוימען וועגן דער אויפלעבונג פון דער הייליקער רוימישער אימפעריע, און אין ברוטס טרוימען וועגן פאַרהיטן די רוימישע רעפובליק איז געווען אַ היפּש ביסל דאָן-קיכאָטיזם.

אויב דער אידעאַליסט איז ניט אַלע מאָל זינלאָז, איז ער אַלעמאָל ניט אויסגערעכנט פון שטאַנדפּונקט פון טאָג-טעגלעכן לעבן. דאָס איז דער צווייטער שטריך דאָן קיכאָטס. קומענדיק אין צוזאַמענשטויס מיט דער ווירקלעכקייט, טוט ער אָפּ אַ רייע נאַרישקייטן. דער דורך אים באַפרייטער באַליידיקטער און אונטערדריקטער פאַרשילט אים, מחמת ער שאַדט אים מיט זיין אַריינמישן זיך. אָבער ברוט האָט אויך, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען, מיט זיין גלויבן אין מענטשן און אין גוטס געפּטרט דעם ענין, וואָס צוליב אים איז ער אַרויסגעטראָטן. דידאָזיקע באַציאונג צווישן אידעאַליזם און לעבן האָט סערוואַנטעס באַאַרבעט ביז די קלענסטע פּרטים. מיר זען, ווי אַלע איילן זיך און טראַכטן וועגן אייגענע עסקים, קיינער האָט קיין צייט און קיין פאַרלאַנג ניט אויסצופאָרשן די אָנרעגונגען פון צו טיפע כאַראַקטערן. אַפילו די אויסערלעכע זייט פון דעמדאָזיקן צוזאַמענהאַנג איז ריכטיק אויפגעפאַסט. דער אידעאַליזם איז אָנגעקליידט אין דער פאָרם פון אַ נעבעכדיקן פאַרמאָגערכן ריטער, בשעת די טריאומפירנדיקע פלאַכקייט איז אָנגעקליידט אין גלענצנדע הערצאָגישע געוואַנטן און ריכט אָפּ מאָלצייטן אין די גרויסאַרטיקע שלעסער. סערוואַנטעס מאָלט אויך דאָס בילד, ווי מענטשן עקספּלאָאַטירן דעם אידעאַליסטישן געפיל צוליב זייערע אייגננוצלעכע צוועקן. דער ווירט, וואָס האָט געפייניקט דעם יינגל, ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָן קיכאָטס פיינע רייד, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן; ער האָט אויסגענוצט דעם ריטערס געטריילעכקייט, איז פון אים פטור געוואָרן אַדאַנק זיינע כיטרע שטיק און האָט דעם יינגל נאָך מער צעשלאָגן.

דאָן קיכאָט איז גליקלעך און דאָס איז זיין דריטער שטריך. קיינע פאַקטן קאָנען אים ניט נויטן, ער זאָל ענדערן זיין בליק אויפן לעבן. קיין זאַך קאָן ניט בעגליכן זיין צו זיין אַנטציקן, ווען מען רופט אים העלפן די געדריקטע. דאָס העכערע גליק—דאָס איז די מאָראַלישע באַפרידיקונג, דאָס באַוואוסטזיין פון ערפילטן חוב. דאָן קיכאָט איז דעמדאָזיקן חוב שטענדיק געבליבן געטריי. ער האָט אים אַזוי ערפילט, ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען, און דערדאָזיקער באַוואוסטזיין איז פאַר אים געווען דער שכר, האָט אים באַפרידיקט פאַר אַלע זיינע פיזישע עינויים.

לסוף, שטייענדיק אויסערן לעבן, פאַראַכט דער אידעאַליסט זיינע גליקן, און אַדאַנק דעם פילט ער זיך אומאָפּהענגיק. ער נייטיקט זיך אין גאָרנישט, דעריבער קאָן ער זיך נאָך פרייער איבערגעבן צו זיין אידעע. דאָן קיכאָט האָט אויך דעמדאָזיקן שטריך געהאַט אין דער גרעסטער מאָס. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ. פיזישע עינויים, הונגער און נויט זיינען פאַר אים אַריבער אומבאַמערקט. ער אַליין האָט אין אַ שמועס מיט סאַנטשאָ אויסגעמאָלט דעם תענוג פון דעמדאָזיקן געפיל פון פרייהייט, ווען ער האָט פאַרלאָזן דעם הערצאָגס וואונדערלעכן שלאָס, זיינע זעלטענע גערטנער, מיט זייער רייכער ברינס.

מיט די גרויסאַרטיקע פּאַנטאַנען; ווען ער האָט זיך געשיידט מיט דערדאָזיקער גלענצנדער אַריסטאָקראַטיע אין רייכע זיידענע קליידער, וועלכע האָבן געפינקלט מיט דימענטן. „די פרייהייט, סאַנטשאָ, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז איינע פון די טייערסטע מתנות, וואָס דער הימל האָט געשענקט דעם מענטשן. צו איר איז קיין זאַך ניט צו פאַרגלייכן; ניט די אוצרות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין דער איינגעווייד פון דער ערד, ניט די אוצרות, וואָס דער ים פאַרבאָרגט אין זיינע טיפענישן. פאַר דער פרייהייט דאַרף דער מענטש ריזיקירן מיטן לעבן. די קנעכטשאַפט איז, פאַרקערט, דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס קען מיט אַ מענטשן געשען. איך זאָג עס דיר, סאַנטשאָ, דערפאַר, ווייל דו האָסט גוט געזען די עשירות און דעם לוקסוס, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דעם שלאָס, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן. זאָלסטו וויסן, אַז ביי די זעלטענע מאכלים און געפרירענע משקאות האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לייד הונגער, ווייל איך האָב זיי ניט געקאָנט אויסניצן מיט אַזאַ פרייהייט, ווי ווען זיי וואָלטן מיר געהערט. דער חוב צו דאַנקען פאַר דער טובה, וואָס מ'טוט דיר, איז גלייך ווי ער וואָלט איינגעשמידט דעם מוח, ניט לאָזנדיק אים פריי פליען. גליקלעך איז דער, וועמען דער הימל גיט אַ שטיקל ברויט, פאַר וועלכן ער דאַרף נאָר דעם הימל דאַנקען, און מער קיינעם ניט“.

נאָר שיר ניט דאָס אינטערעסאַנטסטע אין אַלע דאָן קיכאָטס מעשים איז די געשיכטע פון זיינע באַציאונגען צו סאַנטשאָ פּאַנסאָ. דאָס, וואָס דער באַרימטער וואָפּנטרעגער איז ווי פון ס'ביי געבוירן געוואָרן, איז זייער אינטערעסאַנט. די געשיכטע פון דערדאָזיקער ווידערגעבורט באַווייזט, אַז דער אידעאַליזם, אַפילו אין אַ לעכערלעכער פאָרמע, גייט ניט אַלע מאָל אַריבער אָן שפורן אין לעבן. אין די סאַמע פּראַקטישע מוחות לאָזט ער איבער אַ טיפן שליאַד, און די סאַמע פּראָזאַאישע נשמות פילט ער אָן מיט געפילן, וואָס זיינען פאַר זיי פריער געוועזן ניט צוטריטלעך. די מאָטיוון, וואָס צוליב זיי איז סאַנטשאָ אַוועק נאָך זיין האַר, זיינען געוועזן פשוטע — ער האָט גערעכנט דערביי עפּעס פאַרדינען. דער טיפער קאָנטראַסט צווישן די דערהויבענע מאָטיוון פון דעם ריטער און די פאַרדינסט-פאַרלאַנגען מצד דעם וואָפּנטרעגער, מאַכן נאָך בולטער די פיגור פון דעם לעצטן. די לייכטגלויביקייט, מיט וועלכער ער גיט זיך אונטער דאָן קיכאָטס לעגענדאַרע הבטחות, באַווייזן, אַז ער איז געוועזן קנאַפּ וואָס אַנטוויקלט. די עקשנות, מיט וועלכער ער האָט פאַרטיידיקט זיין רעכט צו פלוידערן אָן אויפהער, באַווייזט, ווי ווייניק דערדאָזיקער מענטש האָט געדאַרפט האָבן, כדי צו באַפרידיקן זיינע גייסטיקע באַדערפענישן, וואָס עס האָט יעדער ניט גאָר פאַרטירטע נאַטור.

אין אָנהייב ראָמאַן פילט סאַנטשאָ קיין ליבשאַפט ניט צו זיין האַר. ער פרייט זיך מיט זיינע גבורות, ווען דער פועל יוצא זייערער איז אַזעלכער, אַז זיי טראָגן אים עפּעס אַריין. ער פאַרשילט זיי, אויפווייזנדיק מיט אַ פולע פלוידעריי, ווי זיין טבע איז, ווען זיי גיבן אים גאָרנישט אויסער קלעפּ. די טרוימען וועגן אַ גובערנאַטאָר-שטעלע און רייכטום פאַרלאָזן אים ניט די גאַנצע צייט פון זייער וואַנדערן. זיינע פּראַקטישע אורטיילן זיינען אַ מין פעלז, אָן

וועלכן עס צעברעקלען זיך, ווי די כוואַליעס, דעם ריטערס פאַנטאַסטישע טרוימען. סאַנטשאָ שפּילט די ראָל פון אַ רעזאָניער אין דער פּסעוודאָ־קלאַסישער טראַגעדיע. ער אורטיילט אַלץ, וואָס דער העלד טוט, און דער היפּך צווישן טרוים און לעבן אַנטפּלעקט זיך ערגעץ ניט אַזוי העל פאַרן לעזער, ווי אין סאַנטשאָס פּלוידעריי, אין וועלכער דעם אויטאָר איז געלונגען געניאַל צונויפצופלעכטן די פּשטות פון אַ ניט קיין אַנטוויקלטן שכל מיט די בליצן פון טיפער פאָלקסטימלעכער שאַרפזיניקייט.

דער אָטעם פון אידעאַליזם האָט, אָנרירנדיק סאַנטשאָן, לכתחילה נעגאַטיוו געווירקט אויף זיין מאָראַלישן תוך. ער האָט אָנגעהויבן צו באַדויערן זיין פריערישע אָפּשטאַמונג. דער אַדל־שטאַנד און די גובערנאַטאָר־שטעלע זיינען אים געפעלן געוואָרן נאָר פאַר זייערע נוצן און אויסערלעכן גלאַנץ. ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם הויכן זינען, וואָס האָט זיך ביי זיין האַר אין קאָפּ פאַראייניקט מיט דער לאַגע פון אַן אַדעליקן און אַ גובערנאַטאָר.

„מיט וועמען דו חברסט זיך, אַזעלכער ווערסטו אַליין"—דאָס איז געווען איינער פון סאַנטשאָס געליבטע שפּריכווערטער, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו זאָגן, ווען מ׳דאַרף און ווען מ׳דאַרף ניט. דאַכט זיך, אַז קיינער האָט די ריכטיקייט פון דעמדאָזיקן אמת ניט דערוויזן בעסער, איידער דערדאָזיקער וואָפּנטרעגער. די צייט איז געגאַנגען, און סאַנטשאָס באַציאונג צו דאָן קיכאָטן ענדערט זיך ביסלעכווייז. דורך די מחשבות וועגן פאַרדינסטן שלאָגט זיך דורך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אַ געפיל פון אויפריכטיקן אָנטייל נעמען אין דעם גורל פון דעם מטורפדיקן ריטער, און באַלד האָט סאַנטשאָ ליב געקראָגן זיין האַר, הגם ער האָט אים ניט אויפגעהערט צו האַלטן פאַר אַ משוגענעם. אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט הייבט ער אים אָן צו לויבן פאַר זיין „טויבן־האַרץ" און פאַר זיין אומגעוויינלעכער גוטסקייט". פאַר דערדאָזיקער גוטסקייט הייבט ער אים אָן צו „ליבן מער, איידער דעם שוואַרצאַפּל פון אויג, און ער קאָן אים ניט פאַרלאָזן, ווי מטורף ער זאָל ניט זיין". מיט דער צייט ווערט סאַנטשאָס צוגעבונדנקייט צום ריטער נאָך שטאַרקער. ווען די הערצאָגין זאָגט, אַז זי וועט אים ניט געבן קיין גובערנאַטאָר־שטעלע, דערקענען מיר ניט דעם גייציקן פויער. ער זאָגט זיך אָפּ פון די רייצנדיקע הבטחות, און וויל בעסער פאַרבלייבן געטריי זיין האַר, מיט וועלכן נאָר „דער גראָבאַייזן און די לאָפּעטע" קאָנען אים צעשיידן. נאָך רירנדיקער איז די סצענע, ווען סאַנטשאָ פאָדערט ביי דאָן־קיכאָטן געצאָלט. דעם אידעאַליסטס הייסע רעדע וועקט אויף די העכערע געפילן, וועלכע האָבן געשלאָפן אין דעם פויערס גראָבע נאַטור, און אַ פאַרשעמטער בעט סאַנטשאָ זיין האַר, ער זאָל פאַרגעסן אַלע זיינע פאָדערונגען, און זאָגט אַרויס זיין הייסן פאַרלאַנג, צו טיילן מיט אים פרייד און לייד, ווי ביז איצט.

אָבער וואונדערלעכער פאַר אַלץ אין דער מאָראַלישער און גייסטיקער עוואָלוציע, וואָס סאַנטשאָ האָט דורכגעמאַכט, איז בלי ספק די געשיכטע מיט דער גובערנאַטאָר־שטעלע. סאַנטשאָס טרוים וועגן אַ גובערנאַטאָר־אַמט רופט אַלע מאָל אַרויס אַ שמייכל אויף דעם לעזערס געזיכט. שוין דער געדאַנק וועגן

דער מעגלעכקייט פון אַזאַ פאַקט רופט ניט-ווילנדיק אין זיין דמיון אַרויס אַ גאַנצע רייע קאָמישע סצענעס. דעם לעזערס וואונדער גייט אַריבער יעדער מאָס, ווען דאָס ניט וואַרשיינלעכע ווערט אַ רעאַלער פאַקט. און ווען ער ווערט אַ גובערנאַטאָר, איז ניט נאָר ער רופט ניט אַרויס קיין געלעכטער. מיט וועלכע עס איז נאַטירלעכע אין זיין לאַגע אומגעלומפּערטע מעשים, נאָר, פאַרקערט, ער פאַרוואונדערט אונז מיט זיין אומגעוויינלעכער עמפינדלעכקייט, יושר, גע-וויסנהאַפטער אויפריכטיקער באַציאונג צו דעם אינזל, איבער וועלכן ער איז פאַר-וואַלטער, און דער עיקר—זיין מערקווירדיקער אַדמיניסטראַטיווער טאַקט. דער שמייכל פאַרשווינדט פון דעם לעזערס געזיכט, ווען ער גיט אָפּ אַ רעכענונג דעם הערצאָג און דער הערצאָגין ווען דער פאַרוואַלטעריי און זאָגט: „אַ נאַ-קעטער בין איך אַהין געקומען, און אַ נאַקעטער גיי איך פון דאָרט אַוועק, גוט, צי שלעכט האָב איך פאַרוואַלטעט—דערויף זיינען פאַרהאַן עדות, וועלכע וועלן זאָגן, וואָס זיי וועלן וועלן. איך האָב אַנטשיידן ספקדיקע פראַגן. האָב געמשפּט אין ספקותים, איך האָב ביי קיינעם גאָרנישט ניט גענומען און ניט גע-זוכט פאַר זיך קיינע נוצן".

ניט פיל אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען, כדי צו פאַרשטיין, אַדאַנק וועמען איז פאָרגעקומען דידאָזיקע פאַרוואַנדלונג פון דעם מענטשנס נשמה. ס'איז גע-נוג איבערצולייענען דאָן קיכאָטס רעדעס צו דעם וואָפּנטרעגער, איידער ער איז אָפּגעפאָרן אויפן אינזל, אַז מיר זאָלן פאַרשטיין דעם פּראָצעס, ווי אַזוי דידאָ-זיקע ענדערונג איז פאָרגעקומען. אין זיינע בריוו צו סאַנטשאָ, ווערט דאָן קי-כאָט, דער שלימזלדיקער מטורף, פאַרוואַנדלט אין אַ קלוגן מנהיג, וואָס שטייט אויף אַ הויכער מאָראַלישער מדרגה; ער ערשיינט אַלס אַ מוסטער פון פּאָליטישן געני און טאַקט. ניט אומזיסט איז סאַנטשאָ אַרויסגעשטעלט אין איין ריי מיט זיין האַר: די געשיכטע פון זיין אַנטוויקלונג — דאָס איז דער נצחון פון די אידעאַליסטישע יסודות אין לעבן, דאָס איז די סאַמע באַלערנדיקע אַקציע אין דער טראַגעדיע פון דעם „ריטער פון טרויעריקן געשטאַלט". ס'איז ניט נייטיק אויסצורעכענען די מענגע קינסטלערישע ווערק, וואָס זייער סוזשעט איז דער קאַמף צווישן די אידעאַלע שטרעבונגען פון אויסדערוויילטע כאַראַקטערן מיט די שווערע לעבנסבאַדינגונגען. אָבער קיינער האָט אַזוי טיף ניט אַריינגעדרונ-גען אין דעם זינען פון דעם גרויסן קאָנפליקט, קיינער האָט אונז ניט געמאָלט אַלע זיינע פּעריפּעטיעס אַזוי אַלזייטיק, ווי סערוואַנטעס. אמת, דאָן קיכאָט פאַר-בלייבט טאַקע אַ קאָמישער אין אונזערע אויגן. אידעאַליזם, מוטיקייט און איידל-קייט אַליין איז נאָך קנאַפּ, מיר זאָלן ביטפילן דעם העלד. דידאָזיקע אַלע מעלות דאַרפן דינען צו פאַרשטאַנדיקע און נוצלעכע צילן. ווען זיי ווערן אָנגעווענדט אויף זינלאָזע אויפגאַבן, פאַרלירן זיי יעדע באַדייטונג אין אונזערע אויגן. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דער אויטאָר האָט זיך ניט געשטעלט יענע אידעאַישע אויפגאַבע, וועלכער ער האָט ממילא געגעבן אַ באַשיידונג אין זיין ראָמאַן. סערוואַנטעס האָט נאָר געוואָלט אויסלאַכן דעם פאַרקריפּלטן טיפּ פון זיין צייט, און אַדאַנק דעם, האָט זיין העלד געוואונען פון דער קינסטלערישער זייט. ער איז געוואָרן אַ קלאָרער טיפּ, אָנגעטאָן אין בלוט און פלייש, און ניט

קיין טויטע פיגור, אין וועלכער ער וואָלט זיך אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלט, ווען סערוואַנטעס וואָלט זיך געשטעלט אַ ריין פילאָזאָפישע אויפגאַבע. אַ קינסט־לעריש ווערק, וואָס באַלייכט איינע פון די אייביקע לעבנסלאַגעס, איינע פון די עיקרים פון מענטשנס גייסט, לאָזט נאָר דאַן איבער אַן אייביקן איינדרוק, ווען עס איז צוגעקניפּט צו אַ באַשטימטן אָרט און צו אַ באַשטימטער צייט, ווען זיינע העלדן זיינען ניט קיין טרוקענע פאַרקערפּערונגען פון פּרינציפּ, נאָר לעבעדיקע מענטשן, וואָס לעבן מיט די אינטערעסן פון זייער דור, וועלכע עס האָבן אַלע ליידנשאַפטן, אָנשויאונגען און איבערצייגונגען פון זייער עפּאָכע. אַזעלכע העלדן האָט אונז סערוואַנטעס אַרויסגעשטעלט אין זיין ראָמאַן, און דערפאַר וועלן זיי קיינמאָל ניט פאַרלירן זייער קינסטלערישע און אידעאישע באַדייטונג.

VII.

ווילִיאַם שעקספּיר. — די קינדערשע איינדרוקן. — דער אַרויספאָר קיין לאָנדאָן. — די שטימונגען אין דער ענגלישער געזעלשאַפט. — דער טעאַטער אין שעקספּירס צייטן. — די פּובליק. — די אַקטיאָרן. — די אָרימקייט פון דער אויסשטאַטונג. — די ראָלע פונם טעאַטער. — די געהויבנקייט פון די פּאַטריאָטישע געפילן אין דער ענגלישער געזעלשאַפט. — שעקספּירס דראַמאַטישע כראָניקעס. — די פּאַטרי־אָטישע טענדענצן פון די כראָניקעס. — ריטשאַרד III. — די השפּעה פון דער איטאַליענישער רענעסאַנס־ליטעראַטור אויף דעם געשמאַק פון דער געזעלשאַפט. — שעקספּירס קאָמעדיעס אַלס אָפּשפּיגלונג פון דעראָזיקער השפּעה. — די קאָמעדיע „אַ חלום אין אַ זומער־נאַכט“. — הערצאָג אָרסינאָ. — אָליוויע און וויאָלע. — דער נאַר. — מאַלוואָליאָ.

זעלטן וועגן וועלכן שריפטשטעלער מיר ווייסן אַזוי ווייניק, ווי וועגן שעקספּירן. גאַנצע פּעריאָדן פון זיין לעבן זיינען אונז אומבאַקאַנט. אַ גאַנצע ריי ווערק בלייבן עד היום אונטער ספק, און מיר ווייסן ניט, צי האָט זיי שעקספּיר געשריבן, צי עפּעס אַן אַנדער מחבר. מיר ווייסן אַפילו ניט אויף ריכטיק די צייט, ווען ס׳האָבן ערשיינט די דראַמען, וועלכע געהערן בלי ספק אים. ענדלעך, מיר ווייסן אַפילו ניט אויף ריכטיק דעם טעקסט פון אַ פולע ערטער פון זיינע בעסטע ווערק. שעקספּירס מזל האָט קיין גלייכעניש ניט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. אַרום זיין נאָמען איז געשאַפן געוואָרן אָן אַ שיעור השערות, גאַנצע לעגענדעס. דער אָנגעשטרענגטער אינטערעס צו זיין פּערזענלעכקייט האָט די פאַרערער פון זיין גרויסער ירושה אַריינגעבראַכט אין קרענקלעכן צושטאַנד און זיי האָבן זיך שוין אַזוי ווייט דערעדט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּלייקענען, צי האָט ער גאָר ווען געלעבט, און געפּרוווט צושרייבן זיינע ווערק דעם באַרימטן ב ע ק אָ נ ע ן, וואָס האָט געלעבט מיט אים אין איין צייט. אָבער אויב אין דאָקומענטן זיינען פאַרבליבן ווייניק ידיעות וועגן דעם לעבן און דער פּערזענלעכקייט פון ה אַ מ ל ע ט ס שעפער, האָט דערפאַר די דרייהונדערטיאָריקע אַרבעט פון דעם קריטישן געדאַנק אין אַ געוויסער מאָס פאַרפילט דעם בלויז. אויסגעוואויגן און אויסגעמאָסטן יעדעס וואָרט פון שעקס־

פירס ווערק, און געגומען צו הילף דאָס ביסל ריכטיקע ידיעות, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער געשיכטע, איז דער קריטיק געלונגען פעסטצושטעלן וועגן זיין לעבן און זיין פערזענלעכקייט כאָטש אייניקע פאַקטן, בנוגע וועלכע עס קען קיין ספק ניט זיין.

וויליאַם שעקספּיר איז געבוירן אין יאָר 1564 אין אַ קליין שטעטעלע סטרעטפאָרד. זיין פאָטער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער, מיט אונטערנעמונגס־גייסט. ער האָט געפירט פאַרשיידנאַרטיקע מסחרים און פאַרנומען זיך מיט אַקערבוי. שעקספּירס מוטער, אַ געבוירענע מ ע ר י א ר ד ע ן, איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן ערדבאַזיצער, אַ אַדעליקן פון אַ דערבייאיקן אָרט. דזשאָן שעקספּירס (דעם פּאָעטס פאָטער) וואוילשטאַנד און איינפלוס איז שנעל געוואַקסן, און אין 1568 יאָר ווען מיר אים שוין אין דער שפּיץ פון דער שטאָטפאַרוואַלטונג אין סטרעטפאָרד. אָבער אָנהייבנדיק פון מיטן די זעכציקער יאָרן ווערט דער צושטאַנד פון שעקספּירס משפחה אַלץ ערגער און דערגייט אינגיכן ביז פולקומער אָרעמקייט. מיר האָבן קיינע ידיעות ניט וועגן די פריע איינדרוקן דעם פּאָעטס, אָבער מיר קאָנען משער זיין, אַז די ליבע צו דער נאַטור, די ליבע צו ענגלאַנדס גערימטן עבר און די ליבע צום טעאַטער זיינען ביי אים געבוירן געוואָרן שוין דאָ אין דעם קליינעם שטעטעלע. סטרעטפאָרד האָט פאַרנומען אַ הערלעכע פּאָזיציע אין אַ בערגיקן אָרט צווישן גרינע לאָנקעס און פרעכטיקע וועלדער. אוודאי איז שעקספּירן אויסגעקומען צו פאָרן מיט טאַטע־מאַמע אין דער אומגעגנט, וואו זיי האָבן געהאַט קרובים. דאָרט האָט ער געקאָנט הערן פאָלקסלידער, זען פאָלקס־יום־טובים און מנהגים, מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך די אַלטע פריילעכע ענגלאַנד. אָבער ניט נאָר די ליבע צו דער נאַטור און צום דאָרף, וועלכע האָט שפּעטער אַרויסגערופן אַ־שר די דאָרפס־בילדער אין זיינע קאָמעדיעס, איז אין דערדאָזיקער סביבה אַנטשטאַנען.

סטרעטפאָרד ליגט אין אַזאַ אָרט, וואו עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. ניט ווייט פון דאַנען געפינט זיך די באַרימטע שטאָט קאָווענטרי. דידאָזיקע שטאָט וואָלט אַ פולע געקאָנט דערציילן וועגן יענער עפּאָכע, וועלכע שעקספּיר האָט שפּעטער געמאָלט אין זיינע היסטאָרישע כראָניקעס. אַהער איז אַוועק העגריך ריטשמאָנד, וואָס האָט באַזיגט איינעם פון די באַרימטע העלדן פון שעקספּירס כראָניקעס, ריטשאַרד דעם III, נאָך דעם אַנטשליסנדיקן שלאַכט ביי באָסקאָרט. קאָווענטרי פיגורירט בכלל ניט איינמאָל אין שעקספּירס כראָניקעס. נאָר אין דער קינדהייט האָט שעקספּיר, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, געקאָנט אויך צום ערשטן ליב באַקומען דעם טעאַטער. קיין סטרעטפאָרד פלעגן אַלע יאָר אויף די חגאות קומען פון לאָנדאָן אַקטיאָרן־טרופּן, וואָס האָבן געשפּילט אַגב אויך אין דעם בנין פון מאַגיסטראַט. אַלס זון פון דעם בירגעמייסטער האָט שעקספּיר אוודאי ניט נאָר געקאָנט זען די פאָרשטעלונגען, נאָר אויך באַקענען זיך מיט די אַקטיאָרן גופא און מיט דעם לעבן הינטער די קוליסן.

געלערנט האָט זיך שעקספּיר אין אַ שול אין זיין געבורטשטאָט. וואָס האָט ער פון דער שול אַרויסגעטראָגן, ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן אויך ניט, וויפיל יאָר האָט ער אין דער שול פאַרבראַכט. מיר ווייסן נאָר, אַז ער האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט לאַטיין, געלייענט אָווידי, ציצעראָן, ווירגילי, פּלאַווט און טערענצי. מיר ווייסן אויך ניט, ווי גרויס זיינען געווען די ידיעות, וואָס שעקספּיר האָט אַרויסגעטראָגן פון דער שול. אמת, אין זיינע ווערק ווייזט ער אַרויס אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט מיט די לאַטיינישע קלאַסיקער. אָבער זיין באַרימטער בן־דור בען דזשאָנסאָן, שעקספּירס קאָנקורענט און אַ ידען פון דער אַלטערטימלעכער ליטעראַטור, פאַרזיכערט, אַז שעקספּיר האָט ווייניק געקענט לאַטיין. פאַראַן אַ השערה, אַז מ׳האָט שעקספּירן אָפּגענומען פון שול אין 1578 יאָר, ווען דעם פאָטערס עסקים זיינען אַוועק שלעכט, און מ׳האָט דעם 14־יאָריקן ווז געדאַרפט האָבן אין שטוב. נאָכדעם, ביז 18 יאָר, ווייסן מיר גאָרניט, וואָס מיט אים קומט פאָר. און דאַן ערשט פון נאָוועמבער 1582 האָבן מיר אַן אָפיציעלן דאָקומענט — די ידיעה וועגן דעם יונגן וויליאַמס חתונה מיט אַננע העסוועי, אַ פערמערס אַ טאָכטער.

צי איז שעקספּיר גליקלעך געווען אין משפחה־לעבן? — די דאָזיקע פראַגע בלייבט ניט קיין פאַרענטפערטע, ווי דאָס רוב פאַקטן פון זיין ביאָגראַפיע. שעקספּירס כּלה איז פאַר אים עלטער געווען מיט אַכט יאָר. אין זיינע ווערק האָט ער ניט איינמאָל פאַרמשפּט די פריצייטיקע חתונות. דאָס און פיל אַנדערע השערות ווייזן, אַז אויף דער פראַגע קאָן מען געבן אַ נעגאַטיוון ענטפער. אינגיכן נאָך דער חתונה איז ביי שעקספּירן געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, און אין צוויי יאָר אַרום אַ צווילינג: אַ זון האַמנעט און אַ טאָכטער יודית. אין דער צווייטער העלפט פון די 80 יאָרן פאָרט שעקספּיר אַרויס קיין לאָנדאָן. מ׳מיינט, אַז דערצו האָט אים געטריבן די נויט פון דער משפחה, וועלכע האָט זיך באַוונדערס געלאָזט פילן ביי דריי קינדער. ס׳קען זיין, אַז שעקספּיר איז אַנטלאָפן פון זיין געבורטשטאָט מחמת די רדיפות פון איינעם אַ טאָמאַס ליוסי, אַ רייכן ערדבאַזיצער און אַ ריכטער. מ׳דערציילט, אַז שעקספּירן האָט מען געכאַפּט אַלס בראַקאָניער אין טאָמאַס ליוסיס וואַלד. טאָמאַס האָט אים באַשטראָפט. שעקספּיר האָט זיך אָן אים דערפאַר נוקם געווען: אָנגעשריבן אויף אים אַ פּאַסקוויל אין פערזן. דער איינפלוסרייכער פריץ איז אויף אים דערפאַר שטאַרק אין כּעס געוואָרן און האָט אים אַזוי גערודפט, אַז שעקספּיר האָט געמוזט פאַרלאָזן סטרעטפאָרד. פון 1587 ביז 1592 האָבן מיר ווידער אַכאָל קיינע ידיעות וועגן אים ניט. וועגן די ערשטע יאָרן פון שעקספּירס לעבן אין לאָנדאָן קאָן מען נאָר משער זיין, אַז ער האָט זיך גענומען, זוכנדיק גליק, פאַר אַלץ, וואָס עס איז געקומען צו דער האַנט, און האָט אין אַ קורצער צייט אַרום באַוויזן אויסצוצייכענען זיך. מ׳זאָגט, אַז ער האָט זיך דאָ פאַרנומען מיט פאַרשיידענע פּראָפעסיעס. ער זאָל האָבן באַשעפטיקט זיך מיט צוהאַלטן די פערד ביי די טירן פון טעאַטער, זיין אַ געהילף ביים רעזשיסער, דינען אין אַ דרוקעריי און אַז. וו. אָבער מערקווירדיק איז דאָס, וואָס דאָס רוב פּראָפעסיעס, מיט וועלכע שעקספּיר האָט זיך לויט דער מסורה פאַרנומען, זיינען פאַרבונדן מיט טעאַטער. דאָס

באַשטעטיקט אין אַ געוויסער מאָס די השערה, אַז שעקספּירן האָט פון סטרעט־פאָרד מיט זיך געגומען אַ טרופּע אַקטיאָרן. פון די נידעריקע שטעלעס הינ־טער די קוליסן גייט שעקספּיר אינגיכן אַריבער צו דער דראַמאַטישער שאַפונג, און בלי ספק האָט ער גיך באַוויזן צו פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אַלס דראַמאַ־טורג. אַז דאָס איז טאַקע אַזוי געווען, באַווייזט אַ אינטערעסאַנטער דאָקומענט, וואָס איז פאַרבליבן פון יענער צייט. דער דאָקומענט איז — די צוואה פון דעמאָלט באַוואוסטן דראַמאַטורג ראָבּערט גרין. ער איז מוהיר די חברים דראַ־מאַטורגן וועגן דער אומדאַנקבאַרקייט פון די אַקטיאָרן און אַ באַליידיקטער און אַ פאַרגעסענער פון זיי שרייבט ער: „יאָ, גלויבט זיי ניט, וואָרעם ביי זיי האָט זיך באַוויזן אַ קראָע, וועלכע האָט זיך אויסגעפּוצט אין אונזערע פעדערן. דער־דאָזיקער אויפגעקומענער באַהאַלט אַ טיגער־האַרץ אונטער דעם מלבוש פון אַן אַקטיאָר. ער האַלט, אַז ער איז פעאיק צו שאַפן דעם ווייסן פערז ניט ערגער, איידער יעדער איינער פון אונז. ווי אַן אמתער כל־בוניק האַלט ער זיך פאַר דעם איינציקן, וואָס רודערט אויף די סצענע (Shakescene)". אונטער דערדאָ־זיקער אויפגעקומענער קראָע דאַרף מען, בלי ספק, פאַרשטיין שעקספּירן. אין דעם אויסדרוק „אַ טיגער־האַרץ אונטער דעם מלבוש פון אַן אַקטיאָר" פּאַראָ־דירט גרין אַ פערז פון שעקספּירס אַ דראַמע. דאָס וואָרט Shakescene (וואָס רודערט אויף די סצענע) איז אַ דייטלעכער וואונק אויף דער פאַמיליע שעקספּיר (Shakespeare — וואָס רודערט מיט דער שפּיז). דערדאָזיקער דאָ־קומענט באַווייזט, אַז דער דאַמאָלט באַרימטער און צום סוף לעבן פאַרביטער־טער גרין האַלט שעקספּירן פאַר דעם שולדיקן אין דעם, וואָס די פּובליק האָט זיך צו אים אָנגעהויבן באַציען גלייכגילטיק. פון דער צווייטער זייט באַווייזט ער אויף שעקספּירס קאָכיקער און פאַרשיידנאַרטיקער טעטיקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען.

שעקספּיר איז געקומען קיין לאָנדאָן אין דעם מערקווירדיקסטן מאָמענט פון דער ענגלישער געשיכטע; דעם 8־טן פעברואַר 1587 יאָר האָט זיך דער אומגליקלעכער מאַריע סטיואַרטס קאָפּ אַראָפּגעקייקלט אויפן עשאַפאָט. דער טויט פון דער לייכטזיניקער שאָטלענדישער קיניגין האָט באַצייכנט די ענד־גילטיקע רעליגיעזע באַפרייאונג פון ענגלאַנד. די קיניגין עליזאַבעט איז גע־וואָרן די פאַרקערפּערונג פון דער נאַציאָנאַלער אידעע. אין אַ יאָר אַרום זיי־נען די שווערע שיפן פון דעם מעכטיקן פלאָט, וואָס עס האָט אַרויסגעשיקט די שטאַרקע קאַטוילישע מלוכה, צעבראָכן געוואָרן פון אַ שטורים לעבן די ניט גאַסטפרייינדלעכע ברעגן פון דער ערשט אויפוואַקסנדיקער גרויסער ענגלישער מלוכה. ענגלאַנד האָט געפייערט דעם נצחון איבער שפּאַניע, וועלכע האָט איר געמוזט אָפּטרעטן די הערשאַפט אויפן ים. צוזאַמען מיט דער שטייגערונג פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם פּאַטריאָטיזם, אַנטוויקלט זיך אויך די פאַרפיינערטע קולטור, וואָס קומט פון איטאַליע. די העכערע געזעלשאַפט רעדט איטאַליעניש, די פראַנטן און די דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט מוזן קענען אויף אויסוויניק די בעסטע ערטער פון דאַנטע, פּעטראַרק, באָקאַטשיאָ. די קיניגין אַליין האָט ליב די איטאַליענישע קונסט,

שיצט די משוררים, וואָס שרייבן סאָנעטן אויף פּעטראַרקעס שטייגער, און אין שעקספּירס צייטן צילט מען אין ענגלאַנד הונדערטער אַזעלכע נאָכמאַכער.

אָבער נאָכמאַכנדיק די איטאַליענישע מנהגים, האָט ענגלאַנד אין איין געביט פון קולטורעלן לעבן דערגרייכט צו אַן אומפאַרגלייכלעכער מדרגה פון אַנטוויקלונג. דערדאָזיקער געביט—די טעאַטראַלע קונסט, איז געווען די נאַציאָנאַלע שאַפונג פון די ענגלענדער גופא. אין שעקספּירס צייטן איז אין ענגלאַנד געווען אַן ערך צוואַנציק טעאַטערס — אַ ציפער, וואָס איז אַפילו פאַר היינטיקע צייטן ניט גאָר קיין געווינלעכע. איינער אַ געלערנטער ס. וואַרשער האָט אויפן סמך פון דאָקומענטן אויפגעשטעלט דאָס בילד פון דעמאָלטיקן טעאַטראַלן לעבן. דאָס דאָזיקע בילד גיט אונז די מעגלעכקייט קלאָר צו מאַכן די ראָלע, וועלכע דער טעאַטער האָט געשפּילט אין לאָנדאָנער לעבן, און אויפצושטעלן די פּסיכאָלאָגיע פון די צוויי הויפּט-עלעמענטן פון טעאַטער—די אַרטיסטן און דאָס פּובליקום. דעם היינטיקן טעאַטראַלן באַזוכער איז זיך שווער פאָרצושטעלן, ווי ווייניק עס האָט געפאָדערט דער טעאַטראַלער באַזוכער פון שעקספּירס עפּאָכע. אויף אַ ברייטן זומפּיקן פּלאַץ, ביים סאַמע ברעג טעמזע שטייט אַ הויכער גראָבער זעקסקאַנטיקער טורעם, טיילווייז פון קלעצער, טיילווייז פון ברעטער צונויפגעקלאַפּט. צו דער הויך גייט ער וואָס ווייטער אַלץ שמעלער, און שטעלט אַזוי אַרום פאָר אַן אָפּגעהאַקטע פּיראַמידע. דער טורעם איז ניט געענדיקט. אַרום דעם טורעם איז אַ שטינקעדיקע קאַנאַווע, און איבער זיי גליטשיקע פון קויט בריקלעך. ווער עס האָט געזען די רייכע אַריינגאַנגען פון היינטיקע טעאַטערן, באַלויכטענע מיט עלעקטרע, ווער עס האָט געזען, אין וואָס פאַר אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג עס פאָרן צו זיי צו עקיפּאַזשן און גייען פוסגייער, יענעם וועט שווער זיין פאָרצושטעלן זיך, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער דעמאָלדיקער שמוציקער הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג. מיט דריי שעה פריער, איידער עס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן די שפּיל, איז שוין דער פּלאַץ געווען פאַרפּלייצט מיט עולם. אַ שטופּעניש און אומאָרדענונג, מען זינקט אין זומפּ, מע פּאַלט, מע זידלט זיך און מע רייסט זיך אַלץ פאָראויס און פאָראויס, מ'איילט זיך פאַרצאָלן די פאָר גראָשן און אַריינגיין אין די ברייטע טויערן פון דעם גאַסטפריינדלעכן „גלאָבוס" (אַזוי האָט געהייסן איינער פון די ערשטע לאָנדאָנער טעאַטערן אין שעקספּירס צייטן). דאָס איז געווען דער אויסערלעכער אויסזען פון טעאַטער. ניט בעסער איז געווען אויך אינעווייניק. די פּובליק האָט זיך געטיילט אויף צוויי טיילן. די פּשוטע, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּאַרטער, און די געווילטע, וועלכע האָט זיך צעלייגט פּשוט אויף דער סצענע. דעם טומל און די אומאָרדענונג איז שווער פאָרצושטעלן. אין פּאַרטער זיינען אַלע געשטאַנען טאַקע אויף דער ערד גופא אונטערן פרייען הימל און זיי האָט געדראָט די סכנה איבערצוטראָגן אַלערליי צופעליקייטן פון דעם ניט געשטעלטן לאָנדאָנער וועטער. אַלע האָבן פריילעך געשמועסט, דורכגעוואָרפן זיך מיט זידל-ווערטער, געקנאַקט ניסלעך, געגעסן פּאָמאַראַנצן און עפּל, געטרונקען ביר. מענטשן בעל-תכליתים, וואָס זיינען אַהער געקומען נאָך פון דער

פרי און האָבן דעריבער פאַרכאַפּט אַן אָרט פון פּאַרנט. האָבן מיט זיך גע־בראַכט דעם מיטאָג און אים טאַקע דאָ גופא געגעסן. יעדע רגע לאָזן זיך הערן אומרואיקע געשרייען. עמיצן האָט מען צוגעשטיקט. עמיצן האָט מען געוואָרפן, ערגעץ האָבן זיך צוויי״ען צעשלאָגן פאַר אַן אָרט. די באָקס־ליב־האָבער שטעלן זיך אויף דעם אָדער יענעמס צד. עס הייבט זיך אָן אַ גע־שלעג.

ניט בעסער האַלט זיך די רייכע פּובליק אויף דער סצענע. דאָרט זיצט מען אויף בענק און אויף בענקלעך. די פּאַרשפּעקטיקטע ציען זיך אויס אויף ראָגאָזשעס. ביי די זייטן סצענע, סאַמע ביי דער וואַנט שטייען עטלעכע וועגנטלעך פון ברעטער — דאָס זיינען לאָזשעס פאַר דאַמען. די פּובליק אויף דער סצענע פאַרברענגט די צייט אויף איר שטייגער. מען שפּילט אין קאָרטן אין טריק טראַק, מע רויכערט, מע וויצלט זיך, פון צייט צו צייט הייבט מען אויף דעם פאָרהאַנג און מען כאַפּט אַ זידל טאָן זיך מיטן פּאַרטער, מיט וועלכן די סצענע־פּובליק לעבט שוין פון אייביק אָן אין שנאה. פון ביידע זייטן הערן זיך די גרעסטע זלזולים און עפּאָטן, עס פליען שטעקנס, אַרומגע־גריזעטע ביינער, און אפילו שטיינער. די דאַמען קומען צו זיך אין די לאָ־זשעס אין מאַסקעס—דאָס איז ניט קיין איבעריקע פאָרזיכטיקייט, באַזונדערס אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג פון אַ נייער פּיעסע. די ליטעראַרישע מנהגים זיינען געווען אַזעלכע, אַז די צניעות פון דער פּרוויענצימער קאָן לייכט אויסקומען בייצושטיין ניט קיין אָנגענעמען נסיון. אַגב קאָן דעם פּאַרטער אויך אַמאָל זיך פאַרוועלן עפּעס וואָס אַ שליידער טאָן אין אַ לאָזשע.

דאָס איז געווען די פּובליק. לאָמיר איצט זען, ווי איז געווען די סצע־נישע אויסשטאַטונג. הייַנטיקער טעאַטער־באַזוכער וועט מוזן שטאַרק אָנשטרענ־גען דעם כוח הדמיון, כדי פאָרצושטעלן זיך איר גאַנצע אָרעמקייט.

ביסלעכווייז, — דערציילט וואַרשער—באַווייזן זיך סימנים, אַז די פאָר־שטעלונג איז שוין נאָענט. אָט האָט אַ משרת אַרויסגעטראָגן און צוגעשפּילעט אויף דעם פאָרהאַנג אַנטקעגן די צושויער אַ ברעטל מיט דער אויפשריפט „לאָנדאָן”. איצט ווייס די פּובליק דאָס אָרט, וואו די אַקציע קומט פאָר. אַנ־דערע באַדינער הענגען אויס אויף די ווענט פון דער סצענע טעפּיכער, צעפּען צו זיי צו שוואַרצע פּירקאַנטיקע קאַרטאָנען מיט צוויי איבערגעקרייצטע ווייסע פאַסן—דאָס זיינען פענסטער. אַלץ צוזאַמען דאַרף באַצייכענען, אַז די אַקציע קומט פאָר אין אַ הויז, אין צימער. טיף אויף דער סצענע לעבן דער הינטער־שטער וואַנט איז עפּעס אַ קליינע דערהעכערונג, פאַרשטעלט מיט אַ באַזונדער פאָרהאַנג. דאָס איז, וואָס איר ווילט — בערג, אַ באַלקאָן, אַ שיפדעק, אַ דאַך, — ס׳ווענדט זיך אָן דעם, וואָס עס פאָדערט זיך. דאָ קומט פאָר די באַרימטע סצענע אויפן באַלקאָן צווישן ראָמעאָ און זשוליעטאַ. דאָ איז אויך מאַקבעטס שלאָס, און דער קיניג דענקאַן, אָפּעפּענענדיק כלומרשט די פענסטער, אָטעמט דאָ די פרישע לופט פון שאָטלאַנד. דאָ ווערט אויך אָוועקגעשטעלט דעזדע־מאָנאַס בעט און דער אייפערזיכטיקער אָטעלאָ טויט דאָ דעזדעמאָנען. צווישן די טעפּיכער געפינען זיך טירן פון קאַרטאָן, אין ווינקל אַ חופּה אויך

פון קאַרטאָן. מעגלעך, אַז זי וועט צוניץ קומען, אויב אויף דער סצענע וועט דאַרפן אַרויסטרעטן אַ קיניג. ביי די זייטן זיינען צונויפגעלייגט נאָך עטלעכע קאַרטאָנען. אויף איינעם איז אויסגעמאָלט אַ בוים, — דאָס איז אַ וואַלד, אָדער אַ גאָרטן; אויף דעם צווייטן — אַ צלם, אָדער אַ מצבה: דאָס איז דער אינעווייניק פון אַ קלויסטער אָדער אַ בית-עלמין. קיין צימערן פאַר די אַקטיאָרן זיינען ניטאָ. ווען אַן אַקטיאָר דאַרף זיך איבערטאָן, באַהאַלט ער זיך הינטער די פאָרהאַנגען. אַקטריסעס זיינען אין שעקספירס צייטן לגמרי ניט געווען, און אַלע פרויענראָלן פלעגן אויסגעפירט ווערן דורך יונגע בחורימלעך, וואָס זיינען געווען ענלעך אויף מיידלעך. די אידעאַלע פרויענראָלעס פון אָפעליע, דעזדעמאָנע, קאָרדעליע און אימאָדזשענע האָבן באַשאַפן מאַנסביל.

ניט געקוקט אויף דער ניט פולקומער אינסצענירונג און אויף דער אויסערלעכער אָרעמקייט, האָט מען אפשר קיינמאָל צום טעאַטער ניט באַצויגן זיך אַזוי ערנסט, און ס'איז אפשר קיינמאָל זיין ראָליע ניט געווען אַזאַ וויכטיקע, ווי אין יענער עפּאָכע אין לאָנדאָן. די חסרונות פון דער אינסצענירונג איז געוואָרן דערגאַנצט דורך דער פאַנטאַזיע פונם המון. די פובליק איז געקומען ניט קריטיקירן, נאָר אָפּגעבן זיך דער אילוזיע. „זעט, — זאָגט איינער פון יענעם דור, — אַט זיינען דריי דאַמען אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן און אָנרייסן בלומען: איר שטעלט זיך געוויס פאָר אַ גאָרטן אויף דער סצענע, אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום דערהערט איר דאָ אַ שמועס וועגן אַ שיף-קאַטאַסטראָפע און איר וועט זיין צו חרפה און צו שאַנד, אויב איר וועט זיך ניט פאָרשטעלן פעלזן און אַ ים". ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די שפּיל, אַזוי האָבן זיך די אַלע באַשריבענע סצענעס, די געשלעגן און די שמועסן תיכף איבערגעריסן און די פובליקע האָט אויפמערקזאַם געהערט. דער טעאַטער איז ניט געווען קיין אָרט, וואו מען הוליעט. דאָס איז געווען אַן אָרט פון פאָלקס-פאַרזאַמלונגען, דאָס איז געווען אַ קלוב, וואו עס איז געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג.

דאָס האָט שעקספיר דערוויסט אין דער ענגלישער הויפּטשטאָט, ווען ער איז געקומען צו פאָרן קיין לאָנדאָן. דער געניאַלער יונגערמאַן האָט אָנגעווענדט זיינע כוחות אויף דעם וועג, וואָס האָט פאַר אים געעפנט די גרעסטע רחבות פאַר טעטיקייט. אין 1593 יאָר באַגעגענען מיר ווידער דעם פּאָעט: ער גיט אַרויס זיין פּאָעמע ו ע נ ע ר ע און אַ ד אָ נ י ס, וועלכע ער ווידמעט זיין פריינד און שיצער לאָרד סוטהאַמפּטאָן. וואָס פאַר אַ הויכן אָרט ער האָט פאַרנומען דעמאָלט אין דער טרופּע פון דעם באַרימטן אַקטיאָר באָרבעדזש, זעען מיר דערפון, וואָס אין איינעם אַן אָפיציעלן דאָקומענט שטייט זיין נאָמען אין איין ריי מיט דעם נאָמען פון באָרבעדזשאָ זעלבסט, דעם גרינדער און דעם דירעקטאָר פון דער טרופּע. אין 1594 יאָר גיט שעקספיר אַרויס אַן אַנדער פּאָעמע ל ו ק ר ע צ י ע; ער ווידמעט זי אַלץ דערזעלבער פּערזאָן. וועגן דעם פּעריאָד, וואָס נאָך דעם, ווייסן מיר ווייניקער. צו אונז איז נאָר דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין 1596 י. איז געשען אַן אומגליק אין זיין משפחה: זיין איינציקער זון האַמנעט איז געשטאָרבן צוועלף יאָר אַלט. ניט געקוקט אויף די

קנאַפּע ידיעות, וואָס מיר האָבן, קאָנען מיר כמעט אויף זיכער זאָגן, אַז צום סוף יאָרהונדערט איז שוין שעקספּיר אַ באַרימטער דראַמאַטישער שריפטשטעלער, אַ רייכער און „אַן איינפלוסרייכער מענטש. אין 1609 פאָרט שעקספּיר, האָבנדיק אַ פאַרמעגן, ענדגילטיק אַרויס קיין סטרעטפאָרט, וואו ער האָט שוין אַ היבשן אומבאַוועגלעכן אייגנטום. איבעריקנס, די באַציאונגען מיט לאָנדאָן רייסט ער ניט איבער. שעקספּיר איז געשטאָרבן אין 1616 יאָר, אין איין יאָר מיט סערוואַנטעסן. זיין קערפּער איז באַהאַלטן אונטער דעם אַלטאַר אין סטרעטפאָרטער קלויסטער אין נאָמען פון דער הייליקער דרייאייניקייט. אַזאַ כבוד האָט די שטאָט אָנגעטאָן שעקספּירן אַלס אַ רייכן און איינפלוסרייכן אָרטיקן אייגנטימער, און אויף זיין מצבה איז מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן שעקספּירס אומשטערבלעכע ליטעראַרישע פאַרדינסטן. ערשט שפּעטער האָבן די קומענדיקע דורות אָפּגעשאַצט זייער גרויסן מיטבירגער און אויף אַ געהעריקן אופן באַפּוצט זיין קבר. סטרעטפאָרד איז איצט פאַרוואַנדלט אין אַ שעקספּיר-מוזיי. אַלץ דערמאָנט דאָרט שעקספּירן, די נעמען פון די גאַסן. דער שעקספּיר-טעאַטער, די שעקספּיר-ביבליאָטעק, וואָס געפינט זיך אין זיין הויז. די אַכטונג צו זיין נאָמען דערגייט אַזוי ווייט, אַז דער גאָרטן לעבן שטוב איז פול מיט בלומען און ביימער, וועלכע ווערן דערמאָנט אין שעקספּירס דראַמען. אַפילו אין גאַסטהויז, וואו עס שטעלן זיך געוויינלעך אָפּ די טוריסטן, טראָגן די צימערן די נעמען פון שעקספּירס דראַמען: „אָטעלאָ", „אַ חלום אין אַ זומער-נאַכט". אין דער שול, וואו שעקספּיר האָט זיך געלערנט, באַווייזט מען נאָך עד היום אַ צעגעסענע פון ווערים פאַרטע, אויף וועלכער דער פּאָעט איז געזעסן. דער קלויסטער פון דער הייליק. דרייאייניקייט, וואו ער איז באַהאַלטן, איז אַ שיינער בנין אין געשמאַק פון רענעסאַנס. אויף שעקספּירס מצבה איז ניטאָ קיין נאָמען, נאָר אויסגעקריצט אַן אויפשריפט, וועלכע איז לויט דער מסורה פאַרפאַסט פון שעקספּירן אַליין: „גוטער פריינד, ווער דו זאָלסט ניט זיין, אין קריסטוסעס נאָמען שטער ניט דעם שטויב פון דעם, וואָס רוט דאָ. געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס וועט שאַנעווען דידאָזיקע מצבה, און פאַרשאָלטן זאָל זיין, ווער עס וועט באַאומרואיקן מיין קערפּער".

די שטימונג, וואָס שעקספּיר האָט דערוויסט ביי דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט, האָט לכתחילה אויך באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זיין שאַפונג. אין יענער עפּאָכע, ווען די ראָליע פון דעם טעאַטער איז געווען אַזאַ גרויסע, ווען די סצענע האָט געדאַרפט באַפרידיקן די פאָדערונגען פון דער געזעלשאַפט, און דער טעאַטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישן קלוב, אין יענער עפּאָכע האָט דער אינהאַלט פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור אויך געמוזט באַשטימט ווערן דורך דער געזעלשאַפטלעכער שטימונג. די פאַרשטאַרקונג פון פּאַטריאָטישע געפילן — דאָס איז געווען דער היסטאָרישער מאָמענט, אין וועלכן עס פאַלט אויס דער אָנהויב פון שעקספּירס ליטעראַרישער טעטיקייט. סאַר אַן אומגעוויינלעכע געהויבנקייט פון גייסט עס האָט געהערשט אין פאָלק, זעט מען פון פאָלגנדיקן פאַקט: בשעת די רעגירונג האָט מחמת דער אָסכנה, ווס האָט געדראָהט מצד שפּאַניע, געפאָדערט פון לאָנדאָן פופצן שיפן

צו הילף, האָט די שטאָט אויסגעריכט גאַנצע דרייסיק. אויסער דעם האָט זי נאָך אַרויסגעשטעלט דרייסיק טויזנט חייל פוסגייער און פאָרגעלייגט דער רעגירונג אַ הלוואה פון צוויי און פופציק טויזנט פונט. אין אַזעלכע מאָמענטן, ווען אַ גרויס פאָלק לעבט איבער אַ גרויסע סכנה, וואַכן אויף אַלע נאַציאָנאַלע אינסטינקטן, דער ערוואַכטער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין ווייזט זיך אַרויס ניט נאָר אין דער גרייטקייט אויף מאַטעריעלע קרבנות, נאָר אויך דערין, צו ערקלערן די גייסטיקע באַדייטונג פון דעם פאָלק, דערווייזן די היסטאָרישע רעכט פון דער נאַציע אויף אַ גרויסער ראָלע, אויף זעלבשטענדיקע אַנטוויקלונג. שעקספּירס דראַמאַטישע כראָניקעס האָבן ערשיינט אַלס ענטפער אויף דיזאָזיקע שטרעבונגען. ענגלאַנדס עבר האָט געגעבן אַ גרויסע רחבות פאַר לירישן השתפכות הנפש אין פאַטריאָטישן גייסט. אין די כראָניקעס האָט שעקספּיר אַרויסגעפירט די העלדן פון ענגלאַנדס עבר, אויסגעמאָלט דעם פּראָצעס, ווי אַזוי ענגלאַנד האָט דערגרייכט צו איר הויכער מדרגה.

אינגאַנצן האָט שעקספּיר זיבן דראַמאַטישע כראָניקעס. די צייט, ווען זיי האָבן ערשיינט, איז אויף ריכטיק ניט פעסטגעשטעלט. ס'איז אָבער קיין ספק ניטאָ, אַז דיזאָזיקע אַלע דראַמען, אויסער די איינציקע היינריך דער VIII (וואָס מ'רעכנט, אַז זי געהערט ניט שעקספּירן), זיינען ערשינען אין משך פון די צען יאָר נאָך דער מפלה פון שפּאַניע — אין יענעם פּעריאָד, ווען די ענגלישע נאַציאָנאַלע גאווה האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. אין דיזאָזיקע פּיעסן זיינען אויסגעמאָלט די זעקס גרעסטע און העלסטע פּאָרטרעטן פון די ענגלישע קיניגן. דאַודען צעטיילט זיי אויף צוויי גרופּעס: איינע שטעלט פאָר מיט זיך עטיודן פון קיניגלעכער שוואַכקייט, די צווייטע — עטיודן פון קיניגלעכער שטאַרקייט. אין איין גרופּע געפינען מיר די קיניגן: דזשאָן, ריטשאַרד II און היינריך VI, אין דער צווייטער — היינריך IV, היינריך V און ריטשאַרד דער III. דזשאָן איז אַ געקרוינטער פאַרברעכער, אַ שוואַכער אין זיין פאַרברעכערישקייט. היינריך דער VI אַ געקרוינטער הייליקער, אַ שוואַכער אין זיין הייליקייט. די שוואַכקייט פון ריטשאַרד II לאָזט זיך ניט כאַראַקטעריזירן מיט איין וואָרט, ער איז אַ גראַציעזער סענטימענטאַלער מאָנאַרך. אין דער צווייטער גרופּע איז היינריך IV, דער טראָנרויבער; ער איז שטאַרק מיט זיין לעבעדיקן קענען באַהערשן די אומשטענדן, מיט זיין אַנטשלאָסנקייט און זיין דרייסטקייט. די קראַפט פון היינריך V איז די קראַפט פון פשוטער העלדישער גרויסקייט, אַ געזונטע און אַ פעסטע, אַזעלכע, וואָס שטיצט זיך אויף אייביקע אמתן. אין אַלגעמיין מאַכן שעקספּירס היסטאָרישע דראַמעס אַ שוואַכן און טריבן איינדרוק: פון זיי אָטעמט מיט רציחה, בגידה, בלוט. דאָס איז די ריכטיקע פאַרשייטקייט פון די מיטלאַלטערישע תאוות און אַכזריות.

אָבער ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זיינען ניט די טיפּן פון די קיניגן און לאָרדן, וואָס שעקספּיר פירט אַרויס, ווי פינסטער עס זיינען ניט די געשעענישן, וואָס ווערן געמאָלט אין די דראַמען, — גייט דאָך די הייסע ליבע צו דער אייגענער ענגלאַנד ווי אַ רויטער פאָדים אַדורך איבער אַלע פּיעסן. דער קיניג



וויליאַם שעקספּיר

דזשאָן פאַרענדיקט זיך מיט פּאָלגנדיקע שטאָלצע רייד, וועלכע קלינגען ווי אַ הימן צו דער פאַרפעסטיקטער דערהויבנקייט פון ענגלאַנד:

בריטאַניע וועט איר קאָפּ ניט בויגן
פאַר דעם שונא, כּל זמן זי ט'ביט באַגעגענען קיין פיינט
אין זיך אליין...
זאָל דאָס אומגליק פון דריי זייטן אָנקומען אויף אונז —
מיר'ן קענען געבן אים אַ פעסטן ווידערשטאַנד.
ווען אַנטקעגן אומגליק גייט אַרויס געמיינשאַפט —
וואָס־זשע האָבן מ'ר דאָן מורא?

דיזעלבע ליבע צום פאַטערלאַנד קלינגט אויך אין די ווערטער פון אַ צווייטן העלד — דעם הערצאָג פון נאָרפאָלק, וועלכער איז געווען אַוועקגעשיקט אין גלות (קיניג ריטשאַרד II): „אַ שווערער גלות אין דער פרעמדער ברייטער וועלט. איצט וועל איך מוזן פאַרגעסן די שפּראַך, וואָס איך האָב מיך געלערנט פערציק יאָר... זיי געגריסט, מיין לאַנד; דיך פאַרלאָרן, פאַרלירן מיינע אויגן די שיין פאַר דעם חושך פון פרעמדער נאַכט".

אָבער געבונדן מיט זיינע קוועלן, אָפּגעגעבן דאָס איריקע דער שטימונג פון דער צייט, באַווייזט זיך שוין שעקספּיר פאַר אונז אָפּילו אין די היסטאָרישע כראָניקעס מיט די גרונטשטריכן פון זיינע גרעסטע ווערק. ער־טערוויז ערשיינט ער ווי אַ גרויסער פּסיכאָלאָג, אַ געניאַלער קענער פון מענטשנס האַרצן, פון דעם מענטשנס נשמה, אַ גרויסער מאָראַליסט. באַשאַפנדיק דעם מערקווירדיקן מאָנומענט פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע פון ענגלאַנד, האָט ער זיך ביסלעכווייז פאַרטיפט אין דער אינערלעכער וועלט פון דעם מענטשן, אים הייבן אָן צו אינטערעסירן די אַלמענטשלעכע ליידנשאַפטן, און פון פּיעסן, וואָס זיינען אָנגעשריבן אין עפּישן סטיל, גייט דער פּאָעט אַריבער צו טראַגעדיעס פון כאַראַקטאָרן. צוליב דער כאַראַקטעריסטיק פון שעקספּירס דראַמאַטישע כראָניקעס וועלן מיר גענויער באַטראַכטן ריטשאַרד III, וועלכע שטעלט מיט זיך פאַר דעם איבערגאַנג פון כראָניקעס, ווי דער קיניג דזשאָן, צו מאַקבעט און אָטעלאָ. ריטשאַרד III, וועלכער איז אָנגעשריבן אַרום 1596 יאָר, איז די בולטסטע פון שעקספּירס דראַמאַטישע כראָניקעס. אין איר שטייגט דער פּסיכאָלאָגישער און מאָראַלישער אינטערעס אַריבער דעם היסטאָרישן.

דער סוזשעט אין ס'רוב שעקספּירס טראַגעדיעס איז גענומען פון פאַרשיידענע כראָניקעס און לעבנסבאַשרייבונגען. אַזוי האָט שעקספּיר אויך דעם סוזשעט פון ריטשאַרד III גענומען פון אַ כראָניקע, וואָס איז אין יענער צייט געווען באַרימט. אָבער ווי אין ס'רוב ווערק זיינע, האָט זיך שעקספּיר צו דער קוועלע באַצויגן מיט פולקומער קינסטלערישער זעלבשטענדיקייט. און איבערנעמענדיק פון דער קוועלע די אויסערלעכע פאַקטן, האָט ער זיי איבער־געאַרבעט אין אַ גאַנצער קינסטלערישער שאַפונג. ניט קוקנדיק אויף אַלע בייזע מעשים, אויף דער גאַנצער פיזישער און מאָראַלישער מיאוסקייט—שטייט דאָך

פאַר אונז אַ מענטש, וואָס באַצויבערט אונז מיט זיין דעמאָגישער קראַפט. געגליכן צו מאַקבעטן, האָט זיך ריטשאַרד געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַקומען די מאַכט. אָבער אויפן וועג צו זיין ציל שטויסט ער זיך אָן אויף אַ גאַנצער ריי מניעות. זיין ברודער, דער קיניג עדואַרד IV, דער צווייטער ברודער געאָרג קלאַרענס, לסוף דעם קיניגס צוויי זין — דער פרינץ פון אועלס עדואַרד און דער הערצאָג פון יאָרק ריטשאַרד—דאָס זיינען די פערזאָנען, וואָס שטייען ריטשאַרד דעם III אין וועג. פריער פאַר אַלץ געלינגט ריטשאַרדן איבערצוצייגן דעם קיניג, ער זאָל טויטן קלאַרענסן. נאָך דעם וואַקסט ריטשאַרדס גלויבן אין זיך אויט אומגעוויינלעך שנעל. נאָר דערמיט קאָן מען ערקלערן די דרייסטקייט, מיט וועלכער ער ווענדט זיך צו לעדי אַננע. דידאָזיקע סצענע, ווען דער הינקעדיקער, מיאוסער ריטשאַרד מיט זיין צויבער און מיט דער קראַפט פון זיין ריידן באַהערשט אַננעס האַרץ, ווען ער, דער רוצח פון איר מאַן און פון איר פאָטער, בייט זי, אַז זי זאָל געבן די הסכמה חתונה צו האָבן מיט אים—געבן די הסכמה ביי דער טרומנע פון דעם מענטשן, וועלכער איז איר טייער—דידאָזיקע סצענע מאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם, אַז פיל קריטיקער קאָנען עד היום ניט אָנערקענען זי פאַר אַ וואָרהאַפטיקע. לויט דער מיינונג פון דעם קריטיקער בראַנדעס, איז שעקספיר גיכער שולדיק אין דעם, וואָס ער האָט אונז ניט צוגעגרייט צו דער דאָזיקער סצענע. אַננע ערשיינט דאָ פאַר דעם צושויער דאָס ערשטע מאָל, און מיר ווייסן ניט, מיט וועמען האָט דאָ ריטשאַרד צו טאָן. זיין נצחון איז אַזוי פיל אַ באַווייז פון דער אינערלעכער קראַפט פון דעם העלד, ווי פון שעקספירס פאַראַכטונג צו דעם טיפ פון אַ פאַסיווער פרוי, וועלכע קאָן ניט אַנטקעגנשטעלן דעם בלינדן געפיל די קראַפט פון פאַרשטאַנד. בראַנדעס טייטשט אַזוי אויס דעם זינען פון דער דאָזיקער סצענע: „שטעל אַנטקעגן זיך אויף די פרויענצימער, פאַרשאַף איר וואַסער בייז דו ווילסט, טויט איר מאַן, נעם ביי איר אָפ די האָפענונג אויף דער קרוין, פיל אָן איר האַרץ מיט שנאה און מיט כעס, אָבער אויב דיר וועט געלינגען בייטן זי, אַז זי זאָל מיינען, אַז אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן, אַלע דיינע פאַרברעכנס—איז געטאָן געוואָרן אויס פלאַמענדיקער ליבע צו איר, כדי צו זיין נעענטער צו איר, און אויב מעגלעך צו באַקומען איר האַנט—דעמאָלט האָסטו מנצח געווען און פריער צי שפעטער וועט זי זיך אונטערגעבן, איר ערנליבע וועט ניט קענען ביישטיין דעם נסיון".

דידאָזיקע סצענע קאָן פאָרקומען אַלס נאַטירלעכע ביי אַ געוויסער אָנשטרענגונג מצד דעם לעזער, ובפרט אַז שעקספיר האָט אין איר איבערגעלאָזן אַ רחבות פאַרן דמיון, אָדער ביי אַ געניאַלער שפיל פון די אַרטיסטן. דער, וואָס פירט אויס די ראָלע פון ריטשאַרד דעם IV, מוז באַזיצן אַ דעמאָנישע קראַפט, כמעט די מאַכט פון אַ היפנאָטיזיאָר. די, וואָס פירט אויס אַננעס ראָלע, דאַרף זיין אַ פערזאָנלאָזיקער ווען, וואָס לאָזט זיך אונטערגעבן דעם היפנאָז.

נאָך זיין נצחון לאַכט ריטשאַרד אויס פון אַננען. זיין גלויבן אין זיך וואַקסט. ווען קלאַרענס שטאַרבט, פאַרשווינדט די וויכטיקסטע מניעה. דער קיניג עדואַרד שטאַרבט אויך. אַ רוצח, אונטערגעקויפט פון ריטשאַרדן, טויט עדואַרדס צוויי זין. ריטשאַרד באַגעגנט מער ניט קיין מניעות. פון ערפאָלג, פאַרדרייט זיך

ביי אים דער קאָפּ. זיין געטרייער דינער, דער הערצאָג בוקענהאַם, גרייט אַלץ צו, אַז ריטשאַרד זאָל אויסגעוויילט ווערן פאַר אַ קיניג. ריטשאַרד ענדערט זיך גלייך, ווערט אַ גוטער, אַ מילדער, פאַרשיט אַלעמען מיט הבטחות. די סצענע, וואו די בירגער קומען בעטן ריטשאַרדן, ער זאָל ווערן קיניג, און וואו ריטשאַרד זאָגט זיך כּלומרשט אָפּ, דערמאָנט די באַוואוסטע סצענע פון פּושקינס באָריס גאָדונאָוו. אין דעם מאָמענט, ווען ריטשאַרד האָט, דוכט זיך, שוין דערגרייכט זיין ציל, זעצט זיך איינער פון דעם קיניג עדוואַרדס קרובים, ריטשמאָנד, אַרויס אויפן ענגלישן ברעג מיט חייל. עס קומט פאַר אַ שלאַכט, און ריטשמאָנד איז מנצח; ריטשאַרד אַליין פאַלט אין שלאַכט. פאַר דער שלאַכט מאַטערן ריטשאַרדן די גאַנצע נאַכט געשפּענסטער. זעענדיק, אַז דער גאַנצער אויפטו זיינער גייט פאַרלאָרן, זאָגט זיך ריטשאַרד אָפּ צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, און ער פאַלט צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער.

אין ריטשאַרדס פּערזאָן איז אַרויסגעפירט איינער פון יענע העלדן, ביי וועלכע די נאַטור האָט אָפּגערויבט אייניקע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען אַ נויטיקער באַדינג פאַר דער מעגלעכקייט פון גליקלעכער עקזיסטענץ, נאָר זיי האָבן אָנשטאָט דעם אָנגעוויינדעט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זייערע צו אַנטוויקלען די איבעריקע פעאיקייטן זייערע. דאָס, וואָס ער איז געווען אַ מיאוסקייט, האָט ריטשאַרדן אַרויסגעשליידערט פון מאַלצייט-טיש פון לעבן, דערפאַר איז ער אָבער באַשאָנקען מיט שׂכל, מיט אייזערנעם ווילן, און מיט דער הילף פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָט ער זיך איינגענומען ביי דעמדאָזיקן טיש דעם בעסטן אויבן-אָן.

„איך בין מיאוס? — איז דערפאַר וואָס מיר איז ניט געגעבן די מתּנה צו באַצויבערן מענטשן מיט זיך, וואָס איך קאָן מיט מענטשן ניט נעמען קיין אָנטייל אין דער פרייל עכקייט פון דער וועלט — האָב איך באַשלאָסן צו זיין אַ רשע. איך האָב געמאָלדן קריג די פּוסטע מענטשלעכע פריידן"... דער באַוואוסטזיין פון זיין אויסערלעכער מיאוסקייט און אינערלעכער פאַרטרעפליכקייט — דאָס זיינען די צוויי גרונדשטריכן פון ריטשאַרדס וועזן. ער האָט באַשלאָסן זיך מפצה צו זיין פאַר די באַליידיקונגען, וואָס די נאַטור האָט אים באַליידיקט. ריטשאַרד — איז אַ ספּאָרטסמען. אים ציט צו ניט אַזוי די מאַכט גופא, ווי דער קאַמף פאַר איר און דער נצחון אין דעם קאַמף. באַזיגט לעדי אַננעס האַרץ, פרייט ער זיך פריער פאַר אַלץ ניט דערמיט, וואָס ער האָט זיך דערנענטערט צום ציל, נאָר דערמיט, וואָס ער איז פעאיק גובר צו זיין אַזאַ מעכטיקע מניעה. ער, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט גענאַרט בנוגע זיין אויסערלעכקייט, פילט אין זיך שיינקייט און קראַפט. „איך האָב, מעג איך זאָגן, דערגרייכט אַלץ מיט גאָרנישט... איר מאַן איז געווען ערלעך, מוטיק, שיין... איך — אַ הינקעדיקער, אַ פאַרזעעניש, אַ ברוטאַלער — מיר איז גאָרנישט געגעבן... אפשר האָט זי אין מיר דערזען, וואָס איך אַליין קאָן בשום אופן ניט זען? און אפשר בין איך אין אירע אויגן גאָרניט קיין פאַרזעעניש"...

דאָס זיינען ריטשאַרדס צילן, דאָס איז זיין טרייסט, וואָס ער האָט געפונען אין לעבן. און די מיטלען אַנטשפּרעכן דידאָזיקע צילן. ריטשאַרד איז

אָן אמתער דיפּלאָמאַט אין געשמאַק פון מאַקיאַוועלי: דער ציל באַרעכטיקט די
מיטלען — דאָס איז דער הויפּט-דעוויז פון דערדאָזיקער פּאָליטיק. אַכזריות,
פאַלשקייט, בגידה, גיפט און שווערד — דאָס זיינען אַלץ גלייך גוטע געווער,
ווען עס האַנדלט זיך וועגן מלוכה. ריטשאַרד האָט די פּרינציפּן פון דערדאָזיקער
פּאָליטיק גוט אויסגעלערנט, און אַליין זאָגט ער, אַז מאַקיאַוועלי גופא וואָלט
אים מקנא געווען זיין קונסט (איינער פון די אַנאַכראָניזמען, וועלכע באַגעגע-
נען זיך ניט זעלטן ביי שעקספּירן. דאָס בוך דער הערשער, אין וועלכן מאַ-
קיאַוועלי באַשרייבט זיין טעאָריע, איז אַרויס נאָך ריטשאַרדס טויט). אויסער
דער סצענע מיט לעדי אַננע, טרעט ריטשאַרדס פאַלשקייט אַרויס בולטער
ווי אומעטום דאָרט, וואו מען בעט אים ווערן קיניג. די געמאַכטע פרומקייט,
עניוות, די כיטרע אויסרעכענונג, דאָס קענען שפּילן אויף די שוואַכע סטרונעס
פון איינצלנע פּערזאָנען און פון דעם המון, די אַכזריות און די אומדאַנקבאַר-
קייט — דידאָזיקע אייגנשאַפטן העלפן ריטשאַרדן דערגרייכן זיין ציל. ריטשאַרד
וואָלט ניט געווען קיין לעבעדיק בילד, נאָר אַן אַבסטראַקטער סימבאָל, ווען
די אַלע בייזע מידות, וואָס זיינען אין אים צוזאַמענגעקליבן, וואָלטן ניט גע-
מילדערט געוואָרן מיט אייניקע אייגנשאַפטן, וועלכע ציען אונז צו צו דעמ-
דאָזיקן טייוולשן געשטאַלט. איינער פון דידאָזיקע אייגנשאַפטן — דאָס איז אַמין
איינגנטימלעכע וואָרהאַפטיקייט און אויפריכטיקייט זיינע פאַר זיך אַליין. פאַר
אַלעמען לייגט ער, נאָר ניט פאַר זיך אַליין. ער אידעאַליזירט זיך ניט, און
רופט זיך אַליין אָן בייזער מענטש און מיאוסקייט. נאָר מער פאַר אַלץ מאַכט
שלום צווישן אונז מיט ריטשאַרדן די לעצטע סצענע, וואו ער הייבט אָן צו
צאָלן פאַר זיינע חטאים. ער האָט זיך שטענדיק פאַרלאָזן נאָר אויף זיך, ער האָט
ניט געזוכט קיין מיטגעפיל און קיין שטיצע ביי מענטשן, אָבער עס זיינען פאַר-
האַן מאָמענטן, ווען דעם סאַמע שטאָלצן און איינזאַמן מענטשן איז נייטיק צאַרטקייט
און מיטגעפיל. אַזאַ מאָמענט האָט שעקספּיר געגעבן אין דער לעצטער סצענע. די
רגע, ווען דערדאָזיקער אומבאַצווימטער גייסט הייבט אָן צו טרויערן אויף זיין איינ-
זאַמקייט, וואָס קיינער אויף דער וועלט האָט אים ניט ליב; די רגע, ווען עס עפנט
זיך אָפּ דער גאַנצער תהום פון ליידן, וואָס עס האָט איבערגעלעבט דערדאָזיקער
דעמאָניש שטאָלצער מענטש, וואָס האָט זיך געפּייניקט מיט חרטה; ווען די
שרעקלעכע געשפּענסטער האָבן זיך געשטעלט פאַר אים און אַרויסגערופן פון
דער טיפעניש פון זיין נשמה דעם פאַרטויבטן געוויסן; לסוף ריטשאַרדס טויט
גופא, וואו זיין העלדנשאַפט און זיין אייזערנער ווילן ווערן באַלויכטן מיט
דער לעצטער העלער שיין, — דידאָזיקע רגעס מאַכן אין אַ געוויסער מאָס שלום
צווישן צושויער מיט דעמדאָזיקן דעמאָן אין מענטשלעכן געשטאַלט.

אין איין שורה מיט דעם טיפּ פון אַ בייזן מענטשן אויפן קיניגלעכן
טראָן האָט שעקספּיר אַרויסגעשטעלט ריטשמאָנדן, דעם איידעלן הויכמוטיקן
העלד. אין דער צייט, ווען ריטשאַרד אַנטוויקלט פאַר זיין חיל אין דער לעצ-
טער רעדע פאַר דעם גרויסן דועל דעם פּרינציפּ פון עגאָאיזם, איז מבטל דעם
געוויסן און דעם יושר, איז ריטשמאָנדס רעדע געווענדט געווען דווקא צום
געוויסן און צום יושר. „חברים — זאָגט ער, — איך בעט אייך נאָר איינס גע-

דענקען,—אַז דאָ איז אויף אונזער צד גאָט און דער אמת! די תּפילות פון די נשמות פון די אומגליקלעכע און הייליקע וועלן זיך אויפהויבן און אונז באַשיצן!" ריטשאַרדן רופט ריטשמאָנד אָן גאָטס שונא, דעריבער וועט אויף דער זייט פון ריטשאַרדס קעגנער גאָט אַליין קעמפן. אַלס מתנה זאָגט ריטשמאָנד זיין חייל צו אַ "רואיקן שלאָף".

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער האָט ריטשאַרדס רעדע. „די מורא פאַרן געוויסן—דאָס איז אַ פוסטע מעשה פאַר פּחדנים!—זאָגט ער.—נאַראָנים האָבן זי אַרויסגעלאָזן, כּדי צו האַלטן געבונדן די וואַגנדיקע. דער שווערד—דאָס איז אונזער געוויסן. דאָס געווער—אונזער געזעץ!" וועגן גאָט דערמאָנט ריטשאַרד ניט. ער ווייס, אַז גאָט וועט אים ניט זיין קיין חבר אין זיינע עסקים. ער פאַרנאַרט זיינע זעלנער ניט מיט מאָראַלישע מתּנות, ער דערציילט זיי וועגן דעם גשמיותדיקן שאָדן, וואָס ערוואַרט זיי אין פאַל פון מפּלה. דערדאָזיקער דועל פון די צוויי העלדן — דאָס איז אַ דועל פון צוויי פּרינציפּן. דער מאָראַלישער פּרינציפּ איז מנצח, און שעקספּיר ערשיינט אין דער טראַגעדיע ניט נאָר אַלס פּאַטריאָט און מענטשנקענער, נאָר אויך אַלס גרויסער מאָראַליסט.

אַזוי גייט שעקספּיר אַריבער פון ריין היסטאָרישע אויפגאַבן צו זיין אמתן באַרוף—צו באַלייכטן די סאַמע פאַרבאָרגענע זייטן פון מענטשנס נשמה, אויפצודעקן די סאַמע טיפע און קאָמפּליצירטע מענטשלעכע תאוות. אָבער פריער, איידער מיר וועלן צוגיין צו דער כאַראַקטעריסטיק פון זיינע גרעסטע טראַגעדיעס, וועלן מיר אַ בליק טאָן, ווי האָט זיך אין שעקספּירס שאַפונג אָפּגעשפּיגלט דער צווייטער שטראָם פון דער געזעלשאַפטלעכער שטימונג, וואָס שעקספּיר האָט צוזאַמען מיט דער דערהויבונג פון פּאַטריאָטיזם דערוויסט אין לאָנדאָן—דאָס איז די ווירקונג פון דעם פיינעם איטאַליעניש רענעסאַנס.

פאַר ענגלאַנד, וואוהין דער רענעסאַנס איז אַריינגעדרונגען שפּעטער איידער קיין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, זיינען די אַלטערטימלעכע ליטעראַטור און קונסט געווען צונויפגעבונדן מיט דער פאָרשטעלונג וועגן דער איטאַליענישער ליטעראַטור און קונסט. די גאַנצע אַלטערטימלעכע בילדונג פון די ענגלענדער האָט געטראָגן אַ איטאַליענישן שטעמפּל. דער באַרימטער אויטאָר פון די קענטערבערישע דערציילונגען טשאָסער, דער ענגלישער באָקאַטשיאָ, איז שוין אין 1372 געקומען קיין איטאַליע. דאָרט האָט ער אויסגעשטודירט דאַנטעס און באָקאַטשיאָס ווערק. די קענטערבערישע דערציילונגען, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט עכטן הומאָר און מיט רעאַליסקייט פון דעם געמעל, ערשיינען אין ענגלאַנד אַלס דער ערשטער ליכט-שטראַל פון דעם איטאַליענישן פריילעכן און פיינעם רענעסאַנס. דידאָזיקע דערציילונגען זיינען געווען פאַר דער ווייטערדיקער ענגלישער פּאָעזיע ביז אַ געוויסער מאָס דאָסזעלבע, וואָס דאַנטע און פּעטראַרקע זיינען געווען פאַר דער איטאַליענישער, און ניט איינמאָל האָט זיך שעקספּיר באַנוצט אין זיינע ווערק מיט סוזשעטן פון די קענטערבערישע דערציילונגען. צו שעקספּירס צייט, ד. ה. אַן ערך אין דער צווייטער העלפט פון XVI י. ה., האָט זיך די איטאַליענישע ווירקונג אין ענגלאַנד פאַרשטאַרקט. די מאַסע איבערזעצונג-און-נאָכ-

אַמונג־ליטעראַטור באַווייזט, אַז אין ענגלאַנד איז געווען אַ שפע פון גייסטיקע קרעפטן אין שעקספּירס צייטן. די איטאַליענישע שפּראַך ווערט די שפּראַך פון דער העכערער געזעלשאַפט. עליזאַבעט אַליין האָט ליב צו ריידן איטאַליעניש, און בלי ספק האָט שעקספּיר, וועלכער האָט זיך געפונען אין די העכערע ליטעראַרישע קרייזן, אויך געמוזט וויסן די איטאַליענישע שפּראַך. אין 1561 י. איז איבערגעזעצט געוואָרן דעם גראַף קאַסטיליאָנעס בוך, און די פּאָרשריפטן, וואָס דער גראַף האָט אַרויסגעגעבן פאַר די קאַוואַלערן און דאַמען פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, זיינען אָנגענומען געוואָרן פון דער ענגלישער געזעלשאַפט.

שעקספּירס קאָמעדיעס זיינען געווען די אָפּשפּיגלונג פון דערדאָזיקער שטרעמונג, געגליכן דערצו ווי די כראָניקעס זיינע האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס שטייגן פון די פּאַטריאָטישע געפילן. אָבער פּונקט ווי אין די כראָניקעס איז שעקספּיר ניט געווען נאָר אַ געשיכטע־שרייבער, אַזוי האָבן אויך פיל פון זיינע קאָמעדיעס אַ וויכטיקע אַלמענטשלעכע באַדייטונג. שעקספּיר האָט דעם גרעסטן טייל פון זיינע קאָמעדיעס געשריבן אין איין צייט מיט די דראַמאַטישע כראָניקעס. אַ גענויערער אַנאַליז פון איינער פון זיי, פון דער צוועלפטער נאַכט, וועלכע איז ערשינען אַרום יאָר 1600, וועט אונז באַקאַנט מאַכן מיט די גרונטשריכן פון שעקספּירס קאָמעדיעס.

אין דערדאָזיקער, ווי אין גרעסטן טייל אַנדערע שעקספּירס קאָמעדיעס, איז ניט שווער צו געפינען אַלע שטריכן פון איטאַליענישן רענעסאַנס. די ליבע, אַ פיינע, אַדינע — דאָס איז די הויפּט־באַוועגרין פון דערדאָזיקע קאָמעדיע. ליבע — דאָס איז דער געפיל, וועלכער קיניגט איבער אַלע מעשים פון די העלדן. די ליבע ווערט דאָ באַגלייט מיט שאַרפזיניקע און פיינע שמועסן און מיט שיינע שטעכווערטלעך. אַלס מוסטער פאַר דאָס לעצטע קאָן דינען דער דיספּוט צווישן הערצאָג אָרסינאָ און וויאָלע וועגן דער פאַרגלייכלעכער קראַפט פון דער מאַנסבילשער און דער פרויענליבע (אַקט II 30. 4). כדי צו שטויסן זיך, אַז די דאַמע ליבט, מוז מען באַזיצן די גאַנצע קאָמפּליצירטע ליבע־וויסנשאַפט, וועלכע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם רענעסאַנס: אָליוויע מעלדעט דער איבערגעטאָנענער וויאָלען וועגן איר ליבע ניט אָפן, נאָר זי טוט עס דורך דעם רינג, וואָס וויאָלע האָט ביי איר כלומרשט פאַרלאָרן. אָבער די מענטשן פון יענער עפּאָכע האָבן גוט איבערגענומען דעם גראַף קאַסטיליאָנעס תורה, און וויאָלע פאַלט גלייך אויפן שכל, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. די קאָמישע פיגור פון אַנדריי, מיט דעם צעבראָכענעם קאָפּ, וועלכער דערציילט (אַקט V), ווי מ׳האָט אים און דעם סער טאָבי „צעבלוטיקט דעם מוח", דאָס אויסשפּעטן די מאָנאַכן אין דער אַרט ווי דעם נאַרס באַמערקונג, אַז „האָבן אַ נאָמען פאַר אַ גוטן מענטשן און אַ גוטן ווירט איז אַזויפיל ווערט, ווי די פרומקייט פון אַ מאָנאַך" — דאָס זיינען אַלץ אָפּקלאַנגען פון רענעסאַנס מיט זיין פאַראַכטונג צו דער צבועצישער גייסטלעכקייט, מיט זיין אַכטונג צו דעם מענטשנס פיזישער קראַפט און פלינקייט.

דער הויפּט־העלד פון דער קאָמעדיע די צוועלפטע נאַכט איז דער הערצאָג אָרסינאָ. דאָס איז אַן אמתער קאַוואַלער אין געשמאַק פון דעם

גראַף קאַסטיליאָנע. דער הערצאָג איז שאַרפזיניק, פיין. פאַרליבט אין אָליוויען, ניט דערגרייכט קיין קעגנליבע, ליידט ער; אָבער די יסורים האָבן אין זיך ניט קיין טראַגיזם. די העכערע געזעלשאַפט פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע איז געווען צופיל זאַט און פריילעך, אַז זי זאָל קענען טיף פילן די ליידן פון ליבע. די עצם ליידן זיינען באַהויכט מיט אַ ווייכן לאַשטשענדיקן קאָלאָריט, וועלכע שטייען אין שאַרפן קאָנטראַסט צו די פינסטערע פאַרבן פון די כראָניקעס. טרייסט אין זיין ליידן זוכט דער הערצאָג אין מוזיק. ליבע און מוזיק זיינען אומצוטיילבאַר אין דעם הערצאָגס האַרצן. ווען ער פאָדערט לידער, זאָגט ער אַז אים וועט פאַרשטיין יעדער, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט האַרצבענקשאַפט. און וויאָלע באַשטעטיקט דעם הערצאָגס געדאַנק: „דערדאָזיקער ניגון,— זאָגט זי,—וועט געפינען אַן ענטפער, ווי אַן עכאָ, אין יענע פּאַלאַצן, וואו עס שטייט דער טראָן פון דער ליבע״. דער הערצאָג איז איינגעשפּאַרט און פאַרעקשנט אין זיין ליבע. זיין „ליבע ווייס ניט פון קיין ברעגן, און איז אומערזעטלעך, ווי דער אָקעאַן״. אין דער קאָמעדיע איז אַפילו פאַראַן אַ מאָמענט, ווען דער הערצאָג איז אַפנים גרייט צו פאַרענדיקן דעם ענין מיט אַ טראַגישן סוף (אַקט V): ער וויל טויטן וויאָלען. „די נשמה איז רייף געוואָרן פאַר בייז!—רופט ער אויס.—דעם שעפּעלעס טויט דאַרף נקמה נעמען דערפאַר, וואָס דער בייזער שפּאַרבער וויל אַ טייבעלע זיין״. אָבער דאָס איז נאָר אויף איין רגע אויפגעפלאַמט; אין דערדאָזיקער קיניגרייך גליטשן זיך די ליידנשאַפטן איבער דער אויבערפלאַך פון דעם מענטשנס נשמה, און ווען דער גאַנצער ענין ווערט דערקלערט, טראָגט דער הערצאָג גערן אַריבער זיין ליבע פון אָליוויען אויף וויאָלען.

אין אָליוויעס און וויאָלעס פּערזאָנען זיינען אַרויסגעשטעלט צוויי פרויען-טיפּן, וועלכע באַגעגענען זיך אָפטער פאַר אַלץ אין שעקספּירס קאָמעדיעס: איינע ליבן ליידנשאַפטלעך און אַקטיוו, די אַנדערע—טרוימעריש און פּאַסיוו. ד. ערשטע שטרענגען אָן אַלע קרעפטן, כדי צו דערגרייכן קעגנזייטיקע ליבע, און ריידן וועגן זייער געפיל הויך. די צווייטע שווייגן און באַהאַלטן זייער ליידנשאַפט. זיי וואַרטן, ביז די געשעענישן וועלן זיי אַליין קומען צו הילף. „די צייט וועט אַנטשיידן די פראַגע, זאָגט וויאָלע,—פאַר מיר איז עס אַ צו שווערע לאַסט״. וויאָלע ליבט שטיל און מיט ענוות. זי ווייס וועגן דעם הערצאָגס ליבע צו אָליוויען און שטיצט אים אויפריכטיק, שטעלנדיק העכער דאָס גליק פון דער פּערזאָן, וועלכע זי ליבט, פאַר איר אייגן גליק. וויאָלע אַליין באַשטימט אַזוי איר טרוימעריש צאַרטע ליבע.

ווען איך וואָלט אייך געליבט, ווי ער...
איך וואָלט לעבן אייך מיר אויסגעבויט אַביידל
פון טרויעריקע ווערבע-צווייגן און אייביק
צו אייך געבעטן. כ׳וואָלט פאַרפאַסט אַ ליד
פון אָפּגעשטויסענער ליבע אין בעזונגען
אין שטילער נאַכט. כ׳וואָלט אייער נאָמען
גערופן פאַר די בערג און פעלזן,

דער עכאָ זאָל מיר אָפּענטפערן הילכיק
„אָליוויע". און צווישן ערד און הימל
וואָלט איך אייך רוען ניט געלאָזט, ביזוואַנען
איך וואָלט אין אייך רחמנות אויפגעוועקט.

די העכסטע מדרגה פון עניוות ווייזט אָליוויע אַרויס, ווען דער הערצאָג דראָט איר מיט טויט, און זי, הגם זי פילט קיין חטא אויף זיך ניט, ענטפערט פונדעסטוועגן: „דער טויט וועט מיר זיין אַ פרייד און אַ טרייסט, וויבאַלד דאָס איז אייך נייטיק פאַר אייער גליק".

פּונקט דער היפך דערפון איז אָליוויעס ליבע. זי פאַרפאָלגט וויאָלען, סטאַרעט זיך מיט אַלע כוחות צו דערגרייכן, אַז דער פאַרקליידעטער פאַזש זאָל זי ליב קריגן, באַנוצט זיך מיט כיטרע שטיק, פאַלשקייט, קוקט ניט אויף דער פרויען־חרפּה, טראָגט איבער דערנידערונג. „ניין! — שרייט זי אויס, —

לייכטער קאָן זיין שולד פאַרהוילן
אַ רשע, איידער, ווער עס ליבט, זיין ליבע.
ווי שטראַלן פון דער פינסטער שיינט אַרויס זיין תאווה.
אָ, ליבער! צליך וואָס הייליקס אויף דער וועלט
פאַרהאַן איז—אומשולדיקייט, אמת, צניעות, —
נעם אַלץ אַלס צייכן פון מיין צאַרטער
אומגליקלעכער ליבע. כ'ליב דיך אַזוי ליידנשאַפטלעך
און טיף, אַז ניט געקוקט אויף דיין אַנטזאָגן
מיר שטרענגן, איז מיין מוח ניט אימשטאַנד
דעם אומרו פון מיין האַרצן צו פאַרהוילן.

אָליוויע באַצייכנט מיט זיך דעם אָנהייב פון אַ נייער באַציאונג צו דער פרוי. זי איז שוין ניט מער קיין געגנשטאַנד פון מיסטישער פאַרגעטערונג, אָדער פון אַסקעטישער מורא. זי איז אַ פרייער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, וואָס שטייט ניט נידעריקער פאַר דעם מאַנסביל (אמת, דערווייל נאָך ערשט אין דער ספערע פון געפיל), אַ שאַרפזיניקע מיטשמועסרין, אַ זעלבשטענדיקער מענטש.

אין אָליוויעס און וויאָלעס כאַראַקטאָרן האָט שעקספּיר אָנגערירט אַל־מענטשלעכע סטרונעס. אָליוויע און וויאָלע—דאָס זיינען פּראָטאָטיפּן פון יענע צאָלרייכע ליבנדיקע פרויען, מיט וועלכע עס זיינען פול די ווערק פון אַלע ליטעראַטורן.

ווען מ'כאַראַקטעריזירט שעקספּירס קאָמעדיעס, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף דער וויכטיקער ראָלע, וואָס אין זיי שפּילן די נאַרן. די נאַרן באַגעג־נען מיר אויך אין אַזעלכע טראַגעדיעס ווי דער קיניג ליר. מיט זייער מויל זאָגט דער פּאָעט אָפט אַרויס זיינע אייגענע געדאַנקען, זיין בליק אויף די געשעענישן און אויף די ווירקנדיקע פּערזאָנען. דער נאַר פאַרבייט אין אַ געוויסער מאָס דעם כאָר פון דער אַלט־גריכישער טראַגעדיע. דער נאַר אין

דער צוועלפטער נאַכט גיט אָפּט ריכטיקע כאַראַקטעריסטיקעס פון די העלדן.

אָט אַ שעלם, וואָס האָט גענוג פאַרשטאַנד
צו זיין אַ נאַר. און אמת אַזאַ איז גאָרניט
אַזוי איינפאַך. זייער שפּיציק מוז ער זיין,
כדי קונציק צו באַמערקן די מאַנירן
פון יענע, וואָס ער טרייבט מיט זיי קאַטאָוועס,—
זייער זעלע, שׂכל, אייגנשאַפטן;
אויך אויסוויילן אַ צייט אַ פּאַסיקע;
ווי אויף דער יאַגד דער פאַלק, באַדאַרף ער
זיין יעדע רגע גרייט אַ לאָז צו טאָן זיך
אויף אַלץ, וואָס פליט אַדורך פאַרביי. אַ שטעל
אַזאַ וואָלט אָפּטמאָל פאַר אַ חכם גאָר
זיין פּאַסיק. זאָגן שפּיציק נאַרישקייטן
איז גאָרניט לייכט אַזוי...

פון דעמדאָזיקן מאָנאָלאָג זעט מען, וויפל שׂכל, טאַקט, כיטרעקייט און פאַרשטאַנד פאַר אַ מענטשלעך האַרץ עס האָט זיך געפאָדערט פון דעם נאַר, וועלכער באַווייזט זיך אַלס פאָרשטייער פון דער אמתער חכמה.

צווישן די איבעריקע כאַראַקטעריסטישע פיגורן האָט שעקספּיר אַרויסגעפירט די פיגור פון מאַלוויאָלאָ. דער שפּאַס, וואָס מען מאַכט מיט אים, בילדעט אַ מין צווייטע אינטריגע, וועלכע אַנטוויקלט זיך פּאַראַלעל מיט דער הויפּטאינטריגע. אין שעקספּירס צייטן האָט מען ניט פריינדלעך זיך באַצויגן צו די אַזוי גערופענע פּוריטאַנער. אין יסוד פון דעראָזיקער סעקטע זיינען געלעגן וואוילע שטרעמונגען; די פּוריטאַנער זיינען געשטאַנען אויף אַ רעליגיעזן באָדן און האָבן אַנטקעגן דער אויסגעלאַסנקייט פון דער ענגלישער געזעלשאַפט אַרויסגעשטעלט איינגעהאַלטנקייט און ריינע מידות. מיהאַלט, אַז אין מאַלוויאָלאָס פּערזאָן האָט שעקספּיר געוואָלט אויסלאַכן די פּוריטאַנישע באַוועגונג. אויב דידאָזיקע השערה איז ריכטיק, איז דאָס נאָר טיילווייז. ריכטיקער איז, אַז שעקספּיר האָט אין מאַלוויאָלאָס פּערזאָן געוואָלט דערנידעריקן די חנופה און די צביעות, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן, ווי ביטער-גראָז אויף דעם באָדן פון פּוריטאַניזם. ס'איז אָבער אַ ספק, צי האָט ער געהאַלטן דידאָזיקע שלעכטע מידות פאַר דעם גרונט פון דער גאַנצער באַוועגונג. מאַלוויאָלאָ איז אַ פיינט פון אַלערליי פאַרגעניגנס און וויצן. ער טראָגט ניט איבער דעם נאַר, און פאַלט אָן אויף טאָבי און מאַריען, הערנדיק זייער געזאַנג. מאַלוויאָלאָ איז אַ שוטה, און אַלע זיינע אַרויסטריטן אַנטקעגן דער פריילעכקייט ווערן צעשלאָגן אָן דעם נאַרס שאַרפזיניקייט, וועלכע שטרייכט אונטער מאַלוויאָלאָס טיפּשות. ווען מאַלוויאָלאָ הייבט אָן, אַדאַנק דעם אונטערגעוואָרפענעם בריוו, צו מיינען, אַז אָליוויע איז אין אים פאַרליבט, דעמאָלט ווייזט זיך זיין צביעות אַרויס אומגעווייגלעך בולט. ער טרוימט וועגן הויכער באַקאַנטשאַפט, וועגן אַ פּראַנטישן קאָסטיום. דער עפּיזאָד מיט מאַלוויאָלאָן, דעראָזיקער פריילעכער

שפּאַס מיט דעם אָנגעבלאָזענעם נאַרישן צבועק, מאַכט נאָך חייכער דעם קאָלאָריט פון דער גאַנצער קאָמעדיע. שעקספּיר ווייזט זיך אין דעמדאָזיקן עפּיזאָד אַרויס אַלס אַפּאָלאָגעט פון פרייליכקייט און גליקלעכקייט, אַלס קעגנער פון געזעלשאַפטלעכן דרוק, ווי אַ פּאַרגייער פון ביירעגען, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן געקעמפט קעגן דעם ענגלישן פּוריזם.

בראַנדעס כאַראַקטעריזירט אַזוי די שטימונג, אין וועלכער שעקספּיר האָט געשריבן די צוועלפטע נאַכט (און דידאָזיקע כאַראַקטעריסטיק קאָן אָנגענומען ווערן צו שעקספּירס אַלע קאָמעדיעס): „עס גיבן טעג, ווען די זון שיינט צו זיין אַ יום-טובדיקע אין איר גלאַנץ, ווען די לופט לאַשטשעט דאָס געזיכט, ווי אַ קוש, און די לבנה-שיין ווייזט אויס אַ טרוימערישע און אַ זיסע. טעג, ווען די מאַנטביל ווייזן אונז אויס מענלעכער און קליגער, פרויען—פיינער און שענער איידער געוויינלעך, און ווען מענטשן, אַפילו אומאָנגענעמע און פּאַרהאַסטע פון אונז, שטעלן זיך אונז פאָר ווי ביט קיין געפערלעכע, נאָר לעכערלעכע, אַזוי אַז מיר פילן זיך אויפגעהויבן העכער איבער אונזער לעבן, גליקלעכע און באַפרייטע".

VIII.

אייביקע סוזשעטן. — דער סוחר פון ווענעדיג. — שיילאָק. — פּאָרציע. — ליבעדראַמעס. — ראָמעאָ און דזשוליעטע. — די אַלמענטשלעכע באַדייטונג פון דער טראַגעדיע. — די טראַגעדיע פון אייפערזוכט. — „אָטעלאָ". — אָטעלאָ און לעאָנט. — דעזדעמאָנע. — יאַגאָ.

ענג פאַרבונדן מיט דער איטאַליענישער השפּעה איז איינע פון די באַרימטע שעקספּירס דראַמעס — דער סוחר פון ווענעדיג, וועלכע איז אָנגעשריבן אינמיטן די ניינציקער יאָרן פון XVI יאָרהונדערט. אויב אַנדערע דראַמעס, אין וועלכע שעקספּיר ווייזט אַרויס באַקאַנטשאַפט מיט איטאַליע, גיבן אַ גרונט צו טראַכטן, אַז דער דראַמאַטורג האָט באַזוכט איטאַליע, דינט דער סוחר פון ווענעדיג, וואו דידאָזיקע באַקאַנטשאַפט ווייזט זיך באַזונדער העל אַרויס, אַלס אַ באַזונדער וויכטיקער באַווייז אין דערדאָזיקער הינזיכט. דער איטאַליענישער קאָלאָריט, וועלכער באַפאַרבט די דראַמע, שטעלט זי אין קרובהשאַפט מיט דער צוועלפטער נאַכט.

מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט צו באַמערקן, אַז עס זיינען פאַרהאַן פראַגן אַזעלכע, צו וועלכע די קינסטלער קערן זיך כסדר אום מיט באַזונדער חשק. זינט די פאָלקס-פאַנטאַזיע האָט באַשאַפן די לעגענדע וועגן דעם מכשף פויסט, איז זעלטן אַ יאָרהונדערט אַריבער, מען זאָל זיך ניט פּרוּוון אַזוי אָדער אַנדערש ווידער באַאַרבעטן דידאָזיקע לעגענדע. אַ צווייטער באַליבטער העלד ביי די פּאָעטן איז דאָן זשואַן, וואָס ציילט העכער הונדערט באַאַרבעטונגען. צו די טיפּן, מיט וועלכע שריפטשטעלער האָבן זיך מיט באַזונדער ליבשאַפט באַשעפטיקט, געהערט אויך דער „ייד", איבער וועלכנס קאָפּ עס הענגען אין משך פון יאָרהונדערטן די פאָראורטיילן פון דער מענטשהייט.

דער בליק, וואָס די עפּאָכע גיט בנוגע צום פאַרשטיין דיזאָזיקע אייביקע טיפן, העלפט אונז קלאָר צו מאַכן די גייסטיקע און מאָראַלישע וועלטאָנשויאונג אירע, אָפּצושאַצן די פאַרשיידענע עפּאָכעס אין קולטור-היניזיכט.

אין דער מיטלאַלטער האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג שרעקלעך געהאַסט די יידן, וועלכע האָבן זיך געמוזט באַשעפטיקן דער עיקר מיט מסחר און מיט וואָכערײַ, און זיינען געניטיט געווען צו נעמען גרויסע פּראָצענטן, ווייל זיי זיינען ניט זיכער געווען, אַז זיי וועלן באַקומען דעם קרן צוריק. דערצו האָט די קאַטוילישע גייסטלעכקייט געוועקט אין דער קריסטלעכער באַפעלקערונג שנאה צו יידן, כדי דורך דעם צו פאַרשטאַרקן אין איר דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם. איין געשיכטע וועגן לודוויג דעם הייליקן באַווייזט אונז, ווי צו יידן האָבן זיך באַצויגן אַפילו די בעסטע מענטשן פון דער עפּאָכע. אין דער שטאָטישער קאַנאַווע, וואוהין עס רינען אַראָפּ אַלערליי שמוץ, איז אום שבת אַריינגעפאַלן אַ ייד. די יידן האָבן ניט געוואָלט מחלל שבת זיין, און מען האָט אים דאָרט געלאָזן ליגן ביז זונטאָג. ווען לודוויק, וועלכער איז באַרימט מיט זיין גוטסקייט און פרומקייט, האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער באַפוילן, מען זאָל דעם יידן אויך אויף מאָרגן ניט אַרויסנעמען פון דער קלאָאַקע, מחמת די יידן, וואָס געדענקען די הייליקייט פון שבת, דאַרפן אויך הייליק האַלטן דעם זונטאָג. דער אומגליקלעכער איז דערווייל ביז מאָנטאָג אין דעם שמוץ דערשטיקט געוואָרן.

עס זיינען אַריבער פינף יאָרהונדערטן זינט דעמדאָזיקן גרויסן אופטו מצד דעם פרומען קיניג, און די ליטעראַטור שטעלט אַרויס אַ נייעם טיפּ פון אַ „יידן", וואָס ער איז דער טרעגער פון די בעסערע שטרעבונגען פון דער מענטשהייט, דער פריידיקער פון יושר און מענטשנליבע. אין 1779 יאָר באַווייזט זיך נאַטאַן דער ווייזע לעסינגס. דער מיטלאַלטערישער בליק, וואָס האָט אין צענטער פון דער יידישער פראַגע געשטעלט די אומטאָלעראַנץ, ווערט געענדערט אין דעם גייסט פון דעם אויפגעקלערט-הומאַניסטישן בליק פון אַכצנטן יאָרהונדערט. דער סולטאַן סאַלאַדין שטעלט דעם יידן נתן די פראַגע, וועלכע פון די דריי אמונות—יידישע, קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע—איז די אמתע. אָנשטאָט אַן ענטפער דערציילט נתן דעם סולטאַן אַזאַ משל: אַמאָל איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ פינגערל, דאָס פינגערל האָט געהאַט די אייגנשאַפט צו מאַכן זיין באַזיצער באַליבט ביי גאָט און ביי לייטן. פאַרן טויט האָט דער מענטש דעם רינג איבערגעלאָזן זיין געליבטסטן זון. אַזוי איז דער רינג געגאַנגען בירושה פון פאָטער צו זון, ביז ער איז אַריינגעפאַלן צו איינעם, וואָס האָט געהאַט דריי זין — אַלע גלייך פון אים געליבטע. ער האָט קיינעם פון זיי ניט געוואָלט באַליידיקן, האָט ער באַשטעלט נאָך צוויי אַזעלכע רינגען און יעדן איינציקן, בשתיקה פון די איבעריקע זין, געגעבן אַ רינג. נאָכן פאָטערס טויט האָבן זיך די זין אָנגעהויבן קריגן — יעדער האָט געזאָגט, אַז ביי אים איז דער אמתער רינג. זיי זיינען אַוועק צום ריכטער. און דער ריכטער האָט געפסקנט: יעדער פון זיי זאָל דערווייזן, אַז זיין רינג איז דער אמתער. דער וועג דערצו איז אמתע גאָטספאַרכטיקייט און מעשים

טובים. ווער עס ווערט באמת זיין געליבט פון גאָט און לייט, יענער איז דער באַזיצער פון אמתן רינג. ס'איז לייכט צו פאַרשטיין דעם מיין פון דער אַלעגאָריע: דער אמת באַשטייט ניט אין דער אָנגעהעריקייט צו דער אָדער יענער אמונה, נאָר אין מאָראַלישער פראַקטישער טעטיקייט. פון שטאַנדפונקט פון דעם שריפטשטעלער פון XVIII יאָרהונדערט, פאַרלירן די רעליגיעזע אונטערשיידן די וויכטיקייט לגבי די אַלמענטשלעכע אינטערעסן. אַזוי האָט יעדע עפּאָכע געלאָזן איר שטעמפל אויף דער אויסטייטשונג פון דער יידישער פראַגע.

ווי זשע האָט זיך צו איר שעקספיר באַצויגן?

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז צווישן אַנדערע וויכטיקע אידעען, וואָס די רענעסאַנס=עפּאָכע האָט אַרויסגעשטעלט, איז איינע פון די ערשטע די אידעע וועגן דעם רעלאַטיוון אמת פון אונזערע אָנשויאונגען. דער מיטלאַלטערישער מענטש האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיינע אָנשויאונגען האָבן אַ רעלאַטיווע באַדייטונג, אַז זיי זיינען אַן אמת נאָר פאַר אַ באַוואוסטער עפּאָכע און פאַר אַ באַוואוסטער סביבה. ער האָט געגלויבט, אַז אַלע אָנשויאונגען ביז אים זיינען געווען דורכאויס אַ טעות, אַז ער ווייס דעם אַבסאָלוטן אמת, אַז זיינע אָנשויאונגען טאָרן קיינמאָל ניט געענדערט ווערן. יעדער, וואָס האָט אַנדערש געדענקט, איז געווען אין זיינע אויגן אַ כופר. פונדאַנען שטאַמט די שרעקלעכע רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ פון דעם מיטלאַלטערישן מענטשן. די רענעסאַנס=עפּאָכע האָט געבראַכט דעם היסטאָרישן זינען, געבראַכט דעם באַוואוסטזיין, אַז דער אמת האָט אַ רעלאַטיווע באַדייטונג, אַז די אַלטערטימלעכע פעלקער האָבן אַנדערש געדענקט, און ס'איז מעגלעך, אַז די שפּעטערדיקע מענטשן וועלן זיך ווידער אַמאָל אויסאַרבעטן אַנדערע שטאַנדפונקטן. דער מענטש פון דער רענעסאַנס=עפּאָכע באַקומט די פעאיקייט צו שטעלן זיך אויף אַ פרעמדן שטאַנדפונקט, אויפדעקן די תנאים, וואָס האָבן אַרויסגערופן די אָדער יענע פסיכאָלאָגיע, די אָדער יענע אידעע, פונדאַנען שטאַמט די גרעסערע טאָלעראַנץ פון דער רענעסאַנס=עפּאָכע.

שיילאָקס פיגור רופט עד היום אַרויס אַ לעבהאַפטן שטרייט אין דער קריטיק. איינע געפינען, אַז שעקספיר האָט אין זיין פּערזאָן געגעבן די נעגאַטיווע זייטן פון יידנטום, אַז ער האָט געוואָלט געבן אַן אויפרייצנדיק געשטאַלט פון דער נאַציע, וועלכע ער אַליין האָט געהאַסט. אַנדערע קריטיקער געפינען, אַז שעקספיר האָט אידעאַליזירט דאָס יידנטום. שעקספיר האָט ניט געטאָן ניט דאָס, ניט יענץ: מיט דער אָביעקטיוויטעט פון אַ געניאַלן האַרצנקענער און קינסטלער האָט ער אַרויסגעפירט אַנטאָניאָ און שיילאָקן און האָט באַוויזן, אויף וואָס פאַר אַ באָדן עס איז אויסגעוואַקסן די שנאה צווישן ביידע העלדן. ווען שעקספיר וואָלט געהאַט אין זינען צו אידעאַליזירן די יידישע נאַציע, וואָלט ער צו דעם ציל ניט אויסגעוויילט אַזאַ אָפּשטויסנדיקע פיגור ווי שיילאָק. אָבער פון דער צווייטער זייט, ווען ער וואָלט אין דעם ס ו ח ר פ ו ן ו ו ע נ ע ד י ג געהאַט בדעה די ספעציעלע אויפגאַבע צו דערנידעריקן די יידישע נאַציע, וואָלט ער ניט באַשאַפן אַזאַ צוציענדיקע געשטאַלט ווי

דזשעסיקע שיילאָקס טאָכטער. ס'איז גענוג אַ ביסל נעענטער צוצוקוקן זיך צו אַנטאָניאָס און צו שיילאָקס כאַראַקטערן, כדי איבערצוצייגן זיך, אַז אַזוי איז עס באמת. אַנטאָניאָ איז אַן ערלעכער פיינער מאַן. ווי נאָר זיין פריינט בעט אים, וואַרפט ער דוקאַטן, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, נאָר ער איז מזהיר, אַז ער איז גרייט צו העלפן מער ניט ווי אין ערלעכע ענינים. ער איז „גרייט — ווי שיילאָק דריקט זיך וועגן אים אויס, — ביי זיין נאַרישער תמימות פאַרלייַען געלט אָן פּראָצענט און אונטערצוגראָבן אין וועגעדיג אונזער יידישע פרנסה”. אָבער דערדאָזיקער ערלעכער מענטש איז אַ זון פון זיין צייט, ער האַסט און פאַרהאַסט די יידן; „ער לעסטערט און זידלט אונזער פאָלק”, — זאָגט שיילאָק. זיין באַגיין זיך מיט שיילאָקן קאָן אין אַ באַדייטנדער מאָס פאַרענטפערן שיילאָקס בייזן נקמה-געפיל. „איר האָט מיך גערופן אומגלויביקער הונט, איר האָט געשפּייט אויף מיין קליידונג, איר פלעגט מיך אָפּטמאָל ווי אַ הונט פון אייער שוועל מיטן פוס אַוועקשטופּן. נאָך אַנומלט האָט איר אויף מיר געשפּיגן און געזידלט אומגלויביקער הונט”. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ באַציאונג אפילו מצד די בעסטע קריסטן האָט געזאָלט אין דעם „יידנס” נשמה אַרויסרופן אַ געפיל פון טיפער שנאה און פאַרביטערטקייט. שיילאָק דערמאָנט אונז אין איין היגזיכט ריטשאַרד דעם III. ביידע זיינען זיי פאַרביטערט און האַסן די מענטשהייט. באַליידיקטע פון גורל אין איין הינזיכט, ווענדן זיי ביידע אָן די קרעפטן צו דערגרייכן יענע צילן, צו וועלכע עס איז פאַר זיי ניט פאַרמידן צו שטערבן. די מאַכטגייציקייט פירט אָן מיט אַלע ריטשאַרדס מעשים. די תאווה צו געלט און עשירות, אַלס אַ מיטל צו קריגן די מאַכט און די מעגלעכקייט נוקם צו זיין זיך אָן די קריסטן — דאָס איז דער גרונדשטריך פון שיילאָקס כאַראַקטער, אָבער ניט אין דעם גרונדשטריך אַליין — אין אַלע דעטאַלן איז שיילאָק אַ טיפּישער ייד פון יענער עפּאָכע, זיין ביבלישע באַלעזנקייט, זיין סומך זיין זיך אויף די אָבות און נביאים, זיין פעאיקייט אַרויסצודרייען זיך פון אַ שווערער לאַגע, די פאָרמעלע איבערגעגעבנקייט צו דער טראַדיציע, די פאָרמעלע באַציאונג צום געזעץ, ביי וועלכן ער שטעלט דעם אות העכער פאַרן גייסט, לסוף זיין ליידנשאַפטלעכקייט, אַרבעטזאַמקייט — דאָס זיינען די שטריכן, וואָס שעקספּיר האָט אַריינגעטאָן אין שיילאָקן, און געגעבן אַ בולטע טיפּישע געשטאַלט פון אַ יידן. אָבער די באַדייטונג פון דעם סוחר פון וועגעדיג, ווי פון אַלע הויפּטווערק שעקספּירס, איז ניט באַגרעניצט מיט דעם מייסטערהאַפטן מאָלן די אָרטיקע און נאַציאָנאַלע שטריכן; דער אַלמענטשלעכער עלעמענט ווערט קלאָר באַצייכנט אין דעם פּריוואַטן אינטערעסנקאַמף. שעקספּיר לייגט אין שיילאָקס מויל אַריין אַזעלכע מאָנאָלאָגן, וועלכע באַווייזן, אַז דער אויטאָר פון האַמלעט זעט דעם תהום פון יסורים, וועלכער לאָזט פון זיך אַרויס דידאָזיקע פאַרביטערטע צעקאַליעטשעטע מענטשן. אין דעם באַוואוסטן מאָנאָלאָג פון דריטן אַקט זאָגט שיילאָק וועגן אַנטאָניאָ: „ער האָט געוואונדעוועט מיין פאָלק, קאַליע געמאַכט מיינע עסקים, מיך צעקריגט מיט מיינע פריינט, אָנגערייצט אויף מיר די שונאים. אָבער פאַרוואָס? דערפאַר וואָס איך בין אַ ייד? צי דען האָט אַ ייד ניט קיין

אויגן, הענט, און אַנדערע איברים? ער האָט ניט קיין געפילן, תאוות, און קיין ליבע? צי דען נערט זיך אַ ייד ניט מיט דערזעלבער שפּייז, וואָס אַ קריסט? ליידט ניט אויף דיזעלבע מחלות? היילט זיך ניט מיט דיזעלבע רפואות? צי דען ניט דאָסזעלבע געווער מאַכט דעם יידן וואונדן? צי דען פילט ער ניט ווינטער קיין קעלט, און זומער קיין היץ, ווי יעדער קריסט? ווען איר פאַרוואונדעט אונז, גייען מיר אויס מיט בלוט. קיצלט איר, לאַכן מיר, דערלאַנגט איר גיפט — שטאַרבן מיר. טאָ ווי-זשע זאָלן מיר ניט נעמען קיין נקמה, ווען איר באַליידיקט אונז? אויב מיר זייַנען צו אײַך געגליכן אין אַלץ, ווילן מיר גלייך זיין אויך אין דערינען. אויב אַ ייד באַליידיקט אַ קריסט, איז זיך יענער נוקם פאַרגעסנדיק גאָר זיין ענוות. טאָ זאָל-זשע דער באַליידיקטער ייד נעמען אַ ביישפּיל פון אים און אויך אַזוי נקמה נעמען. איך וועל טאָן די אַלע נבלות, וואָס איר אַליין האָט מיך אויסגעלערנט, און לאָמיך קיין מזל ניט האָבן, אויב איך וועל מיינע לערער ניט איבערשטייגן".

דערדראָזיקער געשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון שיילאָקס האַרצן — דאָס איז די ערשטע פּראָבע צוצוהערן זיך צו דער שטימע פון דעם פאַרפאָלגטן פאָלק. שעקספּיר האָט זיין העלד ניט אידעאַליזירט, ער האָט ניט געשוינט קיין פאַרבן, כדי צו מאָלן זיינע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, ער האָט אָבער אויך די קריסטן ניט געשוינט. אויפן גרונט פון געזעץ האָבן זיי ביי אים אָפּגענומען אַלץ, וואָס האָט אים צוגעבונדן צום לעבן — אי דאָס געלט, אי די טאָכטער — האָבן אים געשענדעט און באַגזלט, און לסוף אָפּגענומען ביי אים דאָס, וואָס ביי דעם יידן פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע איז געווען דער עיקר פון זיין מהות — זיי האָבן אים געצוווּנגען שמדן זיך, און נאָך דעם ווי זיי האָבן אָפּגעטאָן דידאָזיקע פינסטערע שטיקל אַרבעט, האָבן זיי אָן אים תיכף פאַרגעסן און זיך פאַרנומען מיט ליבע און פּאָעזיע. אַזוי אַרום איז דער סוהר פון ווענעדיג אַ שאַפונג פון אַ גרויסן פּסיכאָלאָג און אַ האַרצנקענער, וואָס האָט אויפגעדעקט די קוואַלן פון ליידנשאַפטן, וואָס האָט אַנטפּלעקט דעם שטאַם און די באַהאַלטענע סיבות פון דעם מענטשנס מעשים. בראַנדעס שטרייכט באַזונדער אונטער דעם פאַקט, וואָס צום סוף פון דער טראַגעדיע איז שוין שיילאָק אויף דער סצענע ניטאָ. דער גלאַנץ פון דער לבנה באַשיינט די גליקלעכע פּאָרן, וועלכע פאַרנעמען קלאַנגען פון באַגייסטערטער מוזיק. אַלץ איז באַגאָסן מיט העלן, פריילעכן ווייך-מאַכנדיקן ליכט פון גרויסאַרטיקן רענעסאַנס. „די לבנה גלאַנצט, — שעפּטשעט לאָרענצאָ צו דזשעסיקען, דעם פאַרגעסענעם שיילאָקס אַנטלאָפענע טאָכטער, וועלכע האָט באַחרפּעט און באַגנבעט איר פאָטער, — אין אַזאַ נאַכט ווי די, ווען דער זעפיר קושט די ביימער, ניט שורשענדיק מיט די גרינע בלעטער, אין אַזאַ נאַכט, רעכן איך, איז טראָאיל מיט אַ זיפץ אַרויף אויף די ווענט פון טראָיע און אַוועקגעפלויגן אין גריכישן לאַגער, וואו די ליבלעכע קרעסידע האָט יענע נאַכט גערוט". — „אין אַזאַ נאַכט איז אומרואיק געגאַנגען טיזבע איבערן טויאיקן גראָז", — ענטפערט דזשעסיקע. „אין אַזאַ נאַכט איז די טרויעריקע דידאָנע מיט אַ ווערבע-צווייג געשטאַנען ביים וויסטן ברעג", זאָגט ווייטער לאָרענצאָ.

צווישן די איבעריקע טיפּן, וואָס זיינען אַרויסגעפירט אין דעם סוחר פון ווענעדיג, ווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פּאָרציע. זעלטן־ווען שעקספּיר האָט מיט אַזאַ ליבשאַפט און קינסטלערישער אָפּגעהיטקייט געמאָלט אַ פרויענטיפּ. פּאָרציעס רייד זיינען פול מיט חכמה. זי שטייט אין פיל הינזיכטן העכער פאַר די אַרומיקע מאַנסביל און פאַר איר חתן באַסאַניאָ. פּאָרציע איז אַ קינד פון איר עפּאָכע. זי איז נאָך ניט יענע זעלבשטענדיקע פרוי, וואָס איר טיפּ האָט זיך אָנגעהויבן אויסשטאַלטן ערשט אין XIX יאָרהונדערט, יענע פרוי, וועלכע שעמט זיך צו זיין אַ צוגאָב צו דעם מאַנסביל. „נעמט, — זאָגט זי צו באַסאָניאָ, — אַלץ, וואָס איר זעט אַרום. ביז איצט בין איך געווען אַ גאַנצע קייזערין איבער זיך, איבערן הויז און איבער אַלץ. דאָס אַלץ מיט מיר אַ צוגאָב געהערט איצט צו אייך“. אַזוי איז נאָך פּאָרציע אַן אונטערטעניקער וועזן. אָבער שעקספּיר האָט אין איר אַריינגעלייגט אַזוי פיל חכמה, זעלבשטענדיקייט און אַנטשיידנקייט, אַז זי ווערט די הויפּט־פירערין פון די געשעענישן. זי איז געבילדעט, זי פאַרוואַלט קלוג איבער די גיטער, וואָס זי האָט באַקומען בירושה, זי אורטיילט מיט שכל וועגן מענטשן, און מאַכט פּינקטלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פון יונגעלייט, וואָס שדכענען זיך צו איר. בשעתן פּראָצעס ווייזט זי אַרויס טיפע בקיאות אין די ווענעדיגער געזעצן און נוצט זיי קונציק אויס. בשעת אַלע אַרומיקע מאַנסביל האָבן זיך פאַרלאָרן, האָט נאָר פּאָרציע אַליין מיט איר פלינקייט און אַנטשלאָסנקייט געקענט רעטן אַנטאָניאָן. אָבער פּאָרציעס הויפּטאייגנשאַפט — דאָס איז איר פּאָרזיכטיקער שכל, אייסגערעכנטקייט; דאָס, וואָס זי קען איר ליידנשאַפט מאַכן אונטערטעניק צום שכל. ווען זי זעט, אַז איר געליבטער באַסאָניאָ האָט אויסגעקליבן דאָס קעסטעלע, אין וועלכן איר פּאָרטרעט איז געלעגן, און אַז איר וואונטש איז מקוים געוואָרן, שרייט זי אויס: „האַלט זיך איין, ליבע, מעסיג דיין אויסברוך! ערלויב זיי ניט אַ פליי‍ץ טאָן ווי אַ שטראָם. ניט מאַך אַזוי, אַז די גליקלעכע רגע זאָל מיך ברענגען צום אומגליק“. פּאָרציע איז אַ גלייכגעוואויגענע נאַטור, זי איז מאַיעסטעטיש רואיק. ביי גאָר איר שכל און אויסגערעכנטקייט איז זי פול מיט חן און פיינקייט. אַדאַנק דערדאָזיקער געשטאַלט באַקומט דער סוחר פון ווענעדיג אַ צווייאיקע באַדייטונג. שעקספּיר האָט אין אים ניט נאָר באַלויכטן איינע פון די אייביקע פראַגן, וואָס פאַרנעמען די מענטשהייט, נאָר האָט אויך אַרויסגעפירט אַ טיפּ פון אַ פרוי, וועלכע שטייט אויף איין פלאַך מיטן מאַנסביל, דערביי אין אַזעלכע אייגנשאַפטן אַפילו, וואָס ניט אַלע אָנערקענען נאָך עד היום פאַר דער פרוי, דהיינו — אין דער פעאיקייט צו גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דערצויגן אין דער אַטמאָספער פון רענעסאַנס, מיט זיין פעאיקייט אויף אַלץ אָפּצורופן זיך, מיט זיין געניאַלן אַריינדרינגען אין דער אינערלעכער וועלט פון דעם מענטשן, האָט זיך שעקספּיר פיל מאָל אומגעקערט צו דער באַאַרבעטונג און אויספאָרשונג פון דעם געפיל, וואָס האָט געהערשט אין די איטאַליענישע סאַלאָנען פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, דהיינו — צו דער באַאַר־

בעטונג פון דעם ליבע־געפיל. די ליבע שפילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דעם גרעסטן טייל פון זיינע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס. אָבער צוזאַמען דערמיט גיט שעקספיר אָפּ אין זיינע ווערק אויפמערקזאַמקייט אויך אַנדערע מענטשלעכע תאוות און געפילן, באַטראַכט אייביקע פראַגן, צוליב וואָס דאָס מאָלן די ליבע־געפילן טרעט אָפּ אין הינטערגרונט. די טראַגעדיע, וועלכע מ׳קאָן אָנרופן אין פולן זין פון וואָרט ליבע־טראַגעדיע, דאָס איז ראָמעאָ און דזשוליעטע.

דער סוזשעט פון דער טראַגעדיע—דאָס איז דער אַלגעמיינער סוזשעט פון אַ פולע פּאָעטישע שאַפונגען—דער צוזאַמענשטויס פון דער גאַנצלעכער מעכטיקער תאווה מיט דער אויסערלעכער וועלט, דער טראַגישער קאָנפליקט צווישן דער ליבע, וואָס וויל ניט און קאָן ניט טראַכטן און אויסרעכענען, וואָס שוועבט אין די אידעאַליסטישע ספערעס—פון איין זייט, מיט דער וואָכעדיקער פּראָזע, מיט די פאַרוויקלטע פאַרשיידנאַרטיקע חשבונות מצד די אַרומיקע—פון דער צווייטער זייט. אין וועראָן „דער שיינער שטאָט, האָבן געוואוינט צוויי משפחות, גלייכע מיט דעם יחוס זייערן". דידאָזיקע צוויי פאַמיליעס זיינען מאָנטעקי און קאַפּולעטי, צווישן וועלכע עס האָט געהערשט אַ שטאַרקע שנאה, וואָס איז אַריבער בירושה פון עלטערן. פון דור צו דור איז די שנאה אַריבער, האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן און געגערט מיט בלוטיקע מסורות. געגוג צו דערמאָנען די אַכזריות אין דעם קאַמף צווישן די גוועלפן און גיבעלינען, כּדי צו פאַרשטיין די גאַנצע קראַפט פון דערדאָזיקער שנאה. און אין דעם מאָמענט, ווען עס הייבט זיך אָן די אַקציע פון דער טראַגעדיע, דערוויסן מיר אַלס לעצטע אָפּשטאַמונג פון די פיינדלעכע פאַמיליעס צוויי ריינע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן איינע די אַנדערע ליב מיט יענער פלאַמענדיקער ליבע, וואָס קאָן געבוירן ווערן נאָר אונטער די אומרחמנותדיקע שטראַלן פון דער ברענענדיקער זון פון איטאַליע.

באַשאַפנדיק אין ראָמעאָ און דזשוליעטע די אמתע ליבע־טראַגעדיע האָט שעקספיר די באַאַרבעטונג פון דער פּאָעטישסטער פון די מענטשלעכע געפילן אָנגעקליידט אין אַזאַ פּאָעטישער פאָרם, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. די גאַנצע רייכע קאָמפּליצירטע שפּראַך, וואָס די ליבע־ליריק האָט אויסגעאַרבעט, אָנהייבנדיק מיט די צאַרטע קאַנצאָנעס פון די טרובאַדורן און ענדיקנדיק מיט פּעטראַרקען און מיט די קאַוואַלערן פון איטאַליענישן רענעסאַנס,—דידאָזיקע גאַנצע רייכע קאָמפּליצירטע שפּראַך, פולע מיט שענקייט און מיט חן, וואָס קלינגט אַמאָל מיט פאַרבאָרגענער ליידנשאַפט, אַמאָל מיט ברענענדיקע ביטערניש פון אייפערזוכט, אַמאָל מיט שרעקעדיקייט, האָט שעקספּיר ווידער באַשאַפן. דער שמועס צווישן ראָמעאָ און דזשוליעטע ביי קאַפּולעטי אויפן באַל שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַצויבערנדיקן איטאַליענישן סאָנעט. די פערזן, וואָס די געליבטע ריידן ערב ראָמעאָס גירוש פון וועראָנע, דערמאָנען אַן אַלבע, אָדער אַ פרימאָרגן־ליד, איינע פון די פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען פון דער ליבע־ליריק, וואָס די טרובאַדורן האָבן געשאַפן.

דזשוליעטע. די בייסט אַוועק—עס איז נאָך ווייט צו טאָג.
ניט דער געזאַנג פון לאַרך האָט אָנגעשראָקן
דיין וואַכיקן געהער, נאָר דער געזאַנג
פון סאָלאָוויי. אויף דעם גראַנאַטן-בוים
ביי אונז אין גאָרטן זינגט ער שטענדיק.
טאָ שרעק זיך, ליבער, ניט אומזיסט.
איך שווער דיר,—ס'איז דער סאָלאָוויי.

ראָמעאָ. ניין, מלאך מיינער, ס'איז דעם לאַרכס געזאַנג.
ער זאָגט פרימאָרגן אָן, שטענדיק זינגט ער
פאַר זונענאויפגאַנג. זע, אויף מזרח
מיט אויפגאַנג איז באַשיינט דער וואָלקן,
עס גייען אויס די שרעקעדיקע שטערן.
דער טאָג פון פרייד באַגילט די שפּיצן שוין
פון אַלע בערג אַרום. ס'איז צייט...

דער געבוי גופא פון דער טראַגעדיע, — זאָגט בראַנדעס, — דערמאָנט צייטנווייז אַ סימעטרישע פיגור. זי הייבט זיך אָן מיט דער דערשיינונג פון קאַפּולעטיס צוויי באַדינער. דערנאָך גייען אויף דער סצענע אַרויס צוויי מאָנטעקיס באַדינער. ווייטער—בענוואָליאָ דער פאָרשטייער פון מאָנטעקיס משפחה, טיבאַלד — דער פאָרשטייער פון קאַפּולעטיס משפחה. שפּעטער — די אָנהענגער פון ביידע הייזער, מאַן און ווייב קאַפּולעטי, מאַן און ווייב מאָנטעקי, לסוף דער הערצאָג אַליין, דער ראש פון שטאָט. דיזאָזיקע סימעטרישע קאָמפּאָזיציע, וועלכע שיינט ווי פון אַ איבערבאַלעט צו זיין אַריבערגעטראָגן אין דער טראַגעדיע, איז ניט קיין צופעליקייט. אין דער ליבע-טראַגעדיע האָט שעקספּיר יעדן פּרט אָנגעקליידט אין אַ שיינער פאָרם. דער איינפלוס פון שיינעם איטאַליענישן רענעסאַנס האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר אין דער שיינקייט פון דער ליבעשפּראַך, אָפטמאָל אפילו געקינצלטער, נאָר אויך אין דעם אינהאַלט פון באַזונדערע סצענעס. די שנאה צווישן די מיוחסדיקע משפחות, וועלכע האָט רואינירט דעם וואוילשטאַנד פון די איטאַליענישע שטעט, איז ערגעץ אַזוי בולט ניט פאַראייביקט געוואָרן, ווי אין ראָמעאָ און דזשוליעטאַ. ווי נאָר עס באַגעגענען זיך אויפן גאָס צוויי פאָרשטייער פון די משפחות, וואָס קריגן זיך, אַזוי הייבט זיך ביי זיי תיכף אָן אַ געשלעג, וועלכער ענדיקט זיך ניט זעלטן מיט מאָרדן, — אַ געשלעג, וועלכער רופט אַרויס אַזאַ טומל, אַז די גאַנצע שטאָט לויפט זיך צונויף.

ראָמעאָ איז דער אמתער איטאַליענער פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע, אַ שטורעמדיקער און אַ ליידנשאַפטלעכער, וועלכער קאָן אין אַ גלייכער מאָס ליבן און באַגיין זיך מיט געווער. איידער ער האָט זיך באַגעגנט מיט דזשוליעטען, האָט ער געליבט אַן אַנדערע, אָבער דער ערשטער בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף דזשוליעטען, באַשליסט זיין גורל. שעקספּיר האָט אונז צו דעמדאָזיקן אויפפלאַם ניט צוגעגרייט. ראָמעאָ פאַרליבט זיך אין איין הרף-עין,

און פון דעם מאָמענט אָן, איז פאַר אים אַלץ גאָרנישט, אויסער זיין ציל. „אָ,
צי דען האָב איך עמיצן געליבט? אַוועק פאַרבלענדעניש! איך האָב ביז דער
רגע ניט געזען קיין בעסערע באַשעפעניש”. אָט דידאָזיקע אויסשליסלעכע הער=
שאַפט פון דער ליידנשאַפט אין ראָמעאָס נשמה זאָגט שוין פאָראויס דעם
טראַגישן סוף. אָבער אונזער אומרואיקער וואַרטן פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער,
לויט עס עפענען זיך פונאַנדער די אַנדערע זייטן פון ראָמעאָס כאַראַקטער.
ער איז פולקום גלייכגילטיק צו דער שנאה פון די משפחות, און אים האָט
אויף אַ וואונדערלעכן אופן אויסגעמיטן די אַלטע שנאה, וואָס האָט אָפּגעזונדערט
די צוויי הייזער. ראָמעאָ איז ניט קיין פּראַקטיקער. ער קוקט ניט אויף די
סאַמע וויכטיקע מניעות, אים קומט אויפן זינען ניט דער געדאַנק שלום צו
מאַכן צווישן זיינע עלטערן מיט די עלטערן פון זיין געליבטער. אמת, ראָמעאָ
האָט אין זיך עפּעס אַ ערפינדונגסקראַפט. ער קאָן אָפּנאַרן און מאַכן אַן אָנ=
שטעל. ער ווענדט זיך צום מאָנאַך לאָרענצאָ און טראַכט צו אַ מיטל אין געהיים
חתונה צו האָבן מיט דזשוליעטען. אָבער דידאָזיקע ערפינדערישקייט קלעקט ניט
פאַר די קאָמפּליצירטע שטערונגען, וועלכע שניידן איבער דעם וועג פון זיין
ליבע, און ראָמעאָ דערמאָנט אונז אַ קינד, וואָס גליטשט זיך איבער אַן אָפּגרונט
און באַמערקט ניט די סכנה. דזשוליעטע, ווי דאָס טרעפט אָפט מיט שעקספּירס
פרויען, איז אַ ביסל פּראַקטישער און איבערגעלייגטער פאַר ראָמעאָן. בשעת
ראָמעאָ צעגיסט זיך אין ליידנשאַפטלעכע ליבע=ערקלערונגען, הייבט זי די
ערשטע אָן צו ריידן וועגן חתונה. שעקספּיר האָט דזשוליעטען געגעבן יענע
איינגעבוירענע אינסטינקטיווע כיטרעקייט און פעאיקייט צו פאַרשטעלן זיך,
וועלכע ערוואַכן אין דער פרוי, ווען זי פאַרליבט זיך. באַטראַכנדיק, וואָס זי
זאָל טאָן, כדי צו דערגרייכן איר ציל, ווייזט זי מיט וואונדערלעכער כיטרעקייט
אַרויס נאָכגיביקייט דעם פאָטער, פאַרגיסט טרערן אויף דעם דערמאָרדעטן
טיבאַלד און שעלט זיין מערדער — ראָמעאָ. אָבער ביי דעם אַלעמען פאַרגעסט
דזשוליעטע ניט אויף קיין רגע איר געפיל. איר ליבע צו ראָמעאָן גייט דורך
ווי אַ רויטער פאָדעם איבער אַלע אירע מאָנאָלאָגן. דזשוליעטעס איידלקייט
און אַנטשלאָסנקייט ווייזן זיך העל אַרויס אין דעם מאָמענט, ווען איר אַם ראַט
איר אָפּצוזאָגן זיך פון ראָמעאָן. ווען זי זעט, אַז אויך דידאָזיקע איינציקע פרוי,
וועלכע איז איר געטריי געווען ביז איצט, האָט איר פאַרראָטן, בלייבט דזשו=
ליעטע דאָן שטיין פעסט און אומגעענדערט אין איר איינזאַמקייט און באַשליסט
זיך צו באַגיין מיט אייגענע כוחות. פונקט אַזוי אַנטשלאָסן און ענערגיש איז
דזשוליעטע אין דער סצענע מיטן פלעשל, ווען זי וואַגט אויסצוטרינקען
דעם געטראַנק, פאַרברענגען אַ נאַכט צווישן מתים אויפן בית=עלמען און איבער=
געבן זיך דער מאַכט פון דער אומבאַוואוסטער צוקונפט. ווען די שטרעבונגען
פון די יונגעלייט פאַרווירקלעכן זיך ניט, געפינט אין זיך דזשוליעטע, פונקט
ווי ראָמעאָ, גענוג מוט צו שטאַרבן לעבן איר מאַן.

ניט פיל גרויסע פאָעטישע שאַפונגען גיבן אַזאַ טיפע אַלזייטיקע באַאַר=
בעטונג פון דער אויסגעוויילטער טעמע, ווי ראָמעאָ און דזשוליעטאַ.
דער צוזאַמענשטויס צווישן דער שטורעמדיקער, ליידנשאַפטלעכער ליבע, — דער

בלינדער, אידעאַליסטישער ליבע, מיט די פּראָזאַאישע חשבונות פון דער אַרומיקער וועלט, מיט די קאָמפּליצירטע באַציאונגען צווישן די מענטשן—דידאָזיקע טעמע איז ביי שעקספּירן אַזוי טיף באַארבעט, אַז קיין שפּעטערדיקן שריפטשטעלער איז ניט געלונגען איבערצושטייגן דעם ענגלישן דראַמאַטורג. שעקספּיר האָט קונציק אָװעקגעשטעלט די ליבע פון די יונגעלייט אין אַ פּאַסיקער סביבה. זיי שיידט פונאַנדער דער סאַמע מעכטיקער צאַם, װאָס איז באַוואוסט אין דער געשיכטע, צו וועלכן עס קאָנען זיין געגליכן נאָר די שטאַנדן-אָפּצאַמונגען אין די תקופות פון שטרענגער קלאַסנצעטיילונג, אָדער די רעליגיעזע שנאה אין די תקופות פון רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. דערדאָזיקער צאַם—דאָס איז די שנאה צווישן צוויי משפּחות. אָבער צו דערדאָזיקער עיקרדיקער מניעה האָט שעקספּיר מוסיף געווען אַנדערע מניעות אויך. דאָ איז דאָ אַ יחסן און אַ רייכער חתן, דעם פּאָטערס חשבונות און דעספּאָטיזם, דער מוטערס מאַכטלאָזיקייט און דער מאָרד פון אַ נאָענטן קרוב דורך דעם געליבטן. אָבער די וויכטיקסטע מניעה—דאָס איז די פאַרבלענדעניש פון די יונגעלייט גופא, זייער מטורפדיקע ליידנשאַפט, וועלכע שטערט זיי רואיק און ניכטער צו קוקן אויף די געשעענישן, לאַנגזאַם אָבער זיכער מנצח צו זיין די שטערונגען, וואָס שטייען זיי אין וועג. ווי אין אַלע זיינע טראַגעדיעס, האָט שעקספּיר מיט דער גרעסטער קונציקייט באַוויזן אויפצושטעלן דעם קאָלאָריט פון אָרט און צייט, אָבער אויף דעמדאָזיקן פאָן האָט ער אַרויסגעפירט אַלמענטשלעכע ליידנשאַפטן, אויסגעמאָלט אַ קאָליזיע, וועלכע שטאַרבט ניט אָפּ אין קיינע צייטן, ביי קיינע פעלקער; אַ פאַרשטענדלעכע און נאָענטע פאַר אַלע מענטשן.

שטודירן שעקספּירס ווערק פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט איז פאַר דעם קריטיקער אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע. זעלטן וועלכע פון די סאַמע באַהאַלטענע ווינקעלעך פון דעם מענטשנס נשמה ווערט פון שעקספּירן ניט באַלויכטן מיט געניאַלער קראַפט. „אַלץ,—זאָגט געטע,—וואָס דעם מענטשנס נשמה באַהאַלט אין איר פאַרבאָרגענער טיפעניש, איז ביי שעקספּירן באַלויכטן מיט העלער זון-ליכט. אַדאַנק אים, שיינט אונז די וועלט אַ דורכזיכטיקע, מיר ווערן די פאַרטרויטע פון מעשים-טובים, פאַרברעכנס און מוטיקייט".

מיט דעם געפיל פון ליבע איז זייער ענג פאַרבונדן אַ צווייטער זייער קאָמפּליצירטער געפיל—דער געפיל פון אייפערזוכט. שעקספּיר האָט זיך עטלעכע מאָל מיט באַזונדער ליבשאַפט אומגעקערט צו דער באַארבעטונג פון דעמדאָזיקן געפיל. פון שעקספּירס לירישע געדיכטן זעט מען, אַז דער געפיל פון אייפערזוכט איז אים געווען באַקאַנט, און מסתמא איז אים אַליין אויסגעקומען איבערצולעבן אירע פיינען. אייפערזוכט איז די הויפּט-טעמע פון פיר שעקספּירס טראַגעדיעס: אָטעלאָ, צימבעלין, טראָיל און קרעסידע און אַ ווינטער-מעשהלע. די טיפּן פון די אייפערזיכטיקע צעטיילן זיך אין זיי אויף צוויי הויפּטגרופּן. ביי דער ערשטער ליגט אין דעם יסוד פון דער אייפערזוכט אַ דערהויבענער בליק אויף דער פרוי, די מורא צו פאַרלירן די געליבטע. ביי דער צווייטער — אַ נידעריקער בליק אויף דער פרוי, דער חשד, די אייגנליבע און ריין פּאַטאָלאָגישע סיבות.

צווישן די טראַגעדיעס פון אײפערזוכט איז באַזונדער פּאָפּולער אָ ט ע ל אָ, וואו די אײפערזוכט דערגרייכט ביז אומגעהייערער קראַפט און איז געמאָלט אומגעוויינלעך העל. אײפערזוכט איז דער הויפּט־באַוועגער פון דער טראַגעדיע. אָבער דעם מורינס כאַראַקטער איז ווייט ניט מיט דעם שטריך אַליין באַגרענעצט. דערדאָזיקער כאַראַקטער איז צו קאָמפּליצירט, און זעלבסט די אַנטוויקלונג, וואָס דער געפיל פון אײפערזוכט באַקומט אין זיין נשמה, באַווייזט, אַז אָטעלאָ איז ניט קיין געוויינלעכער אײפערזיכטיקער. אָטעלאָ איז קודם־כל אַ אידעאַליסט. ער קען קיין מענטשן ניט און גלויבט אין זייער פיינקייט. זיין בליק אויף דעזדעמאָנען איז אַ געהויבענער. אים קומט אַפילו אויפן זינען ניט, זי אין עפּעס חושד צו זיין. אַזוי אַרום איז דער קוואַל פון אָטעלאָס אײפערזוכט ניט דער נידעריקער חשד, נאָר דער גוזמאדיקער צוטרוי און דער אידעאַליזם. ער גלויבט יאַגאָן, ווייל ער געטרויט אַלע מענטשן, ווייל יאַגאָ איז ביטרער פאַר דעזדעמאָנען און אים איז געלונגען צו צעשטערן אין אָטעלאָס נשמה דעם צוטרוי צו איר. אָטעלאָס אײפערזוכט שיידט זיך גרייליך אונטער פון דער אײפערזוכט פון אַ צווייטן אײפערזיכטיקן — לעאָנטן, דעם העלד פון אַ ו ו י נ ט ע ר־מ ע ש ה ל ע. אַרום אָטעלאָן גרופּירן זיך אַלע געשעענישן אויף אַזאַ אופן, אַז ביי אים מוז אויסוואַקסן אַ חשד אין האַרצן. לעאָנטן פאַרקערט, סטאַרען זיך אַלע איבערצייגן, אַז זיין פרוי איז אומשולדיק. כדי אויפצוועקן אײפערזוכט אין אָטעלאָס האַרצן, איז נייטיק געווען יאַגאָס קונציקע אַרבעט. אין לעאָנטס נשמה כאַפּט זיך די אײפערזוכט אַליין פון זיך אויף. אָטעלאָ איז ניט פעאיק נאָכצושפּירן זיין ווייב. ער שפּיאָנירט זי ניט, ער זוכט ניט קיין באַווייזן: יאַגאָ נויט אים זיי צו זוכן. לעאָנט אַרבעט מיט שפּיאָנען, ער איז פון דער נאַטור מער גענייגט צו חשד, איידער צו צוטרוי. ער טייטשט אויס ווי פאַר אים איז מער ווינטשנטווערט אַפילו אַזעלכע פאַקטן, וועלכע ריידן לטובת זיין ווייב. אָטעלאָ איז אַ אידעאַליסט, לעאָנט — אַ דעספּאָט. די אייגנשאַפטן און די באַזונדערהייטן פון אָטעלאָס אײפערזוכט באַווייזן, אַז זי האָט אין זיין נשמה אָנגערירט ניט קיין נידעריקע סטרונעס. אין די מאָנאָלאָגן, אין וועלכע אָטעלאָ גיסט אויס דעם פּיין פון זיין האַרצן, זעען מיר ניט קיין באַליידיקטע איגנליבע, ניט דעם פּאַטאָלאָגישן כאַראַקטער פון דעם געפיל, ווי ביי לעאָנטן. אָטעלאָס אײפערזוכט איז נאָענט צו אַנטוישונג. קודם־כל איז אים שווער דערפון, וואָס דעזדעמאָנע, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר אַ פיינעם מענטשן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ נידעריקן נפש. ווען יאַגאָ זאָגט אים אַרויס זיינע נידעריקע השערות, זאָגט אָטעלאָ פאַרטראַכטערהייט, ווי פאַר זיך: „זי האָט געהאַט אַזאַ ליבן כאַראַקטער... אַלע האָבן זי גערעכנט ריינער און אומשולדיקער פאַר דיאַנע". „און אָט איז זי איצט שוואַרצער איידער איך" — אין דערדאָזיקער פראַגע איז דער גאַנצער יסוד פון אָטעלאָס אײפערזוכט. ער האָסט דעזדעמאָנען ניט דערפאַר, ווייל מען האָט ביי אים אָפּגענומען אַ גוטן ביסן פון מויל, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט צעשטערט זיין גלויבן אין דער פרוי און איר ווערדע. אָטעלאָ איז זיך נוקם ניט אַזוי פיל פאַר זיין פּערזענלעכער באַליידיקונג, וויפל ער איז אַ יושר־

דיקער שופט, וואָס שטראָפט שטרענג און בלינד,—אַ שופט, וואָס האָט אַ טעות געהאַט אין זיין פסק־דין, ער איז אָבער ריין געוועזן אין זיינע אָנרעגונגען.

דעזדעמאָנע — דאָס איז איינע פון די אייביק לעבנדיקע אין דער פאָעזיע פרויענגעשטאַלטן, וועלכע געטע האָט פאַראייביקט אין דער פערזאָן פון גרעטכען. זי איז אינגאַנצן הכנעה און זעלבסטאָפּפערונג. דאָס איז ניט פאָרציע מיט איר שטאַרקן זעלבשטענדיקן כאַראַקטער, אָן אויסגעהאַלטענע אין איר אַנטשלאָסנקייט. דאָס איז אַן אונטערגעוואָרפענער, אַ ניט זיכערער נפש, וואָס זיין באַרוף איז שטענדיק עמיצן זיין געהאָרכזאַם. בעסער פון אַלץ דעפינירט זי אַליין דעמדאָזיקן גרונטשטריך פון איר כאַראַקטער אין איר וואָרט צום פאָטער אויפן געריכט:

געערטער פאָטער, איך כין מיך מודה אייך,
אַז כ'בין דאָ מיט אַ דאָפּלט־חוב געשמידט:
איך האָב דאָס גוטס פון לעבן און ערציאונג
פון אייך באַקומען—זאָגט עס מיר,
אַז כ'מוז אייך מיטן גאַנצן הארצן אַכטן,—
דערין זייט איר דער גאַנצער הערשער מיינער.
און ביז יעצט גרעניץ בין איך אייער טאָכטער.
נאָר דאָ ז'מיין מאַן. דערום, אויף וויפל
עס איז אַמאָל געהאָרכזאַם אייך געווען
מיין מוטער, ווען פאַרגעסן צוליב אייך
האָט זי איר טאַטע־מאַמע, איז מיין חוב איצט
זיין אונטערטעניק מיין דערוויילטן.

דעזדעמאָנע איז אַליין די גוטס און די צאַרטקייט. זי איז זיך אויפריכטיק משתדל פאַר קאַסיאָ, מחמת „עס איז אַ רחמנות צו צוקוקן אויף זיין טרויער". דעזדעמאָנע קאָן גאָר בעטן דעם מאַן, זי שטעלט זיך גאָרניט פאַר די מעגלעכקייט עפעס צו פאָדערן ביי אים, אָדער צו פּראָטעסטירן אַנטקעגן זיינע פאָדערונגען. ער איז דער האַר, זי—די דינסט. „דאָס איז זיין באַפעל— זאָגט זי—מען דאַרף אים ניט רייצן מיט אומגעהאָרכזאַמקייט". ווען איר באַדינערין זאָגט איר, אַז פאַר איר וואָלט גלייכער געווען ניט צו קענען אָטעלאָן, ענטפערט איר דעזדעמאָנע: „מיט דער מיינונג בין איך ניט מסכים. איך האָב אים ליב געקראָגן אַזוי הייס, אַז די אויפפלאַמונגען פון זיין צאָרן און זיינע גראָבקייטן ציען מיך צו אים מיט עפעס אַ מין פרעכטיקייט". אָבער די העכסטע מדרגה פון פרויענליבע און זעלבסטאָפּפערונג דאָס איז די רגע פאַר דעזדעמאָנעס טויט, ווען שטאַרבנדיק פאַרבאָרגט זי דעם נאָמען פון רוצח און איר לעצטער אָטעם איז געווידמעט יענעם, וואָס האָט זי ווי אַ ווילדע חיה און אומגעריכט דערשטיקט. פון הייַנטיקן שטאַנדפּונקט קאָן מען זיין ברוגז אויף אַזאַ שקלאַפישע אונטערטעניקייט, ווי דאָס האָבן געטאָן די דייטשע געלערנטע, וואָס האָבן געגעבן דעזדעמאָנעס כאַראַקטעריסטיק; מען קאָן טרוימען וועגן דער צייט, ווען אין דער פרוי וועלן פאַרשווינדן די לעצטע שפורן פון איר אַמאָליקן שקלאַפישן צושטאַנד, ווען זי וועט ווערן אַ פולקום זעלב-

שטענדיקער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט צוגלייך מיט דעם מאַנסביל. מע קאָן אָבער צו שעקספּירן קיין טענות ניט האָבן דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט דעמדאָזיקן טיפּ אין זיין היסטאָרישער סביבה און האָט אים אַריינגעלייגט די שטריכן, וואָס, מחמת די באַדינגונגען פון דערדאָזיקער סביבה, וועלן זיי נאָך אויף לאַנג פאַרבלייבן אַלס אייגנשאַפטן פון דער פרויס נאַטור, וועלן זיי נאָך לאַנג אונטערשיידן די פרוי פון דעם מאַנסביל: שטילקייט, גוטסקייט אַלץ פאַרצייענדיקע און זעלבסטאָפּפערנדיקע ליבע, אינערלעכע ריינקייט און אומשולדיקייט.

אונז בלייבט נאָך איבער צו דערמאָנען וועגן יאַגאָן, וועלכער איז דער בייזער גייסט פון דער טראַגעדיע. יאַגאָ — איז דער היפוך פון אָטעלאָן. אויף וויפל דער לעצטער איז פאַרטרוילעך און פיין, אויף אַזויפיל איז יאַגאָ זיכער אין דער נידעריקייט פון אַלע מענטשן. „דער אויסגעלאַסענער מורין, איך בין דערין כמעט זיכער, האָט מיר אויפגעשטעלט הערנער, און דערדאָזיקער געדאַנק שלינגט מיין אינגעווייט, ווי גיפט... איך וועל קיין רו ניט האָבן, ביז וואַנען איך וועל מיך מיט אים ניט אָפּרעכענען". יאַגאָס אייפערזוכט, וועלכע ווערט אַרויסגעזאָגט אין דערדאָזיקער פראַזע, און אָטעלאָס אייפערזוכט—דאָס זיינען צוויי קעגנזעצלעכע פאַלן. יאַגאָ איז זיך נוקם פאַר זיין פערזענלעכער באַליידיקונג, וועלכע עקזיסטירט נאָר אין זיין מיאוסן דמיון. יאַגאָ איז ניט פעאיק צו פאַרשטיין ניט אָטעלאָס פיינקייט, ניט דעזדעמאָנעס ריינקייט. ער איז כמעט ווי אויפריכטיק, ווען ער וואַרפט אויף דעזדעמאָנען זיין נידעריקע באַשולדיקונג. די פראַגע, צי איז דעזדעמאָנע ווירקלעך שולדיק, שפּילט פאַר אים אַ צווייטע ראָלע, מחמת ער איז זיכער, אַז אויב זי איז נאָך אָטעלאָן ניט פאַלש געווען, וועט זי עס היינט-מאָרגן זיין. „וואָס קאַסיאָ איז אין איר פאַרליבט, איז קיין וואונדער ניט, ס'איז אָבער זייער וואַרשיינלעך, אַז ניט היינט איז מאָרגן, וועט זי זיך אין אים אויך פאַרליבן". אַלזאָ איז דער צווייטער שטריך, מיט וועלכן יאַגאָ שיידט זיך אונטער פון אָטעלאָ,—זיין נידעריקער בליק אויף מענטשן. אויף וויפל אָטעלאָ איז אַ אידעאַליסט, אויף אַזויפיל איז יאַגאָ אַ פּעסימיסט און אַ סקעפּטיק. אָבער יאַגאָ איז זיך נוקם ניט נאָר פאַר זיינע פערזענלעכע עוולות,—ער האָט ליב די שלעכטס לשמה. געבן די נידעריקע עלעמענטן אַ נצחון איבער די מעשים-טובים און איידלקייט—דאָס איז פאַר יאַגאָן עפּעס אַ באַזונדער געהיימער פאַרגעניגן. ער איז באַליידיקט פון גורל, און פון דערדאָזיקער עוולה גייט ער אַריבער צו האַס צו דער גאַנצער וועלט בכלל. דידאָזיקע פאַרביטערונג שטעלט אים נאָענט צו ריטשאַרד דעם III.

געגליכן צו ראָמעאָ און דזשוליעטע, גיט די טראַגעדיע אָטעלאָ אַזאַ טיפע און אַלזייטיקע באַאַרבעטונג פון אייפערזוכטגעפיל, אַז אַלע אָרטיקע און צייטווייליקע שטריכן ווערן אין איר פאַרשוואונדן לגבי איר אַלמענטשלעכער באַדייטונג. די ספקות און ניטזיכערקייט אין אָטעלאָס נשמה, די איבערגאַנגען פון חשד צו זיכערקייט, זיינען געמאָלט מיט אַזאַ קראַפט און העלקייט, אַז דער אייפערזיכטיקער פון אַלע צייטן און פעלקער קאָן אין זיי איבערלייענען זיין אייגענעם נשמה-צושטאַנד. באַ-

זונדער גוט איז אויסגעמאָלט ביי שעקספּירן יענער געמיש פון ליבע און האַס, וועלכע קעמפן שטענדיק אין דער נשמה פון אייפערזיכטיקן בנוגע צו דער פּערזאָן, וואָס איז נאָך ניט לאַנג צוריק געווען געליבט, און איצט פאַרהאַסט. די מאָמענטן פון סאַמע ווילדן צאָרן רייסן זיך איבער מיט אויסגעשריען ווי פאָלגנדיקע: „ווי שיין דידאָזיקע האַנט איז!"

צוזאַמען מיט ראָמעאָ און דזשוליעטע איז אָטעלאָ אַ ניט־ער־שעפּלעכער קוואַל, פון וועלכן מען קאָן שעפּן גרויסע אמתן, וואָס באַשיינען איינע פון די סאַמע קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָגישע פראַגן — די פראַגע וועגן די באַציאונגען צווישן דעם מאַנסביל און דער פרוי.

IX.

האמלעט. — די סקעפּטישע וויזיעס פון דער עפּאָכע. — די געשעענישן אין ענגלאַנד, וועלכע דערמאָנען די טראַגעדיע פון דעם דענישן פּרינץ. — די קריטיק איבער האמלעט. — דעם העלדס כאַראַקטער. — האמלעטס פילאָזאָפיע. — זיין אַלמענטשלעכע באַדייטונג. — די רוימישע טראַגעדיעס. — „יולי צעזאַר". — ברוט און פּאָרציע. — דאָס פאָלק. — „דער קיניג ליר". — דער הויפּט־העלד. — קאָרדעליע. — די סאָציאַלע מאָטיוון פון דער טראַגעדיע. — דער פּעסימיזם, מיט וועלכן זי צייכנט זיך אויס.

האַמלעט רעכנט זיך היינטיקע צייט ניט נאָר פאַר איינע פון שעקספּירס גרעסטע ווערק, נאָר פאַר איינע פון די מערקווירדיקסטע ווערק פון דער קינסטלערישער שאַפונג בכלל. אין די אַנאַליזירטע דורך אונז דראַמעס האָט שעקספּיר, ווי מיר האָבן שוין געזען, באַרירט די סאַמע באַהאַלטענע ווינקעלעך פון דעם מענטשנס נשמה. ער האָט באַלויכטן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן און די גייסטיקע צושטאַנדן ניט נאָר מצד דעם שטאַנדפּונקט פון זיין עפּאָכע, די־דאָזיקע באַלויכטונג צייכנט זיך אויס מיט אַזאַ העלקייט און פולקייט, אַז זי האָט איבערגעיאָגט יאָרהונדערטן, און שעקספּירס העלדן זאָגן פונקט אַזוי פיל דעם היינטיקן מענטשן, ווי דעם מענטשן פון XVII יאָרהונדערט. אָבער די באַדייטונג פון שעקספּירס טראַגעדיעס איז ניט באַגרענעצט נאָר מיט דער פּסיכאָלאָגישער זייט אַליין. אין האַמלעט האָט שעקספּיר אויסגעדריקט דעם גאַנצן זינען פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, אָבער ער האָט, ווי אין די פריערדיקע טראַגעדיעס, אָנגעמערקט יענע אירע שטריכן, וועלכע זיינען געלייגט אין דעם גרונט פון דער צוקונפט, און אַזוי אַרום איז האַמלעט געוואָרן ניט נאָר די פילאָזאָפישע טראַגעדיע פון זיין צייט, — ער האָט אין אַ געוויסער מדרגה אויסגעדריקט די פילאָזאָפיע פון דער גאַנצער גייער מענטשהייט.

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו דעם אַנאַליז פון האמלעט, וועלן מיר דערמאָנען וועגן די הויפּטשטרעמונגען פון דער עפּאָכע און וועגן די געשעענישן אין לאָנדאָנער לעבן, וועלכע האָבן זיך אַזוי צי צנדערש אָפּגעשפּילט אין דער־דאָזיקער טראַגעדיע. ווי אַלעמאָל טרעפט עס אין די איבערגאַנג עפּאָכעס, ווען די אַלטע אידעאַלן און יסודות פון געזעלשאַפטלעכן לעבן זיינען שוין געפאַלן,

און די נייע זיינען נאָך ניט פּאַרפעקטיקט, זיינען אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע די טרעגער פון די נייע שטרעמונגען געבליבן שטיין פּנים אל פּנים מיט אַ נייער אויפגאַבע. דער פרייער קריטישער געדאַנק, וועלכער האָט געשטרעבט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם קירכלעכן אויטאָריטעט, האָט געמוזט אַריינטרעטן אין קאַמף מיט אַ פולע שונאים, מיט די אין משך פון הונדערטער יאָרן פאַרפעסטיקטע קרעפטן פון פאַרגליווערטקייט און פאַרבלאָנדזשעטקייט. זי האָט גלייכצייטיק געמוזט חרוב מאַכן און שאַפן. דאָס איז אַ געדאַנק אַ קריגערישער און אַ שעפערישער גלייכצייטיק, און, נאַטירלעך, אַז פון די ערשטע טריט אָן האָט ער שוין באַגעגנט אַ ניט־דערשעפּלעכן קוואַל פון פיינען אין זיך גופא. דער גרונדשטריך פון דער מיטלאַלטערישער וועלטאָנשאויאונג איז די פעסטע אין זיך אַליין רוענדיקע איינגעשלאָסנקייט; זי האָט ניט קיין אָרט פאַר ספקות. דער טיפּישסטער פילאָזאָף פון רענעסאַנס איז דער סקעפּטיק מאָנטען מיט זיינע פּרוּוון. ער גלויבט קיינזאַך ניט אויפן וואָרט. פאַר אים איז ניטאָ קיין אויטאָריטעט. ער שטרעבט אַלץ זען מיט די אייגענע אויגן און ער מיינט, אַז מיט פאַרשטאַנד אורטיילן קאָן מען נאָר וועגן דעם, וואָס עס איז צוטריטלעך אונזערע געפילן. אָבער אויך די אורטיילן, וואָס זיינען געשאַפן אויף אַזאַ אופן, האָבן ניט קיין אַבסאָלוטע באַדייטונג. זיי זיינען זיכער נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס קען בכלל זיכער זיין דעם מענטשנס אורטייל. „Que sais je?“ (ווי וויס מען?) — דאָס איז מאָנטענס דעוויז — דער דעוויז, וואָס איז געלייגט אין גרונד פון אַלע האַמלעטס יסורים. אין דער מיטלאַלטער האָט מען געגלויבט אין דער אַבסאָלוטער באַדייטונג פון די קאַטוילישע געבאָטן. די סאַמע דרייסטע דענקער האָבן ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון גרינדלעכע שינויים אין דער קאַטוילישער לערע אַפילו פאַר דער ווייטסטער צוקונפט. די רעפאָרמאַציע האָט דערוויזן, אַז אַפילו דאָס קריסטלעכע פאַרשטיין ענדערט זיך מיט דער צייט. די מענטשן פון רענעסאַנס האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין די אָרטיקע און צייטווייליקע באַדייטונג פון אַלע אמתן. די שטרעבונג קריטיש צו קאָנטראָלירן יעדן טריט, דער באַוואוסטזיין פון דער רעלאַטיוויטעט פון אונזערע אורטיילן, און דער ספק, וואָס איז אַ פועל־יוצא פון אים, — דאָס זיינען די גרונט־עלעמענטן פון דער וועלטאָנשויאונג פון דער עפּאָכע.

קאָנטראָלירנדיק די אַלטע אָרדענונג פון לעבן, האָט זיך דער מענטשלעכער געדאַנק איבערצייגט אין דער נייטיקייט פון אַ גרינדלעכער אויסבעסערונג. די אַכזריותן און די טעותן, וואָס די קאַטוילישע קירך און די סכאָלאַסטישע חכמה האָבן זיי באַרעכטיקט, זיינען פאַרמשפט געוואָרן פון דעם געריכט פון פרייער, אויף פאַקטן באַגרינדעטער אויספאָרשונג. וואו מ'האָט פריער געזען אַ פולקומען הסכם צווישן אידעאַל און ווירקלעכקייט, דאָרט איז צווישן זיי ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אַן אומענדלעכער תהום. פונדאַנען האָבן זיך גענומען די מעלאַנכאָליע און דער מרה־שחורהדיקער פעסימיזם, דער טרויער אויף דעם פאַרלוירענעם אידעאַל, אויף דער אומפולקומענהייט פון דער וועלט, דער באַוואוסטזיין פון דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט ווידער אויפצושטעלן דידאָזיקע פולקומענהייט. אַזוינס, וואָס דער מיטלאַלטערישער מענטש איז פאַרביי דעם

דורכגעגאַנגען גלייכגילטיק, האָט דעם נייעם מענטשן אויפגערירט און געצווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך.

דאָס לעבן פון דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט האָט געגעבן ניט ווייניק ספּעציעלן מאַטעריאַל פאַר אַזעלכע טרויעריקע שטימונגען. מיר ווילן דערמאָנען צוויי פאַקטן, צוויי משפחה־טראַגעדיעס, וועלכע דערמאָנען אפילו מיט דעם אויסערלעכן גאַנג פון די געשעענישן די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער משפחה פון דענישן קיניג. אין 1567 יאָר האָט מאַריע סטיואַרטס געליבטער, דער דרייסטער און אומפאַרשעמטער באָטוועל, געטויט מאַריע סטיואַרטס צווייטן מאַן, דעם לאָרד דערנליי. אין פאָלק האָט מען געזאָגט, אַז מאַריע האָט אָנטייל גענומען אין דעם פאַרברעכן. בשעת מאַריע האָט חתונה געהאַט מיט דעם מערדער פון איר מאַן, איז די השערה וועגן איר אָנטייל אין דעם פאַר־ברעכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זיכערהייט. די לאַגע פון איר זון דזשעמס האָט אין פיל הינזיכטן געזאָלט ענלעך זיין אויף האַמלעטס לאַגע. אין דער צייט פון שאָטלענדישן אויפשטאַנד האָבן די אָנפירער באַוויזן דער געפאַנגענער קיניגין אַ פאָן, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלט דער טויטער קערפּער פון דעם דערמאָרדעטן דערנליי און לעבן אים איר זון, וועלכער בעט קניענדיק זיך צו גאָט וועגן נקמה. אַ צווייטער פאַקט, וואָס דערמאָנט האַמלעטס געשיכטע, דאָס איז די טראַגעדיע אין דער פאַמיליע עסעקס. נאָך עסעקס טויט האָט זיין ווייב תיכף חתונה געהאַט מיט דעם גראַף לייסטער, וועלכער איז געווען אין נאָענטע באַציאונגען מיט איר, נאָך איידער איר מאַן איז געשטאָרבן. ס׳איז כמעט ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען, אַז די קלאַנגען וועגן דעם, אַז לייסטער האָט פאַרסמט עסעקסן, זיינען ריכטיקע, אַ פולע אויספאַרשער פון האַמלעט האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דערדאָזיקער ענלעכקייט פון דער אויסערלעכער קאָנצעפּציע. זיי האָבן אָפּגעזוכט אַ ריי אינערלעכע פּאַראַלעלן. אזוי האָט מען זיך בעסטאַרעט לויט אייניקע געשיכטלעכע געגעבענע צו דערווייזן, אַז האַמלעטס כאַראַקטער איז ענלעך אויף דזשעמסן. דזשעמס איז אויך געווען אַזוי ניט אַנט־שלאָסן, ווי האַמלעט, האָט אויך אַזוי ליב געהאַט וויסנשאַפט און קונסט, און באַזונדערס די סצענישע קונסט. מען האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז דערנליי איז, ווי דער דערמאָרדעטער קיניג אין האַמלעט, געווען אַ שיינער. באָטוועל פאַר־קערט איז געווען אַ מיאוסער. ניט ווייניק פּראָבעס זיינען געמאַכט געוואָרן צו דערווייזן, אַז דער פּראָטאָטיפּ פון האַמלעט איז געווען דער גראַף עסעקס, לעטיציעס זון, וואָס דער פאָטער האָט אים פאַרן טויט כלומרשט מיטגעטיילט, אַז ער איז אַ קרבן פון אַ שענדלעכן פאַרראַט. פאַר אונז איז קנאַפּ וויכטיק, צי די אַלע השערות האָבן אַ גרונט, דאָס גרויסע קינסטלערישע בילד קאָן ניט זיין קיין פאָטאָגראַפיע; עס פאַרקערפּערט אין זיך די טיפּישע שטריכן פון דער עפּאָכע. די מעשיות וועגן דערנליי און עסעקס זיינען וויכטיק ניט מחמת דעם, מיר זאָלן קאָנען באַשטימען, וואָס פאַר אַ פּרט שעקספּיר האָט אַראָפּגענומען פון זיין פריינד, — זיי דינען אַלס עדות אויף דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון גייסט און מידות, וועלכע באַווייזן, אַז אין דער עפּאָכע, ווען האַמלעט איז אַנטשטאַנען, זיינען געווען פיל סיבות פאַר אומעטיקער מעלאַנכאָליע און פּינ־סטערן יאוש.

שעקספיר האָט אין דעם קעסלגרוב פון פאַרברעכנס און בלאָנדזשענישן אַריינגעוואָרפן אַ טרויעריקן דענקער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער הויך פונם וויסן פון זיין דור, האָט דערציילט וועגן אַלע זיינע ספקות און פיינלעכע וואַקלענישן, וועגן זיינע יסורים און זיין בענקשאַפט נאָך דער וועלט „וואָס איז אויסגעלונקען פון די גלידער".

די געשיכטע פון די אויספאָרשונגען וועגן האַמלעטן איז אויפן העכסטן גראַד אינטערעסאַנט. האַמלעט האָט ערשיינט אין סאַמע אָנהייב פון XVII יאָרהונדערט, און כמעט צוויי הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד האָט די קריטיק ניט געקענט באַקומען קיין ריכטיקן מאַסשטאַב אים צו דערקלערן. די קריטיקער האָבן זיך געוואונדערט אויף האַמלעטס משונהדיקע מעשים, האָבן געפונען, אַז זיין אומאַנטשלאָסנקייט איז זינלאָז, און אויפגעוואָרפן דעם העלד פון דער טראַגעדיע, וואָס ער האָט ניט געקענט דערפילן דעם חוב, וואָס זיין פאָטער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, נקמה צו נעמען פאַר אים. ערשט געטע האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט וועגן האַמלעטן אַזאַ מיינונג, וואָס האָט אַרויפגעפירט די קריטיק אויף אַ ריכטיקן וועג. געטע האָט אַריבערגעטראָגן דעם צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט דווקא אויף האַמלעטס טאַטלאָזיקייט, און גראַד אין דעם האָט ער איינגעזען דעם גאַנצן זין און די גאַנצע טיפע באַדייטונג פון דער טראַגעדיע. די אידעע פין דער דראַמע — דאָס איז „די אידעע פון פאַרפליכטונג, וועלכע מען האָט אַרויפגעלייגט אויף אַ נשמה, וואָס איז ניט בכוח איר חוב צו ערפילן". געטע האָט דערביי פאַרגליכט האַמלעטן מיט אַ טייער פאָרצעלאַן-כלי, אין וועלכער מען האָט אָנשטאָט אַ צאַרט ביימל פאַרפלאַנצט אַ מעכטיקן דעמב. דעם דעמבס וואָרצלען האָבן זיך פונאַנדערגעוואַקסן, און די ברעכעוודיקע כלי, וואָס האָט זיי אין זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, האָט געפּלאַצט. געטע איז גערעכט געווען, אָבער ניט אינגאַנצן. אמת איז טאַקע, אַז די סתירה צווישן די אייגנשאַפטן פון האַמלעטס נשמה און דעם חוב, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, איז דער גרונד-פאָדעם פון דער טראַגעדיע. אָן אַנדער פראַגע איז, צי ליגט די דאָזיקע סתירה אין האַמלעטס שוואַכקייט. די סיבות פון זיין טאַטלאָזיקייט, זיין ניט פעאיקייט אויסצופירן דעם פאָטערס אויפטראָג הענגען אָפּ ניט פון זיין שוואַכקייט. זינט געטע האָט אַזוי אַוועקגעשטעלט ריכטיק די פראַגע, האָט זיך די קריטיק פאַרנומען טאַקע מיט דער אויספאָרשונג פון די דאָזיקע סיבות. ס'זיינען באַשאַפן געוואָרן גאַנצע שולן. די טעאָלאָגן האָבן איינגעזען די סיבה פון האַמלעטס ספקות אין זיין טעאָלאָגישער מאָראַל, וועלכע זאָל האָבן אָפּגעהאַלטן האַמלעטן פון אַ מאָרד. די יורידישע שולן האָבן אין האַמלעטס וואַקלענישן געפונען אַ סמך צו זייערע טעאָריעס. שאָפּענהויערס נאָכפאָלגער האָבן אין האַמלעטן געפונען אַ פילאָזאָף אַ פעסימיסט. גאַנצע פעריאָדן פון נאַציאָנאַלע שטימונגען זיינען באַשטימט געוואָרן דורך דאָס וואָרט האַמלעטיזם. „האַמלעט — דאָס איז דייטשלאַנד, — האָט אין די 40-ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געזאָגט אַ דייטשער שריפטשטעלער, — דייטשלאַנד, וואָס אין אירע טויערן קומט אַלע נאַכט אַריין שטרענג און שטום די באַגראָבענע פרייהייט, און נויגט מיטן

קאָפּ צו די שומרים, וואָס שטייען אויף דער וואַך". דידאָזיקע שפּע פון פאַר־שיידנאַרטיקע מיינונגען איז דער בעסטער באַווייז פון דער אַלמענטשלעכער באַדייטונג פון דעם געשאַפענעם טיפּ. לאָמיר פריער באַטראַכטן האַמלעטן אין די ראַמען פון דער טראַגעדיע גופא, און דערנאָך וועלן מיר פּרווון ענטפערן אויף דער פראַגע, פאַרוואָס האָט דערדאָזיקער העלד אַזויפיל צו זאָגן די מענטשן פון די לעצטע יאָרהונדערטן, וועלכע ס'איז אָנגענומען צו רופן די נייע צייט.

האַמלעט האָט זיך געלערנט אין וויטנבערג. דאָ האָט געפּריידיקט זיין פילאָסאָפיע דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, דער פריידענקער פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. דאָ האָט לוטער צוגעשלאָגן צו די ווענט פון דער קירך זיינע באַרימטע טע־זיסן. מיט איין וואָרט, דאָ איז געוועען די קבורה פון קאַטאָליציזם, פון דער אַלטער וויסנשאַפט און פון דער אַלטער וועלטאָנשויאונג. האַמלעט איז פון דאָרט געקומען אַן אמתער גייסטיקער אַריסטאָקראַט פון זיין עפּאָכע. ער שרייבט לידער, פאַרנעמט זיך מיט מוזיק און דעקלאַמאַציע, האָט ליידנשאַפט־לעך ליב די פּעכטונג און די דראַמאַטישע קונסט. זיינע אָנווייזונגען פאַר די אַקטיאָרן, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג, זאָגן עדות אויף אַ גוטן געשמאַק, און מ'וואָלט זיי, לויט דער מיינונג פון איין קריטיקער, גע־דאַרפט אַרויסהענגען אין יעדן טעאַטער, עס זאָלן זיי וויסן אַלע, וואָס דינען דער סצעניש[ער] קונסט. נאָר האַמלעט האָט נאָך פון וויטנבערג געבראַכט אַ פאָרשנדיקן קריטישן געדאַנק, דעם באַוואוסטזיין פון דער רעלאַטיוויטעט פון אונזערע אורטיילן, אַ ליידנשאַפטלעכן שטרעבן צום אמת, אַ שטרעבן צו געפינען דעם אמת עמפּיריש, ד. ה. די פעאיקייט צו גלויבן נאָר פאַקטן און די לאָגיש פון זיי אַרויסגעקומענע אויספירן. האַמלעט איז דער פאָרשער פון דער נייער צייט מיט זיין פאָרזיכטיקייט, מיט דער שטרענגער באַציאונג צו יעדן לאָגישן געבוי. און אָט אויף דעמדאָזיקן פאָרזיכטיקן דענקער, וועלכער האָט איבערגענומען אַלע קאָמפּליצירטע מעטאָדן פון דעם נייעם דענקען, האָט דער מזל אַרויפגעלייגט דעם חוב צו לייזן אַזאַ אויפגאַבע, וואָס אַחוץ דעם, וואָס זי האָט אַ גאַנץ מיטלאַלטערישן כאַראַקטער, פאָדערט זי שנעלקייט און אַנטשלאָסנקייט. יעדער אַנדערער אויף האַמלעטס אָרט וואָלט אויף דער זאַך געקוקט פשוט. ער וואָלט משיג געווען זיין אויפגאַבע, ווי אַ פּריוואַטע זאַך, ווי אַן אַקט פון פּערזענלעכער נקמה. האַמלעט, ווי אַ דענקער, קוקט אויף דער זאַך פיל ברייטער; ניט קיין נקמה נעמען פאַר אַ פּריוואַטן פאַרברעכן, נאָר אויפדעקן די גאָרע פאַרברעכערישקייט פון דער געזעלשאַפט, אין וועל־כער ער דרייט זיך, און אפילו פון גאָר דער וועלט — אָט אַזוי האָט האַמ־לעט פאַרברייטערט זיין אויפגאַבע. ער דריקט עס אַליין אויס אין די ווער־טער, וואָס ער זאָגט נאָך דעם, ווי ער זעט זיך מיט דעם פאָטערס שאָטן: „די גאַנצע וועלט אַרום איז אין אומאָרדענונג, און גראָד האָט געטראָפן דאָס אומגליק, אַז מיך האָט דער גורל באַשטימט צו קעמפן מיט דער צרה פון טאָג". הינטער דעם פּריוואַטן פאַרברעכן האָט האַמלעט פריער פאַר אַלץ דער־זען די גאַנצע טיפעניש פון דעם בייז, אין וועלכן די וועלט איז פאַרזונקען.

דידאָזיקע פעאיקייט צו פאַראַלגעמיינערונג, דידאָזיקע שטרעבונג צו פילאָזאָפישע בויאונג גייט דורך, ווי אַ רויטער פאָדעם, איבער אַלע האַמלעטס ווערטער און מעשים. פון דער מוטערס חתונה איז אין אים פריער פאַר אַלץ באַליידיקט ניט דער זון, נאָר דער דענקער. ער רעדט ניט וועגן זיין פערזענלעכן טרויער, נאָר ער זאָגט זיך אַרויס בכלל וועגן דער נישטיקייט פון דער פרוי. אין איין אָרט קאָן מען מיינען, אַז האַמלעט נוצט אויס אַלץ, וואָס אַרום אים קומט פאָר, אַלס אַ מאַטעריאַל פאַר זיינס אַ קינפטיק פילאָזאָפיש ווערק. דאָס איז דער מאָמענט, ווען ער דערוויסט זיך פון שאָטן וועגן דעם שרעקלעכן פאַרברעכן. „וואו־זשע זיינען מיינע בלעטלעך? — שרייט ער אויס, — איך וועל פאַרשרייבן לזכרון, אַז מען קאָן זיין אַ פאַרברעכער און ליַיגן מיט אַ פריילעך געלעכטער". האַמלעט טראָגט מיט זיך אַרום זיין נאָטיצביכל, אין וועלכן ער פאַרשרייבט אַלגעמיינע געדאַנקען, וואָס קומען אַרויס פון די געשעענישן. אָט דאָס איז האַמלעטס הויפטשטריך: ער איז אַ פילאָזאָף, אַ דענקער, קודם־כל אַ מענטש פון אַנאַליז.

האַמלעט איז כלל ניט באַרויבט די פעאיקייט צו אַנטשלאָסענע טאַטן: ער טויט פאָלאָנין, ער ריכט אויס אויף אַ זיכערן טויט זיינע באַגלייטער קיין ענגלאַנד, טויט לסוף דעם קיניג גופא. האַמלעט ציט אָפ ניט דערפאַר, ווייל אים פעלן כוחות פאַר אַ מאָרד, נאָר דערפאַר, ווייל ער וויל דעמדאָזיקן מאָרד אויספירן מיט דעם מאַקסימום נוצן פאַר יענעם העכערן אמת, וואָס ער איז באַרופן צו דינען אים. און ווירקלעך, די פאַרשיידנאַרטיקייט און קאָמפליצירטקייט פון די סיבות, וואָס האַלטן אים אָפ, זיינען צו באַוואונדערן. צוערשט די נייטיקייט צו דערווייזן דעם פאַקט גופא. פאַר האַמלעטן זיינען קנאַפ דעם גייסטס ווערטער. ער גייט זיך קאָנטראָלירן די באַשולדיקונג אויף אַ פסיכאָלאָגישן אופן — דורך דער ווירקונג פון דער סצענע. אָבער דאָס איז פאַר אים אויך ווייניק. ער פרוווט אויס דעם קיניג מיט אַלערליי מיטלען. מיר האָבן פאַר זיך אַן אמתן סקעפטיק אין מאָנטענס געשמאַק. ווייטער, — אים ווילט זיך, אַז די נקמה זאָל זיין וואָס פולער. דאָס האַלט אים אָפ פון ערמאָרדן דעם קיניג, בשעת יענער איז מתפלל. ניט קיין נקמה, נאָר אַ טובה וואָלט פאַר אים איצט געווען דער טויט. ער וויל אויסוואַרטן אויף אַ צווייטן מאָמענט, ווען „אין אָנגרייף פון צאָרן, אָדער משוגעת, אונטער דער לאַסט פון אויסגעלאַסנקייט און פון וויין, ווען ער אייבשלאָפן, ווי אַ חיה־רעה, אויף זיין געלעגער, תיכף נאָך דער שפיל, צווישן שבועות און מעשים, פאַר וועלכע עס איז ניטאָ קיין כפרה". אין איין שורה מיט דעם פילאָזאָף, דעם עמפיריקער און דעם סקעפטיקער טרעט אַרויס דער מענטש, וואָס אים זיינען ניט פרעמד קיין רעליגיעזע מאָטיוון. אַזוי אַרום קומט אויס די פראַגע וועגן האַמלעטס פעאיקייט אָדער אומפעאיקייט צו טאַט באַשליסן אין דעם זין, אַז ער איז יאָ פעאיק צו טאַט, אָבער נאָר צו אַזאַ טאַט, וואָס איז באַרעכטיקט מצד יענע פילע שטאַנדפונקטן, וועלכע עס איז נאָר בכוח אַרויסצושטעלן דער דענקען פון זיין צייט. אמת אין דער פראַקטיק קאָן אַזאַ מין פאָדערן ברענגען צו לאַנגזאַמקייט, וועלכע גרעניצט זיך מיט פולקומער טאַטלאָזיקייט, און

פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט קאָן מען זאָגן, אַז האַמלעט איז דער מענטש פון געדאַנק, און ניט פון טאַט.

דער דריטער האַמלעטס גרונדשטריך איז מרה שחורה און פּעסימיזם, וואָס איז אויך אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דעם צוזאַמענשטויס צווישן די אַלטע אָנשויאונגען און די נייע באַגריפן. אידעאַליסט און דענקער, וועלכער שטייט אויף דער הויכער מדרגה פונם וויסן פון זיין צייט, באַגעגנט ער שוין פון די ערשטע טריט אָן אַ ריי אַנטטוישונגען. די מוטער האָט פאַרגעסן זיין פאָטער „די שיין און דעם רום", און נאָך ניט אָפּגעטראָגן די שיך, האָט זי שוין חתונה געהאַט מיט דעם פאַרברעכער, וועלכער איז לגבי „יענעם" ניש־טיק, ווי אַ סאַטיר לגבי אַפּאָלאָ. די הויפלייט ווייזן זיך אַרויס אַלס נידעריקע חנפים און פאַלשע באַטריגער. האַמלעט הערט אויף צו גלויבן אין מענטשן. ער באַגייט זיך ברוטאַל און אומדערבאַרמיק מיט אָפעליען, וועלכע ער האָט ליב אַזוי, ווי „40 טויזנט ברידער וואָלטן צוזאַמען ניט געקאָנט ליב האָבן". אָפעליע איז אַ ריינער וועזן, פול מיט חן און באַצויבערנדיקער פּראַכט. אָבער דאָס איז אַ וועזן אָן אונטערטעניקער, אַ פּאַסיווער, ניט קיין פעאיקער צו איניציאַטיוו. זי קאָן ניט פאַרשטיין די טיפע טראַגעדיע, וואָס האַמלעט לעבט איבער. זי נעמט אויף זיך דערשראָקן און אונטערטעניק די ניט שייגע מיסיע, וואָס דער פאָטער לייגט אויף איר אַרויף, און דאָס איז שוין גענוג, אַז האַמ־לעט זאָל אָנהייבן פילן פאַראַכטונג צו דעמדאָזיקן פּאָלאָניס געצייג, ער זאָל זי אַריינטראָגן אין צעטל פון די באַוויזן, וואָס באַשטעטיקן זיינע פינסטערע אָנשויאונגען אויף דער וועלט. ביי האַמלעטן איז קיין ספק ניט, אַז אין דער צוקונפט וועט פון אָפעליע אויסוואַקסן דער פּאָרטרעט פון זיין אייגענער מאַ־מען. אָבער נאָך שרעקלעכער איז אפשר געווען האַמלעטס אַנטטוישונג אין די אייגענע קרעפטן. ער איז גרייט, ווי געטע, ערקלערן זיין טאָטלאָזיקייט מיט דער שוואַכקייט פון זיין ווילן, און דערדאָזיקער באַוואוסטזיין דינט אים פאַר אַ קוואַל פון פּיינען. ער איז מקנא דעם חייל, וואָס גייט אָן מחשבות אין שלאַכט פאַר אַ ברעקל ערד און זעט אין זיי אַ פאָרוואורף פאַר זיך. ביי יעדן אויסווייז פון ווילן פאַלט ער אַריין אין טרויער, גיט זיך אַ וואָרט, מער ניט צו וואַקלען זיך, און צום נאָכדעם ווייטער אָפּ מחמת פאַרשיידענע טעמים. די אַנטטוישונג אין מענטשן, דער באַוואוסטזיין פון דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט דערפירן האַמלעטן ביז יאוש. ער קומט צום געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד, און „ווידער ווערט בלייך די רייפע פאַרב פון אַנטשלאָסנקייט אונטערן דרוק פון מחשבות", און דער בארימטער מאָנאָלאָג „זיין, אָדער ניט זיין" איז אין עצם ניט מער, ווי אַ פילאָזאָפישער אורטייל אויף דער טעמע וועגן זעלבסטמאָרד.

אָט דאָס זיינען האַמלעטס גרונטשטריכן: די איבערוואָג אויף דער זייט פון אַנאַליז, רעפלעקס, נטיה צו מחשבות, דאָס אָפּציען די אַקציע, וועלכע קומט אַלס רעזולטאַט פון דערדאָזיקער איבערוואָג, די מעלאַנכאָלישע אומע־טיקייט און דער פינסטערער פּעסימיזם, וואָס איז אַרויסגערופן דורך דער סתירה צווישן די נייע אידעאַלן מיט דערווירקלעכקייט.

אָבער האַמלעט שטעלט מיט זיך פאָר עטוואָס מער, איידער אַ פּסיכאָ־

לאָגיש ריכטיקע קינסטלערישע געשטאַלט. ער איז אַ טיפּישע פיגור פון רענעסאַנס, ווען די אַלטע רעליגיעזע מסורות און דער קולט פון פיזישער שטראָף האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט נייע עסטעטישע פאָדערונגען און מיט די ערשטע ספקות, וואָס די עמאַנציפּאַציע פון דעם מענטשנס געדאַנק האָט געבוירן. דער געדאַנק האָט פריער פאַר אַלץ פאַרשטאַנען זיין באַגרעניצטקייט און ניט פעאיקייט צו באַשיידן די אַבסאָלוטע אויפגאַבעס, וואָס די קירך האָט אַזוי אין זיך באַגלויבט פאַרענטפערט. ברונאָ, דער פילאָזאָף פון רענעסאַנס, זאָגט: „פון אַבסאָלוטן שטאַנדפּונקט איז ניטאָ גאָרנישט פולקומס אָדער בייזס; עס דוכט זיך נאָר אַזוי אין באַציאונג צו עפּעס אַנדערש, און דאָס וואָס עס איז בייז פאַר איינעם, איז גוט פאַר אַ צווייטן". דיזעלבע אידעע וועגן דער רעלאַטיוויטעט פון די מענטשלעכע אָנשויאונגען זאָגט אויך מאָנטען אַרויס. און דערדאָזיקער געדאַנק גייט ווי אַ רויטער פאָדעם דורך איבער אַלע האַמלעטס רייד. „מיינע אורטיילן האָבן ניט קיין אַבסאָלוטע באַדייטונג". דערדאָזיקער באַוואוסטזיין פאַראַליזירט זיין ווילן. „אַליין פאַר זיך — זאָגט ער אין איין אָרט, — איז קיין זאַך ניט גוט, ניט שלעכט, דער געדאַנק מאַכט עס פאַר דאָס אָדער פאַר עפּעס אַנדערש". פונדעסטוועגן לייקענען אויספאָרשער אָפּ ברונאָס איינפלוס אויף שעקספּירן.

טורגעניעוו אין זיין באַרימטער רעדע **האַמלעט און דאָן קיכאָט** פאַרגלייכט די בײדע העלדן און שטעלט דעם צווייטן העכער. דאָן קיכאָט דריקט פריער פאַר אַלץ אויס גלויבן — אַ גלויבן אין עפּעס אייביקס, וואָס קאָן פון אָרט ניט גערירט ווערן, אין אַן אמת, וואָס ליגט אויסער דעם פּרט. האַמלעט דריקט פריער פאַר אַלץ אויס, פאַרקערט, אַנאַליז און אומגלויבן. מחמת דעם איז דאָן קיכאָט אַן אַלטרואיסט, אַ פאַרקערפּערטע זעלבסטאָפּפערונג; האַמלעט איז אַ עגאָאיסט, וואָס טראָגט זיך כסדר אום מיט זיך אַליין, אַפילו דעמאָלט, ווען ער זידלט זיך און באַקלאָגט זיין מאַכטלאָזיקייט. דאָן קיכאָט טוט; האַמלעט טראַכט. דאָן קיכאָט נעמט זיך פאַרריכטן דאָס שלעכטס און פאַרטיידיקן די געדריקטע אין דער גאָרער וועלט. האַמלעט האָט קיין קראַפט ניט אויסצופירן דעם חוב, וואָס ליגט אויף אים. אמת, דאָן קיכאָט שאַדט אָפט די וואָס ער פאַרטיידיקט זיי, אָבער דערפון ווערן ויינע מעשים ניט ווייניקער איידל. ווער עס וואָלט געקומען, מקריב זייענדיק זיך, פריער אויסרעכענען און איבערוועגן די רעזולטאַטן, די וואַרשיינלעכקייט פון דעם נוצן, וואָס זיין טאַט וועט ברענגען, יענער וואָלט אפשר ניט פעאיק זיין אויף זעלבסט-אָפּפערונג. האַמלעט וואָלט געוויס ניט אָנגענומען דעם פריזירערס בעקן פאַר מאָמברענס קיווער, דערפאַר אָבער ווען פאַר זיינע אויגן וואָלט זיך געשטעלט דער פאַרקערפּערטער אמת אַליין, וואָלט ער זיך ניט באַשלאָסן צו קאַווירן, אַז דאָס איז טאַקע דער אמת. ווייטער, מיינט טורגעניעוו, זיינען די האַמלעטן ניט נוצלעך פאַר דער מאַסע; זיי קאָנען זי ערגעץ ניט פירן, ווייל זיי גייען אַליין ערגעץ ניט. נאָך דאָן-קיכאָטן גייט סאַנכאָ פּאַנטשאָ, וועלכער האָט אַ געזונטן פאַרשטאַנד, וואָס זאָגט אים פאָראויס, אַז אויסער קלעפּ האָט ער ניט אויף וואָס אויסצורעכענען. און פונדעסטוועגן פאַרלאָזט ער דריי מאָל די משפחה

און די היים, און גייט נאָך דעם מטורף. אין סאַנטשאָס פּערזאָן איז פאַר־
קערפּערט די גרויסע אַלוועלטלעך־היסטאָרישע אייגנשאַפט פון דער מאַסע, זי
גייט שטענדיק מיטן גרעסטן גלויבן נאָך די פּערזענלעכקייטן, וועלכע זי האָט
אַליין פאַרשאַלטן, נאָר וואָס האָבן ניט קיין מורא פאַר איר לאַכן און שעלטן,
און גייען, ניט אָפּקערנדיק זיך פון וועג פאָראויס, זעענדיק מיט זייער גייס־
טיקן בליק דעם ציל, וואָס איז נאָר זיי אַליין אַנטפּלעקט. דערדאָזיקער אונ־
טערשייד אין דעם כאַראַקטער פון דיביידע העלדן האָט זיך אַרויסגעוויזן אין
זייער ליבע. דאָן קיכאָט איז גרייט צו שטאַרבן פאַר זיין ניט עקזיסטירנדיקער
דולצינעיע. זיין ליבע איז אַ ריינע און האָט ניט קיין שפּור פון גשמיותדיקע
געפילן. אַז ער זעט דולצינעיען אין דעם געשטאַלט פון אַ גראָבער שמוציקער
פּויערטע, גלויבט ער ניט דער עדות פון זיינע אויגן און רעכנט, אַז דולצי־
נעיע איז אַ קרבן פון אַ בייזן מכשף. האַמלעט האָט ניט ליב אָפעליען. אין
זיינע באַציאונגען צו איר איז ער מער פאַרנומען מיט זיך, איידער מיט איר.
ביידע העלדן זיינען אַן אויסדרוק פון צוויי אין גרונט קעגנזעצלעכע באַזונ־
דערהייטן פון דעם מענטשנס נאַטור. די האַמלעטס זיינען אַן אויסדרוק פון
צום צענטער שטרעבנדיקער נאַטור־קראַפט, לויט וועלכער אַלץ וואָס לעבט
רעכנט זיך פאַר דעם צענטער פון דער וועלט און קוקט אויף אַלדאָס איבע־
ריקע, ווי אויף אַזוינס, וואָס עקזיסטירט נאָר פאַר זיך. אָן דערדאָזיקער צום
צענטער־שטרעבנדיקער קראַפט וואָלט די נאַטור פּונקט אַזוי ניט געקאָנט עק־
זיסטירן, ווי אָן דער אַנדערער פון צענטער־לויפנדיקער קראַפט, וואָס לויט איר
איז אַלץ, וואָס עקזיסטירט — עקזיסטירט נאָר פאַר דעם צווייטן. דעמדאָזיקן
פּרינציפּ פון איבערגעבנקייט און קרבן שטעלן מיט זיך פאָר די דאָן קיכאָטס.
צוויי קעגנזעצלעכע כוחות און באַוועגונגען—פאַרגליווערטקייט און באַוועגונג,
קאָנסערוואַטיזם און פּראָגרעס — דאָס זיינען די גרונט־קרעפטן פון אַלץ, וואָס
עקזיסטירט.

דידאָזיקע פיינען פון געדאַנק מאַכן האַמלעטן נאָענט אויך צו אונזער
צייט און גיבן אים צו אַ אוניווערסאַלע אַלמענטשלעכע באַדייטונג. אייבערעכנ־
דיק דעם קירכנאויטאָריטעט, האָט דער געדאַנק זיין טעטיקייט אָנגעהויבן פון
ספק. עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט דעם שכל געקרוינט פאַר דעם
איינציקן גאָט, אָבער תיכף נאָך דעם האָט זיך די מענטשהייט ווידער אָנגעהויבן
וואַקלען, באַמיענדיק זיך צו באַשטימען די ספערע, וואָס אָנגעהערט צו דעם
באַגרעניצטן שכל אונזערן. אָט פאַרוואָס אין די רייד פון דעם פּרינץ האַמ־
לעט, וואָס ער האָט זיך אויך געפּייניקט צו באַשיידן איינע פון די גרעסטע
פּראַגעס פון אונזער צייט, געפינען פילע, און וועלן נאָך מסתמא לאַנג גע־
פינען—אַן עכאָ פון זייערע אייגענע ספקות. „אָ, האַמלעט!—זאָגט בראַנדעס,—
דו ביסט אונז ניט ווייניקער טייער, און דער, וואָס לעבט היינט, שעצט
און פאַרשטייט דיך ניט ווייניקער. מיר ליבן דיך, ווי אַ ברודער. דיין טרויער
איז אונזער טרויער, דיין ברוגז איז אונזער ברוגז, דיין שטאָלצער שכל איז
זיך פאַר אונז נוקם אָן יענע, וועלכע פילן אָן די ערד מיט פּוסטן טומל
און הערשן איבער איר. אונז איז באַקאַנט דיין טיפער פּיין, ווען דו זעסט

דעם נצחון פון חנופה און ליגן, און—אוי־ווײ—דײן נאָך טיפערער פײן, ווען דו האָסט געפילט, אַז אין דיר איז איבערגעשניטן דער נערוו, וואָס שאַפט פון דעם געדאַנק די זיגערישע טאַט. אונז האָבן אויך פאַרראָטן די פרײַנד פון אונזער יוגנט, אונז האָט אויך געדראָס דער אונטערגאַנג דורך אַ קלינגל באַנעצט מיט גיפט; אונז איז אויך באַקאַנט די בית־הקברות־שטימונג, ווען עס נעמט אַרום די נשמה אַן עקל צו אַלץ, וואָס אויף דער ערד, און אַ טרויער, קוקנדיק אויף אַלץ וואָס אויף דער ערד. אונז האָט אויך דער אָטעם פון אָפענע קברים געבראַכט צו טרוימען מיט אַ שאַרבן אין האַנט"...

צווישן שעקספּירס ווערק פאַרנעמען אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט די אַזוי גערופענע רוימישע דראַמען: יולי צעזאַר, אַנטאָני און קלעאָפּאַטרע, קאָריאָלאַן. דידאָזיקע דראַמעס מאָלן די וויכטיקסטע מאָמענטן פון דער רוימישער געשיכטע. אין קאָריאָלאַן איז פאָרגעשטעלט דער קאַמף צווישן די אַריסטאָקראַטישע און דעמאָקראַטישע פאַרטייען; אין יולי צעזאַר—דער קאַמף צווישן די רעפּובליקאַנישע און מאָנאַרכישע טענדענצן; אין אַנטאָני און קלעאָפּאַטרע—דער לוקסוס און די גשמיותדיקע פאַרגעניגנס פון דער רוימישער געזעלשאַפט אין דער עפּאָכע פון דעם אָנהייב ירידה. אַלס קוועלע פאַר די רוימישע טראַגעדיעס האָבן געדינט פּלוטאַרכס לעבנסבאַשרייבונגען, וועלכע זײַנען אין 1579 יאָר איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש. אין דער רוימישער געשיכטע האָט שעקספּיר דערזען אַ רײַכן מאַטעריאַל צו מאָלן גרויסע געזעלשאַפטלעכע און פאָלקס־באַוועגונגען. דער קאַמף פון די פּאָליטישע אינטערעסן און פּרינציפּן—דאָס איז דער עיקר באַוועג־קראַפט פון שעקספּירס רוימישע דראַמעס (אַן אויסנאַם שטעלט מיט זיך פאָר אַנטאָני און קלעאָפּאַטרע, וואו דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגישער אינטערעס). דערדאָזיקער שטראָם פון שעקספּירס שאַפונגען גיסט זיך אויך צונויף מיט די געזעלשאַפטלעכע אָנשויאונגען פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, די שטימונג פון די פעלקער האָבן אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע באַקומען אַ וויכטיקע באַדײַטונג. דער פּויפּסטנטום און די אימפּעריע האָבן אַליין אין זייער קאַמף גערופן די שטעט צו אַנטשיידן זייערע מחלוקותן, זיי האָבן אַליין אַרויסגערוקט פאָראויס דעם עלעמענט, וואָס האָט זיך אין דער מיטלאַלטער בלינד אונטערגעגעבן די באַפעלן פון דער קירך.

שעקספּיר, דערדאָזיקער געניאַלער אויסדריקער פון אַלע שטראָמען פון דער עפּאָכע, האָט ניט געקענט ניט אָפּשטעלן זײַן אויפמערקזאַמקייט אויף דערדאָזיקער נײַער דערשײַנונג. די באַקאַנטשאַפט מיט פּלוטאַרכס לעבנסבאַשרייבונגען, וועלכע איז פאָרגעקומען אַגב אויך אונטער דעם אײַנפלוס פון דער הערשנדיקער פאַראינטערעסירטקייט מיט דער אַלטערטימלעכער וועלט, האָט אים געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך ווענדן צו דעם פאָלק, בײַ וועלכן דער פּאָליטישער קאַמף און די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון דער מאַסע האָבן דערגרייכט צו אַ גאַנץ היבשער מדרגה. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף יולי צעזאַר, ווי אויף דער כאַראַקטעריסטישסטער פון שעקספּירס רוי-

מישע דראַמען. די באַדייטונג פון פאָלק אין דעם גאַנג פון די געשיכטלעכע געשעענישן טרעט ערגעץ ניט אַרויס אַזוי בולט, ווי אין דערדאָזיקער טראַגעדיע. די העלדן זיינען די אויספירער פון דעם פאָלקס רייף געוואָרענע פאָדערונגען. דער פערזענלעכער גורל פון די העלדן האָט קיין השפעה ניט אויף דעם לויף פון די געשעענישן, און דער נצחון פון דעם אָדער יענעם פּאָליטישן פּרינציפּ איז ניט פאַרבונדן מיט דער פערזענלעכקייט, וואָס רעפּרעזענטירט דעם פּרינציפּ.

דער אינהאַלט פון יולי צעזאַר שטעלט פאָר אין אַלגעמיין אַ בילד פון באַוואוסטע היסטאָרישע געשעענישן. עס ווערט געבילדעט אַ פאַרשווערונג אַנטקעגן צעזאַרן מצד די אָנהענגער פון דער רעפּובליק, וואָס האָבן מורא, אַז צעזאַר, וועלכן דאָס פאָלק ליבט, זאָל ניט פאַרכאַפּן די קייזערלעכע מאַכט. אין דער שפּיץ שטייט קאַסי און צעזאַרס ליבלינג ברוט. אין סענאַט, בשעת אַ זיצונג, באַפאַלט מען צעזאַרן און מען דערשטעכט אים מיט אַ שווערד. צעזאַר שטאַרבט, אַרויסריידנדיק פאַרן טויט די באַרימטע פראַזע: „דו, ברוט, אויך? טאָ שטאַרב, צעזאַר!” צעזאַר שטאַרבט אין אָנהייב פון דעם דריטן אַקט. אָבער דווקא דאָ הייבט זיך ערשט אָן דער קאַמף פון די פאַרשווערער מיט צעזאַרן, אָדער, ריכטיקער — מיט די פּרינציפּן, וואָס זיינען אין זיין פערזאָן פאַרקערפּערט, — מיטן צעזאַריזם, וואָס האָט געלעבט אין האַרצן פון רוימישן פאָלק. דאָ האָבן זיך די פאַרשווערער דערוואוסט, אַז דער טויט פון איין פערזענלעכקייט קאָן ניט אָפּטויטן די שטרעבונגען, וועלכע זיינען אין דער פאָרשטעלונג פון די פאָלקסמאַסן מיט דערדאָזיקער פערזענלעכקייט פאַרבונדן. צעזאַרס פריינט אַנטאָני קומט כלומרשט דורך מיט די פאַרשווערער, רופט אַרויס קיין רוים צעזאַרס נאָענטן קרוב אָקטאַווי און ווענדט זיך צום פאָלק מיט אַ רעדע פאַר צעזאַרס טויטן קערפּער. די פאַרשווערער ווייזן אָן, אַז דידאָזיקע רעדע איז געפערלעך, אָבער דער איידעלער ברוט קאָן אַנטאָניאָן ניט פאַרווערן צו האַלטן די רעדע לכבוד זיין געשטאָרבענעם פריינט. דידאָזיקע רעדע צינדט אָן אַ פלאַקער אין פאָלק: דער המון טוט זיך אַ לאָז מיט האָלעוועשקעס אין די הענט אויף די הייזער פון די פאַרשווערער, אונטערצוצינדן זיי. ברוט און קאַסי פאַרזאַמלען זייערע אָנהענגער און לעבן פיליפּי קומט פאָר אַ שלאַכט. אָ, צעזאַר! — שרייט ברוט אַויס, — דו ביסט באמת מעכטיק און גערימט. אַלץ הערשט נאָך דיין גייסט איבער אונז, שלאָגנדיק אונז מיט דעם שטאָל פון אונזערע אייגענע שווערדן”. ברוט זעט די מפּלה פון זיין אַרמיי און פון זיינע מלוכה־אידעאַלן, דערשטעכט זיך זעלבסט, און אַנטאָני און אָקטאַווי, וועלכע געפינען אים, לויבן „דעם ערלעכסטן פון די רוימער”.

לויט דעם אינהאַלט פון דער טראַגעדיע וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דער הויפּטהעלד איז ניט דער, וואָס אויף זיין נאָמען איז זי אָנגערופן, נאָר ברוט. אָבער טיפער אַריינדרינגענדיק אין דעם זינען פון דער טראַגעדיע, קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז ניט אַזוי. צעזאַר ערשיינט פאַר אונז ווי אַ קליינער אויפגעקומענער טיראַן. ער רעדט וועגן זיך ניט אַנדערש, ווי אין דער דריטער פערזאָן. ער פאַראַכט דעם סענאַט: ווען ער

באַשליסט אונטער דעם איינפלוס פון זיין ווייב ניט צו גיין אין סענאַט, האַלט ער פאַר נייטיק אָנצווייזן די סיבה, פאַרוואָס ער גייט ניט. „איך וויל ניט, — זאָגט ער, — קיין אַנדער טעם איז ניטאָ, און דער סענאַט דאַרף קיין אַנדער טעם ניט זוכן". צעזאַר ציט אויף זיך שטענדיק אַרויף עפּעס אַן אָנגעבלאָזענע גרויסקייט. ווען דער נביא גיט אים איבערלייענען די שריפט, אין וועלכער עס ווערט גערעדט וועגן דער פאַרשווערונג, ענטפערט צעזאַר אָנגעבלאָזן: „פאַר צעזאַרן זיינען די פּריוואַטע עסקים זיינע די לעצטע זאַך", און ער גייט אַוועק ניט ווייסנדיק, אַז אין דעמדאָזיקן בריוו געפינט זיך די רעטונג זיינע פון טויט. צעזאַר איז אָבערגלויביש: ער לעכצט צו האָבן אַ קינד אַ יורש, און בעט אַנטאָניאָ אָנצורירן זיך אָן זיין ווייב בשעת דעם הייליקן געלאַף, מחמת דאָס איז אַ סגולה צו קינדער. צעזאַר איז ערגייציק: ער לעכצט נאָך דער קרוין, און זאָגט זיך אָפּ פון זיין באַשלוס ניט צו גיין אין סענאַט ערשט דעמאָלט, ווען איינער פון די נאָענטע מענטשן דערציילט אים, אַז היינטיקן טאָג האָבן די סענאַטאָרן באַשלאָסן אים אונטערצוטראָגן די קרוין. ווי אַלע טיראַנען, האָט צעזאַר קאַפּריזן; זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס זיינען געגרינדעט אויף קאַפּריזן: דער אַלטער קאַסי, למשל, געפעלט אים ניט דערפאַר וואָס ער איז צו „שטשופּלע", ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן דעם, אַז אַזאַ פיגור שטימט לחלוטין ניט מיט אונזער באַגריף וועגן דעם היסטאָרישן צעזאַר, דעם גרויסן העלד, דעם געניאַלן אַדמיניסטראַטאָר, וואָס מיט זיין רום איז פול די גאַנצע וועלט. אָבער שעקספּיר האָט ניט נאָר פאַרהוילן די בעסערע זייטן פון צעזאַרס כאַראַקטער, אַרויסשטעלנדיק איבערהויפּט דאָס קליינלעכע און טריוויאַלע אין זיין כאַראַקטער, — ער האָט אים נאָך געלאָזט אומקומען אין אָנהייב פון דריטן אַקט, אַזוי, אַז כמעט דריי אַקטן אַנטוויקלען זיך אָן דעם אָנטייל פון דעם הויפּטהעלד. אַזאַ פון ערשטן בליק משונהדיקע באַציאונג צו דעם העלד, האָט בלי־ספק ניט געקאָנט זיין קיין צופעליקע.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז יולי צעזאַר איז פריער פאַר אַלץ ניט קיין טראַגעדיע פון פערזענלעכקייטן, נאָר אַ טראַגעדיע פון פּרינציפּן. שעקספּיר, קאָן זיין, האָט פון צעזאַרן בכיוון געשאַפן אַ נישטיקע פיגור, כדי נאָך בולטער אונטערצושטרייכן דעם צויבער פון זיין נאָמען, די קראַפט פון דעם פּרינציפּ, וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט דעם נאָמען. אויף וויפיל צעזאַר איז נישטיק אין זיינע אייגענע רעדעס און מעשים, אויף אַזוי פיל גרויס און מעכטיק איז ער אין די רעדעס פון די, וואָס רינגלען אים אַרום. אַנטאָני רופט זיין טויטן קערפּער אָן „די חורבה פון דער אומגעקומענער גרויסקייט, וואָס די וועלט האָט קיינמאָל אַזעלכע ניט געזען". ווען צעזאַר ערשיינט, ווערט אַלץ אַרום דורכגעדרונגען מיט יראת הכבוד. פאַר אים גייט מוזיק. אַז ער הייבט אָן צו ריידן, ווערט אַלץ תיכף אַנטשוויגן. אַז צעזאַר שטאַרבט, ווערט זיין גייסט נאָך פאַרכטיקער, נאָך העכער אין זיין מאַיעסטעטישער גרויסקייט. אַזוי אַרום האָט שעקספּיר בכיוון אַרויסגעשטעלט צעזאַרס נישטיקייט און בכיוון אים אַזוי פרי באַזייטיקט פון דער סצענע. שעקספּיר האָט גלייך ווי געוואָלט זאָגן, אַז די אויסגערייפטע אידעע איז שטאַרק אומאָפּהענגיק דערפון,

צי איז זי פאַרקערפערט אין אַ שוואַכער, צי אין אַ שטאַרקער פערזענלעכקייט, צי אַפילו אין אַ טויטן קערפער.

אויב אין צעזאַרן איז פאָרגעשטעלט די נישטיקע פערזענלעכקייט, אָבער דער זיגרייכער פרינציפ, איז אין ברוטן פאַרקערט אַרויסגעשטעלט אַן איידעלער העלד, אָבער אַן אָנהענגער פון אַ אידעע, וואָס קאָן קיין ערפאָלג ניט האָבן. ברוט איז אַ פאָליטישער אידעאַליסט. דאָס איז די סאַמע קורצע און קלאָרע כאַראַקטעריסטיק זיינע. ער איז פריער פאַר אַלץ אַ פאָליטישער טוער, במעט אַ פאַנאַטיקער, וואָס ווייס ניט פון קיין קאָמפראָמיסן און קיין נאָכגעבענישן. אָבער אין דערזעלבער צייט וויל ער, אַז דער קאַמף פאַר די פאָליטישע פרינציפן זיינע זאָל געפירט ווערן אויף דעם באָדן פון אידעאַליזם. אַן ערלעכע זאַך דאַרף געטאָן ווערן אָפן. „צעזאַרס אונטערגאַנג איז נייטיק, — זאָגט ברוט, — ניט צוליב מיינע צוועקן פאַרלאַנג איך עס, נאָר כדי אַלעמען צו רעטן". דערדאָזיקער אידעאַליזם ברוטס ווייזט זיך באַזונדער העל אַרויס אין דער נאַכט ערב צעזאַרס דערמאָרדונג. איינער פון די פאַרשווערער לייגט פאָר באַשטעטיקן דעם באַשלוס דורך אַ שבועה. „ניין, אָן שבועות, — ענטפערט אים ברוט, — אויב ניט אונזער געוויסן, און אויב ניט אַלץ, וואָס מיר פאַרטראָגן שווייגנדיק אין אונזערע נשמות, און אויב ניט די שענדלעכע געשעענישן פון דער צייט, זיינען פאַר אונז ניט קלאָר, טאָ לאָמיר זיך בעסער פונאַנדערגיין. זאָל זיך די מאַכט פון דער טיראַניי הויך דערהויבן. אָבער אויב דאָס, וואָס איך זאָג, קלעקט אויף אָנצוצינדן אַ פייער אין ברוסט ביי דער פחדנות גופא, טאָ וואָס טויגן אונז די שבועות, וויבאַלד אַז ערע האָט פאַר ערע זיך מתחייב געווען דערפילן איר חוב, אָדער אומקומען. ווער פאַרלאַנגט שבועות? די פריסטער, פוסטע פחדנים, מענטשעלעך, וואָס טרויען קיינעם ניט". אַזוי בויט ברוט די גאַנצע זאַך אויף צוטרויען. ער אידעאַליזירט מענטשן. ער גלויבט ניט, אַז נאָר ווייניקע פירן זיך לויט ערלעכע אָנרעגונגען. אַזאַ אידעאַליזם שטייט נאָענט צו אומפראַקטישקייט, און דידאָזיקע אומפראַקטישקייט איז דער דריטער שטריך אין ברוטס כאַראַקטער, נאָך זיינע געזעלשאַפטלעך-פאָליטישע אינטערעסן און נאָך זיין אידעאַליזם. שעקספיר האָט אין ברוטס כאַראַקטער אַריינגעלייגט אַ פולע אַנדערע זייער סימפאַטישע שטריכן, למשל זיין האַרציקע באַציאונג צו די, וואָס געפינען זיך אונטער זיין מאַכט. באַזונדער סימפאַטיש איז זיין ליבע צו זיין פרוי פאָרציע, פון וועלכער ער פאַרבאָרגט די סכנה וואָס דראָט אים, און זאָגט איר זיין סוד אויס ערשט דעמאָלט, ווען ער איז איבערצייגט, אַז זי האָט גענוג מוט, מען זאָל איר קענען פאַרטרויען אַזאַ סוד.

פאָרציע געהערט צו דעם טיפ פרויען, צו וועלכע שעקספיר קערט זיך אָפט צוריק אום מיט ליבשאַפט. פילנדיק, אַז ברוט באַהאַלט עפעס פון איר, זאָגט זי אים: „זאָג, צי דען איז אין אונזערע תנאים איינגעשריבן, אַז איך דאַרף ניט נעמען קיין טייל אין אַלע דיינע סודות? צי דען בין איך מיט דיר אויף אייביק באַהעפט נאָר אויף דער העלפט? צי דען איז מיין חוב זיין דיר אַ חברטע נאָר ביים טיש, היטן דיך אין בעט און פאַרווילן מיט פוסטע

שמועסן... אַ, אויב אַזוי, בין איך ניט ברוטס ווייב, נאָר זיינע אַ קעבסווייב... איך בין אַ פרוי, פאַרשטייט זיך, אָבער אַ פרוי, אין וועלכער מענטשן אַכטן די טאָכטער פון קאַטאָן. זאָל איך דען ניט זיין פעסטער, ווי דער גאַנצער געשלעכט מיינער? אַנטפלעק פאַר מיר דעם סוד!" אין דידאָזיקע ווערטער ערשיינט פאָרציע ווי אַ קעמפערין פאַר דעם געדאַנק, אַז די פרוי איז ניט קיין שפילצייג, ניט אַ צוגאָב צום מאַן, נאָר אַ באַוואוסטזיניקע, אַקטיווע פריינדין און העלפערין זיינע.

מיר זעען אַלזאָ, אַז די באַשטימונג פון די הויפטהעלדן אין דער טראַגעדיע יולי צעזאַר ווערט באַשטימט ניט דורך זייער פערזענלעכער ראָליע, נאָר דורך דער באַציאונג זייערער צו דעם אָדער יענעם פרינציפ. ווער־זשע איז דאָ דער הויפט־העלד, וועלכער שאַפט דעם מאַסשטאַב אויף אָפצושאַצן די באַדייטונג פון די העלדן? בלי ספק דער המון, דאָס פאָלק. דאָס רוימישע פאָלק און זיינע שטרעבונגען — דאָס איז דער הויפט־העלד פון דער טראַגעדיע. שעקספיר האָט געניאַל געמאָלט די פסיכאָלאָגיע פון דער מאַסע, וועלכע טוישט שנעל אירע שטימונגען. דער המון איז קאַפריזיק. ערשט האָט זי גערימט ברוטן און פאַר אים געפאָדערט אַ טריאומף, און באַלד נאָך אַנטאָניס רעדע לאָזט זי זיך אונטערצינדן זיין הויז. ערשט איז זי פאַר צעזאַרן געשטאַנען מיט יראת הכבוד, און באַלד ערקלערט זי אים נאָך זיין טויט פאַר אַ טיראַן. דערדאָזיקער המון איז שטענדיק דערזעלבער. זי האָט מיט אַנטציקונג באַגעגנט לודוויק דעם XVI מיט מאַריע אַנטואַנעטען, און שפעטער מיט דער זעלבער אַנטציקונג באַגעגנט די תליונים, וואָס האָבן זיי געטויט אויפן עשאַפאָט. אָבער הינטער דערדאָזיקער געדאַכטער זינלאָזיקייט איז פאַרבאָרגן עפעס באַשטימטס און פאַרענדיקטס. אין די סתירהדיקע אַקציעס פון דער מאַסע איז שווערער אונטערצושיידן אַ באַשטימטע שטרעבונג, איידער אין די אַקציעס פון אַ יחידישער פערזאָן. די פסיכאָלאָגיע פון דעם המון — דאָס איז איינע פון די אומפאַרשטענדלעכסטע געביטן פון דער וויסנשאַפט, אָבער זי עקזיסטירט, און שעקספיר האָט עס פאַרשטאַנען. וואָס פאַר אַ אייגנשאַפטן עס זאָל ניט באַזיצן דער אָנפירער פון אַ פאָלק, ווי קלוג און געשיקט ער זאָל ניט זיין, וועט דאָך אים קיינמאָל ניט געלינגען צו פאַרהיטן זיין מאַכט איבער דאָס פאָלק, אויב ער וועט גיין קעגן די עיקרדיקע סטיכישע אינסטינקטן פון דעם המון. שעקספיר האָט אין יולי צעזאַר פאָרגעשטעלט צוויי מערקווירדיקע מאָמענטן אין די באַציאונגען צווישן העלדן און המון. דאָס איז ברוטס רעדע און אַנטאָניס רעדע. דער המון פילט זיי ביידן מיט. ביידן באַגריסט זי מיט אַנטציקונג. פונדעסטוועגן — ס'אַר אַן אונטערשייד צווישן די ביידע פאַלן! אין דעם ערשטן פאַל — פולקומע קעגנזייטיקע אומפאַרשטענדעניש; אין דעם צווייטן — אַ פיינער פאַרשטאַנד פאַר דעם המונס שטימונגען. ברוט ערקלערט, אַז ער האָט צעזאַרן ערמאָרדעט, מחמת ער האָט געוואָלט רעטן די פרייהייט פון רוים. און אַלס ענטפער דעמדאָזיקן מענטשן, וואָס האָט אויף דעם מזבח פון זיינע רעפובליקאַנישע אידעאַלן געבראַכט פאַר אַ קרבן זיין בעסטן פריינט, שרייט דער המון: „טאָ זאָל איצט ברוט ווערן

צעזאר". א ווייטזיכטיקערער פּאָליטיקער, וואָלט דערפון גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרשפּילט. דער המון שטעלט זיך ניט פאַר רוים אָן אַ צעזאַר. דאָס פאָלק איז רייף געוואָרן פאַר דער קנעכטשאַפט. אַ גאַנץ אַנדער איינדרוק מאַכט אַנטאָניס רעדע, וועלכער האָט גוט אויפגעפּאַסט דעם פאָלקס שטימונג. ער האָט געוואוסט, אַז די שקלאַפּישע אינסטינקטן האָבן זיך שוין באַזעצט אין די הערצער פון די אַמאָליקע פרייהייטליבנדיקע רעפּובליקאַנער, און ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע דערפון, וואָס ער האָט דערמאָנט וועגן צעזאַרס קראַפט און גרויסקייט. „נאָך נעכטן האָט צעזאַר מיט זיין ווילן געקאָנט איבערקערן די גאַרע וועלט"... אָבער אַנטאָני האָט ניט נאָר געוועקט רחמנות אין די הערצער פון די רוימער, — ער האָט זיך געווענדט צו דעם גייץ-געפיל פון דעם המון. ער האָט געוואוסט, אַז די רעפּובליקאַנישע מידות טובות זיינען שוין פון לאַנג אויסגעוועבט געוואָרן און אַנשטאָט זיי זיינען געקומען די מידות פון גייציקייט און נוצן זוכן. ער דערציילט די רוימער, אַז צעזאַר האָט דעם גאַנצן פאַרמעגן זיינעם אָפּגעזאָגט דעם פאָלק. דער פּועל יוצא פון דערדאָזיקער רעדע איז באַוואוסט. ברוט קומט אום ניט דערפאַר, וואָס ער שטייט נידעריקער אין שיינע מעשים פאַר אַנטאָני, נאָר דערפאַר, וואָס די עיקרדיקע סטיכישע אינסטינקטן פון פאָלק, — דעמדאָזיקן הויפּטהעלד פון דער טראַגעדיע, — האָבן געשטימט מיט אַנטאָניס שטרעבונגען און ניט מיט ברוטס.

מיר וועלן פאַרענדיקן דעם שטודיום וועגן שעקספּירן מיט אַ קורצן אַנאַליז פון איינער פון די סאַמע פּאָפּולערע טראַגעדיעס זיינע—ד ע ר ק י נ י ג ל י ר. דידאָזיקע טראַגעדיע קאָן מען אָנרופן די טראַגעדיע פון ליידן בכלל. פּונקט ווי פראַגן פון ליבע האָט שעקספּיר באַרירט אין אַ פולע ווערק, אָבער נאָר אין ר אָ מ ע אָ א ו ן ד ז ש ו ל י ע ט אַ האָט ער די טעמע אינגאַנצן דערשעפּט, אַזוי אויך האָט ער די ליידן, וועלכע דינען אים אָפט אַלס אַ מיטל צו אַנטפּלעקן די אייגנשאַפטן פון דעם מענטשנס נשמה, אין קיניג ליר געמאָלט אַן און פיר זיך, אַלס אַ זעלבשטענדיקן ציל פון פּאָעטישער שאַפונג. אייניקע פאָרשער רעכענען דידאָזיקע טראַגעדיע פאַר דער טיפסטער פון אַלע שעקספּירס טראַגעדיעס. ערגעץ האָט שעקספּיר ניט צונויפגעזאמלט אַזויפיל ליידן און בראָך-געשרייען פון דער מענטשהייט, ערגעץ האָט דער טראַגיזם ניט דערגרייכט צו אַזאַ מאַכט, ערגעץ האָט דער פּאָעט אונז ניט באַוויזן אַזוי בולט, ווי די ליידן רודערן אויף ביזן גרונט דעם מענטשנס אינערלעכע וועלט, שאַפן איבער פון סיביי זיין נשמה. ליר טרינקט אויס דעם בעכער ביזן דעק. אין זיין נשמה שפּיגלען זיך אָפּ אַלע יסורים פון מענטשן. איינע נאָך דער אַנדערער רייסן זיך ביי אים איבער אַלע סטרונעס פון דעם מענטשנס נשמה. אין אָנהייב טראַגעדיע איז ליר אַ דעספּאָט, אַ שטאָלצער ביז פאַרבלענדעניש, געוויינט צו חניפה און שקלאַפּישער פאַרגעטערונג. מיט צאָרן זאָגט ער זיך אָפּ פון דער בעסטער טאָכטער זיינער, וועלכע האָט ניט געקענט חנפענען, שיר וואָס ער טויט ניט דעם איידעלן און אויפריכטיקן קענט, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַר קאָרדעליען, האַלט זיך קאַפּריזיק ביי דער טאָכטער אין שטוב

שלאָגט איר משרת דערפאַר, וואָס יענער וואַגט „אויף אים מיט חוצפה צו
קוקן“, און פאַרלאָזט שטאָלץ די טעכטער, בעסער אויסווייזנדיק אָרימקייט און
ליידן, איידער אונטערגעבן זיך. ליר ברעכט זיך ניט, ער בלייבט אַלץ דערזעלבער
שטאָלצער און מעכטיקער דעספּאָט אין דער סטעפּ, ווי ער איז געווען אויפן
טראָן. „אָ געטער !... צינדט מיר אָן אין האַרצן דעם איידעלן צאָרן! ניט לאָזט,
אַז מיינע אויגן זאָלן זיך נעמען פאַר ווייבערשן געוועט. איך וויל ניט שענדן
די פעסטקייט מיט טייכן טרערן.—ניין, באַשעפענישן אָן הערצער! איך וועל
פון אייך ביידן נקמה נעמען, אַזוי נקמה נעמען, אַז די גאַנצע ערד וועט צי-
טערן... און כ׳וועל מיר בעסער צעברעכן דאָס האַרץ, איידער כאָטש איין
טראָפּן טרערן פאַרגיסן“... ליר, דער דעספּאָט, ווערט פאַרוואַנדלט אין ליר דעם
נקמה-נעמער. דערדאָזיקער איבערגאַנג איז גאַנץ נאַטירלעך. דער באַליידיק-
טער דעספּאָט ווענדט זיך פריער פאַר אַלץ צום געדאַנק וועגן נקמה. אָבער
ווען דערדאָזיקער געדאַנק לאָזט זיך אויס מיט מאַכטלאָזן כעס, ווען די יסורים
אין דער סטעפּ אונטערן גוסרעגן און היילן פון ווינט דערפירן דעם אויסגע-
מאַטערטן לירן צו משוגעת, דעמאָלט דערוואַכט אין אים דאָס, וואָס האָט ביז
איצט געדרעמלט אונטער דער באַגילטער קליידונג פון אַ דעספּאָט — אין אים
ערוואַכן די בעסערע מענטשלעכע געפילן, די פעאיקייט צו פאַרשטיין די פיי-
נען פון דער ליידנדיקער מענטשהייט. ליר דערמאָנט זיך דאָ דאָס ערשטע מאָל
וועגן יענע, וואָס וועגן זיי האָט ער געדאַרפט זאָרגן אויפן טראָן, אָבער ער
האָט וועגן זיי אַזוי ווייניק געטראַכט. דער קיניג-דעספּאָט און בעל-נקמה
ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנאַרך אַ בעל רחמים, וואָס זאָרגט פאַר לייטן.

ליר, וועלכער איז אַלע מאָל געוויינט געווען צו זען אין די אָרומיקע
מער ניט, ווי משרתים פון זיינע תאוות, זאָרגט זיך מיט רירנדיקער צערטלעכ-
קייט וועגן קענטן, וואָס באַגלייט אים, און בעט אים פריער אַריינצוגיין אין
געצעלט, וואָס זיי האָבן געפונען אין דער סטעפּ בשעת דעם שטורעם. לסוף
ערשיינט ליר פאַר אונזערע אויגן נאָך אַמאָל אין אַ נייער געשטאַלט, ווען
אַלע געפילן זיינען אין אים שטום געוואָרן לגבי דעם איין מעכטיקן פאַרגעפיל,
וואָס האָט באַהערשט זיין האַרץ. דאָ האָט שעקספּיר דערגרייכט די העכסטע
מדרגה פון דער טראַגישער קונסט. אַלע קריטיקער זיינען איינשטימיק מסכים,
אַז די דראַמאַטישע קונסט האָט נאָך קיינמאָל ניט געשאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס
זאָל גלייך זיין צו דער סצענע, ווען דער משוגענער ליר כאַפּט זיך אויף אין
פראַנצויזישן לאַגער, דערקענט זיין טאָכטער קאָרדעליע און פאַלט פאַר איר
אויף די קני. אויך אַזוי טראַגיש איז די סצענע, אין וועלכער ליר טרויערט פאַר
קאָרדעליעס טויטן קערפּער. „דיין שטים איז געווען אַזוי זילבער-צאַרט, אַזוי
זיס שטיל“. ליר האָט פאַרגעסן אַלע אַנדערע אבידות—פון דער מאַכט, פון דער
עשירות—קעגן דעם גרויסן פאַרלוסט, נאָך וועלכן, אים דאַכט זיך, די וועלט
גייט אונטער... צו וואָס לעבט אויף דער וועלט אַ הונט, אַ מויז, אַ פערד?... אין
איר ברוסט איז דאָך קיין אָטעם ניטאָ... זי וועט זיך צו זיי שוין קיינמאָל
ניט אומקערן, אָ קיינמאָל ניט“!...

קיינמאָל האָט נאָך שעקספּירס פּעסימיזם ניט אַרויסגעוויזן זיך מיט אַזאַ קראַפט ווי אין *קיניג ליר*. אין דערדאָזיקער טראַגעדיע ווייזט זיך שעקספּיר אַרויס, ווי אַ פאָרגייער פון די אַזויגערופענע פּאָעטן פון „וועלט-שמערץ" וואָס אין אָנהייב פון XIX יאָרהונדערט. דער אויספיר, וואָס קאָן געמאַכט ווערן פון דערדאָזיקער טראַגעדיע, פאַלט צונויף מיט דעם אויספיר פון דעם סאַמע עכטן צווישן די זינגער פון „וועלט-שמערץ", דעם איטאַליענישן פּאָעט לעאָפּאַרדי: אַלץ, וואָס גרויס און שיין, איז אויף דער וועלט פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג; פּיין פילט די גאַנצע וועלט אָן. צו דעמדאָזיקן אויספיר ברענגט דער טרויעריקער סוף פון דער טראַגעדיע.

אין דער ליכטיקער שורה פרויענגעשטאַלטן, וואָס שעקספּיר האָט באַשאַפן, געהערט קאָרדעליע צו די סאַמע באַצויבערנדיקע. זי פאַראייניקט אין זיך גאָר די שיינקייט פון ווייבלעכקייט מיט דער עכט מענערישער פעסטקייט פון כאַראַקטער דעמאָלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן איר מענטשלעכער ווערדע, ערנסטקייט, וועלכע מיידט אויס עפעקט און פּראַזע — דאָס איז איר הויפּט-אייגנשאַפט. זי רעדט ווייניק און איינפאַך, אָבער יעדעס וואָרט פון אירע איינפאַכע רעדעס זיינען טייערער פאַר דער מענגע הויכע מליצות פון גאָנערילע און רעגאַנע. קאָרדעליע זאָגט ניט מער, איידער זי פילט, און זאָגט ניט צו מיר, איידער זי טוט. ביי איר גיסן זיך צונויף דאָס וואָרט און דער טאַט אין איין גאַנצעס. זי זאָגט פּשוט און זיכער, אַז זי האָט ליב דעם פאָטער, און די ווייטערדיקע געשעענישן באַווייזן, וואָס האָט זי פאַרשטאַנען אונטערן וואָרט ליבן. קאָרדעליע איז די אמתע טאָכטער לירס: ביי איר אין דער נשמה ליגט דיזעלבע עקשנות און דיזעלבע גרויסקייט, וואָס ביים פאָטער; זי האָט זיך ניט ערלויבט צו דערנידעריקן פאַרן פאָטער, ווען ער האָט צוגעזאָגט אָפּגעבן דעם גרעסטן טייל פון דער קיניגרייך דער טאָכטער, וואָס וועט אַרויסווייזן צו אים די גרעסטע ליבע. דאָס צוזאָגן אַ מתנה האָט גלייך אין קאָרדעליען אויפגעוועקט דעם געפיל פון דער מענטשלעכער ווערדע, און מיט עקשנות אַנטזאָגט זי זיך אַרויסצורײדן די ניט-אויפריכטיקע ווערטער, וואָס מ'פאָדערט ביי איר.

און דערדאָזיקער וואונדערלעכער נפש גייט פאַרלאָרן, קומט אום מיט אַ זינלאָזן טויט, ווי עס קומען אויך אום די איבעריקע אידעאַלע העלדן פון דער טראַגעדיע. וואָס זשע האָט שעקספּיר געוואָלט זאָגן! די קריטיקער מאַטעריאַליסטן האָבן שעקספּירן געוואָלט אָנוואַרפן מיט גוואַלד זייער שמאָלע מאָראַל: „קאָרדעליע,—זאָגט אולריצי,—איז באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואָס זי האָט פון אָנהייב ניט געוואָלט נאָכגעבן איר פאָטער, און דעם פאָטערס קללה איז געלעגן אויף איר קאָפּ". אַפילו בראַנדעס דערפירט די באַדייטונג כמעט פון דער גאַנצער טראַגעדיע צו דער פראַגע וועגן אומדאַנקבאַרקייט. דידאָזיקע אַלע אויסטייטשונגען האָבן אַ פּנים פון קליינלעכע און נישטיקע פּראָבעס לגבי דעם גראַנדיעזן פּרווו פון דעם פּאָעט גופא, וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין אַ קינסטלערישער פאָרם דעם פּעסימיסטישן אויספיר, וואָס דרינגט אַרויס פון די טרויעריקע קאָנפליקטן אין דער איבערגאַנגס-עפּאָכע, און וואָס

האָט מקדים געווען שאָפּענהויערס פילאָזאָפיע און לעאָפּאַרדיס פּאָעזיע. קאָרדעליע און גלאָסטער קומען אום דערפאַר, וואָס אַלדאָס פיינס און איידלס אין דער וועלט קומט אום, און אַלץ וואָס איז נישטיק — זיגט.

פאַר דעם געשיכטע-שרייבער פון ליטעראַטור איז דער ק י נ י ג ל י ר וויכטיק נאָר אין איין הינזיכט. די רענעסאַנס-עפּאָכע האָט זיך, ווי מיר האָבן געזען, פיל אינטערעסירט מיט דער פראַגע, וואָס מיר רופן זי היינט די סאָציאַלע פראַגע. דער ק י נ י ג ל י ר (איבעריקנס, רמזים אויף דעם באַגעגענען מיר אויך אין אַנדערע שעקספּירס ווערק) דינט אַלס באַווייז, אַז דעם פּאָעט איז אויך דידאָזיקע פראַגע ניט פרעמד געווען. ער האָט אין לירס מויל אַריינגעלייגט ווערטער פון צער וועגן דער אייביקער אומגערעכטיקייט, וואָס איינע רינגלט זי אַרום מיט לוקסוס, און אַנדערע לאָזט זי אָן אַ דאַך, אַפילו בשעת אַ גוסרעגן און שטורעמווינט. דער געדאַנק צו ברענגען דעם קיניג צו אַזאַ מדרגה, ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער פאַר דעם אומגליקלעכסטן פון זיינע אונטערטאַנען, האָט שעקספּירן געגעבן די מעגלעכקייט באַזונדער בולט אויסצומאָלן גאָר די שרעק פון דעם געזעלשאַפטלעכן אומיושר. ערשט ווען ער האָט זי אַליין איבערגעלעבט, האָט דער קיניג פאַרשטאַנען, ווי עס ליידט די פאָלקסמאַסע, מיט וואָס פאַר אַ ימים טרערן עס ווערט באַצאָלט פאַר דאָס גליק און דעם לוקסוס פון די ווייניקע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז „דער תּליון, וואָס פייניקט די פאַרקויפטע נשמה, ברענט פון פאַרלאַנג צו באַגיין מיט איר דיזעלביקע זינד, פאַר וועלכע ער שלאָגט זי". ער האָט פאַרשטאַנען, אַז „די מלוים הענגען זייערע בעלי חובות"; אַז „די רשעים זיינען אָנגעטאָן אין אַ פאַנצער פון גאָלד", אַז דער געריכט עקזיסטירט נאָר כּדי צו פאַרדעקן די פאַרברעכנס פון די שטאַרקע און אָן רחמנות צו שטראָפן די שוואַכע, — מיט איין וואָרט, ליר האָט איבערגעשאַצט די גאַנצע אָפּגעלעבטע מלוכה-אָרדענונג און ער זאָגט אַרויס יענעם גרויסן אמת, וועלכער הייבט ערשט אין אונזערע צייטן אָן צו פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט: „קיין שולדיקע זיינען ניטאָ". ניטאָ קיין שולדיקע, כּל זמן עס עקזיסטירט יענער סאָציאַלער פּלאָנטער, וועלכער לאָזט ניט אונטערשיידן, ווער איז דער פאַרברעכער, און ווער איז דער קרבן.

ווייט ניט אויף אַלע שעקספּירס ווערק האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. אונז איז ניט געלונגען פולקום אויסצושעפּן זיין קאָלאָסאַלע באַדייטונג. אונזער אויפגאַבע איז געווען נאָר צו באַווייזן, ווי העל און אַלזייטיק דערדאָזיקער גרעסטער פון די ענגלישע פּאָעטן האָט אויפגענומען די פראַגן און די אידעען, וואָס האָבן אינטערעסירט די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט פון זיין צייט, ווי אים איז געלונגען איבערצויאָגן יאָרהונדערטן און ערקלערן אונז די אייביקע, אויך אין אונזער צייט ניט אָפּגעשטאָרבענע זייטן פון מענטשלעכן גייסט. אָט פאַרוואָס אין משך פון פיר יאָרהונדערטן נאָך זיין טויט איז לאַ=די, וואָס דער אינטערעס צו אים איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר ער וואַקסט נאָך אַלץ שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. אויך אין אונזער צייט, ווי אין XVII יאָרהונדערט, בלייבן אַלץ שעקספּירס ווערק דער קוואַל, פון וועלכן די מענטשהייט שעפּט לעקציעס פון חכמה.

דריטע אָפּטיילונג.

די פּסעוודאָקלאַסישע ריכטונג און דער אָנהייב פונם ראַציאָנאַליזם. מילטאָן. לאָק. קאָרנעל. ראַסין. מאָליער.

X.

דער XVII י. ה. — ענגלאַנד. — מילטאָן. — די רעוואָלוציע. — דער פּוריטאַניזם. — מילטאָנס פּאָליטישע, רעליגיעזע און פּעדאַגאָגישע אָנשויאונגען. — „דער פאַרלאָרענער גן־עדן“.— דער שטן, גאָט און מענטשן אין דער דראַמאַטיקער פּאָעמע. — ווי שפּיגלען זיך אין איר אָפּ די געשעענישן פון דער צייט און די פּוריטאַנישע אָנשויאונגען. — „דער צוריקגעקערטער גן־עדן“. — „שמשון“. — די מלוכה־טעאָריעס. — האָבס און לאָק. — לאָקס פּעדאַגאָגישע און רעליגיעזע אָנשויאונגען. — זיין באַדייטונג. — ניוטאָן און די קולטורעלע באַדייטונג פונם אַנטדעקן דעם געזעץ פון אַלגעמיינער צוציאונגס־קראַפט. — דייטשלאַנד אין XVII י. ה. — דער ראָמאַן Simplicissimus.

די רענעסאַנס־עפּאָכע פאַרענדיקט זיך מיט אַ גרויסער געשעעניש, וועלכע האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע — מיט דער רעפאָרמאַציע. דער XVII יאָרהונדערט איז כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער באַצייכנט דורך דעם קאַמף פון דער קאַטוילישער קירך מיט דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג, מיט דער שטרעבונג פון די אייראָפּעאישע מלוכות צו באַפרייען זיך פון דער רוימישער מאַכט. צו דעמדאָזיקן קאַמף איז צוגעקומען נאָך אַ פּראָצעס: די אַנטוויקלונג פון דעם אַבסאָלוטיזם און גלייכצייטיק די שטרעבונג פון די נידעריקערע קלאַסן אָנטייל צו נעמען אין דער הנהגה פון דער מלוכה. דערפון שטאַמט דער קאַמף צווישן די מאָנאַרכן און די העכערע קלאַסן, וואָס שטיצן זיי, פון איין זייט, מיט די נידעריקערע שטאַנדן — פון דער אַנדער זייט. דעריבער האָט אויך די ליטעראַטור פון יענער צייט אָדער אַ טעאָלאָגישן כאַראַקטער, וועלכער שפּיגלט אָפּ די קריגערייען צווישן דעם קאַטאָליציזם און דער רעפאָרמאַציע, אָדער אַן אַפּיקורסיש־פיינעם כאַראַקטער, וואָס שפּיגלט אָפּ די געשמאַקן פון דעם הויפט־אַדל, וועלכער האָט זיך ענג אַרומגעקליבן אַרום קיניג, אָדער אַ סאַטירישן כאַראַקטער, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך די אומצופרידנהייט פון דער בורזשואַזיע און די נידעריקע קלאַסן, וואָס באַציען זיך קריטיש צו דעם אויסגעלאַסענעם און ליידיק־

בייערישן לעבן פון דעם אדל. צום סוף XVII יאָרהונדערט דערווייסן מיר: אין פראַנקרייך לודוויק דעם XIV, וועלכער האָט אין זיין פּערזאָן פאַרקערפּערט די העכסטע מדרגה פון אַבסאָלוטיזם; אין דייטשלאַנד—דעם „גרויסן קורפירשט" פרידריך-ווילהעלם, דעם גרינדער פון דער מעכטיקייט פון פּרייסן, וואָס איר איז עס שפּעטער באַשערט געווען צו פאַראייניקן גאַנץ דייטשלאַנד אונטער איר אָנפירונג; און אין ענגלאַנד, וועלכע האָט פריער פאַר אַנדערע לענדער באַוויזן צו באַקומען בירגערלעכע פרייהייט—ווילהעלם פון אָראַן, וואָס האָט שוין אין 1688 אונטערגעחתמעט דעם באַרימטן ביל וועגן רעכט און דורך דעם געלייגט דעם יסוד פאַר דעם קאָנסטיטוציאָנעלן פּעריאָד אין דער ענגלישער געשיכטע.

און טאַקע פון ענגלאַנד וועלן מיר אָנהייבן דעם קורצן איבערזיכט איבער דער ליטעראַטור פון XVII י. ה. דער באַרימטסטער פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור אין יענער צייט איז געווען דזשאָן מילטאָן (1674—1608).

מילטאָנס ליטעראַרישע טעטיקייט איז ענג פאַרבונדן מיט יענעם גרויסן קאַמף, דורך וועלכן דאָס ענגלישע פאָלק האָט באַקומען דעם דערמאָנטן ביל, וואָס האָט אים געזיכערט זיינע פרייהייטן. מיר האָבן שוין געזען, אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע עס האָבן זיך געפונען די נידעריקע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג. די קיניגין עליזאַבעט, וועלכע איז געשטאָרבן אין 1603 יאָר, האָט לפּחות געפירט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. איר נאָכפאָלגער יאַקאָב I האָט ניט געקענט הויזן מיט זיינע אונטערטאַנען, און האָט געפירט ניט קיין בעלונגענע אויסערלעכע פּאָליטיק. זיין זון קאַרל I (1625—1649) האָט אַרויס-גערופן אַ רעוואָלוציע. צו דער עקאָנאָמישער אומצופרידנהייט איז צוגעקומען אַ הוספה—די רעליגיעזע באַוועגונג.

דער אַנגליקאַנישער קירך איז אויסגעקומען מלחמה האַלטן פון איין זייט מיט די פּאַפּיסטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צוריק אויפצושטעלן דעם קאַטוילּיציזם, פון דער צווייטער זייט מיט די פּוריטאַנער, וועלכע האָבן גע-גרינדעט די פּרעסוויטעריאַנישע קירך. די פּוריטאַנער האָבן געפאָדערט לחלוטין אויסצוואָרצלען דעם קאַטוילּיציזם, און האָבן די אַנגליקאַנישע קירך פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס זי האָט ביי זיך איבערגעלאָזן דאָס רוב קאַטוילישע מנהגים. דידאָזיקע סעקטע האָט, געגליכן צו די מיטלאַלטערישע אַסקעטן, אַרויס-גערוקט די אידעע, אַז דאָס לעבן אויף דער ערד איז נאָר אַ פאַרברייטונג, מען זאָל קאָנען אויפנעמען די געטלעכע ברכה. זיי האָבן פיינט געהאַט טעאַטער, קונסט און פריילעכע פאַרווייַלונגען, האַלטנדיק, אַז דאָס זיינען נעצן, וועלכע דער שטן שפּרייט פאַר מענטשן. אין עליזאַבעטס צייטן האָט מען מער פאַר-פאָלגט די פּאַפּיסטן, אין קאַרלס—די פּוריטאַנער. ווען קאַרל האָט געוואָלט אויס-ראָטן אין שאָטלאַנד די פּרעסוויטעריאַנישע קירך, איז אַנטשטאַנען אַ ביר-גער-קריג צווישן קיניג מיטן פּאַרלאַמענט. אָבער אין דער אַרמיי פון דעם פּאַרלאַמענט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע רעליגיעזע באַוועגונג, וועלכע איז באַ-וואוסט אונטערן נאָמען אינדעפּענדענטיזם. די אינדעפּענדענטן האָבן געפאָדערט פולקומע רעליגיעזע פרייהייט. זיי האָבן גאָר אָפּגעלייקנט די נייטיקייט פון

אַ מלוכה־רעליגיע, אין דער צייט ווען די פּרעסוויטעריאַנער האָבן געפאָדערט, אַז די קירך זאָל זיין אַ מלוכה־קירך, און זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער „עקלהאַפטער לערע וועגן געוויסנס־פרייהייט". די רעליגיעזע טאָלעראַנץ, האָבן זיי געזאָגט, וואָלט פאַרוואַנדלט די קיניגרייך אין אַ כאַאָס, און דערשטיקט די עכטע רעפאָרמאַציע, וואָס די קיניגרייך האָט איבער איר אַזוי לאַנג געאַרבעט. דער סוף פון דעם קאַמף איז באַוואוסט. די אינדעפּענדענטישע פאַנאַטישע אַרמיי האָט פונאַנדערגעטריבן דעם פּאַרלאַמענט, געטויט דעם קיניג, געמאָלדן אַ רעפּובּליק, און איר אָנפירער קראָמוועלן געגעבן דיקטאַטאָרישע מאַכט. קראָמוועל האָט זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ; אַן אויסנאַם האָט ער געמאַכט נאָר פאַר די קאַטוילן, וועלכע אַלע ענגלישע קירכעס און סעקטעס האָבן גלייך געהאַסט. אין קראָמוועלס צייטן האָבן די פּוריטאַנער געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין לאַנד. אונטער זייער דרוק זיינען געשלאָסן געוואָרן די טעאַטערס. די אַקטיאָרן האָט מען געמשפּט מיט לייב־שטראָף, מ'האָט פאַרבאָטן די פאָעטישע פאָלקס־יום־טובים, די נאַקעטקייט פון די סטאַטועס האָט מען פאַרדעקט מיט אַ שיכט גיפּס. פון די טעמפּלען האָט מען אַרויסגעטראָגן די באַפּוצונגען און די בילדער. „פּונקט ווי אַ וואָלקן, — זאָגט טען, — האָט פאַרהאַנגען דעם מענטשנס לעבן און אין זיך דערטרונקען אַלץ, וואָס ליכטיק און שיין".

די רעסטאַווראַציע פון דער פאַמיליע סטואַרט האָט באַפרייט די געזעלשאַפט פון דעם פּוריטאַנישן דרוק. קאַרל II, דער זון פון דעם געטויטן קיניג, האָט געגרינדעט אַ פריילעכן הויף: מ'האָט פיל געשיכורט, און מער פאַר אַלץ געזאָרגט וועגן פאַרגעניגנס און פאַרווייַלונגען. דער קיניג האָט אַליין זיין פאָטערלאַנד פאַרקויפט לודוויק דעם XIV פאַר מתנות און סובסידיעס. ער האָט געהיים אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן, און געשטיצט די קאַטוילן. די רעזולטאַטן פון אַזאַ פּאָליטיק האָבן זיך גיך אַרויסגעוויזן: זיין נאָכפאָלגער יאַקאָב II האָט געמוזט אַנטלויפן קיין פראַנקרייך, און ווילהעלם פון אָראַן, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן פון נידערלאַנד, האָט געזיכערט די פרייהייטן פון ענגלישן פאָלק.

מילטאָן האָט אין זיינע ווערק צוזאַמענגעגאָסן די אידעאַלן פון די פּוריטאַנער מיט די אידעאַלן פון דער שוין אָפּשטאַרבנדיקער רענעסאַנס־עפּאָכע. ער געהערט צו די אָנזאָגער פון דעם אויפקלערונגס־דור, פון דעם ראַציאָנאַליזם, וועלכער איז שפּעטער אין XVIII י. ה. אַריבער פון ענגלאַנד קיין פראַנקרייך, און פון דאָרט זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע. מילטאָן איז אויסגעוואַקסן אין אַ משפּחה פון פּוריטאַנישער ריכטונג, וואו מ'האָט ליב געהאַט לייענען די ביבל און געהאַלטן פאַר אַ חוב צו באַזוכן דעם טעמפּל. אָבער דער פּוריטאַניזם פון די מילטאָנס איז פריי געווען פון עקסטרעמיטעטן. אין דערדאָזיקער משפּחה פלעגט מען זיך געוויינלעך נאָכן אַרבעטסטאָג פאַרווייַלן מיט געזאַנג און מוזיק. געענדיקט די אוניווערזיטעט, האָט מילטאָן געזאָלט ווערן אַ גייסטלעכער, נאָר מחמת די רדיפות אין קאַרלס צייטן אויף די פּוריטאַנער, האָט ער זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער

קאַמף צווישן דעם פּאַרלאַמענט, וואו עס זיינען געזעסן מילטאָנס גוטע פריינד, פּרעסוויטעריאַנער, מיט די אינדעפּענדענטן, האָט מען געקאָנט וואַרטן, אַז מילטאָן וועט צושטיין צו זיינע פריינד, ער האָט זיך אָבער געשטעלט אויפן צד פון די אינדעפּענדענטן, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר ברייטערער טאָלעראַנץ — פאַר פולקומע רעליגיעזע פרייהייט. קראָמוועלן האָט מילטאָן זייער הויך געשעצט און געווידמעט אַ סאָנעט „דעם דערלייזער פון געקריינטן שונא". ער האָט פון אים ערוואַרט רעטונג פאַר דער געוויסנס-פרייהייט. איבעריקנס, זיינען זיי געווען פוריטאַנער פון פאַרשיידענער שאַטירונג. קראָמוועל איז געווען דערפאַר, אַז די מלוכה האָט דאָס רעכט צו געבן דער קירך די פאָרם, וועלכע זי רעכנט פאַר דער בעסטער, און האָט זיך געמיט שלום צו מאַכן צווישן די פּרעסוויטעריאַנער מיט די אינדעפּענדענטן; מילטאָן האָט געטראַכט וועגן לחלוטין אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכה.

אָבער מילטאָן איז אַרויסגעטראָטן ווי אַ קעמפער פאַר דער ברייטסטער טאָלעראַנץ ניט נאָר אין דער רעליגיעזער באַוועגונג פון דער עפּאָכע. נאָכדעם ווי מ'האָט דעם קיניג געמשפּט מיט טויט-שטראָף, שטיצט ער די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי. די ראָיאַליסטן האָבן אַרויסגעגעבן אַ בוך דאָס קיניגלעכע געשטאַלט, כדי אויפצוועקן אין פאָלק מיטגעפיל צו דעם זכר פון פאַרמשפּטן קיניג. מען האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קיניג אַליין האָט דאָס בוך פאַרפאַסט. אין העלע פאַרבן זיינען דאָ געווען באַשריבן דעם קיניגס ליידן. דאָס בוך האָט דעם קיניג אידעאַליזירט, פאָרגעשטעלט אים, אַלס אַ זיכזעלבסטאָפּפערנדיקן פאָלקס-פריינד. די רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם ערפאָלג פון דער קיניגלעכער געשטאַלט, און געבעטן מילטאָנען אָנשרייבן אַן ענטפער אויף דאָס כלומרשט קיניגלעכע ווערק. מילטאָן האָט אַרויסגעלאָזן זיין דער קעמפער קעגן די הייליקע געשטאַלטן, וועלכע איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן און האָט אַרויסגערופן אַ פולקומע איבערקערעניש אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. צווישן די ראָיאַליסטן און מילטאָנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָלעמיק. אין זיין בוך די פאַרטיידיקונג פון ענגלישן פאָלק האָט מילטאָן פאַרטיידיקט די פרייהייט פון פאָלק און פון זיינע אויבערהערשאַפטלעכע רעכט. ערב דער רעסטאַווראַציע איז ער אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאַמפלעט צו פאַרטיידיקן די רעפּובליק און קעגן דער רעסטאַווראַציע פון דער קיניגלעכער מאַכט. ווען ענגלאַנד וועט צוריק אָנטאָן דעם אַראָפּגעוואָרפענעם יאָך, וועט עס אַרויסרופן חרפּות און זלזולים אַקעגן זיך מצד גאַנץ אייראָפּע און וועט אויף זיך אַרויפציען צרות און נייטן. קאַרל דעם II שענדלעכע ממשלה האָט באַוויזן, ווי דידאָזיקע נביאישע רייד זיינען ריכטיק געווען. מילטאָנס ביכער קעגן קיניג זיינען אויפן עשאַפאָט פאַרברענט געוואָרן. מילטאָן אַליין איז ניצול געוואָרן אַדאַנק דער השתדלות פון איינפלוסרייכע פּערזאָנען. די פוריטאַנישע שטרענגקייטן האָבן איינגעמאַטערט דעם עולם, און קאַרל דעם II אויסגעלאַסענע הויפלייט, און נאָך זיי — די גאַנצע געזעלשאַפט האָבן זיך פאַר זייערע לאַנגיעריקע איינגעהאַלטנקייט נוקם געווען אָן די פוריטאַנער מיט ליצנות

און מיט אָפּשפּעטונג. מילטאָן האָט געפונען, אַז פאַר אים איז גלייכער צו דערווייטערן זיך פון דער געזעלשאַפט און אין זיין איינזאַמקייט האָט ער באַשאַפן דאָס גרעסטע פון זיינע ווערק, די פּאָעמע דער פאַרלאָרענער גן-עדן, אויף וועלכער ער האָט געאַרבעט עטלעכע יאָר.

אַ גרויסן איינפלוס אויף מילטאָנס ניט פריילעכן כאַראַקטער האָבן געהאַט זיינע פּערזענלעכע אומגליקן. אין 1643 האָט ער חתונה געהאַט. ער איז שוין געווען אַ רייפער מאַנסביל, זיין פרוי—ערשט אַרויס פון קינדער-עלטער. ער איז געווען אַן ערנסטער דענקער, זיין פרוי—אַ קינד פון דאָרפישער פרייהייט און פון אַ רייכער גאַסטפריינדלעכער הויז. איר משפחה איז מער געניגט געווען צום קיניג. ער איז געווען אויף דער זייט פון פאַרלאַמענט. מסתמא האָבן זיי ניט געשטימט צווישן זיך אויך דערפאַר. וואָס דער זיבעצניעריקער פרוי איז לאַנגווייליק געווען מיט דעם מאַן, וואָס איז שטענדיק געזעסן איבער זיינע ביכער. די דאָזיקע אומגעלונגענע חתונה האָט אים געבראַכט דערצו, ער זאָל אָנשרייבן דעם טראַקטאַט וועגן גט. אין 1652 יאָר איז מילטאָן בלינד געוואָרן. דאָס דאָזיקע אומגליק איז געווען אַ פּועל-יוצא פון צופיל אָנגעשטרענגטער אַרבעט. דאָקטוירים האָבן אים פאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט בלינד ווערן, אויב ער וועט ניט אויפהערן פירן דעם קאַמף קעגן די שונאים פון פאַרלאַמענט. אָבער מילטאָן האָט בעסער מסכים געווען בלינד צו ווערן, איידער ניט צו ערפילן זיין „חוב פאַר גאָט“. מ'דערציילט זיך אָן וואונדער וועגן דער מערקווירדיקער קראַפט, מיט וועלכער ער האָט איבערגעטראָגן זיין אומגליק, דיקטירנדיק דער טאָכטער די גרעסטע ווערק זיינע. ביזן סוף לעבן האָט ער ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן איבער סאַמע פאַרשיידענע פראַגן און אַרויסצולאָזן זיינע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

מילטאָנס ווערק זיינען אין אַלגעמיין אַ זאַמלונג פון טיף דורכגעטראַכטע ראיות לטובת די נאַטירלעכע רעכט פון מענטשן, לטובת זיין אומפאַרהאַלטענעם שטרעבן צו פרייהייט. דעמדאָזיקן גרונט-פּרינציפּ פירט מילטאָן דורך איבער אַלע זייטן פון פּערזענלעכן, משפחה, רעליגיעזן און פּאָליטישן לעבן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די הויפּט-אידעען זיינע.

זיינע בליקן אויף די קירכלעכע פראַגן זיינען איבערגעגעבן אין אַ ריי ווערק, וועלכע האָבן אָנגעהויבן ערשיינען אין אָנהייב פון די 40-ער יאָרן. ער האַלט, אַז אין איין שורה מיט דעם ראש פון דער קירך דאַרף עקזיסטירן אַ גייסטלעכשאַפט, וועלכע איז פריי געוויילט דורך אַלע מיטגלידער פון דער קירך, און אַזעלכע זיינען אַלע ענגלענדער. ער איז קעגן דער מיינונג, אַז די עפּיסקאָפּן האַלטן איין די איינציקייט פון דער קירך. די קירך דאַרף דערווייזן איר געטלעכן שטאַם טאַקע דערמיט, וואָס אַלע אירע מיטגלידער גיבן זיך איר אונטער פרייוויליק. זי קען ניט באַנוצן זיך מיט די מיטלען, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך די מלוכה, און טאָר ניט וויסן פון טויטשטראָפן און פון תפיסות.

מיט זיינע פּאָלישע טראַקטאַטן איז מילטאָן אַרויסגעטראָטן קעגן די ראָיאַליסטן נאָך דער טויטשטראָף פון קאַרל I. מערקווירדיק איז, וואָס די אידעען, וואָס האָבן געמאַכט אין הונדערט יאָר אַרום אַ נאָמען רוסאָ און

מאָנטעסקיע, האָט שוין מילטאָן אַרויסגעזאָגט אין XVII י. ה. אַלע מענטשן, וואָגט ער, זיינען געבוירן פריי. ערשט נאָך דער ערשטער זינד האָבן די בייזע מעשים און די מלחמות פון אַלע קעגן אַלעמען געבראַכט די מענטשן, זיי זאָלן זיך פאַראייניקן אין שטעט און מלוכות צוליב קעגנזייטיקן שוץ און אָרדענונג. אַזוי אַרום איז די מלוכה און די מאַכט אַ פועל־יוצא פון פרייען אָפּמאַך, אַ פרייוויליקער מענטשלעכער אַקט. די מאַכט, דער קיניג און די באַאַמטע, וועלכע זיינען געוויילט פון די קליגסטע און בעסטע בירגער, זיינען מחויב צו היטן די געזעצלעכקייט און די רו. קיין אַנדער טעם, וואָס זאָל איינעם געבן מאַכט איבער דעם צווייטן, איז ניטאָ. ווען די מאַגיסטראַטן הייבן אָן מיסברויכן מיט דער מאַכט, ווערן געשאַפן געזעצן צו באַגרעניצן די מאַכט. די מאַכט איז געשטעלט איבער מענטשן, די געזעצן — איבער דער מאַכט. ווען די געזעצן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר קנאַפּ, האָט מען אָנגעהויבן נעמען ביי די מלכים אַ שבועה, און דאָס פאָלק האָט זיך מתחייב געווען צו פאָלגן זיי נאָר אין דעם פאַל, אויב דער קיניג וועט ניט עובר זיין אויף זיין שבועה. אַזוי האָט שוין מילטאָן מיט הונדערט יאָר פריער פאַר רוסאָ אַרויסגעשטעלט אַנטקעגן דעם פּרינציפּ פון געטלעכער אָפּשטאַמונג פון דער מאַכט אַ גאַנץ פיין געבויטע טעאָריע וועגן איר שטאַמען פון אָפּמאַך. מילטאָן האָט אויך מקדים געווען מאָנטעסקיע, פעסטשטעלנדיק דעם פּרינציפּ פון דער מאַכט־פּאַרטיילונג. דעם פּאַרלאַמענט געהערט די געזעצגעברישע, דעם קעניג— די אויספירונג־מאַכט. דער קיניג טאָר ניט אַרויפלייגן קיין וועטאָ אויף דעם פּאַרלאַמענטס באַשלוסן, מחמת עס וואָלט געווען אַן אומזין, ווען מאַסמיטלען און געזעצן, דורכגעפירטע און באַאַרבעטע דורך אַ פולע מענשן, זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן דער ווילקיר פון איין מענשן. אויב מילטאָנס פּאָליטישע און רעליגיעזע אידעען זיינען בלאַסער געוואָרן נאָך זייער גלענצענדער אַנטוויקלונג און באַגרינדונג מצד די ענציקלאָפּעדיסטן, האָט זיין באַרימטע אַפּאָלאָגיע וועגן דער פרייהייט פון דרוק־וואָרט עד היום נאָך ניט פאַרלאָרן איר באַדייטונג. אין 1644 י. איז אַרויס זיין אַ ר ע אָ פּ אַ ג י ט י ק, אַ פּאָלעמיקע רעדע לטובת דער וואָרט־פרייהייט. צענזור איז אומנוצלעך. גוטס און שלעכטס וואַקסן אויס אויף איין באָדן. נאָכן פאַרזוכן פון די פאַרבאָטענע פרוכט, האָבן די ערשטע מענטשן דערקענט אי דאָס, אי יענץ. שלעכטע ביכער זיינען ניט אַזוי שרעקלעך. אַ גוטער און אַ קלוגער מענטש וועט שטענדיק אויך אַ שלעכטס בוך גוט אויסנוצן. אַ נאַר וועט אַפילו פון דער ביבל קיין גוטס ניט באַקומען. די אַנשטאַלט, וואָס שרייבט פאָר פאַר רייפע מענטשן זייער גייסטיקע שפּייז, איז אַן אומזין: זיי דאַרפן זי אַליין געפינען. וואָס נוגע דער אומצייטיקער מאַסע, וועט זיי קיין צענזור ניט אָפּהיטן פון אַ שעדלעך בוך, וואָרעם דער צענזאָר דאַרף זיין קליגער און וויניקער פאַר אַלעמען פּעאיק אויף אַ טעות, כדי אויסצופירן זיין אויפגאַבע. די צענזור איבער ביכער איז נוצלאָז, אויב צו איר זאָל ניט זיין צוגעגעבן אַ צענזור איבער אַלע פאַרגעניגנס. עס דאַרף אַנטשווינדן ווערן מוזיק און געזאַנג, מ'דאַרף אָוועקשטעלן אַ פאָלק צענזאָרן, וועלכע זאָלן אַכטונג געבן אויף טענץ, בשעת וועלכע עס זיינען מעגלעך ניט דערלויבטע

באוועגונגען, און אַז. וו. אָבער די צענזור איבער ביכער איז ניט נאָר אומ-נוצלעך — זי איז שעדלעך. ביכער זיינען ניט קיין טויטע זאַכן. זיי האַלטן אין זיך איין אַ קערן פון לעבן, ווי דער גייסט, פון וועלכן זיי קומען אַרויס. טויטן אַ בוך איז דאָס זעלבע, וואָס טויטן אַ מענטשן, און אַפילו ערגער, מחמת דער רוצח פון אַ מענטשן טויט נאָר אַ פאַרשטענדיקע באַשעפעניש, און דער רוצח פון אַ בוך טויט דעם פאַרשטאַנד גופא, די אמתע ענלעכקייט צו גאָט. די צענזור פאַרניכטעט דעם שריפטשטעלער: נאָך אָנגעשטרענגטער מי און שלאָפלאָזע נעכט דאַרף ער טראָגן זיין אַרבעט צו אַ מענטשן, וואָס שטייט פיל נידעריקער פאַר אים און בעטן דעמדאָזיקן מענטשן, אַז די פרוכט פון זיין געדאַנק זאָל מעגן זען די שיין. די צענזור דערנידעריקט די וויסנשאַפט, וועלכע ווערט אומקומען, מחמת פאַר איר איז נייטיק פרייהייט, ווי לופט פאַרן לעבן. די צענזור דערנידעריקט די נאַציע. די צענזור דערנידעריקט די צענזאָרס, באַזונדערס די גייסטלעכע, מחמת אָננעמענדיק גוואַלט-מיטלען קעגן דעם געדאַנק פון זייערע קעגנער, גיבן זיי דערמיט אַ באַווייז, אַז זיי גלויבן אַליין ניט אין דאָס, וועגן וואָס זיי פרײדיקן. אַ ר עאָ פּאַ ג י ט י ק ענדיקט מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אויפרוף צו ביידע געזעצגעבערישע הייזער צוריק אויפצושטעלן די פרייהייט, די מוטער פון יעדן גרויסן גייסט. דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם גרויסן ווערק. אויף אים האָבן זיך שפּעטער סומך געווען די פאַרטיידיקער פון וואָרטפרייהייט און מיט אים האָט מיראַבאָ באַ-קאַנט געמאַכט זיינע מיטבירגער ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

מילטאָן פירט דורך דעמזעלבן פּרינציפּ פון פולקומער פרייהייט אין די פראַגן פון משפחה-לעבן און ערציאונג. מיט זיין פאַרטיידיקן דעם גט דער-לאַנגט ער דעם פויפּסטנטום און דעם קאַטוילליציזם ניט קיין קלענערן קלאַפּ, איידער מיט זיינע פּאָליטישע אָדער טעאָלאָגישע ווערק. ער נעמט אַלס גרונט די עוואַנגעליע און דעם שכל און צעשאָקלט די טראַדיציע און דעם אויטאָ-ריטעט. דער קליגסטער מענטש, זאָגט ער, קאָן אַ טעות האָבן; ווען ער קלייבט זיך אויס אַ חברטע,—דאַרף ער דען דערפון ליידן אַ גאַנצן לעבן? מען טאָרניט צושמידן אַ לעבעדיקע נשמה צו אַ טויטן קערפּער. די בירגערלעכע פרייהייט האָט אַלס תנאי דעם מענטשנס פרייהייט ביי זיך אין דער היים. די מלוכה-רע-פאָרמען זיינען נוצלאָז, כל זמן אין די משפחות הערשט מחלוקת. גט איז פאַר-באָטן ניט פון גאָט, נאָר דורך די קאַנאָנישע תקנות, לויט וועלכע די חתונה ווערט אָפּגעריכט מיט לחלוטין ניט קיין ריכטיקע צערעמאָניעס. דער ציל פון חתונה איז אַ פיינע גליקלעכע גייסטיקע געמיינשאַפט, און אויב דערדאָזיקער ציל איז ניט דערגרייכט מחמת די כאַראַקטאָרן זיינען ניט צוגעפּאַסט, מוז דער חתונה-בונד איבערגעריסן ווערן. דער געזעץ פון דער נאַטור איז העכער און עלטער פאַר דעם אינסטיטוט פון חתונה. מילטאָן שטייט דאָ אויף אַ צווייאיקן שטאַנדפּונקט. פון איין זייט איז ער זיך סומך אויף גאָטס ווילן און אויף די הייליקע שריפטן, פון דער צווייטער זייט האַלט ער די חתונה פאַר אַן איינריכ-טונג פון מענטשן. אויטאָריטעט און טעמים פון שכל—דידאָזיקע צוויי פּרינציפּן שטויסן זיך אָפט צוזאַמען אין מילטאָנס וועלטאַנשויאונג. ער איז ניט פריי-

פון די טעאָלאָגישע דערווייזונגס־מעטאָדן, נאָר פון דער צווייטער זייט איז ער בלי ספק אַ פאָרגייער פון די ראַציאָנאַליסטן. די מחלוקת אין דער משפחה ווירקט שלעכט אויף דער ערציאונג, און דערדאָזיקער פראַגע האָט מילטאָן געווידמעט אַ ספּעציעלן טראַקטאַט, וועלכער איז אַרויס אין 1644 יאָר. ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס הייסער קעגנער פון דער סכאָלאַסטישער בילדונג. ער פאָדערט אָנשוילעכע לערע און אוממיטלבאַרע באַקאַנטשאַפט מיט די דערשיינונגען פון נאַטור און פון לעבן. דער געלערנטער, וואָס קען אַלע שפּראַכן פון דער דור־הפלגה־עפּאָכע, נאָר ער ווייס ניט די דאָזיקע ערשיינונגען, ווערט משיג זיין ווייניקער, איידער אַ פויער, וועלכער פאַרשטייט די ערשיינונגען, הגם אויף זיין אייגענער שפּראַך. דער ציל פון ערציען איז אַנטוויקלען די פעאיקייט פון באַאָבאַכטונג, געבן דעם יונגנמאַן די מעגלעכקייט אין אַלע לעבנסלאַגעס צו באַהערשן אַלע נאַטור־ערשיינונגען. מילטאָן איז דאָך ניט פריי פון משוא פנים צו די אַלטערטימלעכע שריפטשטעלער. לויט זיין מיינונג זיינען זיי דער הויפּט־מיטל ביים לערנען אַפילו אַזעלכע געגנשטאַנדן, ווי מאַטעמאַטיק און באָטאַניק. פונדעסטוועגן איז מילטאָן מיט זיין שטרעבונג אַריינצוברענגען לעבן אין נאַטור אין דעם ענין פון לערנען אַ פאָרגייער פון לאָק און רוסאָ.

די וועלט־אָנשויאונג פון מילטאָן און פון זיין עפּאָכע האָט געפונען אַ פּאָעטישן אויסדרוק אין זיין באַרימטער פּאָעמע „דער פאַרלאָרענער גן־עדן", וועלכע דער עולם האָט נאָך עד היום ניט פאַרגעסן. דער אינהאַלט פון דער פּאָעמע איז די ערציילונג וועגן דעם קאַמף פון שטן אַנטקעגן גאָט, וועגן דעם לעבן פון די ערשטע מענטשן, וועגן זייער זינד און זייער גירוש פון גן־עדן. גאָט האָט פאַרטריבן דעם שטן און די בייזע מלאכים. פון דעם, וואָס דער מלאך רפאל דערציילט די ערשטע מענטשן, דערוויסן מיר זיך די פּרטים פון דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען איידער דער שטן איז געפאַלן. דער שטן האָט אויפגעהויבן קעגן גאָט אַ טייל פון די הימלשע חיילות. דער שטן אין אַ ליכטיקן רייטוואָגן, געצויגן דורך פייערדיקע כּרובים, בראש פון די מורדים איז לכתחילה מנצח די הימלשע חיילות. אָבער גאָט שיקט זיין זון, וועלכער איז צוזאַמען מיט דער געטין פון נצחון אויף אַ שלאַכט־רייטוואָגן, באַגלייט פון מיליאָנען הייליקע, מנצח די מורדים דורך וואָלקנס בליצן און ער פאַרשליידערט זיי אין אָפּגרונט. איצט האָט דער שטן זיך באַרעכנט אַריינצוטרעטן אין אַ קאַמף מיט זיין באַזיגער אויף דער נייער שיינער וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן. ער פאַרגנבעט זיך אין גן־עדן אַריין, וואו אדם און חוה געניסן אויף דעם שויס פון דער וואונדערלעכער נאַטור גן־עדן־גליק. אַז דער שטן דערזעט חוהן, איז ער איבערראַשט פון גאָטס וואונדערלעכע באַשעפעניש. זיין רעדע צו איר איז פול מיט פאַלשקייט. זי שטייט ניט ביי דעם נסיון און עסט פון עץ הדעת. דער שטן און די חיילות פון גהינם זיינען מנצח. אדם און חוה ווערן פאַרטריבן פון גן עדן, און נאָר די נבואה וועגן דערלייזער מילדערט די צרה.

מילטאָן האָט געקוקט מיט טיפן יראת הכבוד אויף זיין ווערק. ער רופט ניט קיינע פון די ניין טראַדיציאָנעלע מוזעס, נאָר ער ווענדט זיך צו דער מוזע פון רעליגיעזער פּאָעזיע. ער וויל זינגען וועגן דעם, אויף וואָס „עס

מילטאָן

האָבן ניט געוואַגט ניט די פּראָזע, ניט די פּאָעזיע". און טאַקע אין פּאַרלאָרענעם גן עדן געפינען מיר די באַהעפטונג פון שטרענגן פּוריטאַניזם מיט די פאָרשטעלונגען פון רענעסאַנס. די אומגליקן פון דער משפחה, דער שווערער פיזישער מום, די פּאָליטישע אַנטוישונגען — דאָס אַלץ האָט אַרויפגעלייגט אַן אומפאַרליידלעכן מרה־שחורהדיקן שטעמפּל אויף מילטאָנס פּאָעמע. מילטאָן שטעלט אין איר אַוועק די פראַגע וועגן דעם מקור פון בייז, וועגן פאָראויסבאַשטימונג און וועגן דעם פרייען ווילן פון מענטשן, און ער ענטפערט, אַז דאָס בייז איז ניט אַ פאָראויסבאַשטימונג פון גאָט, אַז דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן, און גיט אָפּ אַ חשבון פאַר זיינע מעשים. דער אמתער העלד פון דער גאַנצער פּאָעמע איז דער שטן. ער איז אַ שטאָלצער רעוואָלוציאָנער, וויל זיך ניט אונטערגעבן צו גאָט. אַראָפּגעשליידערט אין תהום, באַרואיקט ער זיך ניט און אָרגאַניזירט די קרעפטן, וואָס זיינען אים אונטערטעניק אויף אַ נייעם קאַמף. ער טראַכט אויס האַרמאַטן, און אויב ער איז סוף־כל־סוף באַזיגט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס גאָט פאַרמאָגט דונערן. ער וויל זיך ניט אונטערגעבן צו גאָט. ער וויל בעסער זיין אַ הערשער אין גהינם, איידער אַ קנעכט אין הימל. די שטאָלצקייט און דער גייסט פון אומאָפּהענגיקייט פאַרלאָזן אים אין אומגליק נישט. מען קאָן אים אַרויסטרייבן, אָבער ניט באַצוימען. אין גהינם איז ער פריי; דידאָזיקע פרייהייט וועט ער פאַר קיינע גליקן ניט פאַרקויפן, און אַפילו זיין באַזיגער מוז זיך רעכענען מיט זיין מעכטיקן קעגנער. ס'זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן השערות, אַז דעם שטן האָט מילטאָן געמאָלט פון קראָמוועלן. דאָס איז ריכטיק, אויף וויפל דער לאָרד־פּראָטעקטאָר און דער העלד פון דער פּאָעמע זיינען גלייך באַשאָנקען מיט אַ שטאָלצן כאַראַקטער און מיט פינסטערע פּאָליטישע ליידנשאַפטן, וואָס זיינען אייגנשאַפטלעך פאַר אַלע פּוריטאַנער. פאַר דעם קולטור־היסטאָריקער איז דער שטן וויכטיק, ווי אַ טיפּ פון יענער שטרענגער צייט, און ניט ווי אַן אָפּגעשפּאָלטענער שטיק פון דער אָדער יענער היסטאָרישער פּערזאָן.

דער הימל מיט זיין באַפעלקערונג זיינען ניט געמאָלט מיט אַזעלכע העלע פאַרבן, ווי דער פּאַנדעמאָניום, די מלוכה פון שטן. אַלס טעאָלאָג, האָט מילטאָן געמוזט מאָלן גאָט אין הסכם מיט די הערשנדיקע טעאָלאָגישע אָנשויונגען. פון דער צווייטער זייט האָט ער, אַלס פּאָעט, געוואָלט געבן רחבות זיין פאַנטאַזיע; האָט זיך אין סך־הכל באַקומען אַ קאָמפּראָמיס, וועלכער האָט ניט באַפרידיקט די רעליגיעזע מענטשן, האָט אָבער אויך ניט געראַטעוועט די פּאָעזיע. גאָט ווערט געמאָלט ווי אַ מאָנאַרך. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ הויף, ביי וועלכן עס הערשט עטיקעט און געשמאַק פון קאַרל I. „מילטאָנס יאַהווע, — זאָגט טען, — איז אַ קיניג, וואָס האַלט זיך אָנשטענדיק און מיט ערווירדע כמעט ווי קאַרל I. מיר באַגעגענען זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל, ווען ער דערציילט אין ראַט זיין ענין. לויט דעם טאָן אַליין פון זיין רעדע פילט מען גלייך זיין שיינעם האָרנאָסטאַיענעם מאַנטל, זיין וואַן־דייק־בערדל אין געשטאַלט פון אַ קאָמאַ, דעם סאַמעטענעם שטול מיט דער באַגולטער חופּה... זיינע מלאָכים זיינען הויף־זינגערלעך, וואָס זיינען מחויב

צו זינגען קאַנטאַטעס לכּבֿוד דעם קיניג אין זיין אָנוועזנהייט. זיין זון איז אַן אמתער יורש־עצר: „ווער עס פאָלגט אים ניט, — זאָגט יאַהווע, — יענער פאָלגט מיך ניט". זיין חייל שטייט אונטערן ביקס מיט די שטאַנדאַרטן, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעמאָלט די „גבורות פון פרומקייט", און אַז. וו. מער שיינקייט און שטאַרקייט האָט דער פאָעט אַריינגעטראָגן אין מאָלן די ערד. די גן־עדן־אידיליע, וואָס מילטאָן האָט אויסגעמאָלט, האָט נאָך עד היום ניט פאַרלאָרן איר פרישקייט. אדם און חוה זיינען קינדער פון דער נאַטור, אידעאַל פון שיינקייט, קראַפט און געזונטהייט. מאָלנדיק די באַציאונגען צווישן דעם ערשטן מאַן און דער ערשטער פרוי, האָט מילטאָן געשטערט די שטילקייט פון גן־עדן מיט די ברענענדיקע קריגערייען פון זיין צייט. אויף חוהן האָבן זיך אָפגעשפיגלט די טרויעריקע איינדרוקן, וועלכע מילטאָן האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין אייגענעם משפחה־לעבן. חוה איז אַן אונטערטעניקער וועזן. זי איז שוואַך. דער מלאך איז ניט איבעריק העפלעך מיט איר. דער טייוול פירט זי אַראָפ פון וועג מיט זיינע רייד. גאָט האָט זי געמאַכט אונטערטעניק צו דעם ווילן פון מאַנסביל. מיט איין וואָרט, אין פאַרלאָרענעם גן עדן איז ניט שווער צו כאַפן דעם אָפקלאַנג פון די אידעען, וואָס געפינען זיך אין טראַקטאַט וועגן גט. דער מאַנסביל איז, פאַרקערט, באַשאָנקען מיט זעלבסטבאַהערשונג, מיט שטרעבונג צו טעטיקייט. אויף אים פילט זיך אויך דער שטעמפל פון ענגלאַנדס ווירקלעכקייט אין XVII י. ה. אדם רעדט ווי אַ געלערנטער, ער לייענט פאַר גאָט אַ לעקציע וועגן דער אומפולקומענהייט פון בהורשן לעבן, פאַרן מלאך רפאל — וועגן דער פרייהייט פון ווילן, פאַר דער ווייב — וועגן ליידיקגיין.

די הויפט־מעלה פון מילטאָנס פאָעמע איז דאָס, וואָס אין איר שפיגלט זיך אָפ מילטאָנס מוטיקער און אײדעלער פראָטעסט גופא. אין איר האָבן זיך אויך אָפגעשפיגלט זיינע יוגנט־אידעאַלן, אויך דער קאַמף, אין וועלכן ער האָט אָנטייל גענומען אין דער רייפער עלטער, אויך די אַנטוישונג פון דעם זקן, די נסיונות פון פאָליטישן און משפחה־לעבן, אויך די טיפע מענטשנקענשאַפט. ביטערע סאַטירישע רעדעס און ווערטער פון ריינער חכמה באַגעגענען זיך אין יעדן ליד. דער פוריטאַנער און דער אויטאָר פון דער פאַרטיידיקונג פון ענגלישן פאָלק פילט זיך אין די אורטיילן וועגן באַפעלן און פאָלגן, וועגן הערשאַפט און דינסט. די גאַנצע געשיכטע פון דער וועלט ווייזט דעם אויטאָר אויס ווי אַ קאַמף פון ליכטיקייט מיט פינסטערניש, פון גאָט מיטן טייוול. גאָט האָט די מענטשן, ווי די מלאכים, באַשאַפן גוטע, און האָט יעדערן איבערגעלאָזן די פרייהייט אויסצוווילן צווישן אים און דעם טייוול. גאָט וואָלט קיין תענוג ניט געהאַט, ווען מענטשן וואָלטן געטאָן נאָר דאָס, וואָס זיי מוזן, ניט דאָס, וואָס זיי ווילן. מילטאָנס שאַפונג איז אַזוי אַרום אַ געהויבענער דענקמאָל פון פוריטאַניזם.

אין 1671 יאָר האָט מילטאָן אָנגעשריבן דעם צוריקגעקערטן גן־עדן, אין וועלכן עס ווערט דערציילט, ווי דער טייוול האָט געבראַכט יעזוסן צו אַ נסיון. אין קריסטוסעס ענטפערן צום טייוול לייגט מילטאָן אַריין דידאַקטיקע

כללים פון דער פוריטאַנישער חכמה. און ווען דער טייוול לייגט קריסטוסן פאַר עשירות, זאָגט דער לעצטער, אַז געלט גיט כבוד, גוטע פריינט, מאַכט און נצחון, אָבער עס איז שעדלעך פאַר די מעשים טובים, מוטיקייט און חכמה. ווען מ׳לייגט אים פאַר אַ קרוין, זאָגט יעזוס אַרויס עכט פוריטאַנישע אָנשויאונגען וועגן די קיניגן. זיין ענטפער איז אָנגעשריבן פונקט ווי אַ מוסר השכל פאַר קאַרל דעם II. אַ קרוין, זאָגט ער, איז אַ דאָרן־קראַנץ. אַ קיניג איז מחויב ניט צו שלאָפן דורך די נעכט, ליידן און איבערטראָגן אַלערליי מינים נויט צוליב זיין פאָלק. אַן אמתער קיניג איז יענער, וועלכער קיניגט איבער זיך אַליין. אויך די הבטחה פון נצחונות און פון רום קאָן יעזוסן ניט נעמען. ער זאָגט וועגן דעם המון אַרויס אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע דערמאָנען די אידעען פון קאַמף אַנטקעגן די היילי קע בילדער: דער המון איז בלינד און דערהויבט יענעם, וואָס חנפעט אים מער, און דעריבער איז דער רום נאָר אַ שאָטן; ער האָט קיין שום באַדייטונג ניט. די אידעע פון צוריקגעקערטן גן עדן איז אַן אויפרוף צו מעשים טובים, אַ פוריטאַנישער פראָטעסט אַנטקעגן נסיון און זינד, אַנטקעגן די פאַרנאַרונגען פון ערדישן לעבן. דערזעלבער שטאָלצער גלויבן אין נצחון און אין כוח פון פוריטאַניזם קלינגט אין מילטאָנס שוואַנען־ליד, אין זיין טראַגעדיע שמשון. דער ביבלישער סוזשעט האָט מילטאָנען ערלויבט אויסצוגיסן זיינע אייגענע ליידן און אַנטטוישונגען. איבער מילטאָנען האָבן זיך אויך איזדיעקעוועט שונאים. די פיליסטערן פון דער רעוואָלוציע. אים האָט אויך אַריינגענומען אין איר נעץ אַ פרוי פון פיינדלעכן לאַגער. אים האָט אויך געטראָפן דאָס אומגליק צו פאַרלירן די ראיה. דער אויטאָביאָגראַפישער עלעמענט און דער צייטגייסט פילן זיך אין דער טראַגעדיע באַזונדערס אין די ערטער, וואו שמשון וואַרפט אויף די יידן, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן „די גרויסע נצחונות פון באַפרייאונג, וואָס גאָט האָט דורך זיי באַוויזן". אויב דער צוריקגעקערטער גן־עדן איז אַ הימן צו דער זיגרייכער געדולד און אָפּגעהאַלטנקייט, איז שמשון אַ רוף צו נקמה. אין שמשונס פערזאָן האָט מילטאָן אין אַ היפּשער מאָס געמאָלט זיך גופא, זיין אומדערמידלעכן קאַמף מיט די שונאים. דער סוף פון זיין אייגענעם לעבן דערמאָנט שמשונס סוף. ער איז געווען אויסגעלאַכט און געלעסטערט, האָט אָבער ווייטער געשלאָגן די שונאים פון זיין גלויבן.

ענגלאַנד האָט ניט נאָר די ערשטע באַקומען בירגערלעכע פרייהייטן, ניט נאָר באַשאַפן דעם ערשטן גרויסן פּאָעט, וואָס האָט אין אַ פּאָעטישער פאָרם אויסגעדריקט די שטימונגען, וואָס זיינען אָנגעטריבן געוואָרן דורכן קאַמף צווישן קיניג מיט זיין פאָלק, — אין ענגלאַנד האָבן זיך פריער ווי אין אַנדערע לענדער באַוויזן די פּראָבעס טעאָרעטיש צו באַגרינדן דאָס רעכט פון פאָלק און צו שאַפן מלוכה־טעאָריעס. דידאַקטישע טעאָריעס צעטיילן זיך אויף צוויי הויפּטגרופּן: אין איינער ווערט דערוויזן די היילי קייט פון מאָנאַרכיסטישן פּרינציפּ, אין דער צווייטער ווערט פאַרטיידיקט די איבערמאַכט פון פאָלק. דער שאַרפסטער אויסדרוק פון דער ערשטער איז געווען דאָס בוך פון האָבס — לויתן, וואָס איז ערשינען אין מיטן פון XVII י. ה. דער לויתן,

דערדאַזיקער אַלץ אויפפּרעסנדיקער אומגעהייער, באַטייט די מלוכה. אַלץ דאַרף געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן לטובת דער מלוכה: סיי די פּריוואַטע ענינים פון די מענטשן, סיי דער פאַרמעגן און אפילו דאָס לעבן. מיט וואָס-זשע דערקלערט זיך אַזאַ יראת הכבוד פאַר דעם מלוכה-פּרינציפּ? כדי צו ענטפערן דערויף, דאַרף מען זיך באַקענען מיט האָבס בליק אויף דער מענטשלעכער נאַטור בכלל. לויט זיין מיינונג איז דער מענטש פון דער נאַטור אַן עגאָאיסט. דער אינסטינקט פון זעלבסטפאַרהיטונג איז דער הויפּטסטימול פון זיינע מעשים. אין נאַטירלעכן צושטאַנד האָבן אַלס פאַרכאַפּונגס-מיטל געדינט גוואַלט און כיטרעקייט. אייגער וויל דעם צווייטן אויפעסן — דאָס איז האָבס הויפּט-שטאַנדפּונקט.

כדי צו באַפרייען זיך פון אַזאַ אָרדענונג, ביי וועלכער מענטשן וואָלטן איינע די אַנדערע אויסגעראָטן, האָבן זיי באַשטימט צו גרינדן די מלוכה, וועלכע זאָל זיי פאַרזיכערן פרידן און באַזייטיקן מלחמה. די מאַכט איז אַלזאָ געשאַפן געוואָרן, כדי צו באַצוימען די נאַטירלעכע רויבערישע אינסטינקטן פון דעם מענטשן. יעדעס רעכט, וואָס דער מענטש באַנוצט זיך דערמיט, גייט פון דער מלוכה, און אַנטקעגן דעם קיניג עקסיסטירט קיין רעכט ניט. די אַבסאָלוטע מאַכט פון דער מלוכה איז אַנטשטאַנען אָדער פון דער אונטער-געגעבנקייט דעם עראָבערער, אָדער מחמת מורא, מען זאָל איינער דעם אַנ-דערן ניט אויסראָטן. אין ביידע פאַלן איז דער קוואַל פון מאַכט — מורא. דעריבער קאָן מען ביי דעם קיניג די מאַכט, וואָס מען האָט אים איינמאָל געגעבן, שוין מער ניט אָפּנעמען. אפילו גוואַלט און מיסברויך פון זיין זייט גיבן ניט דאָס רעכט צו שטעלן זיך אים אַנטקעגן, מחמת ער איז די פאַר-קערפּערונג פון דעם ווילן פון אַלעמען.

אין 20 יאָר אַרום נאָך לויתן איז ערשינען דאָס באַרימטע ווערק פון לאָק — אַ פּרווו וועגן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אין וועלכן עס ווערט אַנטוויקלט אַ טעאָריע, וועלכע איז לחלוטין דער היפוך פון האָבס טעאָריע. לאָק האַלט זיך ביי דער איבערצייגונג, אַז דער מענטש קומט ניט אויף דער וועלט מיט איינגעבוירענע אידעען, און נאָר די איינדרוקן, וועלכע אונזערע געפילן באַקומען, זיינען די איינציקע קוועלן פון דערקענטעניש. און לאָק באַמיט זיך צו דערקלערן, ווי אַזוי די אידעען אַנטשטייען אין אונ-זער שכל. דער פאַרשטאַנד דערגייט צו זיי דורך דער ערפאַרונג. דידאָזיקע ערפאַרונג איז אַ צווייערלייאיקע. לכתחילה מאַכן די אויסערלעכע געגנשטאַנדן אַן איינדרוק אויף אונזער געפיל, דער פּועל-יוצא דערפון איז די שפּירונג. דערדאָזיקער פּראָצעס איז עס די אויסערלעכע ערפאַרונג. אַז די שפּירונג האָט זיך באַקומען, מאַכט דער גייסט איבער איר די ווייטערע באַאָבאַכטונג. דער פּועל-יוצא דערפון איז די רעפלעקסיע. דערדאָזיקער פּראָצעס שטעלט מיט זיך פאַר די אינערלעכע ערפאַרונג. דידאָזיקע צוויי פּראָצעסן זיינען דער יסוד פון גאָר דעם מענטשנס געדאַנק, פון גאָר דעם מענטשנס וויסן. פונדאַ-נען קומט אַרויס די מסקנא, אַז אַלץ וואָס איז ניט צוטריטלעך פאַר דער ער-פאַרונג, ליגט אויסער דער ספערע פון מענטשנס ערקענטעניש, און אַז די

ערקענטעניש איז אַלץ מער אמתדיק און האָט אַלץ ווייניקער מורא פאַר דער סכנה אַריינצופאַלן אין אַ טעות, וואָס ווייניקער זי איז דערווייטערט פון די ערשטע געפיל=באַוועגונגען. אַזוי אַרום שטעלט זיך לאָק פאָר די טעטיקייט פון דעם מענטשנס גייסט, ווי אַ האַרמאָנישע אַרבעט אין אַ געזעצמעסיק איינגעאָרדנטער לאַבאָראַטאָריע. זיין לערע האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף וואָלטערן, דערווייזנדיק, אַז די אַרבעט פון פאַרשטאַנד איז ניט קיין צופעליקע און ווילקירלעכע, און אַז דער פאַרשטאַנד קאָן דינען אַלס אַ זיכערער וועגווייזער אין אַ געוויסער ספערע פון פראַגן.

זיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען האָט לאָק מסדר געווען אין זיין טראַקטאַט וועגן בירגערלעכער פאַרוואַלטונג. ער האַלט אויך, ווי האָבס, אַז מענטשן האָבן אַליין געגרינדעט די מאַכט, נאָר ער מיינט, אַז דער נאַטירלעכער צושטאַנד איז געווען ניט מלחמה פון אַלעמען קעגן אַלעמען, נאָר פאַרקערט, אַלגעמיינע פרייהיט און גלייכהייט. אין דעמדאָזיקן צושטאַנד האָט שוין יעדער געהאַט אייגנטום, און די מאַכט איז געגרינדעט געוואָרן, כדי צו פאַרהיטן די אַלגעמיינע פרייהייט און וואוילשטאַנד. מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ טייל פון זייער פרייהייט, כדי אונטערצוהאַלטן די אַלגעמיינע האַרמאָניע. ווען מענטשן זיינען געוואָרן מיטגלידער פון דער מלוכה, האָבן זיי זיך מתחייב געווען אונטערצוגעבן זיך נאָר די איינגעשטעלטע געזעצן. דידאָזיקע געזעצן זיינען געגרינדעט געוואָרן ניט כדי צו באַצוימען די שלעכטע אינסטינקטן, נאָר מיט דעם ציל צו פאַרטיידיקן די פרייהייט, לעבן און פאַרמעגן פון די מענטשן קעגן מעגלעכע פאַרברעכער. דעריבער זיינען די מיטגלידער פון דער מלוכה מחויב אונטערצוגעבן זיך דער מאַכט, אויף וויפל זי זאָרגט וועגן דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק און היט אָפּ די געזעצן. אויב אָבער די מאַכט איז עובר אויף די געזעצן, הערט אויף צו זאָרגן וועגן דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק און הייבט אָן געבוירן גוואַלט און אומערלעכקייט, האָט שוין אויך דאָס פאָלק רעכט צו ברעכן דעם אָפּמאַך, וואָס עס האָט מיט דער מאַכט געשלאָסן, אָפּצונעמען די מאַכט ביי יענעם, ווער עס איז עובר אויפן געזעץ און אומצוקערן זיך די אויבערהערשאַפט.

קלאָר, אַז לאָקס טעאָריע איז אַ באַרעכטיקונג פאַר דער ענגלישער רעוואָלוציע, ווי האָבס טעאָריע איז בעצם אַ פאַרטיידיקונג פון דער קיניגלעכער מאַכט. באַמיענדיק זיך צו מאַכן פון דידאָזיקע זיינע גרונדלאַגעס דעם אויספיר, וועלכע זאָל זיין די אינערלעכע פאָרם פון דער מלוכה=אָרדענונג, האָט לאָק בעצם אויסגעמאָלט די ענגלישע קאָנסטיטוציע. לויט זיין מיינונג דאַרף מען אונטערשיידן צוויי מינים מאַכט—די געזעצגעבערישע און די אויספירערישע. די געזעצגעבערישע געהערט צום פאָלק, די אויספירערישע, וועלכע שליסט איין אויך די געריכטלעכע און וועלכע דינט נאָר צום אויספירן די געזעצן, וואָס דאָס פאָלק האָט געגעבן, געהערט צו די מנהיגים, וואָס דאָס פאָלק האָט געוויילט. דעריבער קאָן די אויספירונגס=מאַכט ניט אַרויפלייגן ניט קיין שטייערן, ניט קיין צינזן אָן דער ערלויבעניש פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג. די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג—דאָס איז דער אָרגאַן פון דער

געזעצגעבערישער מאַכט; דער קיניג איז דער אָרגאַן פון דער אויספירערישער מאַכט. דידאַקטישע טעאָריע וועגן דער צעטיילונג פון דער מאַכט האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף מאָנטעסקיע און רוסאָ, ווי די טעאָריע פון ערקענטעניש — אויף וואָלטערן. אַזוי אַרום איז לאָק דער פאָרגייער פון דער אויפקלערונגס-באַוועגונג אין XVIII י. ה. אין פראַנקרייך.

ווי קעגנזעצלעך עס זיינען פון ערשטן בליק האָבס און לאָקס אָנשויאונגען, שטימען זיי פּאַרט ביידע אין איינעם זייער אַ וויכטיקן פּונקט: סיי האָבס, סיי לאָק זעען אין דער מלוכה איין אַ מענטשלעכע אַנשטאַלט. סיי האָבס, סיי לאָק זיינען משער, אַז די מאַכט שטאַמט פון אָפּמאַך. דער פּאַרטיידיקער פון אַבסאָלוטיזם האָבס האָט אפילו ניט חושד געווען, וואָס פאַר אַ קלאַפּ ער דערלאַנגט דעם אַבסאָלוטיזם מיט זיין מעטאָד. דער ענגלישער קיניג, וואָס זיין מאַכט האָט אין דעם פאָלקס אויגן געהאַט אַ געטלעכע אָפּשטאַמונג, וואָס האָט זיינע ווענדונגען צום פאָלק אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „מיט גאָטס חסד" — דערדאָזיקער קיניג האָט, לויט האָבס לערע, באַקומען זיין מאַכט פון פאָלק. מיט אַזאַ לערע, וואָס באַגרינדעט די מאַכט אויף ריין אוטיליטאַרישע השערות, האָט מען געקאָנט גלייך באַרעכטיקן סיי קאַרלס, סיי קראָמוועלס מאַכט.

ווי מילטאָן, אַזוי האָט אויך לאָק דורכגעפירט זיין אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט אין אַנדערע פראַגן אויך. אים געהערט דער טראַקטאַט וועגן ערציאונג, אין וועלכן ער ערשיינט אַלס פאָרגייער פון רוסאָס באַרימטן בוך עמיל. דאָ איז אויך לאָקס אויסגאַנגספּונקט דער גלויבן אין דער גוטער נאַטור פונם מענטשן. דער ציל פון ערציאונג — דאָס איז די אַנטוויקלונג פון מעשים-טובים, צו וועלכע מען מוז שטרעבן פריער, איידער צו קענטעניש. דאָס, וואָס עס איז אמת בנוגע צום קערפּער, איז אויך אָנגעמאָסטן בנוגע צו נשמה. די קערפּערלעכע געזונטהייט באַשטייט אין דער פעאיקייט איבערצוטראָגן צרות. דער אָנהייב און דער סוף פון אַלע מעשים טובים באַשטייט אין קענען גובר זיין די פאַרלאַנגען, באַצוימען די נטיות, און טאָן דאָס, וואָס עס איז בעסער לויט דעם אורטייל פון פאַרשטאַנד. די לערע, די אַנטוויקלונג פון שכל האַלט לאָק פאַר דער לעצטער זאַך. די אויסבילדונג פון שכל דאַרף נאָר דינען אַלס מיטל צו דער אַנטוויקלונג פון מעשים טובים. לאָק פאָדערט, אַז דער ערציער זאָל אַכטונג געבן אויף דעם קינדס אינדיווידואַליטעט, און זאָל אים אַנטוויקלען ניט דריקנדיק און ניט שטערנדיק די נאַטירלעכע שטרעבונגען פון זיין נאַטור. אַזוי אַרום איז נאָך לאָק פריער פאַר רוסאָ אַרויסגעטראָטן מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער נאַטירלעכער ערציאונג. לאָקן געהערט אויך דאָס בוך דער פאַרשטענדיקער קריסטנטום, אין וועלכן ער שטרעבט צו פאַרענטפערן מיט דער הילף פון שכל רעליגיעזע פראַגן. לאָק גלויבט אין געטלעכער אַנטפּלעקונג, ד. ה. ער גלויבט, אַז זי האָט דעם מענטשן געגעבן דעם אמת. אָבער ווי-אַזוי שטימט דערדאָזיקער גלויבן מיט אָנערקענען דעם שכל אַלס הויפּט-קוואַל פון מענטשנס דערקענטעניש? נאָר לאָק זאָגט, אַז הגם די אַנטפּלעקונג איז ניט פון שכל, אָבער זי שטימט מיט אים פולקום. די

אמתן, וואָס דעם מענטשנס שכל וואָלט אַנטדעקט מיט גרויס שווערקייט און וואָלט זיי אפשר גאָרניט געקאָנט אַנטדעקן, דידאַזיקע אמתן באַקומען מיר אָן יעדער מי דורך אַנטפּלעקונג. פונדעסטוועגן, כאָטש לאָק האָט געגלויבט אין אַנטפּלעקונג, איז ער ניט געשטאַנען אויף דער זייט פון קיינע קירכעס, וואָס האָבן דעמאָלט עקסיסטירט, און איז געווען פאַר דער ברייטסטער טאָלעראַנץ. אַפילו די געצנדינער האָבן רעכט צו גלויבן ווי זיי ווילן, אויב זיי זיינען נאָר געגנוג זיטלעכע מענטשן. אין דער פראַגע וועגן די באַציאונגען צווישן דער קירך און דער מלוכה, איז לאָק אַנטשיידן פאַר אָפּטיילן זיי איינע פון דער צווייטער. די מלוכה קאָן זיך ניט מישן אין די פראַגן פון אירע אונטערטאַנערס געוויסן און גלויבן. נאָר ווען די לערע פון אַ רעליגיעזער געמיינדע איז שעד-לעך פאַר דער מלוכה, דהיינו — זי פירט צו פאַרברעכנס און צו אומזיטלעכע מעשים, קאָן די מלוכה אַזאַ רעליגיע פאַרבאָטן. מערקווירדיק, וואָס ביי זיין גאַנצער טאָלעראַנץ, האָט לאָק געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר קאַטוילן און פאַר אַטעאיסטן, און אַזוי אַרום בלייבט ער פאַרט אַ זון פון זיין צייט, פאַרכאַפּט דורך דעם שטראָם פון רעליגיעזן און פּאָליטישן קאַמף. די אַטעאיסטן זיינען לאָקן געווען ניט אָנגענעם דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט קיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, און די קאַטוילן האָבן אים אויסגעוויזן פאַר געפערלעכע און שעדלעכע, מחמת זיי זיינען געווען ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה און האָבן געהאַט זייער ראש אין רוים, וועלכער האָט רעכט געהאַט זיי צו באַפרייען פון זייער שבועה דעם קייזער.

לאָקס באַדייטונג אין דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון איירָאָפּעאישן גע-דאַנק איז ניט אויסצומעסטן. זיין לערע איז אַ גרויסער פרווו אַוועקצושטעלן דעם פאַרשטאַנד אַלס אַן אויבערקריטעריום אויף דעם אָרט פון די פריערדיקע געטער — גלויבן און טראַדיציע, צו באַטראַכטן מיט דער הילף פון דעמדאָזיקן נייעם קריטעריום אַלע זייטן פון אינדיווידועלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. לאָקס לערע האָט זיך צונויפגעטראָפן אין איין צייט מיט אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער אַנטדעקונג. אין יאָר 1666 איז געקומען דעם 24-יאָריקן ניוטאָנען אַ גלענצנ-דער געדאַנק אין קאָפּ, אין דער רגע, ווען ער האָט דערזען, ווי אַן עפּל פאַלט פון בוים. פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט, דערציילט מען, דער גרויסער סוד פון דער באַוועגונג פון די הימלישע לייכטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דיזעלבע קראַפט, וועלכע האָט צוגעצויגן דעם עפּל צו דער ערד און ציט צו איר צו אַלע אַנדערע פאַלנדיקע קערפּערס, פירט אָן אויך מיט דערדאָזי-קער באַוועגונג. צי איז די מעשה, וואָס מ'דערציילט, אמת, צי דאָס איז נאָר אַ פאַנטאַזיע, אָבער אַ פאַקט איז, אַז ענדע דעם יאָרהונדערטס האָט ערשיינט ניוטאָנס גרויס ווערק, וואו עס איז באַגרינדעט דער געזעץ וועגן דער אַלגע-מיינער צוציאונג. די אַנטדעקונג פון דעמדאָזיקן געזעץ האָט געהאַט ניט קיין קלענערע באַדייטונג, איידער קאָפּערניקס אַנטדעקונג. מיט דער ווירקונג פון דער צוציאונג איז תיכף ערקלערט געוואָרן די האַרמאָניע פון דער וועלט-אָרדע-נונג; אַדאַנק דעמדאָזיקן געזעץ איז קלאָר געוואָרן, פאַר וואָס גייען אַזוי האַרמאָניש און אומגעענדערט די פּלאַנעטן און די קאָמעטן זייער וועג אַרום

דער זון, פאַר וואָס בלייבט די לבנה אַ געטרייע באַגלייטערין פון דער ערד. אָבער נאָך וויכטיקער, איידער די ריין וויסנשאַפטלעכע, איז געווען די קולטור-היסטאָרישע באַדייטונג פון דער אַנטדעקונג. פאַר אונז שטייט, זאָגט העטנער, אַ וועלט אָן וואונדער און ווילקיר, אָן ציל און מיין, וואָס רוט אין זיך אַליין, דרייענדיק זיך אין אירע וועגן, און וואָס פאַרהיט זיך אַליין, אַ וועלט פון פאַרשטאַנד און אמת, אַ וועלט פון אייביקער, פרידלעך רעגירנדיקער געזעצלעכקייט. דאָס ערשטע מאָל גייט דער מענטש אַריבער פון דער פאַנטאַסטישער וועלט פון דמיונות צו דערווירקלעכקייט פון דער נאַטור. די מאַגישע קרעפטן פון דער אַסטראָלאָגיע האָבן פאַרלאָרן זייער צויבער. די וואונדער פון דער אַלטער מיטאָלאָגיע זיינען געוואָרן וויסנשאַפטלעכע אמתן. צוזאַמען מיט ניוטאָנס אַנטדעקונג איז פעסטער געוואָרן די באַשטעטיקונג פון דער ליידנשאַפטלאָזער און קאַלטער, פרייער פון לעבנס-אַריינמישן זיך און פון לעבנס מינוטן-אינטערעסן וויסנשאַפט, וועלכע זוכט נאָר דעם אמת.

אָנשטאָט דעם אויפגעבליטן וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, וואָס מיר באַגעגענען אין ענגלאַנד, געפינען מיר אין דייטשלאַנד אין XVII י. ה. אַ פולקומע ירידה פון גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. נאָך רייכלינען און הוטענען און ביז סאַמע XVIII י. ה. באַגעגענען מיר דאָ כמעט ניט קיין גרויסע נעמען אויף דעם געביט פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט. די הויפּט-סיבה דערפון איז דער דרייסיק-יאָריקער קריג, וואָס האָט וויסט געמאַכט דאָס לאַנד און אָפּגעשטעלט זיין גייסטיקע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג. די גרעסטע העלפט פון דער דייטשער באַפעלקערונג איז אומגעקומען בשעת דער מלחמה. אין מיטן XVII י. ה. איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דאָ איז נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געווען אַ ציוויליזירטע מלוכה. איבער די דערפער זיינען אַרומגעלאָפן וועלף. די באַפעלקערונג איז פאַרווילדעוועט געוואָרן. עס זיינען שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן פאַרברעכנס און שיכּרות. מיט דער פאַרגרעבטקייט האָט געשטימט די טרויעריקע פּאָליטישע לאַגע פון לאַנד. לויטן וועסטפאַלער אָפּמאַך איז גאַנץ דייטשלאַנד צעפאַלן געוואָרן אויף עטלעכע הונדערט קליינע מדינות. יעדער הערשער איז געווען אַ זעלבשטענדיקער מאָנאַרך, וואָס האָט זיך אָנגעשטרענגט צו שאַפן פון זיין קליינינקן הויפל עפּעס ענלעכעס אויף דעם גלענצנדן ווערסאַלער הויף פון לודוויק דעם XIV. יעדער פירשט האָט געקוקט אויף זיין מדינה ווי אויף זיין פּריוואַטן אייגנטום. לודוויק דעם XIV-ס פּרינציפּ «l’etat c’est moi» האָבן די אַלע קליינינקע מושלים זייער גערן איבערגענומען. יעדער שטרעבט צוזוציען צו זיך אַלץ, וואָס איז נאָך עפּעס אויסגעצייכנטס פאַרבליבן אין לאַנד. די הוצאות אויף דער גרויסער צאָל הויפן האָבן געקאָסט זייער טייער און די באַפעלקערונג איז באַלעסטיקט געוואָרן מיט אומדערטרעגלעכע שטייערן. דאָס איז געווען דער פּועל יוצא פון דער שלעכטער הנהגה און פון דעם אָן אַ מאָס רייכן לעבן פון די קליינע פירשטן,—„דיזאָזיקע—לויט עס דריקט זיך אויס איין היסטאָריקער—פראַנצויזישע לאַקייען, וואָס טראָגן מיט שטאָלץ די ליווריי פון זייער האַר”. דער הערצאָג יאָאַן פרידריך פון האַנאָווער האָט געזאָגט: „איך בין אַליין אימפּעראַטאָר אין מיין לאַנד”,

דאָס איז געווען דער דעוויז פון אַלע דייטשע מושלים. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער האַנדל און די אינדוסטריע זיינען לחלוטין געפאַלן. די וויסנשאַפט, האָט זיך געדאַכט, איז געווען אַ פון תחית המתים אויפגעשטאַנענע מיטלאַלטערישע סכאָלאַסטיק. איין פּראָפּעסאָר האָט געפּטרט 20 יאָר אויף בערלייענען די קאָמענטאַרן אויף ישעיה הנביא. איינער פון די באַרימטסטע קליניציסטן, פרידריך האָפמאַן, האָט אַפילו אין XVIII י. ה. אָנגעשריבן אַ דיסערטאַציע — *וועגן דער מאַכט פון טייוול איבערן קערפּער, דערוויזן אויפן יסוד פון פיזישע ערשיינונגען*. און וואָס פאַר אַ לאַגע האָט זיך געפונען די ערציאונג — איז דער בעסטער באַווייז יענער שוואַבישער רעקטאָר, וועלכער האָט, לויט מ'דערציילט, אין משך פון זיינע פופציק יאָר טעטיקייט געגעבן די תלמידים 911,527 קלעפּ מיט אַ שטעקן, 124,016 מיט אַ רוט, 20,989 מיט אַ ווירע און אָן אַ שיעור מאָל געפייניקט. דערדאָזיקער פּעדאַגאָג האָט 76,000 טויזנט קלעפּ געגעבן דערפאַר, וואָס מ'האָט ניט געוואוסט די טעקסטן פון הימן־בוך. איין דרשן האָט אין זיין לויב־רעדע אויפן קבר פון איינעם אַ שול־לערער אים גערימט מיט התפעלות דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט אַ וואונדערלעכן מיטל, ווי אַזוי צו פייניקן די קינדער, דהיינו — שטעלן זיי מיט הוילע קני אויף קאַרשן־ביינדלעך. ניט אין קיין בעסערע לאַגע האָט זיך געפונען די ליטעראַטור. דידאָזיקע עפּאָכע האָט אונז איבערגעלאָזן איין איינציקן ליטעראַרישן דענקמאָל, וועגן וועלכן עס איז כדאי צו דערמאָנען — דאָס איז גרימעלהאַוזענס ראָמאַן Simplicissimus, וועלכער איז אַרויס 20 יאָר נאָכן וועסטפאַלער שלום. דערדאָזיקער ראָמאַן מאָלט גוט די מידות פון דער פאַרווילדעטער דייטשער געזעלשאַפט. דער הויפט־העלד איז אַ טיפּישער פאָרשטייער פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט. אָרימקייט, אומוויסנהייט, פאַרברעכנס און שלעכטע מעשים, אַוואַנטורעס פון געדונגענע באַנדעס, מאָראַלישע צעפוילטקייט — בקיצור, אַלע שרעקן און צרות, וואָס זיינען געווען דער פועל־יוצא פון דער מלחמה — זיינען אין דעמדאָזיקן ראָמאַן בולט אויסגעמאָלט.

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן די לאַגע אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד אין XVII י. ה. דייטשלאַנדס אויפלעבונג הייבט זיך אָן ערשט אין XVIII י. ה. אין אַ באַדייטנדער מאָס אונטער פראַנקרייכס איינפלוס. פראַנקרייך האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פאַרמיטלערין צווישן ענגלאַנד פון איין זייט און צווישן דייטשלאַנד און גאַנץ אייראָפּע פון דער אַנדער זייט. אָפּגעטיילט פון קאָנטינענט מיטן ים, האָט ענגלאַנד ניט געקאָנט ברייט פאַרשפּרייטן אירע נייע אידעען. ערשט ווען וואָלטער און רוסאָ האָבן זיי אַנטוויקלט און איבערגעגעבן אויף אַ פאַרשטענדלעכער פאַר אַלעמען שפּראַך, זיינען דידאָזיקע אידעען געוואָרן אייגנס פון גאַנץ אייראָפּע. נאָר איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אויפקלערונגס־באַוועגונג אין פראַנקרייך, איז נייטיק אָפּצושטעלן זיך אויף דער ליטעראַרישער ריכטונג, וועלכע האָט געהערשט בעפאָר דעם ראַציאָנאַליזם און האָט אים אַפילו אין אַ געוויסער מאָס צוגעגרייט — אויף יענער ליטעראַרישער ריכטונג, וועלכע איז באַוואוסט מיטן נאָמען פּסעוודאָקלאַסישע.

.XI

די אַנטוויקלונג פֿונם דריטן שטאַנד. — דער כאַראַקטער פֿון לודוויק דעם XIV
אַבסאָלוטיזם. — די ווערסאַלער רעזידענץ. — דער עטיקעט און די אַקאַ-
דעמיע. — די פּסעוודאָקלאַסישע דראַמע. — עטיען זשאָדעל. — פּיער קאָרנעל. —
„ראָדאָגיון“ און איר אַנאַליז פֿון לעסינגן אין זיין „האַמבורגער דראַמאַטור-
גיע“. — מיט וואָס שיידט זיך דידאָזיקע טראַגעדיע אונטער פֿון דער פּסעוודאָ-
קלאַסישער דראַמע בכלל. — די באַדינגונגען, וואָס האָבן משפּיע געווען אויף
דער שאַפונג פֿון דעמדאָזיקן מין פּאָעזיע. — דעקאַרט. — בוּאַלאָ און זיין
„פּאָעטישע קונסט“.

דער אויפֿבלי פֿון דעם פּסעוודאָקלאַסיציזם אין פֿראַנקרייך געהערט צו
דער עפּאָכע פֿון לודוויק דעם XIV. דערדאָזיקער קיניג האָט גלענצנד פֿאַר-
ענדיקט דעם קאַמף מיט די פֿעאָדאַלן, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פֿאַר
זיינע פֿאָרגייער. ער האָט ענדגילטיק איינגעבראָכן זייער שטאָלץ, געשאַפֿן
אַ איינהייטלעכע מאָנאַרכישע מלוכה און דערפֿירט די אידעע פֿון אַבסאָלוטיזם
ביז עקסטרעמער אַנטוויקלונג. „די מלוכה — דאָס בין איך“. דאָס איז גע-
ווען זיין דעוויז, און אַלץ — די קונסט, וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור, האָט געזאָלט
דינען צו דעם רום פֿון קיניג. געמאַכט אַ סוף צו דער זעלבשטענדיקייט
פֿון דער פֿעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע, האָט לודוויק דער XIV איינגעבראָכן
אויך די מאַכט פֿון דער גייסטלעכשאַפֿט, וועלכע איז אַמאָל געווען אַזאַ גרוי-
סער שונא פֿון דער קיניגלעכער מאַכט. ער האָט אויך דערשטיקט דעם
דריטן שטאַנד. מיר ווייסן, אַז די שטאָטישע און דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג,
וואָס איז געהויבן געוואָרן צום סוף פֿון מיטלאַלטער, האָט זיך ביסלעכווייז
פֿאַרנומען אַלץ מער און מער רעכט. ווען דער פּויפּסט באָניפֿאַצי VIII האָט
אין 1302 י. אַריינגעמישט זיך אין די אינערלעכע ענינים פֿון פֿראַנקרייך, האָט
דער קיניג פֿיליפּ דער שיינער צונויפֿגערופֿן די גענעראַל-שטאַטן. דידאָזיקע
שטאַטן, וועלכע האָבן געהאַט פֿאָרשטייער פֿון אַלע שטאַנדן, האָבן געשטיצט
דעם קיניג אין זיין קאַמף קעגן פּויפּסט, און געבעטן אים, ער זאָל איבער זיך
ניט אָנערקענען קיין אַנדער הערשער, אויסער גאָט. דאָס איז געווען זייער
אַ וויכטיקער מאָמענט אין דער געשיכטע פֿון דעם דריטן שטאַנד. רופֿנדיק
אים צו הילף ביים באַשליסן די ערנסטע מלוכה-פֿראַגע, האָבן זיך
דער קיניג און די פֿעאָדאַלן אַזוי ווי מודה געווען, אַז זיין שטיצע איז אומ-
באַדינגט נייטיק אין די פֿאַלן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן מציל זיין די מלוכה.
פֿון דעמאָלט אָן פֿלעגן זיך די גענעראַל-שטאַטן פֿאַרזאַמלען פּעריאָדיש. אַלע
מאָל, ווען דער קיניג האָט געדאַרפֿט געלט, האָט אים דער דריטער שטאַנד
וואָטירט נייע שטייערן, האָט אָבער דערביי געפֿאָדערט דאָס נייע וויכטיקע
רעכט צו קאָנטראָלירן די מלוכה-פֿינאַנסן; מחמת אויב ער גיט געלט, וויל
ער וויסן, אויף וואָס מען גיט דאָס געלט אויס. אין 1355 יאָר גיט דער קיניג
יאָהאַן אַרויס אַ דעקרעט, אין וועלכן דאָס דאָזיקע רעכט ווערט געגעבן די
גענעראַל-שטאַטן און די פּסקים גופא פֿון די גענעראַל-שטאַטן ווערן גערעכנט
פֿאַר ווירקלעכע באַר אין, דעם פֿאַל, ווען זיי זיינען אָנגענומען דורך אַלע דריי

שטאַנדן — דעם ריטערישן, גייסטלעכן און שטאָטישן. די באַדייטונג פונם דריטן שטאַנד איז אַזוי שטאַרק געוואָרן, אַז ווען די קיניגלעכע מאַכט האָט געוואָלט שטעלן זיך אַנטקעגן די נייע פּרעטענזיעס פונם דריטן שטאַנד, איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון פאַריזער מער עטיען מאַרסעל. דער אויפשטאַנד האָט געהאַט ערפאָלג, און אויף אַ געוויסע צייט האָט זיך דער דריטער שטאַנד געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער מלוכה. אָבער אינ־גיכן האָבן די ריטער צעשלאָגן דאָס חייל פון דעם דריטן שטאַנד, און ביס־לעכווייז האָט מען ביי אים אָפּגענומען זיינע רעכט. נאָך דעם האָט דער דריטער שטאַנד ווייטער געקעמפט פאַר זיינע רעכט, הגם שוואַך, און פלעגט זיך אָפּט פאַראייניקן מיטן קיניג אין זיין קאַמף קעגן די פעאָדאַלן.

אַזוי איז געווען די לאַגע, ווען לודוויק דער XIV איז געוואָרן קיניג. ער האָט איינגענומען סיי די פעאָדאַלן, סיי די גייסטלעכשאַפט, סיי דעם דריטן שטאַנד. די פרייהייט און די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די שטאָטישע געמיינדעס זיינען פאַרשוואונדן אָן אַ שפּור. וועגן די פאַרזאַמלונגען פון די שטאַנדן האָט שוין מער קיין רייד ניט געקאָנט זיין. נאָר די ווענטלעך צווישן די שטאַנדן — דאָס האָט ער ניט בטל געמאַכט. די צעטיילונג אויף שטאַנדן איז געבליבן, און די ערשטע צוויי קלאַסן האָבן געגאָסן פון גרויסע פּריווילע־גיעס, הגם די פּריווילעגיעס זיינען שוין געווען אַ חסד פון קיניג. די אומ־ענדלעכע מלחמות האָבן געפאָדערט גרויסע הוצאות, וועלכע האָבן באַלעסטיקט איבערהויפּט דעם דריטן שטאַנד, וואָס האָט געצאָלט דעם גרעסטן טייל פון די שטייערן. אַזוי אַרום איז די אַמאָליקע אָרדענונג, ווען די שטעט זיינען גע־ווען באַדריקט פון די פעאָדאַלן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נייעם מין באַ־דריקונג, ביי וועלכער דער אַדל און די גייסטלעכשאַפט האָבן געלעבט אויפן חשבון פון די נידעריקע קלאַסן אונטער דער עגידע פון דער קיניגלעכער מאַכט.ביידע העכערע שטאַנדן האָבן געלעבט רייך און פריילעך ביים הויף. דער קיניג איז געשטאַנען אין צענטער פון דערדאָזיקער פיינער און פריילע־כער אַריסטאָקראַטיע. אַלץ האָט געדאַרפט זיין אים אונטערטעניג. ער וואוינט אין ווערסאַל. דער קיניג, — זאָגט העטנער, — האָט פיינט דעם לוור, וועלכער שטייט אין מיטן שטאָט, און אַרום אים טומלט דאָס פאָלק, פון וועלכן דער קיניג דערווייטערט זיך מיט גאַוודיקער ניט־צוטריטלעכקייט. ער בויט זיך אַ שלאָס אויף אַ זאַמדיקן וואַסערלאָזן אָרט, גלייך ווי ער וואָלט דערמיט וועלן דערוויזן, אַז אַפילו די נאַטור מוז זיך בויגן פאַר דעם קיניגס ווילן. ביים אַריינגאַנג פון שלאָס שטייט דעם קיניגס אַ גרויסע סטאַטוע, ווייטער — ברייטע הויפן, לסוף — דער שלאָס גופא מיט די גרויסע פאַסאַדן אויף מעריב. יעדער שטיין דערציילט, אַז דאָ וואוינט דער קיניג. אין די הויכע גרויסאַר־טיקע זאַלן פון שלאָס דערציילן די רייכע פיגורן מיט באַרימערייי וועגן אַלע גרויסע נצחונות, וועלכע האָבן געשאַפן דעם קיניג רום און געמאַכט אים פאַר דעם מעכטיקסטן פון די מושלים. דער גאַנצער אָלימפּ פאַלט אים צו די פיס. די מיטאָלאָגיע איז דאָ נאָר אַן אַלעגאָריע פון דעם קיניגס חכמה; דייטשלאַנד, האָלאַנד, שפּאַניע און אַפילו רוים בויגן זיך פאַר אים, נאָר ער־

געץ איז ניטאָ קיין זכר פון פראַנקרייך, וואָרעם דער קיניג אַליין—דאָס איז פראַנקרייך. לעבן שלאָס ליגט אַ גרויסער פאַרק. פון די שלאָס־פענסטער זעט דער קיניג נאָר זיך אַליין. דער פאַרק איז אויך אַזוי ווייט, ווי דער האָריזאָנט, און דערווייטערט פון אויג יעדע זייטיקע סביבה. לאַנגע, גראָדליניקע, מיט זאַמד באַשאָטענע וועגעלעך, הויכע, גלייך אונטערגעשאָרענע ווענט פון גרינס, און קוואַדראַטע טעפּיכער פון לאָנקעס, קינסטלעכע גראָטן, וואַסער־רייכע פאָנטאַנען, אָן אַ שיעור סטאַטועס, וועלכע זיינען ווידער מער ניט ווי אַלעגאָריעס פון לויב צום דעם קיניג, פון זיין ליבע און פון זיינע קאַפּריזן, — דאָס אַלץ דאַרף אויף יעדן טריט דערווייזן, אַז אַפילו די פאַרעקשנטע אומבאַצוימטקייט פון דער נאַטור האָט זיך פרייוויליק אונטערגעגעבן זיינע געזעצן. אָבער אין דעמדאָזיען גלאַנץ זעט מען געקינצלטקייט און איבערלעכע פוסטקייט. דידאָזיקע מאַסן פון פּאַלאַץ, וועלכע איבערראַשן פון אָנהויב, ווייזן זיך לסוף אַרויס נאַקעטע און ערמידנדיקע. דערדאָזיקער סטיל האָט נאָר אַן אויפגעבלאָזענע ריזיקייט, אָן שום טיפקייט אין דער באַאַרבעטונג פון דעטאַלן, וואָרעם דאָ לעבט נאָר די אָנגעבלאָזענע קאַלטע גאווה, די זיך גרויסהאַלטנדיקע מאַכט, וועלכע טוט אויף זיך אָן אַ לאַנגן פאַרוק, כדי מיט די לאַנגע לאָקן ענלעך צו ווערן אויף יופּיטערן, און וועלכע מאַכט אין דערדאָזיקער פאַלשער גרויסקייט יעדע באַוועגונג פון האַרצן אונטערטעניק צו דער טויטנדיקער אייגאַרטיקייט פונם עטיקעט״.

די אונטערטעניקייט פון אַלע האַרצנסבאַוועגונגען צו דער טויטנדיקער אייגאַרטיקייט פונם עטיקעט — דאָס איז דער הויפּטשטריך אין דעם לעבן סיי פון דער העכערער געזעלשאַפט און סיי פון דער ליטעראַטור אין דער עפּאָכע פון פסעוודאָקלאַסיציזם. אָרדענונג, לאָגיק, דאָגמאַטיזם, שטרענגע אונטערטעניקייט צו די כללים — הערשן סיי אין לעבן, סיי אין דער ליטעראַטור. אין 1635 י., מיט דריי יאָר פאַר לודוויק דעם XIV־ס געבורט, ווערט געגרינדעט אַן אַקאַדעמיע, וועלכע איז מחויב פעסטצושטעלן געזעצן פאַר דער פּאָעזיע און אַ שטרענגע השגחה, אַז דידאָזיקע געזעצן זאָלן דערפילט ווערן. דידאָזיקע אַקאַדעמיע איז געוואָרן די אויסדריקערין פון די ליטעראַרישע געשמאַקן. זי האָט באַשטימט, וואָס עס מוז געפעלן ווערן. זי איז אין איר אַריינמישן זיך אין דער ליטעראַרישער שאַפונג דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט באַשטימט אויסדרוקן פאַר אַלע געפילן און גייסטיקע באַוועגונגען, זי האָט אַריינגעבראַכט ווערטער אין דער שפּראַך, זי האָט ווערטער אויסגעשלאָסן פון דער שפּראַך. „אויב דאָס וואָרט felicité, — שרייבט איינער פון יענער צייט, — איז נאָך ניט אַריין אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, וועט עס אַריין פון קינפטיקן יאָר אָן, מחמת וואָזשלאַ (איינער פון די אַקאַדעמיקער) האָט מיר צוגעזאָגט, ניט צו זיין דערקעגן, ווען מיר וועלן זיך פאַר דאָס וואָרט משתדל זיין״. אַפילו דער סטיל האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דעם אַלגעמיין אָנגענומענעם אויסדריקונקס־אַרט. אויף וויפל די אַקאַדעמיע איז געווען אַ דינסט ביי הויף, זעט מען דערפון, וואָס דערזעלבער וואָזשלאַ, ווען מען האָט געדאַרפט פעסטשטעלן, וואָס הייסט עס „אַלגעמיין אָנגענומענער אויסדרוקסאַרט״,

האָט עס אַזוי דעפינירט: „דאָס איז די אויסדרוקס־מאַניר פון דעם בעסטן טייל פון הויף, וואָס איז געבראַכט אין הסכם מיט דעם אַרט שרייבן פון די בעסטע היינטיקע שריפטשטעלער". דידאַזיקע אַקאַדעמיע שרייבט־פאָר די פּאָעטן צו פּילן און צו טראַכטן לויטן באַפעל. פּונקט ווי דער הויפמאַן האָט ניט געטאָרט עובר זיין אויף די כּללים פון עטיקעט, ניט געטאָרט צעשטערן די שטרענגע און זעללאָזע פיינקייט פון הויפלעבן מיט עפּעס אַ שאַרפן אויסווייז פון זיינע געפילן, מיט עפּעס ניט קיין געוויינלעכע מעלדונג, אַזוי האָט אויך די פּאָעזיע געמוזט זיין אַ סטאַטעק און ניט שטערן די איינגעשטעלטע מנהגים. די הויפגעזעלשאַפט, וועלכע האָט געהאַט אָפּשיי פאַר איר באַפוילער, אַרבעט אויס ליטעראַרישע געשמאַקן, און די פּאָעזיע איז נאָר אַן ענטפער אויף די־דאַזיקע באַדערפענישן. די פּסעוודאָקלאַסישע פּאָעזיע רופט זיך דערפאַר ניט אומזיסט אָן די הויף־פּאָעזיע פון לודוויק דעם XIV. די בעסטע פאָרשטייער אירע איז שווער געווער שלום צו מאַכן מיט דערדאָזיקער קיגיגרייך פון כּללים און עטיקעט, וועלכע האָבן געהאַלטן די פאַנטאַזיע און די פרייע שאַפונג ווי אין קלעמען. אמתע טאַלאַנטן האָבן געשטרעבט אַרויסצווייזן זייערע אָריגינעלע פיזיאָנאָמיע אויך אין די גייסטלאָזיקע פאָרמען, וואָס די אַקאַדעמיע האָט מתקן געווען, אָבער דאָס זיינען געווען כּמעט ווי פּרוכטלאָזע אָנשטרענגונגען, און די שטרענגע רעגלאַמענטאַציע האָט געשאַדט אַפילו אַזאַ גרויסן פּאָעט פון דער עפּאָכע ווי מאָליער.

איצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אַ ביסל גענויער אויף די הויפּט־פאָרשטייער פון דער פּסעוודאָקלאַסישער פּאָעזיע. די רענעסאַנס־עפּאָכע האָט אויפגעוועקט דעם אינטערעס צו דער קלאַסישער אַלטערטימלעכקייט. און פיל פריער נאָך, איידער עס האָבן זיך באַוויזן די גרויסע קלאַסיקער קאָרנעל און ראַסין, איז שוין אין פראַנקרייך געווען אַ גאַנצע ריי איבערזעצונגען און נאָכמאַכונגען פון די אַלטגריכישע טראַגיקער. פאַר דער מוטער פון דער פּסעוודאָקלאַסישער דראַמע האַלט מען די געפאַנגענע קלעאָפּאַטרע פון עטיען זשאָדעל (1532—1573). זשאָדעל האָט בעצם ניט געשאַפן קיין נייעם טיפּ דראַמע; ער האָט נאָר געמאַכט אַ גרויסן טריט פאָראויס לגבי דעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביז אים. זיין דראַמע איז אָנגעשריבן אין שטרענגן אַנטיק־גייסט. אין איר זיינען דאָ כאָרן, העראָלדן, אין איר איז אָפּגעהיט די באַרימטע דריי־איינקייט: פון אָרט, צייט און אַקציע. אַזוי אַרום האָט זי איינגעשטעלט יענע פּסעוודאָקלאַסישע פאָרם פון דער טראַגעדיע, וואָס די פּסעוודאָקלאַסיקער האָבן אַזוי שטרענג אָפּגעהיט. נאָך זשאָדעלן גייט אַ גאַנצע ריי פּאָעטן, צווישן וועלכע עס טיילט זיך באַזונדער אויס אַלעקסאַנדער האַרדי. אייניקע האַלטן אים און ניט זשאָדעלן פאַר דעם אמתן גרינדער פון דעם פראַנצויזישן קלאַסישן טעאַטער, מחמת, „ווי עס שיינט, — זאָגט לאַנסאָן, — האָט מען אונטער זיין השפּעה צום ערשטן אָנגעהויבן שפּילן טראַגעדיעס פאַר דער אמתר פּובליק (זשאָדעלס קלעאָפּאַטרע האָט מען געשפּילט נאָר פאַרן קיניג און פאַר דעם הויף), און ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן באַציען זיך צו סוזשעטן פון דער אַלטערטימלעכקייט, ווי צו דראַמאַטישער אַקציע, און ניט נאָר ווי צו פּאָעטישע טעמעס".

אָבער ערשט אונטער דער פעדער פון פּיער קאָרנעל (1606—1684), וועלכן די פראַנצויזן רופן דער גרויסער, איז די פּסעוודאָקלאַסישע טראַגע־דיע געוואָרן די הערשנדיקע פאָרמע אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. אין 1636 י. האָט מען אויף דער סצענע געשטעלט זיין טראַגעדיע סיד. די פּיעסע האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. אָבער מחמת דער פּאָעט האָט אָפּגעטראָטן פון אייניקע אָנגענומענע כללים, האָט זי די אַקאַדעמיע פאַרמשפּט, און דער באַ־טריבטער פּאָעט איז אויף עטלעכע יאָר נעלם געוואָרן פון פּאַריז. צוריקגע־קומען אין דער פראַנצויזישער רעזידענץ, האָט זיך קאָרנעל אונטערגעגעבן און גענומען שרייבן אין דער ריכטונג, וועלכע די אַקאַדעמיע האָט געפאָדערט. כדי צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן די חסרונות און די מעלות פון קאָרנעלס שאַפן, וועלן מיר גענויער באַטראַכטן איינע פון זיינע דראַמעס. אין 1644 — 1645 איז ערשינען ראָדאָ־גיונאַ. דאָס איז געווען דאָס בעסטע פון קאָרנעלס ווערק, אָבער אין הונ־דערט יאָר אַרום האָט זי אַרויסגערופן אַ שטרענגע קריטיק מצד דעם באַרימטן דייטשן פּאָעט לעסינג, וועלכן עס איז באַשערט געווען צו באַפרייען די דייטשע דראַמע פון דער פראַנצויזישער פּסעוודאָקלאַסישער השפּעה, פון דער געקינצלטקייט, און צוריקקערן זי אויף דעם וועג פון נאַטירלעכער אַנטוויק־לונג. דער אינהאַלט פון ראָדאָגיונאַ באַשטייט אין פאָלגנדיקן: דער סי־רישער מלך ניקנור פאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט צו די פּאַרטער. אין זיין אָפּוועזנהייט קומט אויס זיין פרוי קלעאָפּאַטרע צו פאַרטיידיקן זיך אַנטקעגן די באַדריקונגען מצד דעם אַלטן מורד טריפאָן. דערווייל פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז ניקנור איז געשטאָרבן אין געפאַנגענשאַפט. כדי צו ראַטעווען זיך פון טריפאָנס פאַרפאָלגונגען, האָט קלעאָפּאַטרע חתונה מיט ניקנורס ברו־דער אַנטיוכוס. דער לעצטער איז מנצח טריפאָנען און ווערט מלך. אירע צוויי זין, דעם צווילינג אַנטיוכוס און סעלעווק, שיקט קלעאָפּאַטרע אַוועק ערציען אין מצרים. דערווייל ווערט קלאָר, אַז ניקנור איז ניט געשטאָרבן און אַז ער גייט מיט אַ פּאַרטער חייל אויף סוריא. ניקנור וויל זיך נוקם זיין פון זיין ניט גע־טרייער פרוי און ער האָט חתונה מיט ראָדאָגיונאַ, דער שוועסטער פון דעם פּאַרטער מלך. קלעאָפּאַטרע טרעט אַרויס קעגן אים און איז מנצח דאָס פּאַר־טישע חייל, טויט מיט דער אייגענער האַנט דעם מאַן און נעמט געפאַנגען ראָדאָגיונען. זי שיקט אַוועק אין מצרים נאָך די פּרינצן, כדי צו ערקלערן, וועמען פון זיי עס געהערט די בכורה, און יענעם איבערגעבן דעם טראָן מיט ראָדאָגיונעס האַנט. ביידע פּרינצן פאַרליבן זיך אין ראָדאָגיונען. נאָר זיי שווערן איינער צו דעם אַנדערן היטן פריינדשאַפט און געטריישאַפט, ניט קוקנדיק דערויף, וועמען פון זיי די מוטער וועט אויסוויילן אויפן טראָן. ראָ־דאָגיונאַ איז זיך מודה פאַר דער פרוי, וואָס באַדינט איר, אַז זי האָט ליב איי־נעם פון די פּרינצן. ווען קלעאָפּאַטרע דערוויסט זיך וועגן דער לאַגע, דער־שרעקט זי זיך פאַר דעם, וואָס זי האָט געהאַט בדעה צו טאָן. באַשליסט אַליין צו בלייבן ביי דער מאַכט און מעלדעט, אַז זי וועט דעם טראָן איבערגעבן יענעם זון, וואָס וועט זיך פאַר איר נוקם זיין אָן ראָדאָגיונען. קיי־

בער פון די פּרינצן גייט ניט איין צו טויטן ראָדאָגיונען. נאָר זיי ווערן נאָך געענטער איינער מיטן צווייטן. פון דער צווייטער זייט זאָגט אויך ראָדאָגיונע צו חתונה האָבן מיט יענעם, ווער עס וועט זיך נוקם זיין אָן קלעאָפּאַטרען פאַר איר און פאַר איר מאַן. דער שוואַכערער סעלעווק זאָגט זיך אָפּ, און ראָדאָגיונע ערקלערט זיך פאַר דעם שטאַרקערן אַנטיוכוסן אין איר ליבע צו אים. אַנטיוכוס וויל שלום מאַכן צווישןביידע פרויען. קלעאָפּאַטרע איז כלומרשט געריִרט, מאַכט אַנטיוכוסן פאַרן מלך, אָבער שטילינקערהייט זעצט זי פאָרט אירע אינטריגעס. זי רעדט איין סעלעווקן נקמה צו נעמען, צוזאָגנדיק אים די מאַכט. אָבער ווען דאָס גיט זיך ניט איין, טויט זי סעלעווקן און פּרוּווט זיך פאַרסמען אַנטיוכוסן, וועלכער גרייט זיך חתונה צו האָבן מיט ראָדאָגיונען. אויפן חתונה־מאָלצייט דערלאַנגט מען אַנטיוכוסן ווייַן מיט סם. אָבער דאָ מעלדעט זיין ערציער וועגן ס׳אומגליק מיטן פּרינץ סעלעווק, וועלכער האָט אים פאַרן טויט געוואָרנט, האָט נאָר ניט אָנגערופן דעם נאָמען פון מערדער. עס ווערט אויפן מאָלצייט אַ טומל. ראָדאָגיונען קומט פּלוצלונג אַ חשד אויפן זינען, און זי נויט קלעאָפּאַטרען אויסצוטרינקען פון בעכער דאָס פאַרסמטע ווייַן. קלעאָ־פּאַטרע טרינקט און גייט אַוועק מיט קללות אויף אימה און אי ן גסיסה־אַנגסטן די טראַגעדיע ענדיקט זיך מיט אַנטיוכעסעס תפלה צו די געטער, זיי זאָלן מוחל זיין אַלע דידאַזיקע פאַרברעכנס.

דער סוזשעט איז גענומען ביי אַפּיאַן פון אַלעקסאַנדריע, וועלכער האָט געלעבט אין II י. ה. לעסינג פאָלט קודם כל אָן אויף איין אָפּווייכונג פון דער געשיכטע. „לויט דער געשיכטע,—זאָגט לעסינג,—טויט קלעאָפּאַטרע איר מאַן מחמת אייפערזוכט. מחמת אייפערזוכט?— טראַכט זיך קאָרנעל, איז דאָך דאָס גאָר אַ געוויינלעכע פרוי. ניין, מיין קלעאָפּאַטרע דאַרף זיין אַזאַ העלדין, וואָס איז גרייט, פאַרשטייט זיך, פאַרלירן דעם מאַן, אָבער ניט דעם טראָן. איר מאַן ליבט ראָדאָגיונען. נאָר ניט אַזוי דאָס פאַרשאַפט איר עגמת־נפש, ווי דאָס, וואָס ראָדאָגיונע איז אויך אַזאַ קיניגין, ווי זי. אַזאַ מאָטיוו איז פיל געהויבענער.”

ווייטער באַמערקט לעסינג מיט איראָניע, אַז די העלדין איז אַרויס פיל געהויבענער, אָבער דערפאַר פיל ווייניקער אמתדיק. לויט לעסינגס מיינונג איז אויפערזוכט פיל נאַטירלעכער אין די מעשים פון אַ פרויענצימער, איידער דער דאַרשט נאָך מאַכט. לויט לעסינגס מיינונג, האָט געקענט עקזעסטירן אַ פרוי, וואָס וויל הערשאַפט צוליב הערשאַפט, ביי וועלכע אַלע נטיות זייַנען אונטערגעוואָרפן דער ערגייץ, פאַר וועלכער עס איז ניטאָ קיין גרעסער גליק, ווי דאָס גליק צו באַפעלן, טיראַניזירן און טרעטן אונטער די פיס גאַנצע פעלקער; אָבער פונדעסטוועגן איז אַזאַ פרוי אַן אויס־נאַם. און ווער עס מאָלט אויסנאַמען, יענער שטעלט געוויס פאַר זאַכן ניט גאָר קיין נאַטירלעכע. קאָרנעלס קלעאָפּאַטרע איז אַ פאַרזעעניש אין איר גע־שלעכט, און קיין פּאָעטישע קונסט וועט זי פאַר אונז ניט מאַכן סימפּאַטיש. מיר באַוואונדערן זי, ווי אַן אומגעהייער, מיר דאַנקען גאָט, וואָס נאָר איין מאָל אין טויזנט יאָר האָט די נאַטור אַ טעות, און אונז פאַרדריסט אויפן פּאָעט, וואָס באַשליסט זיך אָנצוגעבן אונז אַזעלכע מיאוסקייטן פאַר מענטשן.

לאָמיר נעמען צום ביישפּיל פּאָלגנדיקע קלעאָפּאַטרעס ווערטער: „די זינס לעבן דראָעט מיט אומגליק, דעריבער, ווי איך האָב געטויט דעם טאַטן, אַזוי וועל איך אומברענגען די זין. דערווייטער־זשע זיך, נאַטור, פון מיין האַרצן, אויב דו קענסט זיי ניט נייטן צו פּאָלגן מיך, און מאַכן זיי פּאַר אַ געווער פון צאָרן. איינער פון זיי ווייס שוין, אַז איך וועל באַשטראָפן, אָבער לאַנגזאַמקייט ברענגט אָפּטמאָל אומגליק. רעכט! איך זוך אַ גינציקע מינוט, כדי צו דערשלאָגן מיינע קרבנות. כאָטש דורך פאַרברעכן, אָבער כ׳וויל פּאָרט זיין אַ גליקלעכע!” אָט דאָס באַרימען זיך מיט פאַרברעכן האַלט לעסינג, אַז ס׳איז דערווידער דער נאַטור. און באמת, מאָלנדיק אַזאַ פאַרברעכער ווי ריטשאַרד דער III, האָט שעקספּיר געמילדערט זיין כאַראַקטער מיט עטלעכע מענטשלעכע שטריכן. ביי קאָרנעלן איז קלעאָפּאַטרע אַ פאַרקערפּערונג פון בייז. לעסינג מאַכט אַן אַלגעמיינעם אויספיר וועגן די כאַראַקטאָרן ביי קאָרנעלן: „ביי אים באַגעגענען מיר אָפטער איידער ביי וועמען אַנדערש אַזעלכע אוטרירטע כאַראַקטאָרן, אַזעלכע שרעקעדיקע טיראַדעס, און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז זיי האָט ער דאָס צו דאַנקען פאַר זיין טיטל „דער גרויסער”. אמת, ביי אים אָטעמט אַלץ מיט העלדישקייט, אָבער מיט העלדישקייט קאָן אויך זיין דורכגעדרונגען דאָס, וואָס קאָן ניט זיין פעאיק און איז ווירקלעך ניט פעאיק אויף קיין העלדישקייט. דהיינו—די זינד. קאָרנעלן וואָלט מען געדאַרפט אָנרופן דער ריזיקער. דער קאָלאָסאַלער, נאָר ניט דער גרויסער. עס קאָן גרויס ניט זיין דאָס, וואָס איז ניט אמת”. ווייטער מאַכט לעסינג קאָרנעלן פאָרוואורף פאַר אַ גאַנצע רייע ווידערשפּרוכן, וואָס לאָזן זיך נישט שיקן. די פרויען זיינען ביי אים אומגעשטילטער פאַר די סאַמע אומבאַצוימטע מאַנסביל, און די מאַנסביל—מער פרויענלעך איידער די סאַמע קלאָגעדיקע פרויען. אַן אמתער פּאָעט, ווען ער וואָלט זיך באַקענט מיטן סוזשעט ביי אַפּיאַנען, וואָלט זיך געסטאַרעט צוטראַכטן די כאַראַקטאָרן פון די ווירקנדיקע פּערזאָנען אַזוי, אַז די געשעענישן, וואָס רופן זיינע העלדן אַרויס צו טעטיקייט, זאָלן אַרויסקומען איינער פון דעם צווייטן מיט אומפּאַרטיידלעכער נויטווענדיקייט, און די ליידנשאַפטן זאָלן שטרענג האַרמאָנירן מיט די כאַראַקטאָרן און זאָלן זיך אַנטוויקלען אין נאַטירלעכער הדרגה. דעמאָלט וואָלטן מיר אומעטום געהאַט אַ נאַטירלעכן גאַנג פון דער אַקציע. אָבער אַ פּאָעט, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען ניט, נאָר ער איז פּשוט אַ קלוגער מענטש, און אַ גוטער ווערסיפיקאַטאָר, זעט אין אַזאַ סוזשעט אַ קוואַל פון וואונדערלעכע עפעקטן אַרויסצורופן אימה און רחמנות—דאָס וואָס אַריסטו האַלט פאַר דעם ציל פון אַ טראַגעדיע, — אַזאַ פּאָעט וועט זיך סטאַרען אויסטראַכטן וואָס מער שרעקלעכע געשעענישן, וואָס מער אימהדיקע צרות.

דערדאָזיקער אַנאַליז, וואָס געהערט דעם גרויסן עסטעטיקער, האָט אין זיך פיל אמת, ניט געקוקט אויף דער שאַרפקייט און גוזמא. יאָגנדיק זיך נאָך העלדישקייט, פאַרגעסט קאָרנעל וועגן נאַטירלעכקייט. ער טרייבט פון זיינע דראַמעס אַרויס די ליבע אַלס אַ הויפּט־מאָטיוו פון דער אַקציע, מחמת דערדאָזיקער געפיל קאָן דערנידעריקן די העלדישע נאַטור. אַדאַנק דעם, האָבן מיר אָפט אָנשטאָט לעבעדיקע פּערזאָנען — סימבאָלן פון פאַרשיידענע אידעען, אָדער

פּיער קאָרנעל

ליידנשאַפטן, טרוקענע טראַקטאַטן וועגן מעשים־טובים און זינד. די נשמה־לאָזיקע רעגלמעסיקייט פון דער פאָרם פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם אַבסטראַקטן כאַראַקטער פון די העלדן. זיי ריידן מער, איידער זיי פילן. זיי רעזאָנירן וועגן זייערע ליידנשאַפטן. פונדעסטוועגן באַציט זיך אַפילו די דייטשע קריטיק היינט שוין ניט אַזוי שטרענג צו קאָרנעלן און אָנערקענט, אַז ער האָט געוויסע פאַר־דינסטן פאַר דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. די פסעוודאָקלאַסישע ריכטונג איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ פאָרבערייטונג פון דער אויפקלערונגס־באַווע־גונג. זי האָט אויסגעאַרבעט יענע פּינקטלעכע שפּראַך, יענע געוויינהייט צום רעגלמעסיקן, לאָגישן דענקען, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך אין דעם ווייטערדיקן יאָרהונדערט די פראַנצויזישע פילאָזאָפן. די קלאַסישע ריכטונג האָט געמאַכט דעם שכל פאַר דעם הויפּט־קריטערי פון אירע עסטעטישע דאָקטרינעס. דעריבער האָט אויך דאָס מאָלן פון געפילן און ליידנשאַפטן געדאַרפט שטימען מיט די פאָרשטעלונגען פון שכל. אין דער לעצטער צייט האָבן זיך באַוויזן פּראָבעס ניט נאָר צו פאַרענטפערן קאָרנעלן, נאָר אַפילו אויפצוהייבן אים אויף אַ געוויסן פּיעדעסטאַל. לאַנסאָן דערווייזט אין זיין געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, אַז קאָרנעל האָט אַריינגעטראָגן אין דער פאַרקני־פונג פון זיינע פּיעסן אַ דינע ערפינדערישקייט, ניט פון פאַקטישן, נאָר דווקא פון פסיכילאָגישן כאַראַקטער. אויב אים איז אַמאָל אויסגעקומען צו דערלאָזן פאַרוויקלטע געשעענישן אָדער צו־געקינצלטע צונויפבינדונג, דערקלערט זיך עס דערמיט, וואָס ער האָט צוגעטראַכט איידעלע פסיכאָלאָגישע לאַגעס. העראָאישע צוזאַמענשטויסן פון די געפילן. קאָרנעל, זאָגט לאַנסאָן, האָט געלעבט אין אַן אייגנאַרטיקער צייט. ער האָט אַליין געהאַט און האָט אין זיינע פּיעסן געמאָלט אַ שטאַרקערע מענשלעכע נאַטור, וועלכע איז אַ לאַנגע צייט געווען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר פראַנצויזן, אַ נאַטור מיט אינטעלעקט און ווילן, מיט באַוואוסטזיין און טעטיקייט. אין זיין צייט האָבן אַזעלכע מינים נאַטורן באַזונדער געשטימט מיטן אמת. מיר געפינען אַ וואונדערלעכע האַרמאָניע צווישן קאָרנעלס פסיכאָלאָ־גישע סוזשעטן מיט דעםווירקלעכן פסיכישן לעבן פון יענער צייט. אַפילו אין פרויען איז דעמאָלט געווען ווייניק ווייבלעכקייט. זיי האָבן געלעבט מער מיטן קאָפּ, איידער מיטן הארצן. די ליידנשאַפטן פון קאָרנעלס העלדן זיינען שטענדיק אינטעלעקטועל, זיי קענען זיי, זיי ריידן וועגן זיי, פאַרוואַנדלען זיי אין אידעען, און די אידעען אין פּרינציפּן פון זייערע מעשים. אַזוי אַרום איז קאָרנעלס פּאָעזיע, ווי יעדע פּאָעזיע, אַן ענטפער אויף די פאָדערונגען פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז געווען די פּאָעזיע פון דעם פראַנצויזישן העכערן קלאַס, וועלכער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעזאָגט פון די העלדישע מסורות פון פעאָדאַליזם און האָט צו זיי צוגעגעבן די נאַציאָנאַלע נטיה פון דעם פראַנצוי־זישן כאַראַקטער צו לאָגישקייט, רעגלמעסיקייט און אָרדענונג.

די כאַראַקטעריסטיק פון קאָרנעלס שאַפונג באַווייזט שוין די גרונדשטריכן פון די פסעוודאָקלאַסישע אידעאַלן. איצט ווילן מיר זיך באַמיען צו באַשטימען די אָפּשטאַמונג פון דער פסעוודאָקלאַסישער פּאָעזיע. מיר האָבן נאָר וואָס גע־זאָגט, אַז אין איר שאַפונג האָבן אָנטייל גענומען איבערהויפּט צוויי פאַקטאָרן:

די היסטאָרישע באַדינגונגען און דער נאַציאָנאַלער מהות פון דעם פראַנצויזישן כאַראַקטער. די ערשטע זיינען אַ רעזולטאַט פון דעם אומענדלעכן קאַמף מיט די הוגענאָטן, וואָס מיט אים איז פול די צווייטע העלפט פון XVI און די ערשטע העלפט פון XVII י. ה. אין 1572 איז פאָרגעקומען די בלוטיקע שחיטה, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „די באַרטאָלאָמעער נאַכט". דידאָזיקע רעליגיעזע מלחמות האָבן פראַנקרייך אָפּגעקאָסט מיליאָנען באַפעלקערונג. אין דידאָזיקע מלחמות איז ערצויגן געוואָרן אַ דור, וואָס אים איז פרעמד געווען סענטימענ־טאַליטעט, אַ דור אַ שטרענגער, אַ האַרטהערציקער, וואָס איז באַזעסן ברוטאַלע ענערגיע און אומבייגעוודיקן ווילן. דערין דאַרף מען זוכן דעם קוואַל פון דעם העראָאיזם ביי קאָרנעלס העלדן; די סיבה, פאַרוואָס אין זיינע טראַגעדיעס איז ניטאָ קיין צערטלעכע און ליבע־געפילן. וואָס איז שייך צום צווייטן פאַקטאָר, וואָס האָט געווירקט אויף דער אויסאַרבעטונג פון דער פסעוודאָקלאַסישער טעאָריע, ס'הייסט דעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, האָט ער באַקומען געגוג שפּייז פאַר זיך אין די אידעען פון רענעסאַנס. באַפרייט דעם מענטשן פון קירכלעכן אויטאָריטעט און אָוועקגעשטעלט דעם פאַרשטאַנד אויפן אָרט פון גלויבן, האָט די רענעסאַנס־עפּאָכע אַממערסטן מיטגעפּיל באַגעגנט מצד דעם פראַנצויזישן פאָלק, וואָס האָט בטבע געהאַט אַ נטיה צו ראַציאָנאַליזם. פראַנק־רייך האָט געגעבן דעם פילאָזאָף, וועלכער דריקט אַמקלאָרסטן אויס דידאָזיקע זייט אין דער וועלט־אָנשויאונג פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. דערדאָזיקער פי־לאָזאָף—דאָס איז רענע דעקאַרט (1596 — 1650). דעקאַרט האָט געצווייפלט אין אַלץ, וואָס אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַר לויטער אמת. ער האָט באַשלאָסן ניט צו האַלטן פאַר אמת קיין זאַך, וואָס איז ניט באַשיינפּערלעך אמת. זיין באַליבטע סענטענץ איז געווען: „איך דענק, אַלזאָ איך עקזיסטיר". פון דערדאָזיקער הנחה, וועלכע האָט דעקאַרטן אויסגעוויזן פאַר אַ באַשיינפּערלעכן אמת, האָט ער אַרויסגעפירט אַלע זיינע אורטיילן, אַלע אויספירן וועגן דער אוממאַטעריעליש־קייט פון זיין פאַרשטאַנד, וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט און פון דער אויסער־ליכער וועלט. דעקאַרט האָט דעם שכל אַוועקגעשטעלט אַזוי ווי אויף דעם אָרט פון גאָט און האָט אים אָנערקענט אַלס אויבערריכטער פון אמת. דעקאַרט האָט גרויסע האָפענונגען געלייגט אויפן שכל, האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די אויפ־גאַבע צו באַהערשן דעם אמת און גלייך ווי ער וואָלט פאַרענדיקט די רענעסאַנס־פילאָזאָפיע, וועלכע איז באַשטאַנען אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט. קאַרטעזיאַניזם, דעקאַרטס לערע, שטעלט מיט זיך פאָר אויף דעם געביט פון פילאָזאָפיע דאָס זעלבע, וואָס דער פסעוודאָקלאַסיציזם אויפן געביט פון ליטעראַטור. זיי גיט קרובהשאַפט די שטרעבונג צו וויסנשאַפטלעכער רעגל־מעסיקייט, צו לאָגישער קאָנזעקווענטקייט.

דער טעאָרעטיקער פון דער פסעוודאָקלאַסישער ריכטונג איז בואַלאָ (1636 — 1711). אין 1674 איז אַרויס זיין באַרימט ווערק די פּאָעטישע קונסט, וועלכע איז באַלד געוואָרן די עוואַנגעליע פון די פסעוודאָקלאַסיקער. אין דעם ווערק נעמט בואַלאָ לכתחילה אָן אין דער חזקה, אַז עס עקזיסטירן אַבסאָלוטע געזעצן פון שיינקייט. אים איז ניט באַקאַנט דער היסטאָרישער שטאַנדפּונקט,

װעלכער דערקלערט די געבורט פֿון אַ קינסטלערישן װערק מיט די תּנאים פֿון סבֿיבֿה און צײַט. דעריבער באַזײַטיקט ער פֿון דער ליטעראַטור אַלץ, װאָס גײט ניט אַרונטער אונטער זײַנע כּללים. ער װיל אײַנשטעלן אַן אומבאַדינגטן אַלגעמײנעם אידעאַל, װאָס זאָל דינען פֿאַר אַ מאַסשטאַב בײַם אָפּשאַצן די װערק, װאָס עקזיסטירן, און װאָס צו אים זאָלן שטרעבן אַלע צוקינפֿטיקע אױטאָרן. בואַלאָס גרונט-געדאַנק באַשטײט אין דעם, אַז די פּאָעזיע דאַרף נאָכמאַכן די נאַטור. װאָלט זיך דאָך געדוכט, אַז בואַלאָ איז ניט קײן פּסעװדאָקלאַסיקער, נאָר אַ רעאַליסט. אָבער װען עס װערט קלאָר, װאָס האָט בואַלאָ געמײנט מיט די װערטער נאָכמאַכן די נאַטור, דעמאָלט פֿאַרשטײט מען, אַז ער האָט געדאַכט דידאַקטישע נאָכמאַכונג אין אַ היפּשער מאָס על-תּנאי. דער דידאַקטיקער פּרינציפּ דינט אים אַלס טעם לטובֿת אַלע זײַנע אידעען. אַזױ װי די אַלטערטימלעכע שריפֿטשטעלער זײַנען געװען װאָרהאַפֿטיק, האָבן געקענט באַאָבאַכטן און איבערגעבן די נאַטור, דעריבער דאַרף מען זיך בײַ זײ לערנען דידאַקטישע קונסט. אַזױ אַרום האָט בואַלאָ די אַנטיק-ליטעראַטור געמאָלדן אַלס אידעאַל. װײַטער: אַזױ װי די פּאָעזיע דאַרף פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן, דעריבער מעג מען, נאָכמאַכנדיק די װירקלעכקײט, װײַלן פֿון איר דאָס, װאָס עס איז אָנגענעם. דאָס גיט בואַלאָן די מעגלעכקײט צו פֿאַרענטפֿערן אַן אַנדער באַדערפֿעניש, װאָס איז רײַף געװאָרן אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפֿט, דהײַנו — פֿאָדערן פֿון דעם קינסטלער, ער זאָל אױסשטודירן, װאָס עס שטימט מיט די סאַלאָנען-געשמאַקן. „שטודירט דעם הױף און באַקאָנט זיך מיט דער שטאָט", זאָגט בואַלאָ. לסוף, אױף בואַלאָס טעאָריע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די ראַציאָנאַליסטישע ריכטונג פֿון זײַן דור. פּונקט װי דעקאַרט האָט געהאַלטן דעם פֿאַרשטאַנד פֿאַר דעם הױפּט-געצײַג אין דער ערקענונג פֿון אמת, אַזױ איז אױך בײַ בואַלאָן דער פֿאַרשטאַנד די העכסטע פֿעאיקײט בײַם דעפֿינירן די שײנקײט. בואַלאָ עצהט די פּאָעטן, ליב צו האָבן דעם פֿאַרשטאַנד, פֿון װעלכן זײערע װערק דאַרפֿן באַקומען גלאַנץ און װערדע. כּדי צו אָנערקענען אַ װערק פֿאַר שײן, מוז מען זיך איבערצײַגן, אַז זי באַפֿרידיקט די פֿאָדערונג פֿון פֿאַרשטאַנד װעגן שײנקײט. דערפֿון קאָן מען פֿאַרשטײן די ראָלע, װאָס בואַלאָ לאָזט פֿאַר די רעגלען און פֿאַר דער װיסנשאַפֿט אין דער פּאָעטישער קונסט. דידאַקטישע קונסט דאַרף מען זיך לערנען. בואַלאָס װערק, געשריבן אין פֿערזן, צעטײלט זיך אױף פֿיר טײלן, אין װעלכע עס זײַנען אױסגערעכנט די רעגלען. איבער זײ הערשן די אױבנדערמאָנטע פּרינציפּן. דאָס גאַנצע ערשטע ליד איז געװידמעט דער פּאָעטישער טעכניק. בואַלאָ װיל באַשטימען די כּללים פֿון װערסיפֿיקאַציע און סטיל. פֿון דער ערשטער פֿאָדערט ער רעגלמעסיקײט פֿון האַרמאָניע און אױסדריקלעכקײט; פֿון דער צװײטער — דײַטלעכקײט און קראַפֿט. אין דעם צװײטן ליד שטעלט בואַלאָ פֿעסט די טעאָריע פֿון באַזונדערע פּאָעטישע פֿאָרמען. אַ שטרענגער דאָגמאַטיקער, מאַכט בואַלאָ אָנװײַזונגען בנוגע יעדער פֿאָרם; שטעלט זיך מיט באַזונדער ליבע אָפּ אױף דעם סאָנעט. אין דעם דריטן ליד שטעלט ער זיך אָפּ אױף טראַגעדיע, קאָמעדיע און עפּאָפּעע. דער ציל פֿון דער טראַגעדיע, האַלט ער, גײענדיק נאָך אַריסטאָ, איז װעקן מורא און רחמנות. בואַלאָ

פאָדערט פון דער טראַגעדיע אמת, אינטערעסאַנטקייט און ליידנשאַפט. ער נעמט ביי אַריסטו אויך איבער די לערע וועגן דער טראַגישער שולדיקייט: דער העלד פון דער טראַגעדיע מוז האָבן עפּעס אַ שוואַכקייט, וועלכע איז די סיבה, וואָס פירט אים סוף־כל־סוף צום גרונט. וואָס נוגע דער קאָמעדיע, האָט זיך דאָ אַממערסטן אין בואַלאָס פאָדערונגען אַרויסגעוויזן די השפּעה פון די סאַלאָנען־געשמאַקן. דער אויטאָר איז ניט צופרידן געווען פון מאָליערן, וועלכער האָט זיך אים געדאַכט אַלס צופיל וואולגאַרער. ער האָט געוואָלט, אַז אפילו די קאָמעדיע, וואָס איר עיקר מעלה איז פאָלקסטימלעכקייט און רעאַליזם, זאָל מאָלן דאָס לעבן פון די הויכע פענסטער. די פאָרם פון דער קאָמעדיע דאַרף זיין פיין. און דערביי טאַקע שטעלט ער עס אַרויס זיין באַרימטע פאָדערונג וועגן דער נייטיקייט פאַרן שריפטשטעלער צו באַגרענעצן זיך מיט שטודירן דאָס לעבן פון הויף און שטאָט. פונדעסטוועגן איז אין דער פּאָעטישער קונסט פאַרהאַן אַ פאָדערונג, וועלכע ערלויבט איינצוזען אין בואַלאָן אין אַ געוויסער מאָס אַ פאָרגייער פון רעאַליזם. ער שטרייכט שטענדיק אונטער די נייטיקייט פון פּשטות און נאַטירלעכקייט, הגם ער טראָגט אין זיין פאָדערונג אַריין הוספות, וואָס שוואַכן אָפּ איר באַדייטונג. אַזוי איז ער קעגן צוזאַמענמישן געלעכטער מיט טרערן, ער שליסט פון דער קאָמעדיע אויס גראָבקייט און פאָלקסטימלעכקייט, א. אַז. וו. בואַלאָס ווערק האָט זייער אַ וויכטיקע באַדייטונג: יעדע ליטעראַרישע ריכטונג שאַפט נאָר דעמאָלט אַ שול, ווען זי באַקומט אַ טעאָרעטישן אויסדרוק. בואַלאָ האָט דעמדאָזיקן פאַרדינסט: ער האָט קלאָר געמאַכט דעם מהות פון דער פסעוודאָקלאַסישער ריכטונג, און האָט אירע פּרינציפּן און שטרעבונגען געבראַכט אין אַ האַרמאָנישע סיסטעם.

XII.

מאָליער. — זיין ביאָגראַפיע. — די געזעלשאַפט אין מאָליערס תּקופה. זיינע ערשטע קאָמעדיעס. — דער אינהאַלט פון „טאַרטיוף" און די כאַראַקטעריסטיק פון דעם הויפּט־העלד. — די קולטורעלע און אַלמענטשלעכע באַדייטונג פון דערדאָזיקער קאָמעדיע. — „דאָן זשואַן" און די כאַראַקטעריסטיק פונם פראַנצויזישן אַדל אין דערדאָזיקער קאָמעדיע. — „מיזאַנטראָפּ". — די כאַראַקטעריסטיק פון אַלצעסט אין מאָליערס פּעסימיזם. — מאָליערס לעצטע קאָמעדיע. — מאָליער אַלס פסעוודאָקלאַסיקער. — ראַסין. — „אַנדראָמאַכע". — „בריטאַניק". — „בערעניקע". — „פעדראַ" — „אַלישבע" — ראַסין און קאָרנעל. — די באַזונדערהייטן פון ראַסינס טראַגעדיע: געפיל און העלדנשאַפט; די שילדערונג פון דער פרוי; די פאָרם און דער סטיל. — די פאַרבינדונג צווישן דער פסעוודאָקלאַסישער פּאָעזיע מיט דער ליטעראַטור פון XVIII י. ה.

די צווייטע העלפט פון XVII י. ה. שיידט זיך שטאַרק אונטער פון דער ערשטער לויט די שטימונגען און געשמאַקן פון דער געזעלשאַפט. לודוויק דעם XIV עפּאָכע, וואָס זי צייכנט זיך אויס מיט אומגעווייינלעכן אויסערלעכן גלאַנץ, וואָס זי האָט פראַנקרייך געבראַכט באַוואונדערונג מצד די שכנים, וואָס

זי האָט דעם ווערסאַלער הויף געמאַכט פאַר אַזוינעם, וואָס אַלע אייראָפּעאישע
הויפן האָבן אים נאָכגעמאַכט.—דידאַקטיש עפּאָכע האָט געשאַפן נייע טיפּן. זיי
האָבן אין זיך אָפּגעשפּיגלט צוויי שטראָמען, וואָס זיינען געווען די וויכטיקסטע
אין לודוויק דעם XIV צייט. איינער שטעלט מיט זיך פאָר דעם אונטערשלאַק
פון דעמדאָזיקן גלענצנדן לעבן, דער צווייטער — איר אָפּענע זייט, וואָס מען
שטעלט אַרויס פאַר לייטן. פון דער ערשטער שטאַמט יענע אומצופרידנהייט
און יענע סאַטירישע ריכטונג, וועלכע האָט געבראַכט צו דער רעוואָלוציאָנע-
רער ליטעראַטור פון XVIII יאָרהונדערט. די צווייטע איז די פאַרקערפּערונג
פון דעם העכסטן מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַבסאָלוטיזם, דער
בולטסטער אויסדרוק פון די געשמאַקן און די שטרעבונגען פון דער הויף-גע-
זעלשאַפט, וועלכע האָט זיך שקלאַפּעריש פאַרבאָרגן הינטער איר קיניג, וועלכע
האָט זיך געבאָדן אין די שטראַלן פון זיין גרויסקייט. דידאָזיקע צוויי ריכ-
טונגען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור. דער באַרימטסטער פאָר-
שטייער פון דער ערשטער איז געווען מ אָ ל י ע ר, פון דער צווייטער—ר אַ ס י ן.

מאָליער (געב. 15 יאַנ. 1622 י. געשט. 17 פעב. 1673 י.) איז געווען
דער זון פון זשאַק פּעקלין דעם קיניגס קאַמער-באַדינער. ער האָט זיך ער-
צויגן אין קלערמאָנער קאָלעזש, און די פּריסטע אַיינדרוקן, וואָס ער האָט
דאָ באַקומען, האָבן אים גלייך געשטעלט אין באַרירונג מיט איינעם פון די
ערטער, וואו עס האָט געבליט די קונציקסטע חנופה. פאַר דעם יינגלס לעבע-
דיקער און באָבאַכטנדיקער נאַטור האָבן זיך דאָ אָפּגעעפנט אַ מאַסע באַאָ-
באַכטונגען איבער די נעגאַטיווע זייטן פון לעבן; די באַהאַלטענע הינטער דעם
אָנגעבלאָזענעם פּעדאַנטיזם נישטיקייט פון דער יעזואיטישער וויסנשאַפט; די
צווייד־יטיקע מאָראַלישקייט, וואָס גילט אַלס מוסטערהאַפטע גייסטיקע ריינקייט,
האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן און געוועקט צאָרן אין דעם יינגל, וועלכער
איז אין דער היים געוואַקסן אונטער דער השפעה פון אַנדערע מיינונגען. באַלד
הייבט ער שטילינקערהייט אָן אויסצולאַכן זיינע לערער, אַרויספירנדיק זיי אין
די ערשטע סצענישע סקיצן זיינע. די ליידנשאַפט צום טעאַטער און צו דראַ-
מאַטורגישער טעטיקייט האָט זיך אין מאָליערן פרי אַרויסגעוויזן, אָבער דער
פאָטער האָט אים געצוואונגען צו גרייטן זיך צו יורידישער קאַריערע און, גע-
ענדיקט דעם קאָלעזש, איז ער חירקלעך אַריינגעטראָטן אין דער קאָרפּאָראַ-
ציע פון די אָרלעאַנער אַדוואָקאַטן. ערשט נאָך אַ שווערן קאַמף איז אים גע-
לונגען צו שטעלן זיך אויף דעם געוואונטשענעם וועג: אין 1643 יאָר האָט ער
מיט נאָך עטלעכע פריינד צונויפגעקליבן אַ טרופּע און זיך אַוועקגעלאָזן
איבער דער פּראָווינץ. די טרופּע האָט באַזוכט אַ ריי שטעט. דידאָזיקע וואַנ-
דערונגען האָבן באַרייכערט מאָליערס גייסט מיט נייע איינדרוקן. אין דער
פאַרוואָרפענער פּראָווינץ האָט ער זיך איבערצייגט, ווי שעדלעך עס רופט זיך
אָפּ אויף דער פאָלקסמאַסע די הערשאַפט פון דער אָבערגלויבישער געלט-גיי-
ציקער גייסטלעכשעפט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער בייזער השפעה פון די
יעזואיטן, דידאָזיקע פּאַראַזיטן, וועלכע גנבענען זיך אַריין אין די אַריסטאָקראַ-
טישע הייזער, געווינען די הערצער פון די באַלעבאָסטעס, נעמען אין זייערע

הענט אַריין די קינדערערציאונג און פירן אומעטום זייער רואינירנדיקע פּראָפּאַגאַנדע. אין 1662 יאָר האָט מאָליער חתונה געהאַט מיט אַרמאַנדע בעזשאַר, דער טאָכטער פון איינעם אַ מיטגליד פון דער טרופּע. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איז מאָליער צוריקגעקומען קיין פּאַריז. און די איינדרוקן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער פּראָווינץ, זיינען דאָ נאָך שטאַרקער געוואָרן, מחמת די פאַלשקייט און ניט-אויפריכטיקייט האָט זיך ביים הויף אויסגעבויט אַ פעסטן נעסט. מאָליער האָט זיך דערזען צווישן אַ המון אָנגעבלאָזענע און אין דערזעלבערצייט שקלאַפעריש געבויגענע פאַרן קיניג אַריסטאָקראַטן, פיינע סאַלאָן-גלחים, וועלכע זוכן צו קריגן אַ שטעלע אָדער אַ רייכע פּענסיע, וועלטלעכע שיינהייטן, וואָס וואַרטן אומגעדולדיק אויף זייער ריי אין דעם אומאויפהערלעכן טויש פון פאַוואָריטינס. אין דערדאָזיקער סביבה קוקט מען פון אויבן אַראָפּ אויף די אויפגעקומענע שטאָט-בירגער, און מאָליער, וועלכער פאַרפירט אַ קאַמף קעגן דערדאָזיקער געזעלשאַפט און באַקומט שטיצע פון קיניג, באַווייזט זיך אַלס אַ זעלטענער אין XVII יאָרהונדערט פאָרשטייער פון יענעם טיפּ parvenu, וואָס וועט שפּעטער אין XVIII י. ה. באַקומען זיין פאַרקערפּערונג אין באָמאַרשע און אין זיין העלד פיגאַראָ. אין XVII י. ה. זיינען נאָך באַגאַבטע פּלעבעער אַ זעלטענער אויסנאַם. אין XVIII י. ה. וואַקסט זייער צאָל, און זיי הייבן אָן העבער אויף דעם קאָפּ. מאָליער פאַרפירט שרעקלאָז אַ קאַמף קעגן דערדאָזיקער אין ליגנס אויסגעוויקעלטער געזעלשאַפט, דעקט אויף אירע חסרונות, איר פאַלשקייט, איר אינערלעכע פּוסטקייט, צבועטשעסטווע און געלטגייציקייט — וואָס באַהאַלטן זיך אונטער פרומע מאַנערן און מידות פון כלומרשט שטאָטס-לייט. די דאָזיקע געזעלשאַפט באַליידיקט אים מיט איר אויסגעלאַסנקייט, ניט נאָר ווי אַ פּאָעט און דענקער — זי פאַרגיפטעט אים זיין פּערזענלעכן קיום. זיין ווייב ווייזט זיך אַרויס אַלס לייכטזיניקע קאָקעטין און אין די אויסגעלאַסענע אַריסטאָקראַטן דערזעט מאָליער אַחוץ שונאים פון פאָלק, אויך פיינט פון זיין אייגענעם משפּחה-גליק. נאָר דער שוץ פון קיניג איז אים מציל פון רדיפות מצד זיינע שונאים. יעדע נייע פּיעסע מאָליערס רופט אַרויס אַ ריי מסירות און רכילות. דער אַדל מיט דער גייסטלעכשאַפט פאַראייניקן זיך אין אַן ענגן בונד קעגן דעמדאָזיקן ברעכער פון די יסודות און פיינט פון דער קירך. ס'קלעקט זיך צו דערמאָנען וועגן יענעם שרעקלעכן קאַמף, וואָס מאָליערן איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן נאָך צוליב טאַרטיוף, כדי מיר זאָלן שוין פאַרשטיין, ווי טייער דער אומגליקלעכער פּאָעט האָט געצאָלט פאַר די בעסטע ווערק זיינע. בשעת טאַרטיוף איז ערשינען, האָט אַפילו דער קיניג זעלבסט ניט געקאָנט איינשטיין קעגן דעם געמיינזאַמען אָנגריף פון די הויפלייט, און האָט די פּיעסע פאַרבאָטן צו שפּילן. מאָליער האָט צום קיניג דערלאַנגט אַ בקשה, און אים איז געלונגען צו קריגן אַן ערלויבעניש, אָבער דער פּרעזידענט דע-לאַמואַניאָן פאַרבאָט ווידער די פּיעסע נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג. מאָליערן געלינגט מיט שוועריקייט צו דערלאַנגען אַ נייע בקשה צום קיניג. צוויי אַקטיאָרן גיבן זי איבער דעם קיניג אין פלאַנדריע. באַווייזט זיך אַ מעלדונג פון אַרכיעפּיסקאָפּ, וועלכע לייגט אַרויף אַ חרם אויף די, וואָס וועלן שטעלן, זען און לייענען די פּיעסע.

דער אויטאָר שטעלט זי אין פּריוואַטע הייזער בײַ זײַנע הויכגעבאָרענע באַ־שיצער, און ערשט אין 1669, נאָך אַ שווערן פּינפּיאָריקן קאַמף, געלינגט אים לסוף צו באַקומען דאָס רעכט פרײַ צו שטעלן די פּיעסע.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט מאָליער זײַער פרי אָנגעהויבן שרײַבן. זײַנע ערשטע קאָמעדיעס האָבן זיך באַוויזן אויף דער סצענע אין דער פּראָווינץ, ווען ער האָט נאָך געוואַנדערט מיט דער טרופּע. צו דעם פריערן פּעריאָד פון מאָליערס ליטעראַרישער טעטיקייט געהערן די נאָכגעמאַכטע פּיעסן, פאַרסן און קאָמעדיעס, אין וועלכע ער האָט זיך אַפּנים ערשט געגרייט צו דער ראָלע פון אַן ערנסטן געזעלשאַפטלעכן סאַטיריקער. צווישן די ווערק פון דעמדאָזיקן פּע־ריאָד ווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט די אייגאַקטיקע קאָמעדיע די ל ע־כ ע ר ל ע כ ע ח נ ד ל ע ר י נ ס (Précieuses ridicules), אין וועלכער עס ווערן אויס־געלאַכט די מנהגים און דאָס גרויסוועלטיקע ניט נאַטירלעכע און געגרינדעטע אויף פאַלשקייט סאַלאָן־לעבן.

„די חתונה מוז שטענדיק קומען נאָך אַ גאַנצער רײַ אַוואַנטורעס. מ'דאַרף, אַז דער פאַרליבטער זאָל קענען געפעלן זײַן, זאָל קענען אַרויסווײַזן זײַנע דערהויבענע געפילן, זײַן צאַרטקייט, דעליקאַטקייט, לײַדנשאַפט, און אַז זײַן שדכענען זיך זאָל געפירט ווערן „לויט די אָנגענומענע פאָרמען". ער מוז באַגע־גענען די פּערזאָן, אין וועלכער ער פאַרליבט זיך, אין קירך, אויפן שפּאַציר, אָדער ערגעץ אויף אַ געזעלשאַפטלעכער פײַערונג, אָדער ער קאָן אפשר גאָר אַרײַנגעפירט זײַן אין שטוב צו איר צופעליק דורך אַ הויזפרײַנד אָדער אַ קרוב, דערבײַ דאַרף ער פון איר אַוועק פול מיט טרוימען און מעלאַנכאָליע. אַ ביסל צײַט באַהאַלט ער זײַן לײַדנשאַפט פון דער געליבטער פּערזאָן, אָבער ער באַזוכט איר הויז, און בשעתן וויזיט פאַרפירט ער שטענדיק אַ שמועס וועגן עפּעס אַ פראַגע, וואָס האָט אַ שייכות צו ליבע און שדכענען זיך, און וואָס די אָנוועזנדע זאָלן דערבײַ קאָנען שאַרפן די מוחות. אָבער אָנהייבן אַזוי פשוט גלײַך פון געזעצלעכער חתונה, איבערגעבן זיך דער ליבע ערשט נאָכן שליסן דעם קאָנטראַקט—דאָס הייסט אָנהייבן דעם ראָמאַן פון סוף".

ווען פון דער גאַנצער ליטעראַטור פון XVII י. ה. וואָלט צו אונז דערגאַנגען נאָר אָט דער איינציקער מאָנאָלאָג מאַדעלאָנס, דער העלדינס פון דער קאָמעדיע ל ע כ ע ר ל ע כ ע ח נ ד ל ע ר י נ ס, וואָלטן מיר שוין לויט דעמדאָזיקן דאָקומענט געקענט פעסטשטעלן די כאַראַקטעריסטישערע שטריכן פון דער עפּאָכע. דידאָזיקע קאָמעדיע רעכנט מען פאַר דאָס בעסטע פון דעם ערשטן פּעריאָד אין מאָליערס שאַפן. מאַדעלאָן און קאַטאָס זײַנען צוויי פּרײַלינס, וואָס האַלטן זיך אָנגעצויגן, שטויסן אָפּ צוויי אָנשטענדיקע יונגע־לײַט, וועלכע זײַנען צו זיי געקומען מיט ערלעכע כוונות, נאָר די מיידלעך זײַנען באַשטראָפט געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי נעמען אָן פאַר גראַפן און וויקאָנטן די לאַקייען, וועלכע די יונגעלײַט האָבן איבערגעטאָן אין אַריסטאָקראַטישע קליידער. דערדאָזיקער שפּילעוודיקער סוזשעט האָט מאָליערן געגעבן די מעגלעכקייט אויסצומאָלן די אָפּשטאַמונג און די פּסיכאָלאָגיע פון דער אָנגעצויגנקייט, דערבײַ ניט נאָר פון XVII י. ה., נאָר

אויך פון די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן, ווען צו די פּראָווינציאַלישע לאַקייען האָט זיך געחנפעט די געזעלשאַפט פון גאַנץ אייראָפּע.

מאַדעלאָנס מאַנאָלאָג—דאָס איז אַן אויסגעצייכנטע באַשרייבונג פון דער וועלטאָנשויאונג פון XVII י. ה. ערשט אין אָנהייב פון דעמדאָזיקן יאָרהונדערט האָט זיך באַוויזן דער באַרימטער ראָמאַן פון סערוואַנטעס, וועלכער האָט גע־טויט די ריטערישע ליטעראַטור פון אַוואַנטורעס. אָבער אויב אין שפּאַניע איז נאָך דאַן קיכאָט מער ניט אַרויס קיין ריטערישער ראָמאַן, האָט אין פראַנק־רייך דערדאָזיקער מין ליטעראַטור נאָך ווייטער עקזיסטירט, קאָלעטשעט דעם געשמאַק און די פאַנטאַזיע. די ליטעראַטור קאָן נאָר דעמאָלט עקזיסטירן, ווען זי שעפּט מאַטעריאַל פון לעבן, וואָס גיט איר נייע סוזשעטן. אָבער אויב זי האַלט זיך פאַרעקשנט פאַר אַלטע סוזשעטן, וואָס שטימען ניט מיטן לעבן, ווערט זי איינאַרטיק. מאַדעלאָנס ערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי עס דאַרף אַנטשטיין די ליבע, דינט אַלס אויסגעצייכנטער סטערעאָטיפּ, וואָס לויט אים פלעגן צוגע־שניטן ווערן די ריטערישע ראָמאַנען. אַז מאָליער האָט פאַרשטאַנען דעם צו־זאַמענהאַנג, וואָס עקזיסטירט צווישן דער געקינצלטער פאָרשטעלונג וועגן לעבן מיט דערדאָזיקער ליטעראַטור, זעט מען פון די לעצטע ווערטער, וואָס עס זאָגט דער אַלטער גאָרזשיביוס, ווען ער דערוויסט זיך, אַז קאַטאָס און מאַדעלאָן זיינען געוואָרן מיסטיפיצירט: „און איר, די סיבות פון זייער משוגעת, די נאַרישע ביכלעך, די שעדלעכע שפּילן פון פוסטע מוחות, די ראָמאַנען, די לידער, די סאָנעטן און קופּלעטן—גייט צו אַלדי העלן!"

דאָס זיינען די טעמעס, וואָס זיינען באַרירט אין מאָליערס ערשטן גרויסן ווערק. אין זיי זיינען אַרויסגעשטעלט דערהויפּט צוויי פראַגן: חתונה און ערציאונג פון מיידלעך. פאַרנומען די היסטאָרישע אַוואַנסצענע, האָט די בורזשואַזיע אין ווייטערדיקן יאָרהונדערט באַשאַפן אַ גאַנצע ליטעראַטור, וועלכע שטעלט אַרויס דידאַקטיקע נייע אידעאַלן. אין די ראָמאַנען פון ריטשאַרדסאָן און רוסאָ, אין די דראַמען פון דידראָ און מערסיע וועלן די משפחה־פראַגן טראַקטירט ווערן, ווי גרונטפראַגן פון דער צייט, וואָס פון זייער לייזונג הענגט אָפּ אויך די ריכטיקע לייזונג פון די סאָציאַלע און מלוכה־אויפגאַבן.

די פראַגע וועגן חתונה איז געבליבן די הויפּט־טעמע, וועלכע מאָליער באַאַרבעט דעם גאַנצן ערשטן פעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. אין אַנדערע צוויי קאָמעדיעס פון דעם פעריאָד—די שול פון מאַנען און די שול פון פרויען, טרעט ער אַרויס אַלס אַפּאָלאָגעט פון פרייען נאַטירלעכן געפיל און קריטיקירט אָן רחמנות די מאַנסביל, וואָס קוקן אויף דער פרוי, ווי אויף זייער אייגנטום, און דערנידעריקן זי מיט זייער אומצוטרוי און אייפערזוכט. די טעמע איז איןביידע דיזועלבע. מיר האָבן פאַר זיך צוויי טיפּן מאַנסביל. צו דעם ערשטן געהערן סגאַנאַרעל אין דער שול פון מאַנען און אַרנאָלף אין דער שול פון פרויען. זיי געטרויען דער פרוי אין קיין זאַך ניט. אַר־נאָלף איז זיכער, „אַז ער האָט אויסגעשטודירט אַלע קונצן פון די ווייבערישע ליגנס". ער פרייט זיך אַפילו מיט דער נאַרישקייט פון זיין כלה—וואָס זי איז „אַ שעפעלע לויט איר שכל", מחמת מיט אַ נאַריש ווייב קאָן מען זיין רואיק;

אַ נאַריש ווייב וועט ניט קענען נאַרן. ער איז שטאָלץ מיט זיין רייכקייט, און איז זיכער, אַז ווען ער נעמט אַ מיידל אָן אַ גראָשן ביי דער זעל, האָט ער דאָס רעכט צו פאָדערן, אַז זי זאָל אים דאָס גאַנצע לעבן דאַנקען און קוקן אין די אויגן. ער האָט זיין כלה גענומען נאָך אַ מינדעריעריק מיידל און מיט דער ערלויבעניש פון איר מוטער, וועלכע איז צופרידן געווען פטור צו ווערן פון אַן איבעריק מויל. ווען זי איז אויסגעוואַקסן, האָט ער זי פאַר־שפּאַרט אין דער אָפּיצינע און צוגעשטעלט משרתים, מען זאָל אויף איר אַכ־טונג געבן. אַזעלכער איז אויך סגאַנאַרעלס קוק. ער האַלט אויך זיין כלה פאַרשפּאַרט. „זי דאַרף, — זאָגט ער, — זיין שטענדיק אָנגעטאָן איינפאַך און ביליק, גוטע קליידער אָנטאָן נאָר אום יום־טוב, זיין אין דער היים און אַלע מאָל פאַרנעמען זיך מיט דערווירטשאַפט, אין דער צייט פון רו פאַר־ריכטן מיינע וועש און צירעווען מיינע זאָקן... צו קיין אַנדערע ניט שמייכלען און אַן מיר פון שטוב ניט אַרויס".

מיט דעם מויל פון אַנדערע העלדן זאָגט מאָליער זיין שטאַנדפּונקט אַרויס אויף דער באַציאונג צו דער פרוי. אַזעלכע העלדן זיינען אין דער שול פון מאַנען אַריסט און אין דער שול פון פרויען—קריזאַלד. אַריסט האַלט, אַז עס איז געזעצלעך, וואָס פרויען האָבן ליב די פרייהייט. ער האַלט, אַז שלעסער און אייפערזוכט ברענגען צו גאָרנישט. „בעסער לאָמיך זי זעען מיט אַן אַנדערן, איידער זי זאָל מיט מיר חתונה האָבן אויס נויט. איך בין ניט מסכים מיט אייער פּירונג, — זאָגט אַריסט, — איך בין אַ געטרייער פריינד פון דער נאַטור און איך ליב, אַז קינדער זאָלן ביי פאָטערס באַקומען דאָס, וואָס זייער עלטער פאָדערט". אויב עס וואָלט געקאָנט בלייבן עפּעס אַ ספק, אויף וועמעס זייט בלייבט דעם אויטאָרס סימפּאַטיע, וואָלט די פונאַנ־דערקניפּונג פון דיביידע קאָמעדיעס געווען דער בעסטער באַווייז, אַז זיינע געדאַנקען און אידעאַלן זיינען אויסגעדריקט אין אַריסטעס ווערטער. סיי סגאַנאַרעל, סיי אַרנאָלף, וועלכע האָבן אַנטוויקלט פאַרעלטערטע טעאָריעס, זיינען געבליבן אָפּגענאַרט דורך זייערע כלות, און אַריסט און קריזאַלד לאַכן פון זיי.

דאָס זיינען מאָליערס אָנשויאונגען אין דעם ערשטן פּעריאָד. ניט קוקנ־דיק דערויף, וואָס זיין טאַלאַנט האָט זיך נאָך ניט פונאַנדערגעוויקלט אין דער גאַנצער ברייט, קאָן מען שוין לויט דידאַקטיקע ערשטע ווערק זען, צו וואָסער זייט זיינען געווענדט זיינע סימפּאַטיעס און אָנשויאונגען. ער איז אַ שונא פון צבועטשעסטווע און געקינצלטקייט. ער שטייט פאַר נאַטירלעכע משפחה־באַ־ציאונגען, פאַר נאַטירלעכער חתונה און געזונטער ערציאונג. ער איז קעגן ניט גלייכע חתונות פון אַלערליי מינים. עס קאָן ניט זיין קיין נאָרמאַלע און געזונטע משפחה, אויב עס האָבן חתונה מענטשן פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שטאַנדן. לסוף — און דאָס איז דער עיקר — אַ חתונה איז ניט נאָרמאַל, אויב זי קומט פאָר אָן ליבע. מאָליער איז נאָך צו דער פראַגע ניט צוגעגאַנ־גען פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט. אין דער פאַרפולקומונג פון די פּריוואַטע באַצי־אונגען, אין דער מאָראַלישער אויסבעסערונג פון דער פּערזאָן זעט ער אַ מיטל

פון קאַמף קעגן בייז. אין זיינע ערשטע קאָמעדיעס ווערט אַלץ געלייזט פּשוט און לייכט. ביי די העלדן איז ניטאָ קיין טיפע געפילן און קיין שטאַרקע ליידנשאַפטן. גיך טרייסטן זיי זיך אין זייערע אומגליקן און זייענען אַליין כמעט די ערשטע גרייט צו לאַכן פון זיי. פיין און לייד פעלן אין דידאַזיקע קאָמעדיעס, אין זיי הערט זיך דער הייטערער געזונטער געלעכטער פון אַ פּאָעט מיט אַ נשמה, וואָס איז נאָך ניט אויפגעטרייסלט געוואָרן מיט קיין נסיון. איבער דידאָזיקע קאָמעדיעס רוט אַ ווייכער פריילעכער קאָלאָריט.

עס וועלן אַריבער עטלעכע יאָר, און דער פריילעכער געלעכטער וועט זיך אַלץ אָפטער איבעררייסן מיט אומעטיקע נאָטן. דער פּאָעט וועט זיך טיפער אַריינקוקן אין די סיבות פון שלעכטס און וועט אָפּעפענען די גאַנצע טיפקייט פונם תהום, אין וועלכער די הויפּגעזעלשאַפט האָט מיט זיך געשלעפּט פראַנקרייך.

די ערשטע קאָמעדיעס מאָליערס האָבן שוין אַרויסגערופן צאָרן מצד דער העכערער געזעלשאַפט און דער גייסטלעכשאַפט. אָבער מאָליער איז אין דידאָזיקע ווערק ניט געווען קיין שונא פון די גרופּן, וועלכע זייענען קעגן אים אַרויסגעטראָטן. ווען ער האָט וואָרהאַפטיק און בולט געמאָלט די חסרונות פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט, האָט ער ניט געהאַט בדעה צו ערקלערן קריג עפּעס אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן קלאַס. ער איז געווען פּשוט אַ שטייגער-באַשרייבער פון פּראַנצויזישן לעבן, און ס׳איז ניט זיין שולד, אויב די פּאָרטרעטן זייענען אַרויס אַזעלכע וואָרהאַפטיקע, אַז די אָריגינאַלן האָבן זיך אין זיי דערקענט. ווען אַרנאָלף לערנט אַגנעסן, איז זיין רעדע אַזוי איבער-ראַשנד ענלעך אויף די פרומע דרשות פון צבועטשישע און אויסגעלאַסענע גלחים, אַז אויף מאָליערן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן באַשולדיקונגען אין אפּיקורסות און גאָטלעסטערונג.

ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ שטורעם פון צאָרן עס האָט זיך אויפגעהויבן קעגן דעם גרויסן פּאָעט, ווען אַרנאָלף, וועלכער דערמאָנט נאָר ערטערווייז די פאַלשע פאָרשטייער פון דער גייסטלעכשאַפט, איז אויסגע-וואַקסן אין דעם אומשטערבלעכן טיפ פון אַ פרומאַק אַ צבועק, וועלכנס נשמה דער פּאָעט האָט באַלויכטן מיט העלער ליכטיקייט, אַריינדרינגענדיק אין דער סאַמע טיפעניש אירע און אַרויסשעפּנדיק פון איר די גאַנצע בלאָטע, וואָס האָט זיך אין איר אָנגעזאַמלט פאַר הונדערטער יאָרן. טאַרטיוף איז ניט נאָר די גרעסטע קאָמעדיע מאָליערס, נאָר אַפילו איינע פון די שענסטע שאַפונגען אין דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. אין דער פּערזאָן פון איר הויפּט-העלד איז פאַרקערפּערט די גאַנצע קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָגיע פון אַ צבועק און די דינגע נעץ פון די יעזואיטישע אינטריגעס.

מיר האָבן פאַר זיך די משפחה פון דעם ניט איבערגעשפּיצטן אָבער גוטן אָרגאָן, וואָס האָט צו זיך אַריינגענומען איינעם אַ טאַרטיוף. דערדאָזיקער מענטש מיט זיין פרומקייט און ערנסטער באַציאונג צום לעבן האָט באַצויבערט דעם הויז-ווירט און זיין מוטער פרוי פּערנעל. נאָר די איבעריקע מיטגלידער פון דער משפחה, אָרגאָנס שוואָגער קלעאַנט און אָרגאָנס זון דאַמיס, האָבן גיך

פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז פאַרבאָרגן הינטער טאַרטיופס אויסערלעכער פרומקייט. אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע זייערע מיטלען, בלייבט דאָך אָרגאָן ביים זייניקן און ער איז גיכער גרייט צו פאַרטרייבן די גאַנצע משפחה, איידער דעם שאַרלאַטאַן, וואָס האָט אים באַצויבערט. אָרגאָן באַשליסט חתונה צו מאַכן מיט טאַרטיופן זיין טאָכטער, און צוליב דעם זאָגט ער אָפּ איר פריערדיקן חתן. דערווייל הייבט זיך אָן אַלץ קלערער אויסצומאָלן דעם צבועקס פערזענלעכקייט. ער הייבט זיך אָן צו שדכענען צו דעם געטרויענדיקן אָרגאָנס ווייב און ערקלערט זיך איר אין ליבע. ער דערגרייכט דערצו, אַז אָרגאָן גיט איבער אויף זיין נאָמען זיין גאַנץ פאַרמעגן. לסוף, כדי צו ראַטעוון די טאָכטער, פועלט אָרגאָנס ווייב, עלמירע, ביי דעם מאַן, ער זאָל זיך באַהאַלטן אונטערן טיש, פונוואַנען ער וועט קענען אַלץ אַליין זען, און זי אָרדנט איין אַ באַגעגעניש מיט טאַרטיופן. דאַן איבערצייגט זיך אָרגאָן אַליין, ווי טאַרטיוף ערקלערט זיך זיין ווייב אין ליבע. טאַרטיוף וויל עלמירען ארומהאַלזן, אָבער דער דערצאָרנטער אָרגאָן קריכט אַרויס פון אונטערן טיש און פאַרטרייבט טאַרטיופן פון שטוב. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום קומט טאַרטיוף צוריק מיטן ריכטער אָפּצונעמען ביי אָרגאָנען דעם פאַרמעגן און די שטוב, וואָס איז אָפּגעשריבן אויף זיין, טאַרטיופס, נאָמען. אין דער לעצטער רגע קומט פלוצלונג אַ פּאָליציאַנט און ערקלערט, אַז דער קיניג האָט געהייסן טאַרטיופן ארעסטירן. דידאַקטיקע אומדערוואַרטע פונאַנדערקניפּונג האָט אַרויסגערופן גערעכטע פּראָוואָקאַציעס מצד דער קריטיק, מחמת זי איז ניט קיין דירעקטער פועל־יוצא פון דעם אַקציעגאַנג, נאָר אַ געקינצלטע. געטע געפינט, אַז זי איז אַ נויטווענדיקע. פינף אַקטן פון אַלערליי נידעריקע מעשים, וואָס בלייבן אומבאַשטראָפט, וואָלטן געקאָנט ברענגען דעם דערצאָרנטן צושויער דערצו, ער זאָל אַנטלויפן פון טעאַטער, פונדעסטוועגן וואָלט מאָליער געקאָנט געבן דעם צושויער אַ מאָראַלישע באַפרידיקונג, געפינענדיק פאַר טאַרטיופן אַ נאַטירלעכע שטראָף ס'איז קיין ספק ניט, אַז אין דערדאָזיקער פונאַנדערקניפּונג האָט זיך אָפּגעשפיגלט דער יראת־הכבוד פאַר לודוויק דעם XIV, און אַפילו אַזאַ גרויסער קינסטלער, ווי מאָליער, האָט זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון דעם פאַרלאַנג, אַן איבעריקן מאָל אונטערצושטרייכן זיין יושר, הגם צום שאָדן פון דעם קינסטלערישן אמת.

אין מאָליערס קאָמעדיע איז אַרויסגעפירט אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע טיפּן פון זיין צייט. די געניטע אויספאָרשונגען האָבן דערוויזן, אַז אין דער דעמאָלדיקער געזעלשאַפט האָבן זיך געפונען אַ היבש ביסל אָריגינאַלן, וואָס פון זיי האָט טאַרטיוף געקאָנט זיין, אָדער ער 'איז ווירקלעך געווען אַ קאָפּיע. מען האָט אָנגערופן דעם איינמאָל שוין דאָ דערמאָנטן לאַמואַניאָן, מען האָט אָנגערופן אויך איינעם אַן אַפּעריסט שאַרפי, אַ גלח ראַקעט, אַ הויפמאַן און אַ פּריידיקער, וואָס איז געווען אין דער מאָדע; מ'האָט אָנגעוויזן אויך אַ ריי ליטעראַרישע פּראָטאָטיפּן פון טאַרטיוף. פאַר דעם היסטאָריקער פון דער ליטעראַטור איז ניט וויכטיק די פראַגע וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שטריך האָט מאָליער גענומען ביי דעם אָדער ביי יענעם פון די חברים פון זיין צייט. פאַר אונז איז וויכ

טיקער די שפע פון מענטשן, אין וועלכע מען זעט טאַרטיופס פּראָטאָטיפּ, אַלס אַ באַווייז, אַז טאַרטיוף איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ געזעלשאַפטלעכער ערשיינונג, אַ טיף אײַנגעוואָרצלטער. וואָס פאַר שטריכן מאָליער זאָל ניט האָבן גענומען ביי די מענטשן פון זיין צייט און ביי די פריערדיקע פּאָעטן, למשל ביי ראַבלע און באָקאַטשיאָ, איז דאָך קיין ספק ניט, אַז ער האָט באַשאַפן אַזאַ טיפּ, ביי וועלכן עס זיינען פאַרבליבן אַלע סימנים פון אָרט און צייט, און וועלכער איז אַלס גאַנצער זיינע אַן אָריגינעלע שאַפונג. דער ערשטער שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט טאַרטיופן — דאָס איז זיין קאָמפּליצירטע טאַקטיק, ווען ער וויל באַצויבערן די מענטשן, וואָס זיינען אים נייטיק. חנופה, אינטריגע, די פעאיקייט שנעל צו באַמערקן די שוואַכע זייטן פון דעם מענטשנס נשמה — דאָס זיינען די מיטלען, וואָס מיט זיי באַנוצט זיך טאַרטיוף. אַרומגעקוקט זיך אין אָרגאָנס הויז, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז די משפחה איז צעבראָכן אויף צוויי טיילן: פאַר אים איז דער באַלעבאָס און זיין אַלטע מאַמע, קעגן אים — די יונגוואַרג מיט עלמירען און קלעאַנטן בראש. ווי אַ געשיקטער אינטריגאַן, ווענדט ער זיך קודם כל נאָך הילף צו דער אַלטער. דורך דעם דערגרייכט ער אַן אָפּקילונג אין די באַציאונגען צווישן מאַן און ווייב. רייצט אָן אָרגאָנען קעגן קלעאַנטן, און זוכט אַ צופאַל צו דערווייטערן פון הויז דעם ערגסטן שונא זיינעם, דעם יונגן דאַמיס. ער הערט ניט אויף צו ריידן וועגן גאָט און קירך, רק ער רעדט וועגן אָרימע. אָט אַזוי גנבענען זיך אַזעלכע מענטשן אַריין אין די הערצער פון געטרוילעכע און גוטמוטיקע אָרגאָנס. דער צווייטער שטריך — דאָס איז זיין געשיקטקייט אין פּילפּול. ניטאָ קיין פאַלשקייט, קיין רמאות, וואָס טאַרטיוף זאָל ניט קאָנען פאַרענטפערן מיט געהויבענע צילן. ער האָט אויסגענאַרט אָרגאָנס פאַרמעגן און דאַמיסן אַרויסגעטריבן פון שטוב לטובת דער קירך. ער נעמט צו די מתנה נאָר מחמת מורא, טאָמער וועט דאָס פאַרמעגן אַריינפאַלן אין שלעכטע הענט און אויסגעניצט ווערן ניט ווי מען באַדאַרף. אַפילו ווען ער וויל אָרגאָנען אַרויסטרייבן פון זיין אייגענער הויז, זאָגט ער, אַז ער איז אַ מקנא קנאת ה׳צבאות. דערדאָזיקער שטריך האָט זיך אַזוי אײַנגעוואָרצלט אין טאַרטיופס נשמה, אַז ווען ער רופט גאָטס נאָמען, דאַכט זיך אַמאָל, אַז ער איז אויפריכטיק, אָדער לפּחות ער נאַרט זיך אַליין. דער דריטער שטריך טאַרטיופס — דאָס זיינען די אָפּשטויסנדיקע אייגנשאַפטן פון זיין נשמה אין די מאָמענטן, ווען ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די מאַסקע, און ווערט אַזעלכער, ווי ער איז באמת. ער איז להוט נאָך געלט, אַ פרעסער, אַ מאַכטגייציקער, און דער עיקר אַ בעל־תאווה — דאָס, וואָס איז לחלוטין דער היפּוך פון זיינע רייד. אין זיינע ערקלערונגען מיט עלמירען ווייזט טאַרטיוף אַרויס אומגעוויינלעכן ציניזם. ער לייגט איר די הענט אויף די קני, און אַפילו ווען עלמירע רוקט זיך אָפּ, הערט ער ניט אויף צו איר צוצושטיין און רירט זיך אָן צו איר שפּיצן־טיכל אויף דער ברוסט. דעם צושויער מוז זיך דאַכטן, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן מוז זיך אויסדריקן דאָס שדכענען זיך פון דעם ענוודיקן, כלומרשט בזירישן צבועק, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אויף געהיימער אויסגעלאַסנקייט. טאַרטיוף געפינט קיין בעסערע פאַרענטפערונג ניט

אויף זיינע מעשים, ווי דאָס, וואָס פיל אמתע צדיקים ווייזן אַרויס די שוואַכ־
קייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. אָבער די אַלע שטריכן וואָלטן אונז נאָך
ניט קלאָר געמאַכט די גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון דעם טיפּ, ווען
ער וואָלט ניט געהאַט נאָך איינעם זייער אַ וויכטיקן שטריך: דאָס איז זיין קענען
ווייט און ברייט שפּרייטן זיינע נעצן. ער האָט פאַרבינדונגען אין די הויפּישע
און אַדמיניסטראַטיווע ספערן. ווען ער דאַרף, געפינט ער שנעל דעם הויפּ־
באַאַמטן, און קאָן לייכט אָנגרייכן צום קיניג. ער קאָן קונציק פאַרוואַנדלען
זיין פּערזענלעכן ענין אין אַן אַלגעמיינע מלוכה־פראַגע. ער שטעלט זיך ניט
אָפּ פאַר קיין מסירה, פאַרכאַפּט אַ שאַכטל מיט פּאַפּירן, וועלכע קאָמפּראָמע־
טירן אָרגאַנען, און באַקומט אַזוי אַרוים אַ באַווייז פון אָרגאַנס פּאָליטישער
ניט־כשרקייט. און ווען עס קומט דער מאָמענט אויסצוניצן דאָסדאָזיקע אין
יענער צייט שרעקלעכע געווער, ווערט טאַרטיוף פּלוצלונג פאַרוואַנדלט אין
אַ פּרייוויליקן זשאַנדאַרם און אַ געטרייען לאָקיי פון קיניג. ער מעלדעט פּלוצ־
לונג, אַז אָפּהיטן דעם קיניגס אינטערעסן — דאָס איז זיין ערשטער חוב, אַז
דערדאָזיקער חוב שטייט העכער פאַר אַלע אַנדערע געפילן, און אַז ער איז
גרייט צוליב אים ברענגען פאַר אַ קרבן זיין פריינט און דאָס ווייב און די
עלטערן און זיך אַליין. טאַרטיוף ווייס, וואָס פאַר אַ שטאַרקע באַשולדיקונג
עס איז איצט די באַשולדיקונג אין אומאַכטונג צו דעם קיניג, און דער פרי־
ערדיקער פאַרטיידיקער פון דער קירך ווערט אַן אייפעריקער מסור.

אָט דאָס זיינען די שטריכן, וועלכע גיבן דעמדאָזיקן העלד אַ וויכטיקע
קולטורעלע און אַלמענטשלעכע באַדייטונג. מאָליער האָט אין זיין פּערזאָן
פאַראייניקט די אייגנשאַפטן פון אַ צבועק, וועלכע בלייבן אין אַזעלכן אומ־
געענדערט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער ליטעראַרישער געשיכטע פון דעמ־
דאָזיקן טיפּ, מיט די אייגנשאַפטן, וועלכער גיבן צו אַן אייגנטימלעכע באַזונ־
דערע שאַטירונג דעם פּרומאַק פון XVII יאָרהונדערט. „עס איז נייטיק געווען, —
זאָגט פּראָפּ. ווּעסעלאָווסקי, — צו באַווייזן אים אין דער פולער באַוואָפּענונג
פון טעאָלאָגישן פּילפּול פון זיין צייט, לאָזן דעם צושויער אַריינבליקן אין יענע
כיטרע אויסגעפּלאָכטענע פּשטלעך, מיט וועלכער ער באַרעכטיקט זיינע מעשים
און וועלכע ער סטאַרעט זיך איינשמועסן עלמירען. טאַרטיוף מוז אַחוץ זיינע
אַלגעמיין מענטשלעכע זייטן טראָגן באַשטימטע סימנים פון אַ קריגערישן פּראַנ־
צויזישן קלעריקאַל פון XVII י. ה., באַזיצן די רייכע שפע פון די צווייד־
טיקע דאָקטרינעס, וואָס האָבן אין אַ בריטן מאַסשטאַב איינגעשטעלט יענע
„עסקים מיטן הימל", וועגן וועלכע ער רעדט אַזוי קונציק. אויסער דער
מאַכטגייץ, וואָס די קלעריקאַלן האָבן געווינלעך אין אַלע צייטן, מוז ער נאָך
זיין דער פאָרשטייער פון אוממאָראַלישקייט, וועלכע רייסט זיך אַריין אין דער
רעליגיעזער לערע און אין דעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, וועלכער איז גע־
הייליקט דורך דעם אויטאָריטעט פון דער רוימישער קירך און וועלכער דראָט
דעם פאָלקסבאַוואוסטזיין מיט גרויסע סכנות. אַנדערש גערעדט, טאַרטיוף מוז
זיך שטעלן העכער פאַר דער אויבערפלאַך פון אַ געשיקטן אוואַנטורעס־זוכער.
ער איז אַ טעאָלאָג, אַ קאַזואיסט, אַ יעזואיט. ער קאָן אָנמעסטן די דאָקטרינעס

פון דער צייט צום לעבן. ער איז אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון יענער מכּה, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין דער סאַמע טיפעניש פון פאָלקסלעבן, און קעגן וועלכער עס איז פול מיט צאָרן אַלץ, וואָס איז נאָך פאַרבליבן ערלעכס, אומאָפּהענגיקס און געזונטס.

די גייסטלעכשאַפט האָט ניט אומזיסט איינגעזען אין מאָליערן אירן אַ געפערלעכן שונא. מאָליער איז בלי־ספק ניט נאָר געווען דער אויפדעקער פון די חסרונות פון דער גייסטלעכשאַפט, — ער איז בכלל געווען ניט קיין רעליגיעזער מענטש. אַלס טרעגער פון דער יראת־שמים־אידעע, אַלס הייסע קריסטן פירט ער אַרויס אָרגאָנען און טאַרטיופן, וואָס איינער איז אַ שוטה, דער אַנדערער איז אַ צבועק. מאָליער איז אין דער הינזיכט דער פאָרגייער פון וואָלטערן.

אויב טאַרטיוף איז געווען אַן אַרויסטריט קעגן דעם פראַנצויזישן קלעריקאַליזם, האָט מאָליער דעם צווייטן שונא זיינעם, דער הויפאַריסטאָקראַטיע, דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיט אַן אַנדער באַרימטער קאָמעדיע, מיט ד אָ ן ז ש ו אַ ן, אין איר האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט די מאַרקיזן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט דער גייסטלעכשאַפט אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטן, מען זאָל פאַרבאָטן ט אַ ר ט י ו ף; וואָס האָבן פאַרפאָלגט זיין ווייב מיט זייער שדכענען זיך, וואָס האָבן פאַרבראַכט אַ לעבן אין ליידיקגיין, אויסגעלאַסנקייט און ליגנס. דאָן זשואַן געהערט צו יענע אומשטערבלעכע טיפן, וואָס שריפטשטעלער פון פאַרשיידענע צייטן און פעלקער האָבן זיך מיט באַזונדער ליבשאַפט צו זיי כּסדר אומגעקערט. די לעגענדע וועגן אים איז געבוירן אין שפּאַניע. זי דערציילט וועגן אַן אויסגעלאַסענעם לעב־יונג דאָן כואַן דע טענאָריאָ, וועלכער האָט קיין מורא ניט געהאַט ניט פאַר גאָט, ניט פאַר לייטן, האָט אַוועקגערויבט טעכטער ביי פרידלעכע משפחות, און געטויט דעם זקן קאָמאַנדאָר, וועלכער האָט ביי אים געוואָלט צוריק אָפּנעמען זיין טאָכטער. דאָן כואַן, אַ מענטש פון יחוס, איז געבליבן אומבאַשטראָפט, און די מאָנאַכן, דערצאָרנטע פון זיין אומגלויביקייט, האָבן אים איינמאָל פאַרנאַרט צו זיך און פאַררעטעריש געטויט. כּדי צו פאַרבאָרגן זייער פאַרברעכן, האָבן זיי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער האָט כלומרשט באַליידיקט די הייליקע סטאַטוע, וועלכע מען האָט געשטעלט לכבוד דעם דורך אים געטויטן קאָמאַנדאָר, און אַז דאָס בילד פון מירמלשטיין האָט דערביי אויפגעלעבט און אַראָפּגעשלעפּט דעם זינדיקן אין מויל פון דער אָפּגעעפנטער ערד. דידאָזיקע לעגענדע איז געגאַנגען פון מויל צו מויל און האָט געפונען איר ערשטע ליטעראַרישע באַאַרבעטונג אונטער דער פעדער פון דעם שפּאַנישן דראַמאַטורג טירסאָ דע מאָלינאָ. דער אומגליקלעכער העלד פון דער לעגענדע, וואָס מעלדעט אַ קאַמף סיי מענטשן, סיי דעם הימל גופא, ווערט דער געליבטער העלד פון די פּאָעטן. אין איטאַליע, פראַנקרייך ערשיינען אַ ריי איבעראַרבעטונגען פון טירסאָס פּיעסע. מאָליער האָט פון דעמדאָזיקן סוזשעט באַשאַפן אַן ערשטקלאַסיקע קאָמעדיע. מיט דעמדאָזיקן נאָמען האָט אויך בייראָן אָנגערופן זיין העלד, פאַרקערפּערנדיק אין אים זיין צאָרן קעגן יעדער אונטערדריקונג. פּושקין האָט צוריק געלאָזט אָפּלעבן דעמדאָזיקן העלד אין

זיין *שטיינערנעם גאַסט*, מילדערנדיק זיין זינדיקע נאַטור מיט מענטשלעכע שטריכן. ענדלעך, האָבן דעמדאָזיקן העלד אַרויסגעפירט דער דייטשער פּאָעט לענאַו און אַלעקסיי טאָלסטאָי. אין דער ליטעראַטור זיינען באַוווּסט העכער הונדערט פּרוּוון אָנצוקליידן אין אַ פּאָעטישער פאָרם דעם שפּאַנישן העלד.

דער העלד פון מאָליערס דראַמע איז אַ קרוב מיט טאַרטיופן. דאָן זשואַן האָט אָפּגענאַרט דאָנאַ עלווירע און נאָכדעם זי אַוועקגעוואָרפן. ער לאַכט פון איר, ווען זי קומט אים אויסריידן, און תּיכּף ווי זי גייט פון אים אַרויס, הייבט ער אָן אַ נייע ליבע-אַוואַנטור. דערוויסנדיק זיך, אַז אַ יונגע פּאָר, וואָס האָט זיך ליידנשאַפטלעך ליב, פאָרט אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבערן ים, צינדט זיך אָן אין דאָן זשואַנס איבערגעזעטיקטן האַרצן אַ צאַרטע ליבע, און ער באַשליסט בשעת דעמדאָזיקן שפּאַציר אַוועקצורויבן די כּלה ביים חתן. אַ פּלוצלונגער שטורעם האָט אומגעוואָרפן דאָן זשואַנס שיפל, צעשטערט זיין פּלאַן, און אונזער העלד איז קוים ניצול געוואָרן פון טויט. דאָס שטערט אים אָבער ניט תּיכּף, ווי ער איז נאָר אַרויס אויפן ברעג, צו פאַרפירן אַ נייע אינטריגע מיט צוויי פּויערים-מיידלעך שאַרלאָטע און מאַטורינע. בשעת איינער פון זיינע אַוואַנטורעס איז דאָן זשואַן מציל אַן אַדעליקן, אויף וועלכן עס זיינען אָנגעפאַלן רויבער, און וועלכער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָן קאַרלאָס, עלווירעס ברודער. דאָן קאַרלאָס זוכט דאָן זשואַנען, כּדי זיך אין אים נוקם צו זיין פאַר דער באַליידיקטער שוועסטער. דאָן זשואַן באַשליסט צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער האָט כּלומרשט חרטה. דורך דעם קערט ער זיך צוריק אום די פריינדשאַפט פון זיינע צאָלרייכע שונאים, פון זיין פאָטער און פון דאָן קאַרלאָס. די קאָמעדיע ענדיקט זיך פּונקט מיט אַזאַ סוף, ווי אין דער לעגענדע — דאָן זשואַן זינקט איין מיט דער סטאַטוע פון קאָמאַנדאָר, וועלכן ער האָט געטויט.

דאָס איז דער אינהאַלט פון דער קאָמעדיע, אין וועלכער מאָליער האָט מיט העלע פאַרבן אויסגעמאָלט די חסרונות פון דעם דעמאָלטיקן אַדעלשטאַנד. דער ערשטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעמדאָזיקן יחוס-שטאַנד — דאָס איז איר מאָראַלישע פאַרווילדקייט. דאָן זשואַן לאַכט פון חתונה, פון רעליגיע, פון געזעץ, ער גלויבט ניט אין גאָט, אין יענער וועלט, אין געזעץ — מיט איין וואָרט, אין קיין געטלעכע און מענטשלעכע אַנשטאַלט. קנאַפּ וואָס ער גלויבט ניט, נאָר עפּעס מיט אַ בייז-פרייד סטאַרעט ער זיך דערווייזן, אַז זיי האָבן קיין האַפּט ניט און זיינען מאַכטלאָזיק. ווען ער באַגעגנט אַ פרומען אָרימאַן, וואָס פאַרברענגט די צייט אין תּפילות און האָט קיינמאָל ניט אַרויסגערעדט קיין לעסטער-וואָרט, לייגט אים דאָן זשואַן פאָר אַ רענדל בתּנאי, ער זאָל פריער זיך גוט אויסזידלען. דאָס איזדיעקעווען זיך איבער די הייליקסטע גלויבונגען פון מענטשן איז דאָן זשואַנס סאַמע געליבטע שפּיל. אָבער באַשענקענדיק דאָן זשואַנען מיט אַלע שטריכן פון רשעות און פאַלשקייט, וואָס ער האָט אין זיך לויט דער לעגענדע, האָט מאָליער אים דערצו מוסיף געווען אויך די אייגנשאַפטן, מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די הויפאַדעליקע פון לודוויק דעם XIV צייט. דאָס איז געווען אַן אַדל, וועל=

בער האָט אונטערן אויסערלעכן גלאַנץ געקאָנט באַהאַלטן זיין מאָראַלישן און אָפּטמאָל אויך מאַטעריעלן דלות. דערדאָזיקער בלאַנקער גלאַנץ, דידאָזיקע דינע שאַרפזיניקייט און וועלטלעכע מאַנירן — דאָס איז דעד צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך דאָן זשואַנס. אין מאָליערס קאָמעדיע געפינט זיך אַן אויסגעצייכנטע סצענע, ווען דאָן זשואַן שיקט אַרויס איינעם פון זיינע קרעדיטאָרן. מיט זיין באַצויבערנדיקער העפלעכקייט נעמט ביי אים דאָן זשואַן אָפּ די מעגלעכקייט צו דערמאָנען וועגן חוב, און דער צעטומלטער מלוה איז ניט בכוח בייצושטיין קעגן דער גרויסוועלטלעכער העפלעכקייט פון דעם בעל־חוב. אין דאָן זשואַנען איז נאָך פאַרבליבן אַ דריטער שטריך פון דעם דעמאָלטיקן אַדל — דאָס איז די קאָסטנפאַראַכטונג צו דעם נידעריקן שטאַנד. מיט זיינס אַ גלייכן, אָן אַדעליקן, באַגייט ער זיך ווייט ניט אַזוי, ווי מיט אַ פויער. ווען ער שדכנט זיך צו די פויערטעס, דערלאַנגט ער אָן צערעמאָניעס פּעטש איין פויערטעס חתן, וועלכער באַשליסט זיך אַ וואָרט צו ריידן וועגן זיינע רעכט. אין דאָן זשואַנען איז, ענדלעך, פאַראַן אויך דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם דעמאָלטיקן אַדל — דהיינו, די נאָך ניט פאַרלאָרענע פאָרשטעלונג וועגן ריטערישער ערע, מוטיקייט און קריגערישע טראַדיציעס פונם פעאָדאַליזם. דאָן זשואַן וואַרפט זיך מיט אויפריכטיקן צאָרן העלפן דעם אַדעליקן, וועלכן מען איז זאַלבאַדריט באַפאַלן. דאָן קאַרלאָס, ניט וויסנדיק נאָך, ווער שטייט פאַר אים, הייבט אָן צו זידלען דאָן זשואַנען; אָבער דאָן זשואַן, וועלכער וויל נאָך דערווייל ניט אַנטדעקן זיין נאָמען, שטעלט אים אָפּ, אָנגעבנדיק זיך כלומרשט פאַר דאָן זשואַנס אַ גוטן פריינט, און מעלדנדיק, אַז אין זיין אָנוועזנהייט ערלויבט ער ניט באַליידיקן זיין פריינט. ווער ער דערוויסט זיך, אַז דאָן קאַרלאָס זוכט דעם פאַרנאַרער פון זיין שוועסטער, מעלדעט ער, אַז דאָן זשואַן איז שטענדיק גרייט שטעלן זיך פאַר דעם, וואָס וועט אים אַרויסרופן אויף אַ דועל. אַזאַ איז געווען די געזעלשאַפט, וואָס האָט אונטער פאַרעלטערטע באַגריפן און אונטער אויסערלעכער פיינקייט באַהאַלטן אַ תהום פון ליגן, צבועטשעסטוואָ און צעלאָזנקייט.

אין דער קאָמעדיע געפינען מיר אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע דאָן־זשואַנס מאָנאָלאָגן, וואָס זייער ציל איז צו באַווייזן, אַז דאָן זשואַן איז ווייט ניט קיין איינצעלנע ערשיינונג. ווי זינדיק דערדאָזיקער העלד זאָל ניט זיין, איז דאָך די אַרומיקע געזעלשאַפט נאָך זינדיקער. אויב דאָן־זשואַן לאַכט אויס פון רעליגיע, איז עס דערפאַר, וואָס די רעליגיע איז סיי ווי געוואָרן אַ געצייג פון ליגן און רמאות. אויב ער לאַכט פון געזעץ, איז עס דערפאַר, וואָס דער געזעץ איז שוין אין די הענט פון די שטאַרקע לאַנג געוואָרן אַ מיטל צו באַדריקן די שוואַכע. „צבועטשעסטווע איז אַ הייגטמאָדישער חסרון,—זאָגט דאָן־זשואַן,—און אַלע מאָדישע חסרונות ווערן אָנגענומען פאַר מעלות. הייגטיקע צייטן איז די ראָלע פון אַ מענטשן מיט מדות טובות די איידלסטע, און די מלאכה פון אַ צבועק—פון אַלע מלאכות די רווחימדיקסטע. מענטשלעכע מדות רעות בכלל קאָנען פאַראורטיילט ווערן, און קיינעם איז ניט פאַרווערט אָפן

מאָליער

אָנצופאַלן אויף זיי, אָבער צבועטשעסטווע—דאָס איז אַ זינד אַ פּריווילעגירטע: די פאַרשטאָפּט אַלעמען די מיילער און גענייסט גרעניצלאָזע אומבאַשטראָפט-קייט. דאָס פאַרשטעלן זיך העלפט די מענטשן פעסט צו שטיין איינער פאַרן צווייטן. פאַרטשעפּעסט איינעם—טאָ האָב אַן עסק מיט אַלעמען. די בייזע מעשים פון די פאַרשטעלטע קאָנען אַנטפּלעקט ווערן, מען קאָן אויף זיי מיט די פינ-גער טייטן, און פונדעסטוועגן וועלן זיי ניט פאַרלירן דעם צוטרויען מצד דער געזעלשאַפט. עס קלעקט אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ, מיט כלומרשט אַ צעבראָכן האַרץ אַ זיפץ טאָן און אויפהויבן די אויגן צו דער סטעליע,—מאַכן שוין די אַרומיקע שלום מיט אַלע זייערע שטיק. איך וויל זיך ערקלערן אַלס אויפזעער איבער דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, כ׳וועל וועגן קיינעם ניט זאָגן קיין שלעכט וואָרט און וועל אַרויסשטעלן נאָר זיך אַליין פאַר אַ מוסטער פון מעשים טובים. איך וועל אַרויסטרעטן אַלס פאַרטיידיקער פון דער הימלשער קדושה, און מיט אַזאַ פיינעם אויסרייד וועל איך אָנהייבן יאָגן מיינע שונאים, באַשול-דיקן זיי אין גאָטלאָזיקייט, און אָנרייצן אויף זיי די פלאַפּלערישע פאַנאַטיקער, און יענע וועלן שוין טאָן דאָס, וואָס מען דאַרף: זיי וועלן זיי אויף אַלע גאַסנ-ווינקלען פאַרוואַרפן מיט בלאָטע, און שוין אַליין אַרויסטראָגן זייער פסק דין. אָט ווי מען דאַרף אויסנוצן די מענטשנס שוואַכקייטן און ווי מען קאָן, אויב מען האָט שכל, צופאַסן זיך צו די שווערע זייטן פון דער צייט". ביי מאָליערן זעען מיר שוין יענעם פּראָטעסט קעגן די אַדעליקע, וואָס איז שפּעטער פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די פּריצישע פּריווילעגיעס. די ווערטער פון דאָן-זשואַנס משרת סגאַנאַרעל צו זיין הער וועלן אין הונדערט יאָר אַרום כמעט בוכשטעבלעך איבערגעחזרט ווערן דורך אַן אַנדער אַריס-טאָקראַטס — דעם גראַף אַלמאַוויוואַס—לאַקיי, דעם פריילעכן פיגאַראָ אין באָ-מאַרשעס באַרימטער קאָמעדיע. „צי דערפון, וואָס איר זייט אַ יחסן,—זאָגט סגאַ-נאַרעל,—וואָס איר טראָגט אַ בלאָנדן פאַריק מיט קרייזעלעך, אַ הוט מיט פע-דערן, קליידער אויסגענייטע מיט גאָלד און סטענגעס פון פייער-קאָליר, דאַכט זיך אייך ניט אָפּטמאָל, אַז איר זייט עס קלוג אויסערגעוויינלעך, און פאַר אייך איז ניטאָ קיין פאַרבאָטענע זאַך, און קיינער האָט ניט די העזה אייך צו זאָגן דעם אמת?" דערזעלבער פּראָטעסט הערט זיך אויף די ליפּן פון דאָן-זשו-אַנס פאָטער דאָן לואיס, ווען ער זאָגט דעם זון, אַז יחוס אָן פיינע מעשים איז גאָרנישט ווערט, אַז ער וועט גיכער ערן אַן ערלעכן זון פון אַ טרעגער, איידער אַ צעלאָזענעם זון פון אַ געקריינטער פּערזאָן.

טאַרטיוף און דאָן-זשואַן—דאָס זיינען טיפּן, וועלכע וועלן אויף אייביק בלייבן ניט נאָר אַלס העלע אָפּשפּיגלונגען פון דער דעמאָלטיקער העכערער געזעלשאַפט, נאָר אויך אַלס קינסטלערישע טיפּן פון צבועקעס בכלל. ס׳איז איבעריק צו ריידן דערפון, אַז די ערשיינונג פון דאָן-זשואַנען האָט לא די וואָס זי האָט מאָליערן ניט שלום געמאַכט מיט זיינע שונאים, נאָר זי האָט האָט אים ערוואָרבן נייע, און נאָכמער דערצאָרנט די פריערדיקע. דער קאַמף מיט דידאָזיקע מעכטיקע שונאים האָט פאַרשטאַרקט דעם פּאָעטס פּעסימיסטישע

שטימונג און ער האָט זי פאַרקערפּט אין דער קאָמעדיע מיזאַנטראָפּ, וועלכע שטייט אין ענגער אינערלעכער פאַרבונדנקייט מיט טאַרטיוף און דאָן־זשואַן.

די יעזועלשאַפט, וועלכע איז אַרויסגעפּירט אין מיזאַנטראָפּ, שיידט זיך וויניק אונטער פון דער סביבה, וואָס איז אונז שוין באַקאַנט פון די פריערדיקע צוויי קאָמעדיעס. אויב מאָליער האָט אין מיזאַנטראָפּ אריינגעטראָגן עפּעס נייס, האָט דאָס דאָזיקע נייס געהאַט גיכער אַ באַדייטונג פון כמות איידער פון איכות. ער האָט פאַרברייטערט די ראַמען, און כאַראַקטעריזירט ניט נאָר די הויפישע סביבה, נאָר אויך געמאָלט די שטאָטישע געזעלשאַפט, און דעם געריכט, און די פאָליציי, און די ליטעראַרישע מידות. דער אינהאַלט פון דער קאָמעדיע קאָנצענטרירט זיך ניט אַרום איין הויפּט־אינטריגע. איר העלד אַלצעסט קומט אין צוזאַמענשטויס מיט עטלעכע זייטן פון דער טרויעריקערווירקלעכקייט. ער פירט אַ פּראָצעס, אין וועלכן דער אמת איז אויף זיין צד, פונדעסטוועגן פאַרשפּילט ער אים. ער איז אַ פיינער קענער פון דער ליטעראַטור. צו אים ווענדט זיך נאָך אַן עצה מכוח זיינעם אַ סאָנעט איינער אָראָנט, וועלכן די פאַלשע גוטע פריינד רופן אונטער די אויגן „דער בעל־מלאכה פון סאָנעטן" אַלצעסט זאָגט אים אָפן אַרויס זיין נעגאַטיווע מיינונג וועגן דעם סאָנעט, און אַדאַנק דעם באַקומט ער זיך נאָך אַ שונא אין דער פּערזאָן פון דעם באַליידיקטן אויטאָר, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין מסירות און פאַרשאַפט אַלצעסטן אַ היפּש ביסל אומאָנגענעמלעכקייטן. ווייטער, אַלצעסט קומט אין צוזאַמענשטויס מיט דער פאַלשער הויפישער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער געהערט לויט זיין לאַגע, אָבער די פאַלשקייט פון דער געזעלשאַפט וועקט אין אים אויף עקל. נאָר די ערגסטע אַנטוישונג באַקומט אַלצעסט אין זייז ראָמאַן. ער האָט ליב סעלימענען, אַ קאָקעטין אָן אַ נשמה, וועלכע זעט דעם ציל און דאָס גליק פון לעבן אין די טומלדיקע פאַרגעניגנס פון דער הויכער געזעלשאַפט, פאַרשטייט אַלצעסטן ניט, לייגט און פאַרשטעלט זיך אויף יעדן טריט און שריט. פונדעסטוועגן נאָך דעם, אַז ער האָט אַנטפּלעקט אַלע מיאוסע זייטן פון איר כאַראַקטער, ליבט זי אַלצעסט פאָרט, און ער איז גרייט איר אָוועקצוגעבן זיין האַנט און זיין האַרץ מיט דעם תנאי, זי זאָל זיך אַנטזאָגן פון דעם טומל פון דער געזעלשאַפט און מיט אים זיך באַזעצן אין איינזאַמקייט. אָבער די יונגע קאָקעטין האָט מורא פאַר אַזאַ גזירות, און די קאָמעדיע פאַרענדיקט זיך מיט אַלצעסטס אויסרוף: „איך וועל אויף דער ערד אויפזוכן אַן איינזאַם ווינקל, וואו מען קאָן פריי זיין אַן ערלעכער מאַן".

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף די אַלע שלעכטע מידות, וואָס מאָליער שטראָפט זיי אין דערדאָזיקער קאָמעדיע. דער סאַטירישער עלעמענט אירער שטעלט אין עצם פאַר אַ ווייטערדיקע געענדערטע פאָרם פון דעם, אויף וואָס עס איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן. פאַר אונז איז פיל אינטערעסאַנטער דער הויפּט־העלד פון דער קאָמעדיע—אַלצעסט. ער איז אַ פּראָטאָטיפּ פון די הויפּט־העלדן, וואָס זיינען אָנגעוואַקסן אין XVIII און אין אָנהייב XIX י. ה. נעמלעך פון פאָלגנדיקע צוויי טיפּן: פון דעם געזעלשאַפטלעכן קעמפער, דעם ענציקלאָפּעדיסט פון XVIII י. ה. און דעם פּאָעט פון וועלט־צער, דעם פּעסימיסט פון

XIX יאָרהונדערט. אָבער אין XVII י. ה. איז נאָך ניט געווען קיין באָדן פאַר אַזעלכע לייט. אין דעם קינפטיקן יאָרהונדערט וועלן זיי פאַרנעמען די היסטאָ־רישע אַרענע, ווערן טעטיקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אין איר קעמפן פאַר זייערע אידעאַלן. אָבער דערווייל שטייען זיי נאָך אויסער דער געזעלשאַפט, זיינען איינזאַם, קאָנען נאָר ליידן און זיין אומצופרידן. פונדאַנען שטאַמען אַלצעסטס צוויי שטריכן: דער ערשטער — דאָס איז זיין איינזאַמקייט און דער פּאַסיווער כאַראַקטער פון זיין פּראָטעסט. ווען אַרסינאָיע, איינע פון די גרויסוועלטיקע דאַמען, לייגט אים פאָר צו ריידן פון זיינעט וועגן גוטס, וואו מען דאַרף, לאָזן אַלע ספּרוזשינעס אין גאַנג, דורכשמועסן זיך מיט אירע איינפלוסרייכע באַקאַנטע, וועלכע זיינען אימשטאַנד צו שאַפן פאַר אַלצעסטן אַ גלענצנדע קאַריערע, ענטפערט ער איר: „מיין גאַנצער ווען פאָדערט, איך זאָל זיין וואָס ווייטער פון דאַנען. שענקענדיק מיר דאָס לעבן, האָט דער הימל מיר ניט געגעבן קיין נשמה, וואָס זאָל זיך פילן גוט אין דער הויפישער אַטמאָספערע. איך געפין אין זיך ניט קיינע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען נייטיק, כדי דאָרט צו ערפילן מיינע פליכטן און האָבן ערפאָלג. מיין הויפּט־טאַלאַנט באַשטייט אין דעם, וואָס איך בין אויפריכטיק און אָפנהערציק. נאַרן לייטן קען איך ניט. און פאַר דעם, וואָס האָט ניט די פעאיקייט צו פאַרבאָרגן זיינע געדאַנקען, איז דאָרט ניטאָ קיין אָרט. בלייבנדיק אָן אַ זייט פונם הויף, פאַרלירט מען, אַוודאי, זיין שטיצע, פאַרלירט מען די טיטלען, מיט וועלכע מען באַשענקט דאָרט. אָבער דערפאַר, אַז מען זאָגט זיך אָפּ פון דידאָזיקע גוטע זאַכן, איז מען שוין דערלייזט פון דעם אומאָנגענעמען געפיל, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז דו שפּילסט אַ נאַרישע ראָליע, אַז מען איז שוין דערלייזט געוואָרן פון אַ פולע עגמת־נפשן, פון דער נויטווענדיקייט צו לויבן דעם אָדער יענעם הערס פערזן, הויבן ביזן הימל אַזאַ און אַזאַ דאַמע און אויס־הערן די טפשות פון אייערע מאַרקיזן!" דער צווייטער שטריך אַלצעסטס באַ־שטייט אין דעם, וואָס ער איז קודם־כל טעאָרעטיקער און דענקער. געגליכן צו דאָן־קיכאָטן, וויל ער ניט אַריינקוקן אין דער ווירקלעכקייט און צו־פּאַסן זיך צו איר. געגליכן צו האַמלעטן, זעט ער אין יעדער פּערזענלעכער לייד זיינער קודם־כל אַ ליקוי פון דעם וועלט־אמת. אים איז וויכטיק ניט זיין פערזענלעכער ענין, נאָר דער פּרינציפּ און דער מאָראַלישער אויספיר דערפון. ווען זיין פריינט פילענט ראָט אים נאָך דעם פאַרשפּילטן פּראָצעס אָנצוגעבן אָן אַפּעלאַציע, זאָגט זיך אַלצעסט קאַטעגאָריש אָפּ. „ווי גרויס עס זאָל נישט זיין דאָס אומגליק, וואָס מיר פאַרשאַפט דערדאָזיקער פסק־דין, וועל איך דאָך בשום אופן ניט פאָדערן קיין קאַסאַציע. פון אים זעט מען קלאָר, ווי מען האָט ביט אָפּגעהיט דאָס אומצווייפלהאַפטע רעכט, און איך וויל, אַז ער זאָל פאַר־בלייבן פאַר די קינפטיקע דורות אַלס טשעקאַווער פאַקט, ער זאָל בלייבן אַלס אַ גוטער באַווייז דערפון, ווי שרעקלעך עס זיינען די מענטשן אין אונזער צייט. זאָל דערדאָזיקער פסק־דין מיר קאָסטן צוואַנציק טויזנט פראַנק, דערפאַר וועל איך האָבן דאָס רעכט צו שילטן די מענטשלעכע נאַטור פאַר איר אומגערעכ־טיקייט און פילן צו איר אייביקע שנאה". אַזוי אַרום נעמט דער דענקער

אין אַלצעסטן די אויבערהאַנט איבער דעם מענטשן. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף אַלצעססט אַ דריטן שטריך, פון וועלכן עס שטאַמט דער נאָמען גופא פון דער קאָמעדיע—דאָס הייסט אויף זיין פעסעמיזם און מיזאַנטראָפּיע. אַלצעסט האָט פיינט מענטשן. ער זעט אין זיי דורכאויס נאָר די שלעכטע זייטן. אַלץ רופט אים אַרויס נאָר אויף טרויעריקע אויספירן מכוח דעם נצחון פון בייז, מכוח דער מאַכטלאָזיקייט פון אמת. „אַ טריבע שטימונג כאַפּט מיך אָן,—זאָגט ער, — ווען איך זע, וואָס מענטשן זיינען, ווי זיי לעבן. איך באַגעגן אומעטום נאָר מיאוסע חניפה, נאָר אומגערעכטיקייט, אייגננוץ, פאַרראַט, רמאות... אַמאָל באַהערשט מיך אַ אומדערוואַרטער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן אין דער מדבר, אַבי נישט צו זיין לעבן מענטשן". אין דידאָזיקע ווערטער, ווי אויך אין די, אין וועלכע אַלצעסט לויבט די אייגנפּאַקקייט פון די אַלטע צייטן, הערט מען שוין די ערשטע קלאַנגען פון רוסאָס ליידנשאַפטלעכן פּראָטעסט קעגן דער קולטור פון שטאָטישן לעבן, די ערשטע שטראַלן פון לעאָפּאַרדיס באַטריבטער פילאָזאָפיע. מיט דעמדאָזיקן קריגערישן פעסימיזם האָט מאָליער ווייט איבערגעיאָגט זיין צייט. אָבער מאָליערס פעסימיזם, ווי דער פעסימיזם פון זיינע נאָכפאָלגער, איז דורכגעדרונגען מיט באַהאַלטענער ליבע צו דער מענטשהייט, ניט קוקנדיק אויף גאָר די שנאה צו איר מצד דעם פעסימיסט. דער מיזאַנטראָפּ אַלצעסט האָט ניט אַזוי פיינט די מענטשהייט. ווי ער ווייטאָקט פאַר איר און טרויערט צוליב איר. ניט קוקנדיק אויף זיין שטרעבונג צו איינזאַמקייט, אויף זיין פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פאַר מענטשן, לעבט ער דאָך פאָרט צווישן זיי, ווערט שטאַרק אויפגערעגט פון יעדן נייעם פאַקט, לעבט מיט זייערע אינטערעסן. בעסער פאַר אַלץ ווייזט זיך אַרויס זיין אומגעלאָשענער גלויבן אין דער מענטשלעכער נאַטור ביי זיינע באַציאונגען צו סעלימענען. ניט קוקנדיק אויף איר פאַלשקייט און קאָקעטעריי, וועלכע באַליידיקן אים אָפט, גלויבט דאָך אַלצעסט, אַז זי קאָן בעסער ווערן. ער האָט זי ליב, און דער מענטשלעכער געפיל איז דאָס מאָל גובר דעם דענקער, באַזיגט דעם שכל, וואָס זאָגט טאָג איין טאָג אויס, אַז די פּאָזיטיווע און געטרייע אַליאַנטע איז מער ווערט געליבט צו זיין. אין דערדאָזיקער קאָמעדיע האָט דער אויטאָר אַזוי ווי געוואָלט מאַכן אַ סך-הכל פון די איינדרוקן, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן, באַקענענדיק זיך מיט דער געזעלשאַפט פון זיין צייט, גלייך ווי ער וואָלט געבראַכט אין אַ האַרמאָנישע פילאָזאָפישע סיסטעם זיינע טרויעריקע איינדרוקן.

מיט מיזאַנטראָפּ פאַרענדיקט זיך דער צווייטער, דער סאַמע גלענצנדער פעריאָד פון מאָליערס טעטיקייט. נאָך דער קאָמעדיע האָט שוין איר אויטאָר מער ניט געשאַפן אַזוינס, וואָס זאָל גלייך זיין צו דערדאָזיקער טרילאָגיע. אין די ווערק פונם דריטן פעריאָד האָט מאָליער פאָרטגעזעצט זיין קאַמף קעגן דער אַלטער געזעלשאַפט. איינער נאָכן אַנדערן גייען פאַרביי אונזערע אויגן אַדורך די נעגאַטיווע טיפּן פון דערדאָזיקער צייט, וועלכע זיינען שוין פריער אַרויסגעטראָטן אין זיינע קאָמעדיעס: געלערנטע פרויען אין דער קאָמעדיע, וואָס טראָגט דעמזעלבן נאָמען, שאַרלאַטאַנעס דאָקטוירים, זשוליקעוואַטע לאַקייען, וואוכערער, מעשטשאַנעס און אַדל. אין דידאָזיקע לעצטע

ווערק צייכנט זיך אויס איינע אַ גרויסע ערשיינונג, וועלכע מאָליער האָט באַמערקט, און וועלכע מאַכט אים ווידער פאַר אַן אָנזאָגער פון דער צוקונפט. אָנשטאָט די פּריצישע פּריווילעגיעס און אָנשטאָט די אַלטע הערבן, האָט די בורזשואַזיע געבראַכט אַ נייע קראַפט — דעם נייעם קריטערי פון דער סאָציאַלער מעכטיקייט — דעם קאַפּיטאַל. עס וועט קומען אַ צייט, ווען די דאָזיקע נייע קראַפט וועט זיין אַן אָנפירנדיקער עלעמענט פון לעבן, וועט אַוועקגעלייגט ווערן אין יסוד ביי דער איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן. אין מאָליערס צייט האָט נאָך דער קאַפּיטאַל ערשט אָנגעהויבן צו שפּילן זיין ראָלע. מאָליער האָט איבערגעלאָזן אַ טשיקאַווען דאָקומענט וועגן די ערשטע באַגעגענישן צווישן דעם אָפּשטאַרבנדיקן פעאָדאַליזם און דעם אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַל איז נאָך געררודפט. זשאָרש דאַנדען, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון אַ פאַראָרימטער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, איז נאָך הינטערשטעליק קעגן איר. דעם אומגליקלעכן רייכן תּם נאַרט מען און מען שלאָגט. דער ווייבס יחסנדיקע משפּחה דריקט אים מיט איר העכערן שטאַנד, און דאַנדענס פאַרמעגן ווייזט זיך אַרויס איז נאָך קנאַפּ, כּדי גובר צו זיין אין דעם קאַמף מיטן טאַקט און מיט דער גרויסוועלטיקער פאַלשקייט פון זיין ווייב. אַ קלאָגעדיקע און אַ קאָמישע ראָלע שפּילט אויך נאָך אַ פאָרשטייער פון דער געלטמאַכט, — געלט איז נאָך ניט געוואָרן די מעכטיקע קראַפט, מען לאַכט נאָך פון דעם, די איבערגעוויכט איז נאָך אויף דער זייט פון די אַלטע לעבנס-יסודות.

גאַנץ פראַנקרייך פון יענער צייט שטייט אויף אין מאָליערס ווערק: אַלע שטאַנדן, אָנהייבנדיק פון דער פּריצעשאַפט און גייסטלעכשאַפט און ענדיקנדיק מיט די פּויערים, זיינען אין זיי געמאָלט. הגם מאָליער האָט ניט געשוינט די שטאָטישע און די פּויערישע סביבה, פונדעסטוועגן מוז מען מודה זיין, אַז איבער די נידעריקע קלאַסן האָט זיין בייטש ניט אַזוי שטאַרק געשמיסן. ווי גרויס זייערע חסרונות זיינען ניט געווען, דאָך זיינען די טיפּן, וואָס זיינען גענומען פון זייער סביבה, סימפּאַטישער פאַר די „טאַרטיופן” און „דאָן זשואַנעס”, און אין אייניקע פאַלן קאָן מען אין מאָליערן אײַנזען דעם אָנזאָגער פון דעם קינפטיקן נצחון פון דער בורזשואַזיע, דעם מאָלער פון איר מאָראַלישן און מאַטעריעלן יתרון לגבי די פּריווילעגירטע שטאַנדן.

אונז בלייבט נאָך צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן מאָליערן אַלס אַ פּסעוודאָקלאַסיקער. די פּסעוודאָקלאַסישע כּללים האָבן דעם אויטאָר פון טאַרטיוף פיל ווייניקער געשאַדט, איידער אַנדערע פּאָעטן פון זיין צייט. אין קאָמעדיע איז לייכטער איידער אין טראַגעדיע צו פאַרהיטן די נאַטירלעכקייט און צוזאַמען דערמיט ניט עובר צו זיין אויף די געזעצן פון דער פּסעוודאָקלאַסישער טעאָריע. די דריי אייניקייטן, וואָס דריקן דעם טראַגיקער, באַלעסטיקן ניט אַזוי דעם קאָמיקער. אויסער דעם, האָט מאָליער אָפּטער איידער אַנדערע פּאָעטן עובר געווען אויף די פאָדערונגען פון דער טעאָריע. פונדעסטוועגן ליידן מאָליערס קאָמעדיעס, באַזונדערס די כאַראַקטערן, אויף דעם אַלגעמיינעם חסרון פון דער פּסעוודאָקלאַסישער דראַמע. די אינדיווידועלע שטריכן פון די העלדן פאַרשווינדן אָפּט הינטער די אידעען, און אָנשטאָט לעבעדיקע פּערזאָנען, באַ-

קומען זיך סימבאָלן פון פאַרשיידענע ליידנשאַפטן. אַזוי איז אין האַרפאַגאָנס פיגור, אין דער קאָמעדיע דער ק אַ ר ג ע ר לייכט צו זעען די פאַרקערפערונג פון קאַרגשאַפט, אָבער ס'איז שווער צו דערקענען דעם פראָצענטניק פון XVII יאָרהונדערט מיט זיינע אינדיווידועלע באַזונדערהייטן.

אויב מאָליער האָט אונז געמאָלט די ניט פיינע זייטן פון דער פראַנצויזישער ווירקלעכקייט אין דער עפאָכע פון לודוויק דעם XIV, איז זיין באַרימטער בן־דור ראַסין (1639—1699) געווען דער מאָלער פון איר אויסערלעכן גלאַנץ. ראַסינס ליטעראַרישע טעטיקייט פאַלט אויס אין יענעם פעריאָד, ווען די לָהוטקייט פון דער העכערער געזעלשאַפט נאָך העראָאישע מסורות און שטרענגע כאַראַקטערן האָט זיך אומגעביטן אויף עפיקורעאישע אידעאַלן און אויף דער פאַראיידלטער פיינקייט פון דער הויף־געזעלשאַפט. ראַסינס ליטעראַרישע טעטיקייט איז געווען אַן ענטפער אויף דידאָזיקע נייע פאָדערונגען און געשמאַקן. גאַלאַנטישקייט אין באַגיין זיך מיט דאַמען, עמפפינדלעכקייט און צערטלעכקייט, די שיינקייט פון דער שפראַך און פיינע מאַנירן קומען אָנשטאָט יעדער פאַראַכטלעכער באַציונג צו אַלץ, וואָס איז סענטימענטאַל — דאָס מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכנט קאָרנעלס שאַפונג.

אין נאָוועמבער 1667 יאָר האָט מען געשטעלט ראַסינס בעסטע דראַמע אַ נ ד ר אָ מ אַ כ ע. אין דער הויפט־שטאָט פון עפיר קומט פאָר די אַקציע. אַכילס זון, דער קיניג פיר, איז פאַרליבט אין העקטאָרס פרוי, די געפאַנגענע אַנדראָמאַכע, וועלכע האָט זיך נאָך דעם חורבן פון טראָיאַ דאָ באַזעצט מיט איר זון אַסטיאַנאַקס. אין פירן איז שטאַרק פאַרליבט זיין כלה הערמיאָנאַ, העלענעס טאָכטער. אַנדראָמאַכע, אַ געטרייע צום אָנדענקען פון איר מאַן, שטויסט אָפ דעם קיניגס ליבע, און דער צערייצטער פיר גראָזיעט, אַז ער וועט אַרויסגעבן צו די גריכן איר זון, פאַר וועלכן גאַנץ גריכנלאַנד ציטערט, ניט געקוקט אויף זיין עלטער. אין הערמיאָנען איז פאַרליבט אָרעסט, וועלכער איז געקומען פון גריכנלאַנד אַלס שליח צו פירן אונטערהאַנדלונגען מכוח אַרויסגעבן אַסטיאַנאַקסן. די שטאָלצע און נקמה־ליבנדיקע הערמיאָנע, וועלכע איז דער היפוך פון דער שטילער ריינער אַנדראָמאַכען, באַשליסט נקמה צו נעמען פון איר קאָנקורענטין. אויס מורא פאַר דעם גורל פון איר זון, נאָך אַ פיינלעכן קאַמף צווישן די געפילן פון מוטער און אלמנה, האָט זיך די אומגליקלעכע אַנדראָמאַכע באַשלאָסן אויף פירס פאָרשלאָג. הערמיאָנע איז דערצאָרנט, וואָס זי פאַרלירט די מלוכה און דעם געליבטן מענטשן, און זי זאָגט צו אָרעסטן צו ווערן זיין פרוי בתנאי, ער זאָל טויטן פירן אין דעם מאָמענט פון דער חתונה. הערמיאָנע טוט זיך אָן אַ מיתה מחמת פאַרצווייפלונג נאָך דעם טויט פון איר געליבטן, און אָרעסט גייט אַראָפ פון זינען נאָכדעם, ווי זיינע האָפענונגען ווערן צעשטערט. דערמיט ענדיקט זיך די טראַגעדיע. דידאָזיקע קורצע איבערדערציילונג פון דעם אינהאַלט ווייזט שוין, מיט וואָס צייכנט זיך ראַסינס טראַגעדיע אויס פון קאָרנעלס. צאַרטע מוטערלעכע געפילן, ליידן פון ליבע און פון אייפערזוכט, זיינען די הויפטקראַפט, וואָס ברענגען אין באַוועגונג ראַסינס טראַגעדיע, ניט מאַכטגייציקייט פון העראָאישע פרויען, וואָס

זיינען מער ענלעך אויף מאַנסבילן איידער אויף פֿרויען. אָך העלער טרעט אַרויס די דראַזיקע באַזונדערהייט פֿון ראַסינס טעאַטער אין איינער פֿון די ווייטערדיקע טראַגעדיעס זיינע — בריטאַניק, וועלכער איז ערשינען אויף דער סצענע אין 1669 יאָר. אין דערדאָזיקער טראַגעדיע איז פֿאָרגעשטעלט די שנאה פֿון דעם יונגן נירון צו זיין קרוב און געזעצלעכן יורש פֿון טראָן בריטאַניק. ראַסין האָט שאַרף אָפּגעווייכט פֿון דער אָנגענומענער מאָטיווירונג פֿון נירונס שנאה צו בריטאַניקן. נירון האָט מורא געהאַט פֿאַר דעם איידעלן בריטאַניק, ווייל ער האָט שטענדיק ערוואַרט פֿון אים קייטן און שנאה. אַזעלכע סיבות פֿון נירונס שנאה האָבן ניט גענוג אַמיזאַנט אויסגעוויזן ראַסינען. דעם זינגער פֿון צאַרטע און גראַציעזע געפֿילן. ביים אים טרעטן די פּאָליטישע טעמים אָפּ אָן אַ זייט, און אַלס הויפּט־סטימול, וואָס טרייבט נירונען צו טויטן בריטאַניקן, שטעלט ראַסין אַרויס דעם געפיל פֿון אייפערזוכט. נירון האָט ליב די שיינע יוניע, אָבער איר האַרץ געהערט שוין בריטאַניקן. דער דעספּאָט קאָן איר געטריישאַפֿט צו איר געליבטן פֿון אָרט ניט רירן. נירון שרעקט, אַז ער וועט טויטן בריטאַניקן, אויב זי וועט מיט אים ניט חתונה האָבן. דאָס מאַכט דעם געוואונטשענעם איינדרוק, און דער פֿאַעט מאָלט אונז די רירנדע סצענע, ווי יוניע שפּילט מיט ווייטאָק אין האַרצן אַ טרויעריקע קאָמעדיע, כּדי איבערצוציינן בריטאַניקן, אַז זי איז צו אים אָפּגעקילט געוואָרן. אָבער דאָס מיידל האָט ניט לאַנג געקאָנט אויסהאַלטן דעם קאַמף. דער אויפריכטיקער געפיל איז גובר, און בריטאַניק דערוויסט זיך דעם אמת. נירון איז אויפגעבראַכט, ער פֿאַרשפּאַרט בריטאַניקן אין תּפֿיסה און לאָזט אים איינגעבן סם. יוניע, וועלכע האָט פֿאַרלאָרן איר געליבטן, ווערט אַ וועסטאַלין.

וואָס קלערער עס ווערן די באַזונדערהייטן פֿון דער נייער ריכטונג, אַלץ מער צעפּלאָקערט זיך דער קאַמף צווישן ראַסינען, דעם פֿאָרשטייער פֿון דער נייער שול, און צווישן קאָרנעלן, דעם פֿאָרשטייער פֿון דער אַלטער ריכטונג. דער אַנטאַגאָניזם צווישןביידע שריפטשטעלער און זייערע פֿאַרערער האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אַ ליטעראַרישן דועל. די הערצאָגין הענריעטע פֿון אָרלעאַן, וועלכע האָט פּראָטעזשירט ראַסינען, האָט ביידע שריפטשטעלער פֿאָרגעלייגט צו באַאַרבעטן איינעם און דעמזעלביקן סוזשעט אין אַ דראַמאַטישער פֿאָרם. די טעמע, אויף וועלכער ביידע האָבן געדאַרפט פּרוּוון די כּוחות, איז געווען די אומגליקלעכע ליבע פֿון טיטוס צו דער יידישער קיניגן בערעניקע. טיטוס האָט זיך געמוזט אַנטזאַגן פֿון זיין פֿאַרלאַנג חתונה צו האָבן מיט בערעניקען צוליב דעם, וואָס אַזוי האָט געפֿאָדערט דאָס פֿאָלק. דער סוזשעט גופֿא, וועלכער האָט געגעבן אַ גרויסע רחבות צו מאָלן צאַרטע און רירנדיקע געפֿילן, האָט שוין פֿאָראויס באַשטימט ראַסינס נצחון. קאָרנעל האָט ניט פֿאַרשטאַנען די באַזונדערהייטן פֿון דעם סוזשעט. ער האָט ווידער אַרויסגעפֿירט אויסגערעכנטע, רעזאָנירנדיקע העלדן, קאָמפּליצירט די אינטריגע, געשטרעבט צו באַשאַפֿן אַ ריי העלדישע סצענעס, אַרויסגעפֿירט די ערגייציקע און שטאָלצע דאָמיציע, אַנטקעגן וועלכער עס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן איר היפּוך בערעניקע. ראַסין האָט דעם גאַנצן אינטערעס פֿון דער טראַגעדיע קאָנצענטרירט אויף דער

פּסיכאָלאָגיע פון טיטוס און בערעניקע. די געשיכטע פון זייער ליבע, טיטוסעס וואַקלעניש, בערעניקעס יסורים — אָט אין וואָס עס איז געלעגן דער אינטערעס פון ראַסינס טראַגעדיע. אויב קאָרנעל איז געווען אין זיין געיעג נאָך טראַגישע עפעקטן און אומגעוויינלעכע העלדן אַ טיפּישער קלאַסיקער, איז ראַסין, וואָס האָט געלאָזן די דראַמע אַראָפּנידערן צו צאַרטע מענטשלעכע געפילן, אין דעם זין געווען אַ פאָרגייער פון די סאַנטימענטאַלע פּאָעטן. פאַרשטייט זיך, אַז ראַסינס נצחון האָט אַרויסגערופן אַ דערביטערונג מצד דעם קעגנערישן צד, און ער האָט געקראָגן אַ פולע שונאים. דידאָזיקע שנאה האָט זיך מיט באַזונדער קראַפט אַרויסגעוויזן, בשעת עס איז ערשינען איינע פון זיינע בעסטע טראַגעדיעס — פ ע ד ר אַ, וועלכע איז אויף דער סצענע געשטעלט געוואָרן אין 1667 יאָר. דעם סוזשעט און אייניקע פּרטים האָט ראַסין גענומען ביי עוריפּידן. פעדראַ, טעזייס פרוי, האָט זיך פאַרליבט אין איר שטיפזון היפּאָליט. אין דער צייט, ווען די אומגליקלעכע פייניקט זיך אין דעם קאַמף צווישן איר זינדיקער ליידנשאַפט צום שטיפזון מיט דעם געפיל פון חוב צו איר מאַן, קומט אָן אַ ידיעה, אַז טעזיי איז געשטאָרבן. באַפרייט פון חוב, ערקלערט זיך פעדראַ היפּאָליטן אין ליבע. אָבער ווייזט זיך אַרויס, אַז די ידיעה וועגן טעזייס טויט איז אַ פאַלשע. די קיניגין האָט מורא, טאָמער וועט היפּאָליט אויסזאָגן איר סוד, און טעזיי וועט פון איר נקמה נעמען, און זי באַשליסט זיך צו מאַכן אַ בילבול אויף היפּאָליטן און פאַרמסרן אים פאַר טעזייען. ענאָנאַ נעמט אויף זיך אויסצופירן דעם מיאוסן פּלאַן. דער געוויסן פייניקט די קיניגין. אָבער ווען זי דערוויסט זיך, אַז היפּאָליט איז פאַרליבט אין אַן אַנדערע, פירט זי אויס מחמת כעס און אייפערזוכט איר פּלאַן ביזן סוף. היפּאָליט איז אומגעקומען, אָבער פעדראַן הויבט דער געוויסן ווידער אָן צו פייניקן. זי דערציילט דעם מאַן דעם אמת און סמט זיך. די לעצטע גרויסע ווערק ראַסינס איז די באַרימטע טראַגעדיע ע ת ל י ה, וואָס אייניקע פראַנצויזישע קריטיקער האַלטן, אַז זי איז ראַסינס בעסטע טראַגעדיע. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַזוי ווי אַן אויסנאַם פון אַלע זיינע ווערק. זי האָט ניט קיין ליבע-פאַרקניפּונג, און זי מאָלט ניט קיין צאַרטע געפילן און ליידנשאַפטן. אין איר ווערט געמאָלט דער צוזאַמענשטויס צווישן דער היידנישער און דער יידישער וועלט. ניט ליבע, נאָר רעליגיעזער ענטוזיאַזם איז די אַקס פון דערדאָזיקער טראַגעדיע, אין וועלכער ראַסין האָט באַוויזן, אַז ער קאָן מאָלן ניט נאָר ליבע-געפילן. פון דעם קורצן איבערזיכט איבער ראַסינס וויכטיקערע ווערק איז שוין לייכט צו זען, אין וואָס זיינען באַשטאַנען די הויפּט-אייגנשאַפטן פון זיין שאַפן.

ראַסין האָט אָנגעהויבן זיין פּאָעטישן וועג, ווען דער יונגער לודוויק XIV האָט געטרוימט פון ליבע, און ראַסינס פּאָעזיע האָט געשטימט מיט דידאָזיקע טרוימען און מיט די הויפגעשמאַקן. דער ערשטער סימן פון ראַסינס טראַגעדיע איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון העראָאישן עלעמענט אַלס הויפּטסטימול פון זיינע העלדנס מעשים. דער הויפּטשטריך פון זיינע העלדן איז ניט מאַכטגייץ און ניט ערגייץ און גראַנדיעזע פּלענער, נאָר מענטש-

זשאַן ראַסין

לעכע געפילן, ליבע און צוגעבנדקייט. פונדאַנען נעמט זיך די צווייטע באַזונדערהייט ראַסינס אין פאַרגלייך מיט קאָרנעלן. ווען קאָרנעלס העלדן קומט אויס צו קעמפן צווישן מלוכה־שטרעבונגען מיט מענטשלעכע געפילן זיינען די ערשטע שטענדיק מנצח. מיר זעען קלאָר, מיט וואָס פאַר אַ פאַראַכטונג קאָרנעל באַציט זיך צו מענטשלעכע שוואַכקייטן און צאַרטע האַרציקע געפילן. ווען אַזאַ קאָנפליקט קומט פאָר ביי ראַסינס אַ העלד אין דער נשמה, איז ביי אונז קיין ספק ניט, אַז דעם אויטאָרס סימפּאַטיע איז אויף דער זייט פון די שוואַכקייטן. ביי קאָרנעלן איז קלעאָפּאַטרע פריער פאַר אַלץ אַ מאַכטגייציקע קיניגין, ביי ראַסינען איז פעדראַ קודם כל אַ ליבנדיקע פרוי. קלעאָפּאַטרע דערשטיקט אין זיך די פרויען־און מוטער־געפילן. זי בעט די נאַטור, זי זאָל אַוועק פון איר האַרצן. פעדראַ רעדט מיט דער שפּראַך פון אויסערזינלעכער ליידנשאַפט. זי פאַרגעסט צוליב איר ליידגשאַפט אָן דער מאַכט, אָן דער קרוין, אָן אַלע איר פּלענער. „אַפּנים ווער עס ליבט, האָט ניט קיין מאַכט איבער זיך״, — זאָגט זי. די שיינקייט פון ראַסינס פּאָעזיע באַשטייט אין דעם קאַמף פון דער העלדין מיט איר פאַרברעכערישער ליידנשאַפט. דער דריטער שטריך פון ראַסינס פּאָעזיע באַשטייט אין דעם, וואָס ביי אים באַגעגענען מיר מערער פרויען, מחמת דער פרוי איז מער איידער דעם מאַנסביל אייגנשאַפטלעך אונטערצוגעבן זיך די געפילן און ניט דער אידעע. קאָרנעל פירט אַרויס מענער־ענלעכע און קנאַפּ נאַטירלעכע פרויען, ביי ראַסינען איז אַן אָפּטערער טיפּ אין דער טראַגעדיע די ליבנדיקע פרוי. צו די פרויען האָט דאָס רוב געהערט די איניציאַטיוו אין זייערע ראָמאַנען, און אין דערדאָזיקער הינזיכט מאָלט ראַסין פּינקטלעך די מנהגים, וואָס האָבן געהערשט ביים הויף.

דאָס זיינען די וויכטיקסטע פאָרשטייער אין יענעם פּעריאָד פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, וועלכן מען רופט פּסעוודאָקלאַסישער. ווי יעדע ליטעראַטור, האָט די פּסעוודאָקלאַסישע פּאָעזיע אָפּגעשפּיגלט די אַלגעמיינע אידעען און די שטרעבונגען פון איר עפּאָכע, און אין דערזעלבער צייט געדינט אַלס אַ פאָרבאַרייטונג פאַר די גייסטיקע באַוועגונגען פון קינפטיקן XVIII יאָרהונדערט. זי האָט אויסגעאַרבעט יענע פּינקטלעכע שפּראַך, די געוויינהייט צו דאָגמאַטיזם, צו לאָגישער רעגלמעסיקייט, צו מוחדיקייט, דעם קולט פון פאַרשטאַנד, — מיט איין וואָרט אַלץ, מיט וואָס עס האָט זיך באַנוצט די ראַציאָנאַליסטישע באַוועגונג פון XVIII יאָרהונדערט. אין דער פּעריאָד פון מאָליער האָט זי צוגעגרייט יענע קריטיק פון די העכערע שטאַנדן, וואָס די בורזשואַזיע ליטעראַטור האָט זי ווייטער אַנטוויקלט. לסוף געפינען מיר אין איר, אין ראַסינס שאַפונג, דעם אָנהייב פון יענער אַפּאָלאָגיע פון געפיל און אומיטלבאַרער ליידנשאַפט, וואָס האָט געפונען איר גלענצנדן פאָרשטייער אין דער פּעריאָד פון רוסאָ און פון די סענטימענטאַלע פּאָעטן.

פערטע אפטיילונג.

די אויפקלערנדיקע און די סאַנטימענטאַלע ריכטונג.

XIII.

די פאַרווילדונג פון דעם פראַנצויזישן אדל און די דערהויבונג פון דער בורזשואזיע.—די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן.—די פילאָזאָפן.—וואָלטער.—די פּאָליטישע טעאָריעס.— דער אויפגעקלערטער אבסאָלוטיזם.— די באַציאונג פון די פילאָזאָפן צו דער פאָלקס-מאַסע. — „דער גייסט פון די געזעצן״. — די טעאָריע וועגן דער פאַרטיילונג פון דער מאַכט. — רוסאָ.

לודוויק דער XIV איז געשטאָרבן אין 1715 יאָר. די זיבן יאָר, וואָס נאָך זיין טויט איז געווען רעגענט דער הערצאָג פון אָרלעאַן, שטעלן מיט זיך פאָר איינעם פון די וויכטיקסטע פעריאָדן אין דער פראַנצויזישער געשיכטע. דער אַדל, וואָס האָט זיך פאַר לודוויק דעם XIV געבאָדן אין לוקסוס און ליידיק-גייערײ, פאַרלירט דאָס לעצטע, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון ענדגילטיקן פאַלן, — דעם שטרענגן עטיקעט און די שיריים פון די ריטערישע טראַדיציעס, וועלכע האָבן אים אין עטוואָס אונטערגעהאַלטן דעם ערנגעפיל. דער רעגענט גופא, אַ לייכטזיניקער און אַ צעלאָזענער, וואָס האָט די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין הוליאַנקעס און בעזהרפהטנע אָרגיעס, האָט געגעבן אַ ביישפיל זיינע אונטערטאַנען. דער געיעג נאָך תענוגים איז געוואָרן דער עיקר אין דעם לעבן פון די העכערע קלאַסן. דאָס איז געווען יענע צייט, ווען איינער אַן אַריסטאָקראַט האָט באַקומען אַ יערלעכע פענסיע פון זעקס טויזנט ליוור פאַר דעם קלוגן געדאַנק אויסצוניצן די טעאַטערס אַלס זאַלן פאַר בעלער. איבער דער רעליגיע האָט מען זיך איזדזיעקעוועט. קיין משפחה האָט ניט עקזיסטירט, ליבע און געטריישאַפט צווישן מאַן און ווייב האָט מען געהאַלטן פאַר אַ מידה פון המון. פונדעסטוועגן האָט דערדאָזיקער פאַרווילדעטער אַדל ווייטער געהאַט אויסשליסלעכע פריווילעגיעס און רעכט. זיינע פאָרשטייער באַקומען די העכסטע אַמטן אין דער מלוכה, אין זיינע הענט ליגט די אינערלעכע און אויסערלעכע אָנפירונג פון לאַנד. ער קוקט ווייטער מיט פאַראַכטונג אויף דער איבעריקער באַפעלקערונג, און שטעלט העכער פאַר אַלץ די איינציקע מעלה — דעם יחוס. פאַרשטייט זיך, אַז דער אַדל האָט ניט געטראַכט אַפילו אויסצוניצן זיינע פּריווילעגיעס לטובת דער מלוכה. די העכערע אָפיצירן פון דער אַרמיי פלעגן ניט זיין ביי זייערע גאַרניזאָנען, און האָבן די צייט פאַרבראַכט אין פּאַריז. דאָ

האָבן אין רוישנדיקע אָרגיעס די צייט פאַרבראַכט אויך די רייכע אַדעליקע ערדבאַזיצער, ווייניק קימערנדיק זיך וועגן זייערע גיטער אין דער פּראָווינץ. פון זיי זיינען אויך די עפּיסקאָפּן ניט אָפּגעשטאַנען, און זיי פלעגן פאַרברענגען דאָס רוב צייט אויסער זייערע עפּאַרכיעס אין פּאַריז. אַזוי אַרום איז דאָס לאַנד געבליבן ווי אָן העכערע באַאַמטע — זיי האָבן געהוליעט אין פּאַריז.

אין דער צייט, ווען די העכערע קלאַסן זיינען אַזוי אַרום דערגאַנגען ביז פולשטענדיקערווילדקייט, האָט די בורזשואַזיע ווייטער זיך אַנטוויקלט גייסטיק, מאָראַליש און עקאָנאָמיש. דאָס עשירות פון דריטן שטאַנד וואַקסט. די רעגענטשאַפט שטערט ניט, אדרבא, זי שטיצט די אַנטוויקלונג פון מסחר און אינדוסטריע מיט אַלע מיטלען. דער דריטער שטאַנד פאַרכאַפּט ביסלעכווייז אין זיינע הענט דידאָזיקע וויכטיקע צווייגן פון מלוכה=לעבן, פון וועלכער די זשואירנדיקע מיוחסים זיינען דערווייטערט, אַנטוויקלט אין זיך אומגעווייגלעכע ענערגיע, אונטערנעמונגספעאיקייט, קאָלאָסאַלע אַרבעטליבשאַפט און עקשנות אין שטרעבן צו זיינע צילן. די בורזשואַזיע ווערט די הויפּט=עקאָנאָמישע קראַפט פון לאַנד און זי הייבט אָן צו פאַרשטיין איר גרויסע באַדייטונג פאַר דער מלוכה. דערדאָזיקער באַוואוסטזיין קומט אין צוזאַמענשטויס מיט דער דערנידעריקטער און רעכטלאָזער לאַגע פון דעם דריטן שטאַנד. ער האָט ניט דאָס רעכט אָנטיילצונעמען אין דער ממשלה, וועלכע ליגט אין די הענט פון דעם אַדל. אָבער דער דריטער שטאַנד האָט מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין איינאַרטיקס גאַנצע—מיט דעם נאָמען איז באַצייכנט געוואָרן דער טייל באַפעלקערונג, וואָס האָט ניט געהערט ניט צום אַדל, ניט צו דער גייסטלעכשאַפט. הגם אין דעם XVI י. ה. זיינען נאָך ניט געווען אַזעלכע באַשטימטע גרופּן ווי די אַרבעטער=קלאַסן, דער שטאָטישער און דער דאָרפישער, וועלכע האָבן זיך בולט אַרויסגעוויזן ערשט אין XIX י. ה., פונדעסטוועגן האָט מען אַפילו דעמאָלט שוין געקאָנט זען, אַז דער דריטער שטאַנד באַשטייט פון צוויי גרופּעס. צו איינער האָבן געהערט די אויפגעקומענע הענדלער און אייגנטום=באַזיצער; צו דער צווייטער — די קליינע ערדבאַזיצער און פויערים אין דאָרף, די קליינע בעל=מלאכות און די פועלים אין שטאָט. אָט אָ דידאָזיקע צווייטע גרופּע האָט מען אין זינען, ווען די ליטעראַטור רעדט וועגן „פאָלק". אין XVIII י. ה. טרעטן נאָך די ביידע גרופּעס אַרויס פאַראייניס, מחמת זיי האָבן איין אַלגעמיינעם שונא — די פריווילעגירטע קלאַסן. דעם קאַמף קעגן די פריווילעגיעס פונם אַדל הייבט אָן די ערשטע גרופּע פון דעם דריטן שטאַנד—דער רייכערער טייל. די צווייטע גרופּע, דער נידעריקערער המון, טרעט נאָך אין אָנהייב ניט אַרויס מיט זיינע ספּעציעלע אינטערעסן. ערשט אין סוף XVIII י. ה. ערשיינט אויף דער היסטאָרישער אַרענע דידאָזיקע גרופּע, וועלכע בילדעט אַ פערטן שטאַנד און שטעלט זיך אין אָפּאָזיציע צו דעם דריטן. דאָס זיינען געווען די הויפּטגרופּן פון דער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך. פון דידאָזיקע גרופּן מוז מען באַזונדער אויסטיילן די אינטעליגענץ אָדער די „פילאָזאָפן", ווי מען האָט דעמאָלט גערופן די מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט באַזייטיקן, ברענגען אין אַ סיסטעם די שטרעבונגען פון די נייע קלאַסן, באַגרינדן זיי אויף אַ וויסנ-

שאַפטלעך-היסטאָרישן אופן. די לייענענדיקע פּובליק, זאָגט פּראָפעסאָר ווימער, זוכט ניט פּשוט פּינקטלעכע און שנעלע באַקאַנטשאַפט, — זי זוכט אַן אַלגע-מיינעם מעטאָד, געבונדנקייט, גאַנצקייט אין די ידיעות, זי פאַרלאַנגט דאָס, וואָס מיר רופן איצט „וועלטאָנשויאונג". אין XVIII י. ה. הייסט עס פילאָזאָפיע. קוקן פילאָזאָפיש אויף דער וועלט, זיין אַ פילאָזאָף — האָט געהייסן ערווערבן אַ ראַ-ציאָנעלן וויסנשאַפטלעכן בליק, באַזייטיקן פון דער לערע וועגן נאַטור און געשיכטע דעם באַגריף פון ווילקירלעכקייט און איבערנאַטירלעכקייט, פאַרבינדן די פאַקטן אין ענגע שורות פון סיבות און פאָלגן, קאָנען אַוועקשטעלן די נייע איינצעלע ערשיינונג אין די שוין באַקאַנטע קייטן און גרופּעס. די פילאָזאָפיע פונעם XVIII י. ה. איז דאָס, וואָס מיר רופן וויסנשאַפטלעכקייט, אַלגעמיינער וויסנשאַפטלעכער גייסט.

די פילאָזאָפן פון XVIII י. ה. שטייען נאָענט צו דער בורזשואַזיע. זיי שטאַמען גרעסטנטייל פון איר סביבה און זיינען אירע אידעאָלאָגן. ווי פאַרשיידן עס זיינען ניט צווישן אַנאַנדער זייערע פּאָליטישע און רעליגיעזע אָנשויאונגען, דאָך קומען זיי אַלע זיך צונויף אין איין הינזיכט — אין דער קריטיק פון דער אַלטער אָרדענונג און אין פאַרלייקענען די פּריווילעגיעס און די ראָלע פון דער גייסטלעכשאַפט. פאַרלייכטערט די אויפגאַבע פון די פילאָזאָפן האָט דאָס, וואָס זיי האָבן פאַר זייערע אויגן געהאַט אַזאַ לאַנד, וועלכע האָט שוין אין אַ געוויסער מאָס דערגרייכט צו בירגערלעכע פרייהייט, וועלכע האָט שוין געהאַט אַזעלכע דענקער ווי ניוטאָן און לאָק, און האָט דעריבער געגעבן אַ רייכן מאַ-טעריאַל, אויף וועלכן די פראַנצויזישע פילאָזאָפן האָבן זיך געקאָנט שטיצן אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון די נייע אידעאַלן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן באַזוכט ענגלאַנד. די דערנעענטערונג מיט ענגלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אין סאַמע אָנהייב XVIII יאָרהונדערט. דער ערשטער שטויס דערצו איז געקומען מצד די עמיגראַנטן, וואָס די רעגירונג האָט זיי אַרויסגעוואָרפן מעבר לגבול פון זייער פאָטערלאַנד. ענגלאַנד האָבן באַזוכט, איידער זיי האָבן געשאַפן זייערע פּאָליטישע טעאָריעס, די צוויי גרויסע פראַנצויזישע דענקער פון XVIII י. ה. — וואָלטער און מאָנטעסקיע. אַזוי אַרום האָט די ענגלישע ליטעראַטור ניט אין קיין קלענערער מאָס, ווי די פראַנצויזישעווירקלעכקייט, משפיע געווען אויף דער אויפקלערערישער טעטיקייט פון די פראַנצויזישע פילאָזאָפן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געשטאַמט פון דער בורזשואַזיע. וואָלטער איז געווען אַ זון פון אַ באַאַמטן אַ בורזשואַ. צו אַ בורזשואַזער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אַ צוויי הונדערט יאָר פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן מעסערס, האָט געהערט דידראָ. רוסאָ איז געווען אַ זון פון אַ זשענעווער זייגערמאַכער. פון אַ זייגערמאַכער-משפחה האָט אויך באָמאַרשע געשטאַמט. אָבער צווישן די פילאָזאָפן זיינען געווען אַריסטאָקראַטן אויך. למשל, מאָנטעסקיע האָט געשטאַמט פון אַ יחוסדיקער פאַמיליע, צו וועל-כער עס האָט געהערט דער שלאָס ברעד לעבן באָרדאָ. און דערדאָזיקער יחוס, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז ניט געבליבן אָן השפּעה אויף זיין וועלט-אָנשויאונג, הגם ער האָט אים ניט געמאַכט פאַר קיין פאַרטיידיקער פון דער אַלטער אָרדענונג. ווי שווער האָט געזאָלט זיין צו פילן די אומגערעכטיקייט

פון די שטאַנדפּריווילעגיעס פאַר דידאָזיקע מענטשן, וועלכע זיינען געווען רייך באַשאָנקען מיט קענטעניש און מיט גייסטיקע מתנות! ס׳קלעקט צו דערמאָנען איין עפּיזאָד פון וואָלטערס לעבן, כדי צו פאַרשטיין, ווי האָט זיך אויף אים אָפּגעשפּיגלט דידאָזיקע אומגערעכטיקייט. הגם וואָלטער איז געווען אַ זון פון אַ בורזשואַ, פונדעסטוועגן איז ער נאָך קינדווייז אַריינגעפירט געוואָרן דורך זיין פעטער אין דער העכערער געזעלשאַפט, און וואָלטער איז געוויינט געווען צו באַגיין זיך מיט די אַריסטאָקראַטן ווי אַ גלייכער. אָבער אַ צופאַל האָט אים באַוויזן, אַז ניט שכל, ניט אינערלעכע ווערדע קאָנען ניט פאַרבייטן קיין יחוס. איינמאָל האָט ער זיך אין אַן אַריסטאָקראַטישער הויז צעקריגט מיט איינעם אַ יחסן. דער אַריסטאָקראַט האָט זיך באַנוצט מיט זייער אַ נידעריקן מיטל פון נקמה: ער האָט געשיקט זיינע משרתים, וועלכע האָבן ביי דער נאַכט צוגעהיט וואָלטערן, און אים אָנגעשלאָגן. וואָלטער האָט דעם אַריסטאָקראַט אַרויסגערופן אויף אַ דועל, אָבער יענער האָט אויסגענוצט די השפעה פון זיין משפחה און האָט וואָלטערן געמסרט. דעם באַליידיקטן פילאָזאָף האָט מען פאַרזעצט אין באַסטיליע. אַז מ׳האָט אים באַפרייט, האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד. אַזוי האָט זיך די פראַנצויזישע בורזשואַזיע אַליין באַשאַפן איר גרעסטן שונא. פראַנקרייך האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרעסערן באַשולדיקער פון אומגלייכהייט, קיין בייזערן קעגנער פון פריווילעגיעס. פון פּערזענלעכע באַליידיקונגען זיינען די פילאָזאָפן דורך פאַראַלגעמיינערונגען דערגאַנגען צו דעם באַוואוסטזיין, אַז די אַלטע אָרדענונג טויג ניט; זייערע פּערזענלעכע עסקים האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַלגעמיין פּאָליטישע און אַלמענטשלעכע פראַגן. זיי האָבן גוט בודק געווען די גאַנצע אַלטע אָרדענונג און אָנגעצייכנט אידעאַלן פון אַ נייער פּאָליטישער אָרדענונג.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די הויפּטלעכע פּאָליטישע טעאָריעס פון יענער עפּאָכע. וואָלטער האָט געשאַפן איינע פון זיי, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „דער אויפגעקלערטער אַבסאָלוטיזם“. ניט געקוקט אויף דער שנאה זיינער צו פּריווילעגיעס, איז וואָלטער פאַרבליבן אַ גרויסער ערדבאַזיצער, און האָט געוואַרט אויף אויסבעסערונגען פון דער מלוכה-אָרדענונג ניט פון אונטן נאָר פון אויבן. וואָלטער האָט אָנערקענט, אַז דער בעסטער אויסגאַנג פון דער שווערער לאַגע, אין וועלכער פראַנקרייך געפינט זיך — דאָס זיינען מאָס-מיטלען מצד דער מלוכה מיט דעם ציל לייכטער צו מאַכן די לאַגע פונם פאָלק.

כדי צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן וואָלטערס פּאָליטישע אָנשויאונגען, דאַרף מען וויסן זיינע באַציאונגען צו די מאָנאַרכן און צום פאָלק. אין דער באַציאונג צו די ערשטע איז געווען אַ היבש ביסל דערנידעריקונג פאַר וואָלטערן. אין דער רענעסאַנס-עפּאָכע איז געווען אַ מנהג צו האַלטן ביים הויף אַ נאַר, וועלכן מען האָט פיל ערלויבט און מוחל געווען. דער נאַר האָט געוואַגט צו זאָגן די מאָנאַרכן אין די אויגן אַזעלכע זאַכן, וועלכע עס וואָלט זיך ניט ערלויבט צו זאָגן דער סאַמע אָנגעזעענער הויפמאַן. און די נאַרן האָבן זיך אָפט באַנוצט מיט זייער רעכט, כדי צו זאָגן די מעכטיקע דעם ביטערן אמת

און מאַכן זיי אויפמערקזאַם אויף דאָס בייז, וואָס הערשט אַרום זיי. אָבער ניט קוקנדיק אויף דערדאָזיקער פּריווילעגיע איז דאָך דער נאַר געבליבן אַ נאַר, און אַז ער פּלעגט אַריינפאַלן צו זיין הערשער אין די הענט אין אַ בייזער רגע, האָט ער באַקומען קלעפּ און געזידלט אַלס געצאָלט פאַר זיין עזות און וואָרהאַפטיקייט. מיר ווילן ניט פאַרגלייכן די באַציאונגען צווישן וואָלטערן און די מאָנאַרכן מיט די באַציאונגען צווישן די לעצטע און די נאַרן. אָבער קיין ספק איז ניטאָ, אַז עפּעס אַזוינס פון דעם אַלטן מנהג איז פאַרבליבן אין די באַציאונגען צווישן די מאָנאַרכן און וואָלטערן. די מאָנאַרכן האָבן געשעצט די פילאָזאָפן, האָבן מורא געהאַט פאַר זייער וואָרהאַפטיק שאַרף וואָרט, אָבער אין דערזעלביקער צייט האָבן זיי ביי זיך ניט געקענט פועלן, אַז זיי זאָלן אויף זיי קוקן אַנדערש, ווי אויף אַ צירונג פאַר זייער הויף. פרידריך דער גרויסער, וואָס האָט געשטרעבט צו זען וואָלטערן ביי זיין הויף, חאָס האָט אים אָפּגעגעבן קייזערלעכן כבוד, האָט זיך אין פּריוואַטע בריף געקלאָגט, אַז וואָלטערס זיין ביים הויף קאָסט אים זייער טייער און אַז קיין פאַיאַץ ביי קיין מאָנאַרך באַקומט ניט אַזאַ גרויסע באַלוינונג. נאָך מער טשיקאַווע איז די באַציאונג צו וואָלטערן מצד זיין הייסער פאַרערערין די צאַרין קאַטערינע די גרויסע. קאַטערינע האָט זיך מיט אים זייער אָפט דורכגעשריבן, האָט אים געחנפעט, געפרעגט ביי אים עצות, אָבער ניט זעלטן האָט אים די קלוגע צאַרין אויסגענוצט פאַר אירע צוועקן. זי האָט אים געגעבן ניט קיין ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן די אָרדענונגען, וואָס הערשן אין רוסלאַנד, איבערצייגנדיק אים, אַז אין רוסלאַנד איז מער פרייהייט און טאָלעראַנץ, איידער ערגעץ אַנדערש, — און דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט נאָך קיין רייד ניט געקענט זיין אַפילו וועגן באַפרייען די פּויערים פון זייער קנעכטשאַפט. און וואָלטער האָט אָפט פאַר איראָפּע פאַרטיידיקט די צאַרין און די רוסישע אָרדענונגען, פאַרענטפערנדיק דאָס, וואָס האָט סותר געווען זיינע אייגענע פּאָליטישע אידעאַלן און ניט פאַרשטייענדיק, אַז ער איז נאָר אַ געטריי געווער אין די הענט פון דער כיטרער רוסישער אימפּעראַטאָרין. און די באַציאונגען צווישן די מאָנאַרכן מיט וואָלטערן האָבן ניט קיין קליינע ראָלע געשפּילט די שוואַכקייטן פון דעם באַרימטן פילאָזאָף. ער איז ניט געווען פריי פון גאווה און פון ליבשאַפט צו געלט. אַ שונא פון אַלע פּריווילעגיעס, איז ער דאָך ניט גלייכגילטיק געווען דערצו, וואָס ער שרייבט זיך דורך מיט אַלע מאָנאַרכן, דעם פּויפּסט ניט אויסגעשלאָסן. זיין גרויסן פאַרמעגן האָט וואָלטער געשאַפן אגב דורך פּענסיעס, ליטעראַרישע הכנסות און לאָטעריי-געווינסן. ער האָט זיך גערן אַריינגעלאָזן אין געלט-אונטערנעמונגען און די מאָראַלישע ראָלע זיינע אין אייניקע אַזעלכע אונטערנעמונגען איז גאָרניט אַזעלכע, קעגן וועלכע מען זאָל גאָרנישט ניט קענען זאָגן *).

צו וואָלטערן שטייען צו אויך אַנדערע פאָרשטייער פון דער טעאָריע פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם. דער געדאַנק, אַז דער מאָנאַרך איז די הויפּט-

---

*) עס עקסיסטירט אפילו אַ מיינונג, אַז צוליב געלט-סכסוכים, וואָס ער האָט געהאַט מיט יידן, איז ער אַרויסגעטראָטן אַזוי שאַרף קעגן יידנטום. איבערז.

ריכטנדיקע מאַכט אין דער געזעלשאַפט, אַז די רעגירונג דאַרף אָנפירן מיטן
פאָלק, און ניט דאָס פאָלק אַליין, שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין האָלבאַכס סיסטעם
פון דער נאַטור, און אין דידראָס אַרטיקלען, וואָס זיינען אַריין אין דער
באַרימטער ענציקלאָפּעדיע, אַרום וועלכער עס האָבן זיך פאַראייניקט די
גרעסטע דענקער פון XVIII י. ה. און אַדאַנק וועלכער זיי האָבן באַקומען דעם
נאָמען ענציקלאָפּעדיסטן. דערדאָזיקער בליק אויף אַ מאָנאַרך האָט ביי וואָל-
טערן, דידראָ און אַנדערע פילאָזאָפן געשטאַמט אין אַ גרויסער מאָס פון זייער
ניט הויכער פאָרשטעלונג וועגן דער פאָלקס-מאַסע. דידאָזיקע מאַסע, אַן אומ-
וויסנדיקע און אָפּט אַ פאַרשטאַנדלאָזע אין אירע מעשים, האָט ניט אַרויסגערופן
קיין צוטרויען מצד די גרויסע פאַרערער פון פאַרשטאַנד. זיי זיינען דערגאַנ-
גען דערצו, אַז זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דעם נעגאַטיוון בליק אויף איר
דעמאָלדיקן צושטאַנד, און האָבן זי פאַרמשפּט אויף אייביקער אומוויסנהייט.
וואָלטערן, למשל, געהערן אַזעלכע ווערטער: „דאָס פאָלק איז שטענדיק גראָב
און טעמפּ, דאָס זיינען אָקסן, וואָס דאַרפן האָבן אַ יאָך, אַן אָנטרייבער און פו-
טער". און אין אַ צווייטן אָרט: „איך האָב מורא, אַז דידאָזיקע קאַטעגאָריע
מענטשן (ס'האַנדלט זיך וועגן פויערים) וועט קיינמאָל ניט האָבן ניט קיין צייט,
ניט קיין פעאיקייטן צו לערנען זיך. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז אַפילו אַ נויט-
ווענדיקייט, עס זאָלן עקסיסטירן אומוויסנדיקע מענשן. אויב עס וואָלט אייך
אויסגעקומען, ווי מיר, באַאַרבעטן די ערד, וואָלט איר געוויס מיט מיר מסכים
געווען. ווען דער המון נעמט זיך אורטיילן — איז אַלץ פאַרלאָרן". אין דידאָ-
זיקע וואָלטערס מיינונגען זעט מען דעם רייכן ערדבאַזיצער. וואָלטער גלויבט,
אַז די געזעלשאַפט דאַרף זיך טיילן אויף רייכע און אָרעמע, און די לעצטע
דאַרפן דינען צו די ערשטע. נאָך שאַרפער דריקט זיך וועגן פאָלק אויס דידראָ,
וועלכער האַלט עס בטבע פאַר זיגלאָז, בייז, אַכזריש, ניט פעאיק צו קיין
געזונטע אורטיילן, ניט אין מאָראַלישע, ניט אין פּאָליטישע פראַגן.

דאָס זיינען געווען די נעגאַטיווע זייטן פון דער טעאָריע וועגן אויפגע-
קלערטן אַבסאָלוטיזם. אירע אָנהענגער האָבן געוואָלט פאַראייניקן אין איין
בונד, דאָס וואָס האָט זיך ניט געלאָזן פאַראייניקן, דהיינו, זייערע אידעען מיט
די אינטערעסן פון אַבסאָלוטיזם. אָבער דידאָזיקע באַציאונגען צווישן די פי-
לאָזאָפן מיט די מאָנאַרכן האָבן געהאַט אויך פּאָזיטיווע זייטן. דער פאַקט גופא,
וואָס די מאָנאַרכן האָבן זיך אונטערגעלעקט צו די אָנפירער פון דער געזעל-
שאַפטלעכער מיינונג, איז שוין געווען אַ גרויסער טריט פאָראויס אין פאַרגלייך
מיט די פּאָליטישע פאָרשטעלונגען פון לודוויק דעם XIV ציטן, ווען די גאַנצע
מלוכה איז געווען פאַרקערפּערט אין דעם קיניגס פערזאָן. לויבנדיק די מאָ-
נאַרכן און מיטווירקנדיק זייער גלאַנץ און רום, האָבן די פילאָזאָפן פון זיי
דערפאַר געפאָדערט אַ ווייכע גינציקע באַציאונג צום פאָלק. אָנערקענענדיק, אַז
די מאַסע האָט ניט קיין רעכט צו רעגירן איבער זיך, און איבערגעבנדיק די-
דאָזיקע רעכט אויסשליסלעך צו די מאָנאַרכן, האָבן די פילאָזאָפן אויף די לעצטע
אַרויפגעלייגט גרויסע התחייבותן. לויט דידראָ, קאָן נאָר אַ ווייכער און זאָרגעוו-
דיקער מאָנאַרך אויסרעכענען אויף איבערגעגעבנקייט מצד דער מאַסע. אַזוי

אַרום לייכט זיך שוין אין דער טעאָריע וועגן אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם דורך, הגם ניט קלאָר, דער געדאַנק וועגן געזעצלעכקייט פון דעם פאָלקס אומצופרידנקייט אין אייניקע פאַלן.

אין 1748 יאָר איז אַרויס מאָנטעסקיעס באַרימט בוך **דער גייסט פון די געזעצן**. דאָס דאָזיקע בוך גיט די צווייטע גרויסע פאָליטישע טעאָריע, וועלכע איז באַשאַפן אין דעם אויפקלערונגס-פּעריאָד — דהיינו, די טעאָריע פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע. אין דעמדאָזיקן בוך האָט זיך מער, ווי ערגעץ-וואו אַנדערש, אַרויסגעוויזן דער גרונד-שטריך פונם ראַציאָנאַליסטישן דענקען — די נטיה צו דאָגמאַטיזם, צו אַבסאָלוטע אויספירן. ביי מאָנטעסקיע איז דער געזעץ פון איין זייט אַ וויסנשאַפטלעכער באַגריף, פון דער צווייטער — אַ מלוכה-אַקט, באַשאַפן דורך דער רעגירונג. מאָנטעסקיע אָנערקענט עטלעכע מינים מלוכה-אָרדענונגען: דעספּאָטיע, מאָנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע, דעמאָקראַטיע. דער באָדן, דער קלימאַט, די מנהגים, די בילדונג, די רעליגיע באַשאַפן אַ באַשטימטן גייסט פון פאָלק, און אָפּהענגיק פון דידאָזיקע באַדינגונגען איז די אָדער יעדע פון די אָנגעוויזענע מלוכה-פאָרמען אַממערסטן פּאַסיק פאַר דער אָדער יענער נאַציע. אַזוי איז למשל אין אַטיקע מחמת דער אָרעמקייט פון באָדן געווען אַ נייטיקייט, אַז אַלע זאָלן גלייך אַרבעטן. צוליב דעם איז אין אַטען געשאַפן געוואָרן אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג. דער ענגלישער קלימאַט פאַרשווערט די פילטרירונג פון די נערוון-זאַפטן. פונדאַנען זאָל לויט מאָנטעסקיע שטאַמען די אָפּגעצערטקייט און מידיקייט, מיט וועלכע די ענגלענדער צייכענען זיך צייטנווייז אויס, זייער אומגעדולדיקייט און עקל צו אייננאַרטיקייט. דעריבער איז אין ענגלאַנד נייטיק געווען צו באַשאַפן אַזאַ רעגירונג-פאָרם, ביי וועלכער עס זאָל שווער זיין אויסצוגיסן די אומצופרידנהייט אויף איינצלנע פּערזאָנען. אָט פאַרוואָס אין ענגלאַנד זיינען מער פאַר אַלץ די געזעצן, ניט די מענטשן, די הערשער פונם לאַנד. מאָנטעסקיע מיינט, אַז פּעטערס רעפאָרמען דאַרפן זיך אין רוסלאַנד ניט אָננעמען, מחמת זיי אַנטשפּרעכן ניט דעם גייסט פונם רוסישן פאָלק. ער האָט געמאַכט אַ גאַנצע ריי לייכטזיניקע אויספירן אין דעמזעלביקן גייסט. ער האָט, למשל, פאַרזיכערט, אַז „די ממשלה פון איין פּערזאָן באַגעגנט מען אָפטער אין די פרוכטבאַרע לענדער, און די ממשלה פון עטלעכע — אין די ניט פרוכטבאַרע”. אַזוי אַרום וואַקסן ביי מאָנטעסקיע די געזעצן און די מלוכה-אָרדענונג אויס ווי עפּעס נאַטירלעכעס אין יעדן באַזונדערן פאַל. „פאַר זיינע אויגן, — זאָגט פּראָף. וויפּער, — שטייען עפּעס ווי אויסגעגאָסענע סטאַטועס פון פעלקער און מלוכות. זייערע כאַראַקטאָרן זיינען פאַרטיקע לעולם ועד. אַלע זייערע מעשים זיינען אינם גייסט פון די אָנגעמערקטע ראָלעס. מיט אַ זיכערער האַנט שניידט מאָנטעסקיע אויס אַלע קאָנטורן פון יעדער קאָלעקטיווער פּערזאָן. ער טיילט פעלקער און מלוכות אויף גרופּעס, און צייכנט קלאָר און דייטלעך די מאָראַלישע פיזיאָנאָמיע פון יעדער גרופּע”. דאָס איז דער גרונד-פּרינציפּ פון דעמדאָזיקן חיבור — די איבערצייגונג, אַז די מלוכה-אָרדענונג און די געזעצגעבונג זיינען אָפּהענגיק פון די נאַטור-באַדינגונגען, וועלכע ענדערן זיך ניט.

װאָלטער

דערדאָזיקער געדאַנק שטערט פונדעסטוועגן ניט מאָנטעסקיען אָנצוווייזן יענע מלוכה-אָרדענונג, וועלכע שיינט אים צו זיין די בעסטע. דער ציל פון דער מלוכה—איז די פאַרווירקלעכונג פון דער פרייהייט. די פרייהייט דעפינירט מאָנטעסקיע אַזוי: „פרייהייט הייסט דאָס רעכט צו טאָן דאָס, וואָס די געזעצן ערלויבן. ווען דער בירגער וואָלט געמעגט טאָן דאָס, וואָס די געזעצן פאַרבאָטן, וואָלט שוין קיין פרייהייט ניט געווען". היות ווי די טאָג-טעגלעכע ערפאַרונג באַווייזט, אַז יעדער מענטש, וואָס באַזיצט די מאַכט, איז נוטה מיסצובראַוכן מיט איר, על-כן איז די פרייהייט בעסער פאַר אַלץ געזיכערט, ווען צוליב איינ-אָרדענען די מלוכה האַלט איין מאַכט אָפּ די צווייטע. און מאָנטעסקיע גיט די באַרימטע טעאָריע פון דער מאַכטן-צעטיילונג, וועלכע זיכערט דעם בירגערס פרייהייט. דידאָזיקע טעאָריע איז געווען ניט מער ווי די באַשרייבונג פון די אַלגעמיינע פרינציפּן, וואָס זיינען געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער ענגלישער קאָנסטיטוציע. זייער מהות באַשטייט אין פאָלגנדיקן: אין יעדער מלוכה איז דאָ מאַכט פון דריי מינים: געזעצגעבערישע, אויספירערישע און געריכטלעכע. די געזעצגעבערישע געהערט צום פאָלק גופא, מחמת אין יעדער פרייע מלוכה דאַרף יעדער מענטש אַליין רעגירן איבער זיך. אָן אויסנאַם זיינען נאָר די פערזאָנען, וועלכע געפינען זיך אין אַזאַ אָפּהענגיקן צושטאַנד, אַז זיי האָבן ניט קיין פרייען ווילן. היות ווי אין גרויסע מלוכות קאָן זיך דאָס גאַנצע פאָלק ניט פאַרזאַמלען, און אין אַ קליינער איז דאָס אויך ניט באַקוועם, דעריבער דאַרף דאָס פאָלק דורך זיינע געוויילטע פאָרשטייער טאָן דאָס, וואָס עס איז ניט אימשטאַנד אַליין צו טאָן. אָט דידאָזיקע פאָרשטייער דאַרפן עס בילדן דעם אָרגאַן, וועלכער באַזיצט די געזעצגעבערישע מאַכט, ד. ה. ד' מאַכט אַרויס-צוגעבן געזעצן און השגחה-געבן, צי די פון פריער אָנגענומענע געזעצן ווערן אָפּגעהיט. דידאָזיקע פאָרשטייער פאַרנעמען זיך ניט מיט קיין לויפנדיקע ענינים, מחמת אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג קאָן אַזעלכע ענינים ניט לייזן. היות ווי אין יעדער מלוכה זיינען פאַראַן מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין אַ פּריווילעגירטן צושטאַנד מחמת זייער יחוס אָדער עשירות, על-כן מוזן די אינטערעסן פון דערדאָזיקער פּריווילעגירטער גרופּע אָפּגעהיטן ווערן דורך אַ באַזונדער אָרגאַן. ווען דידאָזיקע מענטשן וואָלטן צונויפגעמישט ווערן מיט דער גאַנצער איבערי-קער מאַסע באַפעלקערונג, און זיי וואָלטן געהאַט צו איין שטימע ווי אַלע אַנדערע, וואָלט די אַלגעמיינע פרייהייט פאַר זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין קנעכט-שאַפט. אָט פאַרוואָס מאָנטעסקיע פאָדערט, אַז פון דעם פּריווילעגירטן טייל באַפעלקערונג זאָלן געוויילט ווערן באַזונדערע פאָרשטייער. דידאָזיקע פאָר-שטייער בילדן אַ ספּעציעלן אָרגאַן, וואָס האָט דאָס רעכט אָפּצוהאַלטן די באַשלוסן פון די פאָרשטייער פון גאַנצן פאָלק. אַזוי אַרום ווערט די געזעצ-געבערישע מאַכט פאָרגעשטעלט דורך צוויי קאָרפּאָראַציעס — פון דעם יחוס און פון געוויילטע פון פאָלק. יעדע קאָרפּאָראַציע האָט באַזונדער אירע פאַר-זאַמלונגען און אירע משא-ומתנס.

די אויספירערישע מאַכט דאַרף געהערן דעם מאָנאַרך. ביים שאַפן אַ געזעץ איז נוצלעך אַ גרעסערע צאָל מענטשן, אָבער ביים אויספירן פאָדערט זיך

שנעלקייט, און דעריבער איז דערביי איין פערזאָן פאַסיקער, איידער אַ גרופּע מענטשן. די אויספירערישע מאַכט מוז האָבן דאָס רעכט אָפּצושטעלן די אונ־טערנעמונגען פון דעם געזעצגעבערישן אָרגאַן. אַז ניט, וואָלט דער געזעצגע־בערישער אָרגאַן זיך געקענט נעמען אַ מאַכט, אַ וועלכע ער וואָלט געלוסט, און געקאָנט מבטל מאַכן אַלע אַנדערע מאַכטן. אָבער די געזעצגעבערישע מאַכט טאָר ניט האָבן דאָס רעכט פון באַגרענעצן די אויספירערישע, מחמת די לעצטע איז שוין לויט איר מהות גופא אַ באַגרענעצטע, און פאַרנעמט זיך נאָך דערצו מיט פאַרביילויפנדיקע ענינים. אָבער ניט האָבנדיק דאָס רעכט אָפּצושטעלן די אויס־פירערישע מאַכט, האָט דאָך די געזעצגעבערישע מאַכט דאָס רעכט אַכטונג צו געבן, ווי עס ווערן אויסגעפירט די געזעצן, וואָס זי האָט געשאַפן. די פּערזענ־לעכקייט פונם מאָנאַרך, דעם פאַרשטייער פון דער אויספירערישער מאַכט, דאַרף זיין אומבאַרירלעך און מען טאָר זי ניט באַשולדיקן און פאַרמשפּטן. היות ווי דער מאָנאַרך נעמט אָנטייל אין דעם געזעצגעבערישן אָרגאַן דורך זיין רעכט אָפּצוהאַלטן און מוז ניט דערלאָזן דעמדאָזיקן אָרגאַן, ער זאָל ווערן אַ טיראַ־נישער. דעריבער וואָלט די פרייהייט בטל געוואָרן פון דעם מאָמענט אָן, ווען דער מאָנאַרך וואָלט געוואָרן איבערגעגעבן צום געריכט און באַשולדיקט. די מלוכה וואָלט אויפגעהערט צו ווערן אַ מאָנאַרכיע, און וואָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין ניט קיין פרייע רעפּובליק. אָבער די אויספירערישע מאַכט קאָן דאָך אויפגע־פאָדערט זיין אָפּצוגעבן אַ חשבון פון אירע מעשים אין דער פּערזאָן פון אירע שלעכטע יועצים, וועלכע האָבן, אַלס מיניסטאָרן, פיינט די געזעצן, וואָס באַ־גרענעצן זייערע פולמאַכטן, הגם דידאָזיקע געזעצן פאַרטיידיקן זיי דאָך אַלס מענטשן. דידאָזיקע יועצים קאָן מען משפטן און באַשטראָפן, ווייל דער, וואָס פירט אויס, קאָן קיין זאַך שלעכט ניט אויספירן אָן שלעכטע יועצים.

אויסער דידאָזיקע צוויי מאַכטן עקסיסטירט נאָך אין דער מלוכה אַ דריטע — די געריכטלעכע מאַכט. דידאָזיקע טאָר זיך ניט געפינען אין די הענט פון אַ שטענדיקן טריבונאַל — זי דאַרף געהערן צו מענטשן, וועלכע ווערן געוויילט פון פאָלק גופא, אין אַ געוויסער צייט, לויט געוויסע כללים, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט דורך דער געזעצגעבערישער מאַכט. דידאָזיקע מענטשן בילדן דעם געריכט, וועלכער דאַרף פונקציאָנירן אַזוי לאַנג, וויפיל עס פאָדערט די נויטווענדיקייט. די געריכטלעכע מאַכט, וואָס זי דאַכט זיך מענטשן אויס אַזאַ שרעקלעכע, הערט אַזוי אַרום אויף צו זיין דער אויסשליס־לעכער קנין פון אַ באַשטימטן שטאַנד אָדער פון אַ באַוואוסטער פּראָפעסיע. זי ווערט, אַזוי צו זאָגן, אַן אומזעבאַרע, אַ ניט־עקסיסטירנדיקע. קיין שופטים זיינען פאַר די אויגן ניטאָ, און מען הייבט אָן מורא צו האָבן פאַר דער אַנ־שטאַלט, ניט פאַר די פּערזאָנען, וואָס בילדן די אַנשטאַלט. עס איז אַפילו נייטיק, אַז אין פאַל פון וויכטיקע באַשולדיקונגען, זאָל דער באַשולדיקטער אַליין האָבן דאָס רעכט צו וויילן זיינע ריכטער, אָדער ער זאָל לפּחות באַזייטיקן אַזאַ גרויסע צאָל ריכטער, אַז די פאַרבליבענע זאָלן קאָנען גערעכנט ווערן, ווי פון אים געוויילטע. די אויספירערישע און די געזעצגעבערישע מאַכט קאָן מען גיכער איבערגעבן צו שטענדיקע רעגירונגס־פּערזאָנען אָדער אַנשטאַלטן,

מחמת דידאָזיקע מיגים מאַכט באַרירן ניט קיין אינטערעסן פון דער פּריוואַטער פּערזאָן, וואָרעם זיי שטעלן מיט זיך פאָר — דער ערשטער מין — נאָר דעם אַלגעמיינעם ווילן פון דער מלוכה, און דער צווייטער — נאָר די ערפילונג פון דעמדאָזיקן ווילן. אָבער אויב די גערייכטלעכע אַנשטאַלטן טאָרן ניט זיין אומגעענדערט, מוזן דאָך אומגעענדערט זיין די פּסקים, וואָס אין זייער יסוד ליגט דער אומגעענדערטער געזעץ. ווען זיי וואָלטן געווען נאָר אַ פּריוואַטע מיינונג פון דעם ריכטער, וואָלטן מיר געלעבט אין דער געזעלשאַפט, ניט וויסנדיק געגוי אונזערע חובות. מען דאַרף אויך, אַז די ריכטער זאָלן געהערן ניט צו דעם קלאַס, צו וועלכן עס געהערט דער באַשולדיקטער, כדי דער באַשולדיקטער זאָל ניט מיינען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט צו מענטשן, וואָס ווילן אים טאָן אַן אומגערעכטיקייט.

אַזוי אַרום פירט מאָנטעסקיעס טעאָריע שטרענג דורך דעם פּרינציפּ פון פונאַנדערטיילן די מאַכטן. בלויז דערדאָזיקער פּרינציפּ קאָן, לויט מאָנטעסקיעס מיינונג, פאַרזיכערן די פּאָליטישע פרייהייט פון דעם בירגער. אונטער דער פרייהייט פאַרשטייט מאָנטעסקיע יענע רואיקייט פון גייסט, וועלכע שטאַמט אַרויס דערפון, וואָס יעדער איז זיכער, אַז ער איז אויסער סכּנות. כדי דער בירגער זאָל קאָנען האָבן דידאָזיקע זיכערקייט, מוז מען שאַפן אַזאַ אַרט רעגירונג, אַז קיין בירגער זאָל ניט דאַרפן מורא האָבן פאַר דעם צווייטן. אָבער אויב אין די הענט פון איינער און דערזעלבער פּערזאָן, אָדער איינער און דערזעלבער קאָרפּאָראַציע איז די געזעלשאַפטלעכע מאַכט פאַראייניקט צוזאַמען מיט דער אויספירערישער, — איז קיין פרייהייט ניטאָ, מחמת מען קאָן מורא האָבן, אַז דערזעלבער מאָנאַרך אָדער דיזעלבע קאָרפּאָראַציע וועט שאַפן טיראַנישע געזעצן, כדי אַליין זיי טיראַניש אויסצופירן. קיין פרייהייט וועט אויך דעמאָלט ניט זיין, ווען די גערייכטלעכע מאַכט וועט ניט זיין אָפּגעטיילט פון דער געזעצגעבערישער און פון דער אויספירערישער. אויב זי וועט זיך פאַראייניקן מיט דער געזעצגעבערישער, וועט די מאַכט איבער דעם לעבן און דער פרייהייט פון די בירגער זיין אַ ווילקירלעכע, מחמת דער ריכטער וועט גלייכצייטיק זיין דער געזעצגעבער. אויב די גערייכטלעכע מאַכט וועט זיך פאַראייניקן צוזאַמען מיט דער אויספירערישער, וועט דער ריכטער האָבן די קראַפט פון אַן אונטערדריקער. אַלץ וועט זיין פאַרלאָרן, אויב אַלע דריי מאַכטן וועלן זיך פאַראייניקן אין איין פּערזאָן.

הגם מאָנטעסקיעס טעאָריע האָט פאַר דער אַלטער אָרדענונג פאָרגעשטעלט אַ גרעסערע סכּנה, איידער די טעאָריע פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, פונדעסטוועגן איז ניט שווער צו דערקענען, אַז איר אויטאָר געהערט צו דער אַלטער וועלטאָנשויאונג. אַז ער איז אַן אַריסטאָקראַט, וועלכער איז ווייט פון דעם געדאַנק וועגן רעוואָלוציע, וועגן יענע שרעקלעכע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום. מאָנטעסקיע אָנערקענט די געזעצגעבערישע אויבערמאַכט פון פאָלק, אָבער צוזאַמען דערמיט אָנערקענט ער אויך די געזעצלעכקייט פון דעם, וואָס עס עקזיסטירט אַ פּריווילעגירטער קלאַס — אָט דער קלאַס, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל

מבטל צו מאַכן זיינע פּריווילעגיעס. „מאָנטעסקיע געהערט, — זאָגט פּראָפ. ווינפער, — צו די סאַמע בעסטע מענטשלעכע פאָרשטייער פון דער לייטנדיקער אינטעליגענטער געזעלשאַפט אין איר אַלטן באַשטאַנד און מיט אירע אַלטע טראַדיציעס. מאָנטעסקיע דריקט אין זיינע ווערק אויס יענע מאָס רעפאָרמען, אויף וועלכע דידאָזיקע געזעלשאַפט איז געווען פעאיק, ניט ברעכנדיק אירע יסודות".

מאָנטעסקיעס בוך האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן ערפאָלג. פאַר צוויי יאָר האָט עס אויסגעהאַלטן צוויי־און־צוואַנציק אויפלאַגעס. די ענגלישע מלוכה־אָרדענונג איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אין יסוד פון די קאָנסטיטוציעס פון די גרעסטע אייראָפּעאישע מלוכות. מאָנטעסקיע איז געוואָרן דער גרינדער פון דער פאָליטישער קאָנסטיטוציאָנעלער לערע, וועלכע איז אַריין אין מלוכה־לעבן פון מעריב־אייראָפּע. די אידעען פון דעמדאָזיקן באַרימטן בוך זיינען אַריינגעדרונגען אויך אין ווייטן רוסלאַנד, דינענדיק אַלס קוואַל פאַר קאַטערינעס נאַקאַז.

איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו דער דריטער גרויסער פאָליטישער טעאָריע, וועלכע האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די אייראָפּעאישע מוחות, — צו רוסאָס טעאָריע, — מוז מען זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די אַזויגערופענע פיזיאָקראַטן, וואָס זייער הויפּטפאָרשטייער איז געוועזן קענע. די לערע פון די פיזיאָקראַטן איז אויך אַ טשיקאַווער פּרווו, אַרויסצופירן דאָס לאַנד פון דער שווערער לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביי דער אַלטער אָרדענונג. נעגליכן דערצו, ווי וואָלטער און מאָנטעסקיע האָבן פריער פאַר אַלץ אַרויסגעשטעלט די פרייהייט, געזאָרגט וועגן די פּאָליטישע רעכט פון דעם בירגער, אַזוי האָבן די פיזיאָקראַטן אַריבערגעטראָגן דעם צענטער פון דער פראַגע אויף די עקאָנאָמישע זייטן פון לעבן. קיינע רעכט, קיינע פרייהייטן קאָנען דעם מענטשן ניט ברענגען קיין גליק, אויב די נויט און די דחקות אין ברויט לאָזן מיט זיי ניט באַנוצן זיך. דעריבער דאַרף מען פריער פאַר אַלץ טראַכטן וועגן באַפרידיקן די מאַטעריעלע נויט פונם מענטשן. דער תוך פון דער פיזיאָקראַטישער לערע באַשטייט אין פאָלגנדיקן: די מענטשהייט קאָן ניט שאַפן מער רייכטימער, איידער די ערד גיט מאַטעריאַל פאַר דעם. אַלזאָ איז די איינציקע פּראָפעסיע, וואָס פירט צו דער פאַרגרעסערונג פון דער אַלמענטשלעכער עשירות, — די פעלדאַרבעטערישע. די פאָרשטייער פון אַלע איבעריקע פּראָפעסיעס, ווי, למשל, געלערנטע, בעלי־מלאכות, סוחרים און אַז. וו. זיינען אין דעם זין פון אָנקלייבן אַלמענטשלעכן רייכטום לחלוטין אומנוצלעך. ניט באַקומענדיק גאָרנישט פון דער ערד, גיבן דידאָזיקע קלאַסן גאָרנישט ניט צו צו דעם אַלגעמיינעם פאַרמעגן. זיי ענדערן נאָר די פאָרם פון זאַכן, וואָס זיינען שוין אַרויסבאַקומען און אין תוך גענומען זיינען זיי נאָר משרתים, וואָס באַקומען לוין פון דעם פעלדאַרבעטער. אַזוי אַרום הענגט פון דעם פעלד־אַרבעטערס עשירות אָפּ די עשירות פון אַלע קלאַסן און פון דעם קיניג גופא. ס'איז איבעריק צוריידן וועגן דעם, אויף וויפיל דידאָזיקע לערע איז געווען איינזייטיק. זי האָט איגנאָרירט אַלע וויכטיקע צווייגן פון דער אינדוסטריע,

וועלכע העלפן מיט צו פאַרגרעסערן דאָס פאָלקס־עשירות. אָבער פאַר יענער צייט, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אַפילו פאַר דער ווייטערדיקער עפאָכע, האָט דידאָזיקע טעאָריע געשפילט אַ וויכטיקע ראָלע. באַטראַכטנדיק דעם ערדאַרבעטער אַלס דעם איינציקן שפייזער פון די ניט־פראָדוקטיווע קלאַסן, האָט זי אַריינגעטראָגן דעם געדאַנק וועגן דער נייטיקייט צו באַפרייען אים פון דער פאַנשטשינע און אַנדערע הכבדות, וואָס האָבן אים געדריקט. „די נאַציע, — האָט וואָלטער געשריבן, — איז מיד געוואָרן פון פערזן, טראַגעדיעס, קאָמעדיעס, אָפערעס, ראָמאַנען, טשיקאַווע געשיכטעס, טעאָלאָגישע אַמפערייען, און האָט לסוף אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער וויכטיקייט פון ברויט". די ערדאַרבעט און די אינטערעסן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג זיינען געוואָרן די הויפטזאָרג פון די אויפגעקלערטע מאָנאַרכן.

אין 1749 יאָר, אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם, ווי עס איז ערשינען ד ע ר ג י י ס ט פ ו ן ד י ג ע ז ע צ ן, איז רוסאָ געגאַנגען באַזוכן דידראָ, וועלכער איז געזעסן אין געפענקעניש. אויפן וועג האָט ער צופעליק דערזען די טעמע, וואָס די ביזשאָנער אַקאַדעמיע האָט אויפגעגעבן פאַר אַ ווערק אויף אַ פרעמיע. דידאָזיקע טעמע איז געווען: „צי האָט די אויפלעבונג פון די וויסנשאַפטן און די קונסטן מיטגעווירקט, אַז די מידות זאָלן ריינער ווערן?" — „אַז איך האָב דאָס איבערגעלייענט, דערציילט רוסאָ, האָב איך גלייך דערזען אַ נייע וועלט און בין געוואָרן אַ נייער מענטש. טויזנטער געדאַנקען און בילדער האָבן זיך אויף מיר אַ שאָט געטאָן און מיך פאַרבלענדט. נייע אידעען האָבן זיך מיר תיכף פאָרגעשטעלט מיט אַזאַ אומגלויבלעכער קראַפט און אין אַזאַ כאַאָס, אַז איך בין געוואָרן גריילעך צערודערט. דער קאָפ האָט מיר געברענט, ווי אין היץ. איך האָב שווער געאָטעמט און עפעס האָט מיר צונויפגעדריקט די ברוסט. דעם אָטעם האָט מיר פאַרכאַפט גייענדיק און איך האָב מיך צוגעלייגט אונטער אַ בוים פון דער אַלייע. אַ האַלבע שעה בין איך געלעגן אין אַזאַ צושטאַנד, און ווען איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך באַמערקט, אַז די גאַנצע העמד איז ביי מיר נאַס פון טרערן. איך האָב די גאַנצע צייט געוויינט און אַליין עס ניט באַמערקט". אַזוי איז אַנטשטאַנען רוסאָס ערשטע ווערק, וואָס איז אַזוי ווי אַ מין איינלייטונג צו זיינע פאָליטישע, פעדאַגאָגישע און רעליגיעזע אידעען. רוסאָ האָט פאַרברייטערט די טעמע פון דער אַקאַדעמיע, און האָט זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן דער ווירקונג פון דער ציוויליזאַציע אויף דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. ער האָט זיך באַנוצט מיט דעמדאָזיקן צופאַל, כדי צו באַשאַפן אַ שאַרפע קריטיק פון דער גאַנצער אָרדענונג אין זיין צייט. דידאָזיקע ערשטע אַרבעט איז פול מיט ווידערשפרוכן און אומקלאָרקייטן; פונדעסטוועגן קאָן מען שוין אין איר באַמערקן די גרונט־אידעען, מיט וועלכע עס איז פול די גאַנצע שפעטערדיקע פילאָזאָפיע זיינע. בראש פון דידאָזיקע אידעען שטייט דער געדאַנק, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך אַלע רוסאָס ווערק, דער געדאַנק, וואָס ער אַליין האָט אים אויסגעדריקט אין דעם באַוואוסטן פאַראַדאָקס: „אַלץ גייט אַרויס ריין פון דעם שעפערס הענט; אַלץ ווערט קאַליע אין דעם מענטשנס

הענט". דער נאַטירלעכער צושטאַנד איז העכער פאַר דעם געקינצלטן, וואָס די ציוויליזאַציע האָט געשאַפן. די וויסנשאַפטן און די קונסטן פאַרפולקומען זיך אַלץ, און די מענטשן ווערן אַלץ ערגער. אָט דאָס זיינען די גרונטגעדאַנקען פון דעמדאָזיקן ערשטן ווערק. אַנטוויקלענדיק ווייטער דידאָזיקע אידעע, רעכנט רוסאָ אויס אַלע שעדלעכע זייטן פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע האָבן אים געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך באַציען נעגאַטיוו צו די עראָבערונגען פון דער קולטור. העכער פאַר אַלץ דאַרף שטיין דער אמת און די מאָראַלישע העלדשאַפט. זיי זאָלן זיין דער ציל פון גאָר דאָס לעבן. די וויסנשאַפט דאַרף זיי באַדינען. און דאָ פאַרפאַלגט די וויסנשאַפט ווייט ניט אַלעמאָל מאָראַלישע צילן. יעדע בוך-חכמה ווערט געבוירן פון אַ נידעריקן קוואַל: אַסטראָנאָמיע פון אָבערגלויבן; אָראַטאָרישע קונסט — פון ערגייציקייט, ניט-אויפריכטיקייט און חניפה. געאָמעטריע — פון קאַרגקייט; פיזיק — פון פוסטער נייגעריקייט; און די מאָראַלישע פילאָזאָפיע — פון מענטשלעכער גאוה. זינד געבוירט זיי און זינד שטיצט זיי. ווי וואָלטן קונסט און וויסנשאַפט עקסיסטירן, ווען דער לוקסוס וואָלט זיי ניט געשטיצט? צו וואָס נוצט די יוריספּרודענץ, אויב מענטשן וועלן לעבן מיט יושר? אַזוי אַרום איז די ערשטע שולד פון דער ציוויליזאַציע און פון דער וויסנשאַפט דאָס, וואָס זי שטעלט דעם טאַלענט העכער פאַר מידות טובות. וואָס מענטשן אינטערעסירן זיך מיט דער פראַגע, צי איז דער מענטש אַ בעל-שכל, מער, איידער מיט דער פראַגע, צי איז ער אַ בעל-מידות טובות. מען פרעגט, צי איז דאָס בוך גוט אָנגעשריבן, און מען פרעגט ניט, צי איז עס נוצלעך. די צווייטע באַשולדיקונג קעגן דער וויסנשאַפט באַשטייט אין איר נוצלאָזיקייט. די באַרימטע פילאָזאָפן, וואָס זיי איז באַוואוסט דער גאַנג פון די פּלאַנעטן און קאָמעטן און די געזעצן פון דער געמיינזאַמער צוציאונגסקראַפט פון די קערפּערס, זייגען ניט אימשטאַנד צו דערוויזן, אַז אָן דידאָזיקע וויסנשאַפטן וואָלטן מענטשן געוואָרן ווייניקער אין צאָל, ווייניקער גליקלעך און וואָלטן ערגער אייגעאָרדנט זייער ממשלה. ווייטער, די ציוויליזאַציע געבוירט פוילקייט און לוקסוס, מאַכט קאַליע דעם געשמאַק און שוואַכט אָפּ דעם כאַראַקטער. מען לערנט די קינדער אַלץ, וואָס איר ווילט, נאָר מען ערקלערט זיי גיט זייערע חובות. מענער און פרויען אין דער געזעלשאַפט האָבן זיך אויסגעלערנט איידל צו באַגיין מיטאַנאַנדער, זיי זיינען אָבער פאַרביטערטע געוואָרן, האָבן פאַרלאָרן יעדע ריינקייט און אויפריכטיקייט. אין וואָס-זשע איז די רעטונג? אין דעם נאַטירלעכן צושטאַנד. רוסאָ קניט זיך פאַר די פעלקער, וועלכע שטייען אויף די ערשטע מדרגות פון זייער אַנטוויקלונג. די פערסן האָבן לייכט איינגענומען גאַנץ אַזיע. ביי זיי האָט מען זיך ניט געלערנט קיין בוכקענטעניש, נאָר מען האָט אין קינדער דערצויגן מאָראַלישע שיינקייט און זיי געגעבן לעבן-קענטעניש. דער אויטאָר איז אַנטציקט פון די סקיטן, דערמאָנט, מיט וואָס פאַר אַ פרייד דער מידער טאַציט פלעגט רוען צווישן די גערמאַנער, מיט וואָס פאַר אַ ליבע דער זון פון קולטורעלן רוים האָט באַשריבן זייער נאַיווקייט, גוטע מידות און פשטות. אפילו רוים גופא איז פשוט, יונג און שטאַרק, כל זמן די געלערנטע און די רייכע

האָבן זי ניט שוואַך געמאַכט. און אויך אין דער געזעלשאַפט פון זיין צייט געפינט רוסאָ אַזאַ אידעאַלע לעבנס־אָרדענונג. דאָס איז דאָס לעבן פון די שווייצער. איינמיטן איירָאָפּע, זאָגט ער, איז פאַרהאַן אַ קליין מוטיק פאָלק. דאָרט לעבט מען פּשוט און אָן קונצן. אומזיסט מיינט מען, אַז אַזעלכע פעלקער, וואָס האָבן נאָך ניט טועם געווען פון דער ציוויליזאַציע, זיינען נאַריש. זיי פאַרשטייען אויסגעצייכנט דעם ווערט פון קענטעניש, אָבער מער פאַר אַלץ שאַצן זיי די קראַפט פון ווילן, דעם כאַראַקטער, די מאָראַלישקייט און די לעבנסקענטעניש. זיי פאַראַכטן דאָס ליידיקגיין, דעם לוקסוס, די פריצישע אומבאַהאָלפנקייט, די אָפּהענגיקייט פון די אַרומיקע און דאָס לעבן אויפן פרעמדן חשבון. רוסאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז אומקערן זיך צום אורערשטן צושטאַנד איז שוין איצט ניט מעגלעך. ער האָט לגמרי ניט געהאַט בדעה צו פאָדערן, מען זאָל פאַרברענען די ביבליאָטעקן און פאַרמאַכן די אוניווערזיטעטן. אַזאַ מאָסמיטל וואָלט ניט אויסגעבעסערט די געזעלשאַפט און וואָלט נאָר מוסיף געווען צו אירע נעגאַטיווע זייטן די אומוויסנהייט. די וויסנשאַפטן דאַרפן פאַרבלייבן, מחמת מיט זייער הילף קאָן מען אין אַ געוויסער מאָס אויסבעסערן דאָס בייז, וואָס זיי אַליין האָבן געבראַכט אויף דער וועלט. אַזאַ איז געווען דידאַקטישע אַרבעט פול מיט סתירות, אָבער אויך מיט דרייסטע אָריגינעלע געדאַנקען, מיט הייסן פּראָטעסט קעגן דער פאַלשער קולטור. דאָס ווערק האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן ערפאָלג. די געזעלשאַפט האָט דעם אויטאָר מוחל געווען די אומבאַשטימטקייט פון זיינע אויספירן, דאָס, וואָס עס פעלט ביי אים אַן אָנווייזונג, ווי מען זאָל געפינען אַ פּראַקטישן אויסגאַנג. אין דעמדאָזיקן ווערק האָט די מאַסע דערהערט אַ ליידנשאַפטלעכן פּראָטעסטגעשריי, וועלכער רייסט זיך פון איר אייגענעם האַרצן. אין אים האָט זיך אויסגעגאָסן די אָנגעקאָכטע פאַרביטערונג פון די אומגליקלעכע; אין אים איז באַוויזן געוואָרן דער אונטערשלאַק פון דעם ציוויליזירטן לעבן, וואָס שטאָלצירט מיט דעם ערפאָלג פון שכל; אין אים איז אויפגעדעקט געוואָרן די פּוסטקייט פון סאַלאָן־געבילדעטקייט, אַנטפּלעקט געוואָרן דער פּוסטער גלאַנץ, וואָס האָט פאַרדעקט די אינערלעכע אויסגעלאַסנקייט פון דער פאַרווילדעטער געזעלשאַפט.

אין פיר יאָר אַרום האָט די דיזשאָנער אַקאַדעמיע פאָרגעלייגט אַ נייע טעמע: „ווי איז אַרויסגעקומען די אומגלייכקייט צווישן מענטשן, און צי איז זי באַרעכטיקט דורך די נאַטירלעכע געזעצן?‟ רוסאָ שרייבט אַ ניי ווערק, אין וועלכן ער אַנטוויקלט ווייטער די געדאַנקען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער ערשטער אַרבעט, און ער באַמיט זיך צו באַשאַפן אַ טעאָריע, ווי אַזוי איז אַרויסגעקומען די מלוכה. אין דעם ערשטן טייל מאָלט דער אויטאָר אַ בילד פון אוראַלטן מענטשלעכן צושטאַנד. ער באַשרייבט אונז, ווי אַזוי דער אוראַלטער מענטש לעבט אויף דער פרייהייט, אָדער אין היילן, ער לעבט מיט אַ לעבן ווי אַלע חיות, רעדט זיך צונויף אויפן וואונק און דורך אויסגעשרייען,—מיט איין וואָרט, דער אויטאָר באַשאַפט אַ גאַנץ פאַנטאַסטיש בילד פון אוראַלטן לעבן. פון דער נאַטור אויס, זאָגט דער אויטאָר, זיינען מענטשן פּונקט

אַזוי גלייך צווישן זיך, ווי די חיות. ווי אַזוי־זשע איז ביי זיי פאָרגעקומען די אומגלייכהייט? רוסאָ שיידט אונטער אין דער געשיכטע פון איר אַנטשטיין און אַנטוויקלען זיך דריי מאָמענטן. דער ערשטער מאָמענט—דאָס איז די גרינדונג פון אייגנטום. דער ערשטער, וואָס האָט אויסגעצאַמט אַ שטיקל ערד און געזאָגט: „דאָס איז מיינס", און ער האָט געפונען אַזעלכע פשוטע נשמות, וואָס האָבן אים געגלויבט, יענער איז געווען דער גרינדער פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. וויפל שרעקן, צרות, פאַרברעכנס און מלחמות וואָלט פאַרמידן דער מענטש, וואָס וואָלט צעשטערט דעם צאַם, וואָס האָט געדינט פאַר אַ גרעניץ און וואָלט אַ געשריי געטאָן צו די מענטשן: גלויבט ניט דעמדאָזיקן רמאי! איר זייט פאַרלאָרן, אויב איר וועט פאַרגעסן, אַז די פרוכט געהערן צו אַלעמען, און די ערד געהערט צו קיינעם ניט!" אַזוי איז אַנטשטאַנען אייגנטום—מען האָט געמוזט צעטיילן די ערד. זיינען געוואָרן רייכע און אָרעמע. די רייכע האָבן געדאַרפט פאַרטיידיקן זייער פאַרמעגן. האָבן זיי געזאָגט צו די אָרימע: לאָמיר זיך צוזאַמען פאַראייניקן, כדי צו פאַרטיידיקן די שוואַכע פון דרוק, צו באַצוימען די ערגייציקע, פאַרזיכערן יעדערן דאָס, וואָס אים געהערט. צו וואָס זאָלן מיר פטרן די כוחות אויף קאַמף צווישן אַנאַנדער? לאָמיר זיך פאַראייניקן אונטער איין אַלגעמיינער מאַכט, וואָס וועט איבער אונז רעגירן אויפן יסוד פון קלוגע געזעצן, וועט אונטערהאַלטן אייביקן פרידן און אָרדענונג, וועט אָפּטרייבן דעם אַלגעמיינעם שונא און באַוואַכן פון געפאַר די גאַנצע געזעלשאַפט". אַלע האָבן מסכים געווען, מחמת מ'האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז דעם פאָרשלאָג לויענט אָנצונעמען. מענטשן האָבן ניט פאָראויסגעזען, סאַר אַ געפאַר עס שטעקט אין אים, און זיי האָבן אויף זיך אָנגעטאָן אַ יאָך, כדי צו פאַרזיכערן זיך פרייהייט. דאָס איז געווען דער צווייטער מאָמענט ביים בילדן די מלוכה דורך געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך. דער דריטער און דער לעצטער מאָמענט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די געזעצלעכע מאַכט איז אַריבער אין אַ ווילקירלעכע. די מלוכה האָט אויף אייביק מבטל געמאַכט די נאַטירלעכע פרייהייט, סאַנקציאָנירט אייגנטום און אומגלייכהייט, געמאָלדן די אומגערעכטיקייט און די געוואַלט אַלס פעסטע רעכט, און צוליב דער טובה פון אַ ביסל עגאָאיסטן, האָט זי פאַרמשפּט דעם גאַנצן מענטשלעכן מין אויף פראַצע, אָרעמקייט און קנעכטשאַפט. די מאַכט איז געגרינדעט געוואָרן צוליב פאַרטיידיקן די פרייהייט, ניט צוליב פאַרניכטן זי. און דאָ האָבן די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די מאַכט אין האַנט, אָנגעהויבן זי צו רעכענען פאַר זייער אייגנטום, און אַזוי אַרום איז די געזעלשאַפט צעפאַלן געוואָרן אויף הערן און אויף קנעכט. אין דערדאָזיקער טעאָריע ווייזט זיך רוסאָ אַרויס אין תוך אַלס נאָכפאָלגער פון לאָקן און אַפילו פון האָבסן. האָבס האָט שוין אַרויסגעזאָגט די אידעע וועגן נאַטירלעכן צושטאַנד און וועגן דעם, אַז די מלוכה איז געגרינדעט געוואָרן דורך אָפּמאַך. לאָק האָט שוין גערעדט וועגן דאָס אויבערערכט פון פאָלק. אָבער רוסאָ האָט זייערע געדאַנקען אַנטוויקלט און אַרויסגעזאָגט אין יענער הייסער ליידנשאַפטלעכער פאָרם, וואָס האָט זיי געמאַכט באַזונדער געפערלעך.



מאָנטעסקִיע

ערשט אין ניין יאָר אַרום, אין 1762 יאָר, איז אַרויס רוסאָס פּאָליטישע הויפּט=אַרבעט — דער געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך, אָדער די פּרינציפּן פון מלוכה=רעכט. אין דעמדאָזיקן ווערק האָט רוסאָ אַרויסגעזאָגט זיינע פּאָזיטיווע מיינונגען וועגן מלוכה=איינאָרדענונג. חרוב געמאַכט אין די ערשטע צוויי אַרבעטן די יסודות פון דער אַלטער אָרדענונג, באַשאַפט דאָ רוסאָ זיין טעאָריע פון אַ נייער אָרדענונג. כדי צו פאַרשטיין דעם מהות פון דער דאָזיקער טעאָריע און די באַזונדערהייטן, מיט וועלכע זי שיידט זיך אונטער פון וואָלטערס און מאָנטעסקיעס פּאָליטישע אָנשויאונגען, דאַרף מען געדענקען, אַז וואָלטער איז געווען אַ גרויסער ערדבאַזיצער, און ביי גאָר זיין שנאה צו די פּריווילעגיעס, האָט ער זיך ניט באַשלאָסן צו אָנערקענען די פּויערים=מאַסע פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטן און אַ פולקום באַוואוסטזיניקן עלעמענט פון דער געזעלשאַפט. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז מאָנטעסקיע איז געווען אַן אַריסטאָקראַט, און דעריבער האָט ער אין זיין פּאָליטישער לערע אויך געטיילט די געזעלשאַפט אויף צוויי ניט גלייכע גרופּעס. רוסאָ איז אַ פאָרשטייער פון דעם ווירקלעך פּשוטן המון. ער אַליין שטאַמט פון דער קליין=בורזשואַזיע. ער איז געווען באַקאַנט מיט דער נויט, האָט געוואַנדערט אין אָרעמקייט, האָט ליב געהאַט אַריינמישן זיך אין המון. אַ הונגעריקער, האָט ער געפונען אַן אָרט אויפצוהאַלטן זיך ביי פּויערים, וואו ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען דעם פאָלקס ליידן, זיין פּשטות און זיין גוטסקייט. דער געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך איז ערשינען אין דער צווייטער העלפט פון דעם יאָרהונדערט, ווען די פאָלקסמאַסע, צו וועלכער אַפילו וואָלטער און דידראָ האָבן זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג, האָט אָנגעהויבן אויף זיך צו ציען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. צו איר געהערן די קליינע בעל=מלאכות, הענדלער, ערדאַרבעטער. נאָר איבערהויפּט מיינט מען מיטן וואָרט „פאָלק“ די דאָרפישע מאַסע, און אַלס איר פאָרשטייער טרעט רוסאָ אַרויס מיט זיין טעאָריע. דעריבער איז לייכט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס רוסאָ איז ניט מסכים מיט מאָנטעסקיעס פּאָליטישע אָנשויאונגען. אַנטקעגן מאָנטעסקיעס לערע וועגן אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע, שטעלט ער אַרויס די נייע לערע וועגן דעמאָקראַטיע און רעפּובליק. די ערשטע סענטענץ, מיט וועלכער מיר באַגעגענען זיך אין געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך, זאָגט: „דער מענטש ווערט אויף דער וועלט געבאָרן אַ פרייער, און דאָ איז ער אומעטום געשמידט אין קייטן“. רוסאָ האָט דערוויזן, אַז מען קאָן פון קיין שטאַנדפּונקט ניט באַרעכטיקן דידאָזיקע קנעכטשאַפט. דערביי אַנטוויקלט ער די געדאַנקען, וועלכע ער האָט שוין אַרויסגעזאָגט אין זיין ווערק וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער מאָראַלישקייט. ער האַלט זיך ווייטער פאַר דאָס זייניקע, אַז פאַראייניקנדיק זיך אין אַ מלוכה, האָבן מענטשן ניט געקענט און ניט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון זייער פרייהייט. זיי האָבן נאָר געוואָלט געפינען אַ פאָרם פון פאַראייניקונג, וועלכע זאָל מיט דער אַלגעמיינער קראַפט פון די מאַסן פאַרטיידיקן און זיין אַ שמירה פאַר דער פּערזענלעכקייט און פאַר דעם אייגנטום פון יעדער באַזונדער מיטגליד פון דער מלוכה, און אין וועלכער יעדער, הגם

פאַראייניקט מיט אַלעמען, איז אונטערטעניק נאָר זיך אַליין און בלייבט, אַלזאָ, אַזאַ פרייער ווי ביז אַהער". דידאָזיקע אויפגאַבע ווערט געלייזט דורך דעם געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך, וועלכן מען קאָן בקיצור אויסדריקן אין פאָלגנדיקע ווערטער: „יעדער פון אונז שטעלט צוזאַמען מיט אַנדערע זיין פערזענלעכקייט און זיין גאַנצע קראַפט אונטער דער אויבער־אָנפירונג פון דעם אַלגעמיינעם ווילן, און דאַן נעמען מיר אויף יעדן מיטגליד, ווי אַן אומטיילבאַרן חלק פונם גאַנצן". דערפון הייבט זיך אָן דער גרונד־געדאַנק פון דעם גאַנצן ווערק רוסאָס — אַז די אויבערמאַכט אין דער מלוכה געהערט צום פאָלק. אין קעגנזאַץ צו מאָנטעסקיע האַלט רוסאָ, אַז דאָס אויבעררעכט, אַלס ערפילונג פונם אַלגעמיינעם ווילן, קאָן ניט אָפּגעפרעמדט ווערן. דער אויבער־רעגירער איז נאָר דער קאָלעקטיווער קערפער פון פאָלק, דאָס הייסט דאָס פאָלק גופא. ווייטער האַלט רוסאָ אין קעגנזאַץ צו מאָנטעסקיע, אַז די אויבערמאַכט איז אויך ניט קיין טיילבאַרע. רוסאָ אָנערקענט ניט די צעטיילונג פון דער מאַכט אויף געזעצגעבערישע און אויספירערישע. דאָס וואָלט געהייסן מאַכן דעם סוווערען פאר אַ פאַנטאַסטישע בריאה, פאַר אַ מענטשן מיט עטלעכע קערפערס, וואָס דער האָט די אויגן, יענער — די הענט, דער דריטער — די פיס. אָבער אויב די מאַכט געהערט צום פאָלק, טאָ וואָס־זשע איז אַזוינס די רעגירונג? זי איז נאָר אַ פאַרמיטלערין צווישן פאָלק, אַלס סוווערען, און צווישן פאָלק אַלס אונטערטאַן. רוסאָ מיינט, אַז די פאָרם פון רעגירונג קאָן זיין אַ פאַרשיידענע, נאָר וויכטיק איז, אַז די רעגירונג זאָל אויסדריקן מער ניט ווי דעם פאָלקס־ווילן, און ניט זי זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אַ זעלבשטענדיקע מאַכט, וואָרעם אויב ניט אַזוי, וואָלטן אין דער מלוכה געווען צוויי אויבער־רעגירער. ווי־זשע זאָל מען עס פאַרווירקלעכן? ווי־זשע אָרדנט מען איין, אַז די רעגירונג זאָל ניט סותר זיין דאָס אויבעררעכט פון פאָלק? רוסאָ פאָדערט אָפטע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אָבער היות ווי דאָס אויבעררעכט קאָן ניט אָפּגעפרעמדט און געטיילט ווערן, על־כן מוז דאָס פאָלק זיך פאַרזאַמלען ניט דורך זיינע דעפּוטאַטן און פאָרשטייער, נאָר אינגאַנצן אַליין, ביז איינעם. דידאָזיקע פאָלקס־פאַרזאַמלונג קאָן צו יעדער צייט באַשליסן די פראַגע וועגן דעם, צי זאָל בלייבן די עקסיסטירנדיקע פאָרם פון רעגירונג, צי ניט. פאַרשטייט זיך אַליין פון זיך, אַז אַזעלכע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען זיינען ניט מעגלעך אין קיין גרויסע מלוכות. אָבער רוסאָ איז דערפון ניט צעטראָגן, און זעט אין דעם איין אַ נייעם באַווייז דערויף, אַז קליינע מלוכות זיינען בעסער, איידער גרויסע. די גריכישע שטעט, וואָס זייער איינאָרדענונג איז נאָענט צו רוסאָס אידעאַל, האָבן מנצח געווען די מעכטיקע פערסישע קיניגן. די קליינע האָלאַנד און שווייץ האָבן געקעמפט קעגן דער גרויסער עסטרייך. רוסאָ האָט ניט אָנגעוויזן קיין אויסגאַנג פאַר די שוין געשאַפענע גרויסע מלוכה־אָרגאַניזמען, ווי זאָל מען אין זיי פאַרווירקלעכן פולקומע פרייהייט און גלייכהייט, ווי זאָל מען מאַכן פריי יענע, וואָס זיינען ניט מסכים מיט די פאָדערונגען פון אַלגעמיינעם ווילן — דידאָזיקע פראַגן האָבן ביי רוסאָ ניט געפונען קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער. ער מוז פון סוווערען־פאָלק באַשאַפן אַ מיסטישן וועזן אָן רעאַלע פאָרמען.

צונויפמישן דעם אידעאַל מיט דער ווירקלעכקייט, באַנוצן זיך מיט אַפּריאָרישע סברות, ווי: דער געזעלשאַפטלעכער בונד איז בטבע אומפּעלערהאַפט, אָבער די באַזונדערע פּערזאָן קאָן אַ טעות האָבן און, זוכנדיק אייגענעם נוץ, שטעלן זיך אין סתירה צו דעם נוצן פון גאַנצן. אָבער דעמאָלט מוז די געמיינדע אים נויטן אונטערצוגעבן זיך איר ווילן. „זי מוז אים, — זאָגט רוסאָ, — נייטן צו זיין פריי". אין דערין ווייזט זיך ווידער אַרויס די נטיה צום דאָגמאַטיזם, דער גלויבן אין דער אַבסאָלוטישקייט פון די אייגענע קאָנסטרוקציעס, וואָס זיי ליגן אין דער טבע פון דער נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג. אַרויסשטעלנדיק דעם פאַרשטאַנד אָנשטאָט דער טראַדיציע און דעם גלויבן, האָבן די ראַציאָנאַליסטן אים צוגעגעבן דיזעלבע אַלאומפּאַסנדיקע באַדייטונג, וואָס די קאַטוילישע וועלט האָט געגעבן דער רוימישער קירך. די קירך האָט פאַרברענט די כּופרים, כּדי דערמיט זיי מציל צו זיין פון גהינם, רוסאָ האָט די בירגער געשמידט אין קייטן צוליב זייער אייגענער פרייהייט.

נאָך קלערער טרעט אַרויס דידאָזיקע סתירה אין רוסאָס לערע וועגן דער מלוכה־רעליגיע. דאָס פאָלק־סוווערען באַשטימט אויך די אַלגעמיינע פאַר אַלעמען רעליגיע. די רעליגיע איז נייטיק, כּדי די בירגער זאָלן ליב האָבן זייערע פליכטן. דער בירגער קאָן טיף אין האַרצן פאַר זיך האַלטן פון וועלכע רעליגיעזע לערעס ער וויל, אָבער זיין רעליגיע טאָר גיט ווידערשפּרעכן דער מלוכה־רעליגיע. דידאָזיקע רעליגיע דאַרף זיך באַגרענעצן נאָר מיט אַלגעמיינע דאָגמאַטן, דהיינו — מיט דעם גלויבן אין גאָטס קיום, אין יענער־וועלט, וואו די צדיקים ווערן באַלוינט, די רשעים — געשטראָפט; מיט דעם גלויבן אין דער הייליקייט פון דער מלוכה און אין די מלוכה־געזעצן; זי דאַרף אויך זיין פריי פון יעדער אומטאָלעראַנץ. און דערזעלביקער רוסאָ, וואָס איז פאַר אַזאַ ברייטער טאָלעראַנץ, פאַרמשפּט צו גירוש פון לאַנד און אַפילו צו טויטשטראָף די, וואָס זיינען עובר אויף דער מלוכה־רעליגיע. דאָס זיינען אין אַלגעמיינע שטריכן די יסודות פון דערדאָזיקער דריטער פּאָליטישער לערע, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען פּאַטריאַרכאַלישע דעמאָקראַטיע. דאָס איז די אידעאָלאָגיע פון דער פּויערים־מאַסע. ניט געקוקט אויף איר אַפּריאָרישן כאַראַקטער און אויף דערביי רוסאָ אין מויל משונהדיקער פאַריידיקט פון דעספּאָטיזם, האָט דאָך רוסאָס טעאָריע געהאַט גרויס ערפאָלג מיט אירע אידעען וועגן דער אַלגעמיינער גלייכהייט און וועגן דער אויבערהערשאַפט פון פאָלק. דידאָזיקע לערע איז גיכער אַ טרוים, איידער אַ מעגלעכע פּראַקטיש פאַרווירקלעכט צו ווערן מלוכה־אָרדענונג. רוסאָ אַליין האָט געפּילט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, אַז זיין פּאָליטישע לערע קאָן ניט אָנגעווענדט ווערן. ער זאָגט: „ווען עס וואָלט עקזיסטירט אַ פאָלק, וואָס באַשטייט ניט פון מענטשן, נאָר פון געטער, וואָלט די ממשלה ביי אים בלי־ספק געווען אַ דעמאָקראַטישע. פאַר דער מענטשהייט איז די צופיל פולקום". רוסאָ האָט ניט פאַראויסגעזען יענע שרעקלעכע פאָלגן, וואָס זיין בוך האָט אַרויסגערופן. ער איז אַ קעגנער פון הריגות און געוואַלדטאַטן, און עס איז אַ ספק, צי ער וואָלט מיטגעפילט דער רעוואָלוציע. ס׳איז אָבער קיין ספק ניט, אַז קיין פילאָזאָף האָט ניט אָנגעצונדן אַזאַ פלאַקער ביי

די רעוואָלוציאָנערן אין די הערצער, ווי רוסאָ. „די לייכטע לייזונג פון די סאָציאַלע אויפגאַבן, — זאָגט איינער פון רוסאָס ביאָגראַפן, — האָט אַזוי געצויגן, אַז דער געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך איז געוואָרן די עוואַנגעליע פון דער רעוואָלוציע-צייט. אַזעלכע מענטשן ווי מאַראַט האָבן אין 1778 יאָר אויף פּאַריזער גאַסן געלייענט דאָס בוך. און דאָס אַנטציקטע פאָלק האָט מיט רעש אויסגעדריקט זיין התפעלות. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט זיך יעדער שענקאָראַטאָר אויף אים סומך געווען און אויף זיין אייגענעם שטייגער איבערגעגעבן זיינע אידעען. יונגע יוריסטן האָבן געלויבט די אידעאַלע פּאָליטיק פון דעמדאָזיקן פּובליציסט פון דער צוקונפט. סאָלדאַטן האָבן אים געלייענט אין די קאַזאַרמעס". אַלע זיינען נתפעל געוואָרן פון דעם בוך. די דעמאָקראַטישע מיינונגען זיינען געוואָרן מאָדישע אין די סאַלאָנען און נאָכדעם זיינען זיי אַרויס אויפן גאַס. אַלע האָבן גערעדט וועגן ברידערלעכקייט און גלייכהייט. דער המון האָט זיך באַרואיקט ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט אויסגעגלייכט אַלע שטאַנדן. די אָנפירער פון דער רעוואָלוציע האָבן אַליין די אויספירן פון דעם בוך דערפירט ביזן שרעקלעכן סוף. רוסאָ האָט ניט איינמאָל געמאָלדן, אַז ער אַכט זייער די געזעצן און די עקזיסטירנדיקע אַנשטאַלטן, און פאַרקערט — אַז אים עקלט פון רעוואָלוציע און פאַרטייאישע מחלוקתן.

מיט זיין פּאָליטישער לערע איז ביי רוסאָ ענג פאַרבונדן זיינע פּעדאַגאָגישע אָנשויאונגען. רוסאָ געהערט צו יענע דענקער, וואָס פאַרשטייען די ענגע שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישן פאַרשיידענע זייטן פון לעבן. און ער האָט געפּרוווט איינצושטעלן אַ האַרמאָניע צווישן דער ערציאונג, דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, דעם משפחה-לעבן, דער רעליגיע און אַז. וו.

זיינע פּעדאַגאָגישע אָנשויאונגען האָט רוסאָ איבערגעגעבן אין זיין בוך *עמיל, אָדער וועגן ערציאונג*. אויך דאָס בוך איז מערקווירדיק ניט אַזוי מיט דער נייקייט פון די אָנשויאונגען, ווי מיט דער הייסער ליידנשאַפטלעכקייט, מיט וועלכער דער אויטאָר רעדט וועגן די אידעאַלן פון ראַציאָנעלער ערציאונג. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן גענוי אויף דידאָזיקע אידעאַלן. פאַר רוסאָ זיינען שוין פיל פון זיי אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך ראַבלע, לאָק און אַנדערע דענקער. מיר וועלן נאָר אָנווייזן אויף אייניקע מער וועזנטלעכע רוסאָס פּעדאַגאָגישע אָנשויאונגען. רוסאָ גייט אַרויס פון זיין באַליבטער אידעע וועגן דעם יתרון פון דעם נאַטירלעכן צושטאַנד. ער איז קעגן דעם, וואָס מען ברעכט דאָס קינד צוליב דער פאַלשער לעבנס-אָרדענונג. דעריבער האָט זיין בוך געמאַכט אַן איבערקערעניש ניט נאָר אויף דעם געביט פון ערציאונג. ריידנדיק וועגן ערציאונג, האָט רוסאָ פאַרבייגייענדיק שאַרף קריטיקירט דאָס ליידיקגייערישע אויסגעלאַסענע לעבן פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט. ער הייבט אָן מיט דעם ערשטן טאָג פון דעם קינדס לעבן, ווי עס גייט אַרויס אויף דער וועלט. די נאַטור פאָדערט, אַז די מוטער זאָל שטילן אירע קינדער, און דאָ האָבן די גרויסוועלטיקע דאַמען אָפּגעשיקט זייערע קינדער אין דאָרף צו אַמען, כדי די זאָרגן וועגן די קינדער זאָלן זיי ניט שטערן צו לעבן אַ גוטן טאָג. „פרויען מוטערס! — שרייט רוסאָ אויס, — זויגט אייערע קינ-

דער! איר קאָנט אונז דעמאָלט געבן אַ נייע אויפלעבונג. רייסט פון זיך ניט אָפּ אייערע קינדער, וועט זיך גאָר אונזער לעבן ענדערן! אין מענטשן וועלן ווידער אויפוואַכן לעבעדיקע געזונטע געפילן, און אַלדאָס מיאוסעס און שמוציקס וועט ממילא פאַרשווינדן. מיר וועלן זיך דעמאָלט פאַראייניקן, און דאָס פאָלק, די מלוכה וועלן זיין שטאַרקער. עס וועלן ווידער אויפלעבן די משפחה, די געזעלשאַפט. אַלץ וועט ווערן נאָרמאַל, נאַטירלעך. פרויען, ווערט מוטערס, וועלן די מאַנסביל ווערן פאָטערס און מאַנען". דאָס איז דער ערשטער פּרינציפּ פון ערציאונג: מען טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פון די פאָדערונגען פון דער נאַטור. דעמזעלבן פּרינציפּ דאַרף מען פאָלגן אויך אין דער ווייטערער ערציאונג: מען דאַרף דעם קינד געבן די מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען און צו שטאַרקן זיך. מען טאָר ניט אונטערדריקן זיינע געזונטע אינסטינקטן, די פאַרשטאַנדיקע און נאַטירלעכע נטיות און שטרעבונגען. דערפון נעמט זיך אַ גאַנצע ריי פּריוואַטע פאָדערונגען ביי רוסאָ. ער פאָדערט, אַז מען זאָל דאָס קינד ניט באַלעסטיקן מיט אַרבעט פאַר דער צייט. מען זאָל אים ערלויבן צו שפּילן זיך און צו שטיפן אויף דער פרייהייט. רוסאָ זעט ניט איין קיין גרויס אומגליק, אויב דאָס קינד וועט ניט קענען לייענען און שרייבן ביז צוועלף יאָר. באַשאַפן אַ מענטשן, און ניט קיין פאָרשטייער פון דער אָדער יענער פּראָפעסיע — דאָס איז דער ציל פון ערציאונג. פון זיינע הענט, זאָגט רוסאָ, וועט דאָס קינד ניט אַרויס ניט קיין ריכטער, ניט קיין גלח, ניט קיין סאָלדאַט. עס וועט קודם-כל זיין אַ מענטש. די ערשטע פאָדערונג, וואָס ער שטעלט צו די עלטערן, איז אַזאַ, זיי זאָלן אַליין פערזענלעך אויף זיך נעמען די דאגה וועגן קינד. „ווען די שטים פון בלוט, זאָגט ער, איז ניט אונטערגעשטיצט מיט רגילות און דורך זאָרגן, ווערט זי אַנטשוויגן שוין אין די ערשטע יאָרן, און דאָס האַרץ שטאַרבט אָפּ איידער, אַזוי צו זאָגן, עס ווערט נאָך געבוירן. מיר האָבן שוין ביי די ערשטע טריט אָפּגעווייכט פון דער נאַטור. דאָס קינד דאַרף ליב האָבן די מוטער, איידער עס וועט נאָך וויסן, אַז מען דאַרף זי ליב האָבן".

פון רוסאָס גרונט-געדאַנק שטאַמט שוין אויך יענע וויכטיקע באַדייטונג, וואָס ער גיט-צו דער פיזישער ערציאונג. ער האַלט די פיזישע געזונטהייט פאַר אַזאַ וויכטיקן תנאי פון רעגלמעסיקער אַנטוויקלונג פון מענטשן, אַז ער באַזייטיקט לגמרי פון זיין טעאָריע די קראַנקע קינדער. „ווער עס נעמט אין די הענט אַ שוואַך און קראַנק קינד, יענער טוישט אויס דעם נאָמען ערציער אויפן נאָמען קראַנקען-וועכטערין; אויף פאַרהיטן דאָס נוצלאָזע לעבן פטרט ער די צייט, וואָס איז באַשטימט אויף צו פאַרמערן אירע ווערטן. נאָר געזונטע קינדער, וועלכע נייטיקן זיך ניט אין דער הילף פון מעדיצין, אינטערעסירן רוסאָס אויפמערקזאַמקייט. דעם געזונט דאַרף מען אַנטוויקלען און אונטערהאַלטן מיט שפּילן און פיזישע איבונגען. מען דאַרף צוגעוויינען דאָס קינד צו זעלבשטענדיקייט. דאָס ערשטע בוך, וואָס מען דאַרף אים געבן, איז ראָבינזאָן קרוזאָ. אין אים איז באַוויזן די באַדייטונג און די דערהויבנדיקע השפעה פון אַרבעט. מען דאַרף דאָס קינד ניט לערנען אַזוינס, וואָס עס וועט בעסער

אַליין זיך אויסלערנען פון דער ערפאַרונג. „קנאַפּ־וואָס איך האָב מיך ניט געסטאַרעט אָפּצוהיטן עמילן פון אָפּשלאָגן זיך, נאָר איך וואָלט אַפילו געווען זייער ניט צופרידן, ווען ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשלאָגן, און געוואַקסן, ניט וויסנדיק וואָס איז ווייטאָק". „יסורים—דאָס איז די ערשטע זאַך, וואָס ער מוז זיך אויסלערנען, און קענען ליידן וועט אים נייטיק זיין מער פאַר אַלץ". אַזוי אַרום איז קענען קעמפן מיטן לעבן, מיט דער נאַטור, שנעל און דרייסט באַקאַנט ווערן מיט די מניעות, וואָס שטייען אין וועג צום גליק — דער צווייטער וויכטיקער ציל, צו וועלכן דער ערציער מוז שטרעבן. מען דאַרף באַשאַפן מענטשן שטאַרקע און פעסטע, וואָס קאָנען באַשטיין זייער שטעטל.

אָבער דער ערציער טאָר אויך ניט פאַרגעסן אָן דער בוך־בילדונג פון זיין תּלמיד. רוסאָ איז ניט מבטל דאָס בוך און די געלערנטקייט. ער פאַרלאַנגט נאָר, אַז דאָ זאָל מען אויך האָבן אין זינען דאָס לעבן און די נאַטור. די פּעדאַגאָגן לערנען די קינדער „ווערטער, ווערטער און אייביק ווערטער". מען לערנט זיי געאָגראַפיע, כראָנאָלאָגיע, שפּראַכן און אַז. וו. דאָס אַלץ קאָן ניט טויגן פאַרן קינד. מען דאַרף די ערציאונג אַזוי אַוועקשטעלן, אַז דאָס קינד זאָל צו אַלץ דערגיין אַליין. מען דאַרף אין אים וועקן די ליבשאַפט צו וויסן, וואַרטן, אַז אין אים אַליין זאָלן געבוירן ווערן פאָדערונגען, און אַז די בוך־חכמה זאָל נאָר זיין אַן ענטפער אויף זיי. דאָס קינד דאַרף אין בוך געפינען ניט קיין סכאָלאַסטישע חכמה, וואָס מען צווינגט אים אָן שום יסוד איבערצונעמען, נאָר די געזעצן, וואָס מען קאָן באַקומען באַאָבאַכטנדיק די נאַטור. „איר ווילט, — זאָגט רוסאָ, — לערנען דאָס קינד געאָגראַפיע און איר ווענדט אייך צו גלאָבוסן פון דער ערד און פון דעם הימל, צו מאַפּעס. וויפיל אינסטרומענטן! צו וואָס טויגן די אַלע קונצן? פאַרוואָס ווייזט איר אים ניט קודם־כּל דעם געגנשטאַנד גופא, ער זאָל לפּחות וויסן, וועגן וואָס איר רעדט מיט אים? איינמאָל אין אַ שיינעם טאָג לאָזן מיר זיך אַוועק שפּאַצירן אין אַ פּאַסיקן אָרט, וואו דער האָריזאָנט איז פולקום אָפן און ערלויבט צו זען דעם זונפאַרגאַנג אין זיין פולן גלאַנץ. מיר באַמערקן די געגנשטאַנדן, לויט וועלכע מען קאָן באַשטימען דאָס אָרט, וואו די זון האָט זיך באַהאַלטן. אויפן צווייטן טאָג גייען מיר צו דעמזעלביקן אָרט שפּאַצירן פאַר זונאויפגאַנג. לאָזנדיק פייערדיקע פאַסן איבערן הימל, גיט די זון צו וויסן, אַז זי דערנענטערט זיך. די שריפה ווערט גרעסער, דער מזרח איז דוכט זיך איינגאַנצן אין פלאַמען. איר גלאַנץ וועקט אין אונז ערוואַרטונג אַ לאַנגע צייט, איידער זי באַווייזט זיך. יעדע רגע וואַרטן מיר — אָט־אָט באַווייזט זי זיך. לסוף דערזעען מיר זי: אַ גלאַנציק פינטל האָט אַ שיין געטאָן ווי אַ בליץ, און גלייך האָט זי מיט זיך אָנגעפילט דעם חלל. די דעק פון פינסטערניש איז זיך צעגאַנגען און צעפאַלן. דער מענטש דערקענט זיין וואוינונגס־אָרט און געפינט עס פאַרפּוצט. דאָס גרינס האָט פאַר דער נאַכט באַקומען אַ נייע העלקייט פון קאָלאָריט. פאַר דער באַלייכטונג פון דעם אויפגייענדיקן טאָג, ביי די ערשטע שטראַלן וואָס באַגילדטן זי. ערשיינט זי ווי אַ באַדעקטע מיט אַ גלאַנציקער טוי־נעץ, וועלכע שפּיגלט

אין זיך אָפּ די שיין און די פאַרבּ. פייגלעך קלייבּן זיך צונויף אין כאָרן און באַגריסן איינשטימיק דעם פאָטער פון לעבּן. דאָס קינד דאַרף צוערשט פילן די שיינקייט און דאָס לעבּן פון דער נאַטור. עס באַמערקט די געגנשטאַנדן, עס קאָן אָבּער ניט באַמערקן די שייכות, וואָס פאַראייניקט זיי. מען דאַרף פאַר אים ניט האַלטן קיין רעדעס, וועלכע ער קאָן ניט פאַרשטיין. גענוג, אַז דער ערציער זאָל זיך די ערשטע צייט באַנוגענען מיט אַ באַמערקונג: „איך טראַכט וועגן דעם, וואָס נעכטן איז די זון פאַרגאַנגען אָן־דאָרטן, און היינט איז זי אויפגעגאַנגען דאָ. ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען?" און דאָס קלעקט, מען דאַרף מער קיין וואָרט ניט צוגעבּן. מען דאַרף אַפילו ניט ענטפערן, אויבּ דאָס קינד שטעלט מכּוח דעם פראַגן, און אָפּווענדן דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע. מען דאַרף דאָס קינד לאָזן פאַר זיך אַליין. עס וועט זיך שוין אַליין וועגן דעם פאַרטראַכטן, אַזוי וועלן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַליין פון זיך אויסגעדרונגען ווערן די געזעצן פון געאָגראַפיע און אַסטראָנאָמיע. די דאָזיקע שייכות צווישן דער וויסנשאַפט און דער ווירקלעכקייט, די אָנשוילעכקייט פון לערנען,—דאָס איז דער דריטער פרינציפּ פון ערציאונג.

אין איין שורה מיט דער „פיזישער און גייסטיקער דאַרף גיין די מאָראַלישע ערציאונג פונם קינד. אין דער הינזיכט איז אויך דער וויכטיקסטער תּנאי, וואָס דער ערציער דאַרף געדענקען—זען, אַז זיינע פאָדערונגען זאָלן ניט זיין אָפּגעריסן פון דעם מענטשנס נאַטור. מען דאַרף אַכטן די פּערזאָן און די רעכט פונם קינד, אַז ניט—וועט דאָס קינד ניט אַכטן די רעכט פון אַנדערע מענטשן. אויבּ דאָס קינד טוט עפּעס אַ שלעכטן טאַט, דאַרף מען דערויף ניט אַרויפלייגן קיין שטראָף אַלס אַזעלכע. מען דאַרף, אַז די שטראָף זאָל אויסקומען ווי אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון זיין שלעכטן טאַט. רוסאָ ראַט ניט צו איילן זיך מיט מאָראַלישע פאָדערונגען. דאָס קינד האָט ניט אַזאַ שכל, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, און היות ווי דער שכל מיט דעם געוויסן דאַרפן האַרמאָנירן, על־כּן דאַרף מען אויסווייכן אַ געקינצלטן געוואַלד־דרוק, דאַרף מען אין קינד איינפלאַנצן מאָראַלישע באַגריפן ביסלעכווייז, זאָרגן דערפאַר, אַז דער מוסר זאָל אים ניט פאַרקומען טרוקן און אַבּסקראַקט, אַז ער זאָל שטימען מיט דער מדרגה פון זיין אַנטוויקלונג. עס איז, למשל, ניט מעגלעך אין די פאָדערונגען צום קינד שטיצן זיך אויפן באַגריף פון חוב, מחמת דער באַוואוסטזיין פון חוב פעלט נאָך אין דעם קינדער־עלטער: קינדער דאַרפן בלייבּן קינדער.

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַנדערע רוסאָס אָנשויאונגען; יעדן טריט, יעדן מאָמענט פון לעבּן האָט ער פאָראויסגעזען. אַ ריי וויכטיקע עצות און אָנווייזונגען פאַר יעדן פּעדאַגאָג גיט דאָס דאָזיקע בוך, וואָס האָט געמאַכט אַן איבּערקערעניש אין דער ערציאונג. מען דאַרף צוגעבּן, אַז אין דער פּראַקטיק האָט זיך רוסאָס טעאָריע אַרויסגעוויזן פאַר ניט קיין לייכטע אָנצווענדן זי, גלייך ווי זיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען. זי איז געבּליבּן גיכער אַ טרוים, אַן אוטאָפּיע, אַ אידעאַל, איידער אַ פּאָדערונג, אַ פּראַקטישע, אַ מעגלעכע פאַרווירקלעכט צו ווערן. דערצו שטערן, ערשטנס, די קאָמפּליצירטקייט פון די פאָדערונגען, וואָס רוסאָ שטעלט אַרויס. נאָר זייער רייכע לייט קאָנען אַרומ־

רינגלען אַ קינד מיט אַזאַ סביבה, ווי עס פאָדערט רוסאָ. אָבער די וויכטיקסטע מניעה באַשטייט אין דעם, וואָס קיין רעגלמעכיקע ערציאונג איז ניט מעגלעך, לויט רוסאָס מיינונג, אין ניט קיין פולקומער געזעלשאַפט. דער ערציער איז מחויב לערנען דעם תלמיד אויפן ביישפיל פון די דערוואַקסענע. „טאָ וואו־זשע זאָל מען אַהינטאָן דאָס קינד? — פרעגט דער אויטאָר, — פונקט ווי עס וואָלט זיין ניט קיין פילבאַרע באַשעפעניש, פונקט ווי עס וואָלט זיין אַן אויטאָמאַט. זאָל מען עס האַלטן אויף דער לבנה, אָדער אויף אַן אומבאַוואוצטן אינזל? זאָל מען עס דערווייטערן פון אַלע מענטשן? צי דען וועט עס ניט אָן אויפהער זען אין דער וועלט בילדער און ביישפילן פון פרעמדע ליידנשאַפטן? צי דען וועט עס קיינמאָל ניט זען קיין אַנדערע קינדער פון זיין עלטער? צי וועט עס ניט זען אייגענע טאַטע־מאַמע, שכנים, די אַם, די גוווערנאַנטין, די דינערשאַפט, דעם ערציער גופא, וועלכער איז סוף כל סוף אויך קיין מלאך ניט?” דער ענטפער אויף דער פראַגע איז אַליין פון זיך קלאָר: איידער מען גייט פאָרמירן מענטשן, דאַרף מען אַליין ווערן מענטשן. „אָ, מענטשן! — שרייט רוסאָ אויס. — צי דען בין איך שולדיק, וואָס איר האָט פאַרשוועריקט דאָס, וואָס איז גוט?” בכן, ברענגט רוסאָ די פראַגע וועגן רעגלמעסיקער ערציאונג צו דער פראַגע וועגן אַ רעגלמעסיקער לעבנסאָרדענונג. דער טראַקטאַט וועגן ערציאונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ליידנשאַפטלעכע פיליפיק קעגן דעם ליידיקגיין און דעם לײַגן, אין וועלכע עס האָבן זיך פאַרפלאָנטערט די העכערע קלאַסן. ער פאָדערט אַרבעט פאַר אַלעמען. פירשטן, הערצאָגן און גראַפן דאַרפן זיך לערנען אַ מלאכה גלייך מיט פשוטע קינדער. „מיר לעבן איבער, — זאָגט רוסאָ, — אַ שרעקלעכע צייט. ווער קאָן זאָגן, וואָס מיט אים וועט געשען? אַלץ, וואָס איז געשאַפן דורך מענטשלעכע הענט, קאָן דורך מענטשלעכע הענט אומקומען. זיכער איז נאָר דאָס, וואָס די נאַטור האָט געשאַפן. און די נאַטור האָט ניט געשאַפן ניט קיין מאַרקיזן, ניט קיין הערצאָגן, ניט קיין גראַפן, ניט קיין רייכע, ניט קיין הערשער פון דער וועלט... וואָס וועט טאָן דאָס שוואַכע פאַרצערטלטע באַשעפעניש, ווען עס וועט אַלץ פאַרלירן, און מען וועט ניט קענען האָפן אויף פרעמדע הענט, מען וועט אַליין אַלץ דאַרפן טאָן? גליקלעך וועט דעמאָלט זיין דער, וואָס וועט בלייבן אַ מענטש, הגם ער וועט פאַרלירן אַלע אויסערלעכע אויסצייכענונגס־סימנים”. אין אַ פערטל יאָרהונדערט אַרום איז מקויים געוואָרן די דאָזיקע נביאות: דער אונטערשייד צווישן די שטאַנדן איז אויסגעמעקט געוואָרן, דורך מענטשנס הענט איז חרוב געוואָרן דאָס, וואָס איז דורך מענטשנס הענט געשאַפן געוואָרן. און ניט איין מאַרקיז, פאַרוואָרפן אין דער פרעמד, האָט באַדויערט, וואָס ער טויג צו קיין אַרבעט ניט.



רוסאָ

XIV.

די רעליגיעזע לערע פון די פילאָזאָפן. — דער פאַנאַטיזם און די מענטשנפיינדלעכקייט ביי דער קאַטוילישער גייסטלעכשאַפט. — וואָלטער און דער דעאיזם. — דריי ראיות, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט. — השארת-הנפש, די פרייהייט פון ווילן. — דידראָ און דער מאַטעריאַליזם. — ווי קוקן די מאַטעריאַליסטן אויף דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, אויף דער פרייהייט פון ווילן און מאָראַלישקייט. — רוסאָ און די „רעליגיע פון האַרצן". — רוסאָס בליק אויף דער פרייהייט פון ווילן, מאָראַלישקייט און דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט.

נאָכדעם, ווי עס זיינען באַשריבן געוואָרן די פּאָליטישע און סאָציאַלע אָנשויאונגען פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע, דאַרף מען אַריבערגיין צו אירע רעליגיעזע לערעס. דעם קאַמף מיט די יעזואיטן, מיט דער קאַטוילישער קירך, מיטן אָבערגלויבן און פאַנאַטיזם האָבן די פילאָזאָפן געהאַלטן פאַר אַזאַ וויכטיקע אויפגאַבע, ווי דעם קאַמף מיט די שטאַנדן-פּריווילעגיעס. די אַלטע אָרדענונג האָט זיך געשטיצט אויף דידאָזיקע פון הונדערטער יאָרן אָן עקזיסטירנדיקע יסודות, וועלכע זיינען געווען אַ שוץ פאַר אומגלייכהייט און פאַר דרוק. אין פראַנקרייך האָט זיך די קירך געהאַלטן פאַר אַ רעפּרעסיווער פּאָליטיק, אַמאָל אָן אומדערבאַרמיקער און בלוטיקער, ווי ביים פאַרפאָלגן די פּראָטעסטאַנטן, און אַמאָל אַ קליינלעך צוצעפּנדיקע, ווי ביים פאַרפאָלגן ליטעראַטאָרן, אָבער אַלע מאָל אַ פעסטע, איינגעשפּאַרטע, און שטענדיק אונטערגעהיט איר ווילדפרעס מיט דער שאַרפער ראיה פון אַ לוקס. דער נאַטירלעכער פּועל-יוצא פון אַזאַ פּאָליטיק איז געווען דאָס, וואָס דער רוב פון די מענטשן, וואָס האָבן אָנערקענט די פרייהייט, האָבן געהאַלטן פאַר זייער ערן-חוב צו באַקעמפן דידאָזיקע רעליגיעזע סיסטעם, וואָס דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך אירער איז געווען די אכזרישע אומטאָלעראַנץ.

צווישן די פילאָזאָפן איז וואָלטער געווען דער גרעסטער שונא פון פאַנאַטיזם און פון דער קאַטוילישער גייסטלעכשאַפט. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען פערטלען, אויפן פייער פאַרברענען און פייניקן איז ביי די פאַנאַטיקער געווען אַ מיטל פון קאַמף; ווען עס האָבן פון ס'ניי גענומען הערשן אַלע אימות פון דער מיטלאַלטער. וואָלטער האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף ניט אַלס טעאָלאָג, נאָר אַלס קעמפער פאַר פרייהייט. ער זעט נאָר דאָס פאָלק, וואָס איז אויסן זיבען און וואָס די כיטרע גייסטלעכשאַפט האַלט אין קייטן. ער הערט נאָר, ווי מען חזרט איבער אָן אויפהער זינלאָזע אויסגעטראַכטע לעגענדעס; ער ווייס נאָר די דאָגמעס, וואָס האָבן געלאָזט די מענטשהייט פאַרזונקען ווערן אין פינסטערניש אָן אַ שטראַל ליכטיקייט. מען רעדט וועגן דער זאַנפטער רחמנות פון קריסטנטום, אָבער וואו נאָר מען ווייזט אים אָן, דאָרטן זעט ער מער ניט, ווי דעם בלוטיקן פלאַם פון אינקוויזיציע-פייער; מען רעדט וועגן דער שטילער פרייד, וואָס די קריסטלעכע אמונה גיט, אָבער ער הערט נאָר ביטערע געשרייען. עס שרייען טויזנטער, הונדערטער טויזנטער פון דיזעלבע אומגליקלעכע, וואָס די רעכטגלויביקע קאַטוילן האָבן זיי געפּיי-

ניקט, געוואָרגן, געהאַנגען, געבּרענט, געפּערטלט. ער זעט נאָר דעם געדיכטן נעפּל, פּונקט ווי אַ וואָלקן, וואָס הייבּט זיך אויף פון דעם אומשולדיקן בּלוט, וואָס די קאַטוילן האָבּן אומעטום פאַרגאָסן לכּבוד זייער גלויבּן. — בּלוט פון יידן, פון מורינען, אינדיאַנער, בּלוט פון די אַלע אָנצאָליקע קרבּנות, נאָכפאָלגער פון דער אָדער יענער כּופרים-סעקטע אין מזרח-און אין מערב-אייראָפּע. ער זעט נאָר די שענדלעכע שפּורן פון דער פינסטערער אומוויסנהייט און הערט נאָר די רייד פון די דאָקטאָרן טעאָלאָגן, וואָס גיבּן די מענטשן, וועלכע דאָרשטן נאָך גייסטיקער שפּייז, שמוציקן אָפּזאַץ פון דעם טעאָלאָגישן אָבּערגלויבּן.

דידאָזיקע סטאַדיע, אין וועלכער וואָלטער האָט דערוויסט דעם קאַטויליציזם, דינט אַלס ערקלערונג צו זיין בּלינדן און אכזרישן האַס צו דער רוימישער קירך און צו אירע פאָרשטייער. און ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס אין דעמדאָזיקן קאַמף האָט דער גרויסער שריפטשטעלער ניט געשוינט זיין שונא; ער איז זיך בּאַגאַנגען ווי אין מלחמה; זיין ציל איז געווען צו דיסקרעדיטירן יענע אָפיציעלע רעליגיע, וועלכע איז געווען אין בּונד מיט די פינסטערע כּוחות פון דער אַלטער אָרדענונג. און וואָלטער האָט ניט געשפּאָרט קיין געניאַלע שאַרפזיניקייט, זיין מעפיסטאָפעלישן געלעכטער, כּדי אויפצודעקן די אַלע אינערלעכע סתירות, די גאַנצע פאַלשקייט און צביעות, וואָס האָבּן געהערשט אין דער קאַטוילישער קירך. אין דערדאָזיקער ליטעראַרישער מאַניר, אין דעמדאָזיקן אויסלאַכן, וואָס איז דערגאַנגען בּיז ציניזם, איז פיל מער איידער אין וואָלטערס רעליגיעזע אידעען גופא בּאַהאַלטן די סיבּה פון יענעם שרעקלעכן נאָמען, וואָס וואָלטער האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט און וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געוואָרפן אַ מורא אויף אַלע וואוילגעזאָנענע מענטשן. „וואָלטעריזם" איז אין XVIII און אַפילו אין XIX י. ה. געווען אַ שם נרדף פון אַטעאיזם, פאַרלייקענונג פון אַלע אַנשטאַלטן, וואָס די געזעלשאַפט האָט זיך אויף זיי געהאַלטן אין משך פון יאָרהונדערטן, — פון אמונה, משפּחה, מלוכה און אַז. וו. אָבּער ווען מ'קוקט זיך נענטער צו צו וואָלטערס רעליגיעזער לערע, קאָן מען זיך איבּערצייגן, אַז ער איז ניט געווען קיין אַטעאיסט.

די רעליגיע, וואָס וואָלטער שטעלט אין קעגנזאַץ צום קאַטויליציזם, איז בּאַוואוסט אונטערן נאָמען ד ע א י ז ם און איז קיין פראַנקרייך אַריבּער פון ענגלאַנד, ווי דאָס רובּ אידעען פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע. דעם מהות פון דערדאָזיקער רעליגיע קאָן מען אַזוי בּאַשטימען: גאָט עקסיסטירט אַלס אָנהייבּ פון אַלע זאַכן, אָבּער דער פאַרשטאַנד, און ניט די אַנטפּלעקונג, בּרענגט צו זיין ערקענונג. פונדאַנען איז געדרונגען עטוואָס זייער וויכטיקס: די רוימישע קירך, דידאָזיקע איינציקע פאַרמיטלערין צווישן גאָט און מענטשן, האָט פאַרלאָרן איר וויכטיקע פונקציע אויסצוטייטשן גאָטס ווילן, און דערדאָזיקער חוב איז אַריבּער צו דער פילאָזאָפיע, צו די מענטשן פון פאַרשטאַנד. אָבּער וואָלטער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַנטקעגן דער קלאָרער און בּאַשטימטער פאָרשטעלונג וועגן גאָט פון דעם קאַטויליציזם קאָן ער ניט אַרויסשטעלן אויך אַזאַ בּאַשטימטע פאָרשטעלונג. ער ווייס, אַז דעם מענטשנס פאַרשטאַנד איז

ניט אימשטאַנד אָנצוווייזן די אַטריבוטן און די אייגנשאַפטן פון געטלעכן וועזן. די פילאָזאָפיע זאָגט אונז, אַז עס איז פאַרהאַן אַ גאָט, זי איז אָבער ניט אימשטאַנד אונז צו זאָגן, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, פאַרוואָס ער ווירקט, צי ער עקסיסטירט אין צייט און אין שטח, צי האָט ער נאָר איינמאָל געווירקט, אָדער ער ווירקט כסדר, צי ער עקסיסטירט אין דער מענטשלעכער וועלט, צי ניט, און אַז. וו. די דעאיסטן גיבן דער גאָטהייט צו פאַרשיידענע אייגנשאַפטן, לויט דעם אינדיווידועלן פאַרשטאַנד פון יעדן איינציקן גלויביקן, און דעריבער האָט דער דעאיזם ניט קיין אַלגעמיינע באַשטימטע פאָרשטעלונג וועגן גאָט. וויבאַלד, אַז עס ווערט באַזייטיקט די קירך מיט איר אָבליגאַטאָרישער און פאַר אַלע גלויביקע גלייכער פאָרשטעלונג וועגן גאָט, וויבאַלד, אַז עס ווערט באַזייטיקט די אַנטפּלעקונג, באַקומט שוין יעדער דאָס רעכט אויף זיין שטייגער צו פאַרשטיין גאָט און פאָרצושטעלן זיך זיינע אייגנשאַפטן.

אַזאַ איז די גרונדלאַגע פונם דעאיזם. וואָס נוגע די ראיות פון גאָטס עקסיסטענץ, ברענגט וואָלטער דריי ראיות: אַ קאָסמאָלאָגישע, אַ טעאָלאָגישע און אַ עטישע. די ערשטע באַשטייט אין פאָלגנדיקן: יעדער קיום און באַוועגונג מוז האָבן אַ סיבה, דידאָזיקע סיבה — אַ צווייטע און אַז. וו., ביז מיר דערגייען צו דער ערשטער סיבה. אויב עפּעס אַ זאַך באַקומט איר קיום פון וואָס אַנדערש, און יענץ אַנדערש פון אַ דריטס, איז דאָס, וואָס דערפון באַקומט דאָס לעצטע זיין קיום, מוז שוין ממילא זיין גאָט, וואָרעם זעלט עס אַנדערש זיין, וואָלטן מיר געהאַט אַ שרויף אָן אַן עק, ד. ה. אַן אַבסורד. אַזוי אַרום מוזן מיר אָנערקענען, אַז עס איז פאַרהאַן אַ וועזן, וועלכער עקסיסטירט פון אייביק אָן אַליין פון זיך, און אַלס אַזעלכער איז ער דער אָנהייב פון אַלדי זאַכן. היות אָבער ווי צווישן אַלדאָס עקסיסטירנדיקן זיינען פאַרהאַן וועזנס פאַרשטאַנדיקע און באַוואוסטזיניקע, על כן מוז אויך דאָס אייביקע וועזן, אַלס ערשטע סיבה זייערע, זיין אַ פאַרשטאַנדיקער. אַזוי אַרום אָנערקענט דער דעאיזם דעם אייביקן און אויסערוועלטישן גאָט. די צווייטע ראיה באַגרינדעט גאָטס זיין מיט דער צוועקמעסיקייט פון דער וועלטשאַפונג. „אַז מיר זעען אַ שיינע מאַשין, מאַכן מיר אַן אויספיר וועגן איר פאַרשטאַנדיקן און קונציקן מייסטער. צי דען, זעענדיק די וואונדערלעכע וועלט, וועלן מיר זיך קעגנשטעלן דער השערה וועגן דעם שעפערישן קינסטלער? דער גאַנג פון די שטערן, דאָס באַוועגן זיך פון דער ערד אַרום דער זון — אַלץ איז איינגעאָרדנט לויט די טיפסטע מאַטעמאַטישע געזעצן... די שטרענגע אָרדענונג און די צוועקמעסיקייט פון דער וועלט איז צוזאַמען דערמיט אויך דער ערשטער באַווייז פון גאָטס זיין: קיינער וועט אין מיר דידאָזיקע איבערצייגונג פון אָרט ניט רירן. יעדע זאַך איז אַן עדות אויף איר טוער". לסוף די דריטע — די עטישע — ראיה האָט דעם ציל ניט אַזוי צו באַשטעטיקן דעם פאַקט פון גאָטס זיין, ווי צו באַווייזן די נוצלעכקייט און נייטיקייט צו גלויבן אין גאָט. „די עכטע הויפּטסיבה, פאַר וואָס דער גלויבן אין גאָט איז נייטיק, באַשטייט, לויט מיין מיינונג, אין יענער איבערצייגונג, אַז פאַר דער אַלגעמיינער טובה

איז בייטיק גאָט דער באַלוינער און דער באַשטראָפער. אָן אַזאַ גאָט וואָלטן מיר געבליבן אין אַן עת צרה אָן האָפענונג, אין זינד — אָן שטראָף פון געוויסן. ווער ס'אָנערקענט, אַז דער גלויבן אין גאָט האַלט כאָטש טייל מענטשן אָפּ פון פאַרברעכנס, יענער אָנערקענט, אַז דעראָזיקער גלויבן מוז אָנגענומען זיין פון דער גאַנצער מענטשהייט". וואָלטערן געהערט דער באַוואוסטער פּאַראַדאָקס, וואָס סומירט גוט דעם מהות פון דעראָזיקער דריטער ראיה: „ווען גאָט וואָלט ניט געווען, וואָלט מען אים געדאַרפט אויסטראַכטן".

דעראָזיקער עטישער שטאַנדפּונקט שפּילט בכלל אין וואָלטערס רעליגיעזע און פילאָזאָפישע אָנשויאונגען די הויפּטראָלע. אָפּגעזאָגט זיך פּינקטלעך צו באַשטימען די געטלעכע אייגנשאַפטן, זאָגט זיך וואָלטער אויך אָפּ פון אַריינצודרינגען אין דעם מהות פון דער נשמה. ער קאָן זיך ניט אָפּשטעלן אויף קיין באַשטימטן באַשלוס אין דער פראַגע וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. אָפטמאָל איז ער דוכט זיך גענייגט צו טראַכטן, אַז די נשמה עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פון קערפּער, ווי אַ באַזונדער סובסטאַנץ. אָבער אין אַלגעמיין נעמט ביי וואָלטערן די אייבערהאַנט דער מאַטעריאַליסטישער בליק אויף דער נשמה, ד. ה. די איבערצייגונג, אַז נשמה אַלס אַ באַזונדער סובסטאַנץ איז ניטאָ. מיר האָבן אין זיך נאָר אונזער מאַטעריעלע גרונד-לאַגע, און די נשמה שטעלט מיט זיך פאָר נאָר די דענקען- און פילן-פעאיקייט, וועלכע איז פאַרבונדן מיט די קערפּערלעכע באַדינגונגען פון מענטשן. ניטאָ קיין באַזונדער וועזן, וואָס מען זאָל קענען פאַרשטיין אונטער די ווערטער: ווילן-באַוועגונג. „ניט דאָס לויפן, ניט דאָס שלאָפן, ניט דאָס ערוואַכן קאָנען מיר ניט אָנרופןווירקלעכע קערפּערלעכע וועזנס; ווער וויל, שלאָפט און ערוואַכט?—איך". אַזוי איז אויך די נשמה ניט מעגלעך פאָרצושטעלן אויסער דעם מאַטעריעלן גרונט פון מענטשן. פונדאַנען איז קלאָר, אַז די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה איז אַ פיקציע; זי שטאַרבט צוזאַמען מיטן קערפּער. און פונדעסטוועגן האָט וואָלטער אין אַנדערע ערטער דערוויזן, אַז די נשמה איז אומשטערבלעך. אים האָט זיך געוואָלט גלויבן אין איר אומשטערבלעכקייט, מחמת אַזאַ גלויבן האָט אַממערסטן געפּאַסט צו זיין איבערצייגונג אין גאָטס גערעכטיקייט, אין דער גויטוועגדיקייט פון אייביקן שכר. וואָלטער האָט זיך שטענדיק געוואַקלט צווישן דידאָזיקע סתירות.

ניט אַלע מאָל איז אויך קאָנזעקווענט געווען וואָלטערס בליק אויף דער פראַגע וועגן מאָראַלישקייט און אויף דער פראַגע וועגן ווילנפרייהייט, וואָס איז ענג מיט איר פאַרבונדן. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט לאָק, וואָס וואָלטער האָט זיך געפונען אונטער זיין השפעה, אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון איינגעבוירענע אידעען ביים מענטשן, און ער האָט דערוויזן, אַז די אויפגענומענע איינדרוקן פון דער אויסערלעכער וועלט זיינען דער וויכטיקסטער קוואַל פון ערקענטעניש. אָבער וויבאַלד אַזוי, קאָן דער מענטש ניט האָבן קיין פרייען ווילן. ער ווירקט אָפּהענגיק פון די אידעען, וועלכע עס באַקומען זיך פון דידאָזיקע איינדרוקן. וואָלטער באַגרענעצט דעריבער דעם מענטשנס פרייהייט און די ראָליע פון דעם ווילן. דער מענטש איז אונטערגעגעבן דער

לעצטער אידעע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין זיין מאַרך, און אַזוי ווי דידאָזיקע אידעע אַנטשטייט ממילא, על־כּן, טוט דער מענטש, פאָלגנדיק איר איינפלוס, די אָדער יענע אַקציע אומפאַרמיידלעך און ממילא. צי הייסט עס, אַז דער מענטש האָט ניט קיין ווילן? צי באַטייט עס, אַז יעדער טאַט זיינער איז נאָר אַ רעזולטאַט פון אַן אויסערלעכן שטויס? וואָלטער זאָגט, אַז ביי דעם מענטשן בלייבט אַ געוויסע פרייהייט: זיין עכט פריי, הייסט קאָנען. דער מענטש טוט וועלן אויס נויטווענדיקייט, נאָר זיין פרייהייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער קאָן אויספירן דאָס, וואָס ער וויל. ער קאָן ניט טאָן קיין שלעכטע מעשים, ווען זיין שכל וויס, אַז זיי זיינען שלעכטע; ער קאָן באַצוימען זיינע ליידנשאַפטן, ווען דער שכל באַווייזט אים אויף דער סכּנה, וואָס קאָן פון זיי אַרויסקומען. און אַז. וו. „אַלע באַטירלעכע קערפּערס, — זאָגט וואָלטער, — האָבן זייערע אומפאַרמיידלעכע געזעצן, און נאָר דער מענטש פּרעטענדירט אויף דער אומפאַרמיידלעכער זינלאָזער מתּנה — צו קאָנען וועלן, ניט האָבנדיק דערויף קיין אַנדער סיבּה אויסערן ווילן". מערקווירדיק, וואָס וואָלטער, וועלכער איז געניגט צו לאָקן אין דערדאָזיקער לערע וועגן פרייהייט פון ווילן, גייט זיך מיט אים שאַרף פונאַנדער אין פראַגן פון מאָראַל. אויב דער מענטשלעכער פאַרלאַנג איז אַ פּועל־יוצא פון דער נאַטירלעך נויטווענדיקער קייטלונג פון די גשמיותדיקע איינדרוקן, טאָ ווי־אַזוי קאָן מען מענטשן טיילן אויף גוטע און שלעכטע? צי איז דער מענטש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים און פאַרלאַנגען, וועלכע זיינען אים אָנגעבונדן פון אויסן? אין קעגנזאַץ צו לאָקן, וואָס האָט געמאָלדן, אַז די באַגריפן וועגן טוגנד זיינען פאַרשיידן, אָפּהענגיק פון צייטן און פעלקער, האָט וואָלטער געגלויבט, אַז דער באַגריף וועגן מעשים־טובים איז אַן אַלגעמיינער און אַן אומענדערלעכער באַגריף.

וואָלטערס רעליגיעזע לערע, ווי זיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען, באַווייזט, אַז ער איז ניט געווען דער אידעאָלאָג פון דער פאָלקסמאַסע, — ער איז דאָ אויך פאַרבליבן דער פאָרשטייער פון די רייכע קלאַסן. די דעאיסטן האָבן ניט באַשטימט פּינקטלעך דעם אויבערשטן וועזן. „אין מיגוטן פון אָפּטימיסטישער שטימונג, — זאָגט מאָרליי, — האָבן די דעאיסטן אָנגעוויזן אויף די אידעען פון רחמים, גערעכטיקייט און אומבאַגרענעצטער קראַפט ביי דעם וועזן, וואָס רעגירט איבער דער וועלט, עקזיסטירט אויסער דער וועלט און איז אומאָפּהענגיק פון דער וועלט. אָבער דאָס בייז און די אומגליקן פון פיזישער און מאָראַלישע קאַטעגאָריעס, וועלכע קומען אויף מענטשן, ניט אונטערשיידנדיק צווישן די קרבּנות, גראָבן שטענדיק אָן רחמנות אונטער אַזעלכע פאָרשטעלונגען. בכלל האָבן דידאָזיקע טונקעלע, דורך גאָרנישט ניט באַשטעטיקטע אָפּטימיסטישע אידעען קיין באַשטימטן צוזאַמענהאַנג ניט מיט די עטישע און סאָציאַלע סיסטעמען און גיבן קיין לייטנדיקן גרונט ניט פאַר דער סאָלידאַרעטעטיקייט פון די מענטשן. זיי באַפרידיקן די רעליגיעזע געפילן נאָר פון יענע מענטשן, וואָס, אָנערקענענדיק די וואָלטעריאַנישע קריטיק פאַר אַן אמתע, האָבן זיי די מעגלעכקייט פולקום צו געניסן פון מאַטעריעלן וואוילשטאַנד. דעריבער פאַרשפּרייטן זיי זיך לייכט און בילדן די באַליבטע רעליגיעזע לערע

ביי די העכערע עקאָנאָמיש געזיכערטע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט אין יענער צייט. דאָ איז די פינסטערע זייט ניט באַוואוסט; וועגן איר ווייס מען נאָר מפי השמועה. אָט פאַרוואָס די אוממעגלעכקייט פון אַ הסכם צווישן דער דאָ הערשנדיקער זעלבסטצופרידענער טעאָריע מיט די אימות פון די ווירקלעכע פאַקטן האָט קיינמאָל ניט באַאומרואיקט די אָנהענגער אירע, וואָס לעבן אַ גוטן טאָג. די פאָלקסמאַסע, וואָס האָט אין די כאַלופּעס פאַרבראַכט דאָס לעבן אין נויט, איז שטענדיק געבליבן טויב צו דער פריידיקט פון דעאיזם".

אָט דאָס זיינען אין אַלגעמיינע שטריכן די רעליגיעזע און עטיש-פילאָזאָפישע אָנשויאונגען וואָלטערס, וואָס זיין נאָמען האָט געוואָרפן אַ פחד אין משך פון צענדליקער יאָרן אויף דער וואוילמיינענדיקער געזעלשאַפט פון אייראָפּע. „גאָט אַליין האָט שוין אַזוי איינגעאָרדנט, און אומזיסט האָבן קעגן דעם די וואָלטאַריאַנער" — זאָגט גאָגאָלס גאָראָדניטשי. דער וואָלטעריזם האָט אין די אויגן פון דער אַלטער פאַרגליווערטער געזעלשאַפט געהאַט אַ פנים ווי אַ סינאָנים פון קאַמף קעגן גאָט און קעגן דער אָרדענונג. און דערין איז געלעגן אַ טיפע מיספאַרשטענדעניש. וואָלטערס גריילעכע אָנפאַלן אויף דער קאַטוילישער גייסטלעכשאַפט, זיין ליידנשאַפטלעכע פריידיקט וועגן טאָלעראַנץ, זיין מעפיסטאָפעלישע ליטעראַרישע מאַניר מיט איר סאַרקאַזם און אויסלאַכן האָבן באַהאַלטן פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט זיין ווירקלעכע פערזענלעכקייט. און ווען די רעוואָלוציע האָט זיך פונאַנדערגעשפילט, איז וואָלטערס נאָמען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעק, אין אַ בלוטיקן געשפּענסט. זיינע ווערק האָט מען ניט געלייענט און אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט די געזעלשאַפט געגלויבט די שונאים פון דעם פילאָזאָף אויפן וואָרט, אַז זיינע ווערק האָבן עס געוואָרפן דעם שרעקלעכן פונק פון נעגאַציע און אומגלויבן, וואָס האָט אַרויסגערופן די שרעקלעכע שרפה. איצט, ווען אַ גאַנצער יאָרהונדערט טיילט אונז אָפּ פון יענער עפּאָכע, קאָן מען זי באַטראַכטן מיט אַ רואיקערן בליק, און דער שרעקלעכער געשפּענסט ווערט צעוויייט. איינמאָל איז אין וואָלטערס אָנוועזנהייט געוואָרן אַ שמועס וועגן גאָטס עקזיסטענץ. ווען איינער האָט זיך מיט היץ אָפּגערופן נעגאַטיוו וועגן דער פראַגע, האָט וואָלטער, צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג, געהייסן באַזייטיקן די דינערשאַפט פון צימער, און ער האָט פאַרשפּאַרט די טיר. „מיינע הערן, — האָט ער ערקלערט, — איך וויל ניט, אַז מאָרגן זאָל מיך מיין לאָקיי קוילן". וואָלטער האָט מער איידער אַנדערע מורא געהאַט פאַר אויפטרייסלונגען, און ווען ער וואָלט דערלעבט ביז דער רעוואָלוציע, וואָלט ער זיך, וואַרשיינלעך, פון איר אָפּגעקערט, ווי דאָס האָט געטאָן אַן אַנדער באַגאַבטער פריידיקער פון דעמאָקראַטישע אידעען — באָמאַרשע.

צוזאַמען מיטן דעאיזם אַנטשטייט אַ צווייטע פילאָזאָפישע לערע, וועלכע איז באַוואוסט אונטערן נאָמען מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם. דער ראש פון דער מאַטעריאַליסטישער שול איז געווען דידראָ. דער מאַטעריאַליזם איז אַ סך אַנטשלאָסענער אויפגעשטאַנען קעגן דער אַלטער רעליגיע, איידער דער דעאיזם, און האָט געקעמפט קעגן דעם עצם מהות פונם קאַטויליציזם. די

מאַטעריאַליסטן לייקענען גאָר, אַז עס איז פאַראַן אַ העכערער, אויסער דער וועלט שטייענדיקער און מיט דער וועלט־אָנפירנדיקער וועזן. דידראָ איז פון אָנהייב געווען אַן אייפעריקער קאַטויל, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ דעאיסט און לסוף ווערט ער אַן אַטעאיסט. דער עיקר פון דער מאַטעריאַליסטישער לערע באַשטייט אין פאָלגנדיקן: אין דער וועלט איז ניט פאַראַן קיין צעצווייאונג צווישן דעם מאַטעריעלן און דעם גייסטיקן יסוד. עס עקזיסטירט נאָר די מאַטעריע. זי עקזיסטירט אייביק, האָט קיין אָנהייב און קיין סוף ניט. זי באַשטייט פון אַן אומענדלעכער צאָל אַטאָמען. די טעטיקייט פון דידראָיקע אַטאָמען גיט אַלס רעזולטאַט די וועלט פון פאַרשיידענע ערשיינונגען, וואָס מיר זעען. איבער דער וועלט איז אַלזאָ ניטאָ קיין באַשעפער, וואָס רעגירט איבער איר. די וועלט אַנטוויקלט זיך אַליין לויט באַשטימטע געזעצן. אין די אַטאָמען גופא ליגט די מעגלעכקייט צו פאַראייניקן זיך. דערפון, וואָס עס פאַראייניקן זיך פאַרשיידענע עלעמענטן פון דער נאַטור דורך אַנטוויקלונג, זייבען אַרויסגעקומען פאַרשיידענע פאָרמען און יצירות כסדר ביז דעם מענטשן, דאָס הייסט ביז אַזאַ אַנטוויקלטן מין וועזן, וואָס האָט די פעאיקייט צו באַוועגן זיך, קאָן שפירן, דענקען, האָט ליידנשאַפטן, באַזיצט די שפראַך, דעם נערעכטלעכן באַוואוסטזיין, וויסנשאַפטן, און אַז. וו. עס איז זייער מעגלעך, אַז דערדאָזיקער וועזן האָט נאָך אַדורכצומאַכן אַנדערע סטאַדיעס פון אַנטוויקלונג. פאַר דידראָ איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דער ניט אָרגאַנישער און דער אָרגאַנישער וועלט. דורך איבערבילדונג ווערט דער מירמלשטיין אַ יסוד פון מענטשלעכן עקזיסטירן. „איך פאַרוואַנדל, — זאָגט דידראָ, — אַ שטיקל מירמל אין פראָשעק. ווען פון אים איז געוואָרן אַן אומפילבאַרער שטויב, מיש איך דעמדאָזיקן שטויב צונויף מיט שוואַרצערד, אָדער מיט געוויקסערד, קנעט עס צוזאַמען, דאָס געמיש באַגיס איך מיט וואַסער, לאָז עס פוילן אַ יאָר, צוויי, אַ גאַנצן יאָרהונדערט, מחמת די צייט איז פאַר מיר ניט וויכטיק. ווען דאָס ווערט פאַרוואַנדלט אין כמעט אַן איינאַרטיקע מאַסע, אין באָדן, פאַרזיי איך אויף דערדאָזיקער ערד אַרבעס, באָב, קרויט. די געוויקסן נערן זיך פון דער ערד, און איך נער מיך פון די געוויקסן. אַזוי אַרום בילד איך אַ פילבאַרע מאַטעריע". דער איבערגאַנג פון דער אומבאַזעלטער וועלט צו דער באַזעלטער איז אַלזאָ פעסטגעשטעלט. דאָס לעבעדיקע שטאַרבט, דאָס טויטע לעבט אויף. ס'קלעקט אַ קוק צו טאָן אויף אַן איי — איז שוין די מעטאַפיזיקע חרוב. דאָס ציטערל הערט אויף צו ציטערן, ווען מען נעמט עס אַרויס פון וואַסער, און ס'הייבט צוריק אָן ציטערן, ווי נאָר מ'לאָזט עס ווידער אַראָפּ אין וואַסער. איינע נאַטורפאָרשער פאַררעכענען עס פאַר אַ געוויקס, אַנדערע פאַר אַ בעל־חיים. דידראָ ווייזט אָן אויף דעם „כמעט פליישפרעסנדיקן געוויקס" — אויף דער פליגכאַפּערין. זי שפרייט אויס איבער דער ערד אירע בלעטער, וועלכע זייַנען באַדעקט מיט נאָפּעלעך. אַז די פליג זעצט זיך אויף דאָס בלאַט, דערנעענטערן זיך צו אירביידע העלפטן בלאַט און שליסן זיך צו. דער צמח פאַרהאַלט זיין רויב, זויגט פון אים אויס דעם זאַפט און ערשט דאַן לאָזט ער אים אָפּ.

אַזוי אַרום איז די פאָרשטעלונג וועגן צוויי יסודות, מאַטעריעלן און גייסטיקן, וועלכע זאָלן כּלומרשט עקזיסטירן אין דער וועלט, נאָר אַן אַבסורד. עס עקזיסטירט נאָר די מאַטעריע, וועלכע באַזיצט פילבאַרקייט און קאָמפּליצירטע און פאַרשיידנאַרטיקע אויסוווייזונגען, אַלס רעזולטאַט פון דער באַוועגונג פון אירע טיילן. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז וועגן אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און וועגן פרייען ווילן קאָן ביי אַזאַ גרונדשטאַנדפּונקט שוין קיין רייד ניט זיין. דעם מענטשנס פאַרלאַנג איז אויך נאָר איין אַרט אויסוווייזונג פון דער מאַטעריעס לעבן. דער מענטש שטעלט מיט זיך פאָר נאָר דאָס, וואָס עס מאַכן פון אים די אַלגעמיינע אָרדענונג, די ערציאונג און דער אומטויש פון די פאַקטן. יעדע מענטשנס טאַט איז אַן אַקט אַ נויטווענדיקער אין דער קייט פון די אַקטן, און יעדער איינציקער רינג פון דערדאָזיקער קייט אַקטן איז אויך אַזוי אומפאַרמיידלעך, ווי דער אויפגאַנג פון דער זון. ניטאָ אין דער וועלט קיין צופעליקס, גאָרנישט אַזוינס, וואָס זאָל זיין אָפּהענגיק פון דער צופעליקער באַוועגונג פון דעם מענטשנס ווילן. דידראָ איז אַזוי אַרום אַן איבערצייגטער פאָרשטייער פונם ד ע ט ע ר מ י נ י ז ם, וואָס האַלט, אַז אַלץ אין דער וועלט איז פון פריער באַשטימט, יעדעס טיילכל פון עקזיסטירנדיקן מוז ממילא עקזיסטירן נאָר אויף דעם אָרט און נאָר אין יענער צייט און מיט יענע אייגנשאַפטן, ווי דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט. דער ווילן איז בעצם אַן אויסדרוק פון אַ געוויסן צושטאַנד פונם מאַרך, — אַ צושטאַנד, וואָס הענגט אָפּ פון אויסערלעכע איינפלוסן.

פון דידראָס גרונט-אָנשויאונג נעמט זיך אויך זיין עטישע לערע. אויב אַלע מענטשלעכע מעשים זיינען ממילא רינגען אין דער אַלגעמיינער קייט פון אומפאַרמיידלעכע אַקטן, טאָ וואָס-זשע זאָל זיין מיט אונזערע באַגריפן וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן דעם מענטשנס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מעשים? דידראָ פאַרבלייבט ביי דער איבערצייגונג, אַז דער יסוד פון אונזער גייסטיקן לעבן איז דאָס קערפּערלעכע לעבן. דעם מענטשס מעשים זיינען באַדונגען דורך זיין נאַטור. לויט דידראָס מיינונג דאַרף מען אָנשטאָט די ווערטער „מאָראַליש״ און „אוממאָראַליש״ אַוועקשטעלן די באַגריפן וועגן דעם, וואָס עס איז אין הסכם מיט דער נאַטור, און וואָס עס איז ניט אין הסכם מיט איר. מענטשן קאָנען ניט לעבן אָן שטיצן איינער דעם צווייטן. דעריבער איז יעדער טאַט אַ צוועקמעסיקער, אַ יושרדיקער, אַן עטישער, אָדער אַ ניט יושרדיקער, אַ ניט עטישער, אָפּהענגיק דערפון, צי ער דערנענטערט מענטשן צו זייער אויפגאַבע, אָדער ער דערווייטערט זיי פון איר. מעשים-טובים, — לויט דידראָס ווערטער, — הייסט טאָן דאָס, וואָס איז גוט, נוצלעך. דער היפּוך פון מעשים-טובים — דאָס איז טאָן וואָס איז שלעכט, שעדלעך. די שלעכטע אָדער די גוטע אייגנשאַפטן פונם מענטשן הענגען ניט אָפּ פון אים אַליין. יעדער ווערט געבאָרן מיט זאָמען פון גוטס אָדער שלעכטס אין זיין וועזן; יעדער ווערט אומפאַרהאַלטן מיטגעריסן דורך דעם אַלגעמיינעם שטראָם, וועלכער ציט איינע צו רום, אַנדערע צו שאַנד. זעלבסטאַכטונג, חרפה, געוויסנפּיין, — דאָס איז אַלץ קליינלעכקייט, בעגרינדעט אויף אומוויסנהייט און גאווה

דעני דידראָ

פון דעם ווען, וואָס האַלט פאַר זיין פאַרדינסט, אָדער פאַר זיין שולד דאָס, וואָס איז געווען באָר אַ רעזולטאַט פון דער נויטווענדיקייט. אַזוי אַרום אָנערקענט דידראָ אויך שכר און עונש פאַר די מענטשלעכע מעשים, אָבער ער ענדערט אויך דידאָזיקע באַגריפן אין הסכם מיט זיינע מאַטעריאַליסטישע באַגריפן. עונש און שכר — דאָס זיינען מיטלען אויסצובעסערן דעם פאַרענדערלעכן וועזן, וואָס הייסט שלעכטער, און צוגעבן חשק יענעם, וואָס הייסט גוטער. מיט איין וואָרט, דער מענטש, וואָס ברענגט אַממערסטן נוצן דער געזעלשאַפט, איז אין דערזעלבער צייט אויך דער מאָראַלישסטער. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז דער מענטש איז מאָראַליש פריי. „די אומשטאַנדן, דער אַלגעמיינער שטראָם שלעפּט איינעם אַוועק איבער דעם וועג פון רום, דעם צווייטן — איבערן וועג פון שאַנד. שעמען זיך, פּיינען פון געוויסן — דאָס זיינען קינדערשע מעשיות, אַרויסגערופן דורך דער אומוויסנהייט און דער גאווה פון וועזן, וואָס האַלט דעם מאָמענט פון דער נויטווענדיקייט פאַר זיין פאַרדינסט אָדער פאַר זיין שולד”.

דאָס זיינען אין אַלגעמיינע שטריכן די יסודות פון דער מאַטעריאַליסטישער לערע. דידאָזיקע לערע איז סיסטעמאַטיש באַשריבן אין דעם בוך פון אַ צווייטן באַרימטן מאַטעריאַליסט — האָלבאַך: ד י נ אַ ט ו ר - ס י ס ט ע ם. אין דער נאַטור קאָן ניט זיין ניט אָרדענונג, ניט אומאָרדענונג, ניט רעגלמעסיקייט, ניט אומרעגלמעסיקייט, מחמת אַלץ ווערט געטאָן נויטווענדיק און לויט אייגענע געזעצן. ס'איז לייכט צו באַמערקן, אַז ניט געקוקט, וואָס דער מאַטעריאַליזם איז אַזוי ניט ענלעך צום דעאיזם, טרעפן זיי זיך דאָך צוזאַמען אין איין פּונקט: ביידע לערעס האָבן דערלאַנגט אַ מוטיקן קלאַפּ דער קירך, ביידע האָבן זיי ביי דער רוימישער קירך אָפּגענומען דאָס רעכט אויסצוטייטשן גאָטס ווילן, דעם ציל פון דער וועלט-שאַפונג, דאָס רעכט מענטשן צו באַלוינען און צו באַשטראָפן פאַר זייערע מעשים. דער דעאיזם האָט דידאָזיקע אויפגאַבע אַרויפגעלייגט אויף דעם מענטשנס פאַרשטאַנד. דער מאַטעריאַליזם האָט אַרויפגעלייגט דירעקט אויפן פיזיקער און אויפן כעמיקער די אויפגאַבע אויסצוטייטשן די וועלט און דאָס לעבן, און דערמיט געגעבן דער נאַטורפאָרשונג און דער אַנטוויקלונג פון דער נאַטורוויסנשאַפט אַ מעכטיקן טריב פאָראויס. די אַנטפּלעקונג, וועלכע די גייסטלעכע האָבן עקספּלאָאַטירט אַלס אַ באַזיס צו משיג זיין דעם שעפערס ווילן, איז גלייך אָפּגעוואָרפן געוואָרן סיי מצד דעם דעאיזם, סיי מצד דעם מאַטעריאַליזם. ביידע האָבן זיי שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער קעגנזייטלעכקייט פון דענקען און גלויבן, פון פאַרשטאַנד און אַנטפּלעקונג.

דידאָזיקע ראַציאָנאַליסטישע אָנשויאונגען האָבן אַרויסגערופן אַ הייסן פּראָטעסט צווישן די פילאָזאָפן גופא. אַלס אַפּאָלאָגעט פון אוממיטלבאַרן ריינעם גלויבן איז אַרויסגעטראָטן דער פילאָזאָף, וואָס האָט בשעת דער וואַקלונג פון פאַרשטאַנד, לאָגיק און וויסן געלאָזט הערן זיין שטים וועגן דאָס רעכט פון האַרצן און געפיל. אין בוך ע מ י ל איז פאַרהאַן אַן עפּיזאָד, וואָס רופט זיך דער ווידוי פונם ס אַ וו אָ י אָ ר י ש ן וו י ק אַ ר י. דאָ איז רוסאָ אַרויס-

געטראָטן מיט אַזעלכע רעליגיעזע אָנשויאונגען, וואָס מען וואָלט זיי געקאָנט כאַראַקטעריזירן מיט די ווערטער „די רעליגיע פון האַרצן". דידאָזיקע האַרצנס־רעליגיע איז די רעליגיעזע לערע, וואָס די אויפקלערונגס־עפּאָכע האָט אַרויסגעשטעלט קעגן דעם קאַטויליציזם. רוסאָ איז אַ ליידנשאַפטלעכער קעגנער פון דעאיזם און מאַטעריאַליזם. דעם וויקאַריס ווידוי, — דאָס איז אַ געשריי פון אַ האַרצן, וואָס פאָדערט באַפרידיקונג פאַר זיין שטרעבונג צו גאָטהייט, וואָס שטייט אויף קעגן דעם סקעפּטיציזם און דער גלויבנסלאָזיקייט. ער גלויבט טיף אין אַ העכערן וועזן, וואָס דענקט און רעגירט באַוואוסטזיניק איבער דער וועלט, און דעמדאָזיקן וועזן רופט רוסאָ אָן גאָט. „איך זע גאָט אין אַלע זיינע ווערק, איך פיל אים אין זיך גופא, איך זע אים אַרום זיך". אָבער דערדאָזיקער געפיל איז אַן אומבאַשטימטער. רוסאָ אַנטזאָגט זיך טיפער אַריינצודרינגען אין דעם מהות פון גאָט. „ווי נאָר איך פּרוּוו אַריינדרינגען אין זיין מהות, ווי נאָר איך וויל באַשטימען, וואו איז ער, וואָס אַזוינס איז ער, אַזוי פאַרשווינדט ער פון מיין בליק. מיין דמיון איז ניט אימשטאַנד אויפצוהייבן זיך אַזוי הויך. און איך אורטייל ניט וועגן אים. פאַר גאָט איז אַ גרעסערע באַליידיקונג, ווען מען אורטיילט וועגן אים ניט ריכטיק, איידער ווען מען טראַכט וועגן אים גאָרניט". דעם אומבאַשטימטן אַנטציקטן אויפברויז פון האַרצן — אָט וואָס רוסאָ האָט אַרויסגעשטעלט קעגן דעם דעאיזם, וואָס האָט געשטרעבט דעם פאַקט פון גאָטס קיום לאָגיש אַרויסצופירן פון דער צוועקמעסיקייט פון דער זעבאַרער וועלט און קעגן דעם מאַטעריאַליזם, וואָס האָט לחלוטין אָפּגעלייקנט גאָט. פּונקט ווי אין זיינע פּאָליטישע און פּעדאַגאָגישע אידעען, אַזוי האָט רוסאָ אויך אין זיין רעליגיעזער לערע גענומען אַלס העכערן קריטעריי דעם מענטשנס נאַטירלעכן געפיל. רוסאָ איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מאַטעריאַליסטישן בליק אויף דער נשמה און אויף איר אומשטערבלעכקייט. פאַר רוסאָ ליגט די נשמה באַזונדער פון דער קערפּערלעכער שייד. רוסאָ איז דערצאָרנט קעגן די מאַטעריאַליסטן, וועלכע האָבן אין דעם מענטשנס גייסטיקן לעבן אייגעזען אַ התגלות פון דער טעטיקייט פון דער מאַטעריע. דער קערפּער קאָן בטל ווערן, אָבער דער גייסט איז אומשטערבלעך; די סתירות, וואָס מיר זעען אין לעבן, מוזן געפינען אַ באַשיידונג נאָכן טויט. רוסאָ זאָגט, אַז שוין דער פאַקט אַליין, וואָס דאָס שלעכטס זיגט און די גוטע זיינען אונטערדריקט אויף דער וועלט, איז אַ באַווייז, אַז די נשמה איז אומשטערבלעך. רוסאָ טרעט אַרויס קעגן דער מאַטעריאַליסטישער לערע, אַז דעם מענטשנס ווילן איז כלומרשט ניט פריי, אַז כלומרשט דער געדאַנק, וואָס שטופּט אים, איז אַ נויטווענדיקער אַקט אין דער ריי פון אַנדערע אומפאַרמיידלעכע אַקטן. דאָס אורטיילן קומט אַרויס פון מענטשן גופא. „וואָס די פילאָזאָפן זאָלן ניט זאָגן,—שרייט רוסאָ אויס,—וועל איך מיך קיינמאָל ניט אַנטזאָגן פון דעם כבוד צו דענקען!" דער מענטש איז פריי אין זיינע מעשים. ניט דאָס וואָרט פרייהייט האָט קיין זין ניט, נאָר דאָס וואָרט נויטווענדיקייט. משער זיין אַ טועכץ, וואָס שטאַמט ניט פון דעם טוענדיקן וועזן, הייסט זוכן אַ טועכץ אָן אַ סיבה. פאַרשטייט זיך, אַז רוסאָ האָט געמוזט אַרויסטרעטן אויך קעגן די עטישע אָנ־

שוויאונגען פון די מאַטעריאַליסטן. דער באַליידיקנדיקער פאַר דער מענטשלע־כער נאַטור געדאַנק פון די מאַטעריאַליסטן, אַז דער מענטש באַזיצט ניט קיין מאָראַלישן געפיל, אַז אַלע זיינע אַקציעס ווערן אָנגעפירט דורך דעם אינ־סטינקט פון זעלבסט־פאַרהיטונג, פון דעם עגאָאיזם — דערדאָזיקער געדאַנק האָט ווידערגעשפּראָכן רוסאָס געהויבענער וועלט־אָנשויאונג. ער פאַרטיידיקט הייס די עקזיסטענץ פון געוויסן אין מענטשן. ער דערווייזט, אַז אין אים איז דאָ אַן עטישער געפיל, אויף דעם יסוד פון דעם יראת הכבוד געפיל צו גרויסע טאַטן און הויכע כאַראַקטאָרן, וואָס איז אייגנשאַפטלעך פאַר דעם מענטשן. ער שטייט פעסט פאַר דעם אייביקן אומענדלעכן כאַראַקטער פון די באַגריפן וועגן גוטס און יושר, אין קעגנזאַץ צו די מאַטעריאַליסטן, וועלכע האַלטן, אַז דידאָזיקע באַגריפן ענדערן זיך אָפּהענגיק פון די אומשטענדן פון אָרט, צייט און ער־ציאונג, און זיינען אַ רונג אין דער אַלגעמיינער קייט פון די נויטווענדיקע ערשיינונגען. לסוף טרעט רוסאָ אַרויס קעגן דעם מאַטעריאַליסטישן בליק אויף דעם מענטשנס ראָלע. זיי טיילן אים ניט אויס פון דער איבעריקער נאַטור, דער מענטש איז איינע פון די אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס אין דעם לעבן פון דער מאַטעריע. ער איז ניט העכער, ניט נידעריקער פאַר אַנדערע טיילן פון דער מאַטעריע; ער איז אונטערטעניק די אַלגעמיינע אומפאַרמיידלעכע געזעצן. די מאַטעריאַליסטן האָבן געזאָגט, אַז נאָר גאוה און אומוויסנהייט איז די הויכע מיינונג פון דעם מענטשן וועגן זיך, זיי ווילן אויסטיילן זיך פון די אי־בעריקע באַשעפעניש, אַוועקשטעלן זיך אין צענטער פון דער וועלט און ער־קלערן זיך פאַר דער קרוין און דעם ציל פון דער בריאה. רוסאָ געפינט ניט קיין אומנאַטירלעכס אין דעמדאָזיקן גאַווהדיקן בליק פון אַ מענטשן אויף זיך אַליין. „דער מענטש מאַכט אונטערטעניק צו זיינע פאַרלאַנגען די בעלי־חיים און די סטיכיעס, — מיט זיין געדאַנק און דערקענונג קאָן ער זיך דערנענ־טערן אַפילו צו די שטערן. ווייזט מיר אַן אַנדער באַשעפעניש אויף דער ערד, וואָס זאָל נוצן פייער און באַוואונדערן די זון. איך קאָן פילן אָרדענונג, שיינקייט, טוגנד, — און דערביי גלייך זיין צו די חיות? נידעריקע נשמה, מערניט ווי דיין טרייסטלאָזע פילאָזאָפיע מאַכט דיך ענלעך צו די חיות. דיין שכל — איז אַן עדות קעגן דיינע כללים, דיין הארץ — קעגן דיינע אויספירן, און אַפילו דאָס מיסברויכן פון דיינע פעאיקייטן קעגן דיין ווילן באַווייזט דעם מענטשנס גרויסקייט“.

אָבער, אַרויסגעטראָטן קעגן דעאיזם און מאַטעריאַליזם, איז רוסאָ ניט אַריין אין בונד מיט דער הערשנדיקער קירך. ער האָט אויך אָפּגעלייקנט דאָס רעכט פון דער קירך אויף אומפעלערהאַפטער אָנפירונג מיט דער מענטש־הייט, האָט אָפּגעלייקנט די באַדייטונג פון וואונדער און אַנטפּלעקונג. „וועגן וועלכע מיר האָבן נאָר מענטשלעכע צייגעניש“. די פאָרמען פון רעליגיע האָבן, לויט זיין מיינונג, אַ יסוד אין קלימאַט און אין פאָלקס־כאַראַקטער. גאָט פאָדערט נאָר, דאָס האַרץ זאָל זיך פאַר אים בויגן. מען דאַרף אים פאַר־בעטערן מיט גייסט און אמת. דאָס איז דער חוב פון אַלע רעליגיעס, צייטן און מענטשן. אַזוי אַרום האָט אויך אין דער רעליגיע רוסאָס לערע געהאַט

אַ צווייאיקע השפּעה. אויך דאָ איז ער ניט נאָר אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך דער גרעסטער שונא פון רעוואָלוציע. ער האָט געווירקט ניט נאָר אויף ראָבעספּיערן, נאָר אויך אויף שאַטאָבריאַנען, ניט נאָר אויף די יאַקאָבינער, נאָר אויך אויף דעם קאַטוילי־ציזם פון דער רעסטאַווראַציע. ער האָט, לויט מאַרקס אויסדרוק, געגעבן אַ ריכטונג פאַר די ערשטע עפּיזאָדן פון דער רעוואָלוציע, און האָט אויך געגעבן קראַפט פאַר דעם ערשטן עפּיזאָד פון דער רעאַקציע.

דער אויפגעקלערטער אַבסאָלוטיזם, די קאָנסטיטוציאָנעלע לערע און די פּאַטריאַרכאַלע דעמאָקראַטיע — דאָס זיינען די פּאָליטישע הויפּט־טעאָריעס, וואָס די אויפקלערונגס־פילאָזאָפיע האָט אַרויסגעשטעלט קעגן דער אַלטער מלוכה־אָרדענונג. דער דעאיזם, דער מאַטעריאַליזם און די אומבאַשטימטע האַרצנס־רעליגיע — דאָס זיינען די רעליגיעזע לערעס, וואָס די פילאָזאָפיע האָט אַרויסגעשטעלט קעגן דער קירך, וועלכע האָט געשטיצט די אַלטע מלוכה־אָרדענונג.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן באַטראַכט די איבערקערעניש, וואָס די פּאַרשטייער פון די נייע קלאַסן האָבן געמאַכט אין די מוחות פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט, וועלן מיר זיך איצט ווענדן צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אויך געשטעלט אויף אַ נייעם וועג אונטער דער השפּעה פון די נייע פאָדערונגען און געשמאַקן.

XV.

די פּסעוודאָקלאַסישע ריכטונג אין ענגלאַנד. — דראַידען. — די אַנטשטייאונג פון די בורזשואַזע געשמאַקן. — די מוסר־השׂכּלדיקע זשורנאַלן. — ריטשאַרדסאָן. — זיינע ראָמאַנען: „פּאַמעלאַ“, קלאַריסאַ“ און „גראַנדיסאָן“. — די באַזונדערע שטריכן פון דער סאַנטימענטאַלער ליטעראַטור. — רוסאָ „די נייע עלאָאיזע“. — די סתּירה צווישן דער ערשטער און דער צווייטער העלפט פונם ראָמאַן.

די נייע געשמאַקן און פאָדערונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַדאַנק דעם, וואָס אויף דער געשיכטלעכער אַוואַנסצענע איז אַרויסגעטראָטן די בורזשואַזיע, קומען אויך פון ענגלאַנד, אַזוי ווי די ראַציאָנאַליסטישע ריכטונג, אָבער זיי באַקומען די פולע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג און די טעאָרעטישע באַגרינדונג אין פראַנקרייך, און ערשט פונדאַנען פאַרשפּרייטן זיי זיך איבער אייראָפּע. די נייע ליטעראַרישע ריכטונג רופט מען געוויינלעך די סאַנטימענטאַלע. דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע און פאַרשיידנאַרטיקע ריכטונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין XVIII י. ה. און האָט זיך אַנטוויקלט פּאַראַלעל מיטן ראַציאָנאַליזם. זי איז אויסגעוואַקסן טיילווייז אַלס פּראָטעסט קעגן דער טרוקענער מוחדיקייט פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע, טיילווייז אַלס רעאַקציע קעגן דער פּסעוודאָקלאַסישער רעגלמעסיקייט.

אין ענגלאַנד, ווי אין פראַנקרייך, איז פאַראויס דער סאַנטימענטאַלער ריכטונג געגאַנגען דער פסעוודאָקלאַסיציזם. נאָך דער הערשאַפט פון קראָמוועלן און פון די פוריטאַנער, וואָס האָבן די געזעלשאַפט איינגעשמידט אין ענגע קייטן און איינגעפירט אַ שטרענגן רעזשים פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווען די דינאַסטיע פון סטואַרט איז צוריק אַרויף אויפן טראָן אין דער פערזאָן פון קאַרל דעם II (1662 י.), האָט די געזעלשאַפט אַרויסגעוויזן אַ שטרעבונג צו קאָמפענסירן זיך פאַר דער לאַנגער צייט פון איינגעהאַלטנקייט. די רעסטאַוראַציע-עפאָכע — דאָס איז אַן עפאָכע פון צעיושעטע הוליאַנקעס און צעלאָזנקייט. אין דער הינזיכט איז דאָס לעבן אין ענגלאַנד געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן פראַנצויזישן לעבן. דער XVII י. ה. — דאָס איז די צייט, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָס ראַפינירטע וועלטלעכע און הויפישע לעבן. די קינדער פון די פעאָדאַלן און די ריטער האָבן פאַרלאָזן זייערע שלעסער און קריגסבאַשעפטיקונגען און האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום הויף; זיי קעמפן שוין ניט מיטן קיניג, זיי רינגלען אים אַרום, זוכן פון אים חסדים, און דער הויף ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פריילעכן גרויסוועלטיקן סאַלאָן. די הויף-געזעלשאַפט איז פאַר קאַרל דעם II דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה פון צעלאָזנקייט, און דער העכערער ענגלישער אַדל איז ניט געבליבן הינטערשטעליק קעגן דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע אין ערפינדערישקייט בנוגע אַוואַנטורעס, אומבאַשיידענע פאַרגעניגנס און הוליאַנקעס. די ליטעראַטור איז געווען אויף דער דינסט ביי דידאָזיקע שענדלעכע געשמאַקן פון דער הויפגעזעלשאַפט. אויב אויך די פסעוודאָקלאַסישע ליטעראַטור איז געווען די הויף-ליטעראַטור, האָט זי זיך לפחות אויסגעצייכנט מיט אָריגינאַליטעט, זי האָט אַרויסגעשטעלט גלענצנדע טאַלאַנטן און דעם אויסגעצייכנטן טעאָרעטיקער פון דער פסעוודאָקלאַסישער ריכטונג. אין ענגלאַנד, וואו דער פסעוודאָקלאַסיציזם אַנטשטייט אינגיכן נאָך דעם גרויסן רעאַליסט שעקספיר און דער גלענצנדער פלעיאַדע שריפטשטעלער פון זיין צייט, צייכנט זיך דידאָזיקע ריכטונג אויס דערמיט, וואָס זי האָט נאָרניט קיין אָריגינאַליטעט און קיין גרויסע טאַלאַנטן.

דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער פאַר דער רעסטאַוראַציע-עפאָכע פאָעט איז געווען דזשאָן דראַידען (1613—1700). ער האָט גוט געוואוסט די קלאַסישע פאָעטן, אויך קאָרנעלן, ראַסינען און בואַלאָן. ער איז דער אמתער זון פון זיין עפאָכע מיט איר פאַרטיי-קאַמף מיט דער הויפישער שקלאַפן-דינעריי ביי קאַרל דעם II. זיינע ווערק האָט ער געווידמעט די גרויסע לייט. ער שרייבט—אַמאָל, כדי צו פאַרטיידיקן די טאָריס און די אַנגליקאַנישע קירך, אַמאָל — צו פאַרטיידיקן די קאַטוילן, פאַלט אָן אויף די וויגיס, אויף די דעסידענטן, און נאָכדעם אויף די פאַפיסטן. די ניט-שטאַנדהאַפטיקייט אין די אָנשויאונגען, און צוזאַמען דערמיט אויך די פאַרטייאישע אומטאָלעראַנץ זיינען געווען כאַראַקטעריסטישע סימנים פאַר דער עפאָכע. בשעת דער רעוואָלוציע זינגט ער פאַנעגיריקס קראָמוועלן, און ווען קאַרל דער II קערט זיך צוריק, שרייבט ער אַן אָדע צו זיין הייליקער הויכהייט. די העכערע גע-

זעלשאַפט האָט געפּאָדערט אַ באַזונדער ליטעראַטור; זי האָט געוואָלט פאַרענטפערן און אָפּשפּיגלען די הויפישע צעלאָזנקייט. דראַידען שרייבט פאַר דזשענטלמענס. די פובליק פון שעקספּירס טעאַטער, דערדאָזיקער המון אָן פּרעטענזיעס, וואָס האָט אין טעאַטער געזוכט עפּעס אָפּצולערנען זיך און איינדרוקן פון קונסט, וואָס האָט מיטן דמיון דערפילט די אָרימע אויסשטאַטונג פון דער סצענע, — ווערט פאַרביטן אויף אַן אַנדערע, אַ זשוואירנדיקע פּובליק, וועלכע זוכט אין טעאַטער צווייפלהאַפטע פאַרוויילונגען. עס באַווייזן זיך באַוועגלעכע דעקאָראַציעס, גלענצנדיקע באַלויכטונג, אַן אָרקעסטער, אָבער די דראַמאַטישע שאַפונג פאַלט. דראַידען שטעלט צו פּיעסן, וואָס באַפרידיקן דעם געשמאַק פון די האַלבשיכורע פאַטן, — פּיעסן, אין וועלכע פאַרפירער ווערן געשילדערט אין צוציענדיקע שטריכן, און אָפּגענאַרטע מענער אין אַ לעכערלעכן אויסזען, וואו ליבע ווערט אויפגענומען נאָר ווי אַ מגושמדיקער פאַרגעניגן. אַזאַ איז געווען דער פּאָעט פון דער רעסטאַוראַציע, וועלכע איז ערשינען אַלס פאָרשטייער פון דער פּסעוודאָקלאַסישער ליטעראַטור אין ענגלאַנד. פרעגט זיך: וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען מיט די גרויסע ווערק פון שעקספּיר, דעמדאָזיקן אָפּגאָט פון די ענגלענדער? ווי האָט זיך די געזעלשאַפט צו אים באַצויגן, קאָן מען בעסער פאַר אַלץ זען פון דעמזעלביקן דראַידענס אַ באַמערקונג: „זאָל יעדער, וואָס קען די ענגלישע שפּראַך, — זאָגט ער, — איבערלייענען שעקספּירס ווערק, וועט ער אויף יעדער זייט געפינען אָדער סאָלעציזמען (ד. ה. ניט קיין רעגלמעסיקע אין דער הינזיכט פון גראַמאַטיק אויסדריקן), אָדער זאַכן גאָר אָן אַ שום זינען. דאָס רוב פּאַבולעס באַשטייען ביי שעקספּירן פון אַ לעכערלעכן און אַ זינלאָזן עפּיזאָד; אַ פולע פּיעסן זיינען ביי אים געגרינדעט אויף אוממעגלעכקייטן, אָדער זיי זיינען לפּחות געשריבן מיט אַזאַ מיאוסן לשון, אַז זייער קאָמיזם רופט ביי אונז ניט אַרויס קיין געלעכטער, און זייער ערנסטער טייל—קיין אינטערעס". ווייטער וואַרפט דראַידען שעקספּירן אויף, אַז די קיניגן האָבן ביי אים ערגעץ ניט די קיניגלעכע ווערדע. ער איז ברוגז דערויף, וואָס אין איין רגע וואַרפט זיך ביי אים די אַקציע איבער פאַר הונדערטער מיילן און אויף צענדליקער יאָרן, אַז אין איין פּיעסע זיינען ביי אים פאַראייניקט צו דריי און צו פיר אַקציעס. אַזוי ווייזט זיך אין דידאָזיקע אָנפאַלן אַרויס די פאָדערונג פון די פראַנצויזישע פּסעוודאָקלאַסיקער, וועגן אָפּהיטן די דריי איינקייטן און וועגן דער גאַנצקייט פון די כאַראַקטאָרן, וועלכע האָט אָפט פאַרוואַנדלט די העלדן אין אַבסטראַקטע פאָרמולעס אָנשטאָט לעבעדיקע מענטשן. דראַידען זאָגט נאָך אַרויס אַנדערע מיינונגען אויך: אַ דראַמאַטורג דאַרף זיין באַקאַנט מיט די קלאַסיקער, דאַרף זיך אונטערוואַרפן די רעגעלן, שרייבן פאַר דזשענטלמענס. דראַידען שטרעבט נאָכצומאַכן די פראַנצויזישע קלאַסיקער, אָבער דאָס נאָכגעמאַכטע איז שטענדיק נידעריקער פאַרן אָריגינאַל, און דאָס, וואָס האָט זיך שיין צעוואַקסן אויפן פראַנצויזישן באָדן, האָט זיך אונטער דער פעדער פון דעם ענגלישן שריפטשטעלער פאַרוואַנדלט אין אַן אומגעלונגענעם פּרוּוו צו פאַראייניקן די ענגלישע דראַמאַטישע טראַדיציעס מיט די פראַנצוי־

זישע פּאָדערונגען. טען מאַכט די פאָלגנדיקע פאַרגלייכונגס־כאַראַקטעריסטיק פון דער פּסעוודאָקלאַסישער ריכטונג אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד. „ביי די פראַנצויזישע טראַגיקער איז די טוגנד באַגרינדעט אויף פאַרשטאַנד, רעליגיע, בילדונג און פילאָזאָפיע. זייערע העלדן באַזיצן די פּינקטלעכקייט פון שכל, די קלאָרקייט פון דער לאָגיק, די דערהויבנקייט פון געדאַנק, וועלכע זיינען עדות אויף פעסטע איבערצייגונגען און זעלבסטבאַהערשונג אין דעם מענטשן. קיין אָנגעצויגענע אַקציעס און קיין פיזישע אימות זיינען ניטאָ; פאַרטראַכט פּראָפּאָרציאָנעל און רעגלמעסיק; קונציק אויסגעמיטן אָדער פאַרמאַסקירט די גראָבע אָדער די נידעריקע טיפּן; אַ באַפרידיקנדיקער גלייכער געמאָסטענער און געהויבענער לשון. — דאָס אַלץ ווירקט מיט, אַז די סצענע זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן אין אַ הויך־מאָראַלישער ספערע און אונז ביישן צו גלויבן, אַז עס עקסיסטירן דערהויבענע מחשבות. צי קאָן מען אָבער דאָס זעלבע גלויבן ביי דראַידענען? אוממענטשלעכע אָדער נידעריקע פאַרשוינען מיט זייערע ניט־אָנשטענדיקע אויסדרוקן לאָזן אונז דאָ יעדע רגע אַראָפּנידערן צו זייער שמוץ. די העלדינס פון די פראַנצויזישע טראַגיקער זיינען לפחות געווען פיין, בשעת קיין איינציקע העלדין דראַידענס קאָן זיך אַפילו ניט האַלטן. חוצפּא נעמען זיי אָן פאַר ווערדע, תאוהדיקייט — פאַר צאַרטקייט, פירן זיך אָן צערעמאָניעס ווי קורטיזאַנעס, זיינען אייפערזיכטיק ווי גריזעטינס, קליינלעך ווי די קליינבירגערינס, זידלען זיך ווי די מאַרק־הענדלערינס... ביי אַלע זיינע העלדן זיינען שאַרזשירטע געפילן, אימפּראָוויזירטע זעלבסטאָפּפּערונג, איבערגעטריבענע גרויסמוטיקייט, היציקע אָנגעבלאָזנקייט פון דעם אומגעשיקטן ריטערטום, און אין דער נשמה זיינען עס גראָבע באַרבאַרן, וואָס ווילן זיך דראַפּירן אין פראַנצויזישן כבוד און גרויסוועלטיקער העפלעכקייט". דאָס זעלבע דאַרף מען אויך זאָגן וועגן לשון, וואָס האָט אין דעם פּסעוודאָקלאַסישן טעאַטער געשפּילט אַזאַ ראָליע. דראַידען פאַרלאָזט דעם פריערדיקן דראַמאַטישן פערז, וואָס דערלאָזט ניט קיין ריפמע, ער פאַרלאָזט אויך דעם געמישטן שטייגער פון פּראָזע מיט פערזן, פאַר וועלכן עס האָבן זיך געהאַלטן די אַלטע פּאָעטן, און ער שרייבט די גאַנצע טראַגעדיע פון אָנהייב ביזן סוף מיט ריפמען, נאָכנעמאַכט די פראַנצויזן. דאָס וואָס ביי די פראַנצויזן איז געווען נאַטירלעך און שיין, איז ביי דראַידענען געווען געקינצלט, און עס האָט פרעמד געקלונגען פאַר דעם ענגלישן געהער.

דאָס איז אין ענגלאַנד געווען דער גורל פון דער פּסעוודאָקלאַסישער ריכטונג און פון איר מער טאַלאַנטפולן פאָרשטייער. זי האָט איבערגענומען די נעגאַטיווע זייטן פון פראַנצויזישן פּסעוודאָקלאַסיציזם, ניט פאַרבאַהאַלטנדיק זיין פעאיקייט און איידלקייט, און האָט חוץ דעם אָפּגעשפּיגלט די ספּעציפישע גראָבקייט און צעלאָזנקייט, וואָס די ענגלישע געזעלשאַפט פון דער רעסטאַוראַציע־עפּאָכע האָט זיך מיט זיי אויסגעצייכנט.

קאַרל דעם II און זיין נאָכפאָלגערס אַנטינאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט געבראַכט, ווי באַוואוסט, צו דער איבערקערעניש פון 1688 יאָר, וואָס איר פועל־יוצא איז געווען די אַנטקרייַנונג פון דער סטואַרט־משפחה, וועלכע האָט

געקעמפט פאַר דער אויבערשטקייט פון קיניג און די דערהויבונג פון פּאַרלאַמענט, וועלכער איז פון דעמאָלט אָן העכער פאַרן קיניג. דידאָזיקע איבערקערעניש האָט אַרויסגערוקט פאָראויס די בורזשואַזיע, און צוזאַמען מיט איר אויך נייע פאָדערונגען: אָנשטאָט אַ ליטעראַטור פון זשואירן, טראַגעדיעס, וועלכע מאָלן אויסשליסלעך העלדישע געפילן, קאָמעדיעס, אין וועלכע מען האָט קיין ערנסטס ניט געקאָנט אַריינפירן, אָנשטאָט ראָמאַנען, וועלכע האָבן באַפרידיקט די געשמאַקן פון דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט,—אַנטשטייט אַן ערנסטע ליטעראַטור, וואָס באַפרידיקט די פאָדערונגען פון דעם נייעם קלאַס, וועלכער האָט אָנשטאָט צעלאָזנקייט און יאָגעניש נאָך תענוגים געבראַכט אַכטונג צו די משפּחה-פּרינציפּן, שטרענג מאָראַלישע אָנשויאונגען און רעליגיעזן געפיל. די ריטערישע מידות, — זאָגט טען, — זיינען בטל געוואָרן און האָבן מיט זיך אַוועקגענומען די פּאָעטישע אויסדריקלעכקייט און די בילדערישקייט פון דער טעאַטראַלער סצענע; עס ווערן פאַרמעקט די מאָנאַרכיסטישע מידות און מיט זיי גייען אַוועק די שאַרפזיניקייט און די צעלאָזנקייט פון טעאַטער. עס אַנטשטייען בורזשואַזע מידות און זיי ברענגען מיט זיך די נטיה צו קאַפּיטאַלן און פּראַקטישן לערנען. עס אַנטשטייט די באַדערפעניש אין ביכער, וועלכע מען לייענט ביים קאַמין, אין דאָרף, אין דער אייגענער משפּחה. צו דעמדאָזיקן מין ווערק ווענדן זיך די פעאיקייטן, און די שעפערישקייט.

אָט אין וועלכע באַדערפענישן און אין וועלכן קלאַס מען דאַרף זוכן דעם קוואַל, וואָס פון אים איז אַנטשטאַנען די סאַנטימענטאַלע ליטעראַטור. אָבער איידער מיר גייען איבער צו איר כאַראַקטעריסטיק, דאַרף מען זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די ענגלישע זשורנאַלן, וואָס דידאָזיקע נייע באַדערפענישן האָבן אַרויסגערופן אין לעבן. צו די גוטע רעזולטאַטן פון דער איבערקערונג אין 1688 געהערט דאָס אָפּשאַפן די צענזור איידערן דרוקן און די אַנטוויקלונג פון דער פּרעסע. די בורזשואַזיע האָט געפאָדערט באַלויכטונג פאַר די געשעענישן פון טאָג-טעגלעכן לעבן, אויפמערקזאַמקייט צו אירע וואָכעדיקע אינטערעסן, בילדלעך פון לעבן. אַזעלכע פאָדערונגען האָבן געקענט באַפרידיקן נאָר פּעריאָדישע אויסגאַבן, און אין אָנהייב XVIII י. ה. אַנטשטייט אין ענגלאַנד אַ ריי וועכנטלעכע מוסר-השכל-זשורנאַלן. דניאל דעפאָ מאַכט שוין אַ פּרוּוו אין דערדאָזיקער ריכטונג, און אין די ערשטע יאָרן פון XVIII יאָרהונדערט ערשיינט זיין „איבערזיכט", אָבער ערשט אין 1709 גרינדעט ריטשאַרד סטיל אַ זשורנאַל, געווידמעט איבערהויפּט פּאָעטישע און מאָראַלישע אויפגאַבן. אין דער אַנאָנס וועגן דעם אַרויסגאַנג פונם דאָזיקן זשורנאַל, וואָס האָט זיך גערופן „פּלוידערזאַק", ווערט געזאָגט, אַז זיין ציל איז — געבן „באַלערנדיקן און צוזאַמען דערמיט דעם געדאַנק-וועקנדיקן מאַטעריאַל צום לייענען". סטילס הויפּט-מיטאַרבעטער איז געוואָרן זיין שול-חבר אַדיסאָן. דער זשורנאַל גיט ידיעות וועגן די פאַרשיידנאַרטיקסטע לעבנס-ספערעס, ברענגט אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען וועגן די מידות פון מענטשן, פאָרשט אויס די מנהגים און די אַנשטאַלטן פון געזעלשאַפטלעכן און משפּחה-לעבן. איינגיכן

ריטשאַרדסאָן

קומט אויפן אָרט פון „פלוידערזאַק" דער „צושויער", און נאָכדעם אָנשטאָט אים — „דער אַפּוטרופּוס", און אַז. וו. ליבע און לעבן צווישן מאַן און ווייב, די קונסט פון ערציאונג, די ווירקלעכע אָדער די געקינצלטע פיינקייט פון באַגיין זיך אין דער געזעלשאַפט, באַשיידנקייט, קאַרגקייט, גאווה, לוקסוס אין קליידונג און עקיפּאַזשן, שטרענגקייט פון מידות און קאָקעטעריי, די אומ־מאָראַלישקייט פון דועלן, די זינד פון אַזאַרט־שפּילן, דאָס יאָגן זיך נאָך גליק און פּרייזיניקייט, פאַנאַטיזם און טאָלעראַנץ, פּאָליטישע פלאַפּלעריי, פּעדאַנטיזם פון די געלערנטע, אומוויסנהייט און געשמאַקלאָזיקייט פון די מאָדישע וויצ־ליגנער, דאָס וואַקסנדיקע פאַרגרייזן די שפּראַך, און הונדערטער ענלעכע זאַכן ווערן אַרויסגעפירט אין בילדלעך, קלוגע און לעבעדיקע. דער קאָלאָסאַלער איינפלוס און די פאַרשפּרייטונג פון די זשורנאַלן ווערט דערקלערט דורך דעם, וואָס זיי האָבן געטראָפן איין טאָן מיט דער געזעלשאַפט. אַנטזאָגט זיך פון פּאָליטישן קאַמף, האָבן זיך די אַרויסגעבער זייערע פאַרנומען מיט באַלייכטן די ערשיינונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן, באַפרידיקט די געשמאַקן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין העלדישע טראַדיציעס, ניט געזוכט אין דער ליטעראַטור קיין שילדערונגען פון אויסערגעוויינלעכע ערשיינונגען, געפאָדערט אָפּשפּיגלונג פון זייערע שטילע משפחה־פריידן, פון זייערע וואָכעדיקע אינטערעסן. די זשורנאַלן האָט די ענגלישע געזעל־שאַפט אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען, וואָס איר מאָראַלישע אויפלעבונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1688 יאָר, איז געגאַנגען פאָראויס אַזוי שנעל. די ענגלישע זשורנאַליסטיק האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה ניט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אויף דעם קאָנטינענט אויך. אין די דרייסיקסטע יאָרן פון XVIII י. ה. האָט דער „צושויער" פון סטיל און אַדיסאָן ערשיינט אין פראַנ־צויזישער איבערזעצונג. אין 1722 יאָר האָט מאָרענאָ אין פראַנקרייך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל «Le Spectateur», נאָכגעמאַכט דעם „צושויער". ס'אַנטשטייט אַ ריי זשורנאַלן אין דער דייטשער שפּראַך. לסוף האָט אויך אין רוסיש אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ זשורנאַל «Зритель».

די ענגלישע מוסר־זשורנאַליסטיק האָט צוגעגרייט די ליטעראַטור, וועלכע האָט באַלד אַרויסגעשטופּט די אַלטע פּסעוודאָקלאַסישע ריכטונג. דאָס איז די ליטעראַטור פון דער בורזשואַזער משפחה. פריער פאַר אַלץ בליט זי אויף אין ראָמאַן. דער גרעסטער פאָרשטייער פון ראָמאַן אין XVIII י. ה. איז געווען סאַמועל ריטשאַרדסאָן (1689 — 1761). שוין די ביאָגראַפיע און די פּערזענלעכקייט גופא פון דעמדאָזיקן מענטשן שטעלן מיט זיך פאָר אַ כאַראַק־טעריסטישע ערשיינונג. אָנשטאָט דעם פּאָעט פונם אַלטן טיפּ, דעם הויף־קאַריעריסט, וואָס פאַרקויפט זיין באַגייסטערונג כדי צופרידן צו שטעלן דעם גע־שמאַק פון דער העכערער געזעלשאַפט, האָבן מיר פאַר זיך אַ באַשיידענעם האָרעפּאַשניק, וואָס לייגט זיך דורך אַ וועג דורך געוויסנהאַפטער מי, אַ זון פון אַ סטאָלער, אַ דרוקער. אָנשטאָט דעם צעלאָזענעם פאַרשייטן און בעל־גאווהדיקן פּאָעט־אַריסטאָקראַט, האָבן מיר פאַר זיך אַ ביסל אַ טריבן, ניט פריינדלעכן, אָבער שטרענג מאָראַלישן, רעליגיעזן, באַאָבאַכטנדיקן און עמפּינדלעכן בורזשואַ.

ריטשאַרדסאָנס ביאָגראַפיע איז אָן עפעקטן. חברים, וואָס הערן די ערציילונגען פון דעם קליינעם סעמועל, וועלכער קאָן דערציילן שיינע מעשיות; אַ שכנה, וועלכע ווענדט זיך צום יונגן בחורל סאַמועל, וואָס באַזיצט אַ געפילפולן סטיל, מיט דער בקשה אָנצושרייבן אַ בריוו צו איר געליבטן,—דאָס זיינען ריטשאַרדסאָנס זכרונות, וואָס האָבן פאַר אים ניט אַנטפלעקט דאָס רייכע מיט געקינצלטן גלאַנץ לעבן פון די אַריסטאָקראַטן, האָבן אים אָבער געגעבן די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין די נשמות פון די פשוטע מענטשן, אַנטדעקן דאָרט צאַרטע געפילן, איינפאַכע פריידן און ליידן. נאָכדעם, אין דעם רייפן עלטער — די פראָזאַאישע עקזיסטענץ פון אַ בורזשואַ, וואָס איז איבערגעגעבן דער מלאכה, וואָס אָרדנט פאָרזיכטיק איין זיין מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, וואָס זאַמלט זיך אַ פאַרמעגן, און אין ריי מיט דערדאָזיקער אָרעמער אויסערלעכער עקזיסטענץ— אַ רייך אינערלעך לעבן, פול מיט רעיונות, מיט אַ דורכגעטראַכטער באַציאונג צו דער אַרומיקער וועלט.

„פאַמעלאַ, אָדער די באַשאָ־קענע טוגנד; אַ ריי חברשע בריוו פון יענער שיינער פערזאָן צו אירע קרובים, אַרויסגעגעבן מיט דעם ציל צו אַנטוויקלען די מידות פון טוגנד און רעליגיע אין דער נשמה פון יונגעלייט פון ביידע געשלעכטן. דאָס ווערק איז געגרינדעט אויף אַ ווירקלעכער פאַסירונג, גיט אָנגענעמע באַשעפטיקונג פאַרן מוח דורך דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די טשיקאַווע און רירנדע פאַסירונגען און איז פולקום ריין פון אַזעלכע שילדערונגען, וועלכע האָבן אין דאָס רוב ווערק, וואָס זיינען געשריבן צוליב פשוטער פאַרוויילונג, דעם ציל נאָר אָנצוצינדן דאָס האַרץ אָנשטאָט צו לאָזן עס לערנען",— אַזאַ איז דאָס לאַנגע קעפל פון ריטשאַרדסאָנס ערשטן ראָמאַן, וואָס האָט ערשינט אין 1740 יאָר, ווען דעם אויטאָר איז שוין געווען פופציק יאָר. דער טיטל אַליין באַווייזט שוין, אַז דער ראָמאַן איז געשאַפן ניט פאַר פאַרוויילונגען, נאָר צו לאָזן לערנען. דער אויטאָר פירט אַרויס פאָרשטייער פון צוויי קלאַסן — פאַמעלע, אַן אָרעם מיידל, און אַ יונגן דזשענטלמען. פאַמעלע, אַ שטילער, טוגנדלעכער וועזן האָט נאָך דעם טויט פון איר ווירטין, אַ הויכגעשטעלטע דאַמע, געליטן פון די פאַרפאָלגונגען מצד איר יונגן הער, דער פאַרשטאָרבענערס אַ זון. דער קאַמף צווישן פאַמעלעס טוגנד און דעם פאַרעקשנטן צושטיין מצד איר הער בילדעט דעם אינהאַלט פון דער ערשטער העלפט ראָמאַן. מיר האָבן פאַר זיך אַן איינגעשפאַרטן דאָן־זשואַן, וואָס טוט אַלע מיטלען — ער גראָזיעט, לאַשצעט, שלאָגט און שענקט מתנות, באַרעדט און באַליידיקט. ער ברענגט די אומגליקלעכע צו אַזאַ צושטאַנד, אַז איר בלייבט קיין שום אויסגאַנג ניט, און פונדעסטוועגן צעשיטן זיך אַלע זיינע פרוּוון אין שטויב אָן איר פעסטקייט. דער אויטאָר האָט אויסגענוצט זיין סוזשעט, כדי צו שאַפן אַ אידעאַליש בילד פון אַ מיידל, לויט ווי עס האָט זיך געמאָלט אין דעם דמיון פון אַ בורזשואַ. דער ערשטער שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט פאַמעלען, איז דער טיפער רעליגיעזער געפיל. נאָר מיטן גלויבן אין גאָט, מיטן גלויבן אין ענדלעכן זיג פון דער גערעכטיקייט קאָן מען דערקלערן די אומפאַרגלייכלעכע פעסטקייט פון דער מיידל. דערדאָזיקער

גלויבן שטיצט זי אין קאַמף מיט דעם אויסגעלאַסענעם דזשענטלמען. דערדאָזיקער גלויבן ערלויבט איר אויך ניט אָנצוטאָן זיך אַ מיתה, — אַזאַ געדאַנק האָט לייכט געקאָנט קומען אויפן זינען דער באַרעדטער, צעשלאָגענער און אויסגעפּייניקטער מיידל. דער צווייטער שטריך פּאַמעלעס איז איר זאַנפטקייט און הכנעה. זי האָט ניט קיין פּוסטע גאווה און קיין שטאָלץ. איר קומט אפילו קיין רגע אויפן זינען ניט דער געדאַנק אָנהויבן גרויס צו האַלטן זיך, ווען דער יונגערמאַן, גערירט פון איר פעסטקייט, האָט מיט איר לסוף חתונה. נייע מענטשן האָבן מיט זיך געבראַכט דידאָזיקע נייע אידעאַלן. דער בורזשואַזיע זיינען ניט באַקאַנט די שטרעבונגען פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע פאַר יעדער פּרייז אַרויסצורוקן זיך אין די ערשטע רייען, באַשיינען זיך מיט גלאַנץ און מיט רייכקייט. די פּשוטע מענטשן זוכן נאָר צאַרטע און אויפריכטיקע געפילן. פּאַמעלע איז אַן אמתע טאָכטער פון דעמדאָזיקן נייעם קלאַס, האָט ליב איר הער, און ווען ער האָט מיט איר חתונה, איז זי אַנטציקט ניט פון דעם געדאַנק וועגן רייכקייט און גלאַנץ, נאָר פונם געדאַנק וועגן אַ גליקלעך, שטיל לעבן אין דער אייגענער היים. ניט קיין פאַרזאַמלונגען, געסט און פאָרן צו געסט באַשעפטיקן איר דמיון, — זי טרוימט וועגן רעגלמעסיק און פאַרשטאַנדיק איינאָרדענען איר ווירטשאַפט, וועגן שמועסן מיטן מאַן, וועגן צאַרטער זאָרג, מיט וועלכער זי וועט אים אַרומרינגלען. זי וועט גאָט בעטן, ער זאָל איר העלפן דערפילן איר חוב בנוגע צו דער משפחה. אויב זי מאָלט זיך עפּעס אַ טעטיקייט אויסער דער משפחה, שטעלט זי עס פאָר אין דער פאָרם פון וואוילטעטיקייט: זי וועט טיילן צדקה. דאָס זיינען אירע אידעאַלן, אָן גלאַנץ און עפעקטן, שטילע און באַשיידענע. דער דריטער שטריך פּאַמעלעס איז איר איבערגעגעבנקייט צו איר פליכט: ווי זי זאָל ניט פאַרשטיין איר פליכט, ווי קליין עס זאָלן ניט זיין די התחייבותן, וואָס זי נעמט אויף זיך, אָבער זי וועט גיכער שטאַרבן, איידער אָפּזאָגן זיך אויסצופילן כאָטש וועלכע עס איז פון זיי. פאַר אַזעלכע נפשות, ווי זי, עקסיסטירן ניט קיין וואַקלענישן און קיין ספקות, זי ווייס ניט פון קיין סאָפיזמען, וואָס פאַרענטפערן די עבירה. זי איז אַ דינסט; אַ דינסט דאַרף ערפילן דעם ווילן פון אירע באַלעבאַטים, און דאָס קלעקט, אַז זי זאָל מוחל זיין איר הער אַלע זיינע פאַרפאָלגונגען. ווי ער זאָל זיך מיט איר ניט באַגיין, אַלץ איינס וועט זי גאָט בעטן פאַר אים. זי וועט זיך ניט ערלויבן קיין פאַמיליאַרישקייט בנוגע צו אים, כאָטש זיין אויפפירונג זאָל איר עס יאָ ערלויבן, זי וועט אים ניט כאַפּן ביי קיין ליגן, ווער ער מאַכט בלבולים אויף איר, וואָרעם זי איז אַ דינסט און מוז ערן איר ווירט. אַזעלכע זיינען די נייע מענטשן, אונטער אויסערלעכער שטילקייט באַהאַלטן זיי אַ גראַנדיעזע פעסטקייט און אַ גרויסן גלויבן אין גאָט און אין יושר. נאָר דידאָזיקע מענטשן, וועלכע זיינען געגאַנגען פאָראויס באַשיידן, אָבער ניט אָפּצווענדן זיך אָן אַ זייט, האָבן געקאָנט פאַרנעמען אַ הערשנדיקע לאַגע אויף דער געשיכטלעכער אַרענע.

פּ אַ מ ע ל אַ האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. אָבער דערדאָזיקער ערפאָלג קאָן זיך ניט גלייכן מיט דעם ערפאָלג פון ריטשאַרדסאָנס צווייטן ראָ־

מאַן: קלאַריסע, וועלכער איז אַרויס אין 1748 יאָר. דערדאָזיקער ראָמאַן טראָגט ניט קיין קירצערן נאָמען, און דער אויטאָר ווייזט אין אים אָן, אַז דער ראָמאַן איז כולל „די וויכטיקסטע באַציאונגען אין משפחה־לעבן" און באַזונדער דערקלערט ער די אומגליקן, וואָס „טרעפן, ווען עלטערן און קינדער זיינען ניט פאָרזיכטיק אין ענינים פון חתונה". מיר זיינען עטלעכע מייל ווייט פון לאָנדאָן, אין אַ רייכער בורזשואַזער משפחה גאַרלאָ. פאַר אונז עפענען זיך פונאַנדער די פינסטערע זייטן פון דעמדאָזיקן געשעפטלעכן פּראָזאַאישן לעבן, וואו אַלע אינטערעסן זיינען צונויפגעבונדן מיט די אינטערעסן פון מסחר, וואו דאָס געלט־פאַרדינען אָן הפסקה — איז דער וויכטיקסטער ציל. אין דעמדאָזיקן נייעם קליינלעכן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, פאַר דער פינאַנסיעלער מעכטיקייט, וואַקסן אויס אַזעלכע טרוקענע, דעספּאָטישע, פאַרהאַרטעוועטע כאַראַקטערן, ווי דער פאָטער פון דער משפחה גאַרלאָ. דאָס איז אַ ניט־פריינדלעכער פּראַקטיקער, וואָס האָט מבטל געמאַכט די פּערזענלעכקייט פון דער פרוי, וואָס וויל לויט זיין אייגענעם איינזען די קינדער איינאָרדענען. די מוטער איז אַ שוואַכער נפש, וועלכע וואַגט ניט אויפצוהייבן איר שטים. דער זון איז געראָטן אין טאַטן, האָט ליב צו הערשן, איז אַן עקשן און אַ גייציקער. די עלטערע טאָכטער אַראַבעלע — אַ גאַליקע אַלטע מויד, און די ייִנגערע קלאַריסע — אַ וואונדערלעכער ווען, וואָס דערמאָנט אונז אָן פאַמעלען, און וואָס האָט פון די פאַמיליען־אייגנשאַפטן איבערגענומען נאָר דעם פעסטן כאַראַקטער און די שטאָלצקייט, אָבער זי איז באַשאָנקען מיט שיינקייט און מיט חן — אַ אידעאַל פון פיזישע און מאָראַלישע מעלות. דאָס זיינען די מיטגלידער פון גאַרלאָס משפחה. קלאַריסען האָט דער אויטאָר געמאָלט מיט באַזונדער ליבשאַפט. דאָס איז אַ פרויענבילד, וואָס ריטשאַרדסאָן האָט, שאַפנדיק עס, פאַרבראַכט נעכט אָן שלאָף. ער האָט זיך צוזאַמענגעלעבט מיט איר נשמה, געוויינט איבער אירע ליידן, געפרייט זיך מיט איר שמחה. ער האָט ניט אויסגעטראַכט די געשעענישן, — זיי האָבן זיך אַליין אַנטוויקלט, און צייטנווייז האָט זיך ריטשאַרדסאָנען געדאַכט, אַז דיווירקלעכקייט און זיין פאַנטאַזיע גיסן זיך צונויף אין איין גאַנצס, און אַז פאַר זיינע אויגן גייט פאַרביי ניט די געשיכטע פון אַ פאָעטישער העלדין פון אַ ראָמאַן, נאָר פון אַ לעבעדיק מיידל, אַ טייערער און אַ נאָענטער. זי איז די אמתע טאָכטער פון אַן ענגלישן קאַפּיטאַליסט פון XVIII י. ה. די גאַנצע גאַס האָט זי ליב, די גאַנצע משפחה פון פאָטער ביזן לעצטן ייִנגל אויפן קיך, וועלכע וואַרט, זי זאָל קומען, מחמת זי פאַרנעמט זיך מיט דערווירטשאַפט — אַלע פאַרגעטערן זי. די אָרימעלייט פון דער סביבה רופן זי מיטן פאַרקלענערונגס־נאָמען קלערי. דער פּאַסטאָר פוצט זיך צו, ווען זי קומט אין קירך און וואַרפט אַרויס פון זיין רעדע די צופיל המונישע אויסדרוקן. די זקנה, וואָס האָט ליב צו פּלוידערן, זאָגט, אַז קלאַריסע פאַרדינט דעם בעסטן חתן אין גאַנץ גרויסבריטאַניע.

דאָס איינאַרטיקע פּראַקטיש־טרוקענע לעבן פון דער משפחה ווערט געשטערט נאָר דורך קליינע מחלוקתן. און אפשר וואָלט גאָרניש ניט געשטערט

דעם מאָנאָטאָנעם שטראָם פון דעמדאָזיקן לעבן, ווען אין דער משפחה וואָלט זיך ניט אַריינגעריסן איינער פון יענע אומפאַרשטענדלעכע העלדן, אין וועלכע די נאַטור האָט אויף אַ מאָדנעם אופן פאַראייניקט די שרעקלעכסטע חסרונות מיט שיינע אויסברוכן פון גרויסמוטיקייט און איידלקייט. דער העלד, וואָס איז באַשערט געווען איינצונעמען קלאַריסעס האַרץ, איז דער ערשטער שיינער יונג און דועליסט אין ענגלאַנד, אַן אַריסטאָקראַט און אַ צעלאָזענער. דער נאָמען לאָוועלאַס איז שוין לאַנג געוואָרן אַ שם כּללי, און דאָס געהערט ריטשאַרדסאָנען דער פאַרדינסט פאַר דער אַלזייטיקער אויסמאָלונג פון דעם פאַרפירער און פון דער קינסטלערישער פאַרקערפּערונג פון דעמדאָזיקן ליטעראַרישן טיפּ. דאָס איז אַ באַצויבערנדיקער מענטש, אַ קלוגער, אַ ליבלעכער, ביט בייצושטיין אַנטקעגן אים, אַ אינטערעסאַנטער, ווען ער וויל באַצויבערן דאָס האַרץ פון זיין קרבן, אָבער אין דערזעלבער צייט שטויסט ער אָפּ מיט זיין צעלאָזנקייט און אויסגעלאַסנקייט. קנאַפּ-וואָס קלאַריסעס ריינקייט און הילפלאָזיקייט רירן אים ניט, נאָר זיי צינדן נאָך אין אים שטאַרקער אָן דעם געפיל פון תאווה. קלאַריסע פאַרטרויט זיך דעמדאָזיקן מענטשן און ער נאַרט זי אכזריש אָפּ. פאַר דער אומגליקלעכער מיידל הייבט זיך אָן אַ צייט פון יסורים. לאָוועלאַסן אַליין פייניקט דער געוויסן, אָבער ס'איז שוין שפּעט. די שטאָלצע מיידל האָט ניט געקאָנט איבערלעבן איר חרפּה און זי שטאַרבט, און לאָוועלאַס פאַלט אין דועל מיט איינעם פון קלאַריסעס קרובים.

ק ל אַ ר י ס ע האָט געהאַט אַן אומגעהערטן ערפאָלג ניט נאָר אין ענגלאַנד. ריטשאַרדסאָן האָט זי לאַנג געשריבן, און די ידיעות וועגן דעם צושטאַנד פון קלאַריסעס געזונט האָט מען אומעטום איבערגעגעבן, ווי זייער אַ וויכטיקע נייס. פּשוטע מענטשן האָבן גאָט געבעטן, זי זאָל געזונט ווערן, דאַמען האָבן ריטשאַרדסאָנען געבעטן, ער זאָל ראַטעווען לאָוועלאַסעס נשמה; די מיניסטאָרן, איידער זיי זיינען געפאָרן צום קיניג מיטן באַריכט, פלעגן זיי פאַרפאָרן צו ריטשאַרדסאָנען דערוויסן זיך וועגן מיס קלאַריסעס געזונט, מחמת דער קיניג וואָלט וועגן דעם געקאָנט פרעגן. די פאָלגנדיקע געשיכטע איז די בעסטע אילוסטראַציע פון דער סענסאַציע, וואָס דער באַוואוסטער ראָמאַן האָט אַרויסגערופן. ריטשאַרדסאָנס אַ באַקאַנטער האָט איינמאָל באַקומען אַזאַ בריף: מיין טייערער וויליאַמס, איך ווייס, אַז איר זייט אַ גוטער פריינט פון דעם ריטשאַרדסאָן, מיט וועלכן די גאַנצע שטאָט קלינגט, איך האָב צו אייך אַ דעליקאַטן אויפטראָג; אָט אום וואָס עס גייט: מיין כּלה מערי קעמפּבעל האָט זיך אַזוי אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען, אַז זי איז לגמרי אַראָפּ פון זינען און האָט אָנגעהויבן שטאַרק שלעכט אויסצוזען. די טעג האָט זי מיר געמאָלדן, אַז אויב עס וועט שטאַרבן עפּעס אַ קלאַריסע גאַרלאָ, מיט וועלכער ריטשאַרדסאָן איז באַקאַנט, וועט זי זיין אויסער זיך פון פאַרצווייפלונג. אומזיסט האָב איך זי געוואָלט איבערצייגן, אַז ריטשאַרדסאָן קאָן דאָך ניט האָבן קיין שליטה צו פאַרהיטן זיינע באַקאַנטע פון טויט, און אַז לעבן אָדער טויט הענגט אָפּ פון גאָטס ווילן. זי האָט מיר געמאָלדן, אַז ריטשאַרדסאָן פאַרפאַסט קלאַריסען, אַז לעדי קלאַריסע איז ניט קיין פרוי, נאָר אַ בוך, אַז, הייסט עס, דער פאַרפאַסער

קאָן זי רעטן און לאָזן פאַרלאָרן גיין, ווי ער וועט איינזעען. דערביי האָט זי מיך אָנגערופן אומוויסנדער מענטש און אומגעהייער פון ים. גיט-זשע איך בעט אייך, איבער דעם מיסטער ריטשאַרדסאָן, אַז אויב מיס מערי וועט זיך אויף אים קלאָגן, און קלאַריסע וועט ווירקלעך שטאַרבן, וועל איך אים מיט אַן אָנשטענדיקער חברה צוהיטן אויף רעדזשענט-סטריט, וועל פון אים פאַר אַלעמען אין די אויגן אַראָפּנעמען דעם פּאַריק, און אויב דאָס האַרץ וועט הייסן, וועל איך אים אויך ווי געהעריק אָנשלאָגן. — קאַפּיטאַן דזשאָרדזש קאַווענטרי.

אין וואָס-זשע איז די סיבה פון דעמדאָזיקן ראָמאַנס ערפאָלג? קלאַריסע איז דער בולטסטער מוסטער פון דעם פאַמיליע-בורזשואַזן, אָדער פון דעם אַזוי גערופענעם סאַנטימענטאַלן ראָמאַן. די קורצע איבערדערציילונג פון דעם ראָמאַן באַווייזט שוין, אין וואָס עס זיינען באַשטאַנען די באַזונדערהייטן פון דער נייער ריכטונג. קודם כל האָט זיך געענדערט דער סוזשעט. אָנשטאָט גרויסע געשעענישן און העלדישע גבורות האָבן מיר פאַר זיך אַ פּשוט משפחה-לעבן. די שילדערונג פון אירע לאַנגווייליקע דעטאַלן פילן אויס צענדליקער זייטן. דער אויטאָר געפינט אין די פריידן און די ליידן פון דער משפחה, אין די געשעענישן פון דעם שטילן משפחה-לעבן אַזוי פיל רירנדיקס, וועלכע איז ווערט לערנען צו קענען, אַז ער לאָזט זיך טיף אַראָפּ אין בורזשואַזן לעבן, טראָגט דער ערשטער פון דעם אַרויס העלע נאָך ניט געזעענע בילדער און געשטאַלטן. די צווייטע ענדערונג באַשטייט אין דעם אויסוואַל פון ביי’ע העלדן. מיר האָבן געזעען, אַז די פּסעוודאָקלאַסישע ליטעראַטור האָט פון אירע ווערק אַרויסגעטריבן קליינע מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, ניט באַוויזן קיין גבורות. די סאַנטימענטאַלע ליטעראַטור פירט זיי אַריין, און ניט אַלס אַקסעסואַרן, נאָר אַלס הויפּטווירקנדיקע פּערזאָנען, וואָס זייער פּסיכאָלאָגיע איז דער צענטראַלער פּונקט פון דעם אויטאָרס אויפמערקזאַמקייט. אין די פּסעוודאָקלאַסישע העלדן האָט די אויבערהאַנט דער שכל, אָדער דער ווילן. אין די העלדן פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור — די געפילן. שטילע, זאַנפטע געפילן, וואָס זיינען געבוירן דורך דער רואיקער, געזיכערטער עקסיסטענץ פון דערדאָזיקער סביבה, געפילן פון עלטערן, פון קינדער, פון מאַן און ווייב, צאַרטע און רירנדיקע, מיט איין וואָרט, געפילן, וועלכע די געהויבענע פּסעוודאָקלאַסישע טראַגעדיע האָט פיינט געהאַט, האָבן איצט באַקומען בירגערעכט אין דער ליטעראַטור. דידאָזיקע איבערוואָג פון געפיל, צאַרטע און רירנדיקע האַרצאויסגיסענישן, וואָס זיינען ביי די שפּעטערדיקע שריפטשטעלער דערגאַנגען ביז קאָמיזם, איז געווען איינער פון די שטריכן, מיט וועלכע די בורזשואַזע ליטעראַטור האָט זיך אויסגעצייכנט. אין הסכם מיט דער ענדערונג פון די סוזשעטן, האָט אויך די פאָרם זיך געמוזט ענדערן. די באַליבטע פאָרם ביי די סאַנטימענטאַלע שריפטשטעלער — דאָס איז די פאָרם פון טאָגביכער, בריוו און אַז. וו. זי האָט די העלדן געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוגיסן זייערע געפילן, מערער ריידן וועגן זייערע איינדריקן און שטימונגען, איידער וועגן די אויסערלעכע געשעענישן. די פּסעוודאָקלאַ-

סישע כּללים האָבן זיך געמוזט פונאַנדעררוקן און לאָזן אָרט פאַר דער פרייהייט פון שאַפן, מחמת די אינערלעכע וועלט פון מענטשן האָט זיך אין דער נייער ליטעראַטור פונאַנדערגעעפנט אין איר גאַנצן פאַרנעם. קלאַריסע איז אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון בריוו. די סאַנטימענטאַלע רייזע פון סטערן, פון וועלכער די ריכטונג אַליין האָט איר נאָמען באַקומען, איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָגבוך. אין דער פאָרם פון אַ טאָגבוך איז אויך אָנגעשריבן געטעס ווערטער. אין דער פאָרם פון בריוו—רוסאָס די נייע עלאָאיזע. דאָס איז די דריטע וויכטיקע ענדערונג, וואָס דער סאַנטימענטאַליזם האָט אַריינגעטראָגן אין דער ליטעראַטור — די ענדערונג פון דער קינסטלערישער פאָרם.

ווען די ספערע פון דער אַקציע און פון די העלדן איז פאַרברייטערט געוואָרן, האָט צוזאַמען מיט איר געמוזט פאַרברייטערט ווערן דער געביט פון דער ליטעראַטור בנוגע צום שטח. די שטאָט און דער הויף האָבן אויפגעהערט צו זיין דאָס הויפּטאָרט פון דער אַקציע, ווי דאָס האָט געפאָדערט בוּאַלאָ. פון שטאָט ווערט די אַקציע אָפטמאָל אַריבערגעטראָגן אין דאָרף אַריין. די סאַנטימענטאַלע פּאָעטן אידעאַליזירן דאָס פּאַטריאַרכאַלע לעבן און די נאַטור. פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך נוקם געווען, פאַר וואָס מ׳האָט מבזה געווען אַזוי לאַנג אַלץ, וואָס איז ניט געקינצלט און איינפאַך, פאַר דער ליבשאַפט צו דעם שטאָטישן פאַרפיינערטן עטיקעט, וואָס ווערט געשאַפן נאָר אין דער אַטמאָספער פון די גלענצנדע גרויסע שטעט. די ווערק פון די סאַנטימענטאַלע פּאָעטן זיינען פול מיט אַנטציקטע באַשרייבונגען פון דער נאַטור און מיט אויסגיסן די געפילן, וואָס די נאַטור וועקט אין מענטשן. די סאַנטימענטאַלע ליטעראַטור האָט, ענדלעך, פאַרפאָלגט צילן פון מאָראַל און מוסר. די טיטלען גופא פון ריטשאַרדסאָנס ראָמאַנען באַווייזן, אַז דער אויטאָר איז צו זיי צוגעטראָטן מיט דעם ציל צו באַווייזן דער געזעלשאַפט, ווי דאַרף מען לעבן, וואָס אַזוינס איז די אמתה מאָראַל. די סאַנטימענטאַלע ליטעראַטור איז געווען אַ רעאַקציע קעגן דער אַריסטאָקראַטישער צעלאָזנקייט.

דאָס זיינען געווען די באַזונדערהייטן פון דערדאָזיקער נייער ליטעראַטור. דאָס לעצטע ריטשאַרדסאָנס ווערק—גראַנדיסאָן—באַווייזט, אַז זיין טאַלאַנט איז געפאַלן. „זי האָט ליב געהאַט ריטשאַרדסאָנען ניט דערפאַר, וואָס זי זאָל אים האָבן געלייענט, ניט דערפאַר, וואָס זי האָט גראַנדיסאָנען געגעבן דעם פאָרצוג לגבי לאָוועלאַסן", — זאָגט פּושקין וועגן לאַרינען. אַזוי אַרום האָט זיך אַפילו אין די רוסישע הויפן געהערט דער אָפּקלאַנג פון די לאָנדאָנער סאַלאָנען. די מעשה איז, וואָס לאָוועלאַס האָט ניט בלויז ניט אַרויסגערופן קיין כּעס, ווי ריטשאַרדסאָן האָט עס געוואָלט, נאָר פאַרקערט, ער איז געוואָרן דער ליבלינג ביי די דאַמען. האָט ריטשאַרדסאָן אַרויסגעשטעלט קעגן אים אַ נייעם העלד — גראַנדיסאָנען. אָבער דאָס איז געווען אַ העלד אויף שטאָלצן, אַן אַרומגייענדיקער קאָדעקס פון מאָראַל, איינער פון יענע לאַנגווייליקע, סאַנטימענטאַלע העלדן, וואָס האָבן שפּעטער גאַנץ פאַרדינט אַרויסגערופן געלעכטער.

אין פראנקרייך איז דער בעסטער פון די סאנטימענטאלע ראמאנען רוסאָס די נייע עלאָאיזע. סען־פרע, דער אָרימער לערער פון יוליע, דעם אריסטאָקראטס, באראָן ד׳עטאנזשס טאָכטער, פארליבט זיך אין זיין שילערין. דער באראָן וויל אָפילו ניט הערן וועגן אזא ניט גלייכן שידוך. דער צוזא־מענשטויס צווישן געפיל און צווישן די שטאנדן־פאָראורטיילן — דאָס איז די טעמע פון דעם ערשטן טייל פונם ראמאן. א ליידנשאפטלעכער אפאָלאָגעט פון פרייען געפיל און פון דעם רעכט פון דער נאטור, טרעט רוסאָ ארויס אלס פארטיידיקער פון די יונגע מענטשן. זייער ליבע ווערט געשילדערט אין פייערדיקע פארבן, די רעכט פון הארצן האָבן אין דעם אויטאָר געפונען א באגייסטערטן אדוואָקאט. די שטאנדן־פאָראורטיילן, וואָס זיינען געשטאנען אין וועג צום גליק ביי די יונגע מענטשן, דעם פאָטערס אויסרעכענונגען, די געזעלשאפטלעכע פאָראורטיילן און די רכילותן — דאָס איז אלץ צעווייט געוואָרן, ווי א רויך, אנטקעגן די פעלזנפעסטע רעכט פון געפיל, אנטקעגן מעכטיקן אינסטינקט, וואָס די נאטור האָט אריינגעלייגט אין מענטשנס הארצן. די געזעלשאפט האָט געוויינט אויף דעם אומגליקלעכן גורל פון די יונגעלייט, וואָס זיינען געווען קינסטלעך אָפגעריסן איינער פון דעם אנדערן. די נאטור און די פאלשע קולטור, די פערזענלעכקייט און די טראדיציע האָבן געהאט א דועל, און עס איז ניט שווער צו פארשטיין, אויף וועלכן צד עס איז גע־בליבן דער נצחון און דעם אויטאָרס מיטגעפיל אין דעם ערשטן טייל פון ראמאן.

אָבער אָט האָט זיך די געהאָרכזאמע טאָכטער אונטערגעגעבן. סען־פרע, א וויינענדיקן, אן אויסגעמאטערטן, נויט מען אוועקצופאָרן. לויט דעם פא־טערס ווילן האָט יוליע חתונה מיט דעם אָנשטענדיקן חשובן וואָלמאר, נאָכ־דעם ווי זי האָט פון סען־פרע ארויסגעקראָגן דאָס רעכט פריי צו זיין אין אירע מעשים. סען־פרע שיקט איר א פאראכטלעך בריוועלע: „איך קער אום יוליע ד׳עטאנזש דאָס רעכט צו טאָן מיט זיך, וואָס זי וויל און חתונה צו האָבן, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער שטים פון הארצן". אין דער צווייטער העלפט פון ראמאן זיינען מיר אין דאָרף, ביי די וואָלמארס אין דער משפחה. די פארגעניגנס פון רואיקן דאָרפס־לעבן, די שטילע משפחה־פריידן, די איינ־פאכע פאטריארכאלע באציאונגען צווישן די רייכע און די אָרימע, די נאטור און איר ווילדע שיינקייט, זיינען געמאָלט אין אזעלכע וואונדערלעכע פארבן, וואָס קיינער ביז רוסאָ האָט נאָך אזוי קיינמאָל ניט געמאָלט. סען־פרע איז געקומען צו די וואָלמארס אין גאסט און וואָלמאר איז אוועקגעפאָרן, געלאָזן אים מיט יוליען אליין, הגם ער האָט געוואוסט וועגן זייערע פריערדיקע באַ־ציאונגען. דאָ קוקט שוין רוסאָ אנדערש אויף דאָס רעכט פון הארצן. די טראדיציע איז ביי אים העכער פאר די אוממיטלבארע אינסטינקטן פון דעם מענטשן און פאר דער שטים פון דער נאטור. — יוליע בלייבט געטריי איר מאן, געגליכן צו פושקינס העלדין.

רוסאָ איז גרויס געוואָרן אין „ביין־זאָגן". ער איז מעכטיק און אומ־באזיגבאר, ווען ער פארטיידיקט די רעכט פון הארצן און פון געפיל, אָבער

ווען זיי קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער געזעלשאַפטלעכער נויטווענדי־קייט, געפינט ער ניט קיין אויסוועג און שטיצט זיך אויף דעם אַלטן, וואָס איז שוין געהייליקט געוואָרן דורך דער טראַדיציע. ער קערט זיך צוריק צו דעם אינסטיטוט פון משפחה, וואָס איז שוין פאַרפעסטיקט דורך דער ערפאַ־רונג פון אייביק אָן. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז רוסאָס דור און די שפּע־טערדיקע דורות האָבן מער געגלויבט דעם ערשטן טייל, איידער דעם צווייטן. מען האָט געלייענט מיט התמדה די אַפּאָלאָגיע פון האַרצנס־רעכט, און מען האָט ניט אויפגענומען זיינע קאָנסערוואַטיווע אידעאַלן. דאָ איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע, וואָס מיט רוסאָס רעליגיעזע און פּאָליטישע לערעס. רוסאָ איז געווען לויט זיין גייסט אַ קרוב מיט די ענציקלאָפּעדיסטן אין זייער לערע וועגן פרייהייט, רעליגיעזער טאָלעראַנץ און זייער פאַרלייקענען דעם קאַטוי־ליציזם און די אַנטפּלעקונג, אָבער ער איז אויך געווען אַ שונא פון זייער ראַציאָנאַליזם און מאַטעריאַליזם. ער האָט געוואָלט פאַרהיטן דאָס שטרעבן צום אַבסאָלוט, וואָס לעבט אין מענטשן, אָבער ווען דידאָזיקע שטרעבונגען האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט די געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן, בלייבט ער אַ קאָנסערוואַטאָר. „כל זמן מיר ווייסן ניט דעם גאַנצן אמת, לאָמיר ערן דעם געזעצלעכן גלויבן, די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, לאָמיר אין יעדן לאַנד אַכטן די געזעצן, און אָפּהאַלטן זיך פון אָנפאַלן אויף די עקסיסטירנדיקע צע־רעמאָניעס; לאָמיר ניט איינריידן די בירגער צו אומגעהאָרכזאַמקייט, מחמת מיר ווייסן ניט, וואָס וועלן מיר זיי געבן אָנשטאָט זייערע איבערצייגונגען. און די אומאַכטונג צו די געזעצן — איז אַ שלעכטס".

גלייך ווי רוסאָ וואָלט ניט געוואוסט, סאַר אַ שרעקלעכע סתירה עס איז געווען פאַרבאָרגן אין זיין לערע. מיט איין האַנט האָט ער מבטל געמאַכט אַלע אויטאָריטעטן און טראַדיציעס, דערווייזנדיק זייער פולקומע נישטיקייט; מיט דער צווייטער האַנט ציט ער די מענטשן צו זיין אונטערטעניק אַלע עק־סיסטירנדיקע אויטאָריטעטן. מיט פלאַמענדיקע רייד צינדט ער אָן דעם דאָרשט נאָך פרייהייט, און לאָזט זיי איבער הילפלאָז אין דער ניט־פולקומער געזעלשאַפט, וואו דידאָזיקע פרייהייט איז ניטאָ. מיט רוסאָ הייבט זיך אָן די אַנטוישונג אין די אידעען פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע. ער איז דער אמתער פאָטער פון דער אומבאַפרידיקונג צוליב דעם קאָנטראַסט, וואָס הערשט צווישן דעם מענטשנס דערהויבענע שטרעבונגען מיט זיין באַגרע־ניצטקייט. ער איז דער פאָרגייער פון די פּאָעטן פון דעם „וועלט־שמערץ".

XVI.

די בורזשואַזע דראַמע אין ענגלאַנד. — דזשאָרדזש לילאָ און זיין „לאָנדאָנער סוחר". — די שטריכן, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס די בורזשואַזע דראַמע. — די בורזשואַזע דראַמע אין פראַנקרייך. — די דראַמע און דידראָס דראַמאַטישע טעאָריע. — מערסיעס טעאָריע. — באָמאַרשע. — דער טיפּ פון אַ parvenu אין XVIII י. ה. — פיגאַראָ אין דעם ערשטן און אין דעם צווייטן טייל פון באָמאַרשעס טרילאָגיע.

כמעט גלייכצייטיק מיט די מוסר־זשורנאַלן און מיט די משפחה־ראָמאַנען, אַנטשטייט אין אייראָפּע אויך די בורזשואַזע דראַמע. ווי אַלע ליטעראַרישע הויפּט־ריכטונגען פון XVIII י. ה., האָט די בורזשואַזיע דראַמע געשטאַמט פון ענגלאַנד. אין 1731 יאָר האָט זיך אויף דער סצענע פון דרורי־לענער טעאַטער באַוויזן ד ז ש אָ ר ד ז ש ב אַ ר נ וו ע ל אָ ד ע ר ד ע ר ל אָ נ ד אָ נ ע ר ס ו ח ר פון דעם באַוואוסטן אין זיין צייט ענגלישן דראַמאַטורג דזשאָרדז לילאָ (1693 — 1739). דער סוזשעט פון דער דראַמע איז די ריי פאַרברעכנס, וואָס עס איז באַגאַנגען דער יונגער סוחר באַרנוועל. אונטער דער השפעה פון אַ קאָקעטין, וואָס האָט אים אַריינגענומען אין די הענט, באַגנבעט ער זיין באַלעבאָס און טויט זיין פעטער, כדי רייך צו ווערן. די דראַמע ענדיקט זיך מיט דער שטראָף פון ביידע פאַרברעכער. די דראַמע איז אַדורך איבער אַלע אייראָפּעאישע טעאַטערס. ווי גרויס און דויערנדיק עס איז געווען די השפעה פון דערדאָזיקער מוסר־פּיעסע, וואָס ווערט גערעכנט פאַר דער מוטער פון דער בורזשואַזער דראַמע, באַווייזט פאָלגנדיקער פאַקט: נאָך דעם, ווי דער אַקטיאָר ראָס האָט אין 1752 אויסגעפירט מיט גרויס עפעקט די ראָלע פון באַרנוועל, האָט מען אויף מאָרגן איינגעלאַדן דעם דאָקטאָר באַראָובי צו אַ יונגן האַנדלס־אָנגעשטעלטן, וועלכער איז געלעגן אין שטאַרקן פיבער. דער דאָקטאָר האָט געפונען דעם קראַנקן אין אַ שווערן צושטאַנד, אויסערן זינען. לכּוף האָט זיך פאַר אים דער יונגערמאַן מודה געווען, אַז אונטער דעם איינפלוס פון אַ קאָקעטין האָט ער געפּטרט צווייהונדערט פונט פון די געלט, וואָס מען האָט אים פאַרטרויט, און ווען ער האָט געזען ראָסן אין דער ראָלע פון באַרנוועל, האָט ער שטאַרק חרטה געקראָגן; איצט וויל ער שטאַרבן, כדי אויסצומיידן די שאַנד, וואָס דראָט אים. דער דאָקטאָר האָט עס דערציילט דעם קראַנקנס פאָטער. דער פאָטער האָט אויף זיך גענומען אויסצוצאָלן די פאַרשווענדטע סומע. דער זון איז געזונט געוואָרן און פון אים איז אַרויס אַ טיכטיקער סוחר. מיט אַ פולע יאָר שפּעטער האָט ראָס צו זיין בעגעפּיס באַקומען אַ סומע געלט מיט אַ צעטעלע. אין צעטעלע איז געשטאַנען, אַז דאָס געלט — איז אַ מתנה אויס דאַנקבאַרקייט פון אַ מענטשן, וועלכער איז געראַטעוועט געוואָרן דערפון, וואָס ער האָט געזען דעם הער ראָס אין דער ראָלע פון באַרנוועל.

תיכף נאָך לילאָ האָבן זיך באַוויזן די דראַמען פון עדוואַרד מור און קאָמבערלענד, וואָס האָבן ווייטער געמאָלט די מידות און די אינטערעסן פון

דעם נייעם סוחרישן און בירגערלעכן שטאַנד. דאָס רוב אַזעלכע דראַמען האָבן
קיין קינסטלערישע באַדייטונג ניט, און היינטיקע צייט האָט מען זיי פאַרגעסן.
דערפאַר ווען מיר זיך אויף זיי ניט אָפּשטעלן. מיר וועלן זיך נאָר סטאַרען
אָנמערקן יענע נייע שטריכן, וואָס די בורזשואַזע דראַמע האָט אַריינגעטראָגן
אין פאַרגלייך מיט איר פאָרגייערין — די פסעוודאָקלאַסישע טראַגעדיע. ערשטנס,
האָט דער פריערדיקער הויכער ציל פון דער טראַגעדיע, וואָס איז געגרינדעט
אויף אַריסטוס פאַלש פאַרשטאַנענער לערע — אויפוועקן מורא און מיטגע-
פיל — זיך פאַרביטן אויף אַ פיל באַשיידענערע אויפגאַבע: די נייע דראַמע האָט
געשטרעבט צו וועקן דאָס האַרץ צו טוגנד און צו דערשטיקן אין אים די זינ-
דיקייט. פריי פון די העראָאישע מסורות און פון די עסטעטיש-עפּיקורעאישע
אידעאַלן פון דעם פראַנצויזישן אַדל, האָט די בורזשואַזיע געפאָדערט פיעסן,
וואָס זאָלן דערווייזן די אמתדיקייט פון דער נייער מאָראַל, וועלכע איז אויס-
געאַרבעט געוואָרן דורך די האַנדלס-אינטערעסן און די געשעפטלעכע באַצי-
אונגען. די נייע דראַמע האָט אַנטשפּראָכן דערדאָזיקער פאָדערונג. שטעלנדיק
זיך נייע אויפגאַבן, האָט זי געמוזט ברייטער מאַכן די געזעלשאַפטלעכע ספערן,
וואָס האָבן געדינט אַלס אָביעקט פאַר איר מאָלן. די קיניגן און העלדן, די
היסטאָרישע פיגורן, וואָס זיינען אַרומגערינגלט מיט אָרעאָל פון דערהויבנקייט
און רום, העלדן מיט אומגעוויינלעכע געפילן און שטרעבונגען, האָבן געמוזט
אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר געוויינלעכע מענטשן מיט זייערע וואָכעדיקע זאָרגן
און אומרוען. דער נייער העלד, די נייע לעבנס-ספערע — דאָס איז געווען דאָס
צווייטע, מיט וואָס די בורזשואַזע דראַמע האָט זיך אונטערשיידט פון דער
פסעוודאָקלאַסישער. אין דער דראַמע פון דעם שוין דערמאָנטן מור דער
שפּילער ווערן אין פינף אַקטן געשילדערט די צרות פון אַ משפחה, וואָס
האָט פאַרלאָרן איר פאַרמעגן און איר שיינעם נאָמען. ווי נישטיק האָבן אַזעלכע
סוזשעטן געזאָלט אויסזען אין די אויגן ביי די אָנהענגער פון דעם העראָ-
אישן קלאַסיציזם, וואָס האָט דערלעבט זיינע לעצטע יאָרן. לילאָ זאָגט אין דער
הקדמה צום לאָנדאָנער סוחר: „ווען נאָר מלכים און שרים וואָלטן גע-
ליטן פון די אומגליקן, וואָס קומען אַרויס פון שלעכטע מעשים און פון שוואַכ-
קייט, וואָלט מען אוודאי געקאָנט די ראָלעס פון דער קונסט באַגרעניצן אויס-
שליסלעך מיט הויכגעשטעלטע לייט. אָבער היות ווי פאַר אַלעמען איז קלאָר
דער היפוך, על-כן קאָן מען זיך ניט באַגיין קליגער, ווי געברויכן רפואות
לויט דער אייגנשאַפט פון דער מחלה". ענדלעך, דער דריטער וויכטיקער
אונטערשייד איז נוגע דער פאָרם און דעם אויסערלעכן געבוי פון דער טראַ-
געדיע. די דערהויבענע סוזשעטן האָבן געפאָדערט אויך אויסערלעכע פייער-
לעכקייט, די פסעוודאָקלאַסישע טראַגעדיע האָט זיך געשריבן אין פערזן, קיין
אָפּווייכונג אָן אַ זייט האָט ניט געקאָנט שטערן די גאַנצקייט פון דעם העלד
און פון דער אַקציע. פונדאַנען קומען אַרויס די באַרימטע דריי-אייניקייטן, פונ-
דאַנען — די שטרעבונג צו באַזייטיקן אַלדאָס וואָכעדיקס און קליינלעכס פון
די העלדנס לעבן. די נייע דראַמאַטורגן האָבן מבטל געמאַכט די דריי-איינ-
קייטן און די פערזנפאָרם. זיי האָבן געשריבן אין פּראָזע און אַריבערגעטראָגן

די אַקציע אָפּט און שנעל פון איין אָרט אויפן צווייטן. מערקווירדיק, וואָס ביי אַזאַ שטרעבונג צו נאַטירלעכקייט האָט די בורזשואַזע דראַמע אין ענגלאַנד קיין גרויסע ווערק ניט געשאַפן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פאַרענטפערנדיק די באַדערפענישן פון דעם נייעם קלאַס, האָבן זיך די דראַמאַטורגן ניט געקענט דערהויבן ביזן פאַרשטיין די אייביקע עיקרדיקע זייטן פון דעם מענטשנס פסיכאָלאָגיע. זיי האָבן געמאָלט אָפּטע צופאַלן פון וואָכעדיקן לעבן, ניט קענענדיק זיי פאַראַלגעמיינערן, ניט קענענדיק אויפדעקן דאָס אַלגעמיינע און טיפּישע, — דאָס, וואָס ווערט אויפגעדעקט אין אַ אמת קינסטלערישער שילדערונג פון פריוואַטע ליידן און פריידן. דער ציל גופא האָט געשאַדט דער קינסטלערישקייט פון זייערע ווערק. באַמיענדיק זיך אויף וויפל מעגלעך קלערער צו באַווייזן די טרויעריקע רעזולטאַטן פון פאַרפירעריי, אָדער פון אַן אַנדער פאַרברעכן קעגן דער בורזשואַזער מאָראַל, האָבן זיי דידאָקטיקע רעזולטאַטן געמאָלט מיט גראָבע שמירן, האָבן די ליידן געמאָלט מיט עכט אויסערלעכע שטריכן. די שפע פון טרערן און סאַנטימענטאַלע קינות האָט שפּעטער געבראַכט דערצו, אַז מען האָט פון זיי געלאַכט, און האָט פאַר זיי ערוואָרבן דעם נאָמען „די טרערנדיקע דראַמע". ניט געקוקט אויף דידאָקטיקע פעלערן האָט די ענגלישע בורזשואַזע דראַמע אָפּגעשפּילט אַ שיינע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ צוריקקער צו שעקספּירן, וועלכער האָט שוין מיט אַ הונדערט יאָר פריער פאַר איר געקאָנט גלייך געניאַל אין איין שורה שילדערן דערהויבנס און נידעריקס, מיט דערזעלביקער טיפקייט אַריינדרינגען אין די הערצער פון קיניגן און קנעכט, וועלכער האָט שנעל געביטן די אַקציע און דאָס אָרט, נאָכפאָלגנדיק די פאָדערונגען פון איין לערער — פון לעבן, וואָס אים איז געלונגען צו פאַרשטיין און צו שילדערן מיט אומגעהערטער טיפקייט.

ענגלאַנד האָט באַשאַפן נייע אידעען, פראַנקרייך האָט זיי אַוועקגעלאָזן אין פאַרקער. פון ענגלאַנד שטאַמען די ניי ליטעראַרישע ריכטונגען, פראַנקרייך טוט זיי אָן אין דורכגעטראַכטע טעאָריעס. דאָס זעלבע איז געשען אויך מיט דער בורזשואַזער דראַמע: זי איז אַנטשטאַנען אין ענגלאַנד, און פראַנקרייך האָט איר געגעבן אַ נאָמען און באַשאַפן אַ טעאָריע.

אין 1757 האָט זיך באַוויזן דידראָס פּיעסע «Le fils naturel,» (דער אומגעזעצלעכער זון), אין אַ יאָר אַרום — אַ צווייטע פּיעסע זיינע Le pére de famille (דער פאָטער פון דער פאַמיליע). צו דער ערשטער איז צוגעגעבן אַן ערקלערונג — ש מ ו ע ס ן, צו דער צווייטער אַן אָפּהאַנדלונג — װ ע ג ן ד ע ר ד ר אַ מ אַ ט י ש ע ר פּ אָ ע ז י ע. די טיטלען גופא פון די ביידע ווערק באַווייזן שוין, אַז דער סוזשעט זייערער איז די משפחה-באַציאונגען. אין איינער ווערן פאַרטיידיקט די רעכט פון די קינדער, וואָס ווערן געבוירן אָן חופה, אין דער צווייטער — דאָס רעכט פון דעם זון אויסצוווילן זיך אַ פרוי לויט עס ווילט זיך אים, ניט דעם פאָטער. אָבער ביידע פּיעסן זיינען וויכטיק ניט אַזוי מיט זייערע קינסטלערישע מעלות, ווי מיט די טעאָרעטישע אָנשויאונגען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די ביילאַגעס צו זיי. דידראָ איז געווען ניט

אזוי דער קינסטלער, ווי דער טעאָרעטיקער פון דער דראַמאַטישער קונסט. ער האָט געבראַכט אין אַ גאַנצלעכער סיסטעם יענע נייע בליקן אויף דער דראַמע, וואָס זיינען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן ביז אים. גלייך נאָך אים ער־שיינט אַ גאַנצע ריי אָפּהאַנדלונגען אויף דערזעלבער טעמע, צווישן אַנדערע אויך פון באָמאַרשע און פון מערסיע. אין דידאָזיקע אָפּהאַנדלונגען איז אין פולער מאָס באַארבעט די טעאָריע פון דער נייער דראַמע, עס זיינען איר אָנגעוויזן נייע צילן און אויפגאַבן אין פאַרבינדונג מיט די אידעאַלן פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע.

דידראָ ווייזט אויף, אַז אויסער דער טראַגעדיע און דער קאָמעדיע דאַרף עק־זיסטירן אַ נייער מין פון דראַמאַטישער קונסט, וואָס ער רופט אים אָן „דער ערנסטער זשאַנר", און וואָס איז שפּעטער געוואָרן ברייט פּאָפּולער אונטערן נאָמען „דראַ־מע". דאָס איינשטעלן אַ דריטן, אַ מיטעלן, צווישן טראַגעדיע און קאָמעדיע מין פון דראַמאַטישער קונסט האָט שוין באַוויזן דעם צוזאַמענהאַנג פון די נייע דראַ־מאַטישע טעאָריעס מיט די דעמאָקראַטישע טעאָריעס פון דער צייט. די אַריס־טאָקראַטיע האָט געמוזט פאַרלירן דאָס רעכט אויף אַן אָפּגעזונדערטן קיום אין לעבן. זי האָט זיך געמוזט צונויפגיסן מיט די נידעריקערע קלאַסן אויך אין דער דראַמאַטישער שילדערונג. אָט פאַרוואָס דידראָ האַלט דעמדאָזיקן נייעם זשאַנר פאַר דעם ווינטשנסווערטן און נוצלעכסטן. דער הויף האָט געמוזט פאַר־לירן זיינע אויסשליסלעכע רעכט אויף טראַגיזם. ביים הויף קאָנען זיי טרעפן סיי פריילעכע, סיי פאַרוויילנדיקע פּאַסירונגען, אָבער טרערן און רירנדיקע גע־שעענישן קומען אָפט פאָר אין די הייזלעך פון אָרימע מענטשן. דידראָ האָט אַזוי אַרום מבטל געמאַכט דעם שטאַנדן־כאַראַקטער פון דער טראַגעדיע און פון דער קאָמעדיע: אַלע שטאַנדן קענען אין זיי גע־אָלט ווערן. פון דערדאָזיקער אידעע, וועגן נייעם זשאַנר אין צונויפגיסונג פון די שטאַנדן, שטאַמט אַרויס דידראָס אַ נייע וויכטיקע פאָדערונג: ער וויל, אַז דער דראַמאַטורג זאָל צוגיין נענטער צו דעםווירקלעכן לעבן, ער זאָל דערנענטערן די פּאָעזיע מיטן לעבן, ער זאָל מאָלן אַלע צושטאַנדן. אַזוי אַרום האָט דידראָ אונטערגעשטראָכן די גרויסע באַדייטונג פון דעם רעאַליזם אין דער פּאָעזיע. לסוף, °דורכגעדרונגען מיט די גרויסע שטרעבונגען פון דער צייט, גיט דידראָ צו אַ קאָלאָסאַלע באַ־דייטונג דעם מוסר־השכלדיקן כאַראַקטער פון דער טראַגעדיע: די שילדערונג פון רעאַלן לעבן דאַרף באַווייזן די אידעאַלן פון עטישן און פון משפּחה־לעבן. בכן, איז פאַר דידראָ דער נייער זשאַנר געווען ניט נאָר אַ מער קינסטלע־רישער מין דראַמאַטישע פּאָעזיע, נאָר אויך אַ צונויפגוס מיט די רעפאָרמאַטאָ־רישע שטרעבונגען פון די אויפקלערער; ער האָט נעגעבן די מעגלעכקייט צו שטעלן זיך אַנטקעגן די אייביקע פאָראורטיילן, דערווייזן דאָס רעכט פון די אָרעמע אויף אויפמערקזאַמקייט מצד די געהויבענע, אַרויספירן אמתע פּאַטערס, אַנטקעגנשטעלן די פּויערים קעגן די אַריסטאָקראַטן, פאַרטיידיקן די אומגע־זעצלעך געבוירענע, — מיט איין וואָרט, באַווייזן אַ וועג צו דער רעפאָרם פון די געזעלשאַפטלעכע און די משפּחה־באַציאונגען, פאַרשפּרייטן ליכט און ביל־דונג, אויפזוכן די מענטשלעכע נאַטור אין דער פאַרדאָרבנקייט, אין וועלכער די היינטיקע געזעלשאַפט האָט זי געלאָזן אַראָפּזינקען.

דיזעלביקע פּרינציפּן זאָגט אויך אַרויס באָמאַרשע, וועלכער הייבט אָן פירן אַ פּאָלעמיק מיט די פּסעוודאָקלאַסישע פּאָעטן. אַדאַנק דער מליצהדיקער שפּראַך, די אומגעווייִנלעכע העלדן און אַוואַנטורעס, האָט די קלאַסישע דראַמע אַ פאַנטאַסטישן כאַראַקטער און אין איר איז קיין רעאַליזם ניטאָ. דער ציל פון דער דראַמע איז ניט אָפּצוציען דעם צושויער פון לעבעדיקע פּערזאָנען און פון לעבעדיקן אמת, אין דער צייט ווען די קלאַסישע דראַמע טוט וואָס מעגלעך דעם צושויער פּאָרט אָפּצוציען דערפון; זי האָט אין זיך אַפילו שרייענדיקס און עפעקטישס. זי ווערט געשריבן מיט ריפמירטע פערזן—און באַמאַרשע פאַרטיידיקט די פּראָזע. מערקווירדיק, וואָס באָמאַרשע האָט ניט געשריבן ווי דידראָ קיין דראַמען, וואָס זאָלן דינען פאַר אַ גוטע אילוסטראַציע צו זייַנע טעאָריעס. ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז באָמאַרשען באַשערט געווען באַרימט צו ווערן אויף אַן אַנדער געביט—אין דער קאָמעדיע, וועלכע ער האָט געשטעלט פיל נידעריקער פאַר דער דראַמע.

אויב דידראָ און באָמאַרשע זעען אין דער דראַמע אַ מיטל צו לערנען און אויסצובעסערן די מידות און די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, האָט מערסיע אין דער ערשטער ריי אַרויסגעשטעלט די גרויסע סאָציאַלע ראָלע פון דער דראַמע. דידראָ האָט אין דער ערשטער ריי אַרויסגעשטעלט די משפחה-באַציאונגען, מערסיע פאָדערט אַ סאָציאַלע דראַמע. ער מאַכט נאָך ברייטער איר ספערע: „פאַרברייטערט די קונסט"—דאָס איז דער ערשטער פּרינציפּ זייַנער. „מערסיע, זאָגט א. איוואַנאָוו אין זייַן בוך די פּאָליטישע ראָלע פון פראַנצויזישן טעאַטער,—האָט טאַקע אַזוי פאַרשטאַנען אַ דראַמאַטישע לאַגע: פון איין זייט דער אָרימאַן, פון דער צווייטער דער רייכער, אַלץ איינס צו וואָס פאַר אַ שטאַנד ער זאָל געהערן. מערסיע פאָדערט אמת אין דער פּאָעזיע, ער זוכט באַגייסטערונג איבערהויפּט אין דער סביבה פון אומגליקלעכע". דעריבער האָט זיך מערסיע ניט באַגרעניצט נאָר מיט דער אויספאָרשונג פון דעם בורזשואַזן קלאַס. די קינפטיקע צעטיילונג אויף דריטן און פערטן שטאַנד פילט זיך נאָך ווייניק אין XVIII י. ה. זיי פאַראייניקט די אַלגעמיינע שנאה צו דעם פּריווילעגירטן יחוס. מערסיע געהערט צו יענע שריפטשטעלער, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געפילט, אַז פון דעם דריטן שטאַנד וועט זיך אויסטיילן אַ נייַער קלאַס אַרבעטנדיקע מענטשן, וואָס מען מוז זיי אַוועקשטעלן קעגן די ליידיקגייענדיקע מענטשן. ער גיט אָפּ זייַן אויפמערקזאַמקייט (און אַזעלכע סוזשעטן זייַנען מערסיען באַזונדער סימפּאַטיש) אויך דעם פּשוטן פאָלק, די פּויערים און די בעלי-מלאכות. „אויף וואָסער סמך זאָלן מיר זיך לייכט באַציען צו די פּויערים מיט זייערע פּשוטע ערלעכע מידות? די בעל-מלאכות האָבן נאָך מער רעכט אויף אויפמערקזאַמקייט. עס איז דען אַזוינס פאַרהאַן, וואָס מען זאָל זיך ביי זיי קענען אויסלערנען! וויפל פאַרשיידנאַרטיקייט טראָגן אַריין אין דער אינטערעסאַנטקייט פון שטודירן זיי—הגם, פון ערשטן בליק, זייער איינאַרטיקן — דאָס שיפל, דער האַמער, די וואָג, דער ווינקל, דער קוואַדראַט, די שער". די אַרבעטער זייַנען ניט ערגער פאַר מאַרקיזן. זיי פאַרשווענדן מער געניאַלישקייט, כדי צו ערווערבן זיך אַ קיום, איי-

דער יענער, וואָס האָט אַלץ אָן שום מי. מערסיען געלינגט צו באַרירן טע־
מעס, וואָס זייער באַאַרבעטונג איז די אויפגאַבע פון דער קינפטיקער ליטעראַ־
רישער אַנטוויקלונג. זיין וועבער זשאָזעף, דער העלד פון דער פּיעסע L'Indi-
gent, רעדט כמעט מיט דעם לשון פון הייליקן פּראָלעטאַריער. אַזוי אַרום האָט
זיך אויך די דראַמע דעמאָקראַטיזירט, גייענדיק האַנט ביי האַנט מיט דער אַל־
געמיינער אויפקלערונגס־באַוועגונג פון דער צייט. זי האָט אַרויסגעטריבן פון
איר קאָמפּעטענץ דאָס אויסשליסלעכע און דערהויבענע און האָט זיך דרייסט
אַריינגעמישט אין די וואָכעדיקע אינטערעסן. זי איז געוועזן אַווירקלעך בירגער־
לעכע דראַמע, זי האָט דעם נייטיקן און טאָג־טעגלעך געברויכלעכן געגעבן די
בכורה לגבי דעם שיינעם און העלדישן, און האָט געקרוינט דעם פּאָעט אַלס
„שתדלן פאַר אומגליקלעכע, טריבון פון געדריקטע, וואָס זיין חוב איז צו
ברענגען זייערע קרעכצן צום געהער פון די שטאָלצע און האַרטהערציקע."
צוזאַמען מיט דער פילאָזאָפיע האָט זי געדינט די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען
פון דער צייט, דער אידעע פון גלייכהייט און פרייהייט.

גלייכצייטיק מיט דער דראַמע באַקומט אויך די קאָמעדיע אַן ערנסט
געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. אין ענגלאַנד באַווייזן זיך אַ ריי הומאָריסטן
שריפטשטעלער, צווישן וועלכע עס צייכנט זיך אויס שערידאַן מיט זיין ש ו ל
פ ו ן ר כ י ל ו ת, אָבער די העכסטע מדרגה דערגרייכט די קאָמעדיע אונטער
דער פעדער פון דעם באַגאַבטן באָמאַרשע (1732 — 1799).

דאָס לעבן גופא פון דעמדאָזיקן גענויאַלן שעלמע איז ניט ווייניקער
אינטערעסאַנט, איידער זיינע ווערק. באָמאַרשע געהערט צו דעם טיפּ קלוגע
און אונטערנעמערישע ניט אַדעליקע נאָר פרייע פון שטייערן, וואָס האָט זיך
באַוויזן אין XVIII י. ה.; זיי פאַרטראַכטן זיך ניט טעאָרעטיש וועגן זייערע
באַציאונגען צו דער אַרומיקייט, און פאַרנעמען זיך מיט פּראַקטישער טעטי־
קייט. דעמדאָזיקן שונא פון דער אַלטער אָרדענונג איז דעריבער נאָך שווע־
רער געווען צו כאַפּן, מחמת ער האָט אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, אומבאַ־
וואוסטזיניק אונטערגעגראָבן די אָרדענונג, קעגן וועלכער עס האָבן די טעאָרע־
טיקער געקעמפט באַוואוסטזיניק. שפּירנדיק מיטן אינסטינקט, אַז עס קומט
אָן אַ נייע צייט, האָבן דידאָזיקע נייע העלדן דערשפּירט, אין וואָס באַשטייט
איר הויפּט־נערוו — די קאָנקורענץ פון טאַלאַנט און פון פערזענלעכע מעלות.
זיי האָבן געהאַט איבערהויפּט עגאָאיסטישע שטרעבונגען—פאַרכאַפּן וואָס מער
פון לעבן גוטס, אויפהויבן זיך אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון דעם סאָציאַלן
לייטער. אַלע מיטלען זיינען פאַר זיי גלייך: זיי ניצן גערן אויס פאַר זייער
טובה־וועגן די אַלטע פאָראורטיילן, זיי נעמען אָבער צו הילף אויך די נייע
באַגריפן, ווען דאָס לוינט פאַר זיי. זיי האָבן ניט קיין באַשטימטע פּראָגראַם.
נאָר אַמאָל פּרווון זיי אַריבערגיין פון פרט צום כלל, באַשטימען זייער אָרט
אין דער גרויסער איבערקערעניש, וואָס קומט פאָר. אַזוי האַלטן זיי זיך ניט
אָפּ פון פּטרן אַ מאַסע ענערגיע, כדי צו דערגרייכן צום אַדלשטאַנד. מיט דעמ־
דאָזיקן שטאַנד האָבן זיך ביי זיי אין מוח ניט פאַראייניקט די פאָרשטעלונגען,
וואָס האָבן עקזיסטירט אין דעם מוח ביי די איינגעבוירענע אַריסטאָקראַטן.

אָבער דער אַדלשטאַנד האָט זיי געגעבן נאָך אַ מיטל אין קאַמף פאַר אַ בעסער אָרט אויפן לעבנסמאָלצייט. אַרײַנגעטראָטן אין דעם געשלאָסענעם שטאַנד, האָבן זיי אַרײַנגעטראָגן אין אים נייע באַגריפן, געבראָכן די אייניהייטלעכקייט פון די געפילן און אָנשויאונגען, וואָס האָבן פאַראייניקט די פּריווילעגירטע קאַסטע, און צעטרייסלט די יסודות גופא פון דער אַלטער אָרדענונג. דערגרייכנדיק דעם שפּיץ פון דעם געזעלשאַפטלעכן לייטער, האָבן זיי שוין בלויז מיט זייער ערשייַנען צווישן די העכערע שיכטן געבראַכט דערצו, אַז עס זאָל אויסגעבילדעט ווערן אַ נייע אָרדענונג, ווייל זיי האָבן אַרײַנגעטראָגן קראַפט, זיכערקייט און רעאַלע באַדערפעניש דאָרט, וואו עס האָט געהערשט די אַלטע אַבסטראַקטע טראַדיציע, וואָס האָט קיין שום קאָלאָריט פון דער צייט ניט געהאַט.

באָמאַרשע איז איינער פון דידאָזיקע געניאַלע פּאַרוועניוס. ער האָט געהאַט אַלע נייטיקע אייגנשאַפטן, כדי צו פאַראייניקן אין זיין קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט די טיפסטע שטרעבונגען פון דער סאַמע לעבנספעאיקער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, וואָס האָט געגעבן טאָן און ריכטונג דעם גאַנצן פראַנצויזישן לעבן פון פאָריקן יאָרהונדערט. זיין רייך באַגאַבטע נאַטור האָט אים ערלויבט אויפן בעסטן אופן איבערצונעמען די אַלע מעטאָדן, אָנווענדן צום אייגענעם נוצן אַלע מיטלען פון קאַמף, וואָס די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אויסגעאַרבעט. עס איז גענוג פאָרצושטעלן די הויפּטמאָמענטן נאָר פון דעמדאָזיקן אַזוי אַוואַנטורעס־רייכן לעבן, עס איז גענוג צו דערמאָנען זיך אָן די הויפּטשטערונגען, וועלכע באָמאַרשע האָט גובר געווען אין זיין בלענדנדער קאַריערע, אין זיין פאַרעקשנטן שטרעבן צו דער הייך, — אַז פאַר אונז זאָל אויפלעבן דאָס בילד פון דעם גרויסן קאַמף צווישן דער באַגאַבטער נאַטור מיט דער אַלטער אָרדענונג. ניט געקוקט אויף זיין קאָלאָסאַלער ענערגיע, וואָלט באָמאַרשעס נאָמען ניט אַריין אין דער געשיכטע; דער נאָמען פון אַ פולע געניאַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג, איז פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר דער צוקינפטיקער מענשהייט. אָבער באָמאַרשען איז באַשערט געווען צו פאַראייביקן זיין קאַמף אין אַן אומשטערבלעכן פּאָעטישן דענקמאָל, צו אויסקריצן אין אַ בולטן קינסטלערישן בילד די באַגאַבטע פּלעבעער, וועלכע עס איז געלונגען גובר צו זיין אַלע שטערונגען אין זייער זיגרייכן מאַרש.

אַן אָרימער זייגערמאַכער און אַן אַלמעכטיקער מיליאָנער, וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף דעם גורל פון דער געזעלשאַפט און דער מלוכה— דאָס זיינען די צוויי עקסטע פאַלן פון באָמאַרשעס לעבן. אין פאַנטאַסטישע מעשהלעך מאַכט אַזעלכע פאַרוואַנדלונגען דער קאַפּריזער צופאַל, אָדער די גוטע פייע. אָבער אין באָמאַרשעס לעבן זיינען אַזעלכע צופאַלן ניט געווען— דאָ איז יעדער טריט אויסגעקעמפט; דאָס איז אַ מעשהלע פון דער נייער צייט, די געשיכטע פון אַ קעמפער, וואָס האָט בעסער פאַר אַלעמען געקאָנט אונטערטעניק מאַכן זיך די אומשטענדן. אין אָנהייב פון זיין קאַריערע ערווערבט ער פאַר אַ קורצער צייט אַלץ, וואָס קאָן וועקן קנאה ביי די מענטשן



באָמאַרשע

פון זיין דור; ניט נאָר ביי מענטשן פון זיין קלאַס, נאָר ביי אַלע קלאַסן און גרופּעס פון דער געזעלשאַפט. אין דער צייט, ווען עס ווערט געבוירן די מאַכט פון דעם קאַפּיטאַליזם, ווערט ער דער באַזיצער פון מיליאָנען. אין דער צייט, ווען דער אַדל האָט נאָך ניט פאַרלאָרן זיין באַדייטונג, דערגרייכט ער צו אַדלשטאַנד. ער דערנענטערט זיך צום קיניג, פאַרנעמט אַ הויכע לאַגע אין דער סוחרים־וועלט. ער נאַרט אָפּ די בעסטע דיפּלאָמאַטן, ווערט אַ מעכטיקע ספּרונזשינע פון דער וועלט־פּאָליטיק; ער איז אַ באַרימטער פּובליציסט, וועלכן וואָלטער אפילו וואָלט געקאָנט מקנא זיין. לסוף האָט ער אַן אומפאַרגלייכלעכן ערפאָלג אַלס שריפטשטעלער־קינסטלער. די אויפפירונג פון זיינע פּיעסן איז אַן אומגעהערטער טריאומף. מיט סטיכישן אָנגריף רייסט די געזעלשאַפט זיי אַרויס ביי דער צענזור פון די נעגל, זי איז פאַרשיכורט פון זיי; זיי האַלטן אויס צענדליקער פאָרשטעלונגען איינע נאָך דער אַנדע־רער. די פּובליק רייסט זיך אין טעאַטער, צעברעכט די באַריערן, כאַפּט דאָרשטיק אויף יעדעס וואָרט און פּאַטשט אָן אויפהער בראַוואָ. באָמאַרשע איז אַ פּראַקטיקער פריער פאַר אַלץ. ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס ער זאָל מורא האָבן זיך פאַר איר צו נעמען. ער נעמט זיך פאַר אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך, פאַרטראַכט זיך ניט, אויף וויפל דער עסק פּאַסט פאַר אים, און אומעטום פאַרפאָלגט ער נאָר איין ציל — אַרויסרוקן זיך אין דער ערשטער ריי פאַר יעדן פּרייז, אַרויסצובאַקומען דעם מאַקסימום נוצן פון עסק גופא. און פון די מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום. אַ זייגערמיסטערס אַ זון, נעמט ער זיך צוערשט פאַר דעם טאַטנס מלאכה, באַלד ווערט ער באַרימט אויף דעם געביט. זיין נאָמען דערגייט צו דער אַקאַדעמיע און צום קיניגלעכן הויף, און ער באַקומט דעם טיטל פון קיניגלעכן זייגערמיסטער. די ערפינדונג, וואָס האָט אים געגעבן דעמדאָזיקן רום, מאַכט פאַר אים מעגלעך אויסצופּרוון זיינע כוחות אויך אויף אַ צווייטן געביט. איינער אַ לעפּאָט דערלאַנגט צו אים אַ פּרעטענזיע אויף דער ערפינדונג. דער דערצאָרנטער ערפינדער הייבט אויף קעגן אים אַ ביטערן קאַמף, דערלאַנגט דעם סיכסוך צו דער אַקאַדעמיע און נויט זי צו אַנטשיידן דעם סיכסוך לטובת אים. קנאַפּ נאָך דאָס, ווענדט ער זיך מיט דעם ערשטן אויפרוף צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און דרוקט אָפּ זיין פאַרטיידיקונג אין „מערקור". דער געניאַלער אַדוואָקאַט און פּובליציסט קומט אויפן אָרט פון דעם מערקווירדיקן ערפינדער. נאָכדעם איז באָמאַרשע ביים הויף אין דער נייער ראָליע פון אַ ערפאַרענעם הויפמאַן. די הויכגעשטעלטע מאַדאַם פראַנקע קומט צו אים צופעליק נאָך אַ באַשטעלונג. אין עטלעכע חדשים אַרום טרעט איר מאַן אים אָפּ זיין בכבודיקן אָרט ביים הויף. עס גייען אַריבער עטלעכע חדשים, און באָמאַרשע ווערט דער מאַן פון דער מאַדאַם פראַנקע, וואָס איז פאַר דער צייט געוואָרן אַן אלמנה. דער אָרימער זייגערמיסטער ווערט אַן אַדעליקער. ער באַצויבערט די טעכטער פון לודוויק דעם XV, — אַלטע מיידן, וואָס לאַנגווייליקן זיך. ער דער־שטיקט אין זיך געדולדיק די לעבעדיקע אינסטינקטן, פאַרפּאַסט פאַר זיי קופּ־לעטן. דער צופאַל פירט אים צונויף מיט דעם בעל־השפעה און רייכן דיו־

װערנע, אויך אַזאַ באַגאַבטער פּאַרװעניו, אַ מאָל אַ יונג אין אַ טראַקטיר, איצט
דער ליבלינג פון דער אַלמעכטיקער פּאָמפּאַדור, אַ פּאָרשטייער פון דער פּי=
נאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע. באָמאַרשעס טרוימען הייבן זיך אָן צו פּאַרווירק=
לעכן — ער דערנענטערט זיך צו די מיליאָנען. דיװוערנע פּראָטעזשירט אים.
װײַטער גייט באָמאַרשעס באַרימטער פּראָצעס. ער האָט זיך צעקריגט מיטן
הערצאָג דע=שאָן, און געגליכן צו וואָלטערן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז
דער אַריסטאָקראַטישער יחוס איז שטאַרקער פאַרן יושר. די אַלטע אָרדענונג
האָט זיך נאָך פעסט געהאַלטן, און כאָטש דער שולדיקער איז דער הערצאָג,
אָבער אין תּפיסה זעצט מען אַריין באָמאַרשע, און ניט יענעם פּאָרשטייער
פון דער אַריסטאָקראַטישער מיוחסדיקער פאַמיליע. דערצו איז צוגעקומען
נאָך אַן אומשטאַנד. פאַרן טויט האָט דיװוערנע אָפּגעזאָגט באָמאַרשען אַ גרוי=
סע סומע, אָבער דער גראַף דע=לאַבלאַש, דעם פאַרשטאָרבענעמס געזעצלעכער
יורש, האָט אָנגעהויבן אַ פּראָצעס. באָמאַרשע האָט אונטערגעקויפט דעם רע=
פערענט, געצמאַן, פונדעסטװעגן האָט ער דעם פּראָצעס פאַרשפּילט. באָמאַרשע
האָט נאָכדעם צוריק באַקומען דעם שוחד, אויסגערעכנט דערפון פּופּצן לואי=
דאָר, וואָס מען האָט געגעבן דעם סעקרעטאַר. און צוליב דערדאָזיקער ניש=
טיקער סומע איז אַנטשטאַנען אַ קאַמף, וואָס מען האָט אַפילו אין פראַנקרייך,
װעלכע איז געווינט געוועזן צו גרויסע פּראָצעסן, אַזאַ נאָך ניט געזען. באָ=
מאַרשע לאָזט אַרויס איינעם נאָך דעם אַנדערן זיינע פיר מעמואַרן, װעל=
כע האָבן אים געגעבן אַ מעכטיקן פאַרבינדעטן — די געזעלשאַפטלעכע מיי=
נונג. זיינע שאַרפע וויצן גייען פון מויל צו מויל, באָמאַרשעס שונאים קענען
זיך ניט באַוויזן אין גאַס. דער קיניג אַליין און די אַריסטאָקראַטן זיינען
באַצויבערט מיט דער שיינער פאָרם פון די מעמואַרן און לייענען זיי, ניט
וויסנדיק, אַז דידאָזיקע געניאַלע שורות נעמען אַרונטער דעם באָדן פון זייערע
פיס. באָמאַרשע ווייזט אַרויס אַ נייעם טאַלאַנט, גלייך ווי ער וואָלט מקדים
געוועזן אַלע מעטאָדן פון דעם נייעם לעבן, דהיינו—די וואונדערלעכע פעאיקייט
צו פאַרשפּרייטן און רעקלאַמירן זיינע ווערק. די היינטיקע אַמעריקאַנער
וואָלטן אים געמאָגט מקנא זיין די ערפינדערישקייט זיינע אין דער הינזיכט.
זיין פערזענלעכן ענין האָט באָמאַרשע אַריבערגעפירט אויפן אַלגעמיינעם
באָדן. ער האָט אויפגעדעקט אַלע פאַרבאָרגענע וואונדן פון דער אַלטער אָרדע=
נונג, ער האָט הויך גערעדט דאָס, וואָס געפילט און פאַרשטאַנען האָבן אַלע.
מיט פאַרגיפטיקטע פיילן שיסט ער אין לאַבלאַשן, אָבער דידאָזיקע פיילן צע=
פליען זיך אין אַלע זייטן, און צוזאַמען מיט לאַבלאַשן באַקומט טויט=קלעפּ די
גאַנצע צעיושעטע פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטיע. ער שמייסט די געריכטס=
אָרדענונג. ער האָט ניט קיין פּראָגראַם, קיין סיסטעם. ער באַרירט פּריוואַטע
פאַקטן, אָבער די אויספירן לאָזן זיך שוין אַליין מאַכן. דאָס איז געוועזן אַן
אכזרישע קריטיק איבער דער אַלטער אָרדענונג. דער באַרימטער וויץ פון
יענער צייט, אַז „Louis Quinze (לודוויק דער XV) האָט געשאַפן דעם פּאַר=
לאַמענט, און Quinz louis (פּופּצן לואידאָר) האָבן אים חרוב געמאַכט", האָט
אין זיך געהאַט אַ היפּשע מאָס אמת. דער ציל איז געוועזן דערגרייכט. די

געצמאַנס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן; דער געריכט האָט, נאָכגעבנדיק דער אַריסטאָקראַטיע אויך, באַשלאָסן צו מאַכן אַ שענדלעכן פאָרוואורף באַמאַרשען. אָבער דעמדאָזיקן טייל פון פּסק־דין האָט דער געריכט ניט געקאָנט אויסרופן עפנטלעך: דער געברום פון עולם האָט פּאַרטויבט דעם פּסק־דין. באַלד נאָך דעם פּראָצעס האָט באָמאַרשע באַקומען אַן אומגעהערטן איינפלוס. ער פירט אויס קאָמפּליצירטע דיפּלאָמאַטישע מיסיעס, ער האַלט אין זיינע הענט די פעדים פון אינטריגעס, אין וועלכע עס זיינען פאַרמישט קיניגן, און לסוף טוט ער אפשר די גרעסטע טאַט פון זיין לעבן: ער טוט דעם יונגן פאָלק פון די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס אין דעם ענין פון זייער באַפרייאונג אַזאַ טובה, וואָס נאָר אפשר אַ גרויסע מעכטיקע מאָנאַרכיע וואָלט עס געקאָנט טאָן. די שטאַרקע ענערגיע, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין דעם ענין, די שרעקלעכע אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן כמעט אין גאַנץ פראַנקרייך, די געהיימע האַנדלס־הויז, וואָס שטעלט צו די מורדים פּולווער און ביקסן, האַרמאַטן און פּראָוויזיע, צענדליקער שיפן, וואָס שווימען הין און צוריק צווישן דער אַלטער און דער נייער וועלט, און וועלכע פירן טויזנטער וואָלאָנטירן צום קאַמף מיט די באַדריקער — אַלע די מערכנהאַפטע, לויט זייער גראַנדיעזער מאָס, באַוועגונגען אַנטשטייען אַדאַנק איין מענטשן. דערדאָזיקער מענטש איז געווען באָמאַרשע.

באָמאַרשע האָט אין זיין פּערזענלעכער געשיכטע פאַרקערפּערט ניט נאָר דעם גאַנג, ווי עס איז פאָרגעקומען דער קאַמף פון דעם דריטן שטאַנד מיט די פּריווילעגירטע קלאַסן, נאָר אויך דעם קולמינאַציאָנס־פּונקט פון דער בורזשואַזיעס נצחון, און אויך דעם אָנהייב פון איר ירידה, — יענעם מאָמענט, ווען זי הערט אויף צו זיין די אויסדריקערין פון די צייט־אויפגאַבן, ווען, אַליין דערשראָקן פאַר דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וואָס זי האָט אויפגעהויבן, האָט די בורזשואַזיע זיך גענומען קערן צוריק צו די אויטאָריטאַרע אידעען, אָנכאַפּן זיך פאַר די אָפּגעבראָכענע שפּענער פון דעם צעבראָכענעם אַדל, איינזעענדיק אין די אַלטע אָנשויאונגען זיינע אַ געפּרוּווטן מיטל צו פאַרקנעכטיקן דאָס פאָלק. באָמאַרשען איז באַשערט געווען צו ענדיקן זיין לעבן ביי דער שוועל פון דעמדאָזיקן נייעם קאָנפליקט צווישן די רייכע און די אָרעמע, וואָס האָט פאַרנומען דעם אָרט פונם אַלטן קאַמף צווישן די מיוחסים און די נידעריק געבוירענע. אַ צופרידענער און אַ גליקלעכער, אַ גערימטער און אַ רייכער, האָט ער צום סוף לעבן פאַרגעסן יענע מאַסע, פון וועלכער ער אַליין איז אַרויס, און ווען וועלכער עס האָבן אַזוי פיל דערציילט זיינע ווערק, און האָט זיך פאַרנומען מיט בויען פאַר זיך אַ פּאַלאַץ — אַ וואונדער פון לוקסוס און קונסט. און אין שכנות מיט דעמדאָזיקן טייערן און קאַפּריזן אויפטו פון דעם געוועזענעם פלעביי האָבן זיך געפונען די אָרעמע גאַסן פון אַרבעטער־קוואַרטאַל סאַנט־אַנטואַן. ער האָט פאַרלאָזן די אַלטע אידעאַלן, וואָס פאַר זיי איז זיין נאָמען פאַראייביקט אין דער געשיכטע. די בעסטע מענטשן פון דער אָפּאָזיציע האָבן זיך אין אים אַנטוישט. דער טאָג פון 14־טן יולי 1789 יאָר, בשעת באַסטיליע איז געפאַלן אויף זיינע אויגן, האָט ביי באָמאַרשען אין דער נשמה ניט אַרויסגערופן קיינע אַנדערע געפילן, חוץ אַ מורא

פאַר זיין פּאַלאַץ. באָמאַרשע האָט פאַר זיך געזען נייע קעמפער, וועלכע האָבן ביי די אויפגעקומענע עשירים געפאָדערט אַ טייל פון זייערע אויסגעקעמפטע פּריווילעגיעס, געגליכן דערצו, ווי אַמאָל האָט ער אַליין זיי אַרויסגעריסן ביי די פּריווילעגירטע קלאַסן, וואָס האָבן זיי באַקומען בירושה.

„נאָר דערפאַר, וואָס איר זייט אַ הויכגעשטעלטער יחסן, האַלט איר אייך פאַר אַ געני. יחוס, עשירות זיינען אימשטאַנד פאַרדרייען דעם קאָפּ יעדן איינציקן, וואָס אָבער האָט איר געטאָן, כדי צו באַקומען אַזוי פיל גוטס? איר האָט זיך געלאָזן געבוירן ווערן — און גאָר. און ווייטער — זייט איר געוויינלעכע מענטשן. איך אָבער, כאַפּט עס דער טייוול, אַן אָרעמאַן, וואָס איך בין פאַרלאָרן אין דער גרויער מאַסע, וואָס מיר איז אויסגעקומען, אַבי נאָר אונטערהאַלטן מיין קיום, צו לאָזן אין גאַנג אַזוי פיל ידיעות און פאַרשטענדיקייט, וויפיל מען האָט ניט פאַרניצט אין אַלע קאַנצעליאַריעס פון שפּאַניע פאַר הונדערט יאָר — ווילט איר מיט מיר קעמפן". אין דידאָזיקע ווערטער איז די גאַנצע געשיכטע און דער גאַנצער כאַראַקטער פון דעם אומשטערבלעכן העלד, וואָס באָמאַרשע האָט באַשאַפן, — פון דעם פריילעכן פיגאַראָ. אָרעמקייט און נידעריקער יחוס —דאָס זיינען די כתנות, מיט וועלכע די נאַטור האָט אים באַשאָנקען ביי זיין געבורט. קאַמף און אינטריגעס — דאָס איז זיין סטיכיע. שנאה צו די מיוחסים — דאָס איז דער סטימול, וואָס באַגייסטערט אים. שכל און פעאיקייט אַלע מאָל אַרויסצודרייען זיך — דאָס איז זיין געווער אין קאַמף. פריילעכקייט און איראָניע — די אויסערלעכע סימנים זיינע. פיגאַראָ איז דער צווייטער באָמאַרשע. דער אויטאָר זיינער האָט פיל געשריבן, ער האָט געשאַפן אַ פילו ניט-געלונגענע דראַמען, און נאָר דער סעווילער שערער, פיגאַראָס חתונה און די פאַרברעכערישע מוטער — דידאָזיקע טרילאָגיע, וואָס דער אַלגעמיינער העלד אירער איז דער באַרימטער לאַקיי, זיינען ניט פאַרגעסן געוואָרן. פון דידאָזיקע דריי קאָמעדיעס קאָן מען אויסשליסן די דריטע, וועלכע האָט ניט קיין קינסטלערישן ווערט. פיגאַראָ, אין דער אַרט, ווי ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון די מאַסן, איז געשילדערט אין די צוויי ערשטע קאָמעדיעס.

אין דעם ערשטן טייל פון דער טרילאָגיע איז פיגאַראָ מער ניט ווי אַ משרת. ער איז באָך, אַזוי צו זאָגן, ניט אַריין אין די פעדערן, און באַשליסט זיך ניט אַריינצוטרעטן אין אַ קאַמף מיט די גרויסע לייט. ער איז נאָך דערוויל מאַכטלאָז, הגם ער פילט שוין זיין קינפטיקע קראַפט. אָן זיין באַלעבאָס האָט ער נאָך פאַר זיך קיין באַדייטונג ניט. באַגעגענעדיק זיך מיט זיין פריערדיקן באַלעבאָס, דערציילט ער אים וועגן זיינע צרות. פון דערדאָזיקער דערציילונג אָטעמט מיטן גייסט פון דער אַלטער אָרדענונג. ער האָט פּרובירט זיין אַ ליטעראַט, אַ דראַמאַטורג. אָבער די ליטעראַטאָרישע רעפּובליק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַ סטאַדע וועלף, וואָס זיינען שטענדיק גרייט איינע די אַנדערע אויפצופרעסן. באַלעסטיקט מיט חובות און מיט אַן אויסערגעוויינלעך לייכטן טייסטער, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די ממשותדיקע

הכנסות פון דעם גאָלמעסער שטייגן אַריבער דעם רום, וואָס עס גיט די פעדער. מיט זיין לייכטן באַגאַזש אונטערן אָרעם האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן וואַנדלען איבערן לאַנד. אויפגענומען מיט אָפענע אָרימס אין איין שטאָט, פאַרשפּאַרט אין קוטשעמענט אין אַ צווייטער, אָבער אומעטום ביי יעדן פאַל געהאַלטן זיך העכער פאַר די אומשטענדן; געבענשט פון איינע, געשאָלטן פון אַנדערע, יאָגנדיק זיך נאָך גליק און פעסט איבערטראָגנדיק די קלעפּ פון ביטערן מזל; אויסגעלאַכט די נאַראָנים, אָפּגעקערט זיך פון שלעכטע מענטשן, איראָניזירט איבער זיין אָרעמקייט, און געגאָלט דער גאַנצער וועלט די בערד, — האָט ער זיך דערשלעפּט קיין סעווילע און זיך דאָרט באַזעצט, ציענדיק חיונה פון זיין מלאכה. אין דעם סעווילער שערער איז נאָך פיגאַראָ אַ געטרייער משרת פון זיין הער, און קיין פּראָטעסטן קעגן דער אומגלייכהייט און קעגן די באַדריקער רייסן זיך נאָך ניט פון זיין מויל אַזוי אָפט. דער געדאַנק אויסצופּרוּוון זיך מיט דעם גראַף אַלמאַוויוואַ קומט נאָך אין דער ערשטער טייל פון דער טרילאָגיע דעם לאַקיי אויפן זינען ניט. ער איז נאָך אַ משרת פון דער אַלטער אָרדענונג, זיינע שטרעבונגען ברעכן נאָך ניט די שטאַנדן־פאָראורטיילן.

פונדעסטוועגן ווייזן זיך שוין אין דעם סעווילער שערער אַרויס פיגאַראָס גרונדשטריכן. ער איז פריער פאַר אַלץ דער מענטש פון פּראַקטיק און פון אינטערעס, און ניט פון עפּעס העכערע סטימולן: שטאַנדהאַפטער פאַר אַלץ זיינען יענע באַציאונגען, וואָס זיינען געבויט אויף דעם קעגנזייטיקן אינטערעס. „איך וועל ניט נעמען צו הילף, — זאָגט פיגאַראָ צו דעם גראַף, וועלכער צווייפלט אין זיין געטרייִשאַפט, — קיין הויכע פראַזן וועגן ערע און איבערגעגעבנקייט, — היינט איז אַ מאָדע מיסצוברויכן מיט זיי יעדע רגע. איך וועל נאָר זאָגן, אַז מיין אייגענער אינטערעס ליגט אין דעם. לייגט אַלץ אויף דער וואָג!” די נייע מענטשן האָבן געבראַכט די נייע פּראַקטישע בליקן, אָנשטאָט די אַמאָליקע פאָרשטעלונגען פון דעם אַדל וועגן ערע. פיגאַראָ לייגט ווירקלעך אַלץ אויף דער וואָג. „עך, כאַפּט עס דער טייוול, ווי די בויט דערנעענטערט און גלייכט עס אויס מענטשן, פאַרניכטיקנדיק דעם שטח צווישן זיי!” — שרייט פיגאַראָ אויס, ווען ער דערזעט, ווי זיינע בליקן ווערן באַשטעטיקט, בשעת דער גראַף האַלזט אים מחמת די טובות, וואָס ער ערוואַרט פון אים. פאַרשטייט זיך אַליין פון זיך, אַז די עטישע זייט פון דעם מענטשנס מעשים טרעט ביי אַזעלכע אָנשויאונגען אָפּ אָן אַ זייט. ווען ראָזין מאַכט פיגאַראָ אַ באַמערקונג, אַז עס איז ניט גוט אונטערצוהערן, ענטפערט ער איר מיט אַ פראַזע, פון וועלכער מען זעט, אַז ער איז אַפילו ניט אימשטאַנד אין דעם וואָרט „ניט גוט” אויפצונעמען עפּעס אַן אַנדער אינהאַלט, אויסער דער אידעע וועגן דעם, וואָס עס לוינט, אָדער קאָן ברענגען שאָדן. „עס איז ניט גוט אונטערצוהערן? — פרעגט ער איבער נאַאיוו פאַרוואונדערט. — און באמת איז דאָך ניטאָ קיין בעסערער מיטל, ווען עס ווילט זיך עפּעס צו דערוויסן”. אָדער הערט, סאַר אַן אַפאָריזם פיגאַראָ זאָגט אַרויס,

זוען ער דערוויסט זיך, אַז באַזיל האָט בדעה אַוועקצולאָזן אַ רכילות. „אָט
דאָס איז אַ ביסל אַ פלוט, דער באַזיל! נאָך גוט, וואָס ער איז אַ נאַר. כדי
רכילות זאָל האָבן ערפאָלג ביי דער וועלט, דאַרף מען פאַרנעמען אַ געוויסע
געזעלשאַפטלעכע לאַגע, משפחה־פאַרבינדונגען, אַ נאָמען, אַ טיטל, — מיט
איין וואָרט, מען דאַרף האָבן אַ וואָג אין דער געזעלשאַפט. אָבער באַזיל
וואָס? אויב ער וועט אַפילו טרייבן רכילות, ווער וועט אים דען הערן?"
קיין דערצאָרענונג ניט. וואָס קאָן דער פאַקט אַריינברענגען, אָדער וויפל קאָן
ער שאָדן, זיין באַדייטונג אין קאַמף, — אָט וואָס עס אינטערעסירט פיגאַראָ,
וועלכער מאַכט רואיק זיינע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען. די לאַגע זיינע
האָט פון פיגאַראָ געפאָדערט ערפינדערישקייט און פעאיקייט אויסצוקערעווען
זיך און אין דעם ערשטן טייל פון דער טרילאָגיע באַווייזן שוין זיינע מעשים, אַז
ער האָט אין זיך דידאָזיקע אייגנשאַפטן אַנטוויקלט אין אַ הויכער מדרגה פון
שלימות. אויף יעדן טריט העלפט ער אויס אַלמאַוויוען, און רופט ביי אים
אַרויס פאַרוואונדערונג מיט זיין טיכטיקייט און געשיקטקייט אין אַלע פאַלן,
ווען אַלמאַוויוואַ געפינט ניט קיין אויסגאַנג. פיגאַראָ האָט שוין כמעט משיב
געווען די גרויסע באַדייטונג, וואָס עס האָט דער הויפטבאַוועגער פון דער
נייער צייט — ער ווייס די קראַפט פון געלט. בשעת ער גיט עצות דעם
גראַף, פאַרגעסט ער ניט מזהיר צו זיין אים, ער זאָל מיט זיך נעמען וואָס
מער געלט. און ווען דער גראַף, דער פאָרשטייער פון די אַלטע באַגריפן,
איז פאַרוואונדערט, זאָגט פיגאַראָ איינע פון זיינע סאַמע כאַראַקטעריסטישע
פראַזן: „גאָלד, גאָט מיינער, גאָלד — דאָס איז דאָך דער נערוו פון יעדער
אינטריגע". אין דעם ערשטן טייל נעמט פיגאַראָ איבער אַלע מעטאָדן, וואָס
וועלן אים שפעטער צוניץ קומען. ער הייבט אָן ליבן קאַמף צוליב קאַמף,
אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן דער נצחון וועט געבן. „וואָס
שווערער עס איז דער ערפאָלג, אַלץ אייפעריקער דאַרף מען זיך נעמען פאַר
דער זאַך", — זאָגט ער. ערפאָלג, וועלכער פאָדערט ניט קיין קאַמף, ציט
אים ניט, און ער אַנטוויקלט און פאַרפולקומט זיינע אייגנשאַפטן —
רמאות, איראָניע, עזות, וואָס דערגייט ביז גראָבער הוצפה. ער לערנט צו
קענען דעם מענטשנס האַרץ בכלל און דער פרויס — בפרט. ער האָט דערווייל
פאַרגעניגן צו שפילן גלאַט אַזוי, ניט זוכנדיק דערפון קיין נוצן, אויף די
סטרונעס פון דעם מענטשנס האַרצן. אָבער באַלד וועט קומען אַ צייט, ווען
פיגאַראָ וועט באַקומען נוצן פון דידאָזיקע ידיעות, וואָס ער האָט ערוואָרבן
דורך ביטערער ערפאַרונג. מיט איין וואָרט, אין דעם ערשטן טייל פון דער
טרילאָגיע האָט זיך פיגאַראָ גוט צוגעגרייט צום קאַמף.

אין פיגאַראָס חתונה באַווייזט דער העלד די נעגל זיינע שוין פון
די ערשטע טריט אָן. דער כבוד צו זיין באַלעבאָס, וואָס לייכט זיך דורך
אַפילו דורך זיין עזות אין דער ערשטער קאָמעדיע, פאַרשווינדט איצט. הינ-
טער זיינע פריילעכע רעדעס איז באַהאַלטן אַ טיפע פאַראַכטונג צו אַלמאַוויוואַ.
ביט אומזיסט האָט פיגאַראָ אַזוי לאַנג געעוסקט זיך מיט דעמדאָזיקן אַריסטאָ-

קראַט. „אַך! — שרייט ער אויס, ווען ער דערוויסט זיך וועגן דעם גראַפס כוונות בנוגע סוזאַנען, — אַז עס וואָלט געלונגען אָפּצונאַרן דעמדאָזיקן גרויסן רמאי, און זיין געלט אַראָפּלאָזן צו זיך אין קעשענע!" פיגאַראָ פאַרגעסט איצט דעם שטח, וואָס צווישן אים און זיין הער. ער קוקט אויף אים, ווי אויף אַ גלייכן קעגנער און ער ערקלערט אים קריג. פיגאַראָ האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר פולקום פאַרלייקענענדיק די טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונגען, קאָן ער דערגרייכן צום נצחון. פיגאַראָ אָנערקענט ניט די פריערדיקע טיילונגען, און טיילט מענטשן אויף זיין אייגענעם שטייגער נאָר אויף צוויי קאַטעגאָריעס: אויף זיינע פריינד און שונאים. „מענטשן שטערן מיר אין מיינע עסקים, — זאָגט ער — און איך נעם נקמה, צעשטערנדיק זייערע עסקים. אַזוי טוען אַלע. בלייבט אויך אונז צו טאָן דאָס זעלבע. און ווי קאָן דען זיין אַנדערש? מיר האָבן פאַר זיך אַ המון. יעדערן ווילט זיך קומען צו לויפן פריער. מ׳איילט, מ׳שטופּט זיך, מ׳שפּאַרט זיך, מ׳וואַרפט איינער דעם צווייטן אום: זאָל דערגרייכן ווער עס קען, די איבעריקע וועלן דערשטיקט ווערן. אַזוי פירט זיך עס שוין פון אייביק אָן". קיינמאָל איז נאָך ניט געווען אַזוי פשוט און קלאָר פאָרמולירט דער געזעץ פון אַלגעמיינער קאָנקורענץ. קיינמאָל איז נאָך ניט געווען אַזוי קלאָר אויפגעדעקט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם מענטשן, וועלכער איז אויסגע-וואַקסן אין דער עפּאָכע, ווען טאַלאַנטן האָבן געקעמפט, ווען די פערזענלעכ-קייט האָט געשטרעבט צו וואוילטאָג.

אין דער ערשטער קאָמעדיע האָט שוין פיגאַראָ זיך אַרויסגעוויזן אַלס ניט קיין געוויינלעכער האַרצנקענער. אין דער צווייטער — דערגרייכט די-דאָזיקע איינגנשאַפט צו וואונדערלעכער אויסגעשאַרפטקייט. ער ווייזט זיך אַרויס אַלס פיינער פּסיכאָלאָג. „כדי אַריינצונעמען אין די הענט מענטשן מיט זיין כאַראַקטער, — זאָגט ער וועגן גראַף, — איז גענוג עטוואָס נאָר אויפצורייצן זייער בלוט. דערויף זיינען פרויען גרויסע מייסטערינס. דערנאָך, אָנוואַרימענדיק זיי ביז רויט, קלעקט אַ קליין אינטריגעלע, אַז איר זאָלט זיי קאָנען פירן פאַר דער נאָז, וואוהין איר ווילט, אַפילו אין טייך אַריין".

דער צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס שטענדיק ווערן דאָרט פאַרגלייכט צווישן זיך מענטשן קליינינקע מיט מענטשן, וואָס האָבן מאַכט אויף דער וועלט. פיגאַראָ רעדט דעם גראַף אַנטקעגן ניט פשוט. אויף יעדן טריט שטרייכט ער אונטער, אַז דער אונטערשייד אין די לאַגעס איז דער הויפּטגרונט, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעוואַקסן דעם גראַפס אַלע ניט-יושרדיקע מעשים. ווען אַלמאַוויוואַ דערמאָנט פיגאַראָן, וועגן זיין חוב חתונה צו האָבן מיט מאַרסעלינען, ענטפערט ער אים: „צי דען וועט איר מיר פאַררעכענען פאַר אַ שולד, וואָס איך וויל ניט נעמען די אַלטע מויד דעמאָלט, ווען איר, אייער דורכלויכט, נעמט ביי אונז אָפּ די יונגע?" אַז דער גראַף דערמאָנט וועגן געזעץ, שרייט פיגאַראָ אויס: „אַ נושא פנים צו גרויסע לייט, און זייער אַ שטרענגער צו קליינע מענטשן". און סוזאַנע זאָגט נאָך איר צוקינפטיקן מאַן. ווען דער גראַף ראַט איר איבערצולאָזן ביי זיך דעם

פלאַקאָן מיט עפּיר, וואָס קאָן איר צוניץ קומען אַלס אַ מיטל קעגן נערוון, ענטפערט סוזאַנע: „הפּנים אונזערע ברידער האָבן נערוון? דאָס איז אַ פּריצישע קראַנקהייט, אַ קראַנקהייט פון די בודואַרן". מיט אַזעלכע קעגנשטעלונגען איז פול די גאַנצע קאָמעדיע. און ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז דער שטאַנד־אַנטאַגאָניזם, וואָס טרעט אַרויס אין הינטערגרונט פון דעמדראָזיקן קאָנפליקט צווישן דעם לאַקיי און צווישן זיין הער, דאָס איז דער הויפּטבאַוועגער פון דער קאָמעדיע, וועלכער גיט איר לעבן און אינהאַלט. פיגאַראָ איז פיל גע־פערלעכער, איידער דאָס האָט זיך פאָרגעשטעלט זיין אויטאָר. זיינע שטעכיקע אַפּאָריזמען, פונקט ווי אויסגעגאָסענע פון מעטאַל, פאַרבלייבן אויף שטענדיק אין זכרון ביי דעם צושויער, אָדער לעזער. אָט זיינען איינציקע פון זיי: „ווען מען זאָל פאָדערן פון אַ משרת ערלעכקייט, איז אַ פראַגע, צי וועלן זיך גע־פינען אַפילו הערן, וואָס זיינען ווערט צו זיין לאַקייען". אויף דעם גראַפס באַמערקונג, אַז די דינער טוען זיך דאָ אָן לענגער, איידער די הערן", ענט־פערט פיגאַראָ: „זיי האָבן ניט קיין לאַקייען, וואָס זאָלן זיי העלפן". „דו האָסט זיך ערוואָרבן אַ מיאוסע רעפּוטאַציע", — זאָגט דער גראַף צום לאַקיי. ענט־פערט פיגאַראָ: „און אויב איך בין אַ בעסערע ווערט, איז אַ פראַגע, וויפל גרויסע לייט וואָלטן דאָס זעלבע וועגן זיך געקאָנט זאָגן". אַז מיר דערמאָנען זיך די באַמערקונגען פון דעם באַרימטן לאַקיי וועגן דער פּאָליטיק, וועגן אינטריגע, וועגן די געריכטן און אַז. וו., איז אונז לייכט צו פאַרשטיין, פאַר־וואָס האָבן די פאַרטיידיקער פון דער אַלטער אָרדענונג איינגעזען אַזאַ שרעקלעכע סכנה אין דערדאָזיקער גרויסער סאָציאַלער קאָמעדיע.

פיגאַראָס חתונה שליסט מיט זיך דעם גלענצנדן פעריאָד פון באָמאַרשעס ליטעראַרישער טעטיקייט. דער דריטער טייל פון דער טרילאָגיע, די פאַרברעכערישע מוטער, איז ניט קיין געלונגען ווערק. פיגאַראָ האָט פאַרלאָרן זיין באַדייטונג, ווי דער אויטאָר אַליין האָט זי פאַרלאָרן. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דערדאָזיקער טייל ניט אויסגענו־מען, און איז היינט פאַרגעסן. דער אויטאָר האָט פאַר זיך אין לעבן ניט געהאַט די העלדן, וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויספירן אין דער קאָמעדיע. אין לעבן האָט פיגאַראָ געגעסן די פרוכט פון זיין קאַמף, ער האָט זיך אויס־געבויט אַ רייכן פּאַלאַץ, האָט געפירט גרויסע עסקים. אין דער קאָמעדיע האָט אים באָמאַרשע געוואָלט אומקערן צו די אַלטע אָרדענונגען, פון ס'ביי פאַר־וואַנדלען אין אַ טוגנדלעכן דינער, ווי ער איז געווען בעפאָר די אידעען פון אויפקלערונג. פון אַן אומגעשטילטן קעמפער פאַר דער אידעע פון גלייכ־הייט, ווערט פיגאַראָ פאַרוואַנדלט אין אַ זאַטן רואיקן בורזשואַ, וואָס איז אונ־טערטעניק דעם ווילן פון זיין האַר. באָמאַרשע האָט איבערגעלעבט זיין באַ־דייטונג. אַזאַ איז די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער טרילאָגיע. אָבער זי האָט נאָך אַ גרויסע אַלמענטשלעכע באַדייטונג. אין איר איז גענויאַל פאַרקערפּערט געוואָרן די בעסטע ערגאָבערונג פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע — די דעמאָקראַטישע אידעע. אויב באָמאַרשע אַליין האָט צום

סוף פון זיין לעבן געפּעלשט אין זיינע אידעאַלן, איז דאָך פיגאַראָ פאַרבליבן דער בולטסטער טיפּ פון דער בירגערלעכער ליטעראַטור, דער טוער פון דעם העראָאישן פּעריאָד פון דער בורזשואַזיע, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין קאַמף מיט דער טראַדיציע, פון דעם פּעריאָד, ווען די בורזשואַזיע איז נאָך געווען אין בונד מיט די אַרבעטער

פינפטע אָפּטיילונג.

די דייטשע ליטעראַטור אין XVIII י. ה. לעסינג. געטע. שילער.

XVII.

פרידריך דער גרויסער.—גאָטשעד און די שווייצאַריער.—קלאָפּשטאָק.—ווילאַנד.—לעסינג. — מינא פאָן באַרנהעלם. — לאַקאָאָן און די פראַגע וועגן די גרעניצן צווישן מאָלעריי און פּאָעזיע.—„די האַמבורגער דראַמאַטורגיע” און לעסינגס דראַמאַטישע טעאָריעס.—עמיליע גאַלאָטי.—„נאַטאַן דער ווייזע” און לעסינגס רעליגיעזע אָנשויאונגען.

אין ענגלאַנד איז געבוירן געוואָרן די ראַציאָנאַליסטישע באַוועגונג און די בורזשואַזי-סענטימענטאַלע ליטעראַטור, פראַנקרייך האָט זיי געמאַכט פאַר אַ פאַרמעגן פון דער מענטשהייט, דייטשלאַנד האָט דידאָזיקע ריכטונגען צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקע באַפאַרבונג. די צווייטע העלפט פון XVII י. ה., דאָס הייסט די צייט וואָס נאָך דעם דרייסיקיעריקן קריג, איז געווען אַ פעריאָד פון גייסטיקער און פאָליטישער ירידה פאַר דייטשלאַנד. אין דער ערשטער העלפט פון XVIII י. ה. הייבט זיך אָן אַ יוירונג. די דייטשן הייבן אָן באַקענען זיך מיט דער פראַנצויזישער און מיט דער ענגלישער ליטעראַטורן. גלייכצייטיק באַווייזן זיך אויך סימנים פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין — אַ שטרעבונג ווידער אויפצושטעלן די דייטשע אַלטערטימליכקייט און געבן אַ ווידערשטאַנד די אויסלענדישע השפעות. אין האַלב XVIII י. ה. פאַרשטאַרקט זיך דידאָזיקע יוירונג, און די צווייטע העלפט פון דעם יאָרהונדערט צייכנט זיך אויס מיט זעלטענער אויפבליאונג פון דער ליטעראַטור. אין דייטשלאַנד האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַלע ריכטונגען, וואָס האָבן געהערשט אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך: סיי די פסעוודאָקלאַסישע ריכטונג, סיי די אידעען פון די ענציקלאָפּעדיסטן, אויך די השפּעה פון ריטשאַרדסאָנישן סאַנטימענטאַלן ראָמאַן און פון דער בורזשואַזער דראַמע איז אַהער אַריינגעדרונגען. אָבער דייטשלאַנד איז אין דידאָזיקע באַוועגונגען געגאַנגען מיטן אייגענעם וועג, און דאָס איז דער טעם, פאַרוואָס מען מוז איר ליטעראַטור פון XVIII י. ה. אויסשטעלן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל. ווען מען וואָלט געדאַרפט געבן אַ קורצע דעפיניציע, אין וואָס באַשטייט די אייגנטימלעכע באַזונדערהייט פון דער דייטשער ליטעראַטור, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז אין דייטשלאַנד האָט די אויפקלערונגס-

באַוועגונג געטראָגן אַן אַבסטראַקטערן כאַראַקטער, איידער אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, וואו זי איז, ווי מיר האָבן עס געזען, אָרגאַניש אויסגעוואַקסן פון די אויסגערייפטע געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש. די דייטשן האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט דער פּאָליטיק, און ווען אין פראַנקרייך זיינען די שריפטשטעלער געווען די פאָלקס־טריבונען, די אַפּאָלאָגעטן פון דעם פאָלקס־רעכט, האָבן די דייטשן דערגרייכט זייער אַ גרויסן ערפאָלג אויפן געביט פון דער פילאָזאָפיע, אין דער באַאַרבעטונג פון עסטעטישע און ספּעציעל ליטעראַרישע פראַגן.

געגליכן דערצו, ווי די צייט פון לודוויק דעם XIV, וואָס פאַרנעמט די גאַנצע העלפט פון דעם XVII י. ה., איז באַצייכנט מיט דער גלענצנדער אויפבליאונג פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, אַזוי האָט אין דייטשלאַנד די צווייטע העלפט פון XVIII י. ה. אין אַ היבשער מאָס צו דאַנקען פאַר די ליטעראַרישע ערפאָלגן פרידריך דעם גרויסן. פרידריך איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן און האָט זיך זייער גלייכגילטיק באַצויגן צו דער דייטשער ליטעראַטור. ווען מען האָט אים דערלאַנגט דעם מאַנוסקריפּט פון ניבעלונגען־ליד, האָט זיך דער קיניג מיט לייכטזיניקער גרינגשעצונג באַצויגן צו דעם גרעסטן ווערק פון דער דייטשער פאָלקס־שאַפונג. ער האָט אָבער אויסגעגעבן אַ היבש ביסל געלט און געפּטרט אַ פולע קרעפטן, כדי צו ערווערבן וואָלטערס פריינדשאַפט. פונדעסטוועגן האָט דער אויפגעקלערטער מאָנאַרך אַ שטאַרקן שטופּ פאָראויס געגעבן דער אַנטוויקלונג פון דער דייטשער ליטעראַטור אין זעלבשטענדיקן נאַציאָנאַלן גייסט. דער זיבניעריקער קריג, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט פּרייסן אין די רייען פון די גרויסע אייראָפּעאישע מלוכות, די גרינדונג פון דער בערלינער אַקאַדעמיע, פרידריך דעם גרויסנס מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע נצחונות, ענדלעך די פראַנצויזישע שריפטשטעלער, — דאָס אַלץ האָט אין די דייטשן געוועקט דעם באַוואוסטזיין פון זייער ווערדע, דעם פאָרשונגס־גייסט און די וויסנשאַפטלעכע שטרעבונגען. דער קאַמף צווישן דער פראַנצויזישער השפּעה און דער ראַציאָנאַלער ריכטונג אין דער ליטעראַטור האָט זיך נאָך אָנגעהויבן ביז פרידריכן. אין דער ערשטער העלפט פונם יאָרהונדערט האָט אַ גרויסן איינפלוס אין דער דייטשער ליטעראַטור געהאַט גאָטשעד, אַ פאַרערער פון די קללים, וואָס די פראַנצויזישע פּסעוודאָקלאַסיקער האָבן אויסגעאַרבעט. ער האָט דער דייטשער שפּראַך און דעם סטיל געגעבן יענע קלאָרקייט און פּינקטלעכקייט, וואָס איז געווען אַ באַזונדערע אייגנשאַפט פון דעם פראַנצויזישן מוח. ער האָט אָנגעשריבן אַ ריטאָריקע און אַ פּאָעטיקע, אין וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט בלויז אידעען. די דייטשן האָבן אין אַ גרויסער מאָס אים צו דאַנקען דערפאַר, וואָס קאָרנעל, ראַסין און מאָליער און אפילו פראַנצויזישע דראַמאַטורגן פון דער צווייטער מדרגה האָבן געהערשט אויף דער דייטשער סצענע אַ לאַנגע צייט. ער האָט אַרויסגעגעבן זשורנאַלן, צוגעצויגן איבערזעצער, און אויף אַזאַ אופן באַקאַנט געמאַכט די דייטשע געזעלשאַפט מיט דעם פראַנצויזישן ליטעראַרישן לעבן. גאָטשעד איז אַ לאַנגע צייט, באַזונדערס אין די דרייסיקסטע יאָרן פון

XVIII י. ה., געווען דער הערשער אין דער דייטשער ליטעראַטור; ער איז געווען דער געזעצגעבער פון גוטן געשמאַק און האָט שטרענג אַכטונג געגעבן אויף יעדער אָפּווייכונג פון די רעגעלן. אָבער ניט געקוקט אויף זיינע פראַנצויזישע סימפּאַטיעס, האָט גאָטשעד גוט געקענט די אַלטע דייטשע ליטעראַטור, האָט פיל געאַרבעט איבער דער געשיכטע פון דער דייטשער ליטעראַטור, האָט פיל אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער דייטשער שפּראַך און סטיל. ער האָט געהאַט געניג פּאַטריאָטיזם און ליבשאַפט צו די נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער ליטעראַטור, ער האָט זי אָבער ניט געקענט אַוועקשטעלן אויף אַ זעלבשטענדיקן וועג. ער האָט ניט געקענט שאַפן קיין ברייטע נאַציאָנאַלע ריכטונג. דאָס צו טאָן איז באַשערט געווען זיין גרויסן נאָכפאָלגער ל ע ס י נ ג ן וואָס, הגם ער אַליין האָט פיל געהאַט צו דאַנקען גאָטשעדן, האָט ער אויסגעראָטן זיין פראַנצויזישע ריכטונג און באַפרייט די דייטשע ליטעראַטור פון נאָכמאַכונגען.

די ערשטע זיינען אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן גאָטשעדן די אַזויגערופענע שווייצער מיט באָדמער און ברייטינגער בראש. זיי האָבן געפאָדערט פרייהייט פאַר דער פאַנטאַזיע, האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן די אויפקלערער, אַנטקעגן דעם אַקאַדעמישן פּעדאַנטיזם, אַנטקעגן דער אונטערטעניקייט צו די רעגעלן. זיי זיינען געווען שונאים וואָלטערן, פאַר וועלכן גאָטשעד האָט זיך געבויגן, און זיינען געשטאַנען פאַר געפיל און טרוימערישקייט, וואָס זיינען געווען פאַרקערפּערט אין רוסאָ. אַנטקעגן די פראַנצויזישע אָפּגעטער האָבן זיי אַרויסגעשטעלט מילטאָנען און שעקספּירן, וואָס זיינען געווען אַזוי ווי עפּעס העכערע אַרויסווייזונגען פון דעם דייטשן שעפערישן גייסט. זיי האָבן געווענדט די אויפמערקזאַמקייט אויף דייטשער אַלטערטימלעכקייט, האָבן שטאַרק רעקאָמענדירט דער געזעלשאַפט די מינעזינגער און דאָס נ י ב ע ל ו נ ג ע ן-ליד. פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט מילטאָנען האָט די דייטשע ליטעראַטור אין אַ גרויסער מאָס צו דאַנקען דער אַנטשטייאונג פון דער אַזויגערופענער „סעראַפישער" אָדער רעליגיעזער פּאָעזיע, וואָס דער סאַמע באַרימטער פּראָדוקט אירער איז געווען די מ ע ס י אַ ד ע פון קלאָפּשטאָק (1724 — 1803). די ערשטע לידער פון דער מ ע ס י אַ ד ע האָבן ערשיינט אין 1748 יאָר, און גאָטשעד איז אַנטקעגן איר אַרויסגעטראָטן מיט אַ שטאַרקן קאַמף. די געשיכטע איז געווען קעגן אים, און אין די 70-טע יאָרן ווערט קלאָפּשטאָק דער גאָט ביי דער יוגנט. דערזעלבער קלאָפּשטאָק האָט אַרויסגערופן אויך אַ צווייטע קריגערישע טעווטאָנישע ריכטונג מיט זיינע לידער אויף מאָטיוון פון דעם דייטשן אַלטערטום. די רעליגיעזע און די אַלטערטימלעכע נאַציאָנאַלע פּאָעזיע האָט אויפן העכסטן גראַד אַנטשפּראָכן דעם ערוואַכנדיקן נאַציאָנאַלן זעלבסט-באַוואוסטזיין פון די דייטשן. אין זיין בוך וועגן לעסינגן זאָגט קונאָ פישער וועגן קלאָפּשטאָקן: „דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לאַנגן פּרוכטלאָזן פּעריאָד האָבן זיך פון סיניי געטאָן אַ גאָס מיט אוראַלטער דייטשער קראַפט קלאַנגען פון דער איבערפולטער נשמה, דורכגעדרונגענע מיטן טיפן, אייביק-פרישן געפיל, און דער פּאָעט האָט אָנגעהויבן ריידן אויף דער שפּראַך פון אונזערע העלדן. אַ פולע קראַפט פון גייסט איז נייטיק

געווען, כדי צו פאַרשטיין רעליגיע, נאַטור, פאָטערלאַנד, פריינדשאַפט און ליבע און אויסצודריקן זיך וועגן זיי אַזוי, ווי קלאָפּשטאָק האָט עס פאַרשטאַנען און זיך אויסגעדריקט". אויב מיט אַזאַ אָנטציקונג רעדט וועגן קלאָפּשטאָקן אַ דייטשער געלערנטער אין הונדערט יאָר אַרום, איז שוין ניט שווער צו פאַרשטיין, ווי האָט ער געווירקט אויף דער דייטשער יוגנט אין דער צייט פון דעם זיבנ־יאָריקן קריג.

עטוואָס אַלס רעאַקציע צו קלאָפּשטאָקס ווערק האָט געדינט די ליטעראַרישע טעטיקייט פון אַ צווייטן דעמאָלט פּאָפּולערן שריפטשטעלער — ווילאַנד (1733 — 1813), וועלכער האָט אין דער דייטשער ליטעראַטור געפלאַנצט די פראַנצויזישע פיינקייט. ווילאַנד געהערט צו די שריפטשטעלער, וואָס זיינען בכוח קונציק איבערפלאַנצן דאָס פרעמדע אויף דעם אייגענעם באָדן. ער האָט געשריבן אַזוי לייכט, אַז די פּאַרערער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור האָבן אָנגעהויבן איבערצייגן זיך, אַז די דייטשע ליטעראַטור איז פּעאיק צו פאַרשאַפן אינטערעסאַנטן לייענמאַטעריאַל ניט ווייניקער פאַר דער פראַנצויזישער. אַזוי אַרום האָט, ווילאַנד, זייענדיק אין אַ געוויסער מאָס אַ קעגנער פון קלאָפּשטאָקס רעליגיעז־פּאָעטישער וועלט־אָנשויאונג, און איינפלאַנצנדיק די עפּיקורייאישע און מאָדישע אָנשויאונגען, גענומענע פון פראַנקרייך, — פונדעסטוועגן אויך מיטגעווירקט דער אַנטוויקלונג פון דער זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער ריכטונג אין דער דייטשער ליטעראַטור מיט זיינע גלענצנדע שאַרפזיניקע ווערק, מיט זיינע פאַרדינסטן בנוגע דער דייטשער פּראָזע.

דער פאַרדינסט פאַר דעם ענדגילטיקן באַפרייען די דייטשע ליטעראַטור פון דער פראַנצויזישער השפעה און פאַר דאָס פּאָלקומע ערוואַכן פון דעם דייטשן באַוואוסטזיין געהערט לעסינגן (1791 — 1792). לעסינג איז געווען דער אמתער רעפאָרמאַטאָר פון דער דייטשער ליטעראַטור. ער איז געווען צעשטערער און שעפער גלייכצייטיק. ער האָט געקעמפט קעגן די פאַרעלטערטע פסעוודאָקלאַסישע אָנשויאונגען, קעגן דער הערשאַפט פון כללים אין דער ליטעראַטור, און אין דערזעלבער צייט האָט ער געשאַפן נייע פּרינציפּן פון קונסט. ער איז געווען ניט נאָר אַ קריטיקער, נאָר אויך אַ פּאָעט. זיינע נייע טעאָריעס האָט ער זיך געסטאַרעט אילוסטרירן מיט אייגענע דראַמעס, און אָן די לעבעדיקע געשטאַלטן זיינע טעאָריעס געבליבן אַ טויטער אות, אָן אַבסטראַקטער טראַקטאַט. אָבער לעסינג האָט זיך ניט באַגרעניצט מיט ריין עסטעטישע פראַגן. ער איז געווען אַ פילאָזאָף און אַ טעאָלאָג. די פריידיקט וועגן פרייהייט האָט ביי אים באַקומען אַן אייגנטימלעכע באַאַרבונג און זי איז ניט געווען קיין פּשוטע איבערזעצונג פון די פראַנצויזישע אויפקלערונגס־אידעאַלן. קריטיק און פּאָלעמיק—דאָס איז געווען זיין סטיכיע, עס איז אָבער בייטיק געווען ניט בלויז צו שאַפן אַ נייע גאַנצלעכע וועלטאָנשויאונג, נאָר אויך קלאָר צו מאַכן איר באַציאונג צו די עקזיסטירנדיקע וועלטאָנשויאונגען. עס איז נייטיק געווען אַריינצוטרעטן אין קאַמף מיט אַ פולע הערשנדיקע ריכטונגען, פאַרטשעפּען פילע אייגנליבעס, אַראָפּוואַרפן אַלטע אויטאָריטעטן, באַשאַפן נייע, און לעסינג האָט זיך דרייסט גענומען פאַר דערדאָזיקער אַרבעט. ער איז געווען אַ מערקווערדיקער

געלערנטער, האָט געהאַט אַ פולע ידיעות און האָט זיי כסדר פאַרמערט. ווײַדנ־דיק וועגן זײַן אומגעווײנלעכער געבילדעטקייט, האָט אַפילו געטע געמאַכט די באַמערקונג: „אין פאַרגלײַך מיט אים זײַנען מיר נאָך אַלע באַרבאַרן". לעסינג האָט געפלאַמט מיט אַ גרייִלעכער שטרעבונג צום אמת. ער האָט געהאַט אַ ליכ־טיקן אָפענעם מוח. אַלס זון פון זײַן צײַט, האָט ער פאַרגעטערט די קלאַ־סישע שריפטשטעלער, פאַרגעטערט אַריסטון, אָבער ער האָט געקענט געפינען אין זיי די אייביקע אַלמענטשלעכע אידעאַלן פון קונסט; ער האָט זיי נישט קאַלטשעטע און פאַרמיאוסט, נאָכגעבנדיק דעם געשמאַק פון קיניגלעכן הויף, ווי די פראַנצויזן האָבן געטאָן, און האָט זיי אויסגענוצט, כדי צו באַרעכטיקן דאָס נאַטירלעכע אין דער קונסט. די קריטישע און די פּאָעטישע טעטיקייט זײַנען בײַ לעסינגן געגאַנגען האַנט בײַ האַנט.

זײַנע אָנשויאונגען האָט לעסינג דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעזאָגט אין אַרטיקלען, וועלכע ער האָט געדרוקט אין זשורנאַל „ליטעראַרישע בריוו", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין 1759 יאָר. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער־שײַנט זײַן באַרימט קריטיש ווערק לאַאָקאָאָן, און אינגיכן נאָך דעם אַ צווייטע אַרבעט די האַמבורגער דראַמאַטורגיע,—אַ זאַמלונג פון זײַנע טעאַטראַלע רעצענזיעס. גלײַכצײַטיק מיט דידאַקטיקע טעאָרעטישע אַרבעטן זײַ־נען געשאַפן געוואָרן אויך זײַנע דראַמען. אינמיטן די פופציקסטע יאָרן האָט מען געשטעלט אויף דער סצענע מיס שרה סאַמפּסאָן, אינמיטן די זעכ־ציקסטע — מינע פאָן באַרנהעלם, אין 1772 יאָר—עמיליע גאַלאָטי, און אין 1779—נתן דער חכם. יעדע פון דידאַקטיקע דראַמען שטייט אין ענגן פאַרבאַנד מיט דער אָדער יענער לעסינגס טעאָרעטישער בייס. און ווען מיר באַקענען זיך געניער מיט לעסינגס דראַמען, פאַרשטייען מיר לײַכט, פאַר וואָס די דײַטשע ליטעראַטור האָט אים צו דאַנקען.

פריער פאַר אַלץ האָט לעסינג אין דײַטשלאַנד אײַנגעפירט די בורזשואַזע דראַמע. ער איז געווען אַ פאַרערער פון ריטשאַרדסאָן, לילאָ, און פון דידראָס דראַמאַטישע טעאָריעס. גלײַך ווי דער לאָנדאָנער סוחר, האָט די דראַמע מיס שרה סאַמפּסאָן קיין קינסטלערישן ווערט נישט גע־האַט, פונדעסטוועגן האָט זי געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער דראַמאַטישער רעפאָרם. לעסינג האָט אין איר נאָכגעמאַכט לילאָ און ריטשאַרדסאָנען. אַפילו די אַקציע קומט אויך פאָר אין ענגלאַנד. אין איר ווערן געמאָלט ענגלישע כאַראַקטאָרן און דאָס ענגלישע לעבן. אָבער די פּיעסע האָט אַרײַנגעטראָגן נײַע פּרינציפּן, די טראַגעדיע האָט אויפגעהערט צו זײַן די פּאָעזיע פון די העכערע קלאַסן, פון קייסאָרים און העלדן. זי האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו מאָלן דאָס משפחה לעבן און די געוויינלעכע ווירקלעכקייט.

אין דער צײַט פון דעם זיבניאָריקן קריג, בשעת פרידריך דעם גרויסנס חייל האָט פאַרנומען זאַקסן, האָט דער דײַטשער מאַיאָר טעלהיים אויסגע־שתדלט, עס זאָל פאַרקלענערט ווערן די קאָנטריבוציע פאַר די אײַנוואוינער פון טירינגען. היות אָבער ווי די אײַנוואוינער האָבן אויך די פאַרקלענערטע קאָנטריבוציע נישט געקאָנט אַרײַנטראָגן, האָט ער פון דער אייגענער קעשענע

אַריינגעטראָגן פֿאַר זיי 2000 פּיס־אָלן און גענומען ביי די אייַנוואוינער דערויף אַ צעטל. אַז מען האָט געשלאָסן שלום, האָט ער געבעטן די פּרייסישע רעגירונג אויפצומאָנען זיין חוב. אָבער די רעגירונג האָט אים חושד געווען אין שוחד, מחמת זי האָט געמיינט, אַז דעם צעטל האָבן אים די טירינגער איינוואוינער געגעבן דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿאַר זיי געשתּדלט. טעלהיים איז איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט. זיין כּבֿוד איז פֿאַרפלעקט, ער וואוינט אין אַ בערלינער באַשיידענער גאַסטהויז און וואַרט אויף דעם סוף פֿון משפּט. ער איז אָרעם, אָבער שטאָלץ. און דעריבער האָט ער באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פֿון דעם שידוך מיט מינע פֿון באַרנהעלם, — איינע פֿון די רייכסטע און יחוסדיקסטע יורשטעס פֿון טירינגען, וואָס זיין הויכמוטיקער טאַט בנוגע צו איר געבורטס־שטאַנד האָט זי געריירט און זי האָט זיך אין אים פֿאַרליבט. טעלהיים איז פֿון טירינגען אַוועקגעפֿאָרן אַלס איר חתן, אָבער נאָך זיין אומגליק האָט ער צו איר אויפגעהערט צו שרייבן בריוו און באַשלאָסן ניט צו פֿאַרבינדן די מיידל מיט זיין אומגליקלעכן גורל. די באַטריבטע מינע פֿאָרט אים זוכן. צופֿעליק שטעלט זי זיך אָפּ אין דעמזעלביקן האָטעל, וואו עס וואוינט טעלהיים. זי דערקענט אים, אָבער ער אַנטזאָגט זיך פֿון איר האַנט. דעמאָלט שפּילט מינע אַ קאָמעדיע. זי מעלדעט, אַז איר פֿעטער, אַ שונא פֿון פּרייסן, מאַכט איר אויס יורשטע פֿון זיין פֿאַרמעגן דערפֿאַר, וואָס זי האָט ליב טעלהיימען, און איצט איז זי אַן אָרעמע פֿון זאַקסן אַנטלאָפֿענע מיידל. אין דער צייט באַקומט טעלהיים אַ ידיעה, אַז זיין ערע איז ווידער אויפגעשטעלט, און דער קיניג לאַדט אים ווידער איין צו זיך אויף דינסט. טעלהיים, אַן אַנטציקטער, מעלדעט וועגן דעם מינען, אָבער איצט וויל זי, אַן אָרעם מיידל, שוין ניט מסכּים זיין מיט אים חתונה צו האָבן. אַזוי אָפּגערעכנט זיך מיט טעלהיימען פֿאַר זיין שטאָלצקייט, און פֿאַרשאַפֿט אים אַ היפּש ביסל עגמת־נפֿש, ערקלערט אים מינע סוף־כּל־סוף די גאַנצע געשיכטע און האָט מיט אים חתונה.

דערדאָזיקער גוטער סוף און די ראָליע, וואָס מינע שפּילט, האָבן לעסינגן געגעבן אַ גרונט אָנצורופֿן זיין פּיעסע קאָמעדיע. די גרויסע באַדייטונג פֿון דעמדאָזיקן ווערק באַשטייט פֿריער פֿאַר אַלץ אין דעם, וואָס דאָס איז געווען די ערשטע עכט נאַציאָנאַלע דייטשע דראַמע. פֿון איר אָטעמט מיט דער ברויזנדיקער העראָאישער עפּאָכע פֿון דעם זיבנ־יאָריקן קריג. נאָר דידאָזיקע עפּאָכע האָט געקאָנט לאָזן געבוירן ווערן כאַראַקטאָרן, ענלעכע צו טעלהיימען. דאָס איז אַן ערלעכער תּמימותדיקער מענטש און אַ מוטיקער אָפֿיציר. דער וואַכמיסטער ווערנער דערציילט, אַז טעלהיים איז געווען אַ מוסטער פֿאַר די סאָלדאַטן און האָט אַלעמען פֿאַרוואונדערט מיט זיינע העלדישע גבֿורות. ער איז הויכמוטיק, די אַלמנה פֿון איינעם זיינעם אַ קאָלעגע, וועלכן ער האָט געליען פֿירהונדערט טאָלער, ברענגט אים אָפּ דעם חוב; אָבער טעלהיים, אַליין אַ קבצן, זאָגט זיך אָפּ פֿון דעם געלט, ווייל ער וויל ניט „באַגזלענען דעם יתום פֿון זיין פֿריינד“. ער איז שטאָלץ קעגן מענטשן, וואָס זוכן זייער נוצן, ווי אַ שטייגער דער ווירט פֿון גאַסטהויז, קעגן רייכע

און מעכטיקע מענטשן, ער איז אָבער גוט און הויכמוטיק מיט נידעריקע. דער משרת יוסט פאַרגעטערט אים, דער וואַכמיסטער איז גרייט אין דער שלעכטער צייט צו טיילן זיך מיט אים מיטן לעצטן פאַרמעגן. אַנטקעגן דידאָזיקע שטאַרקע מענטשן, וואָס האָבן מיט גלייכער מוטיקייט געקאָנט איבערטראָגן גליק און אומגליק, ווערן אַרויסגעשטעלט בייציקע קליינלעכע נאַטורן, ווי דער הויזווירט. בשעת דער מלחמה האָט די באַפעלקערונג געקוקט אויף מיליטערלייט, ווי אויף געטער, און ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן די קליינלעכע חשבונות גענומען די אויבערהאַנט ביי די טיפּישע בירגער; זיי זיינען געוואָרן גלייכגילטיק צו די העלדן, וואָס זיי האָבן זיי געהאַט צו דאַנקען פאַר דער דערהייבונג פונם פאָטערלאַנד, און פיל אָפיצירן, וואָס האָבן פאַרדינט אַ בעסערן מזל צוליב זייערע גבורות, זיינען געשטאָרבן אין אָרעמקייט. אַזאַ צופאַל איז געגעבן אין דער פּערזאָן פון טעלהיים. דידאָזיקע אָפּקלאַנגען פון דער מלחמה, וואָס הערן זיך אין דער קאָמעדיע, איר שייכות צו דעם דייטשן לעבן, צו דעם טאָג-אינטערעס — דאָס אַלץ האָט זי געמאַכט פאַר אַן עכט נאַציאָנאַלע קאָמעדיע, האָט געוועקט אין די דייטשן אינטערעס צו זייער אייגנס און אונטערגעבראָכן דעם אינטערעס צו די פראַנצויזישע קלאַסיקער. צוזאַמען מיט דידאָזיקע נאַציאָנאַלע מאָטיוון הערן זיך אין דער קאָמעדיע אויך אָפּקלאַנגען פון רוסאָס סאַנטימענטאַלע אידעאַלן — אידעאַלן פון שטילע משפּחה-אידיליעס. „מאָרגן, — זאָגט טעלהיים, — וועט אונז פאַראייביקן דער הייליקסטער בונד, און דעמאָלט וועלן מיך זוכן אַרום זיך אין דער גאָרער גרויסער וועלט דעם סאַמע שטילסטן, סאַמע אָנגענעמסטן ווינקל, אַן ערדישן גן-עדן, וואו עס פעלט מער ניט, ווי אַ גליקלעך פּאָר-פאָלק". די אָפּגעזונדערטקייט אויפן שויס פון דער נאַטור, ווייט פון דער געזעלשאַפט איז אַ טרוים ביי פיל העלדן פון לעסינגס דראַמען. לסוף, ווייזן זיך אין דערדאָזיקער קאָמעדיע אַרויס די נייע פּרינציפּן פון דער דראַמאַטישער קונסט, וואָס לעסינג האָט אַריינגעבראַכט. פון איין זייט גייט ער נאָך אַריסטו — ער היט אָפּ די אייניקייט פון צייט, אָרט און אַקציע. די גאַנצע אַקציע קומט פאָר אין איין טאָג אין גאַסט-הויז. אָבער אין דערזעלבער צייט האַלט לעסינג פאַר ניט מעגלעך אַריינצופירן אין דער קאָמעדיע שילדערונגען פון צערודערנדיקע געשעענישן און דערהויבענע געפילן — דאָס, וואָס איז לויט דער מיינונג פון די פּסעוודאָקלאַסיקער געווען דער אויסשליסלעכער קנין פון דער טראַגעדיע.

אַזוי האָט לעסינג אייגנאַרטיק אַ קוק געטאָן אויף די עקסיסטירנדיקע פּרינציפּן, אייגנאַרטיק מיט זיי באַנוצט זיך, און צונויפגיסנדיק די אידעאַלן פון דער קלאַסישער קונסט מיט די נייע פאָדערונגען פון דער בורזשואַזער דראַמאַטישער טעאָריע, האָט ער באַשאַפן די ערשטע גרויסע נאַציאָנאַלע קאָמעדיע, לאָזנדיק אָפּשפּיגלען אין איר די דייטשע ווירקלעכקייט. איידער מיר וועלן איבערגיין צו עמיליע גאַלאָטי, וועלכע איז די בולטסטע אילוסטראַציע צו לעסינגס קריטישע אָנשויאונגען, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דידאָזיקע אָנשויאונגען גופא.

לעסינג

די גרונטפראַגע, וואָס לעסינג האָט באַרירט אין לאַאָקאָאָן, דאָס איז די פראַגע וועגן די גרעניצן צווישן מאָלעריי און פּאָעזיע. די ספערע פון דער ערשטער איז שטח, פון דער צווייטער — צייט. די ערשטע שילדערט געגנשטאַנדן, וואָס געפינען זיך איינער לעבן צווייטן, די צווייטע — געשעענישן און אַקציעס לויט דעם סדר, ווי זיי גייען איינע נאָך די אַנדערע אין דער צייט. „די שילדערונג פון פינדאַר אין דעם דריטן בוך פון איליאַדע, — זאָגט לעסינג, — איז איינס פון די סאַמע אָפּגעטאָקטע, סאַמע פיינע ערטער ביי האָמערן. פון דער מינוט אָן, וואָס פינדאַר נעמט זיך פאַרן בויגן, ביז דעם פלי פון פייל, איז יעדער אויגנבליק געשילדערט אַזוי קלאָר, אַז דער, וואָס ווייס ניט, ווי צו באַנוצן זיך מיטן בויגן, וואָלט זיך עס געקענט אויסלערנען בלויז פון דערדאָזיקער באַשרייבונג". אין דערזעלבער צייט וואָלט פינדאַר, וועלכער ציט אָן דעם בויגן, פאַר אַ מאָלער ניט געקאָנט דינען אַלס סוזשעט, מחמת דער מאָלער שילדערט אַן אָפּגעשטעלטע אַקציע און קאָן אַלזאָ ניט איבערגעבן קיין דויערנדיקע אַקציע. לעסינג גייט אַרויס פון דעם געדאַנק וועגן דער פאַרשיידנהייט פון די מיטלען, מיט וועלכע עס באַנוצן זיך די מאָלעריי און די פּאָעזיע. „אויב, — זאָגט ער, — עס איז ריכטיק, אַז די מאָלעריי באַנוצט אין אירע נאָכמאַכונגען געצייג און מיטלען, וועלכע שיידן זיך לגמרי אונטער פון די געצייג און די מיטלען, וואָס די פּאָעזיע האָט, דהיינו: איינע — קערפּערס און פאַרבן אין שטח, די צווייטע — שפּראַכלעכע קלאַנגען אין צייט; אויב קיינער קריגט ניט, אַז די קלאַנגען דאַרפן זיין אין נאָענטסטער פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס זיי דריקן אויס, איז פונדאַנען ממילא געדרונגען, אַז די צייכנס, וואָס זיינען אויסגעשטעלט איינער לעבן דעם אַנדערן, דאַרפן פאָרשטעלן נאָר אַזעלכע געגנשטאַנדן אָדער טיילן פון געגנשטאַנדן, וועלכע זיינען אין דער ווירקלעכקייט אויסגעשטעלט איינער נאָכן אַנדערן. פאַרקערט, צייכנס, וואָס גייען איינער נאָך דעם אַנדערן, קאָנען אויסדריקן נאָר אַזעלכע געגנשטאַנדן אָדער טיילן פון געגנשטאַנדן, וואָס שטעלן זיך אונז אין דער ווירקלעכקייט פאָר איינס נאָכן אַנדערן אין צייט". דערדאָזיקער געדאַנק לעסינגס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער דייטשער פּאָעזיע: זי האָט געפּטרט דעם גוסט צו דער באַשרייבונגס־פּאָעזיע, צו דער שילדערונג פון דעטאַלן, און האָט פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צו פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, צו אַקציע, צו שילדערונג פון געפילן און ליידנשאַפטן.

נאָך אַ וויכטיקערע באַדייטונג האָט געהאַט לעסינגס אַ צווייטע טעאָרעטישע ווערק — די האַמבורגער דראַמאַטורגיע. געגליכן צו בואַלאָ, איז לעסינגן ניט באַקאַנט קיין געשיכטלעכער שטאַנדפּונקט אויף דער דראַמאַטישער קונסט. ער ווייס ניט, אַז די פאָרמען פון קינסטלערישע ווערק ענדערן זיך לויט דעם אינהאַלט. ער גלויבט, אַז עס עקסיסטירן אומענדערלעכע, „נאַטירלעכע" געזעצן פאַר דער טראַגעדיע. דידאָזיקע נאַטירלעכע געזעצן זיינען איין מאָל אויף אַלע מאָל פאַרשריבן ביי אַריסטו, נאָר די פראַנצויזן האָבן צעשעדיקט די אמתע לערע פון דעם גריכישן פילאָזאָף, און לעסינג סטאַרעט זיך אויפצושטעלן דידאָזיקע לערע אין איר ערשטן געשטאַלט.

לעסינג: האַלט, ווי אַריסטו, אַז דער ציל פון דער טראַגעדיע איז גלייכצייטיק וועקן מורא און מיטגעפיל און דורך דעם צו רייניקן דעם צושויער. דידאָזיקע ביידע זאַכן זאָלן זיין צוזאַמען איז נייטיק, מחמת עכט טראַגיש איז נאָר יענער מיטגעפיל צו פרעמדע ליידן, וואָס וועקט אין אונז מורא פאַר אונזער אייגענעם גורל. דער פאַרדינטער פיין האָט אין זיך דעריבער קיין טראַגיזם ניט, ער רודערט ניט אויף, מחמת מיר קוקן אויף אים רואיק, לגמרי ניט מורא האָבנדיק פאַר אונזער שיקזאַל, און ניט געפינענדיק קיין סיבה מיטצופילן אים. אַ געוויינלעכער רשע קאָן דעריבער ניט זיין קיין טראַגישע פערזאָן. פונקט אַזוי ווייניק עכט טראַגישס איז פאַראַן אין ליידן אָן אַ טעם. דאָס ליידן פון אַ לגמרי אומשולדיקן מענטשן דערצאָרנט אונז נאָר, זי איז סותר דעם נאַטירלעכן מאָראַלישן געפיל. כדי צו וועקן מיטגעפיל און מורא, דאָס הייסט כדי צו זיין עכט טראַגיש, דאַרף דער פיין זיין ניט קיין פאַרדינטער, אָבער אַ נאַטירלעכער. „דער מענטש, — זאָגט לעסינג, — קאָן זיין זייער אַ גוטער און פונדעסטוועגן האָבן שוואַכקייטן, טאָן אַמאָל אַזעלכע מעשים, וואָס ברענגען אויף אים שרעקלעכע צרות, הגם ער איז אין עצם ניט קיין אוממאָראַלישער, מחמת די צרות זיינען אַ לאָגישער רעזולטאַט פון זיינע מעשים". דאָס איז די לערע וועגן דער טראַגישער שולדיקייט. לעסינג דערווייזט די אומקינסטלערישקייט פון דער פראַנצויזישע פסעוודאָקלאַסישער דראַמע; די ליידן פון דעם העלד זיינען אין איר שטענדיק נאָר אַ פועל־יוצא פון ליידנשאַפט, דעריבער איז זי קאַלט. אין דערדאָזיקער לערע איז געווען די פאַרזיכערונג פון קינסטלערישן אמת, וואָרעם דער העלד איז שוין איצט געוואָרן ניט קיין פערזאָניפיצירונג, ניט קיין טרוקענער סימבאָל, נאָר אַ לעבעדיקע פערזאָן מיט פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אייגנשאַפטן. ווי ריכטיק עס איז געווען דער וועג, וואָס לעסינג איז אויף אים געשטאַנען, זעט מען דערפון, וואָס דידאָזיקע בייע אויסטייטשונג פון אַריסטו האָט אים געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז שעקספיר, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געשריבן לויט אַריסטוס טעאָריע, שטייט נעענטער צו אַריסטוס לערע, דאָס הייסט צו די נאַטירלעכע געזעצן פון דער טראַגעדיע, איידער דער גאַנצער פראַנצויזישער טעאַטער.

פון דעמדאָזיקן גרונט־בליק אויף דעם ציל פון דער טראַגעדיע שטאַמען שוין אויך לעסינגס איבעריקע אָנשויאונגען. אַזוי ווערט דער טראַגישער איינדרוק, ד. ה. דער געפיל פון מיטגעפיל און מורא, פאַרשטאַרקט, אויב די פאַבולע איז געבויט אַזוי, אַז די ליידן זאָל דעם מענטשן פאַרשאַפן אַן אַנדער נאָענטער מענטש. די ליידן, וואָס איין שונא פאַרשאַפט דעם צווייטן, האָט אין זיך קיין אומגעוויינלעכס ניט. די טראַגישע אַקציע, וועלכע איז געבויט דערויף, וואָס די העלדן קענען זיך איינער דעם צווייטן ניט, וועלכע איז געבויט אויף אַ פלאָנטער, קאָן זיין עפעקטיש, זי וועט אָבער ניט מאַכן אַזאַ צערודערנדיקן איינדרוק ווי, למשל, דער מאָרד, וואָס אָרעסט דערמאָרדעט זיין מוטער, — אַ מאָרד, וואָס ווערט באַגאַנגען באַוואוסטזיניק. אַזוי אַרום ווערן אויך בנוגע דער פאַבולע געשטעלט דיזעלבע פאָדערונגען: אַלץ

דאַרף זיין וואָרהאַפטיק, אַלע מעשים דאַרפן זיין מאָטיווירט; קינסטלעכע עפעקטן ווערן באַזייטיקט. די אַקציע דאַרף זיך אַנטוויקלען, ווי עפעס אומאויסמיידלעכס. די געשעענישן דאַרפן אַרויסקומען איינס פון צווייטן, בילדנדיק אַ קייט פון סיבות און רעזולטאַטן. דער צושויער דאַרף פילן, אַז אַלץ, וואָס עס קומט פאָר פאַר זיינע אויגן, האָט געמוזט פאָרקומען דווקא אַזוי און ניט אַנדערש. „דער שיקזאַל מוז זיין אַן אומפאַרמיידלעכער פועל־יוצא פון די אַקציעס, די אַקציעס — פון די ליידנשאַפטן, און די ליידנשאַפטן — פון די כאַראַקטערן". אָט פאַרוואָס לעסינג האַלט, אַז די פינקטלעכע און וואָרהאַפטיקע שילדערונג פון די כאַראַקטערן האָט די וויכטיקסטע באַדייטונג. אפילו אַ אידעאַליש־רעגלמעסיקער בוי פון דער פיעסע איז ניט אימשטאַנד צו פאַרגלעטן דעם קלענסטן טעות אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דער ווירקנדיקער פערזאָן.

ע מ י ל י ע ג אַ ל אָ ט י האָט געזאָלט דינען אַלס באַרעכטיקונג פון די דאָזיקע נייע טעאָריעס.

עמיליע גאַלאָטי איז אַ טאָכטער פון דעם פאָלקאָווניק אָדאָאַרדאָ. איר פאָטער און זי — זיינען ביידע קינדער פון דער דאָרפישער איינזאַמקייט. זיי האָבן ניט ליב די שטאָטישע קולטור. דער פאָטער האָט זיין טאָכטער ערצויגן לויט די געזעצן פון פרומקייט און אַלע מידות טובות פון ווייבער און פון משפחה־לעבן. פאַר דער פאַמיליע אָדאָאַרדאָ האָט אויפן בעסטן אופן געפאַסט דער גראַף אַפיאַני, עמיליעס חתן, אויך אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעמיידט די וועלט און האָט ליבער געהאַט די דאָרפישע שטילקייט. נאָר איינמאָל איז עמיליען אויסגעקומען צו זיין אויף אַ הויפבאַל, און דער איינדרוק, וואָס אויף איר האָבן געמאַכט דער גלאַנץ און דער לוקסוס, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז שוין דאָ לאָזט זיך אין איר פילן אַ העלדין, וועלכע איז ניט אינגאַנצן פאַרזיכערט לגבי די נסיונות פון גרויסוועלטיקן לעבן. אָט די דאָזיקע ניט פעסטקייט אירע איז, ווי מיר זעען שפעטער, די טראַגישע שולד אירע. די ווייטערדיקע אַקציע אַנטוויקלט זיך מיט אומגעוויינלעכער קאָנזעקווענץ און שנעלקייט. אויפן באַל באַקענט זיך מיט עמיליען אַ פרינץ. אין דעם טאָג פון אַפיאַניס חתונה באַפאַלן באַנדיטן, אונטערגעקויפטע דורך דעם פרינצס קאַמערהער מאַרינעלי, די חופה־פראָצעסיע. דער גראַף אַפיאַני פאַלט אַ דערמאָרדעטער, און עמיליען ראַטעוועט מען כלומרשט צו דעם פרינץ אין שלאָס אַריין. ווי אָדאָאַרדאָ האָט באַקומען די ידיעה וועגן דעם פאַרברעכן, איילט ער צום פרינץ אין שלאָס, און די גרעפין אָרסיני, וועלכע איז פאַרליבט אין דעם פרינץ און אייפערט צו עמיליען, דערציילט אים אויס דעם גאַנצן אמת. זי דערקלערט אים, אַז דער מערדער איז דער פרינץ, און אַז זיין טאָכטער דראָט אַ סכנה. די אומשטענדן באַשטעטיקן אירע רייד. מאַרינעלי גיט זיך אָן פאַר דעם דערמאָרדעטנס אַ פריינד און נעמט זיך אַנטפלעקן דעם שולדיקן, וועלכער מוז אַוודאי זיין ניט אַנדערש ווי אַפיאַניס גליקלעכער קאָנקורענט. דעריבער דאַרף מען עמיליען משפטן. מען לאָזט זי איבער אין דער אַטמאָספערע פון נסיונות פון הויף־לעבן, ביים קאַנצלער גרימאַלדי אין הויז, וואו זי האָט

זיך דאָס ערשטע מאָל באַקענט אויפן באַל מיט דעם פּרינץ. דער אומגליקלעכער פֿאָטער באַמיט זיך צו באַקומען אַ מעגלעכקייט זען זיך מיט דער כאָבטער אויג אויף אויג. פֿון זיין שמועס מיט איר צייגט ער זיך איבער, אַז זי איז ריין און אומשולדיק. אָבער עמיליע זאָגט אַרויס איר מורא פֿאַר דער צוקונפֿט. געוואַלט—איז גאָרנישט, אָבער דער נסיון — אָט דאָס איז די ריכטיקע געוואַלט. „אין מיר, —זאָגט עמיליע — פּלייצט יונג הייס-בלוט... איך קען גרימאַלדיס הויז. דאָס איז אַ הויז פֿון פֿריילעכקייט. איך האָב דאָרטן פֿאַרבראַכט סך-הכל איין שעה אונטער מיין מוטערס השגחה, האָט זיך שוין אין מיין נשמה אויפֿגעהויבן אַזאַ אומרואיקייט, אַז דער סאַמע שטרענגער מוסר האָט זי קוים פֿאַר עטלעכע וואָכן געקאָנט שטילן". דעמאָלט האָט, לויט עמיליעס פֿאָדערונג, דער פֿאָטער זיך באַשלאָסן צו רעטן זיין שוואַכע טאָכטער פֿון זיין חרפּה, און ער דערשטעכט זי מיט זיין קינזשאַל.

קונאָ פֿישער שטעלט דידאָזיקע טראַגעדיע הויך אין קינסטלערישער הינזיכט. לויט זיינע רייד, האָט לעסינג אין איר גלענצנד אילוסטרירט זיינע טעאָרעטישע אָנשויאונגען. די אַקציע שטראָמט פֿאָראויס אומפֿאַרהאַלטן און שנעל, ניט איבערגעריסן דורך קיינע עפּיזאָדן. יעדע סצענע איז אַ נויטווענדיקער רינג אין דעם גאַנצן ווערק. אין דער גאַנצער טראַגעדיע איז ניטאָ קיין איין שטריך, וואָס זאָל ניט באַדונגען זיין דורך די כאַראַקטאָרן פֿון די ווירקנדיקע פּערזאָנען. איבעריקנס עקזעסטירן אויך אַנדערע מיינונגען וועגן דידאָזיקע ווערק. פֿיל זעען אין „עמיליע גאַלאָטי" אַ קינסטלעך געבויטע דראַמע, וועלכע איז געשאַפֿן אויסשליסלעך כדי צו באַרעכטיקן אַ געוויסע טעאָריע. די דאָזיקע קריטיקער פֿאַרזיכערן, אַז די אַקציע פֿון דער דראַמע איז געווען פֿאָראויס באַשטימט פֿון לעסינגן, און די כאַראַקטאָרן זיינען נאָכדעם אויסגעאַרבעט געוואָרן צוליב דער מאָטיווירונג. שלעגעל האָט געזאָגט אויף „עמיליע גאַלאָטי", אַז דאָס איז אַ ווערק פֿון קאַלטן שכל, וואָס האָט דעם אויטאָר געקאָסט שווייס און בלוט, אַ גוטער ביישפּיל פֿון דראַמאַטישער אַלגעברע. אָבער ווי די מעשה איז, אַפֿילו אויב דאָס ווערק איז אַ פּועל-יוצא ניט פֿון דער באַגייסטערונג פֿון אַן אמתן פּאָעט, נאָר אַן אָנשטרענגונג פֿון אַ גוטן מייסטער, האָט עס דאָך אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג אין דער געשיכטע פֿון דער דייטשער און אַפֿילו אייראָפּעאישער ליטעראַטור. זי האָט דערלאַנגט אַ טויט-קלאַפּ דער פֿראַנצויזישער פּסעוודאָקלאַסישער טראַגעדיע. פֿון איר הייבט זיך אָן די שול פֿון דראַמאַטורגן, וועלכע שטרעבן צו קינסטלערישן אמת, צו מאָטיווירונג פֿון די אַקציעס, צו וואָרהאַפּטיקער שילדערונג פֿון די כאַראַקטאָרן.

די באַטראַכטע לעסינגס ווערק מאַכן שוין קלאָר, ס'אַר אַ וויכטיקע ראָלע אים געהערט אין דער באַקאַנטשאַפֿט פֿון זיינע מיטבירגער מיט דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור. לעסינג האָט זיך אָפּגערופֿן אויף דער הערשנדיקער אין פֿראַנקרייך פּסעוודאָקלאַסישער ריכטונג, און אויף די נייע בורזשואַזע גוסטן, וואָס האָבן איר אָרט פֿאַרנומען. דערביי איז אים געלונגען די ביידע ריכטונגען איבערצופֿלאַנצן אויפֿן דייטשן באָדן אַזוי, אַז די בורזשואַזע דראַמע אין זיין אויסטייטשונג פֿון אַריסטו האָבן געגעבן אַ מעכטיקן שטופּ פֿאָראויס דער אַנט-

וויקלונג פון דער דייטשער ליטעראַטור אין נאַציאָנאַלן גייסט; האָבן זיי דערבענטערט מיטן לעבן, מיט דער ווירקלעכקייט. לעסינג האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף דער גרונטפראַגע, וואָס די פראַנצויזישע און די ענגלישע דעאיסטן האָבן אויפגעהויבן — אויף דער פראַגע וועגן רעליגיעזער טאָלעראַנץ. לעסינג איז געווען ניט נאָר קיין עסטעטיקער. הגם די דייטשע ליטעראַטור האָט אין XVIII י. ה. ניט דערגרייכט צו דער גרויסער קאַמפּבאַדייטונג, צו וועלכער די ליטעראַטור האָט דערגרייכט אין פראַנקרייך, הגם אין איר האָבן די אויבערהאַנט געהאַט אינטערעסן עסטעטישע און פילאָזאָפישע, אָבער די ברענענדיקע פראַגן פון דער צייט זיינען פאַר לעסינגן ניט פרעמד געבליבן. זיין מינע פאָן באַרנהעלם איז וויכטיק ניט נאָר אַלס מוסטער פון דער בורזשואַזער קאָמעדיע, נאָר אויך אַלס אַ וואָרהאַפטיק בילד פון דייטשלאַנד אין דער צייט פון דעם זיבניאָריקן קריג. זיין עמיליע גאַלאָטי איז מערקווירדיק ניט נאָר אַלס אילוסטראַציע פון זיין דראַמאַטישער טעאָריע, נאָר אויך אַלס מעכטיקער פּראָטעסט קעגן דער צעלאָזנקייט פון די קלייניגקע דייטשע פירשטלעך, דידאָזיקע טיראַנען, וואָס האָבן נאָכגעמאַכט דעם לוקסוס און דער אויסגעלאַסנקייט פון ווערסאַלער הויף; יענע פירשטלעך, וואָס האָבן מיט זייער עגאָאיזם געבראַכט דייטשלאַנד צו אַ גוואַלדיקער ירידה.

נתן דער חכם איז אַן אָפּרוף אויף די בעסערע אידעען פון דער עפּאָכע. דאָס איז די אַנטשיידונג פון רעליגיעזער קריג אין גייסט פון XVIII י. ה. איידער דידאָזיקע מערקווירדיקע דראַמע האָט ערשינט, איז פאָרגעקומען אַ פּאָלעמיק צווישן לעסינגן מיט די דייטשע טעאָלאָגן. פון 1774 י. ביז 1778 י. האָט לעסינג אַרויסגעגעבן אַ ריי פראַגמענטן פון ריימאַרוסעס ווערק, אַ קענער פון די הייליקע שריפטן, אַ דעאיסט, אַן אָנהענגער פון רעליגיע, געגרינדעט אויפן פאַרשטאַנד, און אַ קעגנער פון רעליגיע, געגרינדעט אויף אַנטפּלעקונג. דייטשלאַנד איז שוין אַ ביסל צוגעגרייט געווען צו דידאָזיקע נייע אידעען. וואָלטערס אָנפאַלן אויפן קריסטנטום האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דייטשלאַנד. די יוגנט האָט זיי געלייענט מיט גרויס חשק. די אַכטונג צו דאָגמען און צו רעליגיעזער פאָרם איז געווען אונטערגעגראָבן. אויף לעסינגן זיינען אָנגעפאַלן די טעאָלאָגן און בראש האָבן זיי געהאַט דעם פּאַסטאָר געץ, וועלכער האָט זיך ניט באַגרעניצט מיט ריין ליטעראַרישע מעטאָדן פון קאַמף, נאָר זיך געלאָזן אויף מסירות און גערופן צו הילף די מאַכט. לעסינג האָט פאַרטיידיקט זיינע אידעען מיט זיין געוויינלעכער ליידנשאַפטלעכקייט און שאַרפזיניקייט. נאָר ווען די מאַכט האָט אונטער דעם איינפלוס פון די טעאָלאָגן גענויט דעם באַגאַבטן קעמפער אָפּצוזאָגן זיך פון ווייטערדיקן קאַמף אויפן טעאָלאָגישן באָדן, האָט לעסינג זיך געווענדט צו זיין אויסגעפּרוווטן געווער, וואָס האָט שוין ניט איינמאָל ערוואָרבן נצחון פאַר זיינע אידעען, דהיינו — צו דער דראַמע. אין 1779 יאָר איז ערשינען נתן דער חכם.

אַסאַד, דער יינגערער ברודער פון סולטאַן סאַלאַדין, האָט זיך פאַרליבט אין אַ קריסטין, אָנגענומען קריסטנטום און איז אַרויסגעפאָרן קיין אייראָפּע. אין עטלעכע יאָר אַרום קומט ער צוריק אויפן מזרח און פאַלט אין מלחמה. נאָך

אים איז געבליבן אַ זון, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן ערציען איינעם אַ טעמפּלער אין דייטשלאַנד, און אַ טאָכטער רעכאַ, וועלכע האָט זיך ערצויגן אין ירושלים ביים יידן נתן, דעם געשטאָרבענעמס אַ פריינד. ברודער און שוועסטער, אָפּגעזונדערט דורך דער גרויסער שטרעקע, האָבן קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט איינער פון צווייטנס קיום. איז אָבער דער יונגער טעמפּלער געקומען קיין פּאַלעסטינע. ער קעמפט מיט די מוסעלמענער און פאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט צו סאַלאַדינען און מוז פאַרמשפט ווערן אויף טויטשראָף. אָבער פאַר דער שטראָף ווערט סאַלאַדינען אויפפאַלנד דעם יונגן געפאַנגענעמס ענלעכקייט צו אַסאַדן, און דאָס איז מציל דעם פאַרמשפטן פון טויט. ווייטער באַגעגנט זיך דורך אַ צופאַל דער יונגער טעמפּלער מיט רעכאַן, וועלכע ער ראַטעוועט בשעת אַ שרפה. ער פאַרליבט זיך אין איר, אָבער דער אַלטער נתן, וועמען עס איז אויך אַ וואונדער די ענלעכקייט צווישן דעם טעמפּלער מיט רעכאַן, צעשטערט די חתונה צווישן ברודער און שוועסטער, וועלכע האָט שוין געזאָלט פאָרקומען. די דראַמע פאַרענדיקט זיך דערמיט, וואָס אַלע באַציאונגען צווישן די ווירקנדיקע פּערזאָנען ווערן ערקלערט.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אין קינסטלערישן זין האַלט די דראַמע ניט אויס קיין קריטיק. אַנטקעגן וואָס לעסינג איז אַזוי אַרויסגעטראָטן אין זיין האַמבורגער דראַמאַטורגיע — די אומדערוואַרטקייט און דער צופאַל, — דאָס שפּילט אין איר אַ גרויסע ראָליע. דער טעמפּלער האָט געקאָנט ניט אַזוי ענלעך זיין צו זיין פאָטער און צו זיין שוועסטער, אַז עס זאָל זיך אַלעמען וואַרפן אין די אויגן, און דעמאָלט וואָלט ער באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט, אָדער ער וואָלט חתונה געהאַט מיט זיין לייבלעכער שוועסטער. דער צופאַל האָט געקאָנט ניט צוזאַמענברענגען דעם טעמפּלער מיט רעכאַן, ער וואָלט אים בכלל געקאָנט ניט ברענגען קיין פּאַלעסטינע און אַז. וו. מיט איין וואָרט, לעסינגס עיקרשטע פאָדערונג, אַז די אַקציע זאָל אַרויסקומען פון די כאַראַקטאָרן, זאָל זיך אַנטוויקלען נאַטירלעך און קאָנזעקווענט, — דידאַקטיקע פאָדערונג איז אין נתן דעם חכם ניט באַפרידיקט. מען מוז אויך באַמערקן, אַז דער געשיכטלעכער קאָלאָריט איז ניט אָפּגעהיט אין דער פּיעסע. ס'איז אַ ספק, צי אַזעלכע פאַרגיביקע יידן, ווי נתן, זיינען אין יענע צייטן פון פאַנאַטיזם און רעליגיעזער אָפּגעזונדערהייט, ווען די געשעענישן פון דער דראַמע שפּילן זיך אָפּ, געווען אַ טיפּישע ערשיינונג. אָבער די גרויסע באַדייטונג פון דער דראַמע באַשטייט כלל ניט אין אירע קינסטלערישע מעלות. לעסינגן אַליין וואָלט קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו מיינען, אַז נתן דער חכם איז אַ ווערק, וואָס באַפרידיקט די קינסטלערישע פאָדערונגען. פאַר אים האָט דער טעאַטער דאָס מאָל געדינט נאָר אַלס אַ בימה, פון וועלכער ער האָט געקאָנט פּריידיקן די בעסטע אידעען פון זיין צייט.

לאָמיר זיך בעסער צוקוקן צו די טיפּן, וואָס זיינען אַרויסגעפירט אין נתנען. מען קאָן זיי איינטיילן אויף עטלעכע גרופּן, און אַלע ברענגען זיי צו דעם הויפּטאויספיר, וואָס לעסינג האָט געהאַט בכוונה. אין דער שפּיץ פון דער קריסטלעכער גרופּע שטייט דער פּאַטריאַרך. דאָס איז אַ טיפּ פון

אַ טרוקענעם פֿאָרמעל־גלויביקן מענטשן. ער איז אַפֿילו ניט קיין צבֿועק, ניט
קיין באַוואוסטזיניקער פֿרומאַק, אַ שטייגער, ווי טאַרטיוף. אויב ער באַגייט
זיך, ווי אַ צבֿועק, איז עס אומבאַוואוסטזיניק, מיטן פֿולן גלויבן, אַז ער דער־
פֿילט גאָטס רצון. ער האָט זיך אַזוי צונויפֿגעלעבט מיטן ליגן, וואָס די
צבֿועטשעסטווע האָט געלאָזט אויסוואַקסן אויפֿן באָדן פֿון דעם אמתן קריסטנ־
טום, אַז די בעסטע אידעאַלן פֿון דעם קריסטנטום האָבן אים אַפֿילו ניט באַ־
רירט. מענטשנליבע, הויכמוטיקייט, דאָס גליק פֿון דעם צווייטן — דאָס איז
אַ פּוסטער קלאַנג. דער נצחון פֿון פֿאָרמעלן קריסטנטום — דאָס איז דער
איינציקער ציל, צו וועלכן ער שטרעבט בלינד און אַפֿילו אויפֿריכטיק. דאָס
איז אַ יעזואיט אין ערגסטן זין פֿון וואָרט. סאַלאַדין האָט רחמנות געהאַט
אויפֿן טעמפּלער, אָבער דער טעמפּלער דאַרף זיין לעבן אויסניצן צו הרגענען
דעם סולטאַן. דער ייד נתן האָט ערצויגן אַ קריסטלעך מיידל, אָבער דער־
דאָזיקער אַקט פֿון מענטשנליבע איז מער ניט, ווי אַ פּאַקט פֿון פֿאַנגען
אַ קריסטלעכע נשמה; דער טויט וואָלט פֿאַר דער מיידל געווען בעסער, איי־
דער אַ גליקלעך לעבן אונטערן שוץ פֿון אַ יידן, — אַזאַ איז די לאָגיק פֿון
דעם יעזואיט דעם פּאַטריאַרך. ער ווייס ניט פֿון אַקטיווער ליבע צו דעם
נאָענטן, ער ווייס ניט פֿון מיטליידן. זיין כאַראַקטער איז די בעסטע באַשטע־
טיקונג פֿון דער אידעע, אַז די פֿאָרמעלע אָנגעהעריקייט צו דער אָדער יענער
רעליגיע, ווען זי איז ניט פֿאַראייניקט מיט ליבע צו נאָענטע, היט דעם מענטשן
ניט אָפּ פֿון בייז. עס איז דאָ עפּעס אַ פֿאַטאַלער טעות אין דער רעליגיעזער
וועלט־אָנשויאונג פֿון דעם מענטשן, וואָס זיין רעליגיע ברענגט אים לאָגיש צו
שלעכטס און אכזריות. לעסינג האָט דעמדאָזיקן לאָגישן בלויז פּראַקטפֿול
ערקלערט. נעמט אַ צווייטע פֿאָרשטייערין פֿון דער קריסטלעכער גרופּע —
דאַיען, די דינסט ביים יידן אין הויז. זי האָט ליב רעכאַן, זי איז אַ גוטע
פֿון דער נאַטור, אָבער זי איז אַ גלויביקע קריסטין, אַ פֿאַרפֿלאָנטערטע אין
דעם פֿאָרמאַליזם, וואָס לאָזט איר ניט זען דעם אמתן זין פֿון דער רעליגיע.
איר ליבע צו רעכאַן ווייזט זיך אַרויס ניט אין דער שטרעבונג צו העלפֿן איר
שאַפֿן איר גליק, נאָר אין דעם פֿאַרלאַנג מציל צו זיין די קריסטין פֿון דער
געפֿערלעכער השפּעה מצד דעם יידן. איר אַרט ווייניק, וואָס דאָס שיידן זיך
מיט נתנען וועט צעברעכן רעכעס האַרץ. כּדי וואוילצוגעפֿעלן אין גאָטס
אויגן, מעג מען טאָן מענטשן שלעכטס — גאָט איז מוחל די פֿאַרברעכנס,
וואָס ווערן געטאָן אין זיין נאָמען. אָבער אין דער פּיעסע זיינען פֿאַרהאַן
קריסטן פֿון אַן אַנדער טיפּ אויך. אַזעלכער איז דער יונגער טעמפּלער און
דער משמש. דער טעמפּלער איז אַ קריסט פֿון דעאיסטישער באַפֿאַרבונג. די
רעליגיעזע מלחמות האָבן אָפּגעקערט זיין האַרץ פֿון רעליגיעזער אָפּגעזונדערט־
קייט. ער איז אָנגעשטעקט מיט אַ געווויסן רעליגיעזן אינדיפֿערענטיזם. ער
האַסט אויך יידן, אָבער ניט דערפֿאַר, וואָס זיי ווייסן ניט זאָס קריסטנטום,
נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי האַלטן זיך פֿאַר אַן אויסדערוויילט פֿאָלק, דערפֿאַר,
וואָס זיי האַלטן נאָר זייער גאָט פֿאַר דעם אמתן, און זיינען דעריבער די
הויפּטפֿאַרשפּרייטער פֿון רעליגיעזער שנאה. דער טעמפּלער איז אַ פֿריידענ־

קער, און אַז ער באַגעגנט זיך דאָס ערשטע מאָל מיט נתנען, קוקט ער אויף אים מיט פאַראַכטונג, מחמת ער מיינט, אַז ער איז אַ פאַנאַטיקער. אָבער ווען פאַר אים אַנטפּלעקט זיך נתנס ברייטע הומאַנישע וועלטאַנשויאונג, ווען ער דערזעט אין דעם יידן אַ מענטשן, וועלכער איז גייסטיק נאָענט צו אים, קאָנען אים שוין די אויסערלעכע פאָרמעלע סיבות ניט שטערן צו דערנעענטערן זיך מיט נתנען, און דער קריסט ווערט דעם יידנס אַ פריינד; אַזוי ווערט באַשטעטיקט דער גרונטגעדאַנק פון דעם ווערק, אַז ניט די פאָרמעלע זייט, נאָר דאָס לעבן און די מעשים זיינען דער עיקר-עלעמענט פון רעליגיעזער אַנשויאונג. אַ טיפּ פון אַ קריסט, וואָס פאַרשטייט אַזוי קריסטנטום, איז אויסגעמאָלט אין דער פּערזאָן פון דעם פּאַטריאַרכס משמש. דאָס איז אַ מענטש, וואָס שעצט העכער פאַר אַלץ אין דער רעליגיע די ליבע צום צווייטן, רחמים און חנינה. דער היפּוך פון פּאַטריאַרך, קוקט ער אויף נתנס באַציאונג צו רעכאַן, ווי אויף אַן אַקט פון מענטשנליבע. ער ווייס, אַז ליבע אין זעלבסטאָפּפערונג, ניט אָפּהיטן די דינים, געבן דאָס רעכט אויף דעם טיטל קריסט. און ווען ער דערוויסט זיך, אַז דאָס, וואָס קריסטן האָבן געטויט נתנס ווייב און קינדער, האָט אין דעם יידנס האַרץ ניט אַרויסגערופן קיין פאַרביטערטקייט, שרייט ער אויס: „נתן! איר זייט אַ קריסט, און קיין בעסערן קריסט האָט נאָך די וועלט ניט געהאַט!”

אין קעגנזאַץ צום פּאַטריאַרך איז דער ייד נתן געשילדערט אין אידעאַלער שיין. דאָס איז אַ קלוגער, רייך מיט ערפאַרונג, זקן. זיינע רייד אָטעמען מיט חכמה. זיין טאָלעראַנץ איז אויסגעוואַקסן ניט אויפן באָדן פון דאָגמען אָדער רעליגיעזער לערע. דאָס איז טאָלעראַנץ, פאַר וועלכער עס איז באַצאָלט מיט ליידן. דאָס איז אַן אויסגעליטענע הומאַנישקייט, אַן אָרגאַניש אַנטוויקלטע ליבע צו דער מענטשהייט, דורך נסיון ערוואָרבענע וואַכזאַמקייט צו די פיינען פון דער מענטשהייט. ווען נתנס משפּחה איז געפאַלן אונטער די הענט פון קריסטן, האָט ער „גאָט געלעסטערט, אין כעס און אין צאָרן פאַרשאָלטן זיך און די גאַנצע וועלט, זיך געשוואָרן צו זיין אַן אייביקער שונא דעם קריסטנטום”. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך דער פאַרשטאַנד צו אים צוריקגעקערט, און ער האָט זיך געזאָגט: „פונדעסטוועגן איז פאַראַן אַ גאָט, און אַלץ, וואָס געווען — איז גאָטס ווילן. בכן, גיי, טו דאָס, וואָס דו האָסט שוין לאַנג באַגריפן; וואָס איז געוויס ניט שווערער צו טאָן, איידער צו באַגרייפן”. מען האָט פיל מאָל לעסינגן פאָרגעוואָרפן, אַז טאָלעראַנץ און חכמה האָט ער פאַרקערפּערט אין דער פּערזאָן פונם יידן, בשעת דעם פּאַטריאַרך דעם קריסט האָט ער געמאַכט פאַר דעם פאָרשטייער פון פאַנאַטיזם און אומטאָלעראַנץ. אין דעם האָט מען איינגעזען אַ באַוואוסטזיניקן פאַרלאַנג צו דערנידעריקן דעם קריסטנטום. אָבער דאָס איז ניט ריכטיק. מיר האָבן שוין געזען, אַז אין איין שורה מיט דעם אומטאָלעראַנטן פּאַטריאַרך האָט נאָך לעסינג אַרויסגעפירט קריסטן פון אַן אַנדער טיפּ. עס עקזיסטירן עטלעכע ערקלערונגען, למאי לעסינג האָט דווקא אויף אַזאַ אופן צעטיילט די ראָלן צווישן דעם פּאַטריאַרך און נתנען. איינע דערקלערן עס דערמיט, וואָס באַשאַפנדיק דעם פּאַטריאַרך,

האָט לעסינג געהאַט אין זינען זיין שונא דעם פּאַסטאָר געץ, און באַשאַפענדיק דעם יידן — זיין פריינד דעם פילאָזאָף מענדעלסאָן. קונאָ פישער ערקלערט לעסינגס פּלאַן מיט דעם פאַרלאַנג צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק. אַלס פריידענקער פון זיינע אידעען, האָט ער אויסגעקליבן דעם פאָרשטייער פון דער רעליגיע, וואָס ערלויבט אירע נאָכפאָלגער צו האַלטן זיך פאַר אויסדערוויילטע פון גאָט, בשעת די וועלט האָט זיי פאַרשטויסן און פאַראַכט. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ביי אזעלכע מענטשן איז דער דאָרשט נאָך נקמה, די שנאה צו די פאַרפאָלגער און דער צאָרן באַזונדער שטאַרק, און אַזעלכע מענטשן איז שווער פאַר אַלץ דורכגעדרונגען צו ווערן מיט די אידעאַלן פון טאָלעראַנץ און פאַרגעבונג. פאַרקערפערן די־דאָזיקע אידעאַלן אין דער פּערזאָן פון אַ פאַרפאָלגטן מענטשן—הייסט אַרויסשטעלן זיי אין אַ מער העלערער שיין. „נתן,—זאָגט קונאָ פישער, — איז ניט דערפאַר אַ ייד, וואָס די יידישע רעליגיע איז די רעליגיע פון טאָלעראַנץ, נאָר דערפאַר, וואָס זי וועקט געפילן פונקט קעגנזעצלעכע. אַזוי אַרום דאַרף מען ניט אַיינזען קיין דערנידערונג פון דעם קריסטנטום אין דער פונאַנדערטיילונג פון די ראָלעס, וואָס לעסינג האָט געמאַכט. אויסקלייבנדיק פאַר דעם טרעגער פון די הויכע אידעאַלן אַ יידן, האָט לעסינג געוואָלט נאָך בולטער אונטערשטרייכן דעם געדאַנק, אַז אַלע רעליגיעס קאָנען געבן טיפן, ווי נתן. דער פּאָעט האָט נאָר געוואָלט אונטערשטרייכן זיין גרונט־געדאַנק, אַז די אַקטיווע ליבע צום נאָענטן, און ניט די דאָגמעס און די מנהגים, גיט דאָס רעכט צו זיין דער פאָרשטייער פון דער אמתער רעליגיע. דערדאָזיקער געדאַנק איז אַלעגאָריש אויסגעדריקט אין דעם משל מיט די דריי רינגען, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גערעדט ביים אַנאַליז פון שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעדיג".

XVIII.

די שטורעם־ און דראַנג־עפּאָכע און אירע שטרעבונגען. — געטע.—די גרונטשטריכן פון זיין כאַראַקטער.—„געץ פאָן בערליכינגען".—„ווערטער" און „וועלט שמערץ".—שפּינאָזעס ווירקונג אויף געטען.—„פּראָמעטעאוס".—„פאַאוסט".—די געשיכטע פון סוזשעט.—די סיבות פון פאַאוסטס פּיינען.—מעפיסטאָפעל.—וואַגנער.—גרעטכען.

אָן לעסינגס ליטעראַרישער טעטיקייט שליסט זיך דער אַזויגערופענער „שטורעם־און דראַנג־פּעריאָד". דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער פּעריאָד אין דער דייטשער ליטעראַטור, אַ פּעריאָד פון יוירונג און אומבאַשטימטן פּראָטעסט, וועלכער איז נאָך עד היום אַפילו ניט פולקום ערקלערט געוואָרן. דערדאָזיקער פּעריאָד קומט אַלס המשך פון דעם פראַנצויזישן ראַציאָנאַליזם, פון זיינע באַפרייאונגס־אידעען, נאָר פון דער צווייטער זייט טרעט דער „שטורעם־און דראַנג־פּעריאָד" אַרויס קעגן דעם ראַציאָנאַליסטישן דאָגמאַטיזם. פון די פראַנצויזישע פילאָזאָפן האָבן די „שטורמער־און דרענגער" זיך אויסגעקליבן רוסאָ אַלס ראש. מיר האָבן געזען, אַז אין סאַמע קאָך פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע

האָט זיך געלאָזט הערן דער פּראָטעסט קעגן דער טרוקענער מוחדיקייט: אינ=
מיטן די מטורפדיקע וואַקכאַנאַליעס לכבוד דעם פאַרשטאַנד האָט רוסאָ דער=
מאָנט אָן די רעכט פון געפיל און הארץ. אינמיטן דער אַלגעמיינער פאַר=
שיכּורטקייט מיט די ערגאָבערונגען פון דער ציוויליזאַציע האָט ער גערימט
דעם אוראַלטן צושטאַנד, אידעאַליזירט דעם דאָרף, און געזונגען הימנען צו
דער נאַטור. אין זיין לערע האָט זיך שוין געהערט דער פּראָטעסט פון דער
פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער פאָדערונג פון פּאָלי=
טישער פרייהייט, וואָס איז געגאַנגען ווייטער פאַר די ענציקלאָפּעדיסטן, וואָס
האָט געזוכט פרייהייט פון אַלע דרוקן, פון דעם דרוק מצד דעם שכל און
דער דאָגמע.

די דייטשן פון שטורעם=און דראַנג=פּעריאָד האָבן זיך געהאַלטן טאַקע
פאַר דערדאָזיקער לערע. רוסאָ איז געוואָרן דער אָפּגאָט ביי דער דייטשער
יוגנט פון די 70=קער און 80=קער יאָרן פון XVIII י. ה. אין די 70=קער יאָרן
האָבן זיך די יונגע פּראָטעסטאַנטן גרופּירט אין קרייזלעך. צו דידאָזיקע קרייז=
לעך זיינען צוגעשטאַנען אַ ריי שריפטשטעלער: די ברידער שטאָלבערג, ביר=
גער, לענץ, קלינגער און אַנדערע. צווישן זיי האָבן אָנגעהויבן די טעטיקייט
זייערע די צוויי גרעסטע דייטשע פּאָעטן געטע און שילער. מיטגעהאָלפן דעם
ערפאָלג פון דער דערדאָזיקער באַוועגונג האָט אויך די טרויעריקע דייטשע
ווירקלעכקייט: דאָס, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע און פּאָ=
ליטישע אינטערעסן, די דערנידעריקטע לאַגע פון דער פּערזענלעכקייט, די
סאָציאַלע אומגלייכהייט, די הערשאַפט פון די בירגערלעכע אָנשויאונגען,—
דאָס אַלץ האָט געוועקט דעם געפיל פון פּראָטעסט, די שטרעבונג אויפצוהייבן
זיך העכער פאַר דער אַרומיקער סביבה, צו פרייזן די פּערזענלעכקייט. עקס=
טער אינדיווידואַליזם—דאָס איז דער גרונט=שטריך פון דערדאָזיקער אייגנאַר=
טיקער באַוועגונג. זיין אָריגינעל, ניט ענלעך אויף אַנדערע, אויסווייזן אַמ=
בולטסטן די אייגענע פּערזענלעכקייט — דאָס איז געווען דער בעסטער טרוים
פון די „ווילדע“ אָדער „שטורעמדיקע געניס“—ווי די „שטורמער און דרענגער“
האָבן זיך גערופן. זיי האָבן געלאָזן מכריז זיין ניט נאָר וועגן די רעכט פון דער
פּערזענלעכקייט, נאָר אויך וועגן דער געזעצלעכקייט פון אירע קאַפּריזן און
זינלאָזע אויפטוען. די „ווילדע געניס“ האָבן ליב געהאַט אויסצושטאַטן זייערע
פאַרזאַמלונגען מיט באַזונדערער פייערלעכקייט. די פּערזענלעכקייט איז געוואָרן
אַן אָביעקט פון פאַרגעטערונג. די געניס האָבן געוואָלט צוגעבן עפּעס אַן ערנ=
סטע און וויכטיקע באַדייטונג יעדער ייִנגלשער קונדסעריי זייערער; זיי האָבן
זיך געבויגן פאַר זיך אַליין און איינער פאַר דעם צווייטן; אין דערדאָזיקער
בויגונג איז געווען אַ היפּש ביסל פּאָזע.

בכן, איז די גרונט=אידעע פון שטורעם=און דראַנג=פּעריאָד די אידעע
פון אינדיווידואַליזם, וועלכע איז געוואָרן דערפירט ביז עקסטרעם, כמעט ביז
אַבסורד. מיט איר איז פאַרבונדן נאָך אַ שטרעמונג אין דערדאָזיקער ריכטונג,—
דאָס איז די סאַנטימענטאַלע. אין דער הינזיכט גייען די „ווילדע געניס“ אויך
נאָך זייער לערער רוסאָ. די אָנווייזונגען פון פאַרשטאַנד זיינען זיי דערווידער, זיי

פֿאָדערן אומבאַצוימטע פֿרייהייט פֿאַרן געפֿיל. פונדאַנען שטאַמט זייער בויגן דעם קאָפּ פֿאַר דער נאַטור, פֿאַר די אוראַלטע ווילדע פֿעלקער. „אַלץ קומט אַרויס פֿון דעם שעפֿערס הענט, אַלץ ווערט אַנטאַרטיקט אין דעם מענטשנס הענט", — האָט רוסאָ געזאָגט, און די „ווילדע געניס" האָבן איבערגענומען דעם-דאָזיקן געדאַנק. זיי הייבן זיך אָן בוקן פֿאַר דער נאַטור, זיי באַשאַפֿן די עוואַנגעליע פֿון דער נאַטור, פֿאָדערן צוריקקערן זיך צו איר, פֿראָסט ווערן. אַזעלכע זיינען די גרונט-אידעען, וואָס זיינען געווען אויסגערופֿן אין דער אומרואיקער עפּאָכע, וועלכע האָט איינגעשטעלט דעם קולט פֿון דער פּערזענלעכקייט, דעם קולט פֿון געפֿיל און דעם קולט פֿון נאַטור. אין הסכם דערמיט ענדערן זיך אויך די ליטעראַרישע אָנשויאונגען. די שטורעמדיקע געניס וואַרפֿן אום אַלע ליטעראַרישע טראַדיציעס. די מאַכט פֿון די רעגעלן, וואָס האָבן געהערשט אין דער פּסעוודאָקלאַסישער ליטעראַטור, איז אַראָפּגעוואָרפֿן. האָמער, אָסיאַן און שעקספּיר ווערן ערקלערט פֿאַר די גרעסטע פֿאָרשטייער פֿון דעם מענטשנס גייסט. האָמער — דער גרעסטער פֿאָרשטייער פֿון דער אוראַלטער פּאָעזיע. אָסיאַן — דער זינגער פֿון דער גראָער אַלטער צייט, דער ביטגערירטער און געהויבענער; שעקספּיר — דער בעסטער אויסטייטשער און שילדערער פֿון דעם מענטשנס נאַטור. פֿאָלקס- און אַלטערטומס-פּאָעזיע וועקן אַנטציקונג ביי דער יוגנט. ס'איז שווער פּינקטלעך צו באַשטימען די וועלט-אָנשויאונג פֿון דער-דאָזיקער אומרואיקער ליטעראַרישער ריכטונג, נאָר זי האָט טאַקע ניט געקענט זיין קיין באַשטימטע. איר געשיכטלעכע ראָלע איז געווען — אָפּצורייניקן די אַטמאָספֿער, צעברעכן אַלע קייטן, אַראָפּוואַרפֿן אַלע טראַדיציעס, באַפֿרייען אַ וועג פֿאַר דער זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער דייטשער ליטעראַטור. אָט פֿאַרוואָס אַלע שפּעטערדיקע שטרעבונגען שטאַמען אַרויס פֿון דערדאָזיקער ליטעראַרישער באַוועגונג: דער ראָמאַנטיזם מיט זיין קולט פֿון דער פּערזענלעכקייט מיט זיינע געשיכטלעכע און פֿאָלקיסטישע שטרעבונגען, די שפּעטערדיקע טענדעציעז-פּאָליטישע ליטעראַטור, די העלעניזירנדיקע ריכטונג פֿון געטע און שילער — דאָס אַלץ נעמט דעם אָנהייב פֿון דער ליטעראַטור פֿון שטורעם און דראַנג. בעפֿאָר זיי האָבן אָנגעהויבן די שעפֿערישע אויפֿבוי-אַרבעט, האָבן זיך די דייטשע געניס געלאָזן מיט סכנות נפֿשות אין שלאַכט. אַ פּולע, ווי-למשל, לענץ, האָבן ניט אויסגעהאַלטן די שלאַכט אין אַלע פּונקטן פֿאַר אַמאָל, און האָבן געענדיקט מיט משוגעת. אַנדערע, ווי געטע, האָבן בשלום איבערגעלעבט דעם אומגעוויטער, זיינען פֿון אים אַרויס מיט קלוגער ערפֿאַרונג, און האָבן דערגרייכט צו אויפֿבליאונג פֿון אַלע זייערע קרעפֿטן.

הערדער האָט געטען אַריינגעפֿירט אין דעם קרייז פֿון די שטראַסבורגער געניס. הערדער האָט געהערט צו די מערקווירדיקסטע מוחות. ער איז געווען לעסינגס אַ פֿאַרערער, און אין דערזעלביקער צייט איז אים באַשערט געווען אונטערצוברעכן לעסינגס דאָגמאַטישן שטאַנדפּונקט אויף דער קונסט. ער האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם געדאַנק, אַז עס עקסיסטירן געזעצן פֿון קונסט — נאַטירלעכע, פֿעסטע און אומענדערלעכע. אָנשטאָט דערדאָזיקער לערע באַשאַפֿט ער אַ נייעם, אַ געשיכטלעכן פֿאַרשטיין קונסט און פּאָעזיע. נאַטירלעכע אַלגעמיינע

געזעצן זיינען ניטאָ. די רעגעלן, וואָס פּאַסן פאַר איין עפּאָכע, פאַר איין מין באַדינגונגען, קאָנען לגמרי ניט טויגן פאַר אַנדערע פּאָדערונגען און געשמאַקן. לעסינג האָט שטודירט די שאַפונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, כדי פון זיי אַרויסצופירן די געזעצן פון שאַפונג, געפינען אַבסאָלוטע רעגעלן. הערדער האָט אויסגעניצט זיינע קאָלאָסאַלע ליטעראַרישע ידיעות, כדי צו פאַרשטיין די אַרומיקייט, אין וועלכער דאָס אָדער יענץ ווערק איז געשאַפן געוואָרן; ער האָט אויסשטודירט די באַדינגונגען פון אָרט, צייט, און די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אויטאָר; ער האָט זיך געקאָנט אַריבערטראָגן אין דער נשמה פון אַן אַראַבער, אַ יידן, אַ סקאַנדינאַווער; ער האָט אומעטום שנעל געכאַפּט אַלץ, וואָס איז אָריגינעל און אינדיווידועל, און אין דער הינזיכט איז ער געווען אַ קאָנסעקווענטער שטורמער און דרענגער. געגליכן צו רוסאָ, האָט ער מיט אַנטציקונג געריימט די ווערדע און די אומאָפּהענגיקייט פון יעדער באַזונדערער מענטשלעכער נשמה, אָבער פריער פאַר אַלץ האָט ער אין איר איינגעזען אַן עלעמענט פון אַ ברייטערן אָרגאַניזם — פון דער גאַנצער פאָלקס-נשמה. אַלע עיקרדיקע פּראָדוקטן פון דער ציוויליזאַציע — שפּראַך, רעליגיע, געזעצן, מנהגים, פּאָעזיע, קונסט, — האָט ער באַטראַכט אַלס נאַטירלעכע רעזולטאַטן פון קאָלעקטיוון מענטשלעכן לעבן, אַלס אומפאַרמיידלעכן פּראָדוקט פון די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן און פון דער אַרומיקער סביבה. ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער איבערזעצער, און אים האָבן די דייטשן צו דאַנקען דערפאַר, וואָס די גרויסע פּאָעטן פון פאַרשיידנסטע עפּאָכעס און פעלקער האָבן אָנגעהייבן ריידן דייטש. אין „ש ט י מ ע ן פ ו ן פ אָ ל ק" האָט ער איבערגעזעצט די כאַראַקטעריסטישע שירים פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. „דאָס איז — זאָגט שערער, — די בליאונג פון גייסטיקן לעבן, די בילדער פון אייגנאַרטיקן קיום פון די פעלקער, האַרצנס-אָפּקלאַנגען, פולע מיט מעלאָדישע טענער פון ליידנשאַפטן, אָדער געפילן, פולע מיט אויסערלעכער אַקציע, אָדער אינערלעכע שפּירונגען, אָנשוילעכע, בילדערישע, פאַרענדערלעכע, — מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַ קלינגענדיקע נאַטור, אַן עכטע ליריק אין הערדערס זין, אַלץ איינס, צי זי האָט געשטאַמט פון סאַפאָ, אָדער קאַטול, פון גאָנגאָראַ אָדער שעקספּיר, פון לוטער, אָפּיץ, סימאָן דאַך, אָדער פון געטע. דאָרט האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען פון פּערו און גרענלאַנד, פון לאַפּלאַנד און עסטלאַנד. דאָרט האָט מען געקאָנט הערן לעטן און ליטווינער; גריכנלאַנד, איטאַליע, שפּאַניע און פראַנקרייך האָבן געגעבן זייערע אוצרות". שעקספּיר און די פאָלקספּאָעזיע זיינען געווען די באַליבטסטע זאַכן, וואָס הערדער האָט שטודירט. פילאָלאָג און פילאָזאָף, לינגוויסט און היסטאָריקער, עסטעטיקער און קענער פון מיטאָלאָגיע, וואָס האָט געלאָזן פרוכטבאַרע רעזולטאַטן אין דידאַקטיק אַלע געביטן, האָט הערדער רעכט אויף באַזונדערער דאַנקבאַרקייט אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור, דערפאַר, וואָס ער האָט אין דעם קרייז פון זיינע באַשעפטיקונגען אַריינגעפירט דעם גרעסטן פון די דייטשע פּאָעטן. ער האָט געטען באַקאַנט געמאַכט מיט האָמערן, שעקספּירן און אָסיאַנען, ער האָט אים באַוויזן די גרויסקייט פון דידאַקטיקע פּאָעטן, וועלכע די פּסעוודאָקלאַסישע ליטעראַטור האָט

אָפּגערוקט אָן אַ זייט. ער האָט מיטגעהאָלפן געטעס בליק זאָל ברייטער ווערן. ער האָט פאַר אים אַנטפּלעקט נייע אָנשויאונגען אויף דער ליטעראַטור און דער פּאָעזיע.

געטע איז געבוירן געוואָרן אין 1749 יאָר אין פראַנקפורט אויפן מיין. זיין פאָטער האָט זיך פאַרנומען מיט פּריוואַטער יורידישער פּראַקטיק. ער האָט געהאַט ערגייץ, גרויסע ענערגיע, עכט בירגערישע טיכטיקייט און גריילעכע שטרעבונג צו בילדונג. די מוטער האָט געהאַט אַ פּאָעטישע נאַטור, אַ פריילעכן לעבעדיקן כאַראַקטער און וואַרעמע האַרציקייט. די הויפּט־אייגנשאַפטן פון די עלטערן זיינען איבערגעגאַנגען בירושה צום זון. „פון פאָטער,— זאָגט שערער,— האָט געטע באַקומען דעם וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער פון געדאַנק, די נטיה צו מעטאָדן, אָנווייזונגען אויף איטאַליע, ליבשאַפט צו זאַמלען, באַלערבאַרקייט און דילעטאַנטישע פילזייטיקייט. דעם פּאָעטישן טאַלאַנט, די בילדערישקייט פון אויסדרוק, די העלע נאַטור, דעם דמיון,— דאָס האָט געטע געירשנט פון דער מוטער". אַדאַנק דעם, האָבן זיך שוין אין דער פריער יוגנט אויסגעבילדעט די גרונטשטריכן פון געטעס כאַראַקטער. אין אים האָבן שטענדיק די אויבערהאַנט אַרבעטזאַמקייט און באַטראַכטזאַמקייט. פון אַלע איבערלעבונגען אין דער יוגנטצייט איז ער אַרויס בשלום, אָן שטאַרקע גייסטיקע צעטרייסלונגען. געטע האָט געהאַט אַ נטיה צו אַ וויסנשאַפטלעך־אָביעקטיווער וועלטאָנשויאונג. דידאָזיקע אָביעקטיוויטעט, וועלכע איז אָפטמאָל דערגאַנגען ביז בורזשואַזנ־פּיליסטערישער רואיקייט און ביז פולער גלייכגילטיקייט צו פראַגן, וואָס האָבן אויפגערודערט גאַנץ אייראָפּע, האָט פיל מאָל אַרויסגערופן אָנפאַלן אויף געטען, אויף זיין אָלימפּישער רואיקייט און האַרצלאָזיקייט. אָבער פון דער אַנדער זייט האָט זי געטען געהאָלפן צו קוקן אויף דער וועלט מיט אַן אויג פון אַ רואיקן אָן־פּניותדיקן דענקער, אָפּוואַרפן פּרטים, און שאַפן גרויסע לויט דער טיפקייט פון די פאַראַלגעמיינערונגען פון די ווערק. דער דריטער וויכטיקער שטריך געטעס — דאָס איז דער אויסערסט אַנטוויקלטער דמיון, די ליבע צו קונסט און פּאָעזיע. אַפילו אין זיינע וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן איז געטע געווען גרויס אין דער ספערע, וואָס איז נוגע צו דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. ער איז געווען אַ גרויסער נאַטורפאָרשער, אָבער ער האָט ניט ליב געהאַט קיין מאַטעמאַטיק. דידאָזיקע שטריכן פון כאַראַקטער האָבן זיך ביי אים אויסגעוויזן ניט מיט גלייכער קראַפט אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיין לעבן. אָבער אין אַלגעמיין איז דער אינהאַלט פון זיין געשיכטע — באַפרייאונג פון לאָזן זיך הינרייסן, אינטערעס צו פּרטים און דער איבערגאַנג צו אַ ניכטערן רואיקן בליק אויף דער וועלט אינגאַנצן.

אין 1765 יאָר איז דער זעכצניאָריקער געטע אַריינגעטראָטן אין דער לייפּציקער אוניווערזיטעט אויף דעם יורידישן פאַקולטעט, און אין 1770 יאָר איז ער געקומען קיין שטראַסבורג צו ענדיקן זיין יורידישע בילדונג. דאָ האָט הערדער אויף אים געהאַט אַ גרויסן איינפלוס; ער האָט אים אַריינגעפירט אין דעם קרייז פון די שטראַסבורגער „אומרואיקע גאוֹנים". הערדער האָט פאַר געטען אָפּגעעפנט אַ נייע וועלט מיט זיין ענטוזיאַזם צו פּאָעזיע, מיט זיינע

שמועסן וועגן דער ביבל, האָמערן, וועגן אָסיאַנען און שעקספּירן, מיט זיין טיפן פאָרשונגס־מעטאָד. דאָ האָט זיך געטע אויסגעלערנט ליב צו האָבן די דייטשע אַלטערטימלעכקייט. דאָ האָט ער זיך אַנטציקט פון דער אַרכיטעקטור פון דער שטראַסבורגער קאַטעדראַל־קירך. דידאָזיקע אַטמאָספער האָט אויף אים גוט געווירקט. דאָ האָט ער פאַרטראַכט פאַאוסטן, מיט וועלכן ער שיידט זיך ניט דעם גאַנצן לעבן. לסוף איז דאָ אַנטשטאַנען זיין גרויסע ווערק, וואָס האָט געטען תיכף אַוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער ליטעראַרישער יוגנט און איז געוואָרן דער מאַניפעסט פון דער נייער שול. ס׳דאָזיקע ווערק איז די דראַמע געץ פאָן בערליכינגען. די ערשטע רעדאַקציע אירע איז פאַרטיק געוואָרן אין 1771 יאָר, און געטע האָט זי דערלאַנגט הערדערן צום משפט; הערדער האָט געפונען, אַז דער דראַמע שאַדט, וואָס זי איז נאָכגעמאַכט שעקספּירן. געטע האָט זי איבערגעאַרבעט, און די צווייטע רעדאַקציע, וואָס מיר האָבן איצט, איז אַרויס אין 1773 יאָר. שפּעטער האָט געטע אַריינגעטראָגן נייע ענדערונגען אין דער דראַמע, אָבער זיי זיינען געמאַכט אונטער שילערס השפעה, און ניט אינטערעסאַנט בנוגע דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם שטראַסבורגער פעריאָד פון זיין טעטיקייט.

אין יסוד פון דער דראַמע איז געלייגט די אויטאָביאָגראַפיע פון דעם ריטער געץ, איינע פון די טשיקאַווסטע פיגורן פון XVI יאָרהונדערט. געץ איז דער לעצטער שטאַם פון פעאָדאַליזם, וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין די נייע אויפגאַבן, וואָס האָט אין דער רעפאָרמאַציע־עפּאָכע פאַרבאַהאַלטן די געשמאַקן און די שטרעבונגען פון דעם מיטלאַלטער. ער האָט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבראַכט אין רויבער־אָנפאַלן און אין מלחמה. געטע האָט אויף זיין שטייגער פאַרשטאַנען דעמדאָזיקן העלד, און ער האָט דעם מיטלעלטערישן ריטער־רויבער פאַרוואַנדלט אין אַן עכטן שטורמער און דרענגער פון XVIII י. ה. געטען איז מער פאַר אַלץ אין געצן געפעלן געווען זיין קראַפט און אייגנאַרטיקייט. דעריבער האָט אים געטע באַשאָנקען מיט אידעאַלע מעלות, געשילדערט אַלס פאַרטיידיקער פון יושר. ס׳איז איבעריק צו ריידן דערפון, אַז דידאָזיקע געשטאַלט האָט ווייניק אַנטשפּראָכן דעם היסטאָרישן פּראָטאָטיפּ. געטע האָט געגלויבט דער אויטאָביאָגראַפיע, דורך וועלכער געץ האָט אויף דער עלטער געוואָלט זיך ריין וואַשן. געטע האָט ניט גענומען אין אַכט, אַז די שטאַרק אַנטוויקלטע פּערזאָן פון געץ איז געווען אַ טיפּישע פּערזענלעכקייט פון אַ פעאָדאַל, ד. ה. אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אין אירע צייטן געהאַלטן איזאָלירט; אַ פּערזענלעכקייט, וועלכע איז געווען שטאַרק, מחמת דער שוואַכקייט פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. געטע האָט באַשולדיקט ניט געצן, נאָר די סביבה, די צייט, אין וועלכע געץ האָט געלעבט, און וועלכע האָט אים ניט געקאָנט פאַרשטיין און אָפּשאַצן. „וויי צו דעם יאָרהונדערט, וואָס האָט דיך אָפּגעשטויסן! וויי צו דעם דור, וואָס שעצט דיך ניט!“ מיט דידאָזיקע ווערטער ענדיקט זיך די פּיעסע. אין געטעס דראַמע זיינען געשטעלט איינס קעגן צווייטן די שטאַרקע דערהויבענע פּערזענלעכקייט און די אויסגעלאַסענע צייט. געטע האָט ניט פאַרשטאַנען די נעגאַטיווע ראָלע, וואָס אין

דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג פון דער געזעלשאַפט האָט געשפּילט געץ. וועלכער איז געווען אַ טרעגער פון די אַלטע אידעאַלן פון דער אומבאַצוימטער פּרייהייט פון די פעאָדאַלן, און אַ שונא פון דער נייערער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס האָט געהאַלטן ביים איינשטעלן זיך. פאַר געטען איז ער געווען דער טרעגער פון שטורעם און דראַנגערישן אינדיווידואַליזם, וואָס האָט אָפּגעשטויסן אַלע טראַדיציעס און דרוקן און אויסגערופן פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט. פאַר געטען איז וויכטיק געווען דאָס, וואָס געץ האָט זיך ערקלערט אַלס שונא פון דער איינגעשטעלטער אָרדענונג, וואָס די פּערזענלעכקייט האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע פון קאַמף קעגן דער געזעלשאַפטלעכער פאַלשקייט. אָבער געץ פאָן בערליכינגען האָט פאַרכאַפּט די דייטשע יוגנט ניט נאָר אַלס אַפּאָטעאָז פון דער פּערזענלעכקייט און דער אומבאַגרעניצטער פרייהייט, — אַזעלכע מאָטיוון, וואָס האָבן געפונען אַ הייסן אָפּקלאַנג אין דער נשמה פון די „ווילדע געניס", — ער איז נאָך געווען נאָענט זייער האַרצן אַלס בילד פון פּאַטערלענדישן עבר. די געהויבענע העראָאישע געשטאַלטן פון דעם דייטשן אַלטערטום זיינען אין גאַנצן וואוקס זייערן אויפגעשטאַנען אין דערדאָזיקער דראַמע. דער שטויביקער און מיליטערישער שטייגער פון די פעאָדאַלן, די פינסטערע עפּאָכע, ווען תפיסות און שרפות, מרידות און הריגות, ליבע, פאַרראַט און גיפט האָבן פאַרגעשטעלט אַ בונטן געמיש פון אַקסעסוואַרן — דאָס אַלץ האָט אַנטהאַלטן עפּעס נייס, אומגעזעענס אין דער עפּאָכע, ווען דער קלאַסיציזם האָט נאָך דערלעבט זיינע לעצטע טעג. מער ניט, ווי אין דער קאָמעדיע, דהיינו אין לעסינגס מינע, זיינען אַרויסגעפירט געווען עכט דייטשע כאַראַקטערן. קיין נאַציאָנאַלע טראַגעדיע איז נאָך ניט געווען. לסוף באַשטייט די גרויסע ליטעראַרישע באַדייטונג פון געץ אין דעם, וואָס ער האָט דערלאַנגט אַ קלאַפּ ניט דעם פּסעוודאָקלאַסיציזם אַליין, נאָר אַלע קלאַסישע רעגעלן און האָט פעסט אַוועקגעשטעלט שעקספּירן אַלס מוסטער פון דער דראַמאַטישער שאַפונג. די טראַדיציאָנעלע דרייאייניקייטן זיינען ענדגילטיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דאָס אָרט פון דער אַקציע ענדערט זיך אַזוי שנעל, ווי אין שעקספּירס טראַגעדיעס. אָפטמאָל בייטן זיך די דעקאָראַציעס צוליב אַ מאָנאָלאָג פון עטלעכע שורות. ס'דאָזיקע ווערק האָט געדינט אַלס סיגנאַל צו שעקספּיראָמאַניע, וואָס האָט זיך אויף אַ לאַנגער צייט פאַרפעסטיקט אין דער דייטשער ליטעראַטור. בכן איז געץ געווען אַן ענטפער אויף די שטימונגען פון די „שטורעמדיקע געניס" ניט בלויז מיט דעם כאַראַקטער פון זיין העלד, נאָר מיט דער פאָרם פון דער דראַמע. זיי האָבן אין איר געזען אַ פּראָטעסט קעגן די רעגעלן, די פאַרקערפּערונג פון זייער אידעע, אַז די פרייהייט פון דעם געני שטייט העכער פאַר אַלץ. פון געצן נעמען זייער אָנהייב די אינדיווידואַליסטן, וועלכע האָבן ביסלעכווייז פאַרגרעסערט די פּרעטענזיעס פון דער פּערזענלעכקייט און האָבן זיי ביים אָנהייב פון XIX י. ה. דערפירט צו אַזאַ מדרגה, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדע מעגלעכקייט שלום צו מאַכן מיט דער אַרומיקער סביבה. די אידעע פון אינדיווידואַליזם האָט באַקומען נאָך אַ פולערן אויסדרוק אין געטעס צווייטן גרויסן ווערק, — אין זיין ראָמאַן די ליידן פון יונגן ווערטער.

אין מאַי 1772 יאָר איז גײטע אַרויסגעפאָרן קיין וועצלאַר. זיין פאָטער האָט פאַרלאַנגט, אַז דער זון זאָל מאַכן אַ יורידישע קאַריערע. גײטע איז אָנגעקומען אַלס פּראַקטיקאַנט אין שטאַאַטס־קאַמערגעריכט. ער האָט ניט געהאַט קיין נטיה צו דעם וועג, וואָס דער פאָטער האָט פאַר אים באַשטימט, און דאָס, וואָס ער האָט דערוויסט אין וועצלאַר, האָט אים לגמרי אָפּגעשטויסן פון דער דינסט. דער קאַמערגעריכט, די העכסטע געריכטלעכע אַנשטאַלט פון דער אימפּעריע, איז געווען לחלוטין אַ פאַרעלטערטער אָרגאַניזם. „ביי יעדן קער, — זאָגט איינער גײטעס אַ ביאָגראַף, — האָבן די פאַרראָסטעטע רעדער אַרויסגעלאָזן אַ געפערלעכן קנאַק, דרייענדיק זיך מיט גרויס שווערקייט אין דער קאָפּע פון זעכצן טויזנט ניט־געענדיקטע פּראָצעסן". אַזאַ איז געווען דער ערשטער איינדרוק, וואָס גײטע האָט באַקומען אין וועצלאַר: די פאַרדומפּנקייט פון דער דינסט־אַטמאָספער, דעם באַיואוסטזיין, אַז די אַרבעט איז אומפּרוכטבאַר. אין וועצלאַר האָט זיך גײטע באַקענט מיט צוויי סעקרעטאַרן פון אַמבאַסאַדעס — קעסטנער און יערוזאַלעם. צווישן די דאָזיקע מענטשן האָט זיך אָפּגעשפּילט די געשיכטע, וואָס האָט געדינט אַלס קאַנווע פאַר ווערטערן. אין 1768 יאָר איז קעסטנער ניט עפנטלעך פאַרקנסט געוואָרן מיט דער פופצניעריקער שאַרלאָטע ביף. גײטע האָט זיך מיט איר באַקאַנט און ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין איר. זיך דערוואוסט, אַז זי איז זיין פריינדס כלה, האָט ער זיך באַמיט איינצוהאַלטן זיין געפיל, און אַלע דריי זיינען ווייטער פאַרבליבן גוטע פריינד. אָבער לסוף האָט גײטע דערפילט, אַז ער קאָן זיך ניט באַקעמפן, און איז אַוועקגעפאָרן פון וועצלאַר, איבערלאָזנדיק אַ רירנדן בריף צו זיינע פריינד. ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין פראַנקפורט, נאָר שאַרלאָטען קאָן ער ניט פאַרגעסן, און פילט אַ באַדערפעניש אין קינסטלערישע בילדער פאָרצושטעלן די איבערגעלעבטע איינדרוקן. פונקט דעמאָלט האָט ער באַקומען פון קעסטנערן אַ ידיעה, אַז יערוזאַלעם האָט זיך אַ מיתה אָנגעטאָן. יערוזאַלעם איז געווען אַ טיפע נאַטור, נאָר אַ פאַרביטערטע, די האָפענונגסלאָזע ליבע צו דער פרוי פון זיין פריינד, די פיינען פון דער אייגנליבע, וועלכע איז באַליידיקט געוואָרן פון דער גרינגשעצונג מצד דער געזעלשאַפט, — האָבן אים געבראַכט צו זעלבסטמאָרד. גײטעס ליבע, די וועצלאַרע דינסט־איבערלעבונגען, יערוזאַלעמס זעלבסטמאָרד—דאָס איז געווען די טעמע פון דעם באַרימטן ראָמאַן. גײטע האָט עס אויסגעניצט, אַלס קאַנווע, צו שילדערן די יסורים פון אַ טיפער דענקענדער פערזענלעכקייט, וועלכע געפינט ניט קיין באַפרידיקונג אין דער איינגעשטאַנענקייט און פאַרוועלקטקייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; פון דער פערזענלעכקייט מיט גראַנדיעזע פּרעטענזיעס, וואָס קאָן ניט שלום מאַכן מיט דער אַרומיקערווירקלעכקייט, וואָס קאָן פאַר זיך ניט געפינען קיין עסק. ווערטער איז דער ערשטער אין דער ליטעראַטור גרויסער פאָרשטייער פון דער וועלטאַנשויאונג, וואָס מען רופט זי געוויינלעך „וועלטשמערץ", און וועלכע האָט אין אָנהייב פון XIX י. ה. באַהערשט די מוחות פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט. ווערטער איז דער אור־פאָטער פון יענע אַנטוישטע העלדן, וואָס זיינען אַדורך גאַנץ אייראָפּע, איינגעשלאָסן די

געטע

ווייטע רוסלאַנד, מיט דעם שטעמפּל פון סוד אויפן שטערן, מיט אומפאַרשטענד־לעכע ליידן, צעבראָכנדיק די עמפּינדלעכע פּרויעגהערצער, ערגעץ ניט קריגנ־דיק קיין אָנווענדונג פאַר זייערע „גרויסע כוחות", ווי עס האָט זיך וועגן זיך אויסגעדריקט דער רוסישער עפּיגאָן פון דידאַזיקע העלדן פּעטשאָרין. ווערטער איז לויט קאַרליילס אויסדרוק, געווען דער ערשטער קלאַנג פון יענעם שרעק־לעכן קלעגלעכן ליד, וואָס איז אינגיכן דורכגעפלויגן איבער אַלע לענדער, און האָט צו זיך אַזוי שטאַרק צוגעשמידט דעם געהער פון מענטשן, אַז מען איז טויב געבליבן צו אַלעם אַנדערן. ווערטער איז געוואָרן דאָס בלוט און פלייש פון אַ גאַנצער ליטעראַרישער עפּאָכע, ער האָט געבוירן אַ גאַנצן דור סענטימענטאַלע שריפטשטעלער, וואָס האָבן מיט זייערע קלאָגן און יללות פאַר־הילכט אַלע לענדער פון דער וועלט, ביזוואַנען עס איז אויף זיי ניט געפאַלן די שיין פון אַ העלערן שטראַל, אָדער, ווי דאָס פלעגט געשען אין ערגסטן פאַל, — ביזוואַנען מען איז מיד געוואָרן און איינגעשלאָפן, און ביזוואַנען עס איז, לסוף, פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די קלאָגן און די יללות זיינען אַ פוסטער ענין. היות ווי אונז וועט נאָך אויסקומען צו באַגעגענען זיך מיט דידאַזיקע העלדן, על־כן דאַרף מען באַשטימען דעם באַגריף „וועלט־שמערץ". דידאַזיקע וועלטאַנשויאונג אַנטשטייט אויפן באָדן פון דעם צוזאַמענשטויס צווישן די אידעאַלן מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס אַנטשפּרעכט ניט די אידע־אַלן. דער מענטש קאָן ניט פּשוט קוקן אויף דעם לעבן. ער קאָן ניט שלום מאַכן מיט זיין באַגרעניצטקייט, ער קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון זיינע אידעאַלן, און אין דערזעלבער צייט זעט ער, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז פאַר זיי ניטאָ קיין אָרט. דעמאָלט באַקומט זיך ביי אים אַ ביטערלעכע באַציאונג צום לעבן און זיינע קרעפטן. ער זעט מער גאָר נישט איין אין דער וועלט, ווי אַ זינלאָזיקייט; ער פאַרשטייט ניט דעם ציל פון קיום, ער זעט ניט קיין פּאָ־סיקן ציל פאַר דער אָנווענדונג פון זיינע קרעפטן. דער „וועלט־שמערץ" איז דער טרויער וועגן דער וועלט, וואָס איז מיט איר ווירקלעכקייט סותר די אינערלעכע פאָדערונגען פון דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט. ווייטער וועלן מיר זען, סאַר אַ פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען דידאָזיקע וועלטאַנשויאונג האָט אָנגענומען ביי די שפּעטערדיקע פּאָעטן.

דער העלד פון דעם ראָמאַן „די ליידן פון דעם יונגן ווער־טער", וועלכער איז ערשינען אין 1774 יאָר, איז אַ לייכט עמפּאַנגלעכער, איינדריקלעכער טרוימער. דער טיפער שכל און דאָס וואַכזאַמע הארץ לאָזן אים שטאַרק שפּירן דעם היפּוך צווישן דער אייגעגער נישטיקייט און דער גרויסקייט פון דער וועלט, די שרעקלעכע סתירה צווישן די שטרעבונגען, וואָס זיינען געלייגט אין יסוד פון דעם מענטשנס נשמה פון איין זייט, מיט זיין פעאיקייט צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע שטרעבונגען — פון דער צווייטער זייט; צווישן דער שטרעבונג צו דערקענען דעם מהות פון דער וועלטשאַפונג און צווישן דער באַגרעניצטקייט פון אונזער וויסן. ווערטער באַקענט זיך אויף אַ באַל מיט לאָטען, דער טאָכטער פון דעם קרייז־ריכטער. ער פאַרליבט זיך אין איר. אָבער לאָטע איז אַלבערטס כלה. דער לעצטער איז אַ וואוילער

יונג און לגמרי ניט קיין אייפערזיכטיקער. עס הייבט זיך אָן אַ לעבן פון די דריי פריינד, וואָס דערמאָנט דעם וועצלאַרער פעריאָד פון געטעס לעבן. אָבער ווערטער איז אַ פיל בערוואַישערע נאַטור, איידער זיין שעפער. זיינע ליידנשאַפטן גרעניצן זיך מיט משוגעת, און אויב געטען איז געלונגען אַרויסצוגיין אַ באַרויִקטער פון דער אויפטרייסלונג, האָט ווערטערס כאַראַקטער פון אָנהייב אָן פאָראויסגעזאָגט אַ קאַטאַסטראָפע. אין דעם צווייטן טייל פון ראָמאַן דערוויסן מיר ווערטערן אויף דינסט. ער איז אַטאַשע ביי דער אַמבאַסאַדע. דאָ וויקלט זיך פונאַנדער דאָס בילד מיט קאַנצעלאַרישן פעדאַנטיזם, מיט קליינלעכקייט, מיט פוסטקייט פון דער געזעלשאַפט — דאָס בילד, וואָס געטע האָט באַקומען פון זיינע אייגענע דינסט־איינדרוקן. ווערטער ווערט אויסער זיך פון עפעס אַן אומאָנגענעמען צוזאַמענשטויס, גייט אַרויס אין דעמיסיע און קערט זיך אום צו לאָטען, וועלכע האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַלבערטן. עס הייבט זיך אָן ביי ווערטערן אין דער נשמה אַ פיינלעכע דראַמע, אַ קאַמף צווישן אומפאַרהאַלטלעכער געלוסטונג צו לאָטען מיט דעם באַוואוסטזיין פון חוב. דערדאָזיקער קאַמף פאַרענדיקט זיך מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אויסברוך, וואָס אַנטשיידט זיין גורל. איינמאָל, ווען ער לייענט פאַר לאָטען הויך אָסיאַנען, רייסט זיך זיין געפיל אַרויס אין דרויסן. לאָטע פאַרשטייט עפעס אַביסל, וואָס אַזוינס קומט פאָר ביי אים אין דער נשמה, און בייגט זיך צו אים אָן מיט טיפן טרויער. ער נעמט זי אַרום און באַדעקט אירע ליפן מיט זודיקע קושן. לאָטע האָט אים אָפגעשטויסן און, ציטערנדיק גלייכצייטיק פון ליבע און צאָרן, איז זי אַרויס פון צימער. ביידערנאַכט האָט זיך ווערטער דערשאָסן.

דער ראָמאַן איז אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָגבוך, — די באַליבטסטע פאָרם פון די סענטימענטאַלע פאָעטן. ווערטער איז אָנגעהויכט פון רוסאָ. מיר באַגעגענען אין דעם ראָמאַן סיי לויב־לידער דער נאַטור, סיי דעם אַפאָטעאָז פון פרייער ליבע, אויך הימנען צום פאַטריאַרכאַלן לעבן. אַזוי אַרום איז ווערטער אַן ערע פון דעם סענטימענטאַליזם און אין דערזעלבער צייט דער ערשטער פאָרשטייער פון „וועלט־שמערץ"—דערדאָזיקער נייער ריכטונג אין דער געשיכטע פון דעם אייראָפעאישן באַוואוסטזיין. אויסער דער אומגליקלעכער ליבע צו לאָטען האָט ווערטער געהאַט ניט ווייניק אַנדערע סיבות פאַר שמערץ. מיר וועלן זיך אָפשטעלן אויף צוויי פון זיי, וואָס אויף זיי קומען זיך צונויף די מאָטיוון פון דעם וועלט־שמערץ ניט ביי ווערטערן אַליין, נאָר ביי אַלע שפעטערדיקע פאָעטן. די ערשטע סיבה — דאָס איז דאָס פאַרלירן, אָדער לפחות די צעטרייסלונג פון דער אמונה. ווערטער קאָן ניט גלויבן אַזוי אומִמיטלבאַר און בלינד, ווי מען האָט פריער געגלויבט. אין אָנהייב פון דעם ראָמאַן איז ער אַ פאָרשטייער פון יענער אומבאַשטימטער האַרצנס־רעליגיע, וואָס רוסאָ האָט געפריידיקט. כמעט איבערחזרנדיק די ווערטער פון דעם זשענעווער פילאָזאָף, זאָגט ווערטער, אַז דאָס זעען די נאַטור און די גאַנצע וועלט מיט אירע אָן אַ צאָל זיך ווידמענענדיקע יצורים אַרום איר, לאָזט אים פילן, אַז עס איז דאָ אַן אַלמעכטיקער, אַז זיין נשמה איז דער שפיגל פון דער

אומענדלעכער גאָטהייט. אָבער באַלד איבערצייגט ער זיך, אַז דידאָזיקע האַרמאָניע און צוועקמעסיקייט איז אין דער וועלט ניטאָ: אין דער נאַטור לעבט ניט די שאַפנדיקע, נאָר די רואיִנירנדיקע קראַפט, די נאַטור קאָן גאָרניט שאַפן, ניט חרוב מאַכנדיק, — איין ריר מיטן פוס מאַכט חרוב די קונציקע בנינים פון די מוראַשקעס און פאַרוואַנדלט די קאָמפּליצירטע וועלט אין אַ קבר. אַזוי אַרום באַשטייט ווערטערס ערשטע טראַגעדיע אין דעם צוזאַמענשטויס פון רעליגיעזן דענקען מיט דעם קריטישן געדאַנק. דער אידעאַל פון וועלטהאַרמאָניע, צוועקמעסיקייט און יושר איז אין אים פאַרפלאַנצט געוואָרן דורך דער רעליגיע; די ערפאַרונג און די לאָגיק האָבן צעטרייסלט דעם אידעאַל. ווערטער קען נאָך ניט פונאַנדערגרעניצן דידאָזיקע צוויי ספערעס — די רעליגיע און די פּאָזיטיווע וויסנשאַפט. ער ווייס ניט, אַז מען טאָר זיי ניט צונויפמישן, אַז דער גלויבן גיט דעם גלויביקן אַן ענטפער בנוגע דעם ענדלעכן ציל פון זיין, מאַכט שלום צווישן די באַשײַנפּערלעכע סתירות, בשעת די וויסנשאַפט פאָרשט אויס די וועלט פון דערשיינונגען און באַגרעניצט איר קאָמפּעטענץ מער ניט, ווי מיט דער וועלט פון די דערשיינונגען. פאָדערן, אַז דער שכל זאָל ערקלערן און שלום מאַכן די סתירה צווישן דער ווירקלעכקייט און דער אידעאַלער פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט, וואָס רעליגיע און טראַדיציע האָבן געגעבן, — הייסט לכתחילה פאַרמשפטן זיך אויף פרוכטלאָזער אַרבעט, אויף אייביקן פייגלעכן קאָנפליקט. ווערטער שטייט פונקט אויף דער גרעניץ פון צוויי עפּאָכעס, ווען עס איז אויפגעטרייסלט געוואָרן דער אוממיטלבאַרער גלויבן, וואָס האָט פאַרענטפערט אַלע פראַגן, און מיט דער וויסנשאַפט האָט מען זיך נאָך ניט געקענט באַגיין און מ׳האָט איר געשטעלט ניט קיין וויסנשאַפטלעכע פאָדערונגען.

די צווייטע ווערטערס טראַגעדיע באַשטייט אין דעם צוזאַמענשטויס צווישן דעם דאָרשט צו טעטיקייט, וואָס ליגט אין דעם מענטשנס טבע, און צווישן די תנאים פון דער ווירקלעכקייט, וועלכע גיבן ניט קיין רחבות פאַר ברייטער גראַנדיעזער אַרבעט. פון געטעס ביאָגראַפיע ווייסן מיר, סאַר אַ פאַרדומפּענע אַטמאָספער עס האָט געהערשט אין דער אַמטלעכער וועלט פון דער דעמאָלטיקער דייטשלאַנד, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ווערטערס איינציקע פּראָבע צו שטעלן זיך אויף דעם וועג פון פּראַקטישער טעטיקייט, זיין דינסט אין דער אַמבאַסאַדע מיט איר ראַנגען־פאַרערונג, מיט איר ניט האָבן קיין שעפערישער אַרבעט האָט ניט געקאָנט באַפרידיקן ווערטערן, דעם שטורמער און דרענגער מיט די דערהויבענע פאָרשטעלונגען וועגן דער פּערזענלעכקייט, דעם העלד מיט די טיטאַנישע פּרעטענזיעס, וואָס זוכט גראַנדיעזע מעשים און גבורות. פאַר דער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז ניט באַפרידיקט מיט דער טעטיקייט, בלייבט שטענדיק איבער די מעגלעכקייט פון קאַמף קעגן איר און קעגן די סיבות פון דער אומפּאָלקומענהייט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז די אַרבעט אין דער געזעלשאַפט און פאַר דער געזעלשאַפט. ווערטערן איז פרעמד געווען דערדאָזיקער עכט סאָציאַלער אינסטינקט, פונקט אַזוי ווי ער איז פרעמד געווען אויך אַנדערע שטורמער און דרענגער מיט

זייערע עקסטרעמע אינדיווידואַליסטישע אָנשויאונגען. זיי האָבן געזוכט פרייהייט, אָבער פרייהייט, וועלכע איז ניט באַגרעניצט מיט תנאים פון חברותאַלעבן, אומבאַצוימטע און אומבאַשטימטע פרייהייט. בכן האָבן די צו הויכע פאָדערונגען, וואָס ווערטער האָט געשטעלט צום געדאַנק און צו דער פראַקטישער טעטיקייט, אים געשטערט צו ווערן אַ געלערנטער אָדער אַ געזעלשאַפטלעכע טוער אין דעם זין, ווי מיר פאַרשטייען דידאָזיקע ווערטער הייַנטיקע צייט. ווערטער איז דער העלד, וואָס פאַראייניקט אונזער צייט פון באַוואוסטזיניקער וויסנשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט מצד דער פּערזענלעכקייט מיט דער עפּאָכע, ווען עס האָט געהערשט די טראַדיציע און דער אויטאָריטעט, און די פּערזענלעכקייט האָט אַפילו טראַכטן ניט געקענט וועגן ענדערן די געשאַפענע לעבנס-פאָרמען. ו ו ע ר ט ע ר האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג, וואָס וויס קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. גאַנץ אייראָפּע האָט אים געלייענט מיט התמדה. די „ווילדע געניס" האָבן זיך אָנגעטאָן אין זיינע קליידער; סענטימענטאַלע פּיליגרימען האָבן המונימווייז באַזוכט יערוזאַלעמס קבר. ווערטערס שמערצלעכער פּראָטעסט און דער אויפגעוואַכטער קריטישער געדאַנק, וואָס זיינען געפאַלן אויף דער וועלט און אויפן לעבן, האָבן געפונען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון דער יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן צו ליכט און פרייהייט, וואָס האָט זיך געוואָרגן אין דער פאַרשטיקטער אַטמאָספער פון דעמאָלטיקן דייטשלאַנד, וואו עס זיינען ניט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע און קיין פּאָליטישע אינטערעסן.

ו ו ע ר ט ע ר איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ווערק פון דעם שטורעם-און-דראַנג-פּעריאָד. האָבנדיק אַ נטיה צו באַטראַכטזאַמקייט, צו אַ רואיקן בליק אויף דער וועלט, און צו אָלימפּישער אָביעקטיוויטעט, האָט געטע ניט געקאָנט ענדיקן זיין לעבן מיט זעלבסטמאָרד, ווי ווערטער. ער האָט זיך געמוזט אויסהיילן פון דער שווערער קראַנקהייט. אים האָט אין דער הינזיכט געהאָלפן שפּינאָזעס פּאַנטעאיסטישע לערע, לויט וועלכער די גאַנצע וועלט שטעלט מיט זיך פאָר איין האַרמאָניש גאַנצע: גאָט און די נאַטור זיינען ניט קיין צוויי באַזונדערע מהותן, וואָס פון זיי איז גאָט — דער שעפער, און די נאַטור — דאָס געשאַפענע. גאָט און די נאַטור פאַלן צוזאַמען. אַלץ איז פול מיט גאָטהייט. איינצלנע און פּריוואַטע ערשיינונגען זיינען נאָר אויסווייזונגען פון דעמדאָזיקן איינציקן לעבן פון דער נאַטור. די זעלבשטענדיקע אויספאָרשונגען פון איינצלנע ערשיינונגען איז אַ באַגרעניצטע דערקענטעניש. אין דעם פּריוואַטן מוז מען אויך דערקענען דאָס אייביקע און גאַנצע. דידאָזיקע פּאַנטעאיסטישע לערע, וואָס ציט נאָך זיך אַ געוויסן אינדיפערענטיזם, אַ געוויסע גלייכגילטיקייט צום לעבן, האָט דאָך אַריינגעטראָגן אַ שלום-מאַכנדיקן בליק אויפן לעבן און אויף אַלע ערשיינונגען, האָט געבראַכט אַ באַגנעדיגנדיקע און הומאַנישע אָנשויאונג אויף מענטשן און זייערע שוואַכקייטן. שפּינאָזעס ע ט י ק האָט אויף געטען געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. „איך האָב אין דעמדאָזיקן בוך געפונען, — שרייבט ער, — אַ באַרויקונג פאַר מיינע ליידנשאַפטן. פאַר מיר האָבן זיך אַנטפּלעקט ברייטע און פרייע בליקן אויף דער גשמיותדיקער וועלט

און אויף דער מאָראַלישער וועלט. דאָס, וואָס עס האָט מיך מער פאַר אַלץ צוגעצויגן צו דעמדאָזיקן פילאָזאָף, איז געווען די גרענעצלאָזע אומאייגננוציקייט, וואָס לייכט אַדורך אין יעדער הנחה זיינער. זיין אומאייגננוציק אין אַלץ, און מער פאַר אַלץ אומאייגננוציק אין ליבע און פריינדשאַפט, דאָס איז געווען דער העכסטער פאַרגעניגן מיינער, מיין כלל. שפינאָזעס אַלץ־אויסגלייכנדיקע רואיקייט איז געשטאַנען אין אַזאַ סתירה צו מיינע שטורעמדיקע שטרעבונגען, זיין מאַטעמאַטישער מעטאָד איז געווען אַזאַ היפוך פון מיין פאָעטישן שאַפן!"

אָבער איידער געטע איזאַריבע ר צו דערדאָזיקער נייער אָביעקטיוו־אומליידנשאַפטלעכער וועלטאָנשויאונג קלינגען נאָך לאַנג אין זיינע ווערק די פריערדיקע מאָטיוון און ניט גיך ווערט אַנטשוויגן דער פראָטעסט פון דער שטאָלצער פערזענלעכקייט קעגן דער אומפולקומענהייט און די סתירות פון דער וועלטאָרדענונג. אין דעם דראַמאַטישן פראַגמענט *פראָמעטעאוס* דערגרייכט דערדאָזיקער פראָטעסט ביז אומגעהערטער קראַפט. די אַלטע אגדה וועגן דעם טיטאַן פראָמעטעאוס, וואָס האָט מורד געווען אין די געטער, צוגעגנבעט ביי צעאוסן דאָס פייער און עס איבערגעגעבן צו מענטשן, איז געוואָרן דער באַליבטער סוזשעט ביי די פאָעטן פון XVIII און פון אָנהייב XIX יאָרהונדערט. אין פראָמעטעאוס האָט מען איינגעזען די פאַרקערפערונג פון קריטיק און פראָטעסט קעגן די העכערע כוחות; מען האָט פון אים געמאַכט אַ קעמפער פאַר דער מענשהייט קעגן דער מאַכט פון די געטער. „פאַרוואָס זאָל איך דיך ערן? — זאָגט געטעס פראָמעטעאוס צו צעאוסן. — צי האָסטו דען ווען דערלייכטערט די פיינען פון דעם שמערצנדן? אָפגעווישט די טרערן פון דעם וויינענדיקן? צי דען האָבן מיך ניט באַשאַפן די אַלמעכטיקע צייט און דער אייביקער גורל, וואָס זיינען מיינע הערשער פונקט אַזוי, ווי דיינע?"

אין אַ צווייטן אָרט וואַרפט פראָמעטעאוס די געטער אין פנים אַריין דעם ספק אין זייער מעכטיקייט: „צי קענט איר מיר, אַלמעכטיקע, צונויפדריקן אין אַ פויסט דעם הימל מיט דער ערד? אָדער צעשיידן מיך מיט זיך אַליין? אָדער אויסברייטן מיך אין אַ גאַנצע וועלט?" דערדאָזיקער אַרויסרוף פון דעם אומגעהאָרכזאַמען שטערבלעכן לגבי דער גאָטהייט וועט שפעטער נאָך שטאַרקער קלינגען אין מויל פון בייראָנס קין, געגליכן דערצו, ווי ווערטערס שמערץ וועגן אונזער באַגרעניצקייט וועט אין אַ מער פאַרענדיקטער פאָרם אַריבערגיין צו בייראָנס מאַנפרעד. געטע האָט אַרויסגעלאָזן אויף דער וועלט דידאָזיקע שטאָלצע העלדן, האָט אָבער אַליין זיי באַלד פאַרלאָזן, און זיי האָבן ווייטער געלעבט מיט זעלבשטענדיקן לעבן און אָנגעפרוכפערט זיך נאָכפאָלגער. צוזאַמען מיט מאָטיוון פון שטורעם און דראַנג הערט זיך שוין אין *פראָמעטעאוס* דער אָפקלאַנג פון דער פאַנטעאיסטישער פילאָזאָפיע. פראָמעטעאוס פראָטעסטירט קעגן דער מאָראַל פון די געטער, ער אָנערקענט אָבער איין גאָטהייט — דעם גורל, ער אָנערקענט די נויטווענדיקע געזעצן פון דער נאַטור, וואָס זיינען גלייך אַלמעכטיק און אומענדערלעך סיי פאַר אים, סיי פאַר די געטער. דאָס גיט אים צו די רואיקע גרויסקייט פון אַ חכם און דער גאַנצער פראַגמענט איז דורכגעדרונגען מיט דעם פאַנטעאיסטישן באַוואוסטזיין.

דער פּעריאָד פון שטורעם און דראַנג שליסט זיך מיט געטעס ווערק פ אַ ו ס ט. אמת, אין דער פאָרם, ווי מיר קענען איצט דעם ערשטן טייל פון דער פּאָעמע, איז זי ערשינען אַ געדרוקטע ערשט אין 1808 יאָר, ד. ה. מער איידער אין דרייסיק יאָר אַרום נאָך װ ע ר ט ע ר ס ערשײנען. אָבער אַ פראַגמענט איז שוין געדרוקט געװאָרן אין 1790 י. און פאַרטראַכט איז די פּאָעמע בלי=ספק געװען אין איין צייט מיט װ ע ר ט ע ר ן; דערביי זיינען די הויפּטסצענעס, וועלכע האַלטן אין זיך איין דעם עיקר פון דער פּאָעמע, אָנגעשריבן געװען אין 75—1774 יאָרן. דאָס, וואָס אין ווערטער איז געװען צוגעמערקט, — די פראַגן װעגן דער באַגרעניצטקייט פון אונזער דערקענטעניש, וועגן דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וועגן דער באַציאונג צווישן דער וויסנשאַפט און דעם גלויבן און אַנד. — דאָס אַלץ האָט אין פ אַ ו ס ט געפונען אַזאַ טיפן אויסדרוק, אַז די פּאָעמע איז געװאָרן די פולקומע פאַרקערפּערונג פון דעם גייסט און די ספקות פון א״ר צייט.

די פאָלקס=פאַנטאַזיע האָט שוין פון קדמונים אָן אַרויסגעשטעלט אומגעוויינלעכע מענטשן מיט דער אומרואיקער שטרעבונג אַריבערצוטרעטן די גורעניצן פון דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס האָבן געשלאָסן אַ בונד מיטן גיהנום, כּדי צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע שטרעבונג. אָבער דידאָזיקע פאָרשונגס=גיריקע העלדן זיינען גלייכגעוויכטיקע מענטשן: זיי האָבן געפונען פאַר זיך פרידן אין אמונה און תשובה. ערשט אין דער רענעסאַנס=עפּאָכע, ווען דער קריטישער געדאַנק איז צום ערשטן אַריינגעטראָטן אין אָפענעם קאַמף מיט דער טראַדיציע און מיט דער רעליגיע, האָט זיך באַוויזן פאַוסט מיט זיינע גרונטשטריכן, מיט זיינע זוכענישן און גייסטיקער צעצווייאיקטקייט. די פראַגע וועגן דעם, צי האָט פאַוסט ווירקלעך עקסיסטירט, בלייבט אָפן. אויפן יסוד פון ראיות, וועלכע זיינען אויפגעזאַמלט דורך די געלערנטע, וואָס אָנערקענען דעם פאַקט פון דעמדאָזיקן העלדס עקסיסטענץ, איז פאַוסט געבוירן אין דער שטאָט קניטלינגען אין ווירטעמבערג, איז באַרימט געוואָרן אין דייטשלאַנד אַלס מכשף און געשטאָרבן קרוב צום 1540 יאָר. מען בינדט צונויף פאַוסטס טעטיקייט מיט פאַרשיידענע שטעט. אין אַ פולע ערטער ווייזט מען אָן די הייזער און די גאַסן, וואָס זיינען מיט עפּעס וואָס פאַרבונדן מיט געשעענישן פון דעם מכשפס לעבן. אַזוי געפינט זיך אין לייפּציג אין אויערבאַכס באַרימטן קעלער עד=היום אַ בילד, באַצייכנט מיטן יאָר 1525, וואָס שטעלט פאָר פאַוסטן אין אַ פעסל וויין. משפּטנדיק לויט די פילע ערטער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פאַוסטס נאָמען, איז די פאָלקס=לעגענדע וועגן פאַוסטן געוועזן זייער פּאָפּולער. אין 1587 יאָר האָט די בוכהאַנדלונג פון שפּיס אין פראַנקפורט אויפן מיין אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן לאַנגן טיטל: „אַ געשיכטע וועגן דאָקטאָר יאָהאַן פאַוסט, דעם אַלוועלטלעך=באַוואוסטן מכשף און מאַג, ווי ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן טייוול אויף אַ באַשטימטן טערמין, וואָס פאַר זעלטענע אַוואַנטורעס עס זיינען מיט אים פאַר דער צייט געשעען, ביז ער האָט לסוף באַקומען זיין געצאָלט לויט ער האָט פאַרדינט. פאַרפאַסט גרעסטנטייל לויט זיינע אייגענע נאָך אים פאַרבליבענע ווערק אַלס אַ שרעקלעכן מוסר, אַ מוראָדיקן ביישפּיל און אַ גינ=

ציקע התראה פאַר אַלע גאווהדיקע, זיך קליגנדיקע און גאָטלאָזע מענטשן".
דער טיטל אַליין באַווייזט שוין, ווי שטרענג, אין הסכם מיט דעם גייסט פון זיין צייט, האָט געקוקט דער אויטאָר פון דער ערשטער ליטעראַרישער באַאַר־בעטונג פון דער לעגענדע אויף די פאַרשנדיקע שטרעבונגען פון דעם דענקער. פונם שטאַנדפונקט פון דערדאָזיקער עפּאָכע זיינען עס געווען זינדיקע שטרע־בונגען. תּיכּף נאָך דער ערשטער ערשיינען נייע ליטעראַרישע באַאַרבעטונגען פון דערדאָזיקער לעגענדע. אינגיכן נאָך שפּיס ערציילונג ערשיינט דאָק־טאָר פּאָוסט, אַ דראַמע פון מאַרלאָ, אַ באַוואוסטער מענטש פון שעקספּירס צייט. מאַרלאָ האָט זיך צו פאַוסטן אויך באַצויגן, ווי צו אַן אומגליקלעכן פאַרבלאָנזשעטן מענטשן. ערשט אין XVII י. ה. הייבט מען אָן אויסצוניצן פאַוסטס געשיכטע לשם אויסצודריקן פילאָזאָפישע אידעען. דער ערשטער פון די דייטשע שריפטשטעלער האָט לעסינג געשענקט פאַוסטן אויפמערקזאַמקייט. אים האָבן צו דעם מיטלאַלטערישן מאָג צוגעצויגן דווקא זיינע טעאָרעטישע שטרעבונגען. אָבער לעסינגן איז ניט געלונגען צו פאַרענדיקן זיין דראַמע. אַפילו די סקיצן פון דער טראַגעדיע זיינען ערגעץ נעלם געוואָרן, מען ווייסט ניט וואו, — אַ פאַרלוסט, וואָס פראַנק זאָגט, אַז דאָס איז די גרעסטע אבדה, וואָס די דייטשע ליטעראַטור האָט ווען געהאַט. לעסינגס פּלאַן איז לויט פראַנקס מיינונג געווען טיפער אַפילו פאַר געטעס. לויט די אומדירעקטע ידיעות, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען וועגן לעסינגס פאַוסט, דאַרף מען רעכענען, אַז דער אויטאָר האָט דעם מכשף פון XVI י. ה. פאַרוואַנדלט אין אַ קעמפער פאַר דער אויפקלערונג פון XVIII י. ה. לעסינגס פאַוסט איז אַ אידעאַלער יונגערמאַן, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט ליידנשאַפטלעכער שטרעבונג צום אמת. דער שטן האָט אים געוואָלט פּטרן, שטיצנדיק זיך אויף דער געהויבנקייט גופא פון זיין נאַטור, אויף דעם אומגעצוימטן דאָרשט זיינעם צו וויסן. פרידריך מילער האָט פון פאַוסטן געמאַכט אַן אמתן שטורמער און דרענגער. ענדלעך, אויף דערזעלבער טעמע האָט אויך אָנגעשריבן אַ פילאָזאָפישן ראָמאַן איינער פון די „שטורעמדיקע געניס", אָבער קיינער פון זיי האָט אין דער באַאַרבעטונג פון דעם סוזשעט ניט אַריינגעלייגט אַזויפיל פילאָזאָפישן אינהאַלט, ווי געטע.

געטעס פאַוסט הייבט זיך אָן מיט אַ מאָנאָלאָג פון דעם אַלטן דאָקטאָר, אין וועלכן עס ווערן אַרויסגעזאָגט די הויפּט־סיבות פון זיינע ליידן. ער האָט משיג געווען פילאָזאָפיע, רעכט, מעדיצין, טעאָלאָגיע. ער האָט ניט געשווינט קיין קרעפטן אויסצושטודירן דידאַזיקע וויסנשאַפטן, און ניט קוקנדיק אויף זיינע גרויסע ידיעות, פילט ער זיך פאַר אַ נאַר. דאָ באַגעגענען מיר שוין די ערשטע סיבה פון פאַוסטס אומבאַפרידיקטקייט, — די אַנטוישונג אין וויסנשאַפט. און ווען מיר הערן פאַוסטן ווייטער, גייט פאַרביי אונז דורך די גאַנצע ספקות, וואָס די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט האָט איבערגעלעבט אין דער איבערגאַנגס־עפּאָכע. „איך האָב מיך געווענדט, — זאָגט פאַוסט, — צו דער מאַגיע. אפשר וועלן זיך פאַר מיר דורך דער קראַפט און דורך דעם מוט פון דעם גייסט אַנט־פּלעקן די פילע סודות... איך וועל מיך דערוויסן, וואָס איז פאַרהאַן אין די סאַמע טיפע סודות־אוצרות פון דער וועלט, איך וועל משיג זיין די שעפערישע קרעפטן און די אָנהייבן פון זיין".

אין דידאָזיקע ווערטער ליגן נייע טשיקאַווע שטריכן פון פאַוסטס וועלט=
אָנשויאונג. מיר דערוויסן זיך, וואָס האָט פאַוסט ערוואַרט פון דער וויסנשאַפט
און מיר דערוויסן זיך, אין וואָס האָט ער אָנגעהויבן זוכן ליכטיקייט, ווען די
וויסנשאַפט האָט אים ניט באַפרידיקט.

ער האָט געוואַרט, אַז די וויסנשאַפט זאָל פאַר אים אַנטפּלעקן אַזעלכע
סודות פון זיין, וואָס זי איז, לויט אונז איז איצט באַוואוסט, ניט אימשטאַנד
צו ערקלערן. מיר האָבן פאַר זיך דעם פאַטאַלן טעות פון גאַנצן XVIII י. ה.,
וואָס עס האָבן צוזאַמען מיט פאַוסטן געהאַט אויך די פראַנצויזישע ענציקלאָ=
פּעדיסטן. אַראָפּגעוואָרפן דעם גלויבן, דעם אויטאָריטעט פון דער קירך און די
טראַדיציע, האָבן זיך די ענציקלאָפּעדיסטן, ביים שאַפן אַ נייע לעבנס=אָרדענונג,
ביי די נייע מיטלען פון פאָרשן די וועלט, גענומען שטיצן נאָר אויפן פאַר=
שטאַנד. אָבער דערביי האָבן זיי זיך ניט געקענט אָנטזאַגן פון די פּרעטענזיעס
אויף אַבסאָלוטן וויסן, — אַזעלכע פּרעטענזיעס, וואָס דאָס גלויבן האָט יאָ באַ=
פרידיקט. די פילאָזאָפן זיינען געבליבן ביי די אַלטע דאָגמאַטישע מנהגים פון
די מיטל=אַלטערישע טעאָלאָגן, און האָבן געוואָלט, אַז דער נייער גאָט, וואָס
זיי האָבן געקריינט, — דער פאַרשטאַנד — זאָל אַנטשיידן אַלע פראַגן אַזוי פּע=
לערלאָז, ווי אַמאָל די אמונה. דידאָזיקע פּרעטענזיעס פון דעם מענטשנס פאַר=
שטאַנד אויף אַבסאָלוטן וויסן האָבן תּיכּף געמוזט קומען אין אַ צוזאַמענשטויס
מיט זיין באַגרעניצטקייט. פאַאוסט איז ניט גערעכט, ווען ער באַשולדיקט די
וויסנשאַפט, אַז זי האָט אים ניט געקענט פאַרענטפערן די פראַגן, וואָס אינטע=
רעסירן אים. ער האָט צו דער וויסנשאַפט אַרויסגעשטעלט ניט וויסנשאַפטלעכע
פאָדערונגען. ער האָט צונויפגעמישט אירע אויפגאַבן מיט די אויפגאַבן פון רע=
ליגיע. בכן, אין דער צווייטער שטריך פון פאַוסטס פיינען די גערירשנטע פון
דער טראַדיציע אוממעסיקע פאָדערונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט צו דעם
מענטשלעכן וויסן. די דריטע וויכטיקע אידעע, וואָס פליסט אַרויס פון די אויבן
געבראַכטע ווערטער — דאָס איז דער נייער וועג פון ערקענגען די נאַטור, וואָס
פאַוסט האָט אויסגעוויילט: „דרום האַב איך מיך דער מאַגיע ערגעבען“. פאַ=
אוסט גיט זיך אָפּ דער מאַגיע; ער ווענדט זיך צו דעם מיטל=וועג צווישן
וויסנשאַפט און גלויבן, ד. ה. צו דער מעטאַפיזיק, ער פּרוווט זיך פאַראייניקן
אין איין מיטל צו ערקענען די וועלט אי דעם פּאָזיטיוון וויסן, וואָס איז גע=
גרינדעט אויף ערפאַרונג און באַאָבאַכטונג, אי דאָס אוממיטלבאַרע אַריינדרינגען
אין די סודות פון דער נאַטור. ער קען ניט גלויבן („מיר פעלט דער גלאַובע“),
און אין דערזעלבער צייט האָט נאָך די רעליגיע פאַר אים ניט פאַרלאָרן איר
באַדייטונג. ער נעמט אַוועק פון מויל דעם בעכער מיט סם, וואָס ער האָט גע=
וואָלט טרינקען, בעת ער דערהערט דאָס קלינגען פון גלאָק און דעם כאָר פון
די תּפילות=געזאַנגען, מיט וועלכע מען באַגעגנט אין די דייטשע שטעט פּסח
אויף דער פרי. די זכרונות וועגן די קינדעריאָרן, וועגן דעם געפיל פון גאָט=
בענטשונג, וואָס דאָס קלינגען האָט אויף אים אָנגעטריבן אין יענער צייט,
האַלט אים אָפּ פון זעלבסטמאָרד. אין דער ווייטערדיקער סצענע, ווען ער שפּאַ=
צירט מיט וואַגנערן הינטער די שטאָט=טויערן, שטעלט ער זיך אָפּ לעבן

אַשטיין און דערמאָנט זיך: „דאָ פלעג איך אָפט זיצן, אַליין פאַרטראַכט, האָב מיך געפּייניקט מיט תפילות און מיט פאַסטן, רייך מיט האָפענונג, פעסט אין גלויבן". דערדאָזיקער מיטלוועג, אויף וועלכן פאַאוסט שטייט, דידאָזיקע וואַקלעניש צווישן גלויבן און וויסן — דאָס איז דער דריטער גרונט-שטריך פון זיין וועלטאָנשויאונג. דער פערטער שטריך איז דער אינערלעכער באַוואוסטזיין, אַז דערדאָזיקער מיטלוועג איז ניט קיין שטאַנדהאַפטיקער, אַז די מעטאַפיזיק גיט אים קיין פעסטן שטיצפונקט ניט. בשעת דער אַרויסגערופענער ערד-גייסט, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דאָס נאַטורלעבן אין נאָר זיין גרייס, ערשיינט פאַר אים, איז פאַאוסט נידערשלאָגן פון דערדאָזיקער ערשיינונג. דער בליק פון אַשטערבלעכן איז ניט אימשטאַנד איבערצוטראָגן דאָס אַבסאָלוטע באַטראַכטונג. פאַאוסט טרעט אין שרעק אָפּ אויף צוריק. ער פילט, אַז ער האָט ניט קיין אויסגאַנג, ער פילט די צוויאיקייט פון זיין נאַטור. „אַך, צוויי נשמות לעבן אין מיין ברוסט. איינע וועט זיך אַלץ אָפּטיילן פון דער צווייטער. מיט אירע צעפּעדיקע גלידער האַלט זיך איינע אַלץ אָן דער וועלט מיט געזונטער האָפּעבונג אויף ליבע; די צווייטע רייסט זיך מעכטיק צו די הויכע הימלען פון דעם שטערבלעכן קערפּער". דערדאָזיקער דואַליזם פון דעם מענטשלעכער נאַטור, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז געווען די סיבה פון די פּיינען אויך ביי אַ צווייטן פאָרשטייער פונם וועלט-שמערץ—ביי מאַנפרעדן. פאַרוואָס זיינען אין דעם מענטשן איינגעפלאַנצט שטרעבונגען צום אַבסאָלוטן, אייביקן, ווען זיין נישטיקע ערדישע שייד האַלט אים צו אויף דער ערד, אין די קייטן פון צייטווייליקן רעלאַטיוון. פאַאוסט וואַקלט זיך די גאַנצע צייט צווישן דער הויכער פאָרשטעלונג וועגן זיך אַלס טרעגער פון דעמדאָזיקן שווינגען צו דער הויך מיט דעם באַוואוסטזיין פון זיין נישטיקייט. „איך בין גאָטס געשטאַלט!"—שרייט ער אויס. און אין אַביסל צייט אַרום זאָגט ער: „איך בין געגליכן צו אַוואָרים, וואָס גראָבט זיך אין שטויב". אַזוי אַרום קאָן מען די סיבות פון פאַאוסטס פּיינען ברענגען צו אַזאַ סך-הכל: פאַאוסט קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון די פאַרפלאַנצטע אין אים דורך דער טראַדיציע שטרעבונגען צום אַבסאָלוטן; אָבער פון דער צווייטער זייט, אונטער דעם איינפלוס פונם קריטישן געדאַנק, קאָן ער זיך אויך ניט באַפרידיקן מיט די מיטלען, וואָס די טראַדיציע האָט מיט זיי דידאָזיקע שטרעבונגען געלייזט, ד. ה. מיט דער טראַדיציע און מיטן גלויבן.

אין איין שורה מיט פאַוסטן זיינען אַרויסגעפירט מעפיסטאָפעל און וואַגנער.ביידע שאַטירן זיי נאָך קלערער אָפּ די הויפּט-פיגור. אין קעגנטייל צו פאַוסטן באַפרידיקט זיך וואַגנער נאָר מיט דער פאָרמעלער, טרוקענער ערקלערונג; אים אינטערעסירט ניט די נאַטור, ער ווייס ניט קיין ספקות און וואַקלעניש. דאָס איז אַן אמתער סכאָלאַסטיקער, וועלכן עס אינטערעסירט דער פראָצעס פון פאָרשן גופא. ער זוכט ניט דעם אַבסאָלוטן אמת. אַריבערגיין פון איין בוך צום צווייטן, פון איין זייט צו דער צווייטער — איז פאַר וואַגנערן דאָס העכסטע פאַרגעניגן. וואַגנער איז אַטיפּ פון אַן אָרגאַנישן פעדאַנט אָן אַדערהויבענעם ציל, וואָס זאָל דערוואַרימען זיינע באַשעפטיקונגען. דאָס איז אַטיפּ פון אַן אומנוצלעכן געלערנטן, וואָס קלייבט ידיעות, אָבער ער פאַרבריי-

טערט דורך זיי ניט דעם קרייז פון זיין אָנשויאונג. ער ברענגט אין דער וועלט ניט אַריין קיין נייע אידעען. אויב אין פאַאוסט זיינען געשילדערט די פיינען פון דעם פאַרשנדיקן ערלעכן געדאַנק, איז אין וואַגנערן פאַרקערפּערט די זעלבסטצופרידנהייט פון דער פּאַלטיפיצירטער וויסנשאַפט, וואָס נעמט אָן דעם מיטל פאַר אַ ציל, וואָס באַפרידיקט זיך מיט דעם יתרון פון כמות אין דעם געביט פון וויסן. מעפיסטאָפעל איז אַ לייקענער, אַ כופר, זיין טייוולשער געלעכטער באַגלייט פאַאוסטן די גאַנצע צייט אויף דעם וועג פון זיינע ספקות און וואַקלענישן. מעפיסטאָפעל מאַכט צו שפּאָט די מעטאַפיזיק. ער דערקלערט פאַאוסטן מיט סאַרקאַסטישער בייזפרייד: „דו ביסט אַם ענדע, וואָס דו ביסט", ד. ה. דו ביסט פשוט אַ מענטש, און אומזיסט שטרעבסטו אַרויסצוגיין פון די גרעניצן, וואָס די נאַטור האָט פאַר דיר באַשטימט. מעפיסטאָפעל האָט ניט קיין פּאָזיטיווע בליקן. זיין באַשטימונג איז נאָר אויפצודעקן די פעלערן פון דער מענטשהייט, שטופּן מענטשן צו פעלערן, און לאַכן פון זיי. אין נאָמען פון וואָס טוט מעפיסטאָפעל דידאָזיקע אַרבעט, ד. ה. וואָס האָט ער פאַר פּאָזיטיווע שטרעבונגען — דאָס איז אונז אומבאַוואוסט. פאַאוסט איז אַפילו אין זיין כפירה גרויס, מחמת זי פליסט אַרויס פון פּאָזיטיווע שטרעבונגען. מעפיסטאָפעל האָט זיי ניט. ער מאַכט צו שפּאָט פאַאוסטס דערהויבענע שטרעבונגען, אָבער ער זאָגט גאָרנישט וועגן דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט און דער נוצלעכער אַרבעט, צו וועלכער עס זיינען איבערגעגאַנגען די ווייטערדיקע דורות צום סוף לעבן, ווי מיר וועלן זען, — אַפילו פאַאוסט גופא. בכן איז מעפיסטאָפעל אַ כופר, און מער גאָרנישט. אָבער זיין כפירה איז אין אַ געוויסן זין אַ איבערגאַנג צו דער צוקונפט. די הינטערשטעליקייט פון געוויסע אָנשויאונגען מוז באַזונדער בולט אונטערגעשטראָכן ווערן, כדי עס זאָל אָפּגעריינקט ווערן אַ וועג פאַר נייע אידעען. מעפיסטאָפעל האָט דידאָזיקע אַרבעט געטאָן.

אויב פאַאוסט מיט זיינע פיינלעכע ספקות שטייט אויף דער גרעניץ צווישן די גאַנצלעכע עפּיש-רואיקע אָנשויאונגען פון דעם עבר מיט דער צייט פון קריטישן געדאַנק און וויסנשאַפטלעכן וויסן, איז גרעטכען די אמתע העלדין פון דעם עבר, די פאַרקערפּערונג פון גלויבן און טראַדיציע, דאָס נאַאיווע אונטערגעגעבענע ווען, די טיף-גלויביקע מיידל, וועלכע מאַכט קיין פּרווו ניט אַריינצודרינגען אין דעם מהות פון רעליגיע, וועלכע וואַגט ניט אַריינצוטראָגן אין איר גלויבן דעם קריטישן יסוד: זי ערט הייליק די אויסערלעכע, פאָרמעלע זייט פון דער רעליגיע; און ווען פאַאוסט זאָגט פאַר איר אַרויס זיין דערהויבענע פּאַנטאַסטישע וועלט-אָנשויאונגען, אין וועלכער גאָט מיט דער נאַטור גיסן זיך צונויף אין איין מהות, ווען ער מעלדעט, אַז פאַר אים איז „דער נאָמען — קלאַנג און רויך", אַז גאָט איז אַלץ כולל, אי אים, אי זי, אי זיך אַליין, — מאַכט מאַרגאַריטע די באַמערקונג, אַז דער גלח זאָגט אויך דאָס זעלבע הגם אין עטוואָס אַנדערע אויסדרוקן, נאָר פונדעסטוועגן פאַרשאַפט איר עצמת-נפש דאָס, וואָס פאַאוסט האָט ניט קיין קריסטנטום. אונטער וועלכן זי פאַרשטייט, בלי-ספק, די רעליגיעזע פאָרמען. גרעטכען איז ניט נאָר אַ טיפּ פון איר צייט, נאָר אויך אַ וועלט-טיפּ, וואָס איז געוואָרן אַ צונאָמען; אַ מיידל וואָס

האָט געהאַט אַ קייט פאַרגייערינס, אָנהייבנדיק פון שעקספּירס דעזדעמאָנע, און געהאַט אויך נאָכפאָלגערינס. דאָס איז די פאַרקערפּערונג פון ווייבלעכקייט מיט אַלע אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטריכן; ריינקייט און אומשולדיקייט, שטילקייט און גוטסקייט באַהעפטן זיך ביי איר מיט דער ענגקייט פון די בליקן, מיט דער אָפּוועזנהייט פון יעדער זעלבשטענדיקייט, מיט קנעכטישער אונטער־טעניקייט צום אויטאָריטעט אָן דער געוויינהייט און אָן דעם קענען צו דענקען.

פ א ו ס ט איז איבערהויפּט אַ פילאָזאָפישע טראַגעדיע. מיר האָבן געזען, אַז פאַוסטס ליידן באַשטייען אין סך־הכל דער עיקר אין דעם צוזאַמענשטויס פון דער טראַדיציע מיט דעם קריטישן געדאַנק; אָבער זיין טראַגעדיע איז ניט נאָר די כּראַגעדיע פון געדאַנק. זיינע פיינען זיינען בכלל אַ פּועל־יוצא פון זיינע גראַנדיעזע פּרעטענזיעס. פאַוסט האָט פיל טובות געטאָן צו זיינע נאָ־ענטע. ווען ער באַווייזט זיך אין פאָלק, לויבן אים אַלע; מען דערמאָנט, ווי ער האָט צוזאַמען מיט זיין פאָטער געהאָלפן קראַנקע, און געקעמפט קעגן אַנשטעקנדיקע מחלות. וואַגנער, דערדאָזיקער טעמפּער כּהן אין היכל פון דער פאַרמעלער וויסנשאַפט, איז מקנא זיין לערער. „וואָס זאָלסטו, גרויסער מאַן, פילן, ווען עס לויבט דיך דערדאָזיקער המון?" אָבער פאַר פאַוסטן קלינגט די דאַנקבאַרקייט פון דעם המון ווי שפּאָט. ער זאָגט צו וואַגנערן: „אָ, ווען דו וואָלסט געקאָנט איבערלייענען אין מיין נשמה, ווי ווייניק סיי דער פאָטער סיי דער זון זיינען ווערט דעמדאָזיקן רום". די מעדיצינישע וויסנשאַפט איז מאַכט־לאָז און פאַלש אין פאַרגלייך מיט יענע גראַנדיעזע פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט צו איר אַרויס. כּדי צו באַפרידיקן וואַגנערן, קלעקט, אַז דער דאָק־טאָר זאָל געוויסנהאַפט און ריכטיק אָנווענדן די הייל־קונסט אין דער פאָרם, ווי ער האָט זי איבערגענומען. פאַר פאַוסטן איז דאָס קנאַפּ. וואַגנער איז דער טרעגער פון רוטינע און טראַדיציע, פאַוסט איז דער שעפערישער גייסט, דער פאָרשנדיקער שכל. אין אים לעבט די אומבאַפרידיקטקייט, וואָס שטופּט די מענטשהייט כּסדר פאָרויס, וואָס איז די ערבות פאַר דעם פּראָגרעס. ניט קוקנדיק אויף זייערע אַנטוויקלונגען אין דער וויסנשאַפט, טרייבן זיי די פאַ־אוסטן פאָראויס, מחמת זיי וועקן יענע אומצופרידנהייט, וואָס זי איז די סיבה פון נייע אויספאָרשונגען, שטופּט פאָראויס די פאָרשונגס־שטרעבונגען פון דעם מענטשנס גייסט. די וואַגנערס דינען צו דער רוטין און פאַרגליווערטקייט, ניט געקוקט אויף זייער געוויסנהאַפטיקייט, אַרבעטזאַמקייט און אַכטונג צום וויסן. זייער זעלבסטצופרידנהייט—איז די געטריישע באַגלייטערין פון באַרואיקטקייט, וועל־כע איז טויטגעפערלעך פאַר דעם פּראָגרעס. בכן, באַפרידיקט פאַוסטן ניט די אַרבעט לטובת דער געזעלשאַפט, און די גרויסע פאָדערונגען זיינע קומען דאָ אין צוזאַמענשטויס מיט דער באַגרענעצטקייט פון דעם מענטשנס קרעפטן. ער וועט קיין באַפרידיקונג ניט געפינען אויך אין די תּענוגים, צוליב וועלכע ער פאַרקויפט זיין נשמה צו דעם טייוול. די באַדינגונגען גופא, וואָס ער שטעלט אַרויס צו מעפיסטאָפעלן, זאָגן שוין פאָראויס אַ נייע טראַגעדיע. ער וואַרט ניט אויף קיין פריידן. „איך גיב מיך אָפּ דער פאַרשיכּורטקייט, — זאָגט פאַוסט, — דעם קרענקלעכסטן תּענוג, דער פאַרליבטער שנאה, דער באַלעבנ־

דיקער בענקשאַפט. אויסגעהיילט פון דאָרשט נאָך קענטעניש, זאָל מיין ברוסט אויף ווייטער פאַר קיין ווייטאָג ניט זיין געשלאָסן, און וואָס עס איז דער גאַנצער מענטשהייט געגעבן, דערפון וויל איך געניסן אין זיך אַליין. איך וויל מיט מיין גייסט משיג זיין דאָס העכסטע און טיפסטע, אויפזאַמלען אין מיין ברוסט דאָס גאַנצע גליק און דאָס גאַנצע אומגליק פון דער מענטשהייט, אויסברייטערן מיין וועזן צו דער מדרגה פון איר וועזן״. בכן, האָבן מיר פאַר זיך ווידער אַ שטורמער און דרענגער מיט טיטאַנישע פרעטענזיעס, מיט גראַנדיעזע שטרעבונגען איבערצולעבן די ברויזנדע געפילן פון דער גאָרער מענטשהייט. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס אויך אין גרעטכענס ליבע האָט ער ניט געפונען קיין באַפרידיקונג, און דער ערשטער טייל פון דער טראַגעדיע ענדיקט זיך דערמיט, וואָס גרעטכען ווערט ניצול און פאַוסט ווערט נעלם צוזאַמען מיט מעפיסטאָפעלן. „זי איז געראַטעוועט!״ הערט זיך אַ שטים פון הימל. גרעטכען גלויבט, און אַ גאַנצלעכער גלויביקער מענטש געפינט אין דעמדאָזיקן גלויבן רעטונג. פאַוסט פאַרבלייבט מיט זיין אינערלעכן קאַמף און לאָזט זיך אַוועק פון ס׳ביי זוכן. שפּעטער וועלן מיר זען, אין וואָס ער האָט געפונען אַן אויסגאַנג.

XIX.

ווײמאַר.—שילער.—„די רויבער״.—קאַרל מאָרס פּאָליטישע טרוימען.—פיעסקאָס פאַרשווערונג.—„פּאַלשקייט און ליבע״. — „דאָן קאַרלאָס״.—מאַרקיז פּאָזאַ.—געטעס און שילערס באַציאונג צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.—שילערס איבערגיין צום געשיכטלעכן סוזשעט און צום העלעניזם.—„ווילהעלם טעל״. — דער העלעניסטישער פעריאָד אין געטעס טעטיקייט.—„הערמאַן און דאָראָטעאַ״.

אין 1775 יאָר האָט זיך געטע אויף דער איינלאַדונג פון דעם זאַקסען־ווײמאַרער הערצאָג באַזעצט אין ווײמאַר. דאָ האָט געטע פאַרבראַכט די צווייטע העלפט פון זיין לעבן. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קער אין זיין שאַפן. אמת, די ערשטע יאָרן איז געטע דאָ אויך פאַרבליבן דערזעלבער שטורמער און דרענגער וואָס פריער. ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט געטע ערשט אין 1790 יאָר אָפּגעדרוקט אַ פראַגמענט פון פאַוסט, אָבער פאַרטראַכט די פּאָעמע האָט ער אין דעם פעריאָד ביז ווײמאַר. די אַכציקער יאָרן זיינען פאַר געטען געווען גיכער די צייט פון אַ סך־הכל מאַכן מיט די שטורעמדיקע אויפברויזן פון דער יוגנט, איידער די צייט פון זייער ווייטערדיקן המשך. שוין די באַדינגונגען גופא פון לעבן אין ווײמאַר האָבן מיטגעווירקט, אַז געטע זאָל זיך באַרויקן, אַז אין אים זאָלן אויפוואַכן די עסטעטישע און וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן, אַז ער זאָל זיך ביסלעכווייז אָפּזאָגן פון די שטורעמדיקע שטרעבונגען. ווײמאַר איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז דעמאָלט, ווי מיר ווייסן, בכלל אין דייטשלאַנד געווען שוואַך אַנטוויקלט. דאָס האָט געשטערט דער אויסברייטערונג פון דעם לעבנס־האָריזאָנט און האָט דער אויפמערקזאַמקייט פון די שריפטשטעלער געגעבן אַ ריכטונג צו

אַבסטראַקטע טעאָרעטישע פראַגן. דער הערצאָג גופא, איינע פון די טשיקאַווע פיגורן אויף דעם פאָן פון דייטשן לעבן אין XVIII י. ה., איז געווען אַ טיפּישער דייטשער מעצענאַט אויפן פירשטלעכן טראָן. ער האָט געזאָרגט וועגן דעם גלאַנץ פון זיין הויף, האָט געקענט פון דער ברייטער האַנט באַשענקען פּאָעטן, שאַפן זיי אַן אומאָפּהענגיקע געזיכערטע לאַגע. דאָס האָט זיי באַפרייט פון דאגות פרנסה און אויך דערווייטערט פון דער ווירקלעכקייט. דערפאַר האָט דער הערצאָג דערגרייכט, אַז זיין הויף איז געוואָרן דער הויפּט=צענטער פון די פּאָעטנס אויפמערקזאַמקייט. אין זייערע ווערק האָבן זיי ניט ווילנדיק אָפּגעשפּיגלט די געשמאַקן פון דער הויף=געזעלשאַפט. פּאָליטישע פראַגן פון דער עפּאָכע הייבן זיי אָן צו אינטערעסירן ווייניקער, איידער פראַגן וועגן דער פּאָעטישער פאָרם. אין ווייַמאַר זיינען איבערגעוועזן אַלע דעמאָלטיקע באַרימטהייטן: ווילאַנד, הערדער, געטע, שילער, אַ פולע „ווילדע גענים". דאָ האָט געטעס אָביעקטיווער קוק אויפן לעבן דערגרייכט צו דער מדרגה פון העכסטער אַנטוויקלונג. דאָ האָט פאַרבליט זיין וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט,—געטע איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער פּאָעט, אָבער אויך אַן אויסגעצייכנטער נאַטורפאָרשער. נאָר איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו דער כאַראַקטעריסטיק פון געטעס טעטיקייט אין ווייַמאַרער פּעריאָד, מוז מען זיך באַקענען מיט זיין גרויסן בן=דור, מיט וועלכן געטע ווערט באַפריינדט אין 1794 יאָר. די ניינציקער יאָרן — דאָס איז די צייט, ווען געטע און שילער האָבן געקיניגט אין דער דייטשער ליטעראַטור.

שילער (1759—1805) איז געווען מיט צען יאָר יינגער פאַר געטען און זיין לעבן איז ניט אויסגעקומען אַזוי גליקלעך ווי זיין גרויסן בן=דורס לעבן. זיינע עלטערן זיינען געווען דאָרפישע בעקער. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרימער רעגימענט=פעלדשער; די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ בעקערשער משפחה. ער איז געבוירן אין מאַרבאַך, אַ פאַרוואָרפן שטעטעלע אין ווירטעמבערגער הערצאָגטום, — אַ מלוכה, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ טיפּישן מוסטער פון די קליינע דייטשע דעספּאָטיעס, וואָס האָבן זיך געבילדעט נאָך דעם וועסטפאַלער שלום. די טראַדיציעס פון דער פרומער משפחה, דעם קליינעם פרידריכס ערשטער לערער, זיין שטרענגער, אָבער געליבטער פאַסטאָר מאָזער, לסוף דעם יינגלס ביז קרענקלעכקייט עמפּינדלעכע נאַטור, — דאָס אַלץ האָט מיטגעווירקט, מען זאָל אים אָנהייבן גרייטן צו דער קאַריערע פון אַ טעאָלאָג אַ פריידיקער. אָבער אין יענער צייט האָבן די אונטערטאַנען פון די פאַרשיידענע דייטשע פירשטן און הערצאָגן קיינמאָל ניט געקענט פאָראויסזען, וואָס פאַר אַ שגעון עס וועט קומען אויפן זינען דעם אָדער יענעם „אויפגעקלערטן" טיראַן, און וואָס פאַר אַ פאָרמען עס וועט אָננעמען דאָס לעבן פון די טויזנטער מענטשן, וואָס זייער גורל איז געלעגן אין דער מאַכט פון די הערשער. איין שגעון פון קאַרל עווגעני, דעם קליינינקן מאָנאַרך, וואָס האָט דערמאָנט אַ פּאָטערלעך=גוטן פאַנשטשינע=פריץ, האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף שילערס גורל און אויף דער גאַנצער דייטשער ליטעראַטור. דער הערצאָג איז געווען אַן „אויפגעקלערטער דעספּאָט". האַלטנדיק פון דער פראַנצויזישער מאָדע, האָט ער געלייענט רוסאָ און אין

דערזעלבער צייט מיט נאַאיווער אכזריות פּאַרקויפט סאָלדאַטן צו פרעמדע מדינות. האָט דער הערצאָג ביי זיך איינגעפירט אַ פּעדאַגאָגישע אַנשטאַלט: אין איינעם פון זיינע זומער־פּאַלאַצן האָט ער איינגעאָרדנט אַ שול, וועלכע איז אינגיכן רעפאָרמירט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישע אַקאַ־דעמיע און אַריבערגעפירט געוואָרן קיין שטוטגאַרט. דעם הערצאָג האָט זיך געוואָלט צונויפקלייבן אין דער שול די פעאיקסטע קינדער, און עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס דער יונגער פרידריך שילער, וואָס זיין פאָטער איז שוין געווען אַן אָפיציר פון דער ווירטעמבערגער אַרמיי, האָט אויף זיך צוגעצויגן דעם הערצאָגס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט פרידריכס פאָטער פאָרגעשלאָגן צו ערציען דעם יינגל אין דער שול אויף דעם חשבון פון דער מלוכה מיט דעם תנאי, אַז דער יינגל זאָל ביי אים שפּעטער בלייבן אויף דינסט. פאַר דעם אָרימען אָפיציר איז דעם הערצאָגס פאָרשלאָג געווען אַ באַפעל, און דער, וואָס איז סיי לויט זיינע אייגענע נטיות, סיי לויט דעם וואונטש פון זיינע עלטערן באַשטימט געווען צו דער טעטיקייט פון אַ פּאַסטאָר, האָט פלוצלונג געמוזט אַריינטרעטן אין דער שול, וואו דאָס פויקן אין די פייקלען האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט, וואו מ'האָט געגעסן, געטרונקען, געגאַנגען אויף די לעקציעס און געשלאָפן לויט דער קאָמאַנדע. שילער איז אַריינגעטראָטן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט ביי דער שול. און דאָ, הינטער דעם גערויש פון די פויקן, האָט זיך שילער אויסגעלערנט ליבן די פרייהייט. ניט קוקנדיק אויף אַלע פאַרבאָטן און שטרענגקייטן, האָט ער זיך דאָ באַקאַנט מיט די ווערק פון שעקספּיר, רוסאָ און די דייטשע „שטורעמדיקע געניס". די הימנען צו דער פרייהייט און צו דער פרייער פערזענלעכקייט, וואָס האָבן געקלונגען אין דידאַזיקע שאַפונגען, זיינען געשטאַנען אין שאַרפן קאָנטראַסט מיט דער פאַדומפּנקייט פון דער קאַזאַרם־אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין דער אַקאַדעמיע. אין 1780 יאָר האָט שילער געענדיקט די אַקאַדעמיע, און איז באַשטימט געוואָרן אַלס רעגימענט־אַרצט אין שטוטגאַרט מיט אַ געהאַלט פון 18 גולדן אַ חודש. אויף דעם אָרט פון די שווערע שילער־יאָרן איז געקומען די שווערע דינסט און די נויט.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען זיינען געשאַפן געוואָרן שילערס יוגנטלעכע טראַגעדיעס. און ווען ער איז אַרויס פון שול, האָבן איינע נאָך די אַנדערע ערשיינט די טראַגעדיעס: רויבער, די מרידה פון פיעסקא, פאַלש־קייט און ליבע. דידאָזיקע שאַפונגען זיינען אמתע קינדער פון „שטורעם און דראַנג". דער הערצאָג האָט זיך צו שילערס ליטעראַרישער טעטיקייט באַצויגן מיט יענער פאָטערלעכער אַפּוטרופּסות, וואָס פון איר איז אַזוי שווער געווען די מענטשן, וועלכע האָבן פאַרדינט זיין אויפמערקזאַמקייט. ווען שי־לער האָט געבעטן ערלויבעניש אונטערצופאָרן קיין מאַנהיים אויף דער רע־פּעטיציע פון די רויבער, האָט מען אים אָפּגעזאָגט, פאָרלייגנדיק פאַרנע־מען זיך פלייסיקער מיט דער דינסט. אגב, דער הערצאָג האָט שילערן ניט פאַרבאָטן צו שרייבן, אָבער כדי דער יונגער פּאָעט זאָל ניט אָפּטרעטן פון „גוטן געשמאַק", האָט דער הערצאָג באַשלאָסן אַליין צו זיין שילערס צענזאָר

פאַר געהיים דורכפאָרן זיך קיין מאַנהיים אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג פון
די ר ו י ב ע ר איז שילער געזעסן אין הויפטוואַכט. און ווען מען האָט דעם
הערצאָג דערלאַנגט די אַרטיקלען פון פאַרשיידענע אויסגאַבן, וואָס האָבן
שאַרף פאַרמשפט דעם אויטאָר פון ד י ר ו י ב ע ר, האָט דער הערצאָג גע=
האַט מיט שילערן אַ שאַרפן שמועס: „זאָלסט מיר ניט וואַגן שרייבן קיינע
ווערק, אויסער מעדיצינישע. אויב דו וועסט ניט ערפילן דעמדאָזיקן באַפעל,
וועסטו זיצן אין פעסטונג!" די געשיכטע פון דעם הערצאָגס באַציאונגען צו
שילערן איז אַ אינטערעסאַנט בלעטל אין דער געשיכטע פון דעם אויפגע=
קלערטן אַבסאָלוטיזם. דער פּאָעט האָט ניט איבערגעטראָגן די פּאָטערלעכע
אַפּוטרופּסות און אין איין שיינעם פרימאָרגן איז ער מיט דריי און צוואַנציק
גילדן אין טאַש אַנטלאָפן פון זיין בעל=טובה.

דער העלד פון שילערס ערשטע טראַגעדיע — איז קאַרל מאָר, אַ רוי=
בער. ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט פּלוטאַרכן און, באַקאַנט געוואָרן מיט
די ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, האָט ער דערפילט אַן עקל צו דער „טינ=
טענצייט". „דער העלער פונק פון פּראָמעטעאוסעס פייער איז פאַרלאָשן.
אָנשטאָט אים איז דאָ אַן אויפפלעמלען פון קאַניפאָל=פּראָשעק, אַ טעאַטראַליש
פייער, אָן וועלכן מ'קאָן אַפילו אַ לולקע ניט פאַררויכערן. קליגן זיך מענטשן,
פּונקט ווי די שטשורעס, וואָס גראַבלען זיך איבער העראַקולעס פּנים.
אַ פראַנצויזישער גלח דערווייזט גאָר ערנסט, אַז אַלעקסאַנדער איז געווען
אַ פּחדן. אַ שווינדזיכטיקער פּראָפעסאָר, וואָס שמעקט ביי יעדן וואָרט שלאַק=
וואַסער, לייענט לעקציעס וועגן קראַפט. הערן, וואָס פאַלן פון יעדער קלייני=
קייט אין חלשות, קריטיקירן האַניבאַלס טאַקטיק... דערדאָזיקער נידעריקער
דור איז פעאיק נאָר איבערצוקייען די גבורות פון דעם אַלטערטום, צופּן די
אַלטע העלדן מיט זייערע קאָמענטאַרן... שטעלן זיי די געזונטע נאַטור אַוועק
אין ראַמען פון נאַרישע באַדינגונגען. לעקן די הענט דעם שטיוולפּוצער, אַבי
ער זאָל פאַר זיי אַ גוט וואָרט פאַרוואָרפן ביי זיין הער... איך זאָל מיך איינ=
ציען אין אַ קאָרסעט, און פאַרשנירן מיין ווילן אין געזעצן. דער געזעץ
האָט, — קיינער ווייס ניט פאַרוואָס, — געלאָזט קריכן ווי אַ שנעק דאָס,
וואָס מוז פליען ווי אַן אָדלער. דער געזעץ האָט נאָך ניט באַשאַפן קיין איין
מענטשן, בשעת די פרייהייט שאַפט ריזן און עקסטרעמען. גיט מיר אַ קאָמ=
פּאַניע אַזעלכע מוטיקע קעפּ ווי איך, וועט דייטשלאַנד ווערן אַ רעפּובליק,
אַנטקעגן וועלכער רוים און ספּאַרטע וועלן אויסזען ווי ווייבערשע קלויסטערס".
דאָס זיינען די שטרעבונגען פון שילערס ערשטן העלד. דאָס איז אַ שטור=
מער און דרענגער ניט ערגער פאַר געץ און ווערטער; דאָס איז אַן אַפּאָלאָ=
געט פון קראַפט און פרייהייט,— פרייהייט אומגעצוימטער, וואָס ווייס ניט פון
קיין געזעץ און קיין מאַכט. אָבער ביי דעמדאָזיקן העלד זעען מיר אַ נייעם
שטריך, וועלכער צייכנט אים עטוואָס אויס פון אַנדערע „שטורעמדיקע געניס".
דערדאָזיקער שטריך באַשטייט אין דעם, וואָס אין זיינע אומצופרידנהייטן
זיינען פאַרהאַן מער פּאָליטישע טענדענצן. אמת, קאַרל מאָר אָנערקענט ניט
די גאַנצע הערשנדיקע אָרדענונג, די גאַנצע טינט=עפּאָכע, גלייך ווי ווערטער

און ווי פאוסט, אָבער אין זיין כּיליפּיקע איז פאַרהאַן אַן אָנווייזונג אויך אויף אַ פּאָזיטיוון פּאָליטישן אידעאַל. אים דאַכט זיך, אַז מיט אַ באַנדע וואוילע יונגען קאָן ער דייטשלאַנד פאַרוואַנדלען אין אַ אידעאַלע רעפּובליק. פונדאַנען איז נאָך ווייט ביז אַ באַשטימטער פּראָגראַם, ביז אַ סיסטעמאַטישן קאַמף לשם אַ אידעאַלער אָרדענונג. קאַרלס ווערטער זיינען גיכער אַן אויפפלאַקערונג, אַן אויסגעשריי, איידער אַ רייפער פּאָליטישער אורטיילן. פונדעסטוועגן איז קיין ספק ניטאָ, אַז ביי שילערן איז קלאָר אַרויסגעזאָגט די פאָדערונג פון פּאָליטישער פרייהייט.

לאָמיר זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער טראַגעדיע. קאַרל, וועלכער פירט אַ צעלאָזענעם אַרט לעבן, וויל שלום מאַכן מיט זיין פאָטער. ער שרייבט אים אָן אַ רירנדיקן בריף, אָבער מחמת די אינטריגעס פון דעם צווייטן זון פראַנץ, קאָן דער שלום ניט געשלאָסן ווערן, און קאַרל פאַרשילט די וועלט, אין וועלכער עס איז מעגלעך ניט אָנצונעמען קיין אויפריכטיקע חרטה. ער איז מסכּים אויף דעם פאָרשלאָג פון די חברים אויף צו בילדן אַ רויבער־באַנדע, גייט אַוועק אין די באָהעמישע וועלדער, כּדי נוקם צו זיין זיך אָן מענטשן דורך גזילות און רציחות. אין דערדאָזיקער עפּאָכע פון געזעלשאַפטלעכן דרוק זיינען די רויבער, אַלס מענטשן, וואָס שטייען אויסער דער געזעלשאַפט, וואָס האָבן ערקלערט קריג דער פאַרדומפּענער רוטינערער אָרדענונג, געוואָרן די באַליבטסטע העלדן ביי די פּאָעטן. פאַר דעם שטאָלצן אינדיווידואַליסט איז ניט געבליבן קיין אָרט אין דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג. ער האָט פאַר זיך געמוזט געפינען אַ פּראָפּעסיע אויסער דערדאָזיקער אָרדענונג, און רויבעריי איז געווען די סאַמע באַקוועמע פאָרם פון טעטיקייט פאַר אַזאַ אינדיווידואַליסט. שפּעטער וועלן מיר זען, אַז בייראָן, וועלכער האָט געגעבן די סאַמע קלאָרע טיפּן פון אַזעלכע פּראָטעסטירנדיקע, אָפּגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט אינדיווידואַליסטן, האָט ליב געהאַט צו שילדערן זיינע העלדן אַלס רויבער.

אין קאַרלס דאָזיקן באַשלוס דאַרף מען אונטערשיידן דעם ציל פון דעם מיטל. ער איז אַ אידעאַליסט, ער איז אין זיינע כּוונות ריין, ער מעלדעט קריג דער זינדיקער וועלט, ער גיט אַ נדר צו זיין אומרחמנותדיק. אָבער צי וועט אים באַפרידיקן דער וועג, וואָס ער האָט אויסגעוויילט צו קעמפן מיט דער טיראַניי און מיט דער מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט? אפשר וועט דערדאָזיקער וועג, דער וועג פון רויבעריי, אים אַליין אָפּטמאָל לאָזן צונויפמישן דעם צדיק מיטן רשע, אומגליקלעך מאַכן אומשולדיקע, און אפשר וועט זיין ריין האַרץ דעמאָלט ניט אויסהאַלטן, אפשר וועט זיך דעמאָלט אין זיין נשמה אָנהייבן יענער פאַטאַלער קאַמף, וואָס שטאַמט פון דעם קאָנפליקט, וואָס הערשט צווישן דעם אידעאַל מיט דער ווירקלעכקייט און וואָס האָט שוין פריער פאַר אים איבערגעפירט ווערטערן? די שפּעטערדיקע געשעענישן פון זיין לעבן האָבן באַוויזן, אַז דידאָזיקע מורא האָט געהאַט אַ גרונט. שוין פון אָנהייב אָן קומט ער אין צוזאַמענשטויסן מיט זיינע חברים. ער, דער אַטאַמאַן, איז אויסער זיך פון די אכזריותן, וואָס עס באַגייען זיינע מענטשן, און ער שליסט



שילער

איינעם אויס פון דער באַגדע דערפאַר, וואָס יענער האָט אַרייַנגעוואָרפן אַ קינד אין פייער. „ס'איז נידעריק צו טויטן קינדער! נידעריק צו טויטן פרויען! נידעריק צו טויטן קראַנקע! — זאָגט קאַרל, בלייבנדיק אַליין מיט זיך, — וואָס קאָן איך דערצו העלפן? ווער קאָן דעם פלאַם שטערן צו שטורעמען אויף דעם פרוכטבאַרן באָדן, ווען ער מוז אויסראָטן דעם נעסט פון די ווילדע ביינען?" ער טויט און ראַבירט מיט אַ אידעע. ער טויט ניט יעדערן. „דעמדאָזיקן רובין האָב איך אַראָפּגענומען פון פינגער ביי אַ מיניסטער, וועלכן איך האָט אַוועקגעלייגט אַ טויטן אויף דער יאַגד צו די פיס פון זיין קיניג. פון אַ גאָרנישט איז ער דורך חניפה געוואָרן דער ערשטער פאַוואָריט. די מפלה פון זיין פאָרגייער האָט אים געהאָלפן אויפהייבן זיך... די טרערן פון יתומים האָבן אים דערהויבן"... אין דער טראַגעדיע איז אַוועקגעשטעלט אַ גאַנצע ריי פראַגן. דאָס איז אַ פאַרביסענער, דורכצאָרנטער פּראָטעסט קעגן די ביוראָקראַטישע אָרדענונגען, קעגן די פאַלשע פאָטערס-צבועקעס. „זיי ברעכן זיך די קעפּ איבער דער פראַגע, ווי אַזוי האָט די נאַטור געקאָנט באַשאַפן אַן איש-קריות, און דאָ וואָלטן גאָר ניט די ערגסטע פון זיי פאַרקויפט דעם דרייאיינציקן גאָט פאַר צען זילבערנע מטבעות". קאַרל מאָר איז אַ לעבעדיקע און שטאַרקע פיגור. בשעת ער פּראָטעסטירט, פליִצט פון זיין מויל אַ מעכטיקער קוואַל פון צאָרן, ער מאָלט העלע ריאַלע בילדער פון דרוק, וואָס הערשט אין דייטשלאַנד. ער איז אַ פּאָליטישער פּראָטעסטאַנט. אין דעם איז זיין באַדייטונג. דערמיט דערקלערט זיך זיין קאָלאָסאַלער ערפאָלג און די צעקאָכטקייט פון די צושויער, ווען די רויבער האָבן אין 1782 יאָר ערשיינט אויף דער סצענע אין מאַנהיים. אָבער קאַרל מאָרס רעדעס ווערן פאַרוואַנדלט אין אומבאַשטימטע טרוימערייען, ווען ער פּרוווט זיך אַרויסצוטרעטן אַלס פּריידיקער פון פּאָזיטיווע אידעאַלן. אמת, ער צעטיילט דעם דריטל רויב, וואָס אים געהערט, צווישן יתומים, אָדער ער שענקט עס אוועק אַלס שכר-לימוד פאַר דער בילדונג פון „אָרעמע, נאָר האָפענונג-געבנדיקע יונגעלייט". אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז נאָך ניט דערגאַנגען ביז פּאָזיטיווע מיטלען, דורך וועלכע ער וואָלט געקאָנט איבערבאַשאַפן די געזעלשאַפט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ באַנדע רויבער — איז אַ שלעכטער מיטל צו קעמפן פאַר יושר, און אין דעם איז זיין טראַגעדיע. קאַרל מאָר ענדיקט דערמיט, וואָס ער אָנערקענט זיין מאַכטלאָזיקייט. „אָ, איך, נאַרישער מענטש, וואָס האָב מיט מיינע פאַרברעכנס געוואָלט אויסבעסערן די געזעצן און שטיצן זיי מיט אומגעזעצלעכקייט. איך האָב עס גערופן נקמה און רעכט. זיי מוחל, באַשעפער, דעם קינד, וואָס האָט דיך געוואָלט מקדים זיין. דיר אַליין געהערט דאָס רעכט פון נקמה. דו נייטיקסט זיך ניט אין דער האַנט פון אַ מענטשן... איך וועל ניט צוריקקערן דעם עבר, אָבער מיר בלייבט נאָך איין מיטל... איך האָב מיך דערמאָנט, — אויפן וועג אהער האָב איך מיך פונאַנדערגערעדט מיט אַן אָרימאַן, ער אַרבעט טאָג-אַרבעט, און ער האָט לעבעדיקע עלף נפשות קינדער... מען האָט צוגעזאָגט טויזנט גילדן דעם, וואָס וועט אַ לעבעדיקן אַרויסגעבן דעם באַרימטן רויבער. דעמדאָזיקן מענטשן

קאָן מען העלפן". אין דעמדאָזיקן טאַט זעט מאָר דעם קרבן-כפרה פאַר דער באַליידיקטער אָרדענונג. בכן, האָט זיך מאָרס שטאָלצער רעיון געענדיקט מיט זעלבסטאָפּערונג לטובת עפּעס אַן אָרעמאַן. שילער האָט אַליין געפילט, אַז ער האָט ניט געגעבן קיין ענטפער, ווי צו קעמפן קעגן דער אומגערעכטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. ער האָט געהאַט בדעה אָנצושרייבן אַ צווייטן טייל פון די רויבער, אָבער ער האָט עס ניט אָנגעשריבן. דייטשלאַנד איז נאָך ניט רייף געוואָרן פאַר רעגלמעסיקן פּאָליטישן קאַמף קעגן דער אָפּגעלעבטער אָרדענונג. דאָס לעבן האָט ניט געהאַט די העלדן, וואָס שילער האָט געזוכט.

פּונקט אַזאַ ניט קלאָרן אויסדרוק פון דער רעפּובליקאַנישער אידעע געפינען מיר אויך אין דער צווייטער פּיעסע די מרידה פון פּיעסקאָ. דער העלד פון דערדאָזיקער פּיעסע איז אַרויסגעטראָטן צו באַשיצן די אידעע פון פּאָליטישער פרייהייט. ער אָרגאַניזירט אַ בונט קעגן טיראַן, כדי צו באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד. אָבער איז זיינע מעשים זיינען דאָ פיל פערזענלעכע שטרעמונגען. ער איז אין דער נשמה אַן עפּיקורעער און אַן אַריסטאָקראַט, און הגם ער איז מורד קעגן טיראַן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט פאַראַכט ער דעם המון. ער טרוימט וועגן גליק פון דער מאַסע, ער וויל איר גוטס טאָן, אָבער ער וויל עס אַלץ טאָן אַליין, אָן זייטיקער הילף. מיט איין וואָרט, מיר האָבן פאַר זיך ווידער אַ שטורמער און דרענגער מיט טיטאַנישע פּרעטענזיעס, אַ אינדיווידואַליסט, וואָס קאָן ניט אָפּטיילן זיינע דעמאָקראַטישע שטרעבונגען פון זיין פערזענלעכקייט. „צי דען איז עס אַ גרויסער פאַרגעניגן, — זאָגט ער, — צו זיין די לאַפּע פון יענער גרויסער חיה מיט די פולע פיס, וואָס הייסט רעפּובליק!" ער וויל באַפרייען גענואַ, אָבער באַפרייען זי, כדי אַליין צו ווערן איר הערשער. ער וואַקלט זיך צווישן דעם רום פון אַ באַפרייער מיט דעם נסיון פון קיניגלעכער מאַכט. „עראָבערן אַ קרוין — דאָס איז אַ גרויסע זאַך; אָפּוואַרפן זי — דאָס איז אַ געטלעכע זאַך. פאַל, טיראַן! גענואַ, זיי פריי, און איך וועל זיין דיין גליקלעכער בירגער!" אָבער סוף-כל-סוף איז די ערגייציקייט מנצח. אין פּיעסקאָס כאַראַקטער ווייזט זיך בולטער פאַר אַלץ אַרויס די אומבאַשטימטקייט פון שילערס יוגנטלעכע שטרעבונגען. לויט שילערס פּלאַן האָט פּיעסקאָ געזאָלט זיין אַ קונציקער דיפּלאָמאַט, אַ פּאָליטיקער, וואָס מאַכט זיינע ליידנשאַפטן און געדאַנקען אונטערטעניק צו זיין גרונט-ציל. אָבער די טבע פון פּאָעט איז געווען מעכטיקער איידער זיינע פּלענער, און פּיעסקאָ איז אַרויס אַ יונגערמאַן, וואָס לאָזט זיך היגרייסן פון זיינע געפילן, און אָפּט פאַרגעסט ער שיר אַלע זיינע פּלענער צוליב אַ שיינער פרוי, אָדער צוליב אַ פייַנעם געפיל. דערדאָזיקער פּיעסקאָ איז, ווי זיין שעפער, אַ יונגערמאַן אַ געניאַלער, אַ פולער מיט פאַנטאַזיע, מיט נאָך ניט קיין באַשטימטן כאַראַקטער, וואָס יעדער שטאַרקער איינדרוק רייסט אים מיט און וואָס איז כלל ניט באַשאַפן צו זיין אַ פּאָליטישער כאַראַקטער, ווי שילער האָט פון אים געמאַכט. דער רעפּובליקאַנער ווערינאַ האָט אים גוט פאַרשטאַנען, און ער טויט אים מחמת ער האָט געפילט, אַז אין דעמדאָזיקן דעמאַגאָג זיינען פאַרבאָרגן ערגייציקע פּלענער.

דערזעלביקער פראָטעסט קעגן דעספאָטיזם און דער אָפלעבנדיקער אָרדענונג קלינגט אויך אין שילערס דריטער יוגנטלעכער פיעסע — פאַלשקייט און ליבע. דידאָזיקע טראַגעדיע איז אַ בילד פון הימלשרייענדיקער געוואַלט. איר טעמע איז די ליבע צווישן אַן אַריסטאָקראַט און אַ בירגערין. דער פאָטער פון דעם אַריסטאָקראַט נעמט אָן אַלע מיטלען, ניט צו דערלאָזן די חתונה, וואָס איז דערווידער זיין וועלט-אָנשויאונג, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט שטאַנדן-פאָראורטיילן. עס ווערן געלאָזן אין גאַנג אַלע מיטלען: רכילות, אַדמיניסטראַטיווער ווילקיר, געלט. די משפחה פון דעם אַלטן מוזיקאַנט איז רואינירט און איר כבוד — פאַרפלעקט. די הילפלאָזיקייט פון דער באַפעלקערונג קעגן דעם ווילקיר פון די באַדריקער ווערט אַרויסגעשטעלט אין איר גאָרער שרעקלעכער נאַקעטקייט.

די דריי שילערס יוגנטלעכע טראַגעדיעס זיינען עדות, אַז אין דייטשלאַנד האָט אויפגעוואַקסן דער פאָליטישער באַוואוסטזיין, עס איז אָנגעוואַקסן דער פראָטעסט אַנטקעגן דעם פאָליטישן דרוק. אָבער דער פראָטעסט האָט ניט אָנגענומען די פאָרם פון אַ ברייטער פאָליטישער באַוועגונג, ווי דאָס איז געשען אין פראַנקרייך. די צעשפליטערטקייט פון דייטשלאַנד און דאָס, וואָס דאָרט איז ניט געווען קיין פאָליטיש לעבן, האָט געבראַכט די דייטשן דערצו, זיי זאָלן ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט דער עיקר אויף אַבסטראַקטע וויסנשאַפטלעכע און עסטעטישע פראַגן. די פרייהייט גופא האָט זיך געמאָלט פאַר די אויגן פון די דייטשן גיכער אין דער פאָרם פון אַ אידעע, און ניט אין דער פאָרם פון אַ באַשטימטער מלוכה-אָרדענונג. דערמיט צייכנט זיך איבערהויפט אויס די אויפקלערונגס-באַוועגונג אין דייטשלאַנד אין XVIII י. ה. פון דערזעלביקער באַוועגונג אין פראַנקרייך. די פרייזיניקע פראָפאַגאַנדע פון די ענציקלאָפעדיסטן האָט זיך אין פראַנקרייך פאַרענדיקט מיט דער רעוואָלוציע, אין דייטשלאַנד — מיט גרויסע פילאָזאָפישע און עסטעטישע שאַפונגען. אָבער איידער ער איז אַריבער צו דערדאָזיקער אַבסטראַקטער עסטעטישער ריכטונג, וועלכע באַצייכנט די געמיינזאַמע טעטיקייט פון ביידע פאָעטן אין די ניינציקער יאָרן, האָט שילער באַשאַפן נאָך אַ דראַמע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר עפעס ווי אַן איבערגאַנג פון שטורעמדיקן יוגנטלעכן פראָצעס צו אַ מער אָביעקטיווער באַרואיקנדיק-עסטעטישער אָנשויאונג אויף דער וועלט. דידאָזיקע דראַמע, דאָן קאַרלאָס, האָט ערשיינט אין 1786 יאָר. די אַקציע קומט פאָר ביים הויף פון שפאַנישן קיניג פיליפ II. שילער האָט זי לאַנג געשריבן. לויט דעם ערשטן פלאַן האָט זי געזאָלט זיין אַ המשך פון דעמזעלביקן שטורעמדיקן פראָטעסט, וואָס אין די ערשטע דראַמען. „איך וועל מיר שטעלן פאַר אַ חוב, — שרייבט שילער, נוקם צו זיין זיך פאַר דער געשענדעטער מענטשהייט, דערמיט, וואָס איך וועל מאָלן די אינקוויזיציע, און שטעלן צום שאַנדסלופ אַלע אירע שענדלעכע פלעקן. לכתחילה האָט דער העלד פון דער טראַגעדיע געזאָלט זיין פיליפס זון דאָן קאַרלאָס. די אַקציע פון דער דראַמע איז געבויט אויף דער באַוואוסטער לעגענדע וועגן דאָן קאַרלאָס ליבע צו עליזאַבעטן, וועלכע איז לכתחילה געווען פאַרקנסט מיטן אינפאַנט, און מחמת

פּאָליטישע אויסרעכענונגען האָט זי געמוזט חתונה האָבן מיט פּיליפּן. אין דאָן קאַרלאָס פּערזאָן האָט אַלזאָ געזאָלט פאַרקערפּערט ווערן דער פּראָטעסט פון דעם פרייען געפיל קעגן דער געוואַלט פון די פּאָליטישע חשבונות. אָבער וואָס ווייטער די טראַגעדיע איז געשאַפן געוואָרן, איז די משפחה-טראַגעדיע אַלץ מער אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, און אויף דער סצענע האָט זיך אַרויסגערוקט דער מאַרקיז פּאָזאַ, וועלכער איז געקומען אַלס דאָן קאַרלאָס לערער און האָט אין אים אָנגעצונדן אַ ברענענדיקן ענטוזיאַזם צו גרויסע שטרעבונגען. דערדאָזיקער בייער אידעאַליסט, וואָס טרוימט וועגן גליק פאַר דער מענטשהייט, צייכנט זיך אויס פון די פריערדיקע דערמיט, וואָס ער האָט ניט קיין פּראָטעסטירנדיקן אָפּלייקענענדיקן גייסט. ער איז ניט ענלעך אויף דעם ערגייציקן פיעסקאָ, וועלכער קען זיך אַפילו אין זיינע רעפּובליקאַנישע שטרעבונגען ניט אָנטזאָגן פון זיין „איך"; ער איז ניט ענלעך אויף קאַרל מאָר, וועלכער מיינט דורך רציחות און גזלות צו לאָזן דעם יושר הערשן אויף דער וועלט. דער מאַרקיז פּאָזאַ טרוימט וועגן אויסבעסערן די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען דורך אויפקלערונגס-רעפאָרמען. ער גייט ניט אַוועק אין וואַלד קעמפן מיט די מאַכטהאָבנדיקע, ער בויגט אונטערטעניק די פיס פאַרן קיניג מיט תחנונים, ער זאָל זיך באַנוצן מיט זיין אַלמעכטיקער קראַפט, כדי צו מאַכן הערשן יושר און פרייהייט אין לאַנד. ער איז „דער דעפּוטאַט פון דער מענטשהייט". ער טרוימט וועגן הומאַנישערע צייטן, וואָס וועלן קומען אָנשטאָט פיליפּס עפּאָכע, וועגן צייטן, ווען דאָס גליק פון די בירגער וועט גיין פרידלעך האַנט-ביי-האַנט מיט דער דערהויבנקייט פונם מאָנאַרך. דער מאַרקיז פּאָזאַ ווייס, אַז פאַר זיינע אידעאַלן איז נאָך ניט געקומען די צייט, די מענטשהייט איז נאָך ניט גרייט פאַר זיי, אָבער מען דאַרף זי צוגרייטן, מען דאַרף זי דערציען פאַר די דאָזיקע אידעאַלן, מען דאַרף איר געבן גייסטיקע פרייהייט פון געדאַנק, פון וואָרט און פון גלויבן. בכן איז דער מאַרקיז פּאָזאַ אַ פרידלעכער רעפאָרמאַטאָר-טרוימער, וועלכער גלויבט אין דער מעגלעכקייט איבערצובויען די וועלט דורך מאָראַלישע פאַרפּולקומונג. זיין פּאָליטישע פּראָגראַם איז נאָענט צו דער פריידיקט פון דעם אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם. ער גלויבט אין דער אַלמעכטיקייט פון די אויפגעקלערטע און וואוילגינציקע מאָנאַרכן. ער וואַרט פון פיליפּן גופא רעטונג פאַר דער מענטשהייט. „אייך קלעקט נאָר אַ שטריך טאָן מיט דער פעדער — איז שוין די ערד אַ באַנייטע!" — זאָגט ער צו פיליפּן. אין קאַרלאָסן מאָלט אים זיין דמיון יענעם אידעאַלן הערשער, וועלכער איז באַרופן צו פאַרווירקלעכן די גאָלדענע צייט. ער ליבט אין פרינץ זיין אייגענע פאַנטאַזיע און גייט פאַרלאָרן צוליב אים. ער ווערט די נאָענטסטע פּערזאָן צו פיליפּן. אַזוי אַרום ווערט איינגעשטעלט דער בונד צווישן דעם מעכטיקסטן דעספּאָט מיט דעם „דעפּוטאַט פון דער מענטשהייט", ווי אַ שטייגער דער בונד צווישן מאָנאַרכן און פילאָזאָפן, וועגן וועלכן וואָלטער האָט געטרוימט. אָבער דערדאָזיקער בונד פּלאַצט: דער אידעאַליסט גייט פאַרלאָרן, און דער דעספּאָט בלייבט אַ דעספּאָט.

מיט דאָן קאַרלאָס פאַרענדיקט זיך דער פּעריאָד פון שילערס שטורעמדיקע שטרעבונגען, פונקט ווי דערדאָזיקער פּעריאָד האָט זיך פאַר געטען פאַר-

ענדיקט מיט פאוסט.ביידע פּאָעטן הייבן זיך אָן צו דיזדווייטערן פון דער ווירקלעכקייט, פון די רעיונות פון זייער צייט. זיי ווערן פריי פון די פייגלעכע ספקות, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין געץ, ווערטער רויבער. פונקט אינמיטן די ביינציקער יאָרן קומט פאָר א דערנענטערונג צווישן ביידע פּאָעטן. דעמאָלט, טאַקע אין 1794 י., שרייבט געטע די דראַמע די ווידערגעשפּעניקטע, וואו די אויפגעקלערטע גרעפין שטילט איין פון אָנהייב אָן די מורדים, מאַכנדיק קלוגע הנחות דעם המון. געטע האָט די־דאָזיקע פּיעסע געהאַלטן פאַר זיין פּאָליטישן אני־מאמין. „א פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע האָב איך געשילדערט אין דער גרעפין, און האָב מיט איר מויל אויסגעדריקט, ווי, אייגנטלעך, זאָל דענקען די אַריסטאָקראַטיע. זי איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון פּאַריז, זי האָט דאָרט געזען די רעוואָלוציע, און האָט פון איר אָראָפּגענומען פאַר זיך א גוטע לערע. זי איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דעם פאָלק דאַרף מען אמת דריקן, אָבער מען טאָר עס ניט אונטערדריקן, און אַז די רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן פון די נידעריקערע קלאַסן זיינען א פועל־יוצא פון די מיסברויכן מצד די העכערע". געטע איז בכלל ניט געווען קיין אָנהענגער פון שנעלע געוואַלט־איבערקערענישן און האָט זיך צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע באַצויגן אָן מיטגעפיל. שילער, וועלכן די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַלטן פאַר א חבר לדעה (אין פּאַריז האָט מען די רויבער געשטעלט אין א פראַנצויזישער באַאַרבעטונג, וואו קאַרל ערשיינט אלס אַן אמתער רעפּובליקאַנער). און וועלכן די פראַנצויזישע געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג האָט צוגעשפּט, אַלס מענטשנפריינד, אַן ערנדיפּלאָם פון א פראַנצויזישן בירגער,—האָט אויך ניט מיטגעפילט די עקסטרעמען פון דער רעוואָלוציע. ער האָט געוואָלט אָנשרייבן א מעמאָראַנדום צו פאַרטיידיקן לודוויק דעם XVI, האָט די מיטגלידער פון קאָנווענט אָנגערופן פאַרשטאַנדלאָזע מענטשן, און איז געווען דערצאָרנט פון דעם קיניגס טויט־שטראָף. מען דאַרף אָבער באַמערקן, אַז די אָביעקטיוויטעט און די רואיקייט זיינען ביי שילערן קיינמאָל ניט דערגאַנגען ביז אַזא מדרגה, ווי ביי געטען. שילער איז געבליבן ביזן סוף לעבן דער זינגער פון פרייהייט, הגם ער האָט ניט געשאַפן קיין באַשטימטע פּאָליטישע פּראָגראַם.

אינמיטן די ביינציקער יאָרן האָבן שילער און געטע אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „האָרעס". אין דעמדאָזיקן זשורנאַל איז פאַרווירקלעכט געוואָרן שילערס געדאַנק, וועלכן ער האָט נאָך אין דאָן קאַרלאָס אַרויסגעזאָגט, אַז די געזעלשאַפט בייטיקט זיך פריער פאַר אַלץ אין הומאַנישער ערציאונג, אין מאָראַלישער פאַרפולקומונג. דער זשורנאַל האָט געזאָלט וועקן אין דעם עולם אינטערעס צום עכט מענטשלעכן, ער האָט אים געזאָלט דערהויבן איבער די צייטווייליקע און צופעליקע פּאָליטישע אויפגאַבן און געבן אים א ריכטונג צו אמת און שיינקייט, ד. ה. צו פראַגן וויסנשאַפטלעכע און עסטעטישע. ווען די נייע ריכטונג האָט אַרויסגערופן אָנפאַלן אויף ביידע פּאָעטן, האָבן געטע און שילער אין 1797 יאָר אַרויסגעגעבן א זאַמלונג פון עפּיגראַמען אונטער דעם טיטל קסעניע. אַזוי האָט זיך אין דייטשלאַנד

אָנגעהויבן אַ ליטעראַרישער קאַמף וועגן ריין ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע
פראַגן. אין שילערס פערזענלעכן שאַפן האָט דידאַקטישע אָפּווייכונג פון דער
ווירקלעכקייט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס אַנשטאָט רעאַלע סוזשעטן פון
דער צייט, האָט ער זיך געווענדט צו היסטאָרישע. ער שרייבט דעם
דרייסיקיעריקן קריג, באַשאַפט וואַלענשטיין, און באַלד נאָך דעם
די יונגפרוי פון אָרלעאַן און די כלה פון מעסינע — קנעכטיש
נאָכגעמאַכט די גריכישע מוסטערן. דאָס בעסטע ווערק פון דעמדאָזיקן פעריאָד
האָט שילער אָנגעשריבן אַ יאָר פאַרן טויט. דאָס איז די דראַמע ווילהעלם
טעל. אין איר האָט ער געשילדערט דעם אויפשטאַנד פון די בערג־איינ=
וואוינער קעגן דעם פרעמדן יאָך. די ליידנשאַפטלעכע איבערגעגעבנהייט דער
באַפרייאונגס־אידעע איז אין שילערן ניט אָפּגעשטאָרבן אין משך פון גאָר זיין
לעבן, און האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעמדאָזיקן לעצטן פאַרן טויט ווערק מיט
נייער קראַפט. אמת, אַפילו ווערן ניט אייַנזען אין דעם קאַמף פון די שווייַ=
צער קעגן די פרעמדע קיין קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט. די מורדים
האָבן ניט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן פּאָליטישער פרייהייט. זיי זיינען
פשוט געוויינט צו אַ פאַטריאַרכאַלן לעבן, זיי זיינען קאָנסערוואַטיוו און
שטייען אויף אינסטינקטיוו קעגן די נייע אָרדענונגען, וואָס שטערן דעם פאַט=
ריאַרכאַלן בוי פון לעבן. אָבער די נייע אָרדענונגען גיסן זיך אויס אין
פאָרמען, וועלכע דער דעספּאָטיזם נעמט שטענדיק אָן, און די איבערגעגעבנ=
קייט מצד די פויערים צו דעם אַלטערטום ערשיינט אָפט פשוט אַלס פאַרטייד=
קונג פון זייער מענטשלעכער רעכט און מענטשלעכער ווערדע, וועלכע דער
טיראַן טרעט אונטער די פיס. די לאַנדפאָגטן ראַבירן זייער פאַרמעגן, דעם
קייזערס שטעלפאַרטרעטער טוען אָפּ הימלשרייענדיקע מעשים, רייסן ביי די
שווייצער אַרויס זייערע הייזער, נעמען ביי זיי אָפּ די ווייבער. זיי באַ=
ווייזן וואונדערלעכע ערפינדערישקייט אין ענין פון דערנידעריקן די מענטש=
לעכע פערזענלעכקייט. דער לאַנדפאָגט העסלער הייסט אויפהענגען אויף
אַ הויכן פלאָקן זיין הוט, און פאָדערט, מען זאָל דעם הוט אָפּגעבן דעמזעלבן
כבוד, וואָס אים. די פאַרבייגייער מוזן אַראָפּנעמען די היטלען און קניען זיך
פאַר דעם הוט. דידאָזיקע וואונדערלעכע ערפינדונג זאָל דינען פאַר אַ מיטל
„צו דערקענען די נאָכגיביקע". אין די פרידלעכע לעגאַלע פויערים ווערט
דורך דערדאָזיקער סיסטעם פון שפּיאָנאַזש קינסטלעך אַרויסגערופן דערביטע=
רונג. די טיראַניע בלייבט אַלע מאָל זיך געטריי, אין וואָס פאַר מלבושים זי
זאָל זיך ניט אָנקליידן. אירע אומפאַרמיידלעכע באַגלייטער זיינען — די
פאַרשיכורטקייט פון דער מאַכט און די אומבאַגרעניצטע צעלאָזנקייט. איר
געווער איז שפּיאָנאַזש און גוואַלט. דער טיראַן קאָן ניט בלייבן שטיין אינ=
מיטן וועג. זיין אומצוטרוי צו די אַרומיקע וואַקסט מיט אומגעוויינלעכער
שנעלקייט. ער באַנוגנט זיך ניט דערמיט, וואָס ער ווייס אַלץ, וואָס עס טוען
און וואָס עס ריידן זיינע אונטערטאַנען. ער וויל אַריינדרינגען אין זייערע
געדאַנקען און אין זייערע געפילן, אַיינפירן פּאָליציי איבער זייערע נשמות.
שילער איז אין זיין טראַגעדיע פראַכטפול אַריינגעדרונגען אין דער פסיכאָ=

לאַגיע פון דעם דעספּאָט. ניט ווייניקער בולט איז געשילדערט אויך דאָס באַדריקטע פאָלק. דאָס געוועט פון די אונטערדריקטע איז — די פרייהייט. טעל טויט העסלערן. די פויערים מיט געווער אין די הענט שטעלן זיך אין קאַמף פאַר זייער רעכט:

נײן, ס׳האָט אַ גרעניץ אויך טיראַנענמאַכט.
ווען דער געדריקטער קאָן קײן רעכט געפינען,
ווען אומדערטרעגלעך ווערט די לאַסט פאַר אים —
דאַן שטרעקט ער דרייסט די הענט זײַנע צום הימל,
און נעמט אַרונטער זײַנע אײביקע רעכט,
וואָס הענגען אויבן אומבאַרויבלעך
און אומצוברעכלעך, ווי די שטערן זעלבסט —
דער אַלטער אורשטאַנד פון נאַטור קומט ווידער,
ווען מענטש אַנטקעגן מענטשן שטייט אין קאַמף —
דער לעצטער מיטל, אויב קײן אַנדער העלפט ניט, —
איז אים דאָס שאַרפע שווערד געגעבן;
מיר מוזן אונזער האָב און גוטס באַשיצן
פון ג׳וואַלט — מיר שטײ׳ן פאַר אונזער לאַנד,
מיר שטײ׳ן פאַר אונזערע ווײַבער, אונז׳רע קינדער.

אַזוי ערקלערט די סיבה פון דעם אויפשטאַנד איינער פון די פויערים, און אין דידאַקטיק ווערטער איז פּראַכטפול אויסגעמאָלט דער אינערלעכער פּראָצעס, וועלכער האָט געבראַכט די שווייצער צו דעם אויפשטאַנד. זייער גלויבן און פּאַטריאַרכאַלע אָנשויאונגען גיסן זיך צונויף מיט דעם פּאָליטישן פּראָטעסט קעגן דער טיראַנענמאַכט.

אָבער ווי מיר זאָלן ניט קוקן אויף דעם פּאָליטישן זין פון דער דראַמע, איז קיין ספק ניטאָ, אַז דעם פּאָעטס מיטגעפיל איז אויף דער זייט פון די געדריקטע, אויף דער זייט פון מוטיקן פאָלק, וואָס קאָן באַשטיין זיינע רעכט. אין דעמדאָזיקן ווערק הזרט זיך ווידער אַמאָל איבער דעם פּאָעטס יוגנטלעכער אויסרוף: „קעגן די טיראַנען!" — וועלכן ער האָט אַרויסגעשטעלט אַלס עפּיגראַף צו די רויבער. אָבער דער קאַמף פון די שווייצער שיידט זיך אויך לויט זיין כאַראַקטער אונטער פון פיעסקאָס און קאַרל מאָרס קאַמף. ווילהעלם טעל קעמפט ניט לשם אומבאַשטימטע אידעאַלן, ווי פיעסקאָ. ער ברעכט ניט, ווי קאַרל מאָר. „מיר ווילן, — זאָגט איינער פון די מורדים, — באַפרייען זיך פון דעם פאַרהאַסטן דרוק, מיר ווילן, ביי אונז זאָל בלייבן די רעכט, וואָס מיר האָבן באַקומען בירושה פון די עלטערן. און מיר שטרעבן לחלוטין ניט מיט אומאיינגעהאַלטענער קראַפט צו נייסן". אַזוי אַרום טראָגט די סיבה פון קאַמף אַ מער רעאַלן כאַראַקטער. זי איז אַרויסגערופן ניט דורך אומקלאָרער אומצופרידנהייט, ניט דורך דער שטרעבונג איבערצובאַשאַפן די מענטשלעכע באַציאונגען, נאָר דורך דעם פּשוטן פאַרלאַנג איינצוהיטן די אַלטע רעכט. אַ צווייטע באַוונדערהייט פון ווילהעם טעל אין פאַרגלייך מיט שילערס יוגנטלעכע דראַ-

מען — דאָס איז דאָס, וואָס אין איר זיינען קלענער די פּרעטענזיעס פון דער פּערזענלעכקייט. ווילהעלם טעל איז ניט ענלעך אויף פיעסקאָ, וואָס אין זיינע דעמאָקראַטישע שטרעבונגען שטעלט ער פריער פאַר אַלץ אַרויס זיך אַליין. טעל האָט ניט קיין ערגייציקע פּלענער: ער איז נאָר צו דער דינסט ביי דער מאַסע,ביים פאָלק; דער נצחון איז אָפּגעהאַלטן ניט פון אים אַליין, נאָר דורך דער גאַנצער מאַסנבאַוועגונג. אַזוי האָט שילער דעם קאַמף פאַר פרייהייט צוגעגעבן אַ מער באַזיניקטן כאַראַקטער. ווילהעלם טעל איז געווען דאָס לעצטע פון שילערס גרויסע ווערק. אין 1805 יאָר איז ער געשטאָרבן.

געטעס איבערגאַנג צו העלעניזם און צו היסטאָרישע סוזשעטן האָבן זיך בכלל אָנגעהויבן פריער איידער ביי שילערן. אין 1779 יאָר נאָך האָט ער געשאַפן די ערשטע רעדאַקציע פון איפיגעניע, און אין 1786 יאָר מאַכט ער איבער דידאַקטישע דראַמע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַראייניקונג פון גריכישן סוזשעט מיט הומאַנישער וועלטאָנשויאונג פון XVIII יאָרהונדערט. אין 1787 יאָר ערשיינט עגמאָנט. אין 1789 — טאַסאָ, — דראַמען, וואָס שטעלן אויף פאָר אַן איבערגאַנג פון שילדערן די רעאַלע ווירקלעכקייט צום ביסלעכווייזן אָפּרייסן זיך פון איר. דאָס בעסטע פון געטעס ווערק פאַר דעם פעריאָד פון זיין פריינדשאַפט מיט שילערן איז די פּאָעמע הערמאַן און דאָראָטעע. דאָס איז אַ בילד פון דייטשן פּאַטריאַרכאַלן בירגער=לעבן. אויב איר וועט אין דעמדאָזיקן ווערק געפינען אַ שילדערונג פון באַגרעניצטע, פריוואַטע משפּחה=אינטערעסן, — זאָגט שאַכאָוו אין זיין בוך „געטע און זיין צייט" — אַ שילדערונג פון רואיקן שטילן געוויקס=לעבן, אָפּגעריסן פון פראַגן געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע, אויב אייך וועט ווערן דושנע און אומעטיק אין דערדאָזיקער סביבה, — זאָלט איר ניט פאַרגעסן, אַז אַזעלכע איז באמת געווען די דייטשע ווירקלעכקייט. הערמאַן און דאָראָטעע — דאָס איז אַ גלענצנדע אילוסטראַציע צו דער אינערלעכער דייטשער געשיכטע פון XVIII יאָרהונדערט.

זעקסטע אָפּטיילונג.

דער ראָמאַנטיזם און די פּאָעזיע פון „וועלט־שמערץ”. נאָוואַליס. באַיראָן.

XX.

דער גרונט־פעלער פון די ענציקלאָפּעדיסטן. — די פּאָליטישע לאַגע אין איראָפּע אין אָנהייב XIX י. ה. די סיבות פון דער אַנטשטעהונג. — דער ראָמאַנטיזם. — די ראָמאַנטישע סוביעקטיוויטעט. — דעם פּאָעטס פּערזענלעכקייט. — די קינסטלערישע פאָרם. — די רעליגיע און די פּאָליטיק פון די ראָמאַנטיקער. — געשיכטע און אָריענט. — מיטלאַלטער און אינדיע. — די פאַרדינסטן פון ראָמאַנטיזם.

דער פעריאָד פון געטעס און שילערס הערשן אין דער ליטעראַטור שליסט דעם XVIII יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד. אין אָנהייב פון דעם XIX י. ה. טיילן זיך באַזונדער שאַרף אין דער איראָפּעאישער ליטעראַטור אויס צוויי ריכטונגען: דער ראָמאַנטיזם און דער אַזוי־גערופענער „וועלט־שמערץ”.

וואָס איז אַזוינס דער ראָמאַנטיזם? איידער מען ענטפערט אויף דער־דאָזיקער פראַגע, מוז מען זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער לאַגע, אין וועלכער איראָפּע האָט זיך געפונען אין אָנהייב XIX יאָרהונדערט.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די לערע פון די ענציקלאָפּעדיסטן, וואָס איז געגאַנגען פאַר איר, האָט דער געזעלשאַפט געבראַכט אַ טאָפּעלע אַנטוישונג: אין דער קראַפט פון דעם מענטשנס פאַרשטאַנד און אין די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון דער פאָרגעקומענער איבערקערעניש. מיר וועלן זיך אַ ביסל גענויער אָפּשטעלן אויף דעם פּראָצעס, דורך וועלכן די געזעלשאַפט איז געקומען צו דער אַנטוישונג. די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געמאָלדן, אַז נאָר שטיצנדיק זיך אויפן פאַרשטאַנד קאָן מען שאַפן אַ אידעאַלע געזעלשאַפט. די רעוואָלוציע האָט צוגעזאָגט פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. אָבער אין אָנהייב פון XIX י. ה. האָט זיך די געזעלשאַפט איבערצייגט, אַז סיי די רעוואָלוציע, סיי דער פאַרשטאַנד האָבן ביידע ניט ממלא געווען זייערע הבטחות. דער פאַרשטאַנד האָט ניט באַוויזן קיין וועג צו באַשאַפן אַ אידעאַלע געזעלשאַפט, די רעוואָלוציע האָט ניט איינגעפירט אויף דער ערד קיין פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. די פילאָזאָפיע פון דעם XVIII י. ה. האָט געהאַט איין גרויסן טעות. באַקומען בירושה פון דער פריערדיקער פסעוודאָקלאַסישער ליטעראַטור די געוווינהייט צו פינקטלעכע

לאָגישע געבויען, די שטרעבונג אַריינצושפּאַרן אַלץ, אַפילו די קונסט, אין פּאַרטיקע ראַמען, וואָס די טעאָריע האָט באַשאַפן, האָבן די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן דעמדאָזיקן דאָגמאַטיזם, דידאָזיקע סכעמאַטישקייט אַריבערגעטראָגן אויף זייערע רעליגיעזע, פּאָליטישע און רעכטלעכע טעאָריעס. לודוויק דער XIV, וואָס האָט דעקלאַרירט דעם באַוואוסטן פּרינציפּ „די מלוכה — דאָס בין איך", וואָס האָט אין זיין פּערזאָן פאַרקערפּערט גאַנץ פראַנקרייך, האָט געהייסן אונטערשערן די ביימער פון זיין ווערסאַלער גרויסאַרטיקן פּאַרק, און די אומבאַצוימטקייט פון דער נאַטור גופא געמאַכט אונטערטעניק צו די כללים און צו דער אָרדענונג; — די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן האָבן אונטערגעשוירן די פאַקטן און די געשיכטע, כדי ניט צו שטערן די האַרמאָנישקייט און די גאַנצקייט פון זייערע טעאָריעס.

לאָמיר נעמען צום ביישפּיל רוסאָס טעאָריע וועגן דער פראַגע, פונוואַנען שטאַמט די מלוכה.

אַנאַליזירט זי דורך אויפמערקזאַם, וועט איר זען, אַז אין איר גיסן זיך אָרגאַניש צונויף צוויי וועזנטלעכע סימנים פון דער דעמאָלטיקער אויפקלערנדיקער פילאָזאָפיע. די אידעע פון גלייכהייט און פון פרייען אָפּמאַך, אַלס יסודות פון דער מלוכה־אָפּשטאַמונג, איז דעם אויטאָר פון דער נייער עלאָאיזע אונטערגעזאָגט דורך דער ווירקלעכקייט פון זיין צייט. אַ קורצע צייט פאַר דער רעוואָלוציע, ווען אין דער געזעלשאַפט האָט זיך שוין אָנגעהויבן די יוירונג, האָט רוסאָ געהאַט די באַדערפעניש דידאָזיקע יוירונג פאָרצושטעלן אין דער פאָרם פון אַ היסטאָרישער טעאָריע. אַזוי אַרום האָבן די באַדערפענישן, וואָס זיינען רייף געוואָרן אין פראַנקרייך, אַרויסגערופן אין לעבן די טעאָריעס פון די אויפקלערער, און זייערע אידעען זיינען אין זייערע פּראַקטישע אויספירן אַזוי ווי באַשטעטיקט געוואָרן פון דער געשיכטע. דאָס איז געווען דער ערשטער שטריך פון דידאָזיקע טעאָריעס, וואָס האָט זיי געגעבן קראַפט און לעבשאַפט. זיי האָבן אָבער געהאַט נאָך אַ צווייטן שטריך, וואָס האָט צוגעגרייט זייער פאַלן — זיי זיינען געבויט געוואָרן אויף אַן אַבסטראַקטן אַפּריאָרישן אופן. נאָך רוסאָ האָט די וויסנשאַפט אַנטפּלעקט, אַז די גאַנצע טעאָריע זיינע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער מלוכה איז אַ פּרוכט פון זיין פאַנטאַזיע. בכן איז אַפילו רוסאָ, דער קעגנער פון די ענציקלאָפּעדיסטן, דער פּאַרטיידיקער פון האַרצן־און געפיל־רעכט, געווען אַ קינד פון דער סכעמאַטישער ראַציאָנאַליסטישער צייט, וואָס האָט געגלויבט, אַז דער פאַרשטאַנד קאָן אַליין פון זיך אַלץ אויסטייטשן און דערקלערן. די פילאָזאָפן פון XVIII י. ה. האָבן נאָך ניט געוואוסט פון רעגלמעסיקע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. אָנשטאָט דערגיין דורך אויפמערקזאַמען פאָרשן די געשיכטלעכע פאַקטן צו די לאָגישע אויספירן וועגן דעם אָפּשטאַמען פון דער מלוכה, בויט רוסאָ די אויספירן אָן פאַקטן. ער נעמט ניט אין באַטראַכט די באַדינגונגען פון אָרט און צייט און ער צווייפלט קיין רגע ניט אין דעם אוניווערסאַלן כאַראַקטער פון זיין היפּאָטעזע; אין אַלע עקן וועלט, אין אַלע צייטן איז די מלוכה געשאַפן געוואָרן, לויט זיין מיינונג, אויף איין אופן. אין מיטלאַלטער

האָט די קירך פּרעטענדירט אויף אַבסאָלוטע אמתדיקייט פון איר לערע; איצט פּרעטענדירט פּונקט אַזוי דער פאַרשטאַנד אויף אַבסאָלוטער באַדייטונג פון זיינע אויספירן.

אָט דאָס האָט דער פון־זיך־האַלטנדיקער יאָרהונדערט פון ראַציאָנאַליזם ירושה געלאָזן אויף דעם געביט פון געדאַנק דעם XIX יאָרהונדערט: אומבאַקאַנטשאַפט מיט פאַקטן, פּריצייטיקע הנחות און גלויבן אין דער מעגלעכקייט איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף אַ געוואונטשענעם שטייגער דורך טעאָריעס. די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט האָט באַצאָלט גוטע רבי־געלט פאַר אַזאַ האַלטן פון זיך. ווען די רעוואָלוציע האָט ניט באַפרידיקט די האָפענונגען, וואָס מ'האָט אויף איר געלייגט, ווערט די געזעלשאַפט אַנטטוישט אין דער קראַפט און אין דער באַדייטונג פון דעם פאַרשטאַנד. אָבער אָפּלייקענענדיק דעם פאַרשטאַנד, האָט די געזעלשאַפט שוין ניט געקאָנט מאַכן קיין שפּרונג אויף צוריק. זי וואָלט זיך וועלן אומקערן צו דער רעליגיע, צו דער אָנערקענונג פון אויטאָריטעט און טראַדיציע, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן די אַלטע אָרדענונג, אָבער זי האָט געפילט, אַז פאַר די מוחות, אין וועלכע די רעוואָלוציע האָט אַריינגעטראָגן אומגלויבן, איז שוין אומקערן זיך צוריק ניט מעגלעך. ווען שאַטאָבריאַן דערהייבט די רעליגיע, באַנוצט ער דעם לאָגישן מעטאָד פון דערווייזן, קומט ער אָן צו דער הילף פון דעמזעלביקן פאַרשטאַנד, וואָס ער אַליין לייקנט אים אָפּ אין נאָמען פון גלויבן. מיט איין וואָרט, אַפילו אין זיינע רעאַקציאָנערע פאָדערונגען איז ער אַ פאָרטזעצער פון די ראַציאָנאַליסטן. ער האַלט פאַר בייטיק צו גלויבן ניט, אַז גאָט האָט זיין ווילן אַנטפּלעקט צו אויסדערוויילטע מענטשן, נאָר אין דער קראַפט פון אַ גאַנצער ריי סברות, וועלכע ער גיט איבער אין זיינע ווערק. און עס איז זייער מעגלעך, אַז אַזאַ פאַרטיידיקער וואָלט די קירך אין מיטלאַלטער ערקלערט פאַר אַ כופר. אַנטטוישט אין פאַרשטאַנד, און פון דער צווייטער זייט ניט אימשטאַנד אומצוקערן זיך צו דעם אוממיטלבאַרן גלויבן, איז די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט אַריינגעפאַלן אין יאוש.

דערדאָזיקער אַנטטוישונג האָבן מיטגעהאָלפן אויך די פּאָליטישע געשעענישן. ערשט נאָך דער רעוואָלוציע ווערט קלאָר, אַז דער דריטער שטאַנד, וואָס האָט זי געמאַכט, איז ווייט ניט קיין איינאַרטיק גאַנצס. אין XVIII י. ה. האָט דערדאָזיקער טערמין באַצייכנט אַלע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג, וואָס געהערן ניט צו די פּריווילעגירטע קלאַסן. אין XIX ה. י. איז קלאָר געוואָרן, אַז דער דריטער שטאַנד גופא באַשטייט פון צוויי ניט קיין גלייכע טיילן — אָרעמע און רייכע. ווען די פּריווילעגירטע שטאַנדן זיינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון זייער גדולה, האָבן די פּויערים און די אַרבעטער אָנגעהויבן פאָדערן זייער חלק אין דעם רויב. דאַן האָבן די רייכע קאַפּיטאַליסטן און אייגנטימער זיך אַ קער געטאָן צוריק צו די אַלטע אידעאַלן. זיי האָבן איצט גאָרנישט קעגן דעם, מען זאָל צוריק איינפירן אַ מאָנאַרכיע, און זיינען גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון אַ טייל פון זייער הערשאַפט לטובת דעם מאָנאַרכיסטישן פּרינציפּ, אַבי ער זאָל זיי בייִשטיין קעגן דעם נייעם שרעקלעכן קאָנ-

קורענט אויף דער געשיכטלעכער אַרענע—קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן זיך דערפרייט מיט נאַפּאָלעאָנען, און באַגריסט די רעסטאַווראַציע פון די בורבאָנס. די קיניגן פון דעם אַדל זייַנען אַוועק, זייַנען געקומען די בירגערלעכע קיניגן. דער קיניג איז שוין ניט דער ערשטער אַדעליקער צווישן דער אָפּגעשלאָסענער אַריסטאָקראַטיע; ער גייט איצט אַרויס אויפן פּלאַץ און דריקט די הענט די רייכע קרעמער. אַזוי איז די רעאַקציע אויפן געביט פון געדאַנק געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט מיט דער פּאָליטישער רעאַקציע. אין באַגינען פון XIX י. ה. האָט די אַטעאיסטישע פילאָזאָפיע געבראַכט צום טרויער, וואָס מען האָט פאַרלאָרן די אמונה, און די רעפּובליק—צו דער אימפּעריע.

אין 1815 יאָר איז געשלאָסן געוואָרן דער הייליקער בונד. די מאָנאַרכן פון דריי גרעסטע מלוכות האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צוזאַמען באַקעמפן יעדע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואו זי זאָל ניט פאָרקומען. די שווערע רעאַקציע, וואָס האָט אָנגעהויבן הערשן אין אייראָפּע, האָט אין דער געזעלשאַפט אַריינגעבראַכט אינדיפערענטיזם צו פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן. „מיר,—האָט שפּעטער הייגע געשריבן,—וואָס מיר האָבן ניט קיין פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע זשורנאַלן, זייַנען דערפאַר באַשאָנקען מיט אָן אַ שיעור עסטעטישע אויסגאַבן, וואָס האָבן אין זיך גאָרנישט, אויסער פּוסטע מעשיות און טעאַטראַלע קריטיק. ווער עס האָט געזען אונזערע צייטונגען, וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק באַשטייט פון פלוידערנדיקע ניאַנקעס און פון טעאַטראַלע רעצענזענטן". דעם מענטשנס געדאַנק, וואָס איז באַזייטיקט געוואָרן כון אָנטייל אין דער אויסבעסערונג פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, האָט זיך אַ קער געטאָן צו פראַגן פון ריינער קונסט, צו פילאָזאָפיע און אַבסטראַקציעס. די בעסערע מענטשן האָבן זיך פונדעסטוועגן ניט געקאָנט באַפרידיקן מיט דידאָזיקע פראַגן און זייַנען אַריינגעפאַלן אין יאוש. דער ערשטער שטראָם האָט געבראַכט צו ראָמאַנטיזם, דער צווייטער צו פּעסימיזם.

מען דאַרף געדענקען, אַז דער ראָמאַנטיזם, געגליכן צום פּסעוודאָקלאַסיציזם, איז געווען אַן אַלאייראָפּעאישע ריכטונג. אָבער פּונקט ווי דער פּסעוודאָקלאַסיציזם האָט באַקומען זייַן דייטלעכן אויסדרוק אין פראַנקרייך און איז געבליבן דער עיקר פראַנצויזיש, אַזוי האָט דער ראָמאַנטיזם זייַן פולסטן אויסדרוק געפונען אין דייטשלאַנד און איז פאַרבליבן דער עיקר אַ דייטשער. דערויף האָט מען געדאַרפט וואַרטן. פּונקט ווי דער פּסעוודאָקלאַסיציזם האָט געפּאַסט צום פראַנצויזישן שכל, וואָס איז נוטה צו לאָגישער רעגלמעסיקייט און צו סכעמאַטיזם, אַזוי האָט דער ראָמאַנטיזם האַרמאָנירט מיט דעם טרוימערישן דייטשן כאַראַקטער. די היסטאָרישע באַדינגונגען האָבן אויך געווירקט אויף דידאָזיקע נאַציאָנאַלע ליטעראַרישע געשמאַקן. מיר האָבן שוין געזען, וואָס האָט מיטגעווירקט אין פראַנקרייך דער אַנטוויקלונג פון דער פּסעוודאָקלאַסישער און ראַציאָנאַליסטישער ריכטונג. אין דייטשלאַנד האָט געטריבן די שריפטשטעלער ווענדן זיך צו דער פאַרגאַנגענהייט נאָך איידער עס איז געקומען די ראָמאַנטישע ריכטונג דאָס, וואָס עס זייַנען דאָרט ניט געווען קיין

וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. געטע און שילער האָבן זיך אין די נייַנציקער יאָרן געווענדט צו געשיכטלעכע סוזשעטן און זיך פאַרנומען מיט פראַגן וועגן קינסטלערישער פאָרם. עס איז אָנגענומען צו רעכענען געטען און שילערן פאַר ראָמאַנטיקער. דאָס איז אַ מיספאַרשטענדעניש. געטע און שילער געהערן ניט צו דער ראָמאַנטישער שול, און אָפטמאָל פלעגן זיי אַפילו אַרויסווייזן זיך אַלס אירע שונאים. אמת, זיי האָבן געהאַט געמיינזאַמע פונקטן מיט די ראָמאַנטיקער, באַזונדערס אין דעם פעריאָד, ווען ביידע פאָעטן האָבן זיך דערנענטערט — דער אינטערעס צום מיטלאַלטער, צו פראַגן וועגן דער קונסט; אָבער דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון די לעבנס־באַדינגונגען פון סוף XVIII און אָנהייב XIX יאָרהונדערט. געטען און שילערן קאָן מען בשום אופן ניט רעכענען פאַר פאָרשטייער פון דער ראָמאַנטישער ריכטונג. אין פראַנקרייך זיינען די מער קענטיקע פאָרשטייער פון דער ראָמאַנטישער שול אין די צוואַנציקער יאָרן פון XIX י. ה. געווען לאַמאַרטין, וויקטאָר הוגאָ; אין דייטשלאַנד האָבן צו דערדאָזיקער שול געהערט די ברידער שלעגעל — אויגוסט, ווילהעלם און פרידריך, טיק, נאָוואַליס, וואַקענראָדער, שלייערמאַכער און אַנדערע, אויך די יינגערע גרופּע ראָמאַנטיקער: אולאַנד, די ברידער גרים, גערעס, און אַנדערע, וואָס זיינען געווען ראָמאַנטיקער בנוגע צו דער אַלטערטימלעכקייט און האָבן די וויסנשאַפט באַרייכערט מיט ווערטפולע אויספאָרשונגען, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער פאָלקסטימלעכער און אַלטערטימלעכער פאָעזיע.

איצט קאָנען מיר אַריבערגיין צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער ראָמאַנטישער וועלטאָנשויאונג.

דער ראָמאַנטיזם איז גלייכצייטיק געווען אַ רעאַקציע קעגן פסעוודאָקלאַסיציזם און ראַציאָנאַליזם. דער גרונטשטריך פון דער ראָמאַנטישער וועלטאָנשויאונג — דאָס איז דער עקסטרעמער סוביעקטיוויזם. די פערזענלעכקייט, איר אינערלעכע וועלט, איר פאַנטאַזיע און אַפילו אירע קאַפריזן — דערפון אַלץ מאַכן די ראָמאַנטיקער אַ קולט. די ענציקלאָפעדיסטן האָבן קיין צייט ניט געהאַט צו גריבלען זיך אין זייער נשמה. פאַרשלונגען אין דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, באַמיט זיך פאַראַלגעמיינערן אירע ערשיינונגען, באַשאַפן אַ סיסטעם, וואָס זאָל כולל זיין אין זיך אַלע לעבנס־פאַקטן, מיט צוטרויען צו דער קראַפט פון זייער פאַרשטאַנד, — האָבן זיך די ענציקלאָפעדיסטן ווייניק פאַרנומען מיט זייער „איך", און האָבן מער געטראַכט דערפון, וואָס איז געלעגן אויסער זייער „איך". דער ראָמאַנטיקער שטעלט זיין אינערלעכע וועלט העכער פאַר דער אויסערלעכער. די אויסערלעכע וועלט, אַלס עפּעס זעלבשטענדיקס, אינטערעסירט ניט דעם ראָמאַנטיקער. זיין פאָרשטעלונג וועגן דער ווירקלעכקייט איז פאַר דעם ראָמאַנטיקער מער ווערט איידער די ווירקלעכקייט גופא. אַ בליק טאָן ניכטער אויף דעם אָדער יענעם רעאַלן פאַקט, אָפשאַצן אים פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפונקט — דאָס קען דער ראָמאַנטיקער ניט. ער פאָרשט נאָר דעם איינדרוק, וואָס דער פאַקט האָט אויף אים פערזענלעך געמאַכט. אַנטטוישט אין די סאָציאַלע שטרעבונגען פון XVIII י. ה., און אַזוי ווי פאַר-

לאָרן דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט איינצושטעלן אַלגעמיינע פרייהייט און יושר, — האָט דער מענטש אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיך, גלייך ווי באַשלאָסן, אַז יעדער מענטש דאַרף דענקן אויף דער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, קוקן אויף דער גאָרער וועלט מיט די אייגענע אויגן, ניט זאָרגנדיק דערפאַר, אַז זיינע אָנשויאונגען זאָלן שטימען מיט די אָנשויאונגען פון די אַרומיקע. אַזאַ איז דער ערשטער שטריך פונם ראָמאַנטיזם; דאָס איז די פּאָעטישע פאָרשטעלונג וועגן דער ווירקלעכקייט, דער חילוף פון דער ווירקלעכקייט אויף פאַנטאַזיע, די סוביעקטיווע באַציאונג צו דער אויסערלעכער וועלט, די אויסשליסלעכע אָנערקענונג פון דעם אייגענעם „איך".

פון דערדאָזיקער עיקרשטער אָנשויאונג קומען שוין אַרויס אַלע איבעריקע שטריכן פון דער ראָמאַנטישער וועלטאָנשויאונג. קודם־כל האָט זיך גרינדלעך געענדערט דער בליק אויף דעם פּאָעט. דער פּאָעט איז שוין ניט מער דער געלערנטער, ווי ער איז געווען אין דער עפּאָכע, ווען דער פסעוודאָקלאַסיצים האָט געהערשט. ער איז — דער פרייער שעפער. ניט די בקיאות און די רעגעלן, נאָר דער טאַלאַנט איז דער עיקר־תּנאי פון פּאָעטישער שאַפונג. אָנשטאָט דער פריערדיקער לאַגע פון זונטערגעוואָרפנקייט, פאָדערט פאַר זיך דער פּאָעט אַ נייע לאַגע פון הערשאַפט. ער איז אַ שטאָלצער געזעצגעבער, און ניט קיין אויספירער פון געזעצן. אים רינגלט אַרום אַן אָרעאָל. ער שטעלט זיך הויך, איבער דעם המון, וועלכנס געשמאַק האָט נאָך פאַר אים ניט לאַנג צוריק געדינט אַלס איינציקער קריטעריי. דער פּאָעט פאָדערט פאַר זיך אומגעהערטע פרייהייט. ער האַלט פאַר געזעצלעך אַפילו אַלע זיינע קאַפּריזן. די שוין לאַנג אין קלעמען איינגעפּרעסטע שאַפונג, רייסט זיך מיט אומגעהייערער קראַפט אַרויס אויף דער פרייהייט, און אויף דעם אָרט פון קאָרנעל, וואָס האָט געהאָרכזאַם דערפילט דער אַקאַדעמיעס געבאָטן, וואָס פילט און דענקט אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון דער הויפישער מאָדע, וואַקסט אויס אַ נייער טיפּ פּאָעט, ווי אַ שטייגער לאַמאַרטין, וואָס איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט זיך און טראַכט ווייניק וועגן עולם.

די ראָמאַנטישע פרייהייט האָט באַדינגט נאָך אַ דריטע וויכטיקע ענדערונג, דהיינו, די ענדערונג פון דער קינסטלערישער פאָרם. אָנשטאָט דער שטרענגער רעגלאַמענטאַציע פון די מינים פּאָעזיע, שטייט איצט אָן אַ פולקומע אומאָרדענונג. ליריק און דראַמע, עפּישע ערציילונג און אַלעגאָריע, פאַרפלאָנטערטע סימבאָליק און מיסטישע געשטאַלטן—אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין ווערק. דאָס אַלץ גיט דעם פּאָעט די רחבות אויפצודעקן אַלע זיינע שטימונגען, אַנטפּלעקן די גאָרע אינערלעכע וועלט זיינע. די ראָמאַנטיקער האָבן אַזוי ווי נוקם געווען זיך פון דעם פסעוודאָקלאַסיציזם פאַר די קייטן, וואָס די פּאָעזיע האָט אַזוי לאַנג געטראָגן. און וואָס פאַרוויקלטער עס איז געווען די פאָרם, וואָס שאַרפער זי איז אַרויס פון די טראַדיציאָנעלע ראַמען, אַלץ מיט גרעסערן אַנטציקן האָבן זי באַגריסט די פאָרשטייער פון דער נייער שול. פרייהייט, אַפילו פולקומע ווילקיר אין דער פּאָעטישער פאָרם — דאָס איז דער דריטער סימן פון דער ראָמאַנטישער ריכטונג.

די סוביעקטיווע וועלטאַנשויאונג פון די ראָמאַנטיקער האָט געדאַרפט ווירקן אויך אויף זייערע אָנשויאונגען בנוגע די געמיינזאַמע באַציאונגען צווישן דעם פאַרשטאַנד און דעם דמיון: שעצנדיק העכער פאַר אַלץ די געשטאַלטן, וואָס לעבן אין אונז גופא, און ניט אין דער אויסערלעכער וועלט, האָבן די ראָמאַנטיקער באַזונדערס הויך געשעצט די פאַנטאַזיע און דעם דמיון, און האָבן פאַר דעם פאַרשטאַנד איבערגעלאָזן אין דער שאַפונג אַ קליינעם אָרט. דערפון שטאַמט די ליבשאַפט פון די ראָמאַנטיקער צו אומדייטלעכע סוזשעטן; אַלץ, וואָס איז רעאַל און נאָענט, באַגרעניצט די פאַנטאַזיע. אָט פאַרוואָס די ראָמאַנטיקער האָבן אַזוי ליב געהאַט פאַרגאַנגענע צייטן און דערווייטערטע לענדער. די מיטלאַלטער און דער אָריענט, איבערהויפט אינדיע, האָבן מיט אומגעווייִנלעכער קראַפט צו זיך צוגעצויגן די ראָמאַנטיקער. דאָרט איז געווען אַ רחבות פאַר זייער פאַנטאַזיע: דאָס, וואָס איז ווייניק באַוואוסט, קאָן בעסער דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר דער שפיל פון דעם שעפערישן דמיון, איידער דאָס נאָענטע און קלאָרע. פרידריך שלעגעל זאָגט מיט אַנטציקן: „ווען די קוועלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אינדיע, וועלן פאַר אונז ווערן צוטריטלעך, דאַן וועט אפשר די דרום־היץ פון דער שפּאַנישער פּאָעזיע אויסווייזן קאַלט אין פאַרגלייך מיט דער פלאַמענדיקער פאַנטאַסטישער אַטמאָספער פון אינדאָסטאַן". די ראָמאַנטיקער האָבן נאָך דערפאַר מער ליב געהאַט די מיטלאַלטער און אינדיע, מחמת דידאָזיקע עפּאָכע און דאָס דאָזיקע לאַנד האָבן אויסער זייער דערווייטערטקייט, פיל געזאָגט דעם ראָמאַנטיקערס האַרצן מיט די שטריכן, וואָס זיינען געווען אין נאָענטער קרובהשאַפט מיט זייער ריכטונג — מיט דעם מיסטישן שטרעבן אין דער הויך, מיט דעם עקל צו דער ווירקלעכקייט.

מיר מוזן איצט באַטראַכטן, ווי האָבן זיך די ראָמאַנטיקער באַצויגן צו דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, ווען זיי האָבן זיך אויף איר אָנגעשטויסן, ווען זיי איז ניט ווילנדיק אויסגעקומען אַרויסצוגיין פון די דלת־אַמות פון פאַנטאַזיע און דמיון, ד. ה. אַנדערש גערעדט — באַשטימען זייערע רעליגיעזע און פּאָליטישע אָנשויאונגען. אין דער הינזיכט איז דער ראָמאַנטיזם געווען אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג. די ליטעראַטור — דאָס איז אַ געטרייע באַגלייטערין פון לעבן. פונקט ווי צו דער פסעוודאָקלאַסישער פּאָעזיע האָט אין לעבן געשטימט די שטרענגע רעגלאַמענטאַציע, די אונטערטעניקייט צו די כללים און צום עטיקעט, אַזוי זיינען מיט דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע אין דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן צונויפגעפאַלן די מיסטישע דמיונות. אין אמונה זיינען די ראָמאַנטיקער געווען מיסטיקער, זייער רעליגיעזע וועלטאָנשויאונג איז געווען פונקט אַזוי ניט קלאָר און נעפּלהאַפט, ווי אַלע זייערע אָנשויאונגען. די רעליגיע—דאָס איז דער פּאַסיווער באַטראַכטן דעם אוניווערס, — אַזוי האָט די רעליגיע באַשטימט שלייערמאַכער. דערמיט האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז די שטרעבונג צום אַבסאָלוטן, צום דערנעענטערן זיך צו דער וועלט־יצירה, צום אייביקן, טאָר ניט זיין קלאָר, טאָר אין זיך ניט איינהאַלטן קיין עלעמענט פון אַקטיווקייט. לויט שלייערמאַכערס מיינונג, איז ווי נאָר דער

געדאַנק וויל אַרייַנדרינגען אין דער נאַטור פון אַבסאָלוטן, ווי נאָר דער פאַרשטאַנד וויל דייטלעכער באַשטימען דעם אַבסאָלוט, רייסט זיך איבער די רייַנע רעליגיעזע באַטראַכטונג. יעדער קאָן דעם אוניווערס באַטראַכטן אויף זייַן שטייגער. אין יעדערן קאָן די וועלט פון אין=סוף באַקומען זייַן אינדיווידועלע אָפּשפּיגלונג. די ראָמאַנטיקער האָבן הויך געשעצט דעמדאָזיקן מיסטיש־רעליגיעזן געפיל, און ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס זיי האָבן פייַנט געקראָגן די צייַט פון ראַציאָנאַליזם און פון די פראַנצויזישע אויפקלערער, וואָס האָבן חרוב געמאַכט דעם אוממיטלבאַרן רעליגיעזן געפיל, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פון אַבסאָלוטן, גרעניצלאָזן און וואונדערלעכן, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויפן ערדישן און פאַרשטענדלעכן. די ראָמאַנטיקער האָבן פאַרשאָלטן די צייַט פון פאַרשטאַנד, וואָס האָט געפטרט די מיטלאַלטערישע גאַנצקייט אין מענטשנס נשמה. זיי האָבן געזונגען לויבלידער צום קאַטוילליציזם. פיל פון זיי האָבן געאייַלט אַליין אַריבערצוגיין אין קאַטוילליציזם, און נאָוואַליס, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז דערגאַנגען אַזוי ווייַט, אַז ער האָט אָנגעהויבן פאַרדרוס צו האָבן, למאַי ס'איז פאַרקלענערט געוואָרן דעם פויפּסטס מאַכט, און בטל געוואָרן די אינקוויזיציע. אין דידאָזיקע שטימונגען האָט געפונען שטיצע די פּאָליטישע רעאַקציע. סיי מעטערניך, דער אָנפירער פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע, סיי די מיסטישע באַגייסטיקער פון דעם הייליקן בונד פון די אייראָפּעאישע מלוכות זייַנען אין זייער אכזריותדיקער פּאָליטיק בעצם געווען ראָמאַנטיקער.

פונקט אַזוי ניט דייטלעך זייַנען געווען אויך די פּאָליטישע אָנשויאונגען פון די ראָמאַנטיקער. זיי זייַנען בכלל געווען אינדיפערענט צו פּאָליטישע פראַגן, נאָר נאַפּאָלעאָנס אָנפאַל האָט אין זיי אויפגעוועקט דעם געפיל פון פּאַטריאָטיזם. אָבער אויך דערדאָזיקער געפיל האָט ביי זיי אָנגענומען אַ וויסנשאַפטלעכע און עסטעטישע באַפאַרבונג. די ראָמאַנטיקער האָבן נאָך אויפמערקזאַמער אָנגעהויבן שטודירן דאָס דייטשע אַלטערטום. דאָרט ביי די אַלטע גערמאַנער האָבן זיי געזוכט מעכטיקע מענטשן און שטאַרקע כאַראַקטאָרן, דאָרט האָבן זיי געשעפּט ראיות פאַר דער גרויסקייט פון דייטשן פאָלק און פון זייַן הויכער מיסיע.

אָבער די ליטעראַטור=געשיכטע דאַרף אָנערקענען, אַז דער ראָמאַנטיזם האָט אויך פּאָזיטיווע פאַרדינסטן: דידאָזיקע ריכטונג האָט געדינט אַלס איבערגאַנג צום רעאַליזם. ווי די ראָמאַנטיקער זאָלן ניט האָבן פאַרקרימט דעם עבר און דאָס ווייַטע, האָבן זיי דאָך אויפגעוועקט אינטערעס צו קנאַפּ באַוואוסטע צייַטן און פעלקער, אויפגעוועקט דעם היסטאָרישן אינטערעס. זיי האָבן דעם פּאָעטס פּערזענלעכקייט באַפרייַט פון די קייטן, אין וועלכע זי איז געשמידט געווען, האָבן אָפּגערייניקט אַ וועג פאַר דעם פּאָעטישן טאַלאַנט, האָבן באַוויזן, אַז די שאַפונג דאַרף גיין פרייַער פאַר די רעגעלן, און ניט פאַרקערט. זיי האָבן איבערגעזעצט די גרויסע ווערק פון אַלע צייַטן און פון אַלע פעלקער. אַדאַנק זייער עסטעטישן חוש, האָבן זיי געלונגען אויסגעווײַלט און באַקאַנט געמאַכט זייער פאָלק מיט די גרעסטע מאַלער פון לעבן, — מיט

אײן װאָרט, זײ האָבן פאַרברײטערט דעם געביט פון דער ליטעראַטור און דעם בליק־קרײז פון די לעזער, און, אַלײן דאָס ניט װילנדיק, רײן געמאַכט דעם װעג פאַר שטודירן די װירקלעכקײט. לסוף האָבן די ראָמאַנטיקער גרױסע װיסנשאַפטלעכע פאַרדינסטן. זײ האָבן געגעבן אַ מעכטיקן שטופּ פאָרױס דער אַנטװיקלונג פון דער געשיכטלעכער און פילאָלאָגישער װיסנשאַפט. זײ האָבן דײטשלאַנד צו דאַנקען פאַר דער אַנטדעקונג און דער אױסטײטשונג פון די גרױסע דענקמעלער פון זײער פאָלקסשאַפונג, למשל — דאָס ניבעלונגען־ליד, די לידער פון די מינעזינגער און אַז. װ. צו די ראָמאַנטיקער געהערן די ברידער גרים, די בעסטע זאַמלער פון פאָלקס־מעשהלעך.

דאָס זײנען די פּאָזיטיװע און די נעגאַטיװע זײטן פון דער ראָמאַנטישער באַװעגונג. די אומבאַשטימטע ריכטונג, װאָס איר יסוד איז פאַנטאַזיע,— דעם ראָמאַנטיזם, איז שװער צו כאַראַקטעריזירן אַלס האַרמאָנישע סיסטעם. די באַקאַנטשאַפט מיטן לעבן און מיט די אָנשױאונגען פון אײנעם פון די טיפּישסטע ראָמאַנטיקער װעט אונז שױן געבן אַ מער קלאָרע פאָרשטעלונג װעגן דער שול גופא.

XXI.

נאָװאַליס. — סאָפיע קין און די ראָמאַנטישע ליבע. — נאָװאַליסעס באַציאונג צו דער קיניגלעכער מאַכט און צום קאַטוליציזם — דער ראָמאַן „הײנריך פאָן אָפטערדינגען”—„דאָס בלױע בלימל”.—פּאָעזיע און די רעאַלע װעלט בײ נאָװאַליסן.

האַרדענבערג איז געבאָרן געװאָרן אין אַ פּראָזאַאישער משפחה. זײן פאָטער איז געװען אַ דירעקטאָר אין אַ פאַבריק. די מוטער — אַ גוטע פרומע פרױ. שטרענגע ערציאונג אין רעליגיעזן גײסט פון די הערנהוטערס, אָן חברים און געזעלשאַפט—דאָס זײנען די ידיעות װעגן זײן קינדהײט. מען זאָגט, אַז קינדװײז האָט ער באַװיזן אַ נטיה צו אײנזאַמקײט, אױסגעמיטן שפּילן און קינדערשע געזעלשאַפט. אין אײסלעבענער גימנאַזיע האָט ער זיך געגרײט צו דעם אוניװערזיטעט. אין 1790 יאָר איז ער אַלס אַכצניאָריקער בחור געקומען קײן יען, װאו ער האָט געזאָלט אָנקומען אין אוניװערזיטעט, כּדי דאָרט גרײטן זיך צו אַדמיניסטראַטיװער טעטיקײט. דערנאָך הײבט זיך אָן די געװײנלעכע אין דײטשלאַנד װאַנדערונג איבער די אוניװערזיטעטן. האַרדענבערג פאָרט אַריבער קײן לײפּציג, פון דאָרט קײן װיטענבערג, װאו ער פאַרענדיקט זײן בילדונג. דאַן הײבן זיך אָן זאָרגן װעגן אַן אָרט. האַרדענבערג איז אין טענשטעדט, װאו ער באַקומט אַ שטעלע בײם קרײזפאַרװאַלטער יוסט. יוסט איז זײער צופרידן מיט זײן טיכטיקײט און געװיסנהאַפטיקײט. ער צײכנט זיך אױס פון די חברים באַאַמטע. אין 1795, בשעת אַן אַמטלעכע רײזע, באַגעגנט זיך האַרדענבערג מיט דער צװעלף־אָדער דרײצניאָריקער סאָפיע קין און פאַרליבט זיך אין איר. זײן ראָמאַן איז אָן שטורעמס און אָן אױסערלעכע אױפטרײסלונגען. האַרדענבערג שליסט דעם שידוך און זײנע טרױמען גײען ניט װײ־

טער פאַר שטילן וואָכעדיקן משפּחה־גליק. נאָכדעם אַנטוויקלען זיך נאָך שטאַרקער די פּראָזאַאישע שטרעבונגען פון דעם פרומען און גוטן פיליסטער.

אַלס געהאָרכזאַמער זון פאַרלאָזט האַרדענבערג לויט דעם פאָטערס פאַרלאַנג די שטעל אין טענשטעדט און אין 1796 נעמט ער אָן די שטעל פון אוידיטאָר ביי אַ פאַרוואַלטונג פון פאַבריקן. אַרום דער צייט ווערט זיין כּלה קראַנק, און האַרדענבערג לעבט איבער אַ שווערע צייט, איבערגייענדיק פון שרעק צו האָפענונג. דידאַזיקע לאַגע ענדיקט זיך מיט שרעקלעכער פאַרצווייפלונג, ווען די כּלה שטאַרבט קוים פופצן יאָר אַלט. נאָר עס גייט אַריבער אַ יאָר און דער פּאָעט, וואָס זיין טרויער, האָט זיך געדאַכט, וועט קיינמאָל ניט געשטילט ווערן, איז ווידער פאַרנומען מיט זאָרגן וועגן אַ נייעם שידוך. האַרדענבערג באַקענט זיך אין פרייבערג מיט דער שיינער טאָכטער פון דעם בערגהויפּטמאַן שאַרפּאַנטיע — יוליע. ער ווערט איר חתן. איבער אַ ביסל הייבן זיך אָן די טרוימען וועגן משפּחה־גליק; ווידער זוכט האַרדענבערג אַ פעסטן מעמד און אין 1799 יאָר באַקומט ער אין ווייסנפעלז אַ שטעל פון אַסעסאָר ביי פאַבריקן, הייבט אָן צוגרייטן אַ קוואַרטיר, אָבער דאָס שפּייען מיט בלוט און אַנדערע קרענקלעכע סימפּטאָמען נייטן אָפּצולייגן די חתונה, וועלכע עס איז שוין קיינמאָל ניט באַשערט געווען אָפּגעשפּילט צו ווערן. דעם 25 מאַרט 1801 יאָר איז דער פּאָעט געשטאָרבן, ניט דערלעבט ביז 29 יאָר.

דאָס איז די איינפאַכע אויסערלעכע געשיכטע פון דעמדאָזיקן קורצן לעבן. קיין שטורעם, קיין עפעקט, קיין אויסערגעוויינלעכער מאָמענט.

אָבער הינטער דערדאָזיקער פּראָזאַאישער ביאָגראַפיע איז געווען פאַרבאָרגן אַ קאָמפּליצירט אינערלעך לעבן, פול מיט שטאַרקע איבערראַשונגען, רייך מיט אַזעלכע איינדרוקן און אַנטדעקונגען, וואָס דער גרעסטער אַוואַנטוריסט ווייס פון אַזעלכע ניט. אין דער צייט, ווען פון דרויסן איז איינאַרטיק געגאַנגען האַרדענבערגס פּראָזאַאישע קינדהייט, איז שוין דעם יינגלס קאָפּ געווען פאַרנומען מיט ווייט ניט קיין קינדישע פראַגן. ער האָט פרי אָנגעהויבן שטודירן פרעמדע שפּראַכן און געשיכטע, אין דער פריסטער יוגנט האָט ער שוין געלייענט מיט התמדה פּאָעטישע ווערק און באַזונדערס מעשהלעך.

אָבער בעסער פאַר אַלץ ערקלערט נאָוואַליסעס (האַרדענבורגס פּסעוודאָנים) אומזעבאַרע וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, די געשיכטע פון זיין ליבע צו זאָפיע קין. „זאָפיע קין!— שרייט אויס נאָוואַליסעס ביאָגראַף, — ווי אַ שרעקלעכער שלייער האָט דער גאָלדענער געשטאַלט פון דערדאָזיקער מיידעלע אַרומגעוויקלט דעם ראָמאַנטיקער. גלייך ווי אַ זעאונג פון אַ מעשהלע שווימט זי אַרויס פון דעם הייליקן האַרץ פון פּאָעזיע. אַ קינד, אין וועלכן עס דרעמלט די מיידל, — אַ בוטאָן, וואָס איז גרייט פונאַנדערצולאָזן זיך. אַ העלגעלאָקט קעפּל און שוואַרצע אויגן, ליסטיקייט פאַראייניקט מיט ערנסטקייט. דאָס קינד איז נאָך קיין דרייצן יאָר ניט אַלט, פירט די שפּיל נאַאיוו, ווי די ראָמאַנטיק האָט עס ליב; דאָס קינדישע פלוידערן פון דערדאָזיקער מיידעלע קלערט אויף די גרויסע רעטעניש, וואָס דער אוניווערס פאַרבאָרגט. דאָס איז אַ געשטאַלט באַשאַפן דורך דער לעגענדע. אַ ווייסע ליליע איז אין דער מיידלס

האַנט, און צו וואָס זי רירט זיך מיט איר צו, דאָס ווערט ריין און גוט. אַ קראַנץ פון ווייסע וואַסער-ליליעס באַפוצט איר שטערן. איז עס ניט די שיין, וואָס רינגלט אַרום די הייליקע?״

בלויז אַזאַ כאַראַקטעריסטיק גיט די עכטע פאָרשטעלונג וועגן דעם ראָמאַנטיקערס ליבע. ווי די ביאָגראַפן זאָלן זיך ניט באַמיען צו דערקלערן אַלע פרטים אין דער געשיכטע פון נאָוואַליסעס באַציאונגען צו סאָפיע קין, וועט די דאָזיקע געשיכטע אונז ניט זאָגן, פאַרוואָס האָט די באַגעגעניש מיט דער העלגעלאָקטער מיידעלע און איר טויט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דעם פּאָעטס נשמה. פאַר דער אויסערלעכער געשיכטע איז ניטאָ קיין אָרט אין דער אָפּשאַצונג פון די געשעענישן, ווען עס האַנדלט וועגן כאַראַקטאָרן ווי נאָוואַליסעס. ערשט דאַן, ווען מיר וועלן פאַרשטיין, אַז ניט פשוט אַ מיידעלע האָט ערשיינט פאַר נאָוואַליסן אין קינס געשטאַלט, אַז דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע געשטאַלט, וואָס האָט פאַר אים אַנטפּלעקט דעם סוד פון אוניווערס, אַז מיט דער דאָזיקער געשטאַלט האָט זיך דער פּאָעט אויפגעהויבן ווייט אין זיין אייגענער, פאַר געוויינלעכע אויגן אומזעבאַרער וועלט, — ערשט דעמאָלט וועלן מיר פאַרשטיין, אַז אין דער געשיכטע פון נאָוואַליסעס ליבע איז וויכטיק ניט די רעאַלע געשטאַלט, וואָס האָט פאַר אים געדינט אַלס אָביעקט פון זיין ליבע, נאָר דער אוצר פון פּאָעטס געפילן און געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער געליבטער געשטאַלט. אַזאַ ליבע, אין וועלכער די רעאַלע געשטאַלט פאַרשווינדט הינטער דעם פּאָעטס גופא פאַנטאַסטישע שאַפונג, האָט איבערגעלעבט ניט נאָר נאָוואַליס אַליין. עד היום האָבן נאָך דאַנטעס ביאָגראַפן ניט פעסטגעשטעלט, צי איז בעאַטריטשע אַווירקלעכער פאַקט, צי נאָר אַ פאַנטאַזיע; אָבער אַלעמען איז באַוואוסט, סאַר אַן עשירות פון אידעען און געפילן זי—צי ווירקלעכקייט, צי פאַנטאַזיע, — האָט געשענקט דעם שעפער פון דער ג ע ט ל ע כ ע ר ק אָ מ ע ד י ע.

דעריבער זיינען אומזיסט די אָנשטרענגונגען פון יענע נאָוואַליסעס ביאָגראַפן, וועלכע ווילן אָפּשאַצן זיינע באַציאונגען צו סאָפיע קין. אָנווענדנדיק צו אים אונזער געוויינלעכע מאָראַלישע מאָס. אַ באַזונדער פאַרוואונדערונג און אפילו פאַראורטיילונג רופט אַרויס זיין צווייטער באַשלוס חתונה צו האָבן. האַים פאַרענטפערט נאָוואַליסן דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט „אַ נאַטור, פול מיט לעבנסקראַפט״, וועלכע האָט אים געהאָלפן אויסהיילן די וואונד פון זיין האַרצן. בראַנדעס געפינט קיין פאַרענטפערונג ניט. און אפילו קאַרלייל, וואָס אין אַנדערע פאַלן אָנערקענט ער, אַז ער איז ניט אימשטאַנד און אַנטזאַגט זיך צו געבן אַן ענטפער אויף דאָס, וואָס עס איז ניט פאַרשטענדלעך, זוכט אין דער פראַגע וועגן נאָוואַליסעס צווייטן שידוך אַ פאַרענטפערונג אין נישטיקע סאָפיזמען און אין דער רוטינער מאָראַל. די באַשטענדיקייט אין אמתן זין פון וואָרט,—זאָגט קאַרלייל,—קאָן אָנגערופן ווערן דער יסוד פון יעדער טוגנד. באַזונדער ווערטפול איז די באַשטענדיקייט אין ענינים פון וואוילטעטיקייט, אין פריינדלעכער הילף צו די, וואָס ליבן אונז, און צו די, וואָס האַסן אונז. אָבער זיין באַשטענדיק אין פאַסיוון ליידן — דאָס איז, בלי ספק, טוגנד

פון אַ נידעריקער מדרגה; גיכער צופעליקייט, איידער טוגנט, דערביי צופע=
ליקייט, וואָס באַגעגנט זיך זייער זעלטן אויף דער וועלט". אַזוי פאַרענטפערנ=
דיק נאָוואַליסן, קאָן אים קאַרלייל ניט מוחל זיין נאָר די איילעניש מיטן
צווייטן שידוך. אומזיסט צו דערווייזן די נוצלאָזיקייט פון דידאָזיקע אורטיי=
לונגען. זיי וועלן מסתמא ניט פאַרענטפערן נאָוואַליסן אין די אויגן פון די
מענטשן, וועלכע האַלטן באַשטענדיקייט פאַר דער העכסטער מידה טובה, אָבער
זיי וועלן פאַרטונקעלן דעם אמתן כאַראַקטער פון דער ראָמאַנטישער ליבע.
אין יענער ליבע, מיט וועלכער נאָוואַליס האָט געליבט סאָפיע קין, איז ער איר
שטענדיק געטריי געבליבן; די וועלט, מיט וועלכער ער האָט זי אַרומגערינגלט,
איז געבליבן אויך נאָך איר טויט, און די געליבטע איז אויך נאָכן טויט גע=
בליבן די איינציקע קיניגין אין דערדאָזיקער וועלט. עס איז געשטאָרבן איר
ערדישע שייך, אָבער איר גייסטיקע געשטאַלט לעבט. דער פּאָעט האָט, ווי
פריער, אַלץ נאָך אין איר אורים=ותומים געפרעגט וועגן די סודות פון דעם אוי=
ניווערס. אַזוי האָט די לאַנג פאַרשטאָרבענע, און אפשר נאָר אין דעם פּאָעטס
דמיון עקזיסטירטע בעאַטריטשע אין משך פון גאָר זיין לעבן דאַנטען געפירט
צום אמת, אַרויסגעפירט אים פון די יוגנט=ספקות און וואַקלענישן, געבראַכט
אין גן=עדן, אין דער מלוכה פון גליק און רו. און ווער עס האָט משיג געווען
די געשיכטע פון דאַנטעס אינערלעכער אַנטוויקלונג, יענער וועט זיך ניט וואונ=
דערן, וואָס דער שעפער פון דער געטלעכער קאָמעדיע איז, חתונה האָבנדיק
מיט אַן אַנדער פרוי, גאָר דאָס לעבן געטריי געבליבן דער געטלעכער מיידל,
וועלכע ער האָט באַגעגנט אויף דער פייערונג ביי פּאָלקאָ פּאָרטינאַרי.

נאָך ווייניקער פאַרוואונדערונג דאַרף אַרויסרופן נאָוואַליסעס טויט. דאָס
איז געווען די עפּאָכע פון אידעאַליזם, ווען מען האָט אויף דער וועלט געקוקט,
ווי אויף אַ שאָטן. נאָוואַליס האָט ניט מיטן שכל אַליין, נאָר מיטן גאַנצן
וועזן משיג געווען פיכטעס לערע. ער האָט געגלויבט, אַז די גאַנצע וועלט
איז מער ניט ווי אַ פּאָרשטעלונג פון אונזער „איך". און דערדאָזיקער גלויבן
איז ביי אים געבליבן אויך אין דער צייט פון קינס קראַנקהייט און נאָך איר
טויט. ווען זיין געליבטע איז געשטאָרבן, האָט ער מיט דער עקשנות פון
אַ מענטשן, וועלכער שטעלט דעם רצון העכער פאַר אַלע אויסערלעכע ער=
שיינונגען, געגלויבט, אַז זיין געליבטע קאָן ניט און דאַרף ניט שטאַרבן. ווען
זי איז געשטאָרבן, האָט ער זיך לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק וועגן
טויט; ער האָט גערופן דעם טויט. עס קלעקט אָבער דורכצולייענען אויפ=
מערקזאַם די זייטלעך פון זיין טאָגבוך, וואָס ער האָט געשריבן נאָך סאָפיעס
טויט, מיר זאָלן זיך איבערצייגן, אַז נאָוואַליסעס רופן דעם טויט איז ניט
געווען דאָס רופן פון אַ מענטשן, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער געליבטער
פערזאָן אַלץ אין לעבן פאַרלאָרן. נאָוואַליס האָט געקוקט אויפן טויט, ווי
אויף אַ איבערוואַנדערונג אין אַן אַנדער וועלט, וועלכע איז אים בכלל גע=
ווען נאָענט, אין וועלכער ער האָט זיך אַוועקגעטראָגן נאָך זיין געליבטער. פאַר
נאָוואַליסן איז דער טויט ניט קיין לויפן פון לעבן, נאָר עכט לעבן. „היינט פרי האָב
איך, ווי געוויינלעך, געטראַכט וועגן איר", — שרייבט ער דעם 5=טן אַפּריל אין

48 שעה נאָך סאָפיעס טויט. „היינט איז מיר ניט פיל אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן איר", — שרייבט ער דעם 7־טן אַפּריל. פון דעם 10־טן אַפּריל לייענען מיר: „היינט בין איך געזעסן לעבן איר קבר". דעם 18־טן אַפּריל זאָגט ער: „איך מוז לעבן נאָר צוליב איר. איך עקסיסטיר נאָר פאַר איר, פאַר זיך און מער פאַר קיינעם ניט. זי איז ביי מיר דאָס העכסטע, דאָס איינציקע. מיין אויפגאַבע איז: טאָן אַלץ בנוגע איר אידעע". זיין טויט וואָלט געווען אַן אמתער קרבן, אַ באַווייז פון זיין שטרעבן צו אַ העכערער וועלט. נאָוואַליסעס טאָגבוך באַווייזט, ווי נאַריש עס איז צו זען אין זיין רופן דעם טויט אַ סימן פון יאוש. אויב נאָוואַליס, אַלס מענטש, האָט געטרויערט אויף דעם טויט פון זיין געליבטער, האָט זי נאָוואַליסן דעם דענקער באַגייסטערט צו זוכן דעם אייביקן אבסאָלוטן אמת.

פונקט ווי דאַנטע האָט אַמאָל אַוועקגעשטעלט אַן אומשטערבלעכע מצבה בעאַטריסעשן אין Vita Nuova, — אין דערדאָזיקער לירישער דראַמע, אַן וועלכער זיין ליבע וואָלט פאַרלאָרן פאַר אונז יעדן אינטערעס, אַזוי האָט נאָוואַליס באַזונגען די געשיכטע פון זיין ליבע אין הימנען צו דער נאַכט, אין דערדאָזיקער אפשר אויפריכטיקסטער און פּאָעטישסטער שאַפונג פון דער ראָמאַנטיק. דידאָזיקע הימנען דערציילן אונז, ווי אַזוי דער „הייליקער קבר" פון דער געליבטער האָט געמאַכט אַ וואונדערלעכע איבערקערעניש אין דעם פּאָעט, ווי אַדאַנק אים, איז ער לחלוטין אַוועק פון דער ערדישער וועלט אין דער אומזעבאַרער וועלט, צו וועלכער זיין נשמה האָט שוין לאַנג געשטרעבט. „צי דען, — שרייט ער אויס אין דעם צווייטן הימן, — וועט זיך דער פרימאָרגן אַלץ ווייטער צוריקקערן? צי דען וועט קיינמאָל ניט בטל ווערן די מאַכט פונם ערדישן? די נישטיקע הבלימדיקייט שטערט דעם הימלשן פלי פון דער נאַכט. עס איז באַגרעניצט די צייט, וואָס איז באַשטימט פאַר דער ליכטיקייט, אָבער די הערשאַפט פון דער נאַכט האָט ניט קיין גרעניץ ניט אין צייט, ניט אין רוים". „איצט ווייס איך, — זאָגט ער אין דעם פערטן הימן, — ווען וועט קומען דער לעצטער פרימאָרגן: ווען די ליכטיקייט וועט מער ניט שרעקן דער נאַכט און דער ליבע, ווען דער שלאָף וועט ווערן אַן אייביקער, ווען אַלץ וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין איין אומאויפהערלעכן חלום". נאָוואַליס האָט די נאַכט ליב באַקומען מער פאַרן טאָג, און דעם טויט מער פאַרן לעבן. בעסער פאַר אַלץ איז דידאָזיקע איבערקערעניש געשילדערט אין דעם דריטן הימן, וועלכן קאַרלייל ברענגט אין זיין בוך וועגן נאָוואַליסן:

„איינמאָל, — זאָגט נאָוואַליס, — פאַרגיסנדיק ביטערע טרערן, מחמת מיין האָפענונג איז פאַרשוואונדן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ליידן, בין איך איינזאַם געשטאַנען ביים קבר, וואָס אין זיין ענגן און פינסטערן חלל איז געווען באַהאַלטן דער טרוים פון מיין לעבן. איינזאַם ווי קיינער ניט, באַוועגט פון אומאויסדערציילבאַרן טרויער, אָן קראַפט, טראַכטנדיק נאָר וועגן מיין אומגליק, האָב איך געקוקט אַרום מיט האָפענונג אויף הילף, ניט באַוועגט זיך ניט פאָראויס, ניט אויף הינטער, מיענדיק זיך מיט ענדלאָזער בענקשאַפט

צו פאַרהאַלטן דאָס פאַרלאָשענע אַוועקפליענדיקע לעבן. האָט זיך פון דער טיפער ווייטקייט, פון דער הייך פון מיין אַמאָליקן תענוג אַראָפּגעלאָזן דער קאַלטער אָטעם פון בין השמשות, און פלוצלונג איז זיך די שמידעכץ, וואָס פאַרבינדט צונויף פון געבורט אָן די קייטן פון דער וועלט, צעפאַלן, עס איז פאַרשוואונדן די ערדישע פּראַכט, און צוזאַמען מיט איר מיין טרויער. די בענקשאַפט איז צעשוואומען און זיך צונויפגעגאָסן מיט אַ נייער אומבאַוואוסטער וועלט. דו, נאַכט-פאַרגייסטערונג, הימלשער חלום, ביסט אַראָפּ אויף מיר. די דעקאָראַציע האָט זיך רואיק אויפגעהויבן אין דערהויך, איבער איר האָט געשוועבט מיין באַפרייטער און איבערגעבוירענער גייסט. דער קבר איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין שטויביקן וואָלקן, דורך וועלכן איך האָב דערזען דאָס אויפגעלויכטענע געזיכט פון מיין געליבטער. אין אירע אויגן האָט גערוט די אייביקייט. איך האָב געכאַפּט איר האַנט, און מיינע טרערן האָבן אָנגעהויבן צו גלאַנצן, ווי די רינגען פון אַן אומאיבערגעריסענע קייט. טויזנטער יאָרן זיינען אַוועק אין דער ווייטקייט, געגליכן צו וואָלקנס פון געוויטערס. איך האָב געוויינט אויף איר ברוסט, אין התפּעלות ווינטשנדיק אַ ניי לעבן. דאָס איז געווען דער ערשטער אומגעוויינלעכער חלום מיינער, און פון דעמאָלט אָן פיל איך אייביקן אומענדלעכן גלויבן אין דעם נאַכט-הימל און אין זיין שיין — מיין געליבטע".

סאַר אַ גרויסער תהום עס ליגט צווישן די פּשוטע טאָג-טעגלעכע פאַקטן פון נאָוואַליסעס לעבן און צווישן די אידעען, וואָס דידאָזיקע פאַקטן האָבן געבוירן אין דעם פּאָעטס מוח! ווען נאָוואַליס פלעגט זיך פון זיינע הינטערוואָלקנספערן אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, ווען ער האָט זיך באַשלאָסן מיט זיין אידעאַליסטישן קריטעריי אָפּצושאַצן דאָס ערדישע לעבן, — דאַן פלעגט זיך אַרויסווייזן דעם פּאָעטס אומפעאיקייט צו לייזן פּראַקטישע פּראָבלעמען.

די ערדישע וועלט, וואָס נאָוואַליס האָט באַגראָבן, האָט געלעבט מיט איר רעאַלן לעבן, מיט אירע געוויינלעכע אינטערעסן, און ווען דער פּאָעט איז אַרויס פון זיין שאָטן-וועלט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף ערשיינונגען, קנאַפּ פאַרשטענדלעכע פאַר זיין טרוימענדיקן שכל. דאָס, וואָס האָט געשיינט צו זיין שיין, איידל אין די הינטערוואָלקנספערן, דערויף האָבן זיך דאָ, אויף דער ערד, געשטיצט די שונאים פון דער מענטשהייט. און דאָס, וואָס האָט געשיינט צו זיין קליינלעך און וואולגאַר אין די סודותפולע חלומות—די קליינלעכע מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן, — דאָס איז אַרויסגעטראָטן דאָ אויף דער ערד מיט אומגעהערטער קראַפט. פאַר דאָס רעכט פון דער, אפשר, קנאַפּ דענקענדיקער און קנאַפּ פּאָעטיזירנדיקער מאַסע האָבן געקעמפט די בעסטע מוחות פון דער צייט. אירע נויטווענדיקע אינטערעסן, וואָס האָבן ניט קיין שיינקייט און קיין פּאָעזיע, זיינען געוואָרן די הויפּטסטימולן פון מלוכישן און געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

מיר וועלן זיך גענוי ניט אָפּשטעלן אויף נאָוואַליסעס פּאָליטישע און רעליגיעזע אָנשויאונגען. דידאָזיקע אָנשויאונגען—דאָס איז דורכאויס אַ פאַנטאַסטישער טרוים, אין וועלכן ער אידעעטירט דאָס געוואונטשענע און דאָס

עקסיסטירנדיקע מיט דער עקשנות פון אַ אידעאַליסט, וואָס פאַרמאַכט די אויגן אויף די סתירות צווישן דער ווירקלעכקייט און דעם אידעאַל, פון אַ אידעאַליסט, וואָס זעט אין דער ווירקלעכקייט נאָר דאָס, וואָס עס שטימט מיט זיין אידעאַל, און מעקט פון איר אויס דאָס, וואָס באַשטעטיקט ניט זיין אידעאַל. אין פ ר אַ ג מ ע נ ט ן געפינען מיר אַ געדאַנק וועגן קיניג. פאַר באָוואַליסן האָט ניט עקסיסטירט די פּאָליטישע ליטעראַטור פון דער אויפקלערונגס-צייט. ער אורטיילט ווי אַ בריאה, וואָס איז אַראָפּגעפלויגן פון אַן אַנדער וועלט. ער האַלט פאַר ניט נייטיק צו באַקענען זיך מיט די עראָבערונגען פון דעם מענטשלעכן געדאַנק. די געשיכטע האָט אים גאָרנישט אויסגעלערנט. די אָנשטרענגונגען פון די פילאָזאָפן פון פאָריקן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן געשטרעבט אָפּצוזוכן נייע פאָרמען פון מלוכה-לעבן, וואָלטן גענויט פאַרטראַכטן זיך יעדן דענקער, וועלכער האָט זיך באַשלאָסן איבערצוקוקן די פראַגע וועגן דידאָזיקע פאָרמען. אָבער באָוואַליסן איז אומבאַקאַנט געווען דערדאָזיקער וועג פון פראָגרעסיוון גאַנג פון מענטשלעכן געדאַנק. ער האָט זיך דרייסט אומגעקערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דער מיסטישער פאַרגעטערונג פון דער קיניגלעכער פערזאָן. די פאַרהאַסטע רעגירונגס-סיסטעם פון פרידריך ווילהעלם דעם I האָט באָוואַליסן ניט געקענט אָפּהאַלטן פון אידעאַליזירן די קיניגלעכע מאַכט. דער קיניג, — זאָגט ער אין דעם דריטן פראַגמענט, — איז אַ לעבנס-פּרינציפּ פון דער מלוכה; ער איז פולקום דאָסזעלבע, וואָס די זון אין דער פּלאַנעטן-סיסטעם. אַרום דעם דאָזיקן לעבנס-פּרינציפּ אַנטשטייט דאָס העכערע לעבן אין דער מלוכה, די אַטמאָספער פון ליכט. דעריבער ווערן די אויסדרוקן פון דעם בירגער, וואָס געפינט זיך נאָענט לעבן קיניג, גלענצנד און אַזוי פּאָעטיש, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך. זיי דינען אַלס אויסדרוק פון העכסטער באַגייסטערונג. און היות ווי אין דער העכערער באַגייסטערונג ווערט אונזער גייסט טעטיקער, היות ווי די אַקציע פון גייסט איז דענקען, און דאָס דענקען איז לויט זיין מהות אַ שאַפונג-עלעמענט, און מיט דער העכערער פאַרגייסטערונג פאַראייניקט זיך אַזוי אַרום דאָס שענסטע, פולקומע דענקען, — על-כן זיינען די אויסדרוקן פון דעם בירגער, וואָס געפינט זיך נאָענט לעבן קיניג, אַן אויסדרוק פון העכערער פאַרבאָרגענער פולקייט פון די קרעפטן, אַן אויסדרוק פון די לעבעדיקסטע סטימולן, וועלכע ווערן רעגולירט דורך אַכטונגספולער איינגעהאַלטנקייט; זיי זיינען אַן אויפפירונג, וואָס איז אונטערגעוואָרפן צו אַ ריי כללים. אָן עטיקעט קאָן ניט זיין קיין הויף. עס עקסיסטירט אָבער אַן עטיקעט אַ נאַטירלעכער, אַ פיינער, און אַן עטיקעט אַ געקינצלטער, אַ מאָדישער, אַ מיאוסער. איינשטעלן דעם ערשטן מין עטיקעט איז ניט קיין קליינע זאָרג פאַר אַ דענקענדיקן קיניג, מחמת ער האָט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף דעם געשמאַק און אויף דער ליבשאַפט צו דער מאָנאַרכיסטישער פאָרם.

אין דידאָזיקע אורטיילן וואַרפט זיך קודם-כל אין די אויגן דער מישמאַש פון די באַגריפן וועגן אידעאַלן און ווירקלעכן. עס איז שווער צו באַשליסן, צי צייכנט באָוואַליס אַ אידעאַל פון אַ קיניג, צי זאָגט ער אונז,

וואָס דאַרף זיין אַ קיניג, אָדער דער פּאָעט איז משער, אַז דער קיניג איז און קען ניט זיין אַנדערש. אין זיינע אורטיילן וועגן דער קיניגלעכער מאַכט האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גאַנצס: אי די עקזאַלטירטע האָפענונגען, וואָס די נאַציע האָט געלייגט אויף דעם נאָכפאָלגער פון פרידריך ווילהעלם דעם II, אי די פּאָעטישע טרוימען, וועלכע האָבן דעם פּאָעט געשטערט צו זען די ווירקלעכקייט, אי דער קולט פון פעאָדאַלן הויף־לעבן, וואָס די ראָמאַנטיק האָט באַשאַפן. נאָוואַליס האָט געגלויבט, אַז די גאַנצע וועלט קאָן מיט איין קער פון צויבער־שטעקעלע ווערן אַ געהאָרכזאַם שפּעלע. דער קיניג דאַרף שטיין אויף דער הויך פון וויסנשאַפטלעכן קענען און פון קינסטלערישן ערפאָלג פון זיין לאַנד. אים דערלאַנגט מען אַלע ידיעות וועגן דעם ערפאָלג פון דער וויסנשאַפט, ער איז דער שיצער און דער לערער פון די קינסטלער. נאָוואַליס האָט דעם קיניג באַשאָנקען מיט אייגנשאַפטן און מיט קרעפטן, וואָס קענען זיך צוזאַמען ניט געפינען אין איין פּערזאָן, און האָט געמאָלדן, אַז „דער קיניג איז אַ מענטש, וועלכער איז דערהויבן ביז דער מדרגה פון ערדישער פּאָרזעאונג". דער יסוד פון מאָנאַרכיע איז די אָנערקענונג פון דעם קיום פון אַ אידעאַלן מענטשן. „צווישן גלייכע, — זאָגט נאָוואַליס, — קאָן איך ניט אויסקלייבן קיין עלטסטן".

דידאַקטישע, אַלכעמיסטישע, אַלבפּאָליטישע אָנשויאונגען האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער ווירקלעכקייט. נאָוואַליס האָט געזען, אַז די נייע ווינטן האָבן שוין חרוב געמאַכט די האַרמאָנישע מלוכה, וואָס זיין דמיון האָט געמאָלט. דאַן איז ער אַוועק נאָך ווייטער. פון אידעאַליזירן די קיניגלעכע מאַכט איז ער אַריבער צו אידעאַליזירן די מיטלאַלטערישע קאַטוילִיציזם און פּויפּסטנטום. אין זיין מערקווירדיקן פראַגמענט קריסטנטום אָדער אייראָפּע זאָגט נאָוואַליס: „דאָס זיינען געווען פּראַכטפולע גלענצנדע צייטן, ווען אייראָפּע איז געווען דאָס איינציקע קריסטלעכע לאַנד, ווען אין דעמדאָזיקן וועלט־טייל זיינען געזעסן מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן פון איין קריסטלעכן גלויבן. איין הויפּט פון דער קירך איז געווען דער אָנפירער פון אַלע גרויסע פּאָליטישע געזעלשאַפטן און האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט אין איין גאַנצס". נאָוואַליסן איז אין קאַטוילִיציזם טייער ניט דאָס, וואָס האָט געבוירן די מיטלאַלטערישע פאַנאַטיקער. הערט זיך צו צו זיין אַפּאָלאָגיע פון דעם קאַטוילִיציזם, וועט איר זען, אַז פאַר אים זיינען אין דעם טייער נאָר די שטריכן, וועלכע מאַכן דעם קאַטוילִיציזם נאָענט מיט די ראָמאַנטישע שטרעבונגען. די קירך האָט געשטיקט די פרייהייט פון געדאַנק, בכן, האָט זי פאַרבאָטן די פּראָזאַאישע דעטאַלע פאָרשונג פון דער ווירקלעכער וועלט, און האָט דעם מענטשן געטריבן אין דער געביט פון וואונדער און פאַנטאַזיעס. „גערעכט איז געווען דער קלוגער הויפּט פון דער קירך, שטעלנדיק זיך אַנטקעגן דער העזהדיקער אַנטוויקלונג פון די מענטשלעכע פעאיקייטן לרעה דער רעליגיעזישקייט, שטעלנדיק זיך אַנטקעגן די געפערלעכע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון וויסן. ער האָט גערעכטיק פאַרבאָטן די דרייסטע דענקער אָפן צו באַשטעטיקן, אַז די ערד איז אַן אומבאַדייטנדע פּלאַנעט, וואָרעם מ'האָט גע-

נאָוואַלים

וואוסט, אַז צוזאַמען מיטן פאַרלירן די אכטונג צו דעם ערדישן פאָטערלאַנד, וועלן מענטשן פאַרלירן די אַכטונג אויך צום הימלשן פאָטערלאַנד און צו זייער גאַנצן מין, אַז זיי וועלן בעסער וועלן באַגרעניצט וויסן, איידער אומבאַגרעניצט גלויבן, און וועלן זיך צוגעוויינען פאַראַכטן אַלץ, וואָס גרויס און פאַרדינט באַוואונדערונג, האַלטנדיק עס נאָר פאַר טויטער אַקציע פון די נאַטור-געזעצן". נאָוואַליס האָט מער פאַר אַלץ אויף דער וועלט טייער געהאַלטן זיין רעכט צו טרוימען, צו לעבן אין אַן אַנדער וועלט, און דערדאָזיקער הויפטשטריך האָט אים געמאַכט פאַר אַן אָבסקוראַנט, פאַר אַ פאַרפאָלגער פון פרייען געדאַנק און פון וויסנשאַפטלעכן פאָרשן. „דער פראָטעסטאַנטיזם, — זאָגט ער, — האָט פרעך חרוב געמאַכט די איינהייט פון דער קירך. די רעליגיע איז חלול-הקודשדיק איינגעשלאָסן געוואָרן אינעווייניק אין די מלוכה-גרעניצן". לויט זיין מיינונג, איז די גרויסע שפּאַלטונג, וואָס דער פראָטעסטאַנטיזם האָט אַריינגעטראָגן אין דער קירך, אַ קלאָרער באַווייז פון דעם שאָדן, וואָס די קולטור ברענגט לפחות אויף אַ געוויסער מדרגה אירער. דער פראָטעסטאַנטיזם איז ביי נאָוואַליסן פאַרהאַסט, מחמת אין אים נעמען אַלץ מער און מער די אויבערהאַנט די ערדישע אינטערעסן.

נאָוואַליס פאַרענדיקט זיין פראַגמענט מיט אַן אָנווייזונג אויף די סימנים פון אויפלעבונג, וואָס הייבט זיך אָן. אים דאַכט זיך, אַז ווידער קומט אָן די צייט פון וואונדער. די מלוכות פאַראייניקן זיך אין איין גרויסער מלוכה, און אין איר שפּיץ וועט ווייטער שטיין די גייסטלעכע מאַכט, וועלכע איז די איינציקע אימשטאַנד שלום צו מאַכן צווישן די קעמפנדיקע וועלטלעכע קרעפטן. די פילאָזאָפן און די ענציקלאָפּעדיסטן דאַרפן אַריין אין דער נייער פרייער קירך, וועלכע איז אָרגאַניזירט לויט דעם מוסטער פון דער מיטלאַלטערישער. דידאָזיקע נייע קירך וועט אויפנעמען אין איר שויס אַלע נשמות, וואָס דאָרשטן נאָך הימלשן.

אַזוי האָט זיך געמאָלט די צוקונפט דער פילאָזאָף, וואָס האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן מיט דער רייכער ירושה פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען די אָנגעהויבענע אַרבעט פון דעם מענטשנס געדאַנק, וועלכן עס איז באַשערט געווען אַלץ טיפער אַראָפּלאָזן זיך אין פאָרשן די ערדישע אינטערעסן און מיען זיך וועגן אַ תרופה צו די סאָציאַלע מחלות.

און נאָוואַליס האָט געמאַכט אַ פּראָבע צו באַשאַפן אַ ווערק, אין וועלכן די גאַנצע וועלט ווערט פאַרוואַנדלט אין איין צויבערמעשהלע, אין וועלכער פאַנטאַזיע ווערט עכטעווירקלעכקייט, און די לעבעדיקע ווירקלעכקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין ניט נייטיקער פאַנטאַזיע. מיר האָבן פאַר זיך היינריך פאָן-אָפטערדינגען, נאָוואַליסעס הויפטראָמאַן. אין דעמדאָזיקן ווערק האָט נאָוואַליס דערציילט זיין גאַנצע געשיכטע, זיין יאָגן זיך נאָך דעם שאָטנגליק, נאָך דעם אידעאַל, וועלכן ער האָט אַלעגאָריש געשילדערט אין דער פאָרם פון אַ „בלאָ בלימל". „בלאָ בלימל! — זאָגט היילבאָרן, — דורך דער טונקלקייט פון וואַלד, דורך די שפּאַלטן פון די בערג, דורך אַ דורכגאַנג, וואָס

איז באַגראָבן אין די פעלזן, ליגט דער וועג צו אים, דער וועג פון חלומות, אויף וועלכן דער פּאָעט טרעט אַרויף אין חלום".

ווירקלעך, דאָס „בלאָ בלימעלע" איז געוואָרן דער סימבאָל פון דעם ראָמאַנטישן אידעאַל, דער ציל, אין וועלכן עס גיסן זיך צונויף גליק, שיינהייט און אמת. אין דעמדאָזיקן ראָמאַן האָט דאָס וואונדערלעכע געזאָלט שפּילן די ראָל ניט „פון פאַנטאַסטישע פלוידעריי", נאָר ווערן אַן אמתער פונדאַמענט פון לעבן. דער צוזאַמענשטויס פון דער ווירקלעכקייט מיט דער פאַנטאַזיע האָט געזאָלט לאָזן אונטערגיין די ערשטע און מנצח זיין די צווייטע. די פאַנטאַזיע האָט געזאָלט געלייגט ווערן אין יסוד פון אַ נייער קיניגרייך פון דער אייביקייט און פאַרניכטן די פּראָזאַאישע קיניגרייך פון דער ווירקלעכקייט.

אין דעם ראָמאַן איז פאַרהאַן אַ מעשהלע, וואָס קלינגסאָר דערציילט היינריכן, און וועלכער דריקט אין אַלעגאָרישער פאָרם אויס די גרונטאידעע פון דעם ראָמאַן און האַלט אין זיך איין, ווי בראַנדעס האָט ריכטיק באַמערקט, דעם שליסל צו דער אידעע פון דעמדאָזיקן ווערק. די מעשהלע הייבט זיך אָן מיט דער באַשרייבונג פון דעם פּאַלאַץ, אין וועלכן עס האָבן געדרימלט דער קיניג אַרטור מיט זיין טאָכטער, געשמידטע אין די אייז-קייטן פון קאַלטקייט און פינסטערניש. אַזוי איז געשמידט דער גייסט פון דער אמתער מאָראַלישקייט, אַדאַנק די שטרענגע פאָרמען פון די הייַנטיקע געזעצן. עס האָט אָבער געשלאָגן די שעה פון ערוואַכונג, און די קייטן, וואָס האָבן געדריקט אַרטורן און זיין טאָכטער, ווערן צעפאַלן. זיי באַפרייט די פאַבעל, ד. ה. די פּאָעזיע, און איר ברודער עראָס. זייער פאָטער איז אַ טעטיקער אומרואיקער מוח, נאָר זיי האָבן פאַרשיידענע מוטערס. עראָסס מוטער איז דאָס האַרץ, דאָס הייסע, ליבנדיקע, געדריקטע פון צער. די מוטער פון פּאָעזיע — איז האַניסטאַנאַ די פרעכטיקע פאַנטאַזיע, די טאָכטער פון דער לבנה. אויסער דידאָזיקע פיגורן עקסיסטירט נאָך ביי אַרטורן אין הויז די געטלעכע חכמה סאָפיע. אין הויז אַנטשטייט אַ קאַמף צווישן אַרטורס באַפרייער מיט די קרעפטן, וואָס זיינען פיינדלעך צו דער פּאָעזיע. בשעת עראָט און פאַבעל זיינען ניטאָ דערביי, אָרדנט דער שרייבשטעלער, וועלכער פאַרקערפּערט מיט זיך די אויפקלערונגס-צייט און בכלל דאָס פּראָזאַאישע וויסן, וואָס האַלט זיך גרויס מיט זיין אויסגערעכנטקייט, אַ פאַרשווערונג און דערגרייכט צו צייטווייליקן נצחון איבער פּאָעזיע און ליבע... דער שרייבשטעלער איז געשילדערט אַלס טאַלאַנטלאָזער, באַגרעניצטער אַרבעטער, וואָס זיינע שאַפונגען ווייזן זיך אַרויס פאַר דעם געריכט פון חכמה אַלס נישטיקע און אומנוצלעכע. די הויזדינערשאַפט, וואָס איז אַריינגעצויגן אין דער פאַרשווערונג, מאַכט חרוב דעם מזבח און פאַרשמידט אין קייטן פאָטער און מוטער. אָבער דער נצחון פון דער פּראָזע דויערט ניט לאַנג. די קליינינקע פאַבעל האָט זיך געראַטעוועט פון טויט. ניט פאַר אַמאָל פאַרווירקלעכט זי איר מיסיע. אַ ביסל צייט קומט איר נאָך אויס צו פאַרברענגען אין דער קיניגרייך פון בייז, וואו עס קיניגן די טויט-

ברענגענדיקע פּאַרקעס. די פּאָעזיע וואַרפט זיי פּאַר שפּייז צו די טאַראַנטולן, ד. ה. צו די ליידנשאַפטן און פּאַרניכטעט די מלוכה פון בייז.

פּאַבעל האָט זיך צוריקגעקערט אין פּאַלאַץ. „סאָפיע, — דערציילט קלינגסאָר, — איז געשטאַנען לעבן מזבח, וועלכער איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן, עראָס איז געלעגן ביי איר צו פוסן אין פולער באַוואָפענונג, ערנסטער און געהויבענער, איידער ער איז ווען געווען. עס האָט געברענט אַ העלער קנויט. די פּאָדלאָגע איז געווען געדעקט מיט פאַרשיידנפאַרביקע שטיינער, און אַרום מזבח איז געווען אָנגעצייכנט אַ קרייז, וואָס איז באַשטאַנען פון זונענרייכע פיגורן. האַניסטאַנאַ האָט זיך אָנגעבויגן איבערן בעט, אויף וועלכער ס׳איז געלעגן דער פּאָטער, דאַכט זיך, פאַרזונקען אין טיפן שלאָף און האָט געוויינט. סאָפיע האָט זיך געווענדט צו פּאָעזיע מיט אַזעלכע ווערטער: ליב קינד, דיינע באַמיאונגען, דיין געטרייקייט האָבן דיר פאַרשאַפט אַן אָרט צווישן די אייביקע שטערן. דו האָסט געוויילט אין זיך דאָס אומשטערבלעכע. דו זאָלסט זיין די נשמה פון אונזער לעבן". עס הייבט זיך אָן די וועלט־שריפה, אין וועלכער עס גייט פאַרלאָרן די לייכטונג פון דער פריערדיקער וועלט — די זון. די מוטער קומט אויף אום. פּאַבעל זאַמלט צונויף איר אַש אין אַ קעסטל, און צו דער שטים פון דעמדאָזיקן אַש הערן זיך צו עראָס און די אַרומיקע, און זי דינט פאַר זיי אַלס שטענדיקער וועגווייזער. „די מוטער איז מיט אונז, זאָגט סאָפיע, — איר אָנוועזנהייט וועט אונז שטענדיק ברענגען גליק". דאָס צייטלעכע און שטערבלעכע ווערט פאַרשוואונדן. דאָס לעבנסלאָזע טרעט אָפּ דאָס אָרט פאַר דאָס, וואָס איז פול מיט לעבן. דער וועלטפלאַם צעשמעלצט דעם אייז פון אַרטורס פּאַלאַץ. פּאַבעל פירט אויס איר מיסיע און ברענגט עראָסן צו זיין געליבטער, אַרטורס טאָכטער. אַזוי איז אָנגעקומען די נייע קיניגרייך פון פרייער פּאָעזיע און ליבע אָנשטאָט דער פריערדיקער וועלט, וועלכע איז געשמידט אין שטרענגע פאַרמען פון געזעץ. „קומט נאָך מיר אין אונזער וואוינונג, — זאָגט זאָפיע, — אין טעמפּל; דאָרט וועלן מיר לעבן אייביק און היטן דעם וועלט־סוד". און פּאַבעל האָט געזונגען אין דער הויך: „ס׳איז געגרינדעט די מלוכה פון אייביקייט; מיט ליבע און שלום האָט זיך אויסגעלאָזן דער קאַמף; ס׳איז פאַרביי דער דויערנדיקער געשפּענסט פון ליידן. סאָפיע איז אויף אייביק געוואָרן די פּריסטערין פון די הערצער".

אַזאַ איז דער אינהאַלט פון דער מעשהלע. נאָר דיזעלבע אידעע האָט נאָוואַליס אָנגעקליידט אין קאָנקרעטער פאָרם אויך אין ראָמאַן גופא. דער העלד פון ראָמאַן העגריך איז אַ פּאָעט, און דערמיט איז שוין אַלץ געזאָגט. זיין נשמה וועט זיך ניט באַרואיקן, ביז זי וועט געפינען איר אידעאַל. „העגריך האָט זיך ביסלעכווייז פאַרפלאָנטערט אין זיסע טרוימען און איז איינגעשלאָפן, — דערציילט נאָוואַליס וועגן זיין העלד, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט איבער דער דערציילונג פון איינעם אַ דורכגייער. — אים האָט זיך געחלומט אַן אומגעזעענע ווייטקייט און ווילדע אומבאַוואוסטע קאַנטן. ער האָט זיך מיט אומפאַרשטענדלעכער לייכטקייט אַריבערגעטראָגן איבער ימים. ער האָט געזען משונהדיקע חיות;

ער האָט מיט פאַרשיידענע מענטשן איבערגעלעבט אי מלחמה, אי שלום; ער פֿאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט". אָט זעט ער אין חלום אַ בלוי בלימל, וואָס האָט זיך אויך זיין פאָטער אַמאָל געחלומט, און וואָס איז פאַר אים אַ סימן פון גליק.

מיט דעמדאָזיקן חלום הייבט זיך אָן דער ראָמאַן. דאָס בלויע בלימל, דער סימבאָל פון ראָמאַנטיזם, האָט, בלי ספק, אויך נאָוואַליס געזען. ער איז אויך געווען אַ פּאָעט און, איינמאָל דערפילט אין זיך די שטרעבונג צום איי־ביקן און אבסאָלוטן, האָט ער שוין דאָס גאַנצע לעבן עס געזוכט, אָפּזאָגנדיק זיך פון ערדישע אינטערעסן.

הענריך לאָזט זיך אויך זוכן דאָס בלימל. צוזאַמען מיט דער מוטער און מיט וואַנדערנדיקע סוחרים, פאָרט ער צו זיין זיידן קיין אויגסבורג. די גע־שפּרעכן מיט די סוחרים, זייערע מעשׂיות, און אויך דאָס לעבן—אַ קאָמפּליצירטס און פאַרשיידנאַרטיקס, וואָס עס קומט אים אויס צו באַאָבאַכטן,—דאָס אַלץ באַריי־כערט זיינע איינדרוקן. די שמועסן מיט קלינגסאָרן—דאָס איז די געשיכטע פון נאָוואַליסעס אַנטוויקלונג גופא; דאָס איז די געשיכטע וועגן דעם, ווי דער פּאָעט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון וויסן און פאַרשטאַנד און אָנגעהויבן זינגען שבחים צו פּאָעזיע און פאַנטאַזיע. די געשיכטע פון הענריכס ליבע צו מאַטיל־דען—דאָס איז די ליבע־געשיכטע פון נאָוואַליסן גופא צו סאָפיע קין. סאָפיע קין איז געשטאָרבן, ניט געוואָרן נאָוואַליסעס פרוי; מאַטילדע דערטרינקט זיך, איידער הענריך האָט דערגרייכט זיין ציל. געגליכן צו זיינע שפּעער, האָט הענריך געזען די געשטאָרבענע, געהערט איר שטימע, געפילט איר אָנוועזנ־הייט. זי האָט אים ווייטער באַגייסטערט. ווען הענריך האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען מאַטילדען, האָט ער דערפילט עפּעס ענלעכס דערצו, וואָס ער האָט געפילט, זעענדיק דאָס בלויע בלימל. נאָך איר טויט פאַרשליסט ער זיך אין קלויסטער און פילט זיך דאָ ווי אַ געשטאָרבענער. דידאָזיקע שטימונג הענריכס איז אונז שוין באַקאַנט פון די הימנען צו דער נאַכט. מיר ווייסן, אַז נאָך קינס טויט האָט זיך נאָוואַליס אויך געפילט ווי אַ געשטאָרבענער אויף דער וועלט, אָדער ווי אַ לעבעדיקער צווישן מתים. דער צווייטער טייל פון פון ראָמאַן איז ניט געענדיקט, מען קאָן אָבער לייכט פאַרשטיין לויט די פּראָג־מענטן, ווי האָט געזאָלט זיין זיין סוף. הענריך באַגעגנט אַן אַנדער פריינדין דיאַנע, פונקט ווי נאָוואַליס האָט זיך אויך געפונען אַ צווייטע חברטע. מאַטילדע און דיאַנע גיסן זיך צונויף אין איין געשטאַלט. צייט און שטח ווערן פאַרשוואונדן; אַלע סתירות גיסן זיך צונויף אין דער איינציקייט פון זיין שטימונג. הייגריך רייסט אויס דאָס בלויע בלימל און באַפרייט מאַטילדען פון כישוף.

עס איז שווער איבערצוגעבן אויף אַ שפּראַך, וואָס זאָל פאַר אַלעמען זיין פאַרשטענדלעך, די געפילן, וועלכע האָבן ערוואַכט ביי דעם ראָמאַנטיקער אין דער נשמה, ווען מ'דערמאָנט דידאָזיקע פאַנטאַסטישע בלויע בלום. אָבער דידאָזיקע ניט דייטלעכע שטרעבונגען פאַרלאָזן קיינמאָל ניט, אַפילו דעם סאַמע פּראַקטישן מענטשן. פאַר דעם ראָמאַנטיקער איז דאָס בלויע בלימל—דאָס איבערערדישע, העכערע גליק, וואָס דעם מענטשנס נשמה זוכט אומזיסט. דאָס

בלויע בלימל — דאָס איז דער אייביקער אמת, צו וועלכן דער דענקער שטרעבט דאָרשטיק מיט זיין באַגרעניצטן ערדישן שכל; דאָס בלויע בלימל — דאָס איז די ניט ערדישע שיינקייט, פאַר וועלכער אונזער וועלט גיט ניט גענוג פאַרבן, האָט ניט גענוג האַרמאָנישע קלאַנגען; דאָס בלויע בלימל — דאָס איז דער גלויבן, אז עס עקסיסטירט אַ העכערע פולקומערע וועלט; דאָס איז אין דערזעלבער צייט טרויער אויף אומפולקומענהייט פון אונזער וועלט. דאָס בלויע בלימל — דאָס איז אַ ניט קלאָרער סימבאָל, ווי עס איז ניט קלאָר אַלץ, וואָס שטייט אויפן גרעניץ פון צייטווייליקן און גרעניצלאָזן.

XXII.

די פּאָעטן פון „וועלט-שמערץ" — די סיבות, וועלכע האָבן אין ענגלאַנד פאַרשאַרפט דעם קאָנפליקט צווישן דער פּערזענלעכקייט און דער געזעלשאַפט. — באַיראָנס פּערזענלעכקייט. — די עלטערן. — די מוטער. — די ערציאונג. — דער צוזאַמענשטויס מיט דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט. — באַיראָנס פּאָליטישע טעטיקייט. — דער ראָמאַנטישער פּעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. — די ערשטע 2 לידער פון „טשאַילד האַראָלד". — די אָריענטאַלישע פּאָעמען. — דער דעמאָנישער העלד.

אַזאַ איז געווען דער ערשטער וועג, איבער וועלכן עס איז אַוועק די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט, ווען זי האָט זיך אַנטטוישט אין די אידעאַלן פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע און אומזיסט זיך באַמיט צו געפינען טרייסט אין דער ספערע פון צויבערלעכע טרוימען. אָבער ניט אַלע האָבן געקענט געפינען טרייסט און פאַנטאַסטישע דמיונות, און אַ טייל פון דער געזעלשאַפט איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן יאוש. אין אָנהייב פון דעם XIX י. ה. ערשיינען אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער אַזעלכע זינגער פון דעם „וועלט-שמערץ". אין פראַנקרייך — שאַטאָבריאַן, אין איטאַליע — לעאָפּאַרדי, אין דייטשלאַנד — היינע. — אַלץ פּאָעטן, וואָס טרויערן אויף דער אומפולקומענהייט פון דער זעבאַרער אָרדענונג, וואָס טראָגן אַריבער זייער טרויער פון דער אומעטיקער ווירקלעכקייט אויף דעם גאַנצן וועלטאַל, וואָס שטעלן זיך פאָר, אַז אין איר איז דאָ עפּעס אַ פאַטאַלער אומזין, וואָס טרויערן וועגן דעם, למאַי די ווירקלעכקייט שטימט ניט מיט די פאָדערונגען, וועלכע די נאַטור האָט אַריינגעלייגט אין זייער נשמה. דאָס זיינען ווערטערס און פּאָסטס נאָכפאָלגער. אָבער דער באַרימטסטער צווישן די אַלע פּאָעטן פון שמערץ איז לאָרד באַיראָן, דער הערשער איבער די געדאַנקען פון זיין צייט, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געקיניגט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

אויב די רעאַקציע האָט געבראַכט צו דער געדריקטער שטימונג פון דער געזעלשאַפט אויפן קאָנטינענט, האָבן די בעסערע מענטשן פון ענגלאַנד געהאַט נאָך באַזונדערע, ספּעציעלע סיבות צו זיין פאַרצווייפלט און דורכגעדרונגען מיט פאַראַכטונג צו דער מענטשהייט. ענגלאַנד האָט פריער פאַר אַנדערע דערוואָרבן געוויסע בירגערלעכע פרייהייט. און דעריבער האָבן די ערשטע דונערן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ערגעץ ניט באַגעגנט אַזאַ

מיטגעפיל=אָפּקלאַנג, ווי אין דער ענגלישער געזעלשאַפט. אָבער ווען די רעוואָלוציע האָט אָנגענומען אַ דראָענדיקע פאָרם, ווען אירע דונערן האָבן זיך אָפּגערופן אין גאַנץ אייראָפּע, דעמאָלט האָט מען זיך אין ענגלאַנד דערשראָקן פאַר דעמדאָזיקן שרעקלעכן שטראָם, וואָס האָט לכתחילה אויסגעוויזן ווי אַ קרישטאָלן אָפּגערייניקט טייכל. מען האָט אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר דעם גורל פון רעליגיע, פאַמיליע, אייגנטום, און אַפילו אין די מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן האַנדל מיט קנעכט, האָט מען אָנגעהויבן אײַנזען געפערלעכע יאַקאָבינער. דערצו זיינען צוגעקומען די אָרעמקייט פון די מאַסן. אַדאַנק דער קאָנטינענטאַלער סיסטעם, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשאַפן, איז פאַרשווערט געוואָרן דער צופיר פון דערנערונגס=פּראָדוקטן, די פּרייזן אויף ברויט האָבן זיך געהויבן; מחמת די אומאויפהערלעכע מלחמות זיינען די שטייערן געשטיגן, און די אָרעמע קלאַסן, וואָס אויף זייער קאָפּ איז געפאַלן באַזונדער שווער די לאַסט פון דידאָזיקע לעבנס=באַדינגונגען, זיינען אויסגעגאַנגען פון דלות און הונגער. אין מאַנטשעסטער האָט אַ טייל פון דער באַפעלקערונג געוואוינט אין קעלערס. אָפט פלעגן אין דידאָזיקע גריבער שטיין קאַלוזשעס, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אויסגעטריקנט. דורך דער ציגל=פּאָדלאָגע פלעגט דורכגיין פייכטקייט; די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט עיפּוש. פונדעסטוועגן פלעגן גאַנצע משפחות וואוינען אין אַזעלכע נאָרעס און שלאָפן אַלע אינאיינעם אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע.

אַזעלכע זיינען געווען די פּאָליטישע און די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען אין ענגלאַנד אין דער צייט פון רעאַקציע. אונז בלייבט איבער נאָר אויסצופאָרשן די באַזונדערהייטן פון דעם ענגלישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וועלכע האָבן אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון באַיראָנס פּראָטעסטירנדיקער וועלט=אָנשויאונג.

בשעת וואָלטער האָט באַזוכט ענגלאַנד, איז ער געוואָרן פאַרוואונדערט פון דעם ענגלישן רעליגיעזן פוריזם. „ניט קיין אָפּערע, ניט קיין קאָמעדיע, ניט קיין קאָנצערטן זיינען דאָ ניטאָ אום זונטאָג, — שרייבט וואָלטער, — אַפילו קאָרטן זיינען דאָ אַזוי שטרענג פאַרבאָטן, אַז נאָר דזשענטלמענער באַשליסן זיך צו שפּילן אין דעמדאָזיקן טאָג.” מען דאַרף פונדעסטוועגן ניט טראַכטן, אַז די ענגלענדער זיינען רעליגיעזער פאַר אַנדערע פעלקער, מערניט זיי היטן פעסט די טראַדיציאָנעלע מנהגים. די יראת=הכבודיקע באַציאונג צום מנהג, דער אויסערלעכער קאָנסערוואַטיזם דרינגט אַדורך אַלע זייטן פון ענגלישן לעבן. אַפילו אַזעלכע טאָג=טעגלעכע ערשיינונגען, ווי מיטאָג, קומען ביי די ענגלענדער פאָר מיט געוויסע צערעמאָניעס. ניטאָ אַזאַ פאַלק, וואָס זאָל זיין דעספּאָטישער אין די פאָדערונגען, וואָס עס שטעלט אַרויס צו יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אין דעם אויסערלעכן טאָג=טעגלעכן לעבן. דער ענגלענדער, וואָס באַזוכט אום זונטאָג ניט די קירך, וועט פאַרפאָלגט ווערן מצד דער געזעלשאַפט, בעצם ניט אַזוי דערפאַר, וואָס ער האָט ניט קיין רעליגיעזע איבערצייגונגען, ווי דערפאַר, וואָס ער איז עובר אויף דעם אָנגענומענעם מנהג. דידאָזיקע שטרענגקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל האָט אַנטוויקלט

פֿאַלשקייט. די ענגלענדער זיינען זייער שטרענג צו דעם, וואָס איז עובר אויף די פֿאָדערונגען פֿון אויסערלעכער אָנשטענדיקייט, זיי באַציִען זיך אָבער לגמרי אָן שטרענגקייט צו באַהאַלטענער זינד, וואָס די עפֿנטלעכקייט ווייס פֿון דעם ניט. גטן און משפּחה־סקאַנדאַלן זיינען, לויט מאַקאָלייס רייד, אַ געוויינלעכע ערשיינונג אין ענגלאַנד. נאָר „איין מאָל אין עטלעכע יאָר,—זאָגט דערדאָזיקער שריפֿטשטעלער,—הייבט זיך אונזער טוגנד אויף מיט די פֿאָדערשטע פֿיס. פּלוצלונג ווערן מיר ניט אימשטאַנד אַריבערצוטראָגן, אַז עמיצער זאָל שטערן די געזעצן פֿון רעליגיע און מאָראַל. און אויסגעקליבן עפּעס אַ שעיר לעזאזל, וואָס איז קיין האָר ניט ערגער פֿאַר אַנדערע, הייבן מיר אים אָן צו רודפֿן, ביז ער פֿאַלט ניט אונטער אונזערע הענט, נאָכדעם שטאָלצירן מיר מיט דער ריינקייט פֿון אונזערע מידות, לאַכן פֿון דער פּאַריזער לייכטזיניקייט, און אונזער טוגנד שלאָפֿט ווידער אַיין אויף עטלעכע יאָר". אין איין שורה מיט דערדאָזיקער שטרענגער אפּיקורסות קאָן אין ענגלאַנד זיך איינלעבן אַן אומגעוויינלעך אַנטוויקלטער גייסט פֿון אומאָפּהענגיקייט. די נאַטור מיט דער געשיכטע האָבן זיך פֿאַראייניקט, כּדי אויסצואַרבעטן אין דעם ענגלענדער אַ געפֿיל פֿון אייגענער ווערדע, אַ גלויבן אין זיך און אין זיינע קרעפֿטן. ענגלאַנד איז קיניגין איבער די ימים. די געוווינהייט צו קעמפֿן מיט דער שרעקלעכסטער און קאַפּריזסטער סטיכיע האָט אין דעם ענגלענדער אַנטוויקלט די תאווה צו אַוואַנטורעס און צו וואַגענישן. ליבע צו רייזעס און שאַרפֿע איבערלעבונגען — דאָס איז איינס פֿון די ממשותדיקע נאַציאָנאַלע שטריכן אין דעם ענגלענדער. אין שטאַרקע נאַטורן האָט דערדאָזיקער שטריך געזאָלט אַנטוויקלען גראַנדיעזע פּרעטענזיעס, שטרעבונגען אַרומצונעמען די גאַנצע נאַטור, אַרומצוכאַפּן דאָס לעבן אין גאַר איר פֿולקייט און פֿאַרשיידנאַרטיקייט.

דידאָזיקע נאַציאָנאַלע באַזונדערהייטן דערקלערן, פֿאַרוואָס ערגעץ האָבן די צוזאַמענשטויסן צווישן דער שטאָלצער פּערזענלעכקייט מיט דעם אויסערלעכן דרוק ניט אָנגענומען אַזוינע שאַרפֿע פֿאָרמען, ווי אין ענגלאַנד. די אין זיך פֿאַרגלויבטע פּערזענלעכקייט, וואָס דער XVIII י. ה. האָט אין איר איינגעפֿלאַנצט אַ גוזמאדיקע פֿאָרשטעלונג וועגן איר פֿאַרשטאַנד, איז, אָנשטויסנדיק זיך אויף דער רעאַקציע און איבערצייגנדיק זיך אין איר מאַכטלאָזיקייט, אַריינגעפֿאַלן אין אומעט און יאוש. אָבער נאָר ענגלאַנד, וואו צו דעמדאָזיקן אַלגעמיינעם קאָנפֿליקט איז צוגעקומען דער דעספּאָטישער קוק פֿון דער צבועקישער געזעלשאַפֿט, און וואו די פּרעטענזיעס פֿון דער פּערזענלעכקייט האָבן דערגרייכט צו אַ באַזונדער גרויסער מדרגה, האָט געקאָנט באַשאַפֿן אַזאַ ליידנשאַפֿטלעכן אינדיווידואַליסט, אַזאַ שטורעמדיקן פּראָטעסטאַנט, ווי באַיראָן, וועלכן עס איז באַשערט געווען צו ווערן דער הויפּט־אויסדריקער פֿון דער פּראָטעסטירנדיקער בענקעניש פֿון זיין צייט, דעם הערשער איבער די מוחות פֿון זיין צייט.

דער גורל האָט פּונקט ווי בכּיוון געזאָרגט אַרומצורינגלען סיי די קינדהייט, סיי דאָס גאָרע לעבן פֿון דעם פּאָעט מיט אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס האָבן מוסיף געווען אַ פֿולע איבעריקע הייסע ביטערניש צו דעם אינערלעכן

קאָנפליקט און צו די ספקות, וואָס האָבן צעעסן די מוחות פון דער דעמאָלדיקער געזעלשאַפט. באַיראָן איז געווען אַן ענגלישער אַריסטאָקראַט לויט זיין אָפּשטאַמונג, און מען דאַרף געדענקען די געשיכטע פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, געדענקען דעם שטרענגן קאַמף צווישן דער יאָרקער און לאַנקאַסטערער משפחות, דעם קאַמף, וואָס איז פול מיט פינסטערע סודות און בלוטיקע גבורות, כדי צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שפּראָצונג עס האָט געדאַרפט אַרויסקומען נאָך אַ לאַנגער קייט פון דורות. עס קלעקט אַרויסצוכאַפּן פון דער שורה באַיראָנס עלטערן נאָר עטלעכע פּאָרטרעטן, מיר זאָלן פאַרשטיין, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מער ניט ווי וואַריאַציעס פון איינעם און דעמזעלבן טיפּ. צווישן זיי געפינט זיך דער באַרימטער דזשאָן באַיראָן, וואָס האָט געהאַט די צונעמעניש „דער וואַגנדיקער", אַן אויסערגעוויינלעכער ליבהאָבער פון אַוואַנטורעס, וואָס איז איבערגעשוואומען איבער ימים, וואָס האָט געלעכצט נאָך שטורעמס און שלאַכטן, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ ריי לעגענדאַרע מעשים. עס האָט געשיינט, אַז דער אומבאַצוימטער גייסט פון די אַלטע וויקינגס האָט ווידער אויפגעלעבט אין דערדאָזיקער אומרואיקער נאַטור, וועלכע האָט פאַר זיך אין קיין זאַך ניט געפונען קיין באַפרידיקונג, פאַרשווענדט אירע רייכע כוחות אויף קעמפן מיט די סטיכיעס. אין איין שורה מיט דעמדאָזיקן „העלד פון אומוועטערן" דערמאָנט דעם פּאָעטס גענעאַלאָגיע וועגן אַן אַנדער אורפּאָטער, פאַר וועלכן די דאָרף-איינוואוינער האָבן געצאַפּלט, און אין אימה אַנטלאָפן זיין פרוי, וואָס בלויז זיין נאָמען האָט געוואָרפן אַ ציטער אויף די שכנים. די עלטערן פון באַיראָנס מוטער זיינען אויך באַצייכנט מיט דיזעלביקע שטריכן פון אומגעצוימטער קראַפט. צווישן זיי קאָן מען געפינען עטלעכע זעלבסט-מערדער און מיסטריס באַיראָנס פאָטער איז געשטאָרבן אין קאַנאַל. דאָס זיינען געווען קרעפּטיקע עגאָאיסטן, פאַר וועלכע מאַנסבילן האָבן מורא געהאַט, און וועלכע פרויען האָבן פאַרגעטערט. אין זייער האַרט-האַרציקייט האָבן זיי ניט געטראַכט וועגן די אַרומיקע. אין זייערע אַוואַנטורעס האָבן זיי, אַליין דאָס ניט באַמערקט, געשטערט פרעמדע לעבנס און צעבראָכן פרויען-הערצער. באַיראָנס מוטער האָט—דערציילט דעם פּאָעטס ביאָגראַף,—זיך באַגאָסן מיט טרערן, ווען זי האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם טויט פון איר מאַן. און אין דער אמתן איז ער געווען אַן אויסגעלאַסענער מטורף, אַ רויבער פון פרעמדע ווייבער, וואָס האָט פאַרשווענדט דער פרויס פאַרמעגן און זי אוממענטשלעך דערנאָך אַוועקגעוואָרפן.

באַיראָן האָט געדענקט זיינע עלטערן, און דער שטרענגער, פולער, מיט פינסטערער פּאָעזיע גייסט פון אַמאָליקע צייטן, האָט זיך אים איבערגעגעבן. די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן אָנגעווייעט די באַשרייבונג פון דעם אַלטן שלאָס אין דרייצנטן ליד פון דאָן זשואַן. „די פּאָרטרעטן פון די אורעלטערן אין גאָלדענע ראַמען האָבן באַפּוצט די גאַלעריע: דאָ ריטער אין שלאַכט-באַוואָפענונג; דאָרט אַ ריי מאַגנאַטן... שיינהייטן אין קליידונג פון אַנדערע טעג האָבן געגלאַנצט צווישן זיי, פּונקט ווי פּייעס... ס'האָבן זיך דאָ געזען אויך שופטים מיט שטרענגן בליק, אין מאַנטלען אַרומגענייטע מיט



באַיראָן

האָרנאָסטאַי; איר האָט זיך דאָ באַגעגנט אויך מיט דעם מרה־שחורהדיקן פּראָקוראָר, וואָס האָט, שפּרייטנדיק אימה, אַ גאַנץ לעבן געלאָזן אין גאַנג נאָר שווערע פּסקים; דאָרטן ווייטער האָבן געשיינט אויף די ווענט גייסטיקע פּאָטערס, וואָס זייערע מידות זיינען ניט גאָר בשלום געווען מיט דעם חוב פון גייסטיקע פירער". אַזעלכע איז מסתמא אויך געווען דער ניוסטידער שלאָס, דער משפּחה־מאַיאָנטעק פון די לאָרדן באַיראָן: זיבן יאָרהונדערטן האָבן געקוקט פון זיינע טונקעלע ווענט, די שאָטנדיקע אַלעען פון דעם אַלטן פּאַרק האָבן דערציילט סודותדיקע געשיכטעס, יעדע אַרקע פון די גאָטישע געוועלבן האָט גערעדט וועגן היסטאָרישע מעשׂיות, וועגן בלוטיקע גבורות, וועגן משוגענע אויסברוכן פון אומגעשטילטע תאוות, וועגן ליידנשאַפטלעכע קושן און וועגן פרויענטרערן. פאַראייניקט אין איין גאַנצע די ערשטע געשטאַלטן, וואָס האָבן געשוועבט איבער דעם קינדס וויגבעטל, וועט איר באַקומען די צוויי גרונטשטריכן פון זיין כאַראַקטער: טייוולשע גאווה און אומבאַגרעניצטע ראָמאַנטישע פאַנטאַזיע.

פאַרגלייכט איצט מיט דידאָזיקע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, וואָס באַיראָן איז מיט זיי געקומען אויף דער וועלט, די סביבה, וועלכע האָט באַגעגנט זיין קינדהייט, וועט איר פאַרשטיין, פונוואַנען איז אויסגעוואַקסן די בענקשאַפט, וואָס האָט אָנגעפילט באַיראָנס פּאָעזיע, ווי אַזוי עס זיינען געוואָרן די ערשטע שפּאַלטן, וואָס האָבן אויף אייביק געפּטרט די גאַנצקייט אין זיין נשמה, וואָס זיינען געשטאַנען אַלס אייביקער צוים צווישן זיינע אידעאַלן מיט דער רעאַלער וועלט.

זיין לאָרדשאַפט, וואָס האָט אַזויפיל גערעדט צום האַרצן פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, איז פאַר דעם פּאָעט געוואָרן אַ קוואַל פון שווערע פּיינען. דער יחוס האָט אויף אים אַרויפגעלייגט חובות, וואָס פאַר באַיראָנען איז זיי געווען אוממעגלעך אויסצופירן. ער האָט ניט געקענט איינאָרדענען קיין גלענצנדע בעלער, צונויפזאַמלען אונטער די געוועלבן פון זיין שלאָס פאַרפוצטע געסט און מכבד זיין די אונטער אים אונטערגעגעבענע, — ער האָט עס ניט געקענט, ווייל ער איז געווען אָרעם. אפילו ווען ער האָט געדאַרפט פייערן דעם טאָג פון זיין מינדיקייט, וועלכער איז דער פייערלעכסטער אין לעבן פון יעדן ענגלענדער און נאָך מער ביי דער אַריסטאָקראַטיע, — האָט באַיראָן ניט געהאַט קיין געלט און ער האָט געמוזט אָנקומען צו וואוכערער. און דער פּאָעט האָט דעמדאָזיקן טאָג פאַרבראַכט אין איינזאַמקייט, באַשיידן; ער, וואָס האָט געערט די אַלטקייט פון זיין משפּחה, האָט ניט געקאָנט אָפּהיטן דעם טראַדיציאָנעלן מנהג. נאָר ניט די אָרעמקייט אַליין איז געווען די סיבה פון זיינע ליידן. באַיראָן איז געווען אַ וואונדערלעך שיינער יינגל, אָבער איין פוס איז ביי אים געווען אַ ביסל קירצער פאַר דער צווייטער. באַיראָן האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, כדי צו באַהאַלטן זיין מום. ער האָט זיך כסדר געווענדט צו דאָקטוירים, האָט זיך באַשטעלט ספּעציעלע שוכוואַרג, אָבער אים איז קיינמאָל ניט געלונגען אינגאַנצן צו באַפרייען זיך פון זיין אומגליק. דער שטאָלצער פּאָעט האָט אין זיך באַהאַלטן

די פיינען, וואָס ער האָט געליטן צוליב זיין מום. נאָך אַלס ייִנגל האָט ער זיך פאַרליבט. אין דערדאָזיקער ליבע, ווי אין אַלע באַיראָנס געפילן און שטרעבונגען, איז געווען פאַרבאָרגן אַ שטאַרקע קראַפט. און ווען דער יונג האָט צופעליק דערהערט, ווי די מיידל, וואָס ער ליבט, רופט אים מיט גרינגשעצונג „דער הינקעדיקער בחור", האָט זיין אַנטוישונג קיין שיעור ניט געהאַט.

די שול, אין וועלכע באַיראָן איז פון אָנהייב אַריינגעפאַלן, האָט אים אָפגעשטויסן מיט איר פעדאַנטיזם. די מוטער, מיט וועלכער דעם פאָעט איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ פולע יאָרן פון זיין לעבן, האָט דאַכט זיך ווי אויף צו להכעיס געהאַט אַלע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען נייטיק געווען כדי צו מאַכן איר זון אומגליקלעך. זי האָט בירושה פון אירע עלטערן באַקומען נערוועזיטעט און קאַפריזע עקשנות. זי האָט געהאַט פיל שטריכן, אַלגעמיינע מיט איר זון, און אין דער פערזאָן פון די דאָזיקע צוויי מענטשן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי קרובהשע נאַטורן, וואָס קאָנען קיין פרידן צווישן זיך ניט האָבן. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען דעם זון. די שטוביקע מחלוקתן זיינען דערגאַנגען דערצו, אַז די מוטער און דער זון זיינען גרייט געווען אויף אַ זעלבסטמאָרד. אָבער ניט קיין מאַטעריעלע סיכסוכים האָבן אַרויסגערופן די דאָזיקע באַציאונגען. פאַרקערט, די מוטער האָט דעם זון ליב געהאַט און פאַר אים געזאָרגט. דאָס זיינען געווען מחלוקתן צוליב קלייניקייטן, וואָס פאַר מענטשן מיט קליינלעך־וואַכזאַמער אייגנליבע ווערן פאַרוואַנדלט אין מוראדיקע פראַגן, צאַמען אָפ פון גליקלעכן און פאַרשטענדיקן לעבן, דערפי״ן די קעגנזייטיקע דערביטערטקייט ביז אומגלויבלעכער מאָס. אין דעמדאָזיקן קאַמף האָבן זיך אין מיניאַטור איבערגעחזרט די פעריפעטיעס פון דער אומענדלעכער שנאה צווישן די יאָרקער און לאַנקאַסטערער משפחות, גלייך ווי עס וואָלט ווידער אויפגעלעבט די שנאה פון די אַלטע וויקינגס, וועלכע האָבן געקענט פאַרגיסן שטראָמען בלוט צוליב פראַגן פון גאווה, צוליב יענעם בעקינצלטן פרינציפ, וואָס מ׳רופט אים ערע.

אַזוי אַרום האָט זיך דער גורל געמיט אויסצוועבן דעם פאָעטס קינדהייט פון אומאויסגלייכלעכע סתירות. באַקומען ירושה אַן אַלטע פאַמיליע, שטאָלץ אויף זיין קרובהשאַפט מיט די סטואַרטן זעלבסט, האָט דער אָרעמער פאָעט ניט געקאָנט טרוימען וועגן אונטערהאַלטן דעם גלאַנץ פון זיין שטאַם. געבוירן אַן אומבאַצוימטער אינדיווידואַליסט מיט שטאָלצן גייסט פון אומאָפהענגיקייט, בענקט דער ייִנגל אין שול, וואו ער הערט קיין לעבעדיק וואָרט ניט, וואו אַלץ איז אַזוי וויַיט פון דער נאַטור, צו וועלכער עס ציט אים דער אומפאַרהאַלטענער אינסטינקט. באַקומען בירושה די ריטערישע פאַרגעטערונג פון דער פרוי, איבערגענומען פון די עלטערן די אינסטינקטיווע געלוסטונג צו דער פרוי, אַן אָפשטאַמונג פון דורות, וועלכע האָבן פאַרשווענדט ניט ווייניק קראַפט אין ראָמאַנטישע געשיכטעס, שטויסט זיך באַיראָן שוין פון אָנהייב אָן אויף אַ מפלה, וועלכע פאַרשאַפט טיפע ליידן זיין אייגנליבע און לאָזט אין אים איבער אַ שפור אויף דאָס גאַנצע לעבן. אַ שיינער, האָט ער

אַ מיאוסן פיזישן מום. געשאָנקען אים אַ האַרץ אַ ליבנדיקס און אַן אָפּנס פאַר יענע, וואָס וואָלטן זיך געקאָנט אונטערגעבן זיין הערשערישער נאַטור, פאַרוואַרפט אים דער גורל שוין פון דער פריסטער יוגנט אונטער אין דאָך מיט אַ פרוי, וועלכע איז אויך אַזאַ הערשערישע, אייגנליביקע און אייגנשפּאַרטע ווי דער פּאָעט זעלבסט. גלייכצייטיק אַן אַריסטאָקראַט און אַן אָרעמאַן, אַ שיינער און אַ בעל־מום, אַ געני און אַ קליינלעך ערגייציקער — אַזעלכער ערשיינט פאַר אונז באַיראָן אין די פריע יאָרן זיינע. אין דערדאָזיקער נעץ פון סתירות, מיט וועלכע דער גורל האָט אַרומגעפּענטעט זיין קינדהייט, ליגט באַהאַלטן דער ערשטער וואָרצל פון זיין פינסטערער וועלטאַנשויאונג. אויב דאָט לעבן דריקט די שטרעבונגען, וואָס די נאַטור גופא האָט אַריינגעלייגט אין מענטשן, אויב די אויסערלעכע באַדינגונגען שטערן דער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט, — הייסט עס, אַז אין דער וועלטאָרדענונג איז באַהאַלטן עפּעס אַ פאַטאַלער אומזין.

באַיראָנען באַהערשט די שטימונג, וואָס איז געווען אַן אַלגעמיינע פאַר אַלע בעסערע מענטשן אין דער עפּאָכע פון אָנהייב XIX יאָרהונדערט. דאָס איז די גרינגשעצונג צו דעם טומל פון לעבן, צו דער ציוויליזאַציע, צו אירע דריקנדיקע קייטן, די שטרעבונג אַרויסצוגיין אויף דער רחבות, אין די אָרעמס פון דער נאַטור, — אַ שטימונג, וועלכע שטאַמט פון דעם סאַנטימענטאַל־לײדנשאַפטלעכן אויטאָר פון דער נ י י ע ר ע ל אָ י ז ע. וועגן אינדיע, וועגן דער אוראַלטער נאַטור האָבן געטרוימט די ראָמאַנטיקער; אין ווילדע וועלדער האָט געשטרעבט שאַטאָבריאַן, אין די בערג איז געלאָפן באַיראָנס געניאַלער בן־דור הײנריך הײנע. „איך די בערג גיי איך פון אייך אַוועק, — זאָגט הײנע, — אין די בערג, וואו מענטשן זיינען גאָטספאָרכטיק, אין די בערג, וואו די לופט איז פרישער, וויאו דאָס האַרץ אָטעמט לײכטער; אין די בערג, וואו עס שפּעטשען די יעגלעס, די וואַסערן — דורכזיכטיק, קלינגענדיק; פייגלעך פייפן פריילעך, שטאָלץ טראָגן זיך וואָלקנס פאַרביי”. דאָס קינד פון דעם טרוימערישן דייטשלאַנד איז געלאָפן פון די געזעלשאַפטלעכע קייטן אין די בערג אַריין; דער זון פון דער וויספּע, אַרומגערינגלטער מיט ימים, האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן די רחבות פון אָקעאַן. „שיף מיינע, טראָג־זשע מיך אויף די כוואַליעס! — זאָגט טשאַילד האַראָלד. — דער ים זידט אונטער מיר, טראָג, וואוהין דו ווילסט, צו ווייטע לענדער, נאָר ניט אין מיין געבירטיק לאַנד. אַ גערוס פון מיר צו די מדבריות, היילן, בערג. מיין לאַנד, אַ גוטע נאַכט, זיי געזונט!” דאָס איז דער זינען פון באַיראָנס ערשטע רייזע. און די רייזעס לאַ־די, וואָס זיי האָבן קיין שלום ניט געמאַכט צווישן די טיפע סתירות, נאָר זיי האָבן זיי נאָך מער פאַרשטאַרקט. אומעטום האָט ער געזען די טרויעריקע קאָנזעקווענצן פון דער זיגנדיקער רעאַקציע. ווען באַיראָן איז געקומען קיין שפּאַניע, האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט דעם גייסט פון דער אַלטער ראָמאַנטיק אין דעם לאַנד פון סערענאַדעס און טאָרעאַדאָרן. אָבער דאָ גופא האָט ער זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף אַ טיפן קאָנפליקט צווישן דער פאַנטאַזיע און דער ווירקלעכקייט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער אימה

פון נאַפּאָלעאָנס רעזשים. ער האָט געזען, אַז דאָס לאַנד פון ריטער, גיטאַרעס און צאַרטן שעפּטשען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הקדש פון אַ פאַרקנעכטיקט פאָלק. „זין פון שפּאַניע, וואַכט אויף! — רופט באַיראָן אין טשאַילד האַראָלד. — געווער אין האַנט — און פאָראויס! אויף דעם געשריי פון אויפרוף ענטפערט אָפּ: דאָס ריטערשאַפט רופט אייך גיין פאָראויס!" דאָס זיינען געווען די רעזולטאַטן פון באַיראָנס ערשטער נסיעה. זי האָט אין אים פאַרשטאַרקט די ליבע צו דער פרייהייט און דעם אומעט דערויף, וואָס מענטשן האָבן ערגעץ ניט געקאָנט אויסניצן דידאָזיקע בעסטע פון דער נאַטורס מתנות.

דאָס, וואָס באַיראָן האָט ערוואַרט, ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם קאָנפליקט אין זיין נשמה. ווען איינער פון זיינע חברים פרעגט אים, צי האָט ער ניט געבראַכט עפּעס נייס פון אויסלאַנד, ווייזט אים באַיראָן די נאָכמאַכונג פון האָראַציוסן און עפּעס אַ סאַטיריש ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין וועג. אויף דער פראַגע פון דעם אַנטטוישטן גוטן פריינד, צי האָט ער נאָך עפּעס, האָט אים באַיראָן געגעבן וועגסקיצן אין פערזן, פון וועלכע ער האָט ניט געהאַלטן. דידאָזיקע סקיצן איז באַשערט געווען צו בילדן דעם יסוד פון באַיראָנס וועלטבאַרימטקייט. דאָס זיינען געווען די ערשטע צוויי לידער פון טשאַילד-האַראָלד. דער באַקאַנטער איז אַנטציקט געוואָרן, און זייער ערשייגען האָט באַיראָנען געמאַכט פאַר אַ מאָדישן פּאָעט, אַ ליבלינג פון דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט, אַ פאַוואָריט ביי פרויען, אַ לייב פון דער העכערער געזעלשאַפט. מען איז נאָך באַיראָנען נאָכגעלאָפן, מען האָט פון אים די אויגן ניט אַראָפּגעלאָזן, דאַמען האָבן געצאַפּלט ביי דעם געדאַנק נאָר, אַז, אפשר וועט זיי באַיראָן פירן צום טיש, און האָבן מורא געהאַט צו עסן אין זיין אָנוועזנהייט, מחמת זיי האָבן געוואוסט, אַז דער פּאָעט האָט פיינט געהאַט צו קוקן ווי פרויען עסן. נאָך די ערשטע צוויי לידער פון טשאַילד-האַראָלד ערשיינען איינע נאָך דער אַנדערער זיינע פּאָעמעס גיאַור, די כלה פון אַבידאָס, דער ים-רויבער און אַנדערע, וועלכע בילדן דעם ערשטן, אַזוי צו זאָגן, ראָמאַנטישן פעריאָד פון באַיראָנס טעטיקייט. דער פּאָעט האָט זיך איבערן קאָפּ אַריינגעלאָזט אין וועלטלעכן לעבן. זיין ערפאָלג האָט אים פאַרשיכורט. דערדאָזיקער פעריאָד פון לעבן פאַרענדיקט זיך מיט זיין חתונה, און נאָכדעם מיט אַ מחלוקת און מיט שיידן זיך מיט דער פרוי. נאָך דעמדאָזיקן שיידן זיך הייבט זיך אָן דער צווייטער פעריאָד אין באַיראָנס לעבן — דער פעריאָד פון פאַרביטערטן קאַמף מיט דער געזעלשאַפט. די הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד מיט איר מיליאָנעדיקער באַפעלקערונג, וואָס איז נאָך נעכטן ערשט געלעגן ביים פּאָעט צו די פיס, האָט אים גלייך פיינט געקראָגן נאָך דער משפחה-מחלוקת. זיינע שונאים און די, וואָס האָבן אים מקנא געווען, וועלכע האָבן נאָך נעכטן ניט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט קעגן אים, האָבן גלייך אויפגעהויבן די קעפּ. די קלאַנגען און די ערציילונגען וועגן באַיראָנס אַוואַנטורעס, וועלכע פלעגן פריער פאַרקליידט ווערן אין אַ שיינער פאָרם, זיינען איצט אָנגעווענדט געוואָרן קעגן אים. פון אַ געהיימניספולן העלד און אַ לייב האָט זיך באַיראָן גלייך פאַרוואַנדלט ביי-

דער געזעלשאַפט אין אַ טויגעניכטס און אַן אויסגעלאַסענעם דאָן זשואַן און אַלע האָבן אים אָנגעהויבן רודפן. אונז איז שוין אויסגעקומען צו ריידן וועגן דער צביעותדיקן ענגלישן פוריזם. דידאָזיקע רדיפות האָבן אַרויסגערופן צאָרן און פאַרביטערטקייט אין דעם פּאָעטס האַרצן. דער פריערדיקער אומעט, וואָס איז פאַרוויקלט געווען אין אַ ראָמאַנטישן נעפּל, האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר פאַרביטערטן צאָרן. בײַראָן לאָזט זיך ווידער אַוועק אין אַ רייזע. איצט אָבער, אָנשטאָט פּאָעמען, אָנגעזאַפּטע מיט דעם אַראָמאַט פון מזרחישער צערטלעכקייט און שילדערנדיקע שײַנע צוציִענדיקע העלדן, באַשאַפט ער געשטאַלטן פון פינסטערע טיטאַנער מיט גראַנדיעזע פּרעטענזיעס, מיט שטאָלצן פּראָטעסט קעגן דעם אומזין, וואָס הערשט אויף דער ערד. בשעת דער צווייטער רייזע באַשאַפט ער *מאַנפרעד*, *קיין* און *טשאַילד האַראָלד* אין אַ נײַער סביבה. אויב דער ערשטער פּעריאָד פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט קאָן אָנגערופן ווערן דער עיקר ראָמאַנטישער, איז דער צווייטער פּעריאָד מער פאַר אַלץ אַ פּעסימיסטישער, דער פּעריאָד פון בײַראָנס וועלט־שמערץ. דורכרייזנדיק גאַנץ אייראָפּע, הייבט ער אָן אויפמערקזאַמער און טיפער צוקוקן זיך צו איר לעבן, הייבט זיך אָן אַרײַנמישן אין אירע פּאָליטישע געשעענישן. און דער פּעריאָד פון וועלט־שמערץ און די שטרעבונג צו פאַרגעסן זיך ווערן אַזוי אַרום ביסלעכווייז פאַרביטן אויף אַ נײַעם דריטן פּעריאָד, — פון אַקטיוון קאַמף פאַר פרייהייט. בײַראָן, וועלכער איז נאָך פאַר זײַן לעבן געוואָרן אַ העלד פון לעגענדעס, גיט זיך פּלוצלונג מיטן גאַנצן לייב און לעבן איבער דער זאַך פון די קאַרבאָנאַריער. אין זײַן פּאַלאַצאָ אין ווענעציע, וואוהין ער איז געקומען איבעריכן נאָך זײַן צווייטן מאָל אַנטלויפן פון ענגלאַנד, און וואו מען האָט פריער געהערט נאָר די פריילעכע שטימען פון אָדאַליסקן, האָבן זיך איצט אָנשטאָט זיי באַוויזן משונהדיקע פיגורן, וועלכע האָבן אויסגעמיידט די שיין און וואָס האָבן אונטער דער דעק פון דער נאַכט־פינסטערניש, ביי אַ שוואַכער באַלייכטונג פון פאַקלען אַרומגערעדט די פרייהייטס־זאַך. פון איטאַליע פאָרט בײַראָן אַריבער קיין גריכנלאַנד און קעמפט אַנטקעגן די טערקן פאַר דער פרייהייט פון די גריכן — און דאָ געפינט ער זײַן פריצייטיקן טויט.

וואָס האָט באַוועגט בײַראָנען, וועלכער איז געלאָפן פון מענטשן, וועלכער האָט פאַראַכט זייערע ליידנשאַפטן, פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, וועלכער האָט געזוכט צו פאַרגעסן זיך אין דער אומבאַגרעניצטער ברייט פון אָקעאַן און אין דער שטאָלצער רחבות פון דער שווייץ — וואָס האָט באַוועגט דעמדאָזיקן שטאָלצן אומפאַרשטענדלעכן נזיר איבערן קאָפּ אָפּטונקען זיך אין פּאָליטישן לעבן? מען האָט דעם פּאָעט באַשולדיקט אין ערגייציקע פּלענער; מען האָט געזאָגט, אַז פאָרנדיק קיין גריכנלאַנד האָט ער געטרוימט וועגן אַ קיניגלעכער קרוין, און ווען ער וואָלט דערלעבט ביז סאַלאָניקער קאָנגרעס, איז זייער מעגלעך, אַז מען וואָלט אים געמאַכט פאַר קיניג. אַנדערע ביאָגראַפן האָבן געזען אין זײַנע פּאָליטישע מעשים דעם רעזולטאַט פון די אומרואיקע אויסברוכן פון אַן אומבאַפרידיקטן גייסט, מען האָט אין אים געזען

אַ מענטשן, וועלכן עס איז אַלץ איינס, אויף וואָס ער זאָל ניט אָנווענדן זיינע קרעפטן. מען האָט אים גערופן אין דער פּאָליטיק דילעטאַנט, טרוימער און ראָמאַנטיקער. אין דידאָזיקע באַשולדיקונגען איז דאָ פיל אמת. באַיראָנען אַלס פּאָעט האָט, בלי־ספק, שטאַרק צוגעצויגן די עסטעטישע זייט פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. אַוועקלאָזנדיק זיך קיין גריכנלאַנד, האָט ער זיך אָנגעגרייט באַגילטע קיווערס און אַריסטאָקראַטישע דעוויזן. אמת, ער האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע פּאָליטישע פּראָגראַם, ער האָט ניט געקענט ווערן קיין פּאַרטיי־מאַן אין פולן זין פון וואָרט. אַלס פּאָעט איז ער שטענדיק אַריבערגעטראָטן די גרעניצן פון די פּאַרטייאישע פאָדערונגען. עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז אונטער דער פּאָעטס שיינער אויסערלעכקייט האָט געקלאַפּט אַ האַרץ נאָר פאַר פרויען, וועלכע טראָגן זיך דורך אין אַן ענדלאָזער שורה דורך זיין גאַנצן לעבן, אַז זיין נשמה האָט נאָר געדאָרשט נאָך פאַרשיכּורן און פאַרגעסן זיך. ביי גאָר דער ניט גלייכקייט פון זיין כאַראַקטער, ניט האָבנדיק קיין באַשטימטע פּאָליטישע וועלטאַנשויאונג — שענקט ער ניט זיינע סימפּאַטיעס אַבי וועמען. נאָר וועגן די געדריקטע זאָרגט ער. וועמען אַרט עס, וואָס אין דידאָזיקע סימפּאַטיעס צו די געדריקטע איז געווען פאַרבאָרגן, אפשר, מער שנאה צו די באַדריקער, איידער מיטלייד צו די באַדריקטע? זייער מעגלעך, אַז באַיראָן וואָלט אַריבער אויף דער זייט פון די באַזיגטע, ווי נאָר די באַדריקער וואָלטן אַליין פאַרוואַנדלט ווערן אין געדריקטע. זייער מעגלעך, אַז ווען באַיראָן וואָלט דערלעבט גריכנלאַנדס באַפרייאונג, אויף וועלכער ער האָט אַוועקגעלייגט אַזוי פיל מי, וואָלט אים אין דעמדאָזיקן גריכנלאַנד געוואָרן לאַנגווייליק. נאָר לאָמיר דאָס לאָזן און באַמיען זיך צו פאָרמולירן אונזער בליק אויף באַיראָנס פּאָליטישע באַדייטונג. באַיראָן איז געווען אין דערזעלבער מאָס אַ פּראַקטישער טוער, ווי אַ פּאָליטישער פאַרגייסטערער. פאַרהאַן עפּאָכעס, וועלכע פאָדערן פון די בעסערע מענטשן אירע ניט קיין ניכטערע, גריבלדיקע אַרבעט, נאָר אַנטציקטע אויפברויזן, קענשאַפט צו וועקן די בעסטע אינסטינקטן פון דער מענטשהייט. אַזוי איז געווען די עפּאָכע פון דער רעאַקציע אין אָנהייב פון פאָריקן יאָרהונדערט. מען האָט געדאַרפט דער מענטשהייט באַווייזן ניט קיין פּרטים פון דעם וועג, איבער וועלכן זי האָט געדאַרפט קומען צו דעם געוואונטשענעם ציל; דידאָזיקע אַרבעט איז נייטיק געווען שפּעטער. אין דער עפּאָכע פון קנעכטישער געפאַלנקייט פון מוט און אַלגעמיינעם יאוש האָט מען געדאַרפט דערמאָנען וועגן אידעאַל גופא, אונטערהאַלטן אַ באַשטענדיקע שטרעבונג צו אים. מען האָט דערווייל נאָר געדאַרפט אָפּרייניקן די אַטמאָספער, צעשלאָגן די פינסטערע כּוחות, וועלכע האָבן געשטערט דעם פּראָגרעס. די צעשטערונגס־אַרבעט איז וויכטיקער געווען פאַר דער בויאונגס־אַרבעט. אויסגערעכנטקייט, פּאָזיטיווקייט האָבן זיך דעמאָלט נישט געפאָדערט. אָבער אין „הייליקן אומזין", אין מיטרייסנדיקער ליידנשאַפט, וואָס הייבט דעם גייסט, איז געווען אַ גרייִלעכע נויטווענדיקייט. און באַיראָן, דער טרעגער פון חורבן און כפירה, איז געווען צו דער צייט. אַלס פּערזענלעכקייט וועט ער אויף שטענדיק

בלייבן אַ טיף פון אַ גרויסער אינערלעכער אומרואיקייט, וואָס שטופּט שטענדיק פאָראויס דעם פאָרשנדיקן שכל פון מענטשן, לאָזט אים ניט באַרואיקן זיך, איז אַן ערבות אויף אַנטוויקלונג און פאַרפולקומונג.

אין די ערשטע ווערק האָט באַיראָן אָפּגעגעבן דעם ראָמאַנטיזם זיין חלק. אין די ערשטע צוויי לידער פון טשאַילד האַראָלד און אין די אָריענטאַלישע פּאָעמען איז ער דער עיקר אַ ראָמאַנטיקער. אין דידאָזיקע שאַפונגען איז נאָך ניטאָ יענער פאַרביטערטער פעסימיזם, וואָס פאַרבט אין פינסטערן קאָליר זיינע ווייטערדיקע ווערק. דער ראָמאַנטישער אינדיווידואַליזם האָט אויפן העכסטן גראַד אַנטשפּראָכן באַיראָנס נשמה. ער איז געווען אַן אייגנאַרטיקער ראָמאַנטיקער. ער האָט איבערגעלאָזן דער וועלט די אַממערסטן בולטע פאַרקערפּערונג פון דעם טיפ, וואָס איז באַוואוסט אונטער דעם נאָמען דעמאָנישער העלד. טשאַילד האַראָלד פון די ערשטע צוויי לידער און די העלדן פון די אָריענטאַלישע פּאָעמען — דאָס איז אַ וואַריאַציע פון דערזעלבער געשטאַלט, — פון אַ טרויעריקן, איינזאַמען העלד, וועלכער איז פאַרזונקען אין זיין אינערלעכער וועלט, שטייט אויסער דער געזעלשאַפט, לאָזט די ווירקלעכקייט דורך דעם שמעלצטיגל פון זיין רייכער פאַנטאַזיע. לאָמיר זיך נעענטער צוקוקן צו דעמדאָזיקן העלד. טשאַילד האַראָלד איז אַ ראָמאַן אָן אינטריגע, אַ דראַמע אָן אַקציע. טשאַילד האַראָלד בענקט און לאָזט זיך אַוועק רייזן. די איינדרוקן, וואָס דער העלד לעבט איבער אין פאַרשיידענע לענדער, און די געדאַנקען, וואָס דידאָזיקע איינדרוקן לאָזן איבער — דאָס איז דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם ראָמאַן. אין משך פון דעם גאַנצן וועג שיידט זיך דער פּאָעט ניט מיט זיין העלד. ער גיסט זיך אָפּ מיט אים צונויף אין איין גאַנצס, און ערטערווייז איז שווער צו באַשליסן, וואו הייבט זיך אָן דער אויטאָר, און וואו ענדיקט זיך זיין העלד.

וועגן טשאַילד האַראָלדס עבר ווייסן מיר ווייניק. דער פּאָעט דערציילט אונז נאָר, אַז „ער האָט געלעבט — אַ פאַרערער פון תענוגים, — ניט וויסנדיק פון אַרבעט און פון מי, צווישן וואַקכישע מאָלצייטן, צווישן ליבע־אַוואַנטורעס". ווייטער דערוויסן מיר זיך, אַז „באַרימט איז געווען דער שטאַם פון זיינע געערטע עלטערן". די פילאָזאָפיע פון פוילקייט, די פּאָעזיע פון ליידיקגיין — מיט דעם נאָמען האָט איינער אַ קריטיקער אָנגערופן די ראָמאַנטישע ריכטונג. דער ראָמאַנטיזם — דאָס איז די פּאָעזיע איבערהויפּט פון דעם רייכן אַריסטאָקראַטישן קלאַס, און באַיראָן האָט פריער פאַר אַלץ באַשענקט זיין העלד מיט דידאָזיקע אייגנשאַפטן. באַיראָן — שטאָלצער אינדיווידואַליסט און אַליין אַריסטאָקראַט, — שטעלט פון דער ערשטער רגע אָן אַוועק זיין העלד העכער איבער דעם המון סיי לויט זיין אָפּשטאַמונג, סיי לויט זיין סאָציאַלער לאַגע. ווער עס איז פאַרנומען מיט זאָרגן וועגן דעם שטיקל ברויט, יענער האָט ניט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט פרוכטלאָזן טרויער און מיט פאַנטאַסטישע טרוימען. דעם דערהויבענעם כאַראַקטער פון דער בענקשאַפט און די ריינקייט פון דעם טרוים ביי אַזאַ העלד קאָן מען נעמען אונטער חשד: מען קאָן זיי אויסטייטשן אַלס סיבה פון שלעכטן לעבן און פון מערקאַנטילער פאַרביטערט־

קייט. נאָר דער מענטש, וועלכער שטייט אין דער שפּיץ פון דעם סאָציאַלן לייטער, קאָן זיין דער ריכטיקער אויסדריקער פון העכערע שטרעבונגען און ניט-ערדישע געפילן, נאָר אַזאַ מענטש, וואָס האָט ניט מער צו פאַרלאַנגען דאָ אויף דער ערד, קאָן זיך דערווייטערן פון מענטשן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער פאַרמאַגט אַלע, אַפילו די סאַמע הויכע, מינים גוטס, וואָס די געזעלשאַפט וואָלט אים געקאָנט געבן.

לאָמיר ווייטער גיין נאָך אונזער העלד, וועלן מיר זיך באַגעגענען מיט אַ צווייטן שטריך פון ראָמאַנטיזם. טשאַילד האַראָלד פאַרלאָזט דאָס געבורטלאַנד „צוליב אומבאַוואוסטע נייע לענדער... כדי אַריבערצושווימען אָקעאַנען, כדי צו זיין לעבן די ווענט פון סטאַמבול, כדי צו פאַרזוכן דעם הייסן קלימאַט און אַריבערפאָרן דעם עקוואַטאָר". ד. ה. דער עקסטער ציל פון זיין נסיעה איז אינדיע. דער אויסוואַל פון דידאָזיקע אומבאַוואוסטע לענדער איז ניט קיין צופעליקער. אינדיע, דאָס דאָזיקע ווייניק באַוואוסטע לאַנד, האָט אויסגעוויזן די ראָמאַנטיקער, ווי אַ מקום מקלט פון חכמה. אפשר אויף די בליענדיקע ברעגן פון סודותדיקן טייך גאַנג אַנטדעקט זיך דער סוד פון דער וועלטבאַשאַפונג. אפשר דאָס אַנטציקטע באַטראַכטן פון די עקזאַלטירטע פאַקירן האָט שוין לאַנג באַשיידט די העכערע רעטעניש, וואָס דער באַגרעניצטער מענטשלעכער פאַרשטאַנד מאַטערט זיך אומזיסט זי צו טרעפן. דער אינטערעס צו אינדיע, דעם געבורט-לאַנד פון דער נירוואַניסטישער פילאָזאָפיע, — איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע באַזונדערהייטן פון דעם ראָמאַנטיזם. אומבאַפרידיקט מיט דער ווירקלעכקייט, מיט דאָרשט זוכנדיק אַ אידעאַל, וואַרפן זיך די ראָמאַנטיקער אין אַלע זייטן. זיי מיינען אים צו געפינען אין ווייניק באַקאַנטע לענדער, און קודם-כל דאָרט, וואו עס איז באַשאַפן געוואָרן די פילאָזאָפיע פון איינזאַמקייט און פאַרגעסונג. דאָס איז אויך, ווי מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, דער שטח-פאַרברייטונג פון דעם מענטשנס האָריזאָנט.

אָבער דידאָזיקע פאַרברייטונג קומט פאָר אויך אין צייט. די ראָמאַנטיקער האָבן אַ אידעאַל געזוכט ניט נאָר אין ווייטע לענדער,—זיי האָבן אים געזוכט אויך אין ווייטע צייטן. אַלץ, וואָס איז דערווייטערט, האָט זיך פאַר זיי איינגעוויקלט אין אַ סודותדיקן ראָמאַנטישן נעפל און צוגעצויגן די בליקן. ווען טשאַילד האַראָלד קומט אין לענדער, וואָס האָבן אים אַזוי שטאַרק צוגעצויגן, ווערט ער אַנטוישט, דערזעענדיק פון דער נאָענט די ניט שיינע ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך געמאָלט אַזוי שיין פון דערווייטן. טשאַילד האַראָלד איז אין שפּאַניע: קרעכצעט דאָס „פרייע לאַנד" אין קייטן, זיינען פאַרוויסט די פעלדער, מלחמה און דעספּאָטיזם האָבן חרוב געמאַכט דעם קאַנט. ווען באַיראָן וואָלט געווען אַ ניכטערער פּאָליטיקער, וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז שפּאַניע וועט קיינמאָל זיך ניט אויפהייבן פון שטורעם, וועט קיינמאָל ניט דערגרייכן צו דער אַמאָליקער גדולה. אָבער דער ראָמאַנטיקער לעבט מיט דער פאַרגאַנגענהייט. ער מעסט די פאַרגלייכלעכע באַדייטונג פון די פעלקער לויט זייער עבר. ער גלויבט, אַז דווקא שפּאַניע, דאָס לאַנד פון ריטער און פון בלוטיקע מעשים,

וועט די פעלקער באַפרייען. ער פאַרמאַכט די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט און גלויבט, אַז דווקא אין דעמדאָזיקן לאַנד וועלן ווידער אויפבליען די העלדן. הערט זיך־צו צו דעם רוף, מיט וועלכן דער פּאָעט ווענדט זיך צו די „זין פון שפּאַניע”. איר וועט אין אים ניט געפינען קיין אָנווייזונג אויף די קאַמפּסמיטלען פון זיין צייט, און נאָר זעלטן וועט טויב דורכקלינגען אַ סאָציאַלער מאָטיוו. צום גרעסטן טייל איז עס דערמאָנט דעם גערימטן עבר, טרויער אויף דעם, וואָס די ריטערשאַפט פּאָכט שוין ניט מיט אַמאָליקער העזה מיט די שפּיזן, און איבער די העלע קיווערס פליט שוין ניט דער בלוטיקער עק. דאָס זיינען פּאָעטישע טרוימען וועגן די צוקוקער פון דער פריערדיקער אייפערזוכט, — די שלעסער, די אַלטע גראַטעס אויף די פענסטער פון די דאָנעס און די פאַררוקערס”. די אַכטונג צו דער אַלטערטימלעכקייט לאָזט באַיראָנען ניט אָפּ אין משך פונם גאַנצן וועג. ער האָט יראת הכבוד פאַר גריכנלאַנד, „וואו! עס זעען זיך נאָך עד־היום די שפּורן פון דער ווייטער אַלטקייט, און וואו עס זיינען נאָך געשוועבט די הייליקטימער פון דעם גרויסן גריכנלאַנד”. און דאָ גיסט זיך אויך צונויף זיין רוף צו באַפרייאונג מיט דעם צוריקקער צו די לאַנג אַנטשלאָפענע העלדן. ער וויל אַרויסרופן אַלטע שאָטנס, אויפוועקן ענטוזיאַזם מיט ווערטער, וואָס זאָגן גאָרנישט דעם נייעם מענטשן. „וואו איז דיין עגידע, פּאַלאַדאַ? אַלאַריק איז פון איר געפאַלן. פאַרוואָס האָט פון גהינום ווידער, ווי אַ שרעקלעכער געשפּענסטער, אַכילעס ניט געקאָנט אויפשטיין? צי דען איז פּלוטאָן ניט אימשטאַנד ווידער אַ נייעם העלד באַשאַפן, ער זאָל פאַר אַמאָל דעם צווייטן רויבער מיט חרפּה ווידער פון דעם לאַנד פאַרטרייבן?” וואָס אַרט עס, וואָס שפּאַניע האָט פאַרלאָרן יעדע פּאָליטישע באַדייטונג, וואָס גריכנלאַנד פאַרנעמט אַ נישטיק ווינקל אין אייראָפּע, וואָס עס זיינען אויסגעוואַקסן נייע מעכטיקע מלוכות! דער ראָמאַנטיקער האָט פאַרשלאָפן יאָרהונדערטן, און ער לעבט מיט אַלטע פאָרשטעלונגען: ער זעט גריכנלאַנד אַלס גייסטיקע אָנפירערין פון די פעלקער, און שפּאַניע — אַלס הערשערין פון אַ האַלבער וועלט און די דערווייטערטקייט פון צייט דערנעענטערט אין זיין פאַנטאַזיע פאַרשיידענע עפּאָכעס.

דידאָזיקע זוכענישן אין צייט און אין שטח האָבן געשטאַמט פון דעם ראָמאַנטישן אוניווערסאַליזם, פון זיין שטרעבונג אַרומצונעמען די גאָרע וועלט, פאַרוואַנדלען די ווירקלעכקייט אין אַ טרוים, אַוועקצושטעלן דעם טרוים העכער פאַר דער ווירקלעכקייט.

אַזאַ איז געווען דערדאָזיקער נייער אַרויסטריט פונם אַריסטאָקראַט אין דער ליטעראַטור. נאָך קאָרנעלן און ראַסינען האָט ער אָפּגעטראָטן זיין אָרט דעם פראַנצויזישן בורזשואַ, וואָס האָט געקעמפט פאַר זיינע מענטשנרעכט, אָדער וואָס האָט זיך געפונען טרייסט אין סאַנטימענטאַלע משפּחה־פריידן. איצט באַווייזט ער זיך ווייטער אויף דער סצענע. פונקט ווי דער העלד פון דער פּסעוודאָקלאַסישער דראַמע, האַלט ער זיך פאַר די העראָאישע און עפּיקורעאיש־עסטעטישע מסורות, נאָר דער יאָרהונדערט פון פאַרשטאַנד איז פאַר אים ניט אַריבער אָן אַ שפּור. זיין זיידע האָט זיך דערווייטערט פון דער מאַסע צו־

זאַמען מיט זיין גאַנצער קאַסטע; ער שטעלט זיך אַוועק אַליין אויסער דער געזעלשאַפט, מחמת ער טרויערט אויף דער אומגערעכטיקייט און אומפּולקומענהייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, מחמת ער טרויערט וועגן דער זעלבער מאַסע, מיט וועלכער ער קען זיך ניט צוזאַמענגיסן. ער האַלט אַ ריי הייסע רעדעס צו פאַרטיידיקן די אומגליקלעכע, ביי וועלכע מען האָט אָפּגערויבט זייער פרייהייט און פאַרמעגן. אָבער אין דידאָזיקע רעדעס איז שטאַרקער דער מאָטיוו פון שנאה צו די פאַרקנעכטיקער. קיין פרווו רואיק און באַטראַכטערהייט צו לייזן די סאָציאַלע פראַגע ווען מיר אין טשאַילד האַראָלד ניט באַגעגענען. אויב דער אויטאָר רעדט וועגן פרייהייט, מיינט ער ניט די פרייהייט, וועלכע די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געפאָדערט; זיין פרייהייט—איז די ראָמאַנטישע פרייהייט, ניט וואָס איז צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון געזעלשאַפטס-לעבן, וואָס ווייס פון קיינע באַגרעניצונגען ניט. „פרייהייט הייסט דאָס רעכט צו טאָן דאָס, וואָס די געזעצן ערלויבן"—זאָגט מאָנטעסקיע. און דידאָזיקע דעפיניציע פון דעם פילאָזאָף פון דער אויפקלערונגס-צייט ווערט ביי דעם ראָמאַנטיקער פאַרביטן אויף אַ נייער אומבאַשטימטער פאָרשטעלונג וועגן פרייהייט, וואָס לייקנט אָפּ אַלע געזעצן און דרוקן. מען קען דידאָזיקע פרייהייט זיך ניט פאָרשטעלן אין דער געזעלשאַפט, וואו מען מוז זיך פאַרענגען צוליב אַלעמען. זי איז מעגלעך ווייט פון מענטשן, אויף דעם שויס פון דער נאַטור פון ששת ימי בראשית און אויף שרעקלעכע שיפועים פון בערג, וואו קיין פוס פון אַ מענטשן האָט ניט געטראָטן. פאַר איר פאַרווירקלעכונג איז נייטיק, אַז מענטשן זאָלן אָנערקענען די שווערקייט פון די קייטן, וואָס דאָס מלוכה-לעבן שמידט אויס. „מאָנאַרכן! ווען איר וואָלט ווייסן וועגן די ריינע פריידן פון דער ערד, וואָלט אייך דער כבוד ניט גערופן נאָך זיך מיט דער זיסער פראַכט פון גענאַרטקייט און וואָלט אייך נאָך זיך ניט געפירט, און דער שאַרפער גערויש פון פויק וואָלט אויף אייביק אונז פאַרגעסן צו וועקן, און דער שטערבלעכער וואָלט געקענט גליקלעך זיין." אָט וואָס עס איז נייטיק פאַר דעם מענטשנס גליק: אומקערן זיך צום אוראַלטן, פּאַטריאַכאַליש-ווילדן לעבן, אומקערן זיך צו דער נאַטור און אָפּזאָגן זיך פון דער קולטור. די שטים פון דעם מחבר פון דער נייער עלאָיזע הערט זיך אין די ווייטערדיקע פערזן: „קריכן צווישן אָפּגרונטן אויף פעלזן, ביז די וואָלקנס אויפהייבן זיך אַרויף, לעבן צווישן אַ פאָלק אַ ווילדן, וואָס האָט פון קייטן ניט געוואוסט. באַקוקן אין די בערג אַ ווילדע סטאַדע, מיט איר אַוועק אין פינסטערן וואַלד. געבויגן זיצן איבער אַ וואַסערפאַל, אָן מענטשן לעבן אין די שפּאַרעס פון די בערג, אַראָפּלאָזן זיך צו די תהומות טיפע—הייסט נאָך ניט זיין אַליין, אַ פינסטערער וואַנדערער, אַ פרעמדער און אין גאָר דער וועלט אַן איינזאַמער; ניין, דאָס הייסט — יענער וואָס האָט משיג געווען די סודות פון דער נאַטור און איר שפּראַך". די אמתע פרייהייט איז מעגלעך נאָר צווישן אַ פאַרווילדעטן פאָלק, אָדער אין די אָרעמס פון דער נאַטור.

אַזעלכע זיינען די גרונט-מאָטיוון, וועלכע קלינגען אין די צוויי ערשטע לידער פון טשאַילד האַראָלד. די הומאַניסטישע אידעען וועגן פרייהייט און

גלייכהייט, וואָס זיינען איינגעפלאָנצט אין דער אויפקלערונגס־עפּאָכע, גיסן זיך צונויף מיט די ראָמאַנטישע טרוימען וועגן אַ גאָלדערנער צייט, און מיט דעם בענקענדיקן טרויער וועגן דער אומפּולקומענהייט פון דער וועלט, וועגן דער באַגרעניצטקייט פון דעם מענטשנס פאַרשטאַנד, מיט די אומבאַשטימטע רייסע־נישן צו אומבאַגרעניצטער פרייהייט, וואָס רוסאָ האָט משפּיע געווען. אַזוי זיי־נען שוין אין באַיראָנס ערשטן ווערק אָנגעמערקט אַלע מאָטיוון פון זיין פּאָ־עזיע. ווי מיר וועלן זען, האָט יעדער מאָטיוו גענומען די אייבערהאַנט אין דעם אָדער יענעם פּעריאָד. אין די ערשטע צוויי לידער פון טשאַילד האַראָלד פאַרנע־מען נאָך דער שמערץ און די פּאָליטישע שטרעבונגען דעם צווייטן אָרט. די באַטור און די באַשרייבונג פון די מערקווירדיקייטן פאַרנעמען דאָס ערשטע. אַפילו היינטיקע צייט ג'עט דער מענטש, וואָס אינטערעסירט זיך מיט די דענק־מעלער פון דער קלאַסישער וועלט, געפינען אַ היפּש ביסל אינטערעסאַנטס אין די באַשרייבונגען פון עלאַדע, און דער ראָמאַנטיקער—אין די באַשרייבונ־גען פון שפּאַניע און אַלבאַניע. אין זיי איז נאָך באַיראָן דער עיקר אַ ראָמאַנ־טיקער. ער גלויבט נאָך אין דמיונות און אין אידעאַלן. ער זוכט זיי אומע־טום, און זיי פאַרדעקן פון אים די ניט פריינדלעכעווירקלעכקייט. די מענטש־הייט גייט ניט אויף צוריק, און, געקומען מיט אַלטע אַריסטאָקראַטישע גע־שמאַקן, פּרווט טשאַילד האַראָלד טאָן עפּעס אוממעגלעכס—צופּאַסן זיינע גע־שמאַקן צו די נייע שטרעבונגען. פונדאַנען שטאַמט די משונהדיקע צונויפּפּאָ־רונג פון דעם אַריסטאָקראַטישן שטאָלץ מיט די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען צו דער אַלגעמיינער פרייהייט.

גלייך נאָך די צוויי לידער פון טשאַילד האַראָלד זיינען איינע נאָך דער אַנדערער אַרויסגעגאַנגען באַיראָנס פּאָעמען: גיאַור, די כלה פון אַבידאָס, דער ים־רויבער און לאַורא. שטעלט זיך פאָר טשאַילד האַ־ראָלדן אין אַ ביסל אַן אַנדערער, מער סודותדיקער, סביבה; שטעלט אייך פאָר, אַז זיין פאַרגאַנגענהייט איז פאַרוויקלט מיט נאָך אַ געדיכטערן ראָמאַנטישן נעפּל, אַז זיין לויפן פון מענטשן שטאַמט פון נאָך אַ שטאַרקערער טייוולשער גאווה; שטעלט זיך פאָר, לסוף, אַז אַנשטאָט דער פּאָעטישער געלוסטונג צו די מסורות פון דער גראָער אַלטערטימלעכקייט, אָדער צו די ברעגן פון גאַנג, זוכט ער פאַרגעסונג אין אַקטיוון קאַמף, אין נקמה אָן דער פאַרהאַסטער מענטשלעכ־קייט — דאַן וועט איר באַקומען דעם העלד פון די דערמאָנטע פּאָעמען. ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זאָל ניט זיין זייער אינהאַלט, אַלץ בלייבט דער העלד זייערער דערזעלביקער מיט די אומגעענדערטע טיפּישע שטריכן; דער סך־הכל פון דידאָזיקע שטריכן בילדעט יענעם באַרימטן ליטעראַרישן טיפּ, וועלכער איז באַוואוסט אונטערן נאָמען דעמאָנישער העלד.

דער נייער העלד לעבט אויסער דער געזעלשאַפט; ער קעמפט מיט איר אויסער אַלע געזעצלעכע וועגן. ער איז אָדער אַ רויבער, ווי דער גיאַור (אין דער פּאָעמע גיאַור), סעלים (אין דער כלה פון אַבידאָס) און קאָנראַד (אין ים־רויבער), אָדער זיין געזעלשאַפטלעכע לאַגע איז אָנגעצייכנט מיט בעפּלדיקע פאַרבן, וואָס לאָזט אים צורעכענען צו וועלכער סביבה איר ווילט

(לאורא). מיט איין וואָרט, מיר האָבן פאַר זיך יענעם „איבעריקן מענטשן", וואָס דער גורל האָט צוליב פאַרשיידענע סיבות אַרויסגעוואָרפן אויף יענער זייט פונם אַלגעמיינעם לעבן, וועלכער האָט נאָך זיין פאָרגייער געהאַט פאַר באַיראָנען, האָט אָבער באַקומען בירגער-רעכט אין דער איראָפּעאישער ליטעראַטור ערשט נאָך דעם, ווי עס האָבן ערשיינט באַיראָנס ווערק. טשאַילד האַראָלד און דער העלד פון די אָנגערופענע פּאָעמען, אויב זיי זייגען ניט די אָבות, זיינען זיי דאָך די באַליבטסטע פאַרקערפּערונג פון יענע אומפאַרשטענדלעכע אַנטטוישטע העלדן, וועלכע זיינען „מיטן שטעמפּל פון סוד אויפן פּנים" דורכגעגאַנגען איבער גאַנץ איראָפּע, קיינמאָל ניט גאַנצלעך אויפגעדעקט די סיבות פון זייערע ליידן, האָבן געפאַנגען סאַנטימענטאַלע פריילינס, צעבראָכן פרויען הערצער, אין ערגעץ ניט געפונען קיין אָנווענדונג פאַר זייערע רייכע טאַלאַנטן און קרעפטן.

די מיטלאַלטערישע לעגענדעס קענען שוין דעם טיפּ פון דעמדאָזיקן פאַרשטויסענעם פון דער געזעלשאַפט דעמאָנישן העלד. אָבער שטעלן זיך אַנטקעגן די אַלגעמיין-אָנערקענטע אַנשטאַלטן האָט פאַר דעם מיטלאַלטערישן מענטשן באַטייט שטעלן זיך אַנטקעגן גאָט גופא, מחמת סיי די קירך, סיי די ריטערשאַפט, סיי די מלוכה — דאָס זיינען אַלץ געווען הייליקע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן זייערע סאַנקציעס באַקומען פון רוים. דער דעמאָנישער העלד פון מיטלאַלטער — דאָס איז אַ משרת פון טייוול, וואָס ווירקט לויט זיין השפּעה. די מיטלאַלטערישע צייט איז אַריבער, און אויף איר אָרט איז געקומען די ליכטיקע צייט פון רייכן און לעבנספריידיקן רענעסאַנס. שיינקייט, גליק, ערדישע ליבע און ערדישע פריידן — דידאָזיקע נייע אידעאַלן פון דער גליקלעכער אויפלעבונג פאַרנעמען דאָס אָרט פון די אַסקעטישע שטרעבונגען פון דעם פינסטערן מיטלאַלטער. הערט, וואָס עס רעדט דער דעמאָנישער העלד פון דערדאָזיקער נייער עפּאָכע, וועט איר זען, ווי יעדע וועלטאָנשויאונג האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דעם פאַרשטויסענעם פונם לעבן העלד. דער העלד פון שעקספּירס באַוואוסטער דראַמע, ריטשאַרד דער III, שרייט אויס: „פון דער נאַטור בין איך אַזוי גראָב פאָרמירט, אַזוי פרעמד פון יעדער פּראָבע צו געפינען פריינדלעכע אויפנאַמע, אַז ניטאָ וואָס צו קריכן נאָך לאַסקעס און לייכטזיניקע ליבע פון חנעוודיקע נימפעס... אַ מיאוסקייט אין אַלץ... געבוירן פאַר דער צייט, ווי אַ געשטאַלטלאָזער קנויל, ניט קיין פאַרענדיקטער, ניט קיין צונויפגעלייגטער, אַ צעבראָכענער... וואָס-זשע האָב איך צו זוכן אויף דער וועלט? מיט וואָס זאָל איך מיך פאַרנעמען אויף דידאָזיקע יום-טובים?.. דערפאַר-זשע, וואָס מיר איז ניט געשענקט די מתנה עמיצן צו פאַנגען מיט זיך, וואָס איך קאָן ניט נעמען מיט מענטשן קיין אָנטייל אין דער וועלט-שמחה, — האָב איך באַשטימט צו זיין אַ רשע. איך האָב געמאָלדן מלחמה אַלע פּוסטע מענטשלעכע טרייסטן". און ריטשאַרד איז זיך אַכוריש נוקם. דאָס איז אַ שרעקלעכער דעמאָן, וועלכער טראָגט מיט זיך טויט און פּיין... אַלץ וואָס איז ריין און ליכטיק, ווערט כּלה דאָרט, וואוהין נאָר עס דערגרייכט זיין צעשטערנדיקע השפּעה: חיהשע אינסטינקטן ערוואַכן אין די מענטשן, און

דער טיוול לאַכט, זעענדיק דעם נצחון פון בייז און פינסטערניש. אַזאַ איז די פסיכאָלאָגיע פון דעם דעמאָנישן רענעסאַנס־העלד. ער איז זיך נוקם אָן מענטשן דערפאַר, וואָס פאַר אים איז ניטאָ קיין אָרט אויף דעם מאָלצייט פון לעבן אין דער עפּאָכע פון אַלגעמיינער פרייד און גליק, אין דער צייט פון הימנען און שיינקייט און וואונדערלעכער קונסטשאַפונג. ער איז זיך נוקם אָן אַלעמען, ניט באַמיענדיק זיך אונטערצושיידן, ווער איז שולדיק, ווער ניט.

זיינען אַריבער צוויי יאָרהונדערטן, און מיר האָבן פאַר זיך אַ נייעם טיפּ פון אַ העלד, וואָס די געזעלשאַפט האָט אים פאַרשטויסן, וואָס אַנטלויפט פון מענטשן און ערקלערט דער געזעלשאַפט קריג. קאַרל מאָר, דער העלד פון שילערס ר ו י ב ע ר, האָט געזוכט שלום צו מאַכן מיט דער מענטשהייט אינם גייסט פון דעם הומאַניטאַרן XVIII יאָרהונדערט. ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין שלעכטער אויפפירונג, ער האָט געשריבן אַ בריוו, וואָס לייענענדיק אים, „וואָלטן ווילדע חיות צעגאַנגען פון מיטלייד, שטיינער וואָלטן געוויינט". און ערשט דעמאָלט, ווען דידאָזיקע תחנונים זיינען קאַלט אויפגענומען געוואָרן פון זיין אייגענעם פאָטער, איז קאַרל געוואָרן אַ רויבער, און ער לאָזט זיך אַוועק אַלס אַטאַמאַן פון אַ באַנדע אין די פינסטערע וועלדער, כּדי נוקם צו זיין זיך אָן דער מענטשהייט. אַנטדעקט אין דעם מענטשנס נשמה מערער מענטשלעכע קוועלן פון דעמאָנישער דערצאָרנטקייט, האָט דער יאָרהונדערט פון פאַרשטאַנד און מענטשנליבע אַפילו די נקמה גופא פון דעם העלד אָנגעקליידט אין אַ שענערער פאָרם. קאַרל איז ניט קיין שלעכטער מענטש. ער איז זיך ניט נוקם אָן אַלעמען אָן אויסוואַל. ער האָט ניט ליב שלעכטס צוליב שלעכטס. זיין טייל פון רויב טיילט דערדאָזיקער משונהדיקער רויבער פונאַנדער צווישן יתומים, אָדער ער איז עס מנדב אויף בילדונג פאַר יונגע באַגאַבטע מענטשן. ער טרייבט אַרויס פון דער באַנדע דעם רויבער, וואָס האָט געטויט אַ קינד. ער איז זיך נוקם און ראַבירט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, מיט אַ אידעע. „דעמדאָזיקן רובין, — זאָגט ער, — האָב איך אַראָפּגענומען פון פינגער ביי אַ מיניסטער, וועלכן איך האָב אויף דער יאַגד אַ טויטן אַוועקגעלייגט צו די פיס פון זיין מלך. דורך חניפה איז ער פון אַ גאָרנישט געוואָרן דער ערשטער ליבלינג זייגער; די מפּלה פון זיין פאַרגייער האָט אים געהאָלפן דערהויבן זיך... טרערן פון יתומים האָבן אים דערהויבן... דעמדאָזיקן אַלמאַז האָב איך אַראָפּגענומען ביי אַ פינאַנץ־ראַט, וועלכער האָט פאַרקויפט ערנשטעלעס און אַמטן צו די, וואָס האָבן טייערער געצאָלט... דעמדאָזיקן אַגאַט טראָג איך לכּבוד אַ גלח, וועלכן איך האָב דערשטיקט מיט די אייגענע הענט דערפאַר, וואָס ער האָט עפנטלעך פון דער קאַטעדרע באַדויערט, וואָס די אינקוויזיציע איז געפאַלן". אין שילערס דראַמע איז ניטאָ קיין באַשטימטער פּלאַן פון קאַמף, ניטאָ קיין קלאָרע פּאָליטישע אידעאַלן, אָבער איר העלד איז דורכגעדרונגען מיט יענער ליבע צו ליידנדיקע און מיט יענער שנאה צו באַדריקער, וואָס דער הומאַניטאַר־אויפקלערנדיקער יאָרהונדערט האָט איינגעפלאַנצט אין די הערצער ביי די אידעאַליסטן פון דער עפּאָכע. ביי דעמדאָזיקן דעמאָנישן העלד גיסן זיך צונויף די איינזאַמקייט זיינע און די נקמה מיט די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען פון זיין צייט.

אין דרייסיק יאָר אַרום נאָך קאַרל מאַר, באַשאַפט באַיראָן אַ נייעם טיפ פון אַ רויבער. קוקט זיך צו צו אים. וואו זיינען די סיבות פון זיין שנאה צו מענטשן? דער פיזישער מוט, וועלכער האָט ריטשאַרדן געשטערט צו נעמען אָנטייל אין דעם יום־טוב פון רענעסאַנס, דער פּאָליטישער דרוק און די אומגערעכטיקייט פון לייטן, וואָס האָבן קאַרל מאָרן אָפּגעשטויסן פון מענטשן, זיינען שוין פאַר דעמדאָזיקן העלד פאַרעלטערט געוואָרן. די סיבות פון זיין פאַראַכטונג צו מענטשן זיינען פאַרהוילן אין נעפּל, פּונקט אַזוי ווי עס זיינען ניט קלאָר אַלע שטרעבונגען און געפילן פון דערדאָזיקער ראָמאַנטישער עפּאָכע. עפּעס נאָגט זיין פאַרבערעכערישע נשמה. „די מי און די צייט ליגן אויף אים, ווי אַ טויטנדיקע לאַסט... וועגן זיינע בייזע מעשים און גבורות האָט מען שוין לאַנג גאָרנישט געהערט... ער האָט ניט ליב, מ'זאָל אים פרעגן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט"... ווייטער פאַר אַזעלכע אומבאַשטימטע רמזים גייט דער פּאָעט ניט. און צי איז דען מעגלעך געווען אָנצווייזן די סיבות פון דערדאָזיקער אומצופרידנהייט, בשעת די סיבות זיינען געלעגן באַהאַלטן אין דער שטרעבונג אַרומצונעמען דאָס, וואָס איז ניט אַרומנעמבאַר, באַשיידן אַלע סודות פון דער וועלטבאַשאַפונג, באַשאַפן אַ אידעאַלע אָרדענונג פון לעבן, — אין יענער שטרעבונג, וואָס אין מענטשן האָט דער אויפקלערונגס־יאָרהונדערט איינגעפלאַנצט און ניט אָנגעוויזן קיין מיטלען, ווי אַזוי זי צו פאַרווירקלעכן? דערדאָזיקער העלד וועט זיך קיינמאָל ניט באַשולדיקן. ער איז געווינט צו גלויבן אין זיך און מגזם צו זיין זיינע קרעפטן. אים „פּייניקט דער שמערץ וועגן דער צייט פון גליקלעכע טרוימען, וועגן קרעפטן אויסגעשעפטע, וואָס דער גורל האָט אים געגעבן פאַר בעסערע מעשים... צופיל פאַרעקשנט און שטאָלץ צו פלוכן די צרה, האָט ער אין אַלץ באַשולדיקט די נאַטור, און זיין שטערבלעכן עפר ואפר, די תפיסה פון זיין נשמה, דעם טאָל פון קאַמף, די ירושה פון ווערים. מישנדיק בייז מיט גוטס, האָט ער זיין ווילקיר געריכט פון גוטן גורל... האָט געשטרעבט צו טאָן דאָס, וואָס אין אונזער צייט וואָלט קיינער ניט געטאָן". אַזעלכער איז ער דערדאָזיקער ניטפאַרשטענדלעכער העלד מיט גראַנדיעזע פּרעטענזיעס און מיט קליינע מעשים: „אַ ווערטער תּלמיד פון דעם שעדלעכווירקנדיקן שכל פון דער צייט, איז ער אין זיינע רעדעס געווען קלוג, אין מעשים — נאַריש".

פונדאַנען שטאַמען אויך אַלע איינגנשאַפטן פון זיין נאַטור. באַשאַפן פון דער נאַטור ניט כדי צו זיין אַן „אָנפירער פון רוצחים", אַ גוטער פון דער נאַטור, נאָר פאַרפירט פון מענטשן „אין די בעסטע זיינע טרוימען", פלוכט ער דאָס גוטס און האַסט די מענטשן, ער איז זיך אָן זיי נוקם און פאַרהאַסט זיי. אמת, ער נוצט אויך אַמאָל אויס זיין נקמה לטובת דעם יושר, — לאַורא רופט אַרויס אַן אויפשטאַנד פון די אָרעמע, — ער טראַכט אָבער מער וועגן דעם צו דערנידעריקן די רייכע, איידער צו העלפן די אָרעמע. אַזוי אַרום בלייבט דער פּראָצעס, וואָס האָט די גוטע נשמה פאַרוואַנדלט אין אַ שלעכטע, פאַרהוילן פון אונזערע אויגן. דערדאָזיקער העלד, וועלכער זוכט ווילד און פריי צו לעבן, באַזיצט אַ סקעפּטישן שכל, וועלכער איז פאַרסמט פון ליגן און

ביין, ער איז אַ דענקער: „ניט דער מענטש, נאָר ביכער און וויסנשאַפטן האָבן אין אים געוועקט דריקנדיקע אויפמערקזאַמקייט", דער XVIII י. ה. האָט אויף אים אַרויפגעלייגט זיין שטעמפל: דער ווילדער און דאָס קינד פון דער ראַפינירטער ציוויליזאַציע גיסן זיך אין אים צונויף אויף אַ וואונדערלעכן אופן. דערדאָזיקער העלד האָט נאָך איין שטריך, וואָס איז געוואָרן אַ באַשטענדיקע איינגנשאַפט ביי די אַנטוישטע העלדן. דאָס איז די שאַרפע נטיה צו פּאָזע. אַ שטאָלצער אינדיווידואַליסט, פּאָדערט ער צו זיך אויפמערקזאַמקייט מצד דעם המון. ער האָט זיך ליב צו שטעלן אויפן פּיעדעסטאַל און פאַרוויקלען אין סודות. ער ווייס, אַז די אומוויסנהייט רופט אַרויס פאַרשיידענע רייד, אַז דער עולם האָט נאָר ליב דאָס, וואָס עס איז סודותדיק. אָט דאָס פּאָזירן — איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך. ניט שפּירנדיק אין זיך קיין באַשטימטע מעלות, וואָס זאָלן אים געבן דאָס רעכט צו פּאָדערן פאַרגעטערונג מצד דעם המון, טוט זיך דערדאָזיקער העלד אָן אין סודותדיקן נעפּל, וועלכער פאַרדעקט די פּרוכטלאָזיקייט סיי פון זיינע ליידן, סיי פון זיינע זוכענישן. און וויפל נאָכמאַכער האָט געפונען דידאָזיקע אייגנאַרטיקע באַזונדערהייט! וויפל וואולגאַרע מענטשן האָבן אויף זיך אָנגעטאָן האַראָלדס מאַנטל, באַהאַלטנדיק אונטער אים אַ פּוסטע האַרץ און אַ גלייכגילטיקן עגאָאיזם!

XXIII.

די „שמערצלער". — „מאַנפרעד". — מאַנפרעד און דער אויפקלערונגס-יאָרהונדערט. — די סיבות פון מאַנפרעדס יאוש. — דער עפּיזאָד מיט אַסטאַרטאַ. — די צוויי לעצטע לידער פון „טשאַילד האַראָלד". — קַיִן. — גאָט און לוציפער. — דער איבערגאַנג צום רעאַליזם און צו סאָציאַלע פראַגן. — „סאַרדאַנאַפּאַל". — „דאָן זשואַן". — „די בראָנזן-תּקופה". — שלוס.

אַזעלכע זיינען געווען די וועגן, איבער וועלכע עס האָט זיך קודם כּל אַוועקגעלאָזן די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלוציע און פאַר דער קאָמפּליצירטער ירושה פון דעם יאָרהונדערט פון פאַרשטאַנד. זי געדענקט זיינע געבאָטן, זעט אָבער ניט קיין מיטלען זיי צו פאַרווירקלעכן. זי וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, אידעאַליזירט דאָס, וואָס לאָזט זיך נאָך אידעאַליזירן. עס גייט אָבער אַריבער עטלעכע יאָר — פאַרגעסט זי זיך גאָר צו טרוימען און צו גלויבן, און פאַלט אַריין אין יאוש, און פון אונטער דער פעדער פון אונזער פּאָעט גיסן זיך אַרויס נייע שאַפונגען פולע מיט אומגעטרייסטן פינסטערן שמערץ.

די ראָמאַנטישע זוכענישן זיינען געבליבן פּרוכטלאָזע. דאָרט, וואו צוליב דער ווייטקייט פון שטח האָט זיך דאָס לעבן געמאָלט אין אָנציענדיקער שיין, האָט זי ביים נעענטערן באַטראַכטן אַרויסגעוויזן דיזעלביקע אומפּולקומענהייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, דיזעלבע קראַפטלאָזיקייט פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד צו באַהערשן דעם וועלטאַל, צו פאַרווירקלעכן זיינע גראַנדיעזע פּרעטענזיעס.

דעמאָלט איז אויך אַנטשטאַנען די פינסטערע ריכטונג אין דער ליטע־ראַטור, די פּאָעזיע פון „וועלט־שמערץ". עס האָבן זיך געלאָזט הערן די בענקשאַפט־פולע לידער פון לעאָפּאַרדי, וואָס האָט געשטעלט אַלס דעוויז פון זיין פּאָעזיע אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע זאָרגן און דאגות פון דער עפּאָכע. עס האָבן זיך באַוויזן די צאָרנדיקע לידער פון היינע, וואָס האָט גאָך אויך ערשט ניט לאַנג געשוועבט אין דער צויבערלעכער וועלט פון ראָמאַנטישע חלומות. לענאו האָט באַשאַפן זיינע טרויעריקע רעיונות; שאַטאָבריאַן האָט באַשאַפן זיין בענקשאַפטפולע פילאָזאָפיע. אַ גאַנצע ריי טרויעריקע געשטאַלטן האָט זיך באַוויזן אויפן פינסטערן האָריזאָנט, וואָס איז הענגען געבליבן איבער אייראָפּע אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון XIX י. ה. פאַר דעמדאָזיקן אומעטיקן כאָר האָט געפּאַסט אַן אָרט אונטער די פינסטערע געוועלבן פון אַ גאָטישן טעמפּל, וואו אַלץ דערמאָנט אָן דער אומזיכערקייט און שווערקייט פון דעם ערדלעבן. און דערוויל איז עס אָבער אַ מין אוווערטור צו דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, וואָס מיט זיינע סאָציאַלע און וויסנשאַפטלעכע ערָאָבערונגען שטאָלצירט אַזוי די מענטשהייט.

באַיראָן האָט איבערגעלאָזן אומשטערבלעכע געשטאַלטן פון דידאָזיקע בענקענדיקע העלדן, און אין זייער בענקשאַפט האָט ער באַמערקט די עלנט־מענטשן, וואָס האָבן געדינט אַלס ערבות פון דער רפואה צו דער מכה. די פּערזענלעכקייט, וואָס פּראָטעסטירט קעגן דער וועלטאָרדענונג, וואָס איז ניט באַפרידיקט געוואָרן מיט איר ראָלע אין דער אַלגעמיינער אָרדענונג פונם לעבן, האָט געדאַרפט דערפירן צו עקסטער עקסטרעמקייט איר אָפּגעזונדערט־קייט פון דער וועלט, כדי צו דערפילן, אַז זי האָט אין זיך סאָציאַלע אינ־סטינקטן, כדי צו פאַרשטיין, וויפל ליידן עס פאַרבאָרגט אין זיך דער וועג פון שטאָלצער איינזאַמקייט, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון פריערדיקן וועג פון ראָמאַנטישע וואַנדערונגען, כדי צו פאַרשטיין די נויטווענדיקייט אומצו־קערן זיך צו דער געזעלשאַפט. צווישן די איינזאַמע העלדן, וואָס האָבן אויסדערוויילט דעמדאָזיקן דאָרנדיקן וועג, איז באַיראָנס מאַנפרעד די בולטסטע פאַר־קערפּערונג פון דער אַנטיסאָציאַלער, און אַפילו אַנטיוועלטישער פּערזענלעכ־קייט. מאַנפרעד האָט טיפע קענטעניש, ער האָט משיג געווען די סיבות פון דער נאַטור, זיין פאַרשטאַנד האָט תופס געווען דאָס גרעניצלאָזע. אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער טאָן גוטס, און אָפטמאָל פלעגט ער גוטס געפינען אין מענטשן. ער האָט געהאַט שונאים און האָט זיי געשליידערט צו דער ערד. אָבער ער האָט אין גאָרנישט געפונען קיין טרייסט. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, און איז געבליבן לגמרי אַליין. די גייסטער פון דעם שיקזאַל זאָגט וועגן אים, אַז זיין מאַכט און קענטענישן האָבן ניט קיין גלייכן צו זיך אויף דער ערד, „זיינע שטרעבונגען האָבן זיך שטאָלץ אויף יענער זייט גרעניץ פון דער ערד געטראָגן". מאַנפרעד רופט אַרויס גייסטער. זיי זיינען אונטערטעניק צו אים. זיי זיינען גרייט ממלא צו זיין אַלץ, וואָס ער וועט באַפעלן, גיבן אים אַלע אוצרות פון דער וועלט, אַלע פריידן פון לעבן, אָבער דווקא דאָס, וועגן וואָס ער בעט זיי, זיינען זיי ניט אימשטאַנד אים צו געבן. זיי קאָנען אים

ניט געבן קיין פאַרגעסונג. און מאַנפרעד לעכצט נאָר נאָך דעם. אָפּשטויסנ־דיק די הילף פון גהינום, שטויסט מאַנפרעד אָפּ אויך די הילף פון גאָט. ער נעמט ניט אָן די עצות פון דעם גלח. ער אַליין טראָגט זיך אַרויס אַ פּסק־דין. קיין זאַך קאָן פון זיין נשמה ניט אַרויסרייסן דאָס מודה זיין זיך אויף אירע פאַרברעכערישע מעשים, „ניט קיין תּענית, ניט קיין תּשובה, ניט קיין תּפילה". ניט דער הימל, ניט דער גהינום קאָנען אים ניט מציל זיין און געבן אים באַפרידיקונג.

וואָס איז שייך צו מענטשן, האָט ער נאָך ווייניקער געקאָנט איינלעבן זיך מיט דעמדאָזיקן דריטן עלעמענט, צוליב וועלכן עס שטייען אין אייביקן קאַמף די הימלשע און גהינומשע קרעפטן. אַמאָל האָט ער געהאַט דערהויבענע שטרעבונגען, ער האָט געוואָלט ליכט ברענגען צו פעלקער, נאָר ער אַליין דערקלערט די נאַטור פון זיין אַנטיסאָציאַלן אינסטינקט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַפילו די הערשאַפט איבער מענטשן פאָדערט צופּאַסונג און אונטער־געוואָרפנקייט. „ווער עס וויל אָנפירן מיט דעם פּאַראַכטן און נישטיקן המון, יענער מוז חנפענען, אָפּט אונטערגעבן זיך... איך האָב מיך ניט געוואָלט צונויפמישן מיט דער וועלפישער סטאַדע, אַפילו כּדי צו הערשן איבער איר. דער לייב איז איינזאַם, איך בין צו אים געגליכן". ווי בנוגע צו גאָט און גהינום, אַזוי אויך בנוגע צו מענטשן, איז מאַנפרעד פּאַסיוו. ער ערוואַרט פון זיי נאָרנישט. ער איז גלייכגילטיק צו גוטס און צו שלעכטס, צו מענטש־לעכע ליידנשאַפטן און ליידן. אמת, ער ברענגט אום אַלץ, וואָס קומט מיט אים אין באַרירונג; נאָר ער ברענגט אום ווי אַ וויכער, „וואָס קנוילט דעם זאַמד מיטן אָנגעגליטן אָטעם, — ער דאַרף ניט קיין קרבנות, אָבער אויב ווער באַגעגנט זיך מים אים, יענעם ערוואַרט דער טויט". מאַנפרעד איז אַן אומקלאָרע, אומבאַשטימטע געשטאַלט, מחמת ער איז אויסגעוועבט פון אָפּליי־קענונג. אין דער וועלטשאַפונג איז ניטאָ קיין יסוד, צו וועלכן מען זאָל אים קאָנען צורעכענען. אין די פילאָזאָפישע קאַטעגאָריעס איז ניטאָ קיין פּאָזיטי־ווע וועלטאָנשויאונג, צו וועלכער מאַנפרעדס אָנשויאונגען וואָלטן געקענט צוגעפּאַסט זיין. ער איז אויסער דעם וועלטאַל. ער אַליין כאַראַקטעריזירט זיך מיט משונהדיקע טערמינען, וואָס זיינען ספּעציעל פאַר אים באַשאַפן. ער איז זיך אַליין אַ שופט מיט אַן אייגנאַרטיקן קאָדעקס, וואָס ער אַליין האָט אויסגעאַרבעט; סיי דידאָזיקע טערמינען, סיי דערדאָזיקער קאָדעקס זיינען ניט צוטריטלעך פאַר דעם לעבעדיקן. דער פּאָעט האָט געוואָלט באַשאַפן אַ נייע בריאה, אַ נייע סטיכיע. אָבער דעם מענטשנס שכל קאָן אָפּערירן נאָר מיט מענטשלעכן געצייג. ווי שרעקלעך דאַנטעס גהינום זאָל ניט זיין, אָבער דער פּאָעט האָט דאָ אויף דער ערד אָפּגעזוכט פאַר די רשעים פּייניקונגס־מיטלען. אַלץ, וואָס גייט אַרויס אויסער די גרעניצן פון דער וועלט, פאַרלירט די רעאַלע קאָנטורן. אָט פאַרוואָס מאַנפרעד האָט, אַלץ אָפּוואַרפנדיק, ניט גע־קאָנט אָנהייבן קיין שעפערישע אַרבעט; אָט פאַרוואָס אין זיין נשמה איז פינסטערניש און טריבקייט. „איצט איז אַלץ כאַאָס אין אים, — זאָגט דער

גלה וועגן מאַנפרעדן. — אי פינסטערניש, אי ליכטיקייט: אַ געמיש פון דערהויבענע שטרעבונגען מיט פוסטן און נישטיקן ריידן פון היץ".

לאָמיר זיך נעענטער צוקוקן צו די סיבות פון מאַנפרעדס יאוש.

לויערנדיק נאָך דעם פלי פון אָדלער, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דער גרענעצלאָזער הויך פאַר זיין בליק, ווייזט מאַנפרעד מיט בענקעניש אָן דערויף, וואָס פאַר זיין אויג איז באַשטימט אַ גרעניץ, וואָס ווייטער פון אים קאָן ער ניט זען: „מיר זיינען אַ באַהעפטונג פון ערד און שטויב מיט גאָטהייט, וואָס זיי איז ניט באַשערט ניט שוועבן, ניט קריכן. אַ גאַנץ לעבן פירן מיר אַ קאַמף מיט אונזער צווייאיקער נאַטור". בכן, איז די סיבה פון מאַנפרעדס ליידן — די גרונטפראַגע, וואָס איבער איר לייזונג האָט זיך געפייניקט די גאַנצע עפּאָכע. דער מענטש באַשטייט פון גייסט און מאַטעריע. אין אים לעבט גאָטהייט, אָבער דערדאָזיקער געטלעכער גייסט איז איינגעשלאָסן אין אַ שטערבלעכער שייד, וואָס מוז בטל ווערן. דער מענטש איז אַ באַהעפטונג פון אַבסאָלוטן און רעלאַטיוון, פון אייביקן און צייטווייליקן.

כל־זמן די עפּאָכע פון ראַציאָנאַליזם האָט ניט חרוב געמאַכט דעם לע־בעדיקן אוממיטלבאַרן גלויבן, האָבן די סתירות, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דעמדאָזיקן דואַליזם פון דער מענטשלעכער נאַטור, ניט אַרויס־גערופן קיין ספקות. דער גלויבן האָט זיי לייכט און פשוט געלייזט. זי האָט דעם מענטשן צוגעזאָגט פאַרווירקלעכן די ניט־ערדישע שטרעבונגען פון דעם גייסט־לעכן יסוד, וואָס לעבט אין מענטשן, פון זיין רייסן זיך צום אַבסאָלוטן. דער יאָרהונדערט פון ראַציאָנאַליזם האָט חרוב געמאַכט דעמדאָזיקן גלויבן. מאַנ־פרעד ווייס די ענציקלאָפּעדיסטן, זיין פאַרשטאַנד זוכט אַ באַשטעטיקונג פון זיין רעכט אויף די אַלטע פרעטענזיעס. דער פאַרשטאַנד באַווייזט אים, ווי פרוכטלאָז עס איז זיין שטרעבן צו דער הייך. ער קען זיך ניט אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, מחמת די שטרעבונגען צום אַבסאָלוטן טראָגן אים אַוועק פון איר. ער קאָן אויך ניט באַפרידיקן זיינע דערהויבענע שטרעבונגען, מחמת די נישטיקע ערד־שייד האַלט אים פון אונטן: „דאָ צאָלן מיר מיט צו געהויבענע שטרע־בונגען, דאָ זיינען מיר נישטיקע קנעכט פון נישטיקע נייטן". פונדאַנען שטאַמט מאַנפרעדס פאַראַכטונג צו דער וויסנשאַפט. ווי פאַוסט, האָט ער אין איר ניט געפונען קיין ענטפער אויף זיינע פראַגן. „דאָס וויסן — איז שמערץ; ווער עס ווייס מער פאַר אַלעמען, יענער פילט טיפער פאַר אַלעמען דעם טרויעריקן בייזן אמת, אַז דער עץ־הדעת איז ניט דער עץ־החיים. די פילאָזאָפיע, די וויסנשאַפט, די וואונדערלעכע קרעפטן, די גאַנ־צע חכמה האָב איך באַגריפן, אָבער דאָס האָט צו גאָרנישט געבראַכט". ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס וויסן ברענגט ניט קיין גליק, און די וויסנ־שאַפט איז נאָר אַחילוף פון איין אומוויסנהייט אויף דער צווייטער.

דידאָזיקע פאַרצווייפלונג איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דעמזעלביקן דואַליזם פון דער מענטשלעכער נאַטור.

די וויסנשאַפט פאָרשט אויס די וועלט פון ערשיינונגען דורך פרווו און באָאָבאַכטונג. זי האָט איר אויפגאַבע שטרענג באַגרעניצט נאָר מיט דערדאָזי־

קער וועלט. אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון די גרעניצן פון דער וועלט, שטייט אויסער דער ספערע פון עמפּירישער פאָרשונג. דאָס אַלץ גייט ניט אַריין אין דעם געביט פון וויסנשאַפט. דאָס אַבּאָלוטע שטייט אויסער איר קאָמפּעטענץ.

די נאַטור פון אַבסאָלוטן קאָן נאָר דער גלויבן אויפדעקן פאַר דעם גלויביקן. דאָס דאָזיקע צונויפמישן צוויי זייטן פון מענטשלעכן גייסט איז מאַנפרעדס הויפּט־טעות. ער מישט אַריין דאָס וויסן אין פראַגן פון גלויבן. צוזאַמען מיט זיין איבערגאַנגס־צייט פאַרשטייט ער נאָך ניט די אמתע באַדייטונג פון דער וויסנשאַפט. ער קען זיך ניט קלאָר מאַכן די גרעניצן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. מאַנפרעד פאַרקערפּערט אין זיך דעמדאָזיקן טרויעריקן פּעריאָד פון צעמישעניש אין די באַגריפן. „ער מאַטערט זיך — אָט וואָס עס הייסט זיין אַ שטערבלעכער און שטרעבן דערצו, וואָס ליגט אויף יענער זייט גרעניץ פון דער וועלט"‚—זאָגט וועגן אים דער גייסט. „דו ביסט אַם ענדע—וואָס דו ביסט", — זאָגט מעפיסטאָפעל צו פאַוסטן, באַצייכענענדיק מיט דעם קורצן אַפאָריזם די טראַגעדיע פון דער עפּאָכע. דער שטערבלעכער דאַרף געדענקען וועגן זיין באַגרעניצטקייט, און ער קאָן אומבאַשטראָפט ניט שטרעבן אויסער די גרעניצן, וואָס זיינען פאַר אים באַשטימט.

אָבער דאָס איז ניט דער איינציקער מאָטיוו.

„איך האָב פיל מעשים אויפגעטאָן, — זאָגט נעמעזידע,—איך האָב פאַרפעסטיקט צעטרייסלטע טראָנען, האָב מאַכט געשענקט אַראָפּגעזעצטע טיראַנען, מיט קייטן פון חתונה ניט איין מטורף געפענטעט. איך האָב מענטשן געהאָלפן בקמה נעמען פון שונאים, כדי זיי זאָלן נאָכדעם באַוויינען זייער נקמה. כ'האָב פון זינען אַראָפּגעפירט חכמים, פוסטע מענטשן געמאַכט פאַר פאָלקס־פירער. כ'האָב געמאַכט אונטערטעניק מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט מלכים וועגן אויף דער וואָג, און טראַכטן וועגן פאַרבאָטנס, וואָס רופט זיך פרייהייט". אַן אָפענער רמז אויף דעם הייליקן בונד און אויף די פּאָליטישע אַנטוישונגען איז באַהאַלטן אין דידאָזיקע ווערטער. „פון די קברים,—זאָגט דער היסטאָריקער, — האָבן זיך, פּונקט ווי אַלטע שטינקעדיקע סקעלעטן און געשפענסטער, פּונקט ווי געקומענע פון יענער וועלט, אויפגעהויבן די אומגעהייערן און סטראַשידלעס פון דער אַלטער אָרדענונג; עס זיינען אָנגעקומען יאָרן פון חושך, פון קריצן מיט די ציין". די געזעלשאַפט איז אַריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע, ניט האָבנדיק קיין אָנווענדונג פאַר אירע קרעפטן. מאַנפרעד איז דער טרעגער פון דערדאָזיקער לאַנגווייליקייט. זיינע טעג „זיינען ענלעך איינער אויפן צווייטן, ווי די זעמדלעך אויפן ברעג פון ים. זיי זיינען געגליכן צו אַן אומעטיקן און ווילדן ברעג, צו וועלכן עס שטרעבן די צאָרנדיקע כוואַליעס, וואָס, אָפּפלייצנדיק אויף צוריק, לאָזן זיי איבער נאָר ביינער און ברוך". די מענטשן פון דעמדאָזיקן פּעריאָד האָבן ניט געקענט רעגלמעסיק באַנוצן זיך מיט דער וויסנשאַפט. זיי האָבן פיל געלערנט, האָבן אָבער ניט געקענט אָנווענדן זייער קענטשאַפט אין לעבן, אויסברענגענדיק זייערע כוחות אויף יאָגן זיך נאָך אומדערגרייכבאַרן. זיי האָבן אויך ניט געקאָנט אויסנוצן די רעזולטאַטן פון דער קאָלאָסאַלער פּראַקטישער אַרבעט, וואָס דער יאָרהונדערט פון דער רעוואָלוציע האָט אָפּגעטאָן. זיי האָבן

ניט געוואָלט קיין לאַנגזאַמע גריבלדיקע אַרבעט, וועלכע פאָדערט צו קענען „אַמאָל אונטערגעבן זיך, אויסוואַרטנדיק אַ באַקוועמע רגע". זיי האָבן נאָך ניט פאַרשטאַנען די אמתע באַדייטונג פון דער וויסנשאַפט, ווי זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די אמתע באַדייטונג פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אויף דער ערד האָבן זיי ניט געהאַט וואָס צו טאָן. דאָס זיינען איבעריקע מענטשן, בענקענדיקע און לאַנגווײַלנדיקע.

ריידנדיק וועגן מאַנפרעדן, קאָן מען ניט באַרירן דעם סודותדיקן עפּיזאָד מיט אַסטאַרטען. זי איז געווען געגליכן צו אים. אירע אויגן, אירע האָר, אירע שטריכן, אַלץ, אַפילו דער קלאַנג פון איר שטים, האָבן דערמאָנט אָן אים. אָבער אין איר איז אַלץ געווען ווייכער. די שיינקייט האָט אויף אַלץ אין איר אויסגעשפּרייט אַ פרידן. זי האָט אויך געפלאַמט מיט דאָרשט נאָך וויסן, איר מוח האָט אויך געשטרעבט אַרומצונעמען דעם וועלטאַל. אַזאַ איז געווען דערדאָזיקער וועזן, דער איינציקער קניפּל, וואָס האָט געקענט מאַנפרעדן צובינדן צו דער ערד. מאַנפרעד דערמאָנט אָפן וועגן איר. ער האָט געענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט זי געטויט, אָבער „ניט מיטן האַנט, נאָר מיטן האַרצן, וואָס האָט איר האַרץ צעבראָכן". ער האָט זי ניט געקאָנט רעטן. מאַנפרעד זאָגט אַליין, אַז, געגליכן צום סאַמום, פאַרטיליקט ער אַלץ, וואָס רירט זיך צו אים צו,—ניט ווילנדיק, אָן אַ בייזער כוונה. דער שטרענגער פאַרערער פון דער פּסעוודאָקלאַסישער איינקייט וואָלט אפשר אין מאַנפרעד איינגעזען אַ פּגימה אין קינסטלערישער גאַנצקייט. מאַנפרעד דערמאָנט עטלעכע מאָל, אַז אַסטאַרטע איז געווען די סיבה פון זיין אונטערגיין און פאַרצווייפלונג. מיר האָבן שוין געזען, אַז בעצם ליגן אין גרונט פון דער מאַנפרעדישער בענקעניש טיפע פילאָזאָפישע און סאָציאַלע סיבות. אַסטאַרטעס טויט—דאָס איז דער באַדינג, וואָס שליסט, ניט וואָס באַשאַפט די צעצווייאיקטקייט אין מאַנפרעדס נשמה. דער העלד וואָלט פאַרלאָרן זיין גרויסע קולטור-היסטאָרישע און פילאָזאָפישע באַדייטונג, ווען די איינציקע סיבה פון זיין פאַלן וואָלט געווען די אומגליקלעכע ליבע צו אַסטאַרטען. דידאָזיקע ליבע איז אַריינגעפירט, כדי אָפּצונעמען דעם לעצטן אינהאַלט ביי מאַנפרעדן, כדי נאָך מער צו באַרעכטיקן זיין אינדיפערענטיזם. דער פּאָעט האָט ווי געפילט, אַז די פראַגע וועגן פּערזענלעכן גליק, וואָס וואָלט געקאָנט מאַנפרעדן צובינדן צום לעבן, וועט אַליין פאַר זיך אַנטשטיין, און ער האָט לכתחילה ניט דערלאָזן די מעגלעכקייט פון דעמדאָזיקן גליק.

גלייכצייטיק מיט מאַנפרעדן האָט באַיראָן געענדיקט שרייבן זיין באַרימטן טשאַילד האַראָלד. מאַנפרעד איז געוואָרן אָנגעהויבן אין סעפּטעמבער 1816 יאָר און געענדיקט זומער 1817 יאָר, און די דריטע און פערטע לידער פון טשאַילד האַראָלד האָבן זיך געשריבן פון מאַי 1816 ביז יוני 1817 יאָר. דידאָזיקע צוויי יאָר, וואָס אין זיי זיינען ערשינען אַזעלכע גרויסע ווערק, שטעלן פאָר אַ קורצן אָבער פילבאַווייזנדיקן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דעם פּאָעטס אינערלעכער אַנטוויקלונג. דאָס זיינען יאָרן פון איבערברון, יאָרן ווען דעם פּאָעטס בענקשאַפט איז דערגאַנגען ביזן קולמינאַציון פּונקט.

האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה. הינטער וועלכער עס איז אָדער דער טויט אָדער די אויפלעבונג. שוין מאַנפרעד, דערדאָזיקער הימן צו דעם טויט-פינסטערן יאוש, איז מבשר וועגן דעם צווייטן פון דידאָזיקע צוויי אויסגאַנגען. אין דער אמתן, וואָס וויל מאַנפרעד? ביי די גייסטער בעט ער איין מתנה — פאַרגעסן זיך, ער אַליין זוכט איין תרופה — טויט. אָבער דווקא קיין פאַרגעסונג קאָנען אים די גייסטער ניט געבן, און דווקא דעם טויט קאָן ער ניט געפינען. ער איז צייטווייליק אומשטערבלעך. אַלע זיינע פרוּוון פון זעלבסטמאָרד ענדיקן זיך ניט געלונגען. עפּעס אַ איבערנאַטירלעכע קראַפט דערלאָזט זיי ניט. אין דערדאָזיקער משונהדיקער קאָנצעפּציע פילט זיך דער אָנהייב פון עפּעס נייס. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין מאַנפרעדס יאוש, ווי גלייכגילטיק ער איז ניט צו די הימלשע, גהינומשע און ערדישע קרעפטן, וועט ער זיי דאָך ניט אויסמיידן, קען ער ניט פטור ווערן פון די קייטן, וואָס פאַראייניקן אים מיט דער וועלט, קען ער ניט צערייסן די קייטן, וועלכע שמידן אים צו צו דעם אַלגעמיינעם לעבן פונם וועלטאַל. פאַר אים איז ניטאָ קיין טויט. אַלע עלעמענטן פון דער וועלט זיינען צווישן זיך געבונדן מיט פעדים אָן אַ צאָל, און קיינער פון זיי קאָן ניט אומבאַשטראָפט אַוועק פון דעם אַלגעמיינעם קיום. בכן, האָט דאָס ווערק, וואָס איז אַממערסטן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּאָעזיע פון וועלט-שמערץ, גלייכצייטיק געקלונגען מיט בענקשאַפט נאָך לעבן; דער העלד, וואָס האָט גערעדט וועגן דער פרוכטלאָזיקייט פון עקזיסטירן, וועגן דער ציללאָזיקייט פון די מענטשלעכע שטרעבונגען, וועגן דעם אַבסורד פון דער וועלטשאַפונג, — דערדאָזיקער העלד איז אַדאַנק זיין אומשטערבלעכקייט געוואָרן אַ לעבעדיקער באַווייז פון דער וועלטס האַרמאָניע און צוועקמעסיקייט. דער טרעגער פון חורבן און טויט זאָגט עדות וועגן דער קראַפט און דעם נצחון פון דעם לעבנס-יסוד. אין דעם סאַמע פּעסימיסטישן ווערק פון דער ליטעראַרישער שאַפונג האָט דורכגעלויכטן די אָפּטימיסטישע אידעע וועגן אַקטיווער אַרבעט און טעטיקן אָנטייל פון אַלע עלעמענטן אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג.

דער 1816 יאָר — דאָס איז דער אָנהייב פון אַ נייער גרויסער ווענדונג אין דעם פּאָעטס נשמה. אויב אין *מאַנפרעדן* האָט דער פּאָעט מיט האָפענונגסלאָזער יללה פון יאוש זיך געסטאַרעט פאַרטויבן דעם הייסן שטרעבן צום לעבן, קלינגען אין די צוויי לעצטע לידער פון *טשאַילד-האַראָלד*, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן גלייכצייטיק מיט *מאַנפרעדן*, פולקום דייטלעך די ערשטע טענער פון שלום מאַכן. אין זיי איז דעם העלדס איינזאַמקייט מער אומעטיק איידער אין די ערשטע צוויי לידער, אָבער אין זיי איז אויך מער פאַרבאָרגענער פאַרלאַנג שלום צו מאַכן מיטן לעבן, מער הומאַנישער געפיל, אין זיי דאַכט זיך, ווי עס וואָלט זיך דורכגעריסן האָפענונג אויף דער מעגלעכקייט פון גליק און פון יושר. אין זיי זיינען פאַרבליבן אַלע גרונטמאָטיוון פון די ערשטע צוויי לידער — סיי די מעלאַנכאָליע, סיי די ליידנשאַפטלעכע געלוסטונג צו דער נאַטור, סיי די ראָמאַנטישע שטרעבונג צו אומבאַגרעניצטער פרייהייט. ווי פריער געפינען שטורעמס און גערויש פון די

כוואַליעס אַן אָפּקלאַנג אין דעם פּאָעטס נשמה, ווי פריער קאָן ער באַפעלקערן די קאַנטן, וועלכע ער האָט באַזוכט „מיט שאָטן פון אַמאָליקע צייטן", ווי פריער וואַרט ער צייטנווייז אויף דער אויפלעבונג פון די פעלקער און פון די באַרימטע שטעט ניט דורך דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, ניט דורך די אָדער יענע אינטערנאַציאָנאַלע קאָמבינאַציעס, וועלכע זייגען געבויט אויף מאַטעריעלע אינטערעסן, נאָר פון ראָמאַנטישן מיטגעפיל און פון פּאָעטישער השפעה; ווי פריער איז ער גרייט צו גלויבן, אַז די לידער פון טאָרקוואַטאָ טאַסאָ קאָנען רעטן ווענעציע פון דעם „אַמאָליקן טיראַנס יאָך". ערשט איצט איז זיין בענקשאַפט געוואָרן אַ מער פאַרענדיקטע. צוזאַמען מיט מאַנפרעדן זיינען די לעצטע צוויי לידער פון טשאַילד האַראָלד אַ קלאָרער אויסדרוק פון וועלט־שמערץ. קיינמאָל זיינען נאָך דער שמערץ וועגן דעם מענטשנס נישטיקייט און דער אומזין פון די מענטשלעכע שטרעבונגען, ליידנשאַפטן און אַמפּערייען אַזוי ניט אויפגעדעקט געוואָרן מיט אַזאַ מוראדיקער אָנרחמנותדיקער באַשיינפּערלעכקייט. אויב אין די ערשטע צוויי לידער פון טשאַילד האַראָלד און אין די אָריענטאַלישע פּאָעמען איז באַיראָן דער עיקר אַ ראָמאַנטיקער, איז ער אין מאַנפרעד און אין די לעצטע צוויי לידער פון טשאַילד האַראָלד,—דער אמתער זינגער פונם וועלט־שמערץ, טרייסטלאָזן און פינסטערן. דאָרט האָט ער נאָך געזוכט אידעאַלן, אָדער אין עבר, אָדער אין ווייטע לענדער, אָדער צווישן רויבער, בכלל ערגעץ־וואו אויסער די געוויינטלעכע עקסיסטירנדיקע פאָרמען פון קולטורעלן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָ זוכט ער שוין ניט קיינע אידעאַלן. ער דאַרף זיי אַפילו ניט. ער לעכצט נאָר נאָך פאַרגעסונג און אַליינבלייבן. אויב אַפילו דאָ קלינגען אַמאָל אויס די אַלטע ראָמאַנטישע מאָטיוון, אויב עס לאָזט זיך אַמאָל הערן אַ רוף צום העראָאישן עבר, הערט זיך דערין ניט די פריערדיקע ענערגיע, און נאָך זיי קומען שטענדיק געדאַנקען וועגן דער פאַרגענגלעכקייט פון אַלץ, וואָס אויף דער ערד, דער באַוואוסטזיין, אַז דאָס גרויסע איז אונטערגעוואָרפן דעמזעלביקן גורל, ווי דאָס נישטיקע. „וואו איז די גדולה פון רוים? זי איז געפאַלן אין שטויב צווישן אירע ווענט. ניטאָ מער דער ריז! טויט, חורבן אַרום..." אַזעלכער איז דער אומעטיקער אויספיר, צו וועלכן דער פּאָעט איז געקומען. ער האָט דערגרייכט די עקסטע גרעניצן פון פאַראַכטונג צו מענטשן און פון כפירה אין לעבן.

לאָמיר זיך נעענטער צוקוקן צו דער נאַטור פון דער דאָזיקער בענקשאַפט.

די פאַראַכטונג צו מענטשן קאָן זיין פון צוויי־ערליי מינים. איינער קאָן שטאַמען פון אַ טרוקן עגאָאיסטישן האַרצן, קאָן געבוירן זיין פון אַ מוח אַ באַגרעניצטן און אַן אייגנליביקן; אין אַזעלכע פאַלן דינט ער פאַר דעם מענטשן אַלס פאַרענטפערונג פון זיין אייגענער פוסטקייט, זיין אומטעטיקייט און פּאַסיווקייט. דער ניט אָנערקענטער, ניט דערהויבענער צו דער געוואונטשענער הויך, ווען ער געפינט ניט קיין נוצלעכן עסק, דראַפּירט ער זיך אין אַ מאַנטל פון אַ שמערצלער. הינטער זיין שמערץ איז פאַרבאָרגן נאָר קאַלטער

עגאָאיזם, אַ טרוקן האַרץ, פאַרוואונדעטע אייגנליבע און באַליידיקטע גאווה. דער דזיקער מענטש ליידט ניט. אים איז גוט אין דער איינזאַמקייט. אים גייען ווירקלעך ניט אָן די מענטשלעכע ליידן און פריידן. זיינע ליידן זיינען אויסגעטראַכטע; הינטער זיי איז באַהאַלטן אַ פולקומע באַפרידיקונג און אַפילו זעלבסטצופרידנהייט.

עס איז אָבער פאַרהאַן אַן אַנדער מין פאַראַכטונג צו מענטשן; זי איז אויסגעליטן און געקויפט פאַר אַ טייערן פּרייז. מענטשן מיט דערהויבענע רעיונות און שטרעבונגען, וואָס זיינען מיט אַ קאָפּ העכער פאַר די מענטשן פון זייער דור, פאַרלאָזן די געזעלשאַפט נאָך אומזיסטיקע פּרוּוון צו געפינען, אויף וואָס אָנצווענדן זייערע כּוחות, און ווערן דורכגעדרונגען מיט פאַראַכטונג צו איר. הינטער זייער פאַראַכטונג הערט זיך אַ פּיינלעכער געשריי פון פאַרצווייפלונג; זיי ריידן שלעכטס אויף מענטשן, ווי עס רעדט אַ ברודער וועגן אַ ברודער, וואָס איז אַראָפּ פון דרך הישר. די היץ גופא, מיט וועלכער זיי פאַלן אָן אויף דער מענטשהייט, איז שוין אַן עדות דערויף, ווי נאָענט די מענטשהייט איז צו זייער אויסגעפייניקטן האַרצן. זיי סטאַרען זיך אַוועק צו גיין פון איר, אָבער זיי געפינען ניט קיין פאַרגעסונג. זיי זיינען זיך אויך מתבודד פון מענטשן, אָבער דאָס גיט זיי ניט קיין גליק און קיין באַפרידיקונג. זייער תאווה צו איינזאַמקייט איז מער ניט, ווי אַ פאַרמאַסקירטער געלוסטן נאָך מענטשן. זייער יאוש און אַפּאַטיע איז מער ניט ווי פּיינלעכער דאָרשט נאָך טעטיקייט, זייער פאַראַכטונג צו מענטשן איז מער ניט, ווי ליבע צו מענטשן, וואָס זיי אַליין פאַרשטייען זי גוט. ווען זיי וואָלטן געקאָנט, ווי זיי פאַרזיכערן, באַפרידיקן זיך מיט דער נאַטור און מיט דער איינזאַמקייט, וואָלטן זיי ניט געמאַכט קיין פּרוּוו אומצוקערן זיך אין דער געזעלשאַפט, זיי וואָלטן אין זייער איינזאַמקייט ניט אָפּגעגעבן די בעסטע רעיונות זייערע דער מענטשהייט; יעדער פאַריבל זייערער אויף דעם אומזין, וואָס הערשט אין דער וועלט, וואָלט ניט געווען קיין קרעכץ פון אַן אָנגעווייטאָקטער נשמה, וועלכע פּראָטעסטירט קעגן די פּיינען פון דער מענטשהייט, קעגן אומגליק, וואָס הערשט אויף דער ערד.

דער ערשטער פון דידאָזיקע צוויי טיפּן איז אומנוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט. ער וועט קיינמאָל ניט אַרויס פון דעם צושטאַנד פון גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע. ער איז פאַרפאַלן פאַר ערלעכער פּרודוקטיווער אַרבעט לטובת דער געזעלשאַפט. דער צווייטער טראָגט אין זיין יאוש גופא די קערנער פון אויפלעבונג. ווער עס האָט זיך דערוויסטערט פון מענטשן און ליבט דאָך פאָרט און ליידט פאַר זיי, יענער וועט פריער אָדער שפּעטער פאַרלאָזן זיין איינזאַמקייט, וועט זיך אָפּזאָגן פון זיין פּרודוקטלאָזער בענקשאַפט און וועט זיך פאַרטראַכטן איבער דעם, ווי אַזוי ער זאָל איבערבאַשאַפן די אָנגעזאַמלטע אין אים ליבשאַפט אין הומאַנישן געפיל און נוצלעכן טאַט. לאָמיר פּרוּוון צוזאַמענקלייבן די שטריכן, וועלכע באַווייזן, אַז די מעגלעכקייט פון אַזאַ אויסהיילונג לאָזט זיך שוין באַמערקן אין די לעצטע צוויי לידער פון טשאַילד-האַראָלד, ביי דער גאַנצער אַנטוישונג, ביי דער גאַנצער בענקשאַפט פון דעם-דאָזיקן העלד.

שוין פון די ערשטע פערזען אָן, איז אין ריי מיט די טרויעריקע שורות: „פאַרטריקנט זײַנען די טרערן, פון הינטן שטייען, אָן זין, אָן הייליקטימער די פרוכטלאָזע יאָרן, אין דער ברוסט — אין דעם שטומען מדבר, וואו עס ווערט געבוירן די בענקשאַפט, איז גיטאָ קיין שום בלימל", — אין איין ריי מיט דערדאָזיקער טרויעריקער מעלדונג געפינט זיך די טשיקאַווע הודיה: „פון די יונגע יאָרן אָן בין איך פרעמד פאַר דער וועלט, איצט בין איך מסתמא ניט דערזעלבער, און ס׳קען זיין, אַז די לירע לעבט שוין ניט אין שלום מיטן האַרצן, ווי פריער". דערדאָזיקער אָנהייב פון באַרואיקן זיך, דערדאָזיקער אַנטזאָגן זיך פון די שטאָלצע רעיונות און פון די אַלטע פרעטענזיעס לייכט אָפּ דורך אין דעם דריטן און דעם פערטן ליד פון דער פאָעמע. אין איין ריי מיט פאַנעגיריקעס לכבוד דער נאַטור און דער איינזאַמקייט, ווייזן אַרויס באַיראָן און זיין העלד, וואָס זיין פערזאָן ווערט לחלוטין פאַרשוואונדן הינטער דער פערזאָן פון דעם פאָעט גופא, אַ דאָרשט צום קאַמף און לעבן: „ווען ער וואָלט זיך מיט זיינע טרוימען ניט געשיידט, וואָלט ער געוואוסט פון גליק, נאָר — אַ קינד פון דער ערד — האָט ער זיך פון דער ערד — ניט אָפּגעשיידט, און דער פונק האָט זיך אין שטויב געלאָשן". דערדאָזיקער קאָסטבאַרער ווידוי ווייזט, אַז באַיראָן האָט געפילט, ווי שווער עס איז פאַר אַ מענטשן, וועלכער איז פול מיט קרעפטן און איידעלע געפילן, אָפּצוזאָגן זיך פון ערדישע אינטערעסן. צייטנווייז האָט ער אַליין געפילט די נויטווענדיקייט צוצופּאַסן זיין געלוסט צו איינזאַמקייט צו זיינע מענטשלעכע סימפּאַטיעס. „דאָס אַנטלויפן פון מענטשן, — זאָגט ער, — איז גאָר ניט קיין סימן פון שנאה צו זיי, ניט יעדער איז פעאיק צו זינקען אין זייערע זאָרגן". דידאָזיקע ניט קלאָרע שטרעבונגען צום לעבן זיינען געווען אַ באַווייז, אַז עס ביי אים געווען אַ אומבאַשטימטע פאָדערונג אַ קוק צו טאָן אויפן לעבן פשוטער און אָפּצוזאָגן זיך פון טיטאַנישע פרעטענזיעס.

גלייכצייטיק דערמיט האָט זיך געענדערט דער בליק אויף דעם עבר און אויף די פריינד פון דער מענטשהייט. באַיראָן שטעלט זיך אָפּ אַ פאַרטראַכטער אויף די ערטער, וואו אַלץ דערמאָנט וועגן רוסאָ, וואָלטער און אַנדערע גרויסע דענקער. קוקנדיק אויף דעם קבר פון מחבר פון דער נ י י ע ר ע ל אָ א י ז ע, דערמאָנט ער פראַנקרייך און שרייט אויס: „אין שמידעכץ ווי לאַנג צוריק איז זי געלעגן אונטער דער טיראַניי פון יאָרהונדערטן, ווי לאַנג האָט זי אונטערן יאָך געפלאַטערט?" אָבער „האָט רוסאָ אָנגעהויבן ריידן — און דער פונק איז אין אַ פלאַם אויפגעבלאָזן; האָבן זיך אויפגעהויבן שאָטנס פון די קברים, און פראַנקרייך האָט זיך אין צאָרן ערוואַכט. אַלס פירער פון פאָטערלאַנד זיינען אַוועק רוסאָס תלמידים". פונקט אַזוי קונציק כאַראַקטעריזירט ער וואָלטערן, וואָס האָט מיט זיין שפּאַס געטראָפן אַמאָל „אַ טעמפּן זאָיל, אַמאָל געטויט מיט אים אַ מנוול, אַמאָל אַ טראָן לייכט צעטרייסלט". אין דערדאָזיקער ווענדונג צו די גרויסע קברים פילט זיך אַ שטרעבונג צו באַציען זיך מיט מער יושר צו דער אויפקלערונגס-עפּאָכע. ערטערווייז הערט זיך אַ בענקשאַפט נאָך דעם פאָטערלאַנד, וואָס ער האָט פאַרלאָזן מיט אַזאַ שנאה.

עס קלעקן דידאָזיקע ביישפּילן, כּדי איבערצוצייגן זיך, סאַר אַ פולע פעסטע קייטן עס האָבן פאַראייניקט דעם פּאָעט מיט דער ערד. זיי באַווייזן, אַז דער אויסגאַנג פון זיין יאוש וועט זיין ביט דער טויט, נאָר די אויפלעבונג

כּדי צו ענדיקן דאָס בילד פון דידאָזיקע פּיינלעכע קראַמפּן פאַרן אָנהייב פון אַ נײַ לעבן, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף באַיראָנס נאָך אַ וויכטיק ווערק, וואָס האָט אַרויסגערופן ביטערע אָנפאַלן אויף דעם פּאָעט. די מיסטעריע קין איז אָנגעשריבן אין 1821 יאָר. אָבער לויטן גייסט איז זי נאָענט צו מאַנ־פרעד און צו די צוויי לעצטע לידער פון טשאַילד האַראָלד. לויט דער אויסערלעכער פּאַבולע טרעט דידאָזיקע מיסטעריע ווייניק אָפּ פון דער ביב־לישער לעגענדע. אָבער באַיראָן האָט זיך באַנוצט מיט דערדאָזיקער לעגענדע, כּדי אַריינצולייגן אין איר אַ טיפן פילאָזאָפישן זינען. מיר האָבן פאַר זיך אַ בילד פון פרידלעכן גליק, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן ביי די ערשטע מענטשן נאָכדעם, ווי זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון גן עדן. אַלץ לויבט דער שעפער פון דעם וועלטאַל. עס לויבן אים אדמס קינדער, דער שטילער הבל, עדה און צלה. נאָר קין שטייט אויסער דעם אַלגעמיינעם כאָר. „פאַר־וואָס שווייגסטו?" — פרעגט אים אדם. — „איך האָב ניט וועגן וואָס צו בעטן גאָט", — ענטפערט דער יונגער פּראָטעסטאַנט, וואָרפנדיק דער ערשטער אויף דער וועלט די פּיינלעכע פראַגע „פאַרוואָס?" פאַרוואָס זאָל ער דאַנקען גאָט? מען זאָגט, אַז גאָט האָט אים געשענקט דאָס לעבן. אָבער דאָס דאָ־זיקע לעבן וועט זיך ענדיקן מיטן טויט. איז דען דאָס לעבן גליק? ער איז דאָך פאַרמשפּט אויף שווערער פּראַצע. אמת, טאַטע־מאַמע האָבן מיט זייערע מעשים געמאַכט, ער זאָל פאַרלירן דעם גן עדן. אָבער פאַרוואָס זאָל ער ליידן פאַר די זינד פון די עלטערן? לסוף, צו וואָס האָט דער אומגליקלע־כער בוים געדאַרפט זיין אין גן עדן, וויבאַלד, אַז ער איז ניט געווען באַ־שטימט פאַר זיינע איינוואוינער? צו וואָס איז ער געוואַקסן שענער פאַר אַלע ביימער און אין רעכטן מיטן? מען זאָגט, אַזוי איז גאָטס ווילן, און גאָט איז זעליק. יאָ, ער איז אַלמעכטיק, אָבער זיין זעליקייט איז מיט גאָרנישט דערוויזן. נאָר אַ פּיינטלעכע און ניט קיין זעליקע קראַפט האָט געקאָנט דעם מענטשן ברענגען צו אַזאַ נסיון, כּדי צו פאַרמשפּטן דעם גאַנצן מין מענטשן אויף פּיינען, דערפאַר וואָס דער ערשטער מענטש איז דעם נסיון ניט בייגע־שטאַנען.

אַזוי האָבן זיך געוועקט פראַגן אין מוח ביי דעם ערשטן דענקער און זיי האָבן באַטריבט די רו פון דער מענטשהייט, צעשטערט די האַרמאָניע, אוועקגעשטעלט אין ספק די צוועקמעסיקייט פון לעבן. דאָס, וואָס עס האָט ניט קלאָר געוויירט אין קינס נשמה, באַקומט אַ קלאָרן און אַ פאַרענדיקטן אויסדרוק ביי זיין באַגעגעניש מיט לוציפערן. לוציפער — דאָס איז דער־זעלביקער קין, אַ שטאָלצער, אַ פאַרשנדיקער, וואָס וויל קיין שלום ניט מאַכן מיט גאָטס אַלמעכטיקער נשמה, מיט דער מאָראַל פון עניוות און צופרידנקייט, וואָס קלינגט פון אדמס און פון זיינע קינדערס מויל. לוציפער האָט געהאַט פאַרגייער, און איינעם פון זיי, דער שטן פון מילטאָנס פאַרלאָרענעם

גן עדן, דערמאָנט באַזונדער לוציפערן. מילטאָן האָט געלעבט אין דער צייט פון דער ענגלישער רעוואָלוציע, און צוזאַמען דערמיט אין דער עפּאָכע, ווען עס האָבן געהערשט די רעליגיעז־פּוריטאַנישע אָנשויאונגען. אָט פאַרוואָס אין שטן גיסן זיך צונויף צוויי שטראָמען. פון איין זייט איז גאָטס שונא געווען סימפּאַטיש מילטאָנען, דעם אַפּאָלאָגעט פון רעוואָלוציע און פון פרייען געדאַנק. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט מילטאָן, דער טיף־רעליגיעזער פּוריטאַנער לחלוטין ניט געהאַט בדעה אַרויסטרעטן קעגן דער געטלעכער זעליקייט. זיין ציל איז געווען — באַרעכטיקן גאָטס וועגן אין דעם מענטשנס אויגן — to justify the ways of God to men. אָט פאַרוואָס זיין שטן איז אַ מאָל אַרומגערינגלט מיט דער שיין פון גרויסקייט, און אַ מאָל ערשיינט ער אַלס ווידערשפּעניקער אין די אָרטאָדאָקסאַלע אָנשויאונגען. אַ מאָל קניט זיך פאַר אים דער פּאָעט, אַ מאָל גיסט ער אים אָפּ מיט קאַלט וואַסער פון קירכלעכן ריגאָריזם. באַיראָן ווייס ניט פון אַזעלכע וואַקלענישן, ווען ער שילדערט דעם הערשער פון דער פינסטערער מלוכה. זיין ציל איז אַן אַנדערער: באַרעכטיקן דעם מענטשנס וועגן פאַר גאָט — to justify the ways of men to God.

לוציפער פאַרשטאַרקט און פאַרטיפערט די אומצופרידנהייט, וועלכע איז געבוירן אין קינס נשמה, איידער ער איז נאָך געקומען. ער דרייט איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן די געמיינזאַמע באַציאונגען צווישן הימל און גהינום, צווישן גאָט און שטן. גאָט האָט געוואָלט פאַרבאָרגן פון דעם מענטשן די זעליקייט פון וויסן. דער טייוול האָט עס אַנטפּלעקט פאַרן מענטשן. גאָט האָט די מענטשן אַרויסגעטריבן פון גן־עדן, כדי זיי זאָלן ניט פאַרזוכן פון עץ החיים, זיי זאָלן ניט ווערן אומשטערבלעך, „זיי זאָלן אַליין ניט ווערן ווי די געטער". גאָט פאָדערט, מען זאָל צו אים דינען, און שטראָפט אַלעמען, ווער עס שטעלט זיך אים אַנטקעגן. לוציפער פאָדערט ניט קיין פאַרגעטערונג. פאַר אים איז גענוג דעם מענטשנס פרייהייט. עס קלעקט, אַז דער מענטש זאָל זיך אָפּזאָגן פון פאַרגעטערן גאָט, כדי לוציפער זאָל אים אָנערקענען פאַר אַ זייניקן. גאָט האָט דעם מענטשן פאַרמשפּט אויף פּיין פון געדאַנק; ער וויל אים ניט אַנטדעקן דעם סוד פון וועלט־באַשאַפונג. לוציפער, פאַרקערט, טראָגט זיך אַדורך מיט קינען איבער אַלע וועלטן. ניט גאָט, נאָר ער לאָזט קינען זיך ניט באַרואיקן אין קנעכטישער שלוה, אין דעם שטילן האָפן פון בורזשואַזן גליק. אומזיסט וויל די פאַרליבטע עדה קינען פאַרנאַרן מיט דער הבטחה פון משפּחה־גליק. לוציפער שלעפּט אים אַוועק אויפן וועג פון ערקענען דעם אמת. אין דער צייט פון דערדאָזיקער וואַנדערונג איבער דעם ענדלאָזן־שטח דערוויסט זיך קין, אַז די ערד איז אַ פּיצעמאָניק זעמדעלע צווישן די גרויסע וועלטן, וועלכע טראָגן זיך אַרום אין דעם וועלטאַל, אַז אַלץ לעבט, און אין דערזעלבער צייט איז אַלץ פאַרמשפּט אויף פּיין און טויט. קין הייבט אָן באַגרייפן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אויף די חורבות פון אַן אַנדער, פאַרשוואונדענער וועלט, אַז פאַר יעדער יצירה גייט חורבן, און אַז דאָס נייע באַשאַפענע דאַרף אויך חרוב ווערן. דאָס לעבן פירט

צום טויט. קין פאַלט אַריין אין אומעט ביים געדאַנק, אַז ער איז באַרופן צו באַזעצן די ערד, אַז פון אים וועלן אַרויסקומען דורות, מיליאָנען, מיליאַרדן מענטשן, וועלכע זיינען פאַרמשפט אויף פּיין און טויט. אָט סאַר אַ אָרדענונג גאָט האָט מתקן געווען. לוציפער האָט קינען אויפגעעפנט די אויגן. גאָט — איז דער שונא פון דער מענטשהייט, לוציפער — דער אמתער גוטערפריינד אירער.

ווען קין קערט זיך צוריק אום אויף דער ערד, קומט פאַר די מערקווירדיקע סצענע פון קרבן־ברענגען. הבל לאַדט דעם ברודער איין צוזאַמען צו ברענגען אַ קרבן. קין זאָגט זיך אָפּ, און גייט נאָך ערשט, ווען דער ברודער שטייט צו. הבל ברענגט צו גאָט אַ קרבן „די ערשטגעבאָרענע פון זיין שאָף". קינען רייצט אויף אַזאַ בלוטיקער קרבן, און ער לייגט אויף זיין מזבח נאָר פרוכט. הבל זאָגט אַ תפילה איבערן קרבן, וועלכע איז פול מיט אונטערגעבנקייט. ווי לויט אַ שאַבלאָן ווערן אין דער תפילה אויסגערעכנט אַלע הימלשע גענאָדן בנוגע צו מענטשן, וועלכע רופן זיך אין דער תפילה אומווערדיקע זינדער; אַלץ אין דער וועלט איז פון גאָט אָנגעווענדט צום גוטן, און אייביק לויבן אים — איז דעם מענטשנס חוב. גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער האָט קינס תפילה. ער ערקלערט פאַר גאָט, אַז ער ווייס ניט אַלע זיינע אייגנשאַפטן, אַז אויב ער דאַרף קרבנות און תפילות, טאָ זאָל ער עס באַקומען. קין ווייזט אָן אַז דאָ זיינען צוויי מזבחות. „אויב דו ליבסט בלוט, טאָ נעם צו הבלס קרבן, אָבער אויב דיר זיינען ניט דערווידער קיין רויטע פרוכט, וועלכע זייַען צייטיק געוואָרן אונטער די לעבנשאַפנדיקע שטראַלן פון דער זון, הגם זיי האָבן ניט געליטן קיין יסורים און קיין טויט, אויב דערדאָזיקער מזבח, וואָס איז ניט באַפאַרבט מיט בלוט, איז דיר באַוויליקט, טאָ זאָל דיין רצון זיין אים אָנצונעמען". ווייטער ערקלערט קין, אַז ער וויל פון גאָט גאָרנישט מיט זיין קניען זיך, ער בלייבט שטיין אויף די פיס, בשעת הבל ברענגט זיין קרבן אויף די קני־שטייענדיק. דאָס פייער דערשלינגט הבלס קרבן, בשעת דער שטורעם צעשליידערט קינס קרבן. קין איז דערצאָרנט. אויך דאָס מאָל האָט זיך גאָט באַוויזן אַלס שונא פון אַלץ וואָס לעבט, אַלס אומגערעכטיקער טיראַן. אים איז לרצון פאַרגאָסן בלוט. ער פאָדערט חניפה און קניאונג; ער נעמט ניט אָן קיין בלוטלאָזע קרבנות, טראָגט ניט איבער קיין וואָרהאַפטיקע רייד. דער דערצאָרנטער קין טויט הבלן, גאָטס אונטערגעגעבענעם דינער, דעם בלינדן אויספירער פון גאָטס בלוטיקע פאָדערונגען. קין טראָגט אַריין אין דער וועלט דעם טויט, — דעמזעלבן טויט, פאַר וועלכן ער האָט אַליין מורא געהאַט. דאַן קומט די סצענע פון פלוך, בשעת וועלכער עס הערט זיך נאָך אַמאָל קינס אומרחמנותדיקער לויט זיין שאַרפער לאָגיק, פּראָטעסט: זאָל דער טויטער הבל אומקערן זיך אויף דער ערד, און ער, קין, זאָל שטאַרבן, — פאַר דעם אַלמעכטיקן איז אַלץ מעגלעך.

אַזוי האָט באַיראָן כּון דער ביבלישער לעגענדע באַשאַפן דעם אַפּאָטעאָז פון פרייען קריטישן געדאַנק; דעם פאַרפלוכטן מערדער פאַרוואַנדלט אין אַ טרויערער וועגן די קומענדיקע דורות. קין האָט געטויט הבלן, אָבער ניט מחמת נידעריקע באַוועגונגען פון האַרצן; ער האָט אין אים געטויט דעם די־

בער פון דעם גאָט, וועלכן ער האַלט פאַר אַ שונא פון דער מענטשהייט. ער האָט אים געטויט ווי אַ אידעאַליסט, ווי אַ פאַנאַטיקער פון אַ אידעע. ער האָט גלייך חרטה נאָכן מאָרד, און גאָטס שטראָף קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט דעם פּיין פון זיין אייגענעם געוויסן.

אַזעלכע זיינען דידאָזיקע דריי העלדן: מאַנפרעד, טשאַילד האַראָלד פון די לעצטע צוויי לידער, און קַין; דריי בולטע פאָרשטייער פון דער וועלט־אָנשויאונג, וואָס מ'רופט זי וועלט־שמערץ. זיי פאַראייניקט איין אַלגעמיינער שטריך — ליבע צו דער מענטשהייט. זי לייכט זיך דורך סיי אין מאַנפרעדס גלייכגילטיקייט, סיי אין דעם שטילן פרידנגרייטיקן טרויער פון טשאַילד האַראָלד, סיי אין קינס קריגערישן פּראָטעסט. זי דינט אַלס ערבות פון אויסהיילונג. די געשיכטע פון דידאָזיקע דריי העלדן ברענגט צו אַן אַלגעמיינער מאָראַל: „דער מענטש איז מיט בלוטיקע קייטן פאַרבונדן מיט דער ערד, און לעבט איין אַלגעמיינעם לעבן מיטן וועלטאַל. יעדער פרווו אַרויסצוגיין אויסער די גרעניצן פונם ערדישן, ברענגט אין רעזולטאַט אומזיסטע פּיינען און קאַטאַסטראָפע".

דער ווייטערדיקער פעריאָד באַווייזט, אַז די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן אַלץ מער דורכצודרינגען זיך מיט דעמדאָזיקן באַוואוסטזיין.

אין די 20 און 30־יקער יאָרן פון XIX י. ה. הייבט זיך אָן די לייזונג פון דעם שווערן קריזיס, וואָס אייראָפּע האָט איבערגעלעבט. די פּאָעטן פון שמערץ, לפּחות יענע, וואָס זיינען ניט פאַרלאָרן געגאַנגען אין זייער ברעגלאָזן יאוש, ווי לעאָפּאַרדי, האָבן געפונען אַן אויסגאַנג פון זייערע ספקות, פון זייער פאַרקאָכטקייט אין צויבער־טרוימען, און האָבן באַצייכנט דעם וועג, איבער וועלכן די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט איז אַוועק. באַיראָן, געטע און הייבע האָבן מיט זייערע לעצטע ווערק באַצייכנט דעם אָנהייב פון דערדאָזיקער גוטער ווענדונג, דעם אָנהייב רפואה צו דער שווערער קרענק.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, ביז ער איז אַריבערגעפאָרן קיין גריכנלאַנד, האָט באַיראָן געלעבט אין פאַרשיידענע שטעט אין איטאַליע. אין זיין שטורעמדיקן, ווי אַלעמאָל, לעבן מוז אָנגעוויזן ווערן אויף צוויי פאַקטן. ערשטנס, קיינמאָל האָט נאָך באַיראָן ניט געלעבט מיט אַזאַ פול לעבן, קיינמאָל איז ער ניט געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון דאָרשט נאָך גליק. די צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווענעציע, איז באַצייכנט מיט רוישיקע אָרגיעס. דער צווייטער וויכטיקער פונקט — דאָס איז דעם פּאָעטס אַרייַנטרעטן אין די רייען פון די קאַרבאָנאַריער. דידאָזיקע שרעקלעכע פאַרשווערער האָבן געבילדעט אַ פּאָליטישע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט רעוואָלוציאָנערע צילן. דידאָזיקע צוויי פאַקטן שפּיגלען זיך אָפּ אויף די לעצטע ווערק באַיראָנס; דער שטריך, מיט וועלכן זיי צייכענען זיך אויס, דאָס איז באַיראָנס איבערגאַנג צום רעאַליזם, און זיין פאַרשטאַרקטערע אויפמערקזאַמקייט צו פּאָליטישע פראַגן. צו דידאָזיקע ווערק געהערן די טראַגעדיע סאַרדאַנאַפּאַל און די פּאָעמע דאָן זשואַן.

די טראַגעדיע סאַרדאַנאַפּאַל איז געענדיקט געווען אין 1821 יאָר. דאָס איז איינע פון דעם פּאָעטס סאַמע אידעאַישסטע ווערק, אַ פּראָדוקט פון דעם איטאַל־

יענישן פעריאָד, ווען ער איז פון איין זייט געווען פאַרשיכורט מיט תענוגים פון לעבן, און פון דער צווייטער זייט — האָט ער זיך אָפּגעטונקט אין דער שטורעמדיקער פּאָליטישער אַרבעט, אַריינטרעטנדיק צו די קאַרבאָנאַריער. מיט דער סוביעקטיוויטעט, וואָס איז פאַר אים אייגנשאַפטלעך, האָט באַיראָן אין דער לייזונג פון יעדער פראַגע אַריינגעטראָגן זיינע פערזענלעכע שטימונגען, און די אומשטענדן זיינען אַזוי אויסגעקומען, אַז די סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונג פון דער עפּאָכע האָבן אים פאַרכאַפּט אין דער צייט, ווען דאָס שטרעבן צו גליק, וואָס איז געלעגן אין זיין נאַטור, האָט זיך אַרויסגעריסן אין דרויסן מיט אַ באַזונדער קראַפט; דאָס האָט אים געטראָפן אין ווענעציע מיט אירע לייכטזיניקע מידות און מיט די באַצויבערנדיקע פרויען. און באַיראָן האָט קודם-כל אַ בליק געטאָן אויף דער פּאָליטיק מיט אויגן פון אַן עפּיקורעער. ער האָט געפרוווט צוזאַמענגיסן זיין רייסן זיך צו גליק און שיינהייט מיט די באַפרייאונגס-שטרעבונגען. אין דער פּערזאָן פון סאַרדאַנאַפּאַל האָט ער אַרויסגעפירט אַ פאַרערער פון באַקך און ווענעראַ אויפן טראָן, האָט אין אים אַריינגעטאָן הומאַנישע און דעמאָקראַטישע געפילן און באַשאַפן אַ טשעקאַווע פאַראייניקונג פון פריילעכקייט און טרויעריקע געדאַנקען וועגן פאָלק.

„עס, טרינק, ליב, אַלדאָס איבעריקס אויף דער וועלט איז ניט ווערט קיין שנעל״, — דאָס איז סאַרדאַנאַפּאַלס דעוויז. ער איז עסטעט און עפּיקורעער, גוטער מאָנאַרך, שונא פון אכזריות און פון ליידן. מאָלצייטן און פרייד — דאָס איז דער ציל פון זיין לעבן. ווען ער דערוויסט זיך וועגן דעם אויפשטאַנד, וואָס קאָן אומברענגען אים מיט זיין דינאַסטיע, וויל ער ניט אָפּלייגן דעם באַשטימטן מאָלצייט. מחמת מורא פאַר די שונאים וועט ער אויף קיין איינציקע מינוט פריער ניט אויפשטיין פון מאָלצייט-טיש; ער וועט ביזן דעק אויסטרינקען אַלע בעכערס, ער וועט קיין איינציק בלעטל ווייניקער ניט נעמען אין זיין בלומענקראַנץ. ער וועט ניט פאַרקויפן דעם שמייכל פון אַ ליבער מיידל פאַר דעם גאַנצן טומל פון פאָלק. דאָס לעבן איז אין זיינע אויגן גאָרנישט ניט ווערט, אויב עס גייט אַדורך אין מורא פאַרן טויט, אויב עס קומט אויס אומעטום לויערן נאָך שונאים. הייסנדיק סאָלימאַנען איינשטילן די מורדים, זאָגט ער: „זיי פונדעסטוועגן ניט קיין אכזר; פאַרגעס ניט די גרעניצן, איך קען ניט איבערטראָגן אַליין צו ליידן, ניט אַנדערע צו פייניקן״. ער איראָניזירט לייכט איבערן גלויבן און איבער די טראַדיציעס. ער אָנערקענט ניט די אַסטראָלאָגיע און די אומשטערבלעכקייט. ער האָט די שטערן נאָר דערפאַר ליב, וואָס מיט זייער פלאַטערנדיקער שיין פאַרגרעסערן זיי די שיינקייט פון לעבן. ער האָט ליב זיי צו פאַרגלייכן מיט די אויגן פון זיין געליבטער מירע, אָבער ער לאַכט פון די פּריסטער, וועלכע ווילן אין זיי געפינען אַ געהיימען זינען. אין דערדאָזיקער ערדישער, רעאַלער וועלט-אָנשויאונג, אין דעמדאָזיקן דאָרשט נאָך גליק — נאָך ערדישן גליק, כמעט פיזישן, און ניט טראַנסצענדענטאַלן, וואָס די פריערדיקע העלדן האָבן געזוכט, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די איטאַליענישע איינדרוקן. די ערד האָט גערופן דעם פּאָעט; דער עפּיקורעער און דער עסטעט האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם אומבאַפרידיקטן איינזאַמען העלד.

לאָמיר איצט אויסהערן סאַרדאַנאַפּאַלס פּאָליטישע לערע. ער האַלט זיך פאַר דעם וואוילטעטיקער פון זיין פאָלק. „איך האָב ניט פאַרגאָסן זייער בלוט, איך האָב זיי ניט געפירט אין דער מדבר שטאַרבן מיריאַדנווייז פון הונגער און דאָרשט; דעם גאַנגעס ניט פאַרהאַטשעט מיט דער מאַסע פון זייערע ביינער; האָב זיי מיט בלוט ניט געשריבן קיין געזעצן, ניט אויפגעשטעלט קיין פאָלקס־פּיראַמידן, קיין בבל־טורעמס מיט זייערע הענט... אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געקענט, האָב איך געטאָן פאַר זיי: ניט געפירט קיין מלחמות, ניט געהויבן די שטייערן, ניט אַריינגעדרונגען אין זייערע הייזער; האָב יעדן ערלויבט צו לעבן, ווי ער האָט געקענט... עס איז ניט געווען נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי ווינטשן פרידן און גליק זיינע אונטערטעניקע קנעכט". אָבער סאַרדאַנאַפּאַל האָט אַ טעות געהאַט אין חשבון: דאָס פאָלק האָט פאָרט מורד געווען. עס איז זייער באַלערנדיק קלאָר צו מאַכן די סיבות פון דער פאָלקס־אומצופרידנהיים. איינע אַזאַ ערקלערונג גיט סאַלימען. דאָס, וואָס סאַרדאַנאַפּאַל, האַלט פאַר אַ פאַרדינסט, האַלט סאַלימען פאַר דעם עיקר טעות. פאַר סאַלימענען איז מלך און ערלאָבערער — גלייכבאַדייטנדיקע באַגריפן. ער רעדט סאַרדאַנאַפּאַלן אויס פאַר זיינע מאָלצייטן און אָרגיעס, אָבער אים דערצאָרנט ניט דאָס פאַרשווענדן פון דער פאָלקס־עשירות, נאָר דאָס, וואָס די פאַרשווענדונג דינט ניט צו פאַרגרעסערן דעם קיניגס רום. פאַר סאַלימענען עקסיסטירט ניט דאָס פאָלק אַליין פאַר זיך אַלס אָביעקט פון זאָרגן. דעם פאָלקס גליק און וואוילשטאַנד איז ניט די אויפגאַבע פון דעם מושל. דאָס פאָלק איז דעם מאָנאַרכס אייגנטום. אויב דער מאָנאַרך ווייזט אַרויס גענוג מוטיקייט און ערגייציקייט, דאַן לעבט די נאַציע אויך מיט רעגלמעסיקן לעבן. ער קאָן זיך ניט פאָרשטעלן קיינע אַנדערע סיבות פון דעם פאָלקס־אומצופרידנהייט, אויסער דער אומבאַפרידיקטער נאַציאָנאַלער ערגייציקייט. ער ענטפערט סאַרדאַנאַפּאַלן: „ניין, דו ביסט אַ טיראַן. ניט מיין, אַז נאָר יענער, וואָס פלעכט בייטשן, גיסט אויס קייטן, איז אַ טיראַן. ניין, דער דעספּאָטיזם פון זינד, די צעלאָזנקייט, די אויסגעלאַסנקייט, די זאָרגלאָזיקייט, די פוילקייט, די נאָכגעביקייט — שאַפן אונז טויזנטער טיראַנען, און אַזעלכע, וואָס אַנטקעגן זייערע שוואַרצע מעשים זיינען גאָרנישט די ערגסטע טאַטן פון די הערשער, וועלכע האָבן אַ שם פאַר בלוטיקע. די ביישפּילן פון דיינע טאָגטעגלעכע אָרגיעס זיינען אויך פּעאיק צו דריקן, פּונקט ווי פאַרשפרייטן אויסגעלאַסנקייט, און אין דערזעלבער צייט אונטערגראָבן דיין געהויבענעם טראָן און צעטרייסלען זיינע זיילן". סאַלימען האָט ריכטיק אָנגעוויזן סאַרדאַנאַפּאַלן זיין טעות, איז הייס אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאָליטיק פון עפּיקוריזם און ניט־מישן זיך. אָבער סאַלימען האָט זיך געשטעלט פאַר אונז אין דער ראָלע פון אַ דעספּאָט און אַ טיראַן מיט זיינע פּאָזיטיווע פּאָליטישע אידעאַלן. די פעסטקייט פון טיראַן שטיצט זיך דערויף, וואָס אין פאָלק איז ניטאָ קיין זעלבשטענדיק באַוואוסטזיניק לעבן, וואָס עס ווערן דערשטיקט זיינע אינסטינקטן פון גליק און וויסן. דאָס פאָלק דאַרף פאַרוואַנדלט זיין אין האַרמאַטןפלייש. אין אים דאַרף אַריינגעזעצט ווערן איין אידעע—דערהויבן דעם פּרינציפּ פון נאַציע. און אין דעם נאָמען פון דעמדאָזיקן פּרינציפּ דאַרף מען אין

אים פֿאַרטױבן אַלע מענטשלעכע אינסטינקטן. דעמאָלט װעט ניט זײַן קײן מרידה, װעט אַנטשטײן אַלגעמײנע צופֿרידנקײט, און דער מאָנאַרך װעט דערפֿילן זײַן חוב, נײטנדיק דאָס פֿאָלק אױסצופֿירן זײַן באַרוף.

מיר האָבן פֿאַר זיך אַלזאָ צװײ האַרמאָנישע פּאָליטישע סיסטעמען: אײנע איז סאַלימענס סיסטעם, װאָס אין איר יסוד ליגט דער אַלטער פּרינציפּ פֿון מלוכישן דעספּאָטיזם. די צװײטע — איז אַ הומאַנישערע סיסטעם, װאָס אין איר לײַכט זיך דורך דער געדאַנק װעגן דעם װױלשטאַנד פֿון פֿאָלק, דאָס װינטשן אים גוטס. סאַרדאַנאַפּאַל איז צופֿרידן, װען ער האָט דעם פֿאָלק געבראַכט באָטש װיפֿל עס איז דערלײַכטערונג אין זײַנע לײַדן. עס קאָן ניט זײַן קײן ספֿק, װעמעס שטאַנדפּונקט, צי סאַלימענס צי סאַרדאַנאַפּאַלס, האָט מער אַנטשפּראָכן די נײַע סאָציאַלע און פּאָליטישע שטרעבונגען, װאָס האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ װעג מיט אַזאַ שטאַרקער מאַכט. עס װאָלט געװען אַן אומזין אײַנצװזען אין סאַרדאַנאַפּאַלן אַ פֿרײַדיקער פֿון פּאָרטגעשריטענע אידעאַלן. ער זאָגט: „מיר האָבן אָן דעם אױך גענוג שמערצן, דעריבער זאָלן די קנעכט, װי די מאָנאַרכן, סטאַרען זיך ניט צו פֿאַרגרעסערן די נאַטירלעכע לאַסט פֿון דעם מענטשנס צרות, און בעסער לײַכטער מאַכן די קללות, װאָס הענגען איבערן לעבן". די אױפֿריכטיקײט פֿון סאַרדאַנאַפּאַלס כּװנות מאַכט אים נאָענט מיט דער נײַער צײַט, באַװײַזט, אַז די נײַע װינטן האָבן אים פֿאַרטשעפּעט. אָבער די מיטלען, מיט װעלכע ער װיל פֿאַרװירקלעכן זײַנע כּװנות, אָדער ריכטיקער, דער פֿאַקט, װאָס ער נעמט קײנזאַך ניט אונטער, כּדי זײ צו פֿאַרװירקלעכן, דערװײַטערט פֿון אונז דעמדאָזיקן גוטן מאָנאַרך, באַװײַזט, אַז אים איז ניט באַקאַנט דער געדאַנק װעגן דער ענגער פֿאַרבינדונג, װאָס עקסיסטירט צװישן אַלע עלעמענטן פֿון דער געזעלשאַפֿט, אים איז ניט באַקאַנט, אַז די מלוכה בילדעט אַ האַרמאָנישן אָרגאַניזם, װאָס אַלע זײַנע טײלן זײַנען ענג פֿאַרבונדן צװישן זיך, און װען עס װערט געשטערט דאָס רעגלמעסיקע לעבן בײַ אײנעם, ברענגט עס צום אונטערגאַנג פֿון אַלע איבעריקע.

בכן, איז באַיראָן אין ס אַ ר ד אַ נ אַ פּ אַ ל נאָך אַלץ אַ אינדיװידואַליסט און אַן אַריסטאָקראַט. זײַער שטימע הערט זיך סײַ אין דעם מיטפֿילן, מיט װעלכן ער שילדערט די עפּיקורעאישע געשמאַקן און די עסטעטישע נטיות פֿון דעם מזרחישן דעספּאָט, סײַ אין די פֿאַראַכטלעכע פּראַזן, מיט װעלכע ער רעדט װעגן דעם המון. פֿונדעסטװעגן איז ס אַ ר ד אַ נ אַ פּ אַ ל אַ סימפּטאָם פֿון אַ נײַער װענדונג. דער אינדיװידואַליסט האָט פֿאַרלאָזן דעם הימל צוליב דער ערד. ער דערװײַטערט זיך ניט פֿון דעם המון; ער האָט זיך פֿאַרטראַכט װעגן אים און װעגן זײַן פּסיכאָלאָגיע, און דאָס איז אַ גרױסער טריט פֿאָראױס. ער װײס, אַז זײַן רו און גליק הענגען אין פֿיל הינזיכטן אָפּ פֿון דער רו און פֿון דעם גליק פֿון די אַרומיקע. די ערשטע שטראַלן פֿון דעם סאָציאַלן אינסטינקט קאָן מען געפֿינען שױן אין דעמדאָזיקן װערק. אָבער נאָך בולטער טרעטן די סאָציאַלע מאָטיװן אַרױס אין ד אָ ן ז ש ו אַ ן און באַזונדער אין דער ב ר אָ נ ז ע נ ע ר תּ ק ו פ ה. אין דאָן זשואַן האָבן מיר פֿאַר זיך װידער, װי אין ט ש אַ י ל ד ה אַ ר אָ ל ד, אַ װאַנדערנדיקן העלד. אָבער צװישן די בײדע איז אַ גרױסער אונטער-

שייד. אויף וויפל דער ערשטער איז געמאָלט מיט נעפּלדיקע פאַרבן, אויף אַזוי־
פיל איז דער צווייטער דייטלעך. מיר ווייסן ניט טשאַילד־האַראָלדס עבר; פאַר־
קערט-זשע, דאָן זשואַנס געשיכטע איז געשילדערט מיט פּרטים, אָנהייבנדיק
פון דער פריסטער יוגנט. מיר באַקענען זיך מיט זיינע עלטערן, מיט די פּרטים
פון זיין ערציאונג, מיט זיינע געשמאַקן און אָנשויאונגען אויפן לעבן. טשאַילד־
האַראָלד בלאָנדזשעט ווי אַ שאָטן איבער פאַרשיידנע לענדער, און שמועסט נאָר
מיט שאָטנס פונם עבר. ער מיידט אויס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט זיין
צייט, און קומט זיך ניט צונויף מיט לעבעדיקע מענטשן. דאָן זשואַן נעמט אַן
אָנטייל אין לעבן, רייסט זיך אַריין אין די סאַמע געדיכטעניש פון לעבן. באַגע־
גענט זיך מיט פאַרשיידענע מענטשן, נעמט פון לעבן אַלץ וואָס מען קען. מיט
איין וואָרט—אין דעם ערשטן פאַל האָבן מיר פאַר זיך אַ ראָמאַנטישן העלד, אין
צווייטן—אַ רעאַליסטישן. אין דעם ערשטן פאַל הערן מיר וועגן דעם פּאָעטס איינ־
דרוקן מער, איידער וועגן לעבן און וועגן דער לויפנדער ווירקלעכקייט. אין
דעם צווייטן פאַל שטייט פאַר אונז אַ רעאַל־בילד, וואָס נעמט אַרום גאַנץ איי־
ראָפּע. די פּאָעמע הייבט זיך אָן מיט דער באַשרייבונג פון דעם העלדס קינד־
הייט. די שילדערונג פון דער זינלאָזער ערציאונג, פון דער ווילדער באַציאונג
צו די קלאַסישע שריפטשטעלער, ווי צו אַ בילדונגס־מיטל, פון דער צביעות, וואָס
אונטער איר מאַסקע איז פאַרבאָרגן פולקומער מאָראַלישער אינדיפערענטיזם—
דאָס איז שוין אַליין פאַר זיך אַ קינסטלערישע פּאָעמע, אַ גלענצנדע סאַטירע
אויף די מידות פון דעם פּאָעטס צייט. ווייטער ווערט באַשריבן דער פּועל־יוצא
פון דער מאָראַלישער ערציאונג—דער ראָמאַן צווישן זשואַנען און יוליען. נאָכ־
דעם — דאָס בילד פון דעם שיף־ברוך און די שרעקלעכע באַשרייבונג, ווי עס
האָבן געהונגערט די עטלעכע, וואָס זיינען ניצול געוואָרן פון וואַסער אויף
אַ שווימענדיקן בריק, און צווישן זיי אויך דאָן זשואַן. יוליעס צאַרט בריוו, וואָס
דאָן זשואַן האָט געהיט ווי אַ הייליקטום, האָט געזאָלט אויסגעניצט ווערן צוליב
אַ שרעקלעכן ציל: אויפן בריק איז ניטאָ קיין ברעקל פּאַפּיר, און מיט דעמדאָ־
זיקן בריוו באַנוצט מען זיך כדי צו וואַרפן גורל, ווער זאָל זיין דער קרבן
פאַר אַלעמען; די באַשרייבונג פון דער מענטשנפרעסערישן מאָלצייט מאַכט
ציטערן דעם לייענער. „צי איז אין הימל־רוים פאַרהאַן אַ פּלאַנעט, שרייט
אויס בראַנדעס בנוגע דעמדאָזיקן עפּיזאָד, — וואו ליבע־טרוימען זאָלן זיין
איבערגעפלאָכטן מיט תאוות פון מענטשנפרעסער, וואו איינס און דאָס זעלבע
שטיקל פּאַפּיר זאָל דינען אַלס אַ מיטל אויסצוווייזן די גרעסטע מענטשלעכע
סימפּאַטיע און צוזאַמען דערמיט די נידעריקסטע אַנטיגעזעלשאַפטלעכע אינ־
סטיקטן". באַיראָן האָט געענטפערט, אַז „ער ווייס אַזאַ פּלאַנעט — דאָס איז די
ערד". ווייטער זעען מיר דאָן זשואַנען ביים סולטאַן אין האַרעם, נאָכדעם
אין לאַגער פון רוסישן חייל אונטער איזמאַאיל, און דאָס גיט דעם פּאָעט אַן
אויסרייד אָנצושרייבן אַ בייזע סאַטירע קעגן מלחמה. דערמאָנענדיק כוואָראָוס
ראַפּאָרט בנוגע זיין נצחון איבער איזמאַאיל, מאַכט דער פּאָעט די באַמערקונג:
„זיין מעלאָדיע האָט ער אָנגעשריבן אונטער דער מוזיק פון הייזעריקע פאַר־
גסיסה־קרעכצן. באָכדעם האָט זי אַוודאי קיינער ניט איבערגעחזרט, אָבער איך

וועל אַפילו די שטיינער נייטן איבערצוחזרן די נעמען פון אַלע דעספּאָטן —
בירונס". פון רוסישן לאַגער האָט דער גורל זשואַנען אַריבערגעוואָרפן צו קאַ-
טערינעס הויף, און פון דאָרט קיין ענגלאַנד. אומעטום וויקלט זיך דאָס לעבן
פאַר אונז פונאַנדער אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, אָן דעם ראָמאַנטישן הויך,
וואָס האָט פאַרנעפּלט טשאַילד האַראָלדן.

ד אָ ן ז ש ו אַ ן האָט אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע באַדייטונג. ער באַ-
וויזט, אַז באַיראָן איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער ראָמאַנטיקער, ניט נאָר דער
משורר פון אַנטטוישונג, ווי מיר זיינען געוויינט אים פאָרצושטעלן זיך, נאָר
אויך אַ גרויסער רעאַליסט. ער איז ניט נאָר דער בעסטער אויסדריקער פון
די שמערצלעכע רעיונות פון XIX יאָרהונדערט, נאָר אויך דער זינגער פון
דער נייער צייט, ווען די פּאָעזיע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַזי-
ניקן דאָס לעבן, זיך אָפּגעזאָגט פון איבערנאַטירלעכן און זיך צוריקגעקערט
צו דער ערד. אין ד אָ ן ז ש ו אַ ן אָבסערווירט באַיראָן דאָס לעבן מיט אַן
אויג פון אַ דענקער. ער קוקט אַריין אין דער טיפעניש פונם לעבנס-ים, באַ-
מיט זיך צו געפינען די גרונטסיבות פון דער געזעלשאַפטלעכער אומגערעכ-
טיקייט. און מ'מוז זאָגן, אַז דעם פּאָעט איז געלונגען אונטערצוגיין צו די-
דאָזיקע גרונטסיבות. אמת, ער האָט נאָך ניט געקענט שאַרף אוועקשטעלן די
פראַגע; די נייע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען זיינען נאָך ניט קלאָר גע-
וואָרן, עס איז נאָך ניט גאַנץ באַשיינפערלעך געווען, אַז אָנשטאָט דער מיוחס-
דיקער אַריסטאָקראַטיע און אָנשטאָט די פלעבעער — די צוויי קעמפנדיקע
גרופעס פון XVIII יאָרהונדערט, שטייען איצט פנים אל פנים נייע צוויי גרו-
פעס — די רייכע און די אָרעמע, די קאַפּיטאַליסטן און די אַרבעטער. די-
דאָזיקע צעטיילונג איז קלאָר און באַשטימט אונטערגעשטראָכן געוואָרן ערשט
שפּעטער. אָבער באַיראָן האָט שוין מיט זיין וואַכזאַמען האַרצן אויפגענומען
דידאָזיקע סימנים פון דער נייער צייט. שטראָפנדיק די געזעלשאַפטלעכע
חסרונות אין ד אָ ן ז ש ו אַ ן און אין דער ב ר אָ נ ז ע נ ע ר ת ק ו פ ה, דערפירט
ער די פראַגע צו עקאָנאָמישע סיבות. אָנפאַלנדיק אויף מלחמה, ווייזט ער אָן,
אַז די נצחונות ברענגען נוצן נאָר אַ קלייניקן טייל פון דער באַפעלקערונג
פון לאַנד, און די מאַסע טראָגט די גאַנצע לאַסט פון די מיליטערישע אונ-
טערנעמונגען. ער מאַכט קלאָר, סאַר אַ גרויסע ראָלע אין די מיליטערישע
אונטערנעמונגען שפּילט די תאווה צו עשירות. ער שאַצט איבער אַלע ווערטן,
און וועלינגטאָן, דער העלד פון וואַטערלאָאָ, וואָס יעדן ענגלענדערס האַרץ
האָט געקלאַפּט מיט שטאָלץ דערמאָנענדיק זיין נאָמען, ווערט ביי באַיראָנען
געמאָלט אַלס עקספּלאָאַטאַטאָר און רויבער פון פאָלקס-געלטער. „דיינע פּענסיעס, —
ווענדט ער זיך צו דעם באַרימטן העלד, — ליגן אויף דעם אומגליקלעכן פאָטערלאַנד, ווי
אַ שווערע משא. דאָס פאָלק האָט ניט קיין ברויט. כאָטשי ניט אומזיסט נעמסטו גע-
צאָלט, איך מיין אָבער, אַז אַ טייל פון דעם חלק וואָלסטו געקאָנט צוריקגעבן...
דו האָסט אַ האַלבן מיליאָן גענומען; מ'מוז מודה זיין — דאָס איז שוין
אַ צו גרויסע געצאָלט". ס'איז שווער צו זאָגן, אַז באַיראָן איז געווען אַ באַ-
וואוסטזיניקער פאָרגייער פון די שונאים פון דער בורזשואַזער אָרדענונג,

װעלכע האָט זיך פּאַרפּעסטיקט אין אייראָפּע נאָך דער אַריסטאָקראַטישער, אַדעליקער. אָבער אין *דאָן זשואַן* זײַנען פֿאַראַן אַזוי פֿיל אָנפֿאַלן אויף דער בורזשואַזיע, אויף דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אַז מיר האָבן עפּעס אַ גרונט צו רעכענען, אַז בײַראָנס סאָציאַלע און פּאָליטישע אָנשויאונגען האָבן זיך פֿאַרמירט צום סוף פֿון זײַן לעבן אין דעם גייסט פֿון די פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פֿון דעם יאָרהונדערט. „די באַנקירן — זײַנען אָליגאַרכן אין אונזער צײַט! זייערע קאַפּיטאַלן גיבן אונז געזעצן: אַ מאָל פֿאַרפּעסטיקן זיי נאַציעס, אַ מאָל צעטרייסלען זיי אַלטע טראָגנען". צום באַדויערן האָט דער פּאָעט ניט געזאָגט זײַן לעצטן, אפֿשר דעם סאַמע באַדײַטנדסטן װאָרט. ער האָט אין *דאָן זשואַן* געוואָלט באַווײַזן „דעם פֿאָלק, ווי דורך צוימען, גאָר צעפּוילטע, דורכצוגיין, כּדי צו ערווערבן פֿרײַהייט. מײַן פּלאַן איז — אַ סוד". דעמדאָזיקן סוד האָט ער מיט זיך גענומען אין קבֿר. די פּאָעמע איז געבליבן ניט קיין פֿאַרענדיקטע. איר אויטאָר איז געשטאָרבן דעם 19-טן אַפּריל 1824 יאָר, קעמפֿנדיק פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון גריכנלאַנד. די באַגייסטערער פֿון מעטערניכס רעזשים האָבן זיך באַפֿרײַט פֿון געפֿערלעכסטן שונא; אַלע געדריקטע האָבן פֿאַרלאָרן אַ גרויסן פֿרײַנד.

בײַראָנס לעצט ווערק — דאָס איז אַן אָנהייב פֿון פֿרײדיקן װעגן מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, אַן אָנהייב אָפּצוזאָגן זיך פֿון די טיטאַנישע פּרעטענזיעס מצד דער פּערזענלעכקייט. אויף דעמדאָזיקן װעג האָט זיך אויך געטע געשטעלט. אין זײַנע לעצטע װערק, אין *די װאַנדעריאָרן פֿון װילהעלם מײַסטער*, און אין דעם צווייטן טייל *פֿאַוסט* פֿירט ער שוין אַרויס ניט קיין בענקענדיקע אינדיווידואַליסטן, נאָר העלדן, וואָס מיינען זיך צו רעכענען אַלס אַ טייל פֿונם גאַנצן, — העלדן, וועלכע ווערן שוין דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע אינסטינקטן. מײַסטער איז פֿאַרנומען מיט פֿראַגן וועגן פֿאַרטיילונג פֿון דער אַרבעט, וועגן אַסאָציאַציעס. דאָ איז פֿאַראַן אַ גאַנצע רײ געדאַנקען אויף סאָציאַלע טעמעס: דאָ זײַנען אָנגערירט פֿראַגן וועגן ערציאונג, וועגן משפּחה און איר באַדײַטונג אין דער געזעלשאַפֿט, וועגן אַרבעט אויף פֿאַבריקן, וועגן די געמיינזאַמע באַציאונגען צווישן די שטאַנדן און אַז. וו. דערדאָזיקער ראָמאַן איז אַ פּרווו קלאָר צו מאַכן די חובֿות פֿון דער פּערזאָן צו דער געזעלשאַפֿט: ניט די פּערזענלעכקייט, נאָר דער פֿאַרבאַנד, די אַסאָציאַציע טרעט איצט אַרויס אויפֿן פֿאָרדערגרונט. ווילהעלם און זײַנע חבֿרים גרייטן זיך צו ווערן ווערטע מיטגלידער פֿון אַ אידעאַלער געמיינדע. אמת, דידאָזיקע געמיינדע איז ניט קלאָר אויסגעצייכנט; דאָס איז אַן אוטאָפּיע. אָבער וויכטיק איז שוין דאָס, וואָס געטע האָט באַמערקט די סאָציאַלע שטרעבונגען, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען אין דער געזעלשאַפֿט. אַרבעט ווערט אָנערקענט אַלס הייליק אין דערדאָזיקער געמיינדע, אין וועלכער דעם קומענדיקן מענטשן שטייט פֿאָר צו ווירקן. די אַרבעט און די פֿאַרגעניגנס דאַרפֿן זײַן פֿאַרטיילט צווישן אַלעמען. פּונקט אַזוי איז דער צווייטער טייל *פֿאַוסט* אַן אַפּאָטעאָז פֿון דעם זיך אונטערגעגעבענעם אינדיווידואַליסט. מיר האָבן זיך געשיידט מיט פֿאַוסטן, ווען ער ווערט פֿאַרשוואונדן, פֿון גאָרנישט צו-

פרידן, זוכנדיק אַ רגע, וואָס מ׳קאָן אויף איר זאָגן, אַז זי איז אַ שיינע, וואָס עס וואָלט זיך צו איר וועלן זאָגן: „בלייב שטיין!״ און לסוף געפינט ער דעמ־דאָזיקן אידעאַל. „דער פאַרגעניגן — איז פאַרביי, — זאָגט ער אין סוף פונם צווייטן טייל, — מען דאַרף אַרבעט. מטורף איז דער, וואָס גיט זיך איבער צו איבערוואָלקנדיקע טרוימערייען. שטיי פעסט דאָ אויף די פיס. דאָ באַמי זיך אַרומצוקוקן. די וועלט איז פול מיט אינטערעס פאַר אַ פיינעם ערלעכן מאַן. צו וואָס שוועבן אין די אייביקייטן? אַרבעט — אָט איז דאָס לעצטע וואָרט פון אונזער לעבן. דער לעצטער אויספיר פון חכמה איז אַזאַ: נאָר יענער איז ווערט צו לעבן און צו זיין אַ פרייער, ווער עס דאַרף אַלע טאָג דאָס לעבן און די פרייהייט עראָבערן. אַרומגערינגלט מיט סכנות פון אַלע זייטן, לעבט אַזוי די יוגנט, דער מיטעלער עלטער און די אַלטקייט. אָט סאַר אַ דור איך וואָלט וועלן זען: איך וואָלט וועלן שטיין מיט אַ פרייען פאָלק אויף אַ פרייער ערד, און דעמאָלט וואָלט איך געזאָגט צו דעם אייגנ־בליק: „בלייב שטיין! דו ביטט אַזוי שיין!.. וואַרטנדיק אויף ס׳דאָזיקע גרויסע גליק, לעב איך איצט איבער די בעסטע רגע פון מיין לעבן״.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער שווערער קריזיס, וואָס אייראָפּע האָט איבערגעלעבט. די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט האָט זיך צוריקגעקערט צו די אידעאַלן, וואָס די אויפקלערונגס־עפּאָכע האָט אַרויסגעשטעלט; זי האָט זיך נאָר אָפּגעזאָגט פון איר פאַרגלויבטקייט אין זיך, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר מיט פלייסיקע אַלגעמיינע אָנשטרענגונגען, מיט לאַנגער סאָציאַלער מי קאָן מען דערגרייכן די פאַרווירקלעכונג פון די אידעאַלן פון יושר.

אינהאַלט.

ערשטע אָפטיילונג.

מיטלאַלטער. דאַנטע.

זייט.

I. דער קריסטנטום.— די קירך און דער פויפסטנטום. — דער מאָנאַכנטום און דער אַסקעטיזם. — די מיטלאַלטערישע קונסט. — די סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע און די וויסנשאַפט.— די מיסטיק.—דער פעאָדאַליזם און דער ריטערטום.—דאָס אנטשטיין פונם ריטערטום און זיינע געבאָטן.—דער דאַמענקולט.—די שטעט 3

II. די מיטלאַלטערישע ליטעראַטור. — דענקמעלער פון דער קריסטלעכער ליטעראַטור.—די לעגענדע וועגן הייליקן אַלעקסי. — דער הייליקער קאָלומבאַן.—דענקמעלער פון דער ריטערישער פּאָעזיע. — די געשיכטע פונם טרובאַדור ווילהעלם און דער גרעפין מאַרגאַרעט.—בערטראַן דע באָרן. — דענקמעלער פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור. — פאַבליאַ און שוואַנקען.—די פאַבליאַ וועגן זשאָנגלער פון עלי. — די פאַבליאַ וועגן דעם פויער דעם רופא 11

III. די אידעע וועגן דער הייליקער רוימישער אימפּעריע.—דער צושטאַנד פון אייראָפּע, איטאַליע און פלאָרענץ אין דאַנטעס צייטן.—דאַנטעס ביאָגראַפיע. דריי מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דאַנטעס אינערלעכער אנטוויקלונג.—בעאַטריטשע.—גוועניטשעליס און קאַוואַלקאַנטיס השפּעה אויף דאַנטעס ליריק. — דער פּלאַטאָנישער כאַראַקטער פון דער דאַנטישער ליבע. — בעאַטריטשעס מאָראַלישע השפּעה. די באַדייטונג פון דאָס „נייע לעבן“. — „דער מאָלצייט“, זיין אינהאַלט און אידעען. — דאַנטעס אָנטייל אין די פּאָליטישע געשעענישן פון זיין צייט. דער טראַקטאַט „וועגן מאָנאַרכיע“—דאַנטעס בליק אויף דער פויפּסטלעכער און דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט 24

IV. די „געטלעכע קאָמעדיע“. — די אונטערערדישע וועלט. — דער נאָמען פון דער פּאָעמע.—די הויפּט-עפּיזאָדן. דער גהינום.—די פייערלייטערונג. — דער גן-עדן. — דער אויסערלעכער בוי פון דער פּאָעמע. — דער אַלעגאָרישער זינען פון דער פּאָעמע. — די רעליגיעז-מאָראַלישע אָנשויאונגען פון דער עפּאָכע, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דער פּאָעמע. — די ליטעראַטור פון די זעאונגען. — די פּאָליטישע אָנשויאונגען: די באַציאונג צום פויפּסטנטום און צו דער אימפּעריע. — ווי שפּיגלט זיך דאַנטעס פּערזענלעכקייט אָפּ אין דער פּאָעמע. — די שייכות צווישן דאַנטען מיט דער רענעסאַנס-עפּאָכע 36

צווייטע אָפּטיילונג.

די עפּאָכע פון רענעסאַנס. סערוואַנטעס. שעקספּיר.

V. די מיטלאַלטער און דער רענעסאַנס. — קאָפּערניקס אנטדעקונג. — וויסנשאַפט, קונסט, פּעדאַגאָגישע, מאָראַלישע און פּאָליטישע אָנשויאונגען אין דער עפּאָכע

פון רענעסאנס.—פילאָזאָפיע ; מאָנטען און בעקאָן. — דאָס סאלאָנען-לעבן אין דער עפּאָכע פון רענעסאנס.—די ליטעראטור.—גראַף קאסטיליאָנע. — דער איטאַליענישער רענעסאנס : קרייזלער, מעצענאטן, די פירסטן ניקאָלאי דער V און פיוס דער II. — די איטאליענישע הומאניסטן פאָדזשאָ, בעקאדעלי, וואלאַ. — דער דייטשער הומאניזם : רייכלין, הוטען, עראזם.— דער פראנצויזישער הומאניזם : ראבלע און זיין ראָמאן „גארגאנטיוא". — דער ענגלישער הומאניזם: טאָמאס מאָר און זיין „אוטאָפּיע". — די עקאָנאָמישע אָרגאניזאציע פון דער געזעלשאַפט אין דער „אוטאָפּיע" 49

VI. סערוואנטעס.—זיין פערזענלעכקייט און ביאָגראפיע. — דער ציל, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט אין זיין ראָמאן.—די ריטערישע ראָמאנען אין דער צייט פון ירידה.—אולריך פון ליכטענשטיין. — דער קאַמף מיט דער ריטערישער ליטעראטור פון שפאניע.—דאָן קיכאָט אלס סאטירע אויף די ריטערישע ראָמאנען.— פילאָזאָפישע און עטישע פירושים אויף „דאָן קיכאָט".—דאָן קיכאָט אלס אידעאַליסט. — דאָן קיכאָט און סאנטשאָ פאנטשאָ. — די אלמענטשלעכע באַדייטונג פון ראָמאן 71

VII. וויליאם שעקספיר.—די קינדערשע איינדרוקן. — דער ארויספאָר קיין לאָנדאָן.— די שטימונגען אין דער ענגלישער געזעלשאַפט.— דער טעאַטער אין שעקספירס צייטן.—די פובליק. — די אַקטיאָרן. — די אָרעמקייט פון דער אויסשטאַטונג. — די ראָלע פון טעאַטער. — די געהויבנקייט פון די פאטריאָטישע געפילן אין דער ענגלישער געזעלשאַפט.— שעקספירס דראמאטישע כראָניקעס. — די פאטריאָטישע טענדענצן פון די כראָניקעס.—ריטשארד דער III. — די השפעה פון דער איטאַליענישער רענעסאנס-ליטעראטור אויף דעם געשמאַק פון דער געזעלשאַפט.— שעקספירס קאָמעדיעס אלס אָפּשפּיגלונג פון דערדאָזיקער השפעה.— די קאָמעדיע „א חלום אין א זומער-נאכט". — הערצאָג אָרסינאָ.—אָליוויע און וויאָלע. — דער נאַר. — מאלוואָליאָ 88

VIII. אייביקע סוזשעטן. — דער סוחר פון ווענעדיג. — שיילאָק. — פאָרציע. — ליבע-דראַמעס.—ראָמעאָ און דזשוליעטע.—די אלמענטשלעכע באַדייטונג פון דער טראַגעדיע.—די טראַגעדיע פון אייפערזוכט. — „אָטעלאָ". — אָטעלאָ און לעאָנט. — דעזדעמאָנע. — יאגאָ. 106

IX. האמלעט. — די סקעפּטישע ווייענישן פון דער עפּאָכע. — די געשעענישן אין ענגלאנד, וועלכע דערמאָנען די טראַגעדיע פון דעם דענישן פרינץ. — די קריטיק איבער האמלעט. — דעם העלדס כאראַקטער. — האמלעטס פילאָזאָפיע. — זיין אַלמענטשלעכע באַדייטונג. — די רוימישע טראַגעדיעס. — „יולי צעזאַר".— ברוט און פאָרציע. — דאָס פאָלק. — „דער קיניג ליר". — דער הויפּט-העלד. — קאָרדעליע. — די סאָציאַלע מאָטיוון פון דער טראַגעדיע. — דער פּעסימיזם, מיט וועלכן זי צייכנט זיך אויס 119

דריטע אָפּטיילונג.

די פּסעוודאָקלאַסישע ריכטונג און דער אָנהייב פונם ראַציאָנאַליזם. מילטאָן. לאָק. קאָרנעל. ראַסין. מאָליער.

X. דער XVII י. ה. — ענגלאנד. — מילטאָן. — די רעוואָלוציע. — דער פּוריטאַניזם. — מילטאָנס פּאָליטישע, רעליגיעזע און פּעדאַגאָגישע אָנשויאונגען. — „דער פארלאָרענער גן-עדן".—דער שטן, גאָט און מענטשן אין דערדאָזיקער פּאָעמע.— ווי שפּיגלען זיך אין איר אָפּ די געשעענישן פון דער צייט און די פּוריטאַנישע

זייט

אַנשויאונגען. — „דער צוריקגעקערטער גן־עדן“. — „שמשון“. די מלוכה־טעאָריעס.— האָבס און לאָק. — לאָקס פּעדאַגאָגישע און רעליגיעזע אַנשויאונגען. — זיין באַדייטונג.—ניוטאָן און די קולטורעלע באַדייטונג פון אַנטדעקן דעם געזעץ פון אַלגעמיינער צוציאונגס־קראַפט. — דייטשלאַנד אין XVII י. ה. — דער ראָמאַן Simplicissimus 137

XI. די אַנטוויקלונג פונם דריטן שטאַנד.— דער כאַראַקטער פון לודוויק דעם XIV אַבסאָלוטיזם. — די ווערסאַלער רעזידענץ. — דער עטיקעט און די אַקאַדעמיע.— די פּסעוודאָקלאַסישע דראַמע. — עטיען זשאָדעל. — פּיער קאָרנעל. — „ראָדאָגיון“ און איר אַנאַליז פון לעסינגן אין זיין „האַמבורגער דראַמאַטורגיע“. — מיט וואָס שיידט זיך דידאַזיקע טראַגעדיע אונטער פון דער פּסעוודאָקלאַסישער דראַמע בכלל. — די באַדינגונגען, וואָס האָבן משפּיע געווען אויף דער שאַפונג פון דעמדאָזיקן מין פּאָעזיע. — דעקאַרט. — בואַלאָ און זיין „פּאָעטישע קונסט“. 154

XII. מאָליער. — זיין ביאָגראַפיע. — די געזעלשאַפט אין מאָליערס תּקופה. זיינע ערשטע קאָמעדיעס. — דער אינהאַלט פון „טאַרטיוף“ און די כאַראַקטעריסטיק פון דעם הויפּט־העלד. — די קולטורעלע און אַלמענטשלעכע באַדייטונג פון דערדאָזיקער קאָמעדיע. — „דאָן זשואַן“ און די כאַראַקטעריסטיק פונם פראַנצויזישן אַדל אין דערדאָזיקער קאָמעדיע. — „מיזאַנטראָפּ“. — די כאַראַקטעריסטיק פון אַלצעסט אין מאָליערס פּעסימיזם. — מאָליערס לעצטע קאָמעדיע. — מאָליער אַלס פּסעוודאָקלאַסיקער. — ראַסין. — „אַנדראָמאַכע“. — „בריטאַניק“. — „בעראָניקע“. — „פּעדרא“. — „אַלישבע“. — ראַסין און קאָרנעל. — די באַזונדערהייטן פון ראַסינס טראַגעדיע: געפיל און העלדנשאַפט; די שילדערונג פון דער פרוי; די פאָרם און דער סטיל. — די פאַרבינדונג צווישן דער פּסעוודאָקלאַסישער פּאָעזיע מיט דער ליטעראַטור פון XVIII י. ה. 164

פערטע אָפּטיילונג.

די אויפקלערנדיקע און די סאַנטימענטאַלע ריכטונג.

XIII. די פאַרווילדונג פון דעם פראַנצויזישן אַדל און די דערהויבונג פון דער בורזשואזיע.—די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן.—די פילאָזאָפן.—וואָלטער.—די פּאָליטישע טעאָריעס.— דער אויפגעקלערטער אַבסאָלוטיזם.— די באַציאונג פון די פילאָזאָפן צו דער פאָלקס־מאַסע. — „דער גייסט פון די געזעצן“.— די טעאָריע וועגן דער פאַרטיילונג פון דער מאַכט. — רוסאָ. 186

XIV. די רעליגיעזע לערע פון די פילאָזאָפן. — דער פאַנאַטיזם און די מענטשנפיינדלעכקייט ביי דער קאַטוילישער גייסטלעכשאַפט. — וואָלטער און דער דעאיזם.— דריי ראיות, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ גאָט. — השארת־הנפש, די פרייהייט פון ווילן. — דידראָ און דער מאַטעריאַליזם. — ווי קוקן די מאַטעריאַליסטן אויף דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, אויף דער פרייהייט פון ווילן און מאָראַלישקייט. — רוסאָ און די „רעליגיע פון הארצן“.—רוסאָס בליק אויף דער פרייהייט פון ווילן, מאָראַלישקייט און דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. . . 209

XV. די פּסעוודאָקלאַסישע ריכטונג אין ענגלאַנד. — דראַידען. — די אַנטשטייאונג פון די בורזשואַזע געשמאַקן. — די מוסר־השכלדיקע זשורנאַלן. — ריטשאַרדסאָן. — זיינע ראָמאַנען: „פּאַמעלאַ“, קלאַריסאַ“ און „גראַנדיסאָן“. — די באַ־

זונדערע שטריכן פון דער סאַנטימענטאַלער ליטעראַטור. — רוסאָ „די נייע עלאָאיזע“. — די סתירה צווישן דער ערשטער און דער צווייטער העלפט פונם ראָמאַן. 220

XVI. די בורזשואזע דראַמע אין ענגלאַנד. — דזשאָרדזש לילאָ און זיין „לאָנדאָנער סוחר“. — די שטריכן, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס די בורזשואזע דראַמע. — די בורזשואזע דראַמע אין פראַנקרייך. — די דראַמע און דידראָס דראַמאַטישע טעאָריע. — מערסיעס טעאָריע. — באָמאַרשע. — דער טיפּ פון אַ parvenu אין XVIII י. ה. — פיגאַראָ אין דעם ערשטן און אין דעם צווייטן טייל פון באָמאַרשעס טרילאָגיע. 234

פינפטע אָפּטיילונג.

די דייטשע ליטעראַטור אין XVIII י. ה. לעסינג. געטע. שילער.

XVII. פרידריך דער גרויסער.—גאָטשעד און די שווייצאַריער.—קלאָפּשטאָק.—ווילאַנד.—לעסינג. — מינא פאָן באַרנהעלם. — לאַקאָאָן און די פראַגע וועגן די גרעניצן צווישן מאָלעריי און פּאָעזיע.—„די האַמבורגער דראַמאַטורגיע“ און לעסינגס דראַמאַטישע טעאָריעס.—עמיליע גאַלאָטי.—„נאַטאַן דער וויזע“ און לעסינגס רעליגיעזע אַנשויאונגען. 250

XVIII. די שטורעם- און דראַנג-עפּאָכע און אירע שטרעבונגען. — געטע.—די גרונטשטריכן פון זיין כאַראַקטער.—„געץ פאָן בערליכינגען“.—„ווערטער“ און „וועלט שמערץ“.—שפּינאָזעס ווירקונג אויף געטען.—„פּראָמעטעאוס“.—„פאוסט“. — די געשיכטע פון סוזשעט.— די סיבות פון פאוסטס פּיינען.— מעפיסטאָפעל.— וואַגנער.—גרעטכען. 265

XIX. ווײמאַר.—שילער.—„די רויבער“.—קאַרל מאָאָרס פּאָליטישע טרוימען.—פיעסקאָס פאַרשווערונג.—„פּאַלשקייט און ליבע“. — „דאָן קאַרלאָס“.—מאַרקיז פּאָזאַ.—געטעס און שילערס באַציאונג צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.—שילערס אַריבערגיין צום געשיכטלעכן סוזשעט און צום העלעניזם.—„ווילהעלם טעל“. — דער העלעניסטישער פעריאָד אין געטעס טעטיקייט.—„הערמאַן און דאָראָטעאַ“. . . 284

זעקסטע אָפּטיילונג.

דער ראָמאַנטיזם און די פּאָעזיע פון „וועלט-שמערץ“. נאָוואַליס. בײראָן.

XX. דער גרונט-פעלער פון די ענציקלאָפּעדיסטן.—די פּאָליטישע לאַגע אין אייראָפּע אין אָנהייב XIX י. ה. די סיבות פון דער אַנטשטייונג.— דער ראָמאַנטיזם.—די ראָמאַנטישע סוביעקטיוויקייט.—דעם פּאָעטס פּערזענלעכקייט.—די קינסטלערישע פאָרם. — די רעליגיע און די פּאָליטיק פון די ראָמאַנטיקער. — געשיכטע און אָריענט.—מיטלאַלטער און אינדיע.—די פאַרדינסטן פון ראָמאַנטיזם 297

XXI. נאָוואַליס. — סאָפיע קין און די ראָמאַנטישע ליבע. — נאָוואַליסעס באַציאונג צו דער קיניגלעכער מאַכט און צום קאַטוילִיציזם. — דער ראָמאַן „היינריך פאָן

זייט

אָפּטערדינגען״ — „דאָס בלויע בלימל״. — פּאָעזיע און די רעאַלע וועלט ביי
נאָוואַליסן 305

XXII. די פּאָעטן פון „וועלט־שמערץ״. — די סיבות, וועלכע האָבן אין ענגלאַנד פאַר־
שאַרפט דעם קאָנפליקט צווישן דער פּערזענלעכקייט און דער געזעלשאַפט. —
באַיראָנס פּערזענלעכקייט. — די עלטערן. — די מוטער. — די ערציאונג. — דער צוזאַ־
מענשטויס מיט דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט. — באַיראָנס פּאָליטישע טעטיקייט. —
דער ראָמאַנטישער פּעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. — די ערשטע
2 לידער פון „טשאַילד האַראָלד״. — די אָריענטאַלישע פּאָעמען. — דער דעמאָ־
נישער העלד 317

XXIII. די „שמערצלער״. — „מאַנפרעד״. — מאַנפרעד און דער אויפקלערונגס־יאָרהונ־
דערט. — די סיבות פון מאַנפרעדס יאוש. — דער עפּיזאָד מיט אַסטאַרטאַ. —
די צוויי לעצטע לידער פון „טשאַילד האַראָלד״. — קין. — גאָט און לוציפער. —
דער איבערגאַנג צום רעאַליזם און צו סאָציאַלע פראַגן. — „סאַרדאַנאַפּאַל״. —
„דאָן זשואַן״. — „די בראָנזן־תקופה״. — שלוס. 335